STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08078

IN KLEM FUN TSAYT

L. Chanukoff

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. באַנוקאָוו

אין קלעם פון צייט

דאָס בוך איז געווידמעט

דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין זון

י ש ר א ל

וואָס איז אַזוי פריצייטיק פון אונדז אַוועק

ל. כאַנוקאָוו

אין קלעם פון צײַט

דערציילונגען

איקוף פארלאג

ניו־יאָרק

L. CHANUKOFF

IN KLEM FUN TZEIT

(In the Throes of Time)

PUBLISHED BY

YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)

189 SECOND AVENUE

NEW YORK 3, N. Y.

1958

Copyright by

FLORENCE CHANUKOFF

New York, N. Y.

שער־בלאַט געצייכנט פון

משה קיש

Printed by

GRENICH PRINTING CORPORATION

151 West 25th Street

NEW YORK 1, N. Y.

166

ל. כאַנוקאָוו

אינהאַלט:

פון יענע טעג

זייט

דער ייִנגל מיטן האַנט־גראַנאַט — 7

דאָס געשריי פון בלוט — 47

כדי נאָכאַמאָל צו לעבן — 95

פיינטלעכע האָריזאָנטן — 104

ליבע און טויט

דער לעצטער סך־הכל — 113

שנאה — 136

אַלטקייט און שניי — 150

אַ קינד — 169

פרילינג — 179

נאַכט — 185

אין אַ זומער־קעמפּ — 199

די לעצטע גרענעץ — 212

אין קלעם פון צייט

צום שלאָס מיט די שטאָלענע טויערן — 225

אַ באַגעגעניש — 231

שוואַרץ און ווייס — 243

דאָס רינגעלע — 248

דער שטומער — 254

טענעמענט פייער — 273

אין פּאַרק — 282

די אַלטיטשקע — 288

דאָס איבעריקע קינד — 298

דאָס לעבן גייט ווייטער — 303

פון יענע טעג

דער ייִנגל מיטן האַנט-גראַנאַט

„. . . מ'האָט דערציילט וועגן אַ ייִדישן ייִנגל פון וואַרשע, וועמען מ'האָט מיט אַנדערע ייִדן געבראַכט קיין טרעבלינקע. ער האָט עפּעס, ווי דורך אַ נס, אויסבאַהאַלטן פון די דײַטשן אַ האַנט-גראַנאַט. זײַענדיק שוין נאַקעט, גרייט אַרײַנצוגיין אין די גאַז-אויוונס, האָט דער ייִנגל באַוויזן צו וואַרפן דעם גראַנאַט אויף די נאַצישע הענקערס. . ."

וואַסילי גראָסמאַן — „דער גהינום פון טרעבלינקע".

דעם ייִנגלס נאָמען איז אין ערגעץ ניט פאַרשריבן געוואָרן. ניט אָנגעשריבן געוואָרן מיט פּען און טינט. ניט אויסגעקריצט געוואָרן אין שטיין און מעטאַל. און ניט באַזונגען געוואָרן אין פּייערלעכע אָדעס. ער איז געווען איינער פון מיליאָנען.

וועל איך דורכגיין צווישן דעם גרוי פונעם הייליקן אַש פון קדושים, וועל אויפהייבן אַ הויפן אַש און זאָגן — אָט דאָס איז ער! כ'וועל באַשיטן מיטן הויפן אַש מײַן געבויגענעם קאָפּ און אַוועקזעצן זיך אויף דער פאַרבלוטיקטער ערד און זיצן שבעה, און זיצנדיק דערציילן די פּשוטע און די העראָאישע מעשה פון זײַן לעבן.

א.

דעם ייִנגל האָט מען גערופן מאָטל. ער איז געווען קלײנגעוויקסיק און דאַר. דאַרע, בײנערדיקע הענט און פיס, אַ דאַרער, שפּיציקער ברוסט־קאַסטן, ווי בײַ אַן אַלטן פייגל, און אַ רוקן שוין אַ ביסל געבויגן, ווי בײַ אַן עלטערן מענטשן, וואָס האָט אין משך פון יאָרן איבערגעטראָגן אַ סך שווערע משאות. נאָר דער קאָפּ איז בײַם ייִנגל געווען יונגטלעך באַוואַקסן מיט גע־

דיכטע, שוואַרץ־געקרויזטע האָר, און די אויגן האָבן לעבעדיק געבריענט מיט אומרואיקע פייערלעך. די באַוועגונגען פון זיינע שפּיציקע גלידער זיינען אַלע מאָל געווען אייליק־אומגעדולדיקע, ווי ער וואָלט זיך אין ערגעץ געאיילט, ניט צו פאַרשפּעטיקן.

מאָטלס פאָטער, שלמה דער קאַמאַשן־שטעפּער פון דער דזשיקע גאַס, וואָס אין ווארשע, איז אין די יונגע יאָרן געווען אַ ישיבה־בחור. אָבער, דורך אַ צופאַל, איז אים אין יענער צייט אויסגעקומען צו באַטייליקן זיך אין אַ סאָציאַליסטישער מאַי־דעמאָנסטראַציע. מ׳האָט אים דעמאָלט אַרעסטירט, ביטער צעשלאָגן מיט נאַגייקעס און געהאַלטן אַ לאַנגע צייט פאַרשפּאַרט אין אַ תפיסה. די קלעפּ האָט שלמה באַלד פאַרגעסן, אָבער די באַליידיקונגען פון די שלעגער האָט ער קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרגעסן. זיי זיינען אין אים פאַרבליבן ווי אַ פיינלעכע וואונד, וואָס האָט אַלע מאָל דערמאָנט. דאָס איז אָפּגעם געווען דערפאַר, וואָס מ׳האָט אים דאַן באַליידיקט, ווי אַ יידן.

שוין דעמאָלט האָט ער דערפילט, אַז שלאָגן האָט מען אים געשלאָגן, ווי אַ בונטאַר, אָבער באַליידיקן האָט מען אים דווקא געוואָלט ווי אַ יידן. און אויך שפּעטער, ווען פּוילן איז שוין געוואָרן אַ זעלבשטענדיק לאַנד, האָבן פּוילישע מיטבירגער ניט אויפגעהערט יאָרן־לאַנג, דורך פאַרפאָלגונגען און שנאה, צו דערנידעריקן אים, ווי אַ יידן. דאָס אַלץ האָט ער געפילט ביי אַלע אַנטיסעמיטישע עקסצעסן און פּאָגראָמען, וואָס זיינען דורך די יאָרן פאָר־געקומען.

און ס׳האָט איין מאָל געטראָפן, — שלמה איז שוין געווען אַ טאַטע פון צוויי היפּשע קינדער, — אַז גייענדיק אין דעם פּוילישן טייל פון שטאָט, האָט ער דערזען ווי צוויי פּוילישע כוליגאַנעס האָבן צוגעדריקט צו אַ וואַנט אַ מיטליעריקן יידן און האָבן מיט אַ חוזק־געלעכטער און הוקעריי געצופּט דעם יידנס באָרד. דער ייד, אַ בלייכער, אַ דערשראָקענער צום טויט, האָט זיך געריסן פון זייערע הענט, געבעטן זיך און אַפילו געוויינט מיט אַ מאָדנעם געוויין פון גרויסער געפאַלנקייט, אָבער די פּייניקער האָבן אים ניט אָפּגעלאָזן, האָבן איבערגעקרימט דעם יידנס רחמים־געבעט, זיינע תנועות און געהאַט דערביי אַ ווילדע, חיהשע הנאה.

אין שלמהן האָבן אויפגעשריען די בלוטן:

— טו עפּעס! מ׳צאַפּט דאָך דאָס בלוט פון דיין ברודער!...

אָבער די אַלטע שרעק, וואָס איז געלעגן אין אים זינט די ערשטע תפיסה־יאָרן, האָט זיך אויפגעכאַפּט און פאַרטונקלט זיין פאַרשטאַנד. פאַר די אויגן איז געוואָרן פינצטער. די שרעק אין אים האָט אויפגעשריען מיט קולי־קולות: — ראַטעווע זיך, אַנטלויף! און ער איז טאַקע אַנטלאָפן, ווי אַ מענטש קאָן נאָר לויפן אין אַ ווילדן וואַלד, אַ געיאָגטער פון אַ פאַרצוקנדיקער חיה. ער איז געלאָפן פון דער געפאַר, אָבער אין דער אמתן האָט זיך אים די גאַנצע צייט געדוכט, אַז ער אַנטלויפט פונעם יידן, פון זיינע רחמימדיקע בליקן, פון

זיין יאָמערדיקן טענהן, וואָס איז געווען זיין אייגענער געוויין און זיין אייגענע חרפּה. און אָט די חרפּה איז געווען שטאַרקער פון טויט.

אַז ער איז געקומען אַהיים, אַן אויסגעשעפּטער, אַ בלייכער, האָט ער, צוליב עפּעס, פריער פון אַלץ, אַ פרעג געטאָן וועגן די קינדער:

— וואו זיינען די קינדער? זאָג שוין, מלכה, וואו זיינען די קינדער? דאָס ווייב האָט ניט באַלד פאַרשטאַנען;

— וואָס הייסט, וואו ס'זיינען די קינדער? וואו זאָלן זיי זיין? זיי זיינען נאָך פון דער שול ניט געקומען.

אָבער אַז זי האָט דערזען די קרענקלעכע בלייכקייט אויפן מאַנס פּנים און די שרעק אין זיינע אויגן, האָט זי אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און מיט שרעק געזאָגט:

— ווי איז מיר!... וואָס האָט, חלילה, געטראָפן? זאָג, וואָס? זאָג שוין!

שלמה איז אַריינגעפאַלן אין אַ שטול און געוואָלט דערציילן. אָבער די פּאַסירונג האָט זיך בשום אופן ניט געלאָזט איבערדערציילן. אַלע זיינע ווער־טער זיינען געווען חוזק. ס'איז עפּעס ווי גאָר ניט געווען קיין ענטפער און קיין פאַרענטפערונג פאַר אַזאַ איבערלעבונג. האָט ער געזאָגט, ווי איינער וואָס ראַטעוועט זיך:

— צווישן וואַלד־חיות לעבן מיר, מלכה. מיר זיינען ניט זיכער מיטן לעבן. איך זאָג דיר: אונדזערע קינדער וואַקסן אויף צווישן ווילדע חיות, מלכה.

מלכה איז געווען אַ געטרייע ווייב, אַ גוטהאַרציקע מאַמע צו אירע קינ־דער און געטרייע צו פרומקייט. און איצט, אַז זי האָט דערהערט די פאַר־צווייפלטע רייד פונעם מאַן, האָט זי פרום אויפגעהויבן אירע אויגן צום באַלקן און געזאָגט:

— שלמה, מיר האָבן נאָך אַ גאָט. גאָט וועט אונדז באַהיטן און באַשיצן. אונדז און אונדזערע קינדערלעך.

שלמה האָט אָפּגעשוויגן. אָבער זי האָט נאָך אַ מאָל אויפגעהויבן אירע אויגן, אַן איבערגעפּולטע מיט גלויבן, צונויפגעלייגט אירע הענט אין געבעט און געזאָגט:

— גאָט דערבאַרעמדיקער, האַרציקער, געטרייער, באַהיטן זאָלסטו אונדז און באַשיצן פון אונדזערע שונאים. אַ געטרייער שומר זאָלסטו זיין פאַר דיין פאָלק ישראל!

און אירע ווערטער זיינען געווען, ווי אַן אייביקער, סימבאָלישער שפּרוך פון אַלע יידישע דורות, פון אַלע צייטן, פון אַלע רדיפות.

שלמה, אַ דערציטערטער פון דער ערשט־איבערגעלעבטער שרעק, האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג אַראָפּצולאָזן זיך אויף די קני, אויפהייבן די הענט און זאָגן:

— גאָט דערבאַרעמדיקער, באַהיט און באַשיץ!

אָבער ער איז געבליבן זיצן און צוגעהערט זיך צו די רייד פון דער ווייב, וואָס האָט דערציילט וועגן אַלערליי אַכזריותן, וואָס יידן שטייען אויס. און ווען די קינדער זיינען אַריינגעפאַלן אין הויז, פאַרפלאָמטע און אויפגעצ־רוימטע פון געמיטלעכער געאיילטקייט צו קומען אַהיים, האָבן זיך טאַטע־מאַמע מיט זיי מאָדנע אַרומגעכאַפּט, ווי זיי וואָלטן זיך ווער־ווייס וויפל צייט ניט געזען. אין אַן איבערפלוס פון גרויסער צערטלעכקייט, האָבן זיי אַרומ־גענומען די קינדער, געדריקט זיי צום האַרצן און, אויפגערעגטע, געקושט זייערע פּנימער.

די מאַמע האָט געזאָגט:

— קינדערלעך מיינע, גאָט זאָל אייך באַשיצן פון גויאישע הענט.

און דער טאַטע איז דערביי אַן ווערטער געשטאַנען, מיט אַ פאַרטרערטן בליק און געהאַט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג אַרויפצולייגן זיינע ציטערדיקע הענט אויף די קעפּ פון זיינע קינדער. די קינדער האָבן שוין געזען, אַז זיין פּנים איז פאַרוואָלקנט מיט אַ טיפן צער. און רבקהלע, וואָס איז צו אירע פופצן יאָר שוין געווען ווי אַ דערוואַקסענער מענטש, האָט אָנגעקוקט די עלטערן מיט אַ פאַרשנדיקן בליק און האָט געזאָגט:

— איר קוקט אויס אַזוי בלייך און דערשלאָגן... וואָס האָט דאָ מיט אייך פּאַסירט?

די מאַמע האָט ווידער די ערשטע אָפּגעענטפערט:

— וואָס זאָל פּאַסירן? מ׳שלאָגט שוין ווידער יידן אויף די גאַסן. דער טאַטע איז קוים אַ לעבעדיקער אַריינגעפאַלן אין הויז. גאָט זאָל זיך נאָר אויף אונדז דערבאַרעמען...

רבקהלע, וואָס האָט שוין געלערנט אין דער מיטלשול און געווען באַ־וואוסטזיניק אין די געזעלשאַפטלעכע פראַגן פון דער צייט און אַ ביסל אויך מיט דער פּאָליטישער לאַגע אויף דער וועלט, האָט מיט אַן איינגעהאַלטענעם פאַרוואורף, געזאָגט:

— נו, דאָס איז ביי אייך עפּעס אַ נייס! וואָס, איר האָט ערשט צום ערשטן מאָל דערהערט וועגן דעם מאַרש פון פאַשיזם אויף דער וועלט? צי איר האָט זיך ערשט דערוואוסט, אַז היטלערס לערע האָט געפונען אַ גוטן באָדן אויף דער פּוילישער ערד? און וועגן דעם, אַז יידישע סטודענטן ווערן טאָג־טעגלעך געשלאָגן און באַליידיקט האָט איר אויך ניט געהערט?

אָבער אַז זי האָט ניט געזען קיין טרייסט אויף די פּנימער פון טאַטע־מאַמע, האָט זי אָפּגעוואַרט אַ רגע און צוגעגעבן, שוין אַן אויפגעפלאַמטע מיט אינערלעכער רעגונג:

— אָבער די גאַנצע בעסערע וועלט איז מיט אונדז. די בעסטע מענטשן קעמפן איצט אונדזער קאַמף. מיר זיינען ניט אַליין. די בעסערע מענטשהייט ליידט מיט אונדז און ווערט פאַרפאָלגט מיט אונדז צוגלייך. און מיר וועלן אינאיינעם אויסקעמפן אַ בעסערע וועלט...

און דאָ איז אויך מאָטל, וואָס איז דעמאָלט קוים אַלט געווען צוועלף יאָר, אפשר צום ערשטן מאָל, געקומען מיט זיין וואָרט:

— און איך זאָג, אַז מ׳דאַרף זיך אַנטקעגנשטעלן. אַז מ׳שלאָגט אונדז, דאַרפן מיר צוריקשלאָגן.. זיי שלאָגן אונדז, ווייל מיר אַנטלויפן פון זיי.

ס׳איז געווען מאָדנע צו הערן צום ערשטן מאָל אַזעלכע ערנסטע רייד פון מאָטלען, וואָס איז געווען קליינגעוויקסיק און דאַר, גאָר ניט נאָך זיינע יאָרן.

האָט די מאַמע געזאָגט:

— גיי, ביסט אַ קינד. וואָס הייסט, דו וועסט זיך אַנטקעגנשטעלן די מערדער? זיי וועלן נאָך דיך, חלילה, דערהרגענען. קאָנסט זיך פאַרמעסטן מיט כוליגאַנעס, צי וואָס? וואָס איז אַ מענטשנס לעבן אין זייערע הענט, מ׳שטיינס געזאָגט? גיי, ביסט אַ קינד!

מאָטל האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי זיינס:

— און איך וואָלט זיך אַנטקעגנגעשטעלט. וואָס זאָל ניט זיין, — איך וואָלט זיך אַנטקעגנגעשטעלט! כ׳וואָלט ניט אַנטלאָפן!

די מאַמע האָט אָבער ווידער געזאָגט:

— זע, ווער ס׳רעדט! קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין אים, גאָט זאָל ניט שטראָפן פאַר די רייד...

און אין אַ פלוצלעכן אָנפאַל פון מוטערלעכער זאָרג, האָט זי אים צוגעדריקט צו זיך, ווי זי וואָלט אים וועלן באַשיצן, און צוגעגעבן:

— זאָלסט זיך פאַר זיי היטן ווי פאַר פייער, מיין קינד. גאָט זאָל דיך נאָר אויסהיטן פון גויאישע הענט, קינד מיינס!

מאָטל האָט זיך באַפרייט פון איר אומאַרמונג און פאַרעקשנט געזאָגט:

— אַז מ׳וועט מיך שלאָגן, וועל איך צוריקשלאָגן!

ער האָט דאָס געזאָגט, און אַלע האָבן צום ערשטן מאָל דערזען אין זיינע אויגן אַ מאָדנעם פייערל, וואָס האָט זיך אין זיי אָנגעצונדן און ווי גע־בליבן דאָרטן ברענען אויף אַלע מאָל. אויף זיינע בלייכע באַקן איז אָנגעלאָפן אַ רויטלעכקייט. אין קערפּער האָט זיך אַ שטייף געטאָן עקשנות. ס׳איז געווען ווי ער וואָלט אין דער רגע געוואָלט פאַרנעמען אַ גלייכן אָרט אין דער משפחה, שוין ניט ווי אַ קינד, נאָר ווי אַ דערוואַקסענער. זיינען אַלע טאַקע געבליבן שווייגן פאַר דער עקשנות פונעם מענטשן, וואָס האָט געפאָדערט זיין אָרט.

ב.

און טאַקע פון יענעם טאָג אָן האָט מען גענומען באַמערקן, ווי מאָטל פלעגט פון דער שול און פון דער גאַס ברענגען אין הויז אַלערליי נייסן. ער פלעגט אין אָט די נייסן אַריינלייגן זיינע אייגענע אויסטייטשונגען און אַרויסבאַקומען אַלערליי אומדערוואַרטעטע אויספירונגען. ער פלעגט דערפאַר טאַקע אָפט אַריינפאַלן אין אַלערליי קאָנפליקטן מיט די מיינונגען פון טאַטע־

מאַמע און שוועסטער און זיך אַריינלאָזן אַפילו אין לאַנגע דיסקוסיעס מיט עלטערע מענטשן, וואָס פלעגן אין הויזריידן וועגן דער פּאָליטיק פון דער צייט.

און די צייט איז דאַן געווען אַן אומרואיקע. מ׳האָט גערעדט וועגן אַ צווייטער וועלט־מלחמה, וועגן די ספּעציפישע יידישע פּראָבלעמען. מאָטל האָט זיך אַלע מאָל אַרומגעדרייט אַרום דערוואַקסענע, צוגעלייגט אַן אויער צו די געשפּרעכן, פּרובירט באַנעמען די קאָמפּלעקס־פּראָבלעמען, וואָס האָבן אויפגערודערט די יידישע גאַס. מענטשן זיינען געווען דערשראָקן און אומ־רואיק. מענטשן האָבן מורא געהאַט פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. איבערן לאַנד האָבן זיך אַרומגעטראָגן קלאַנגען, וואָס האָבן באַשווערט יעדערנס געמיט.

און טאַקע באַלד איז אויסגעבראָכן די מלחמה. אַלץ האָט אָנגעהויבן פאַלן. טויזנטער טויטן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן לעבן. מחנות זיינען גע־קראָכן אויפן לעבן מיט מערדערלעכער גבורה. דאָס ליכט פון מענטשלעכע אויגן איז אויסגעלאָשן געוואָרן. פינצטערניש האָט אָנגעפילט מענטשלעכע געמיטער. פאַשיזם איז געקראָכן אויפן מענטשלעכן לעבן ווי אַ מאָנסטער, מיט טויט און פאַרוויסטונג. די וועלט איז געוואָרן ענג. מענטשן האָבן געזוכט אַ רעטונג אין פינצטערע לעכער אונטער דער ערד, אין טיפע קע־לערס, אין פאַרהוילענע גראָבנס, אונטער מויערן, אין קראַטערן פון אויפ־געריסענע באָמבעס.

נאָכדעם זיינען געקומען געטאָס, קאָנצענטראַציע לאַגערן, פאַרשיקונגען. עס זיינען צעריסן געוואָרן משפחות. עלטערן זיינען אָפּגעריסן געוואָרן פון קינדער, און קינדער פון זייערע עלטערן. מאַן און ווייב זיינען צעשיידט געוואָרן — ניט צו וויסן וואוהין דאָס געביין איז אַהינגעקומען. מענטשן האָבן געזוכט אַן אָנהאַלט אין לעבן, אָבער דער אָנהאַלט איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייערע הענט, אַוועקגענומען געוואָרן פון אונטער זייערע פיס, און זיי זיינען געפאַלן אין אָפּגרונט. קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס די קומענדיקע שעה וועט ברענגען. מ׳האָט געלעבט פון מינוט צו מינוט, געטאַפּט דעם וועג דורכן לעבן, ווי בלינדע, און מ׳איז געשטרויכלט געוואָרן. ווייל דער טויט איז שוין אַרומגעקראָכן צווישן די ענגע געטאָ־גאַסן, ווי אַ הונגע־ריקער וואָלף און צוגענומען מענטשלעכע לעבנס.

שלמה דער קאָמאַשן־שטעפּער מיט זיין קליינעם הויזגעזינד איז עפּעס ווי דורך אַ נס ניצל געוואָרן. ער אַליין האָט אַפילו געקראָגן אַרבעט ביי די דייטשן אין אַ שוך־פאַבריק. רבקהלע האָט זיך צוגעשלאָגן צו אַ שטעל אינעם יידישן שפּיטאָל. און מאָטל האָט, ווי אַ פאַרוואָרלאָזט קינד, גאַנצענע טעג אַרומגעבלאָנדזשעט צווישן די חורבות פון דער געטאָ. זיין דאַרער קערפּער האָט זיך אַדורכגעשלייכט דורך טירן און קעלערן און פאַרבאָרגענע דורכגאַנגען, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט.

מאָטל האָט געזען ווי טאַטע־מאַמע זיינען פּלוצלונג אַלט געוואָרן —

באַזונדערס דער טאַטע, ער האָט אויסגעזען ווי אַ זקן. דערצו איז ער נאָך געוואָרן זייער פרום. ער האָט זיך פאַרלאָזט אַ באָרד און פאות, יעדן טאָג, ווען ער האָט נאָר געפונען אַ פרייע מינוט, האָט ער געזאָגט תהילים, געמורמלט אונטערן באָרד אַלערליי תפילות און ניט אויפגעהערט צו פאָדערן פון מאָטלען פרומקייט, געוואָלט ער זאָל דאַווענען אינדערפרי און אין אָוונט ניט פאַרפעלן קיין מנחה און מעריב, און דעם קריאת שמע — פאַרן שלאָפן גיין. די גויים און אַפילו די יידן אין דער פאַבריק האָבן חוזק געמאַכט פון שלמהן, זייענע אים דערגאַנגען די יאָרן פאַר זיין אויסזען, אָבער שלמה האָט זיך ניט אונ־טערגעגעבן. געפילט אין זיך עפּעס אַ מאָדנע עקשנות דווקא מיט פרומקייט קעגנשטעלן זיך דער שנאה און חוזק פון אַ גוי. ביסלעכווייז איז די עקשנות איבערגעגאַנגען אין אַ מין מאַרטירערישן קידוש־השם־געפיל איבערצוגעבן זיך מיט לייב און לעבן, מיט טיפער הכנעה צו גאָט. גאָט איז געווען די איינציקע מנוחה. אין אים איז געווען דער ענטפער אויף אַלע מאַטערנישן. צו אים האָט מען געקאָנט אויפהייבן די אויגן און אויסטענהן זיך, ווי מיט אַ נאָענטן, מיטן נוסח פון די האַרציקסטע יידישע תפילות און מיטן רוף פון „ממעמקים קראתיך" (פון די טיפענישן טו איך דיך רופן).

מאָטל איז צו יענער צייט שוין געווען אַ בר־מצווה־בחורל. שלמה האָט אים פאַרזאָרגט מיט תפילין. געזען, ער זאָל די תפילין לייגן יעדן טאָג; ער האָט מיט אים ניט אויפגעהערט איינצולערנען אַלע מצוות פון אַ גוטן און פרומען יידן. מאָטל האָט אָבער איצט געהאַט אַנדערע אינטערעסן. ער האָט געהאַט זיינע חברים צווישן די יינגלעך פון זיין עלטער און אויך צווישן דערוואַקסענע. פון די דערוואַקסענע האָט ער זיך אָנגעהערט וועגן די געהיימע קרייזלעך, וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט אין דער געטאָ, וועגן באַהאַלטענע לאַבאָראַטאָריעס, וואו מ'האָט געמאַכט אויפרייס־געווער, וועגן געהיימע אונטערערדישע דורכגאַנגען, וואָס האָבן פאַרבונדן די געטאָ מיט דער פוילישער „אונטערגרונט". ער האָט שוין געוואוסט וועגן די פונקציעס פון אַלערליי האַנט־געווער — האַנט־גראַנאַטן, אויטאָמאַטישע רעוואָלווערן, וועגן היימיש־געמאַכטע באָמבעס. זיין גרעסטער באַגער איז געווען צו געפינען ערגעץ אַ געווער, וואָס ער זאָל קאָנען אויס־באַהאַלטן אין זיינע קליידער און, ווען מ'וועט דאַרפן, זאָל אָט דאָס שטיקל געווער אויפטאָן אַ גרויסע זאַך קעגן דעם שונא. מיט עפּעס אַן אויסטער־לישער טאַט וואָלט ער געקאָנט שאַפן וואונדער. ער, מאָטל, וואָס איז געווען קליין און דאַר און שוואַכער פאַר יעדן אַנדערן מענטשן אויף דער וועלט, וואָלט געקאָנט ווערן אַ העלד. זיין קאָפּ איז פול געווען מיט פּלענער, מיט אויסטערלישע פאַנטאַזיעס, וואָס ווען זיי ווערן פאַרווירקלעכט, וואָלט זיך אַלץ געביטן אין דעם לעבן פון דער געטאָ. די אַלע פּלענער האָבן אויפגע־רעגט זיינע בלוטן. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט אין זיין דאַרן ברוסט־קאַסטן ווי אַ פייקל, וואָס רופט צו אַן אַלאַרם. אָ, ס'איז אַלץ מעגלעך געווען! מ'האָט

געקאָנט אויפרייסן דעם צענטער פונעם דייטשן גאַרניזאָן, איבערכאַפּן אַ באַן מיט אַמוניציע, צעשטערן אייזנבאַן־קאָמוניקאַציעס, באַפאַלן די נאַכט־וועכ־טער...

און דאָ איז געקומען דער ערשטער בראָך אין דער קליינער משפחה. די געסטאַפּאָ האָט ערגעץ אָוועקגעפירט רבקהן אינאיינעם מיט אַ גרויסער צאָל יידישע מיידלעך, און זי איז שוין צוריק ניט געקומען. מ׳האָט אַפילו ניט געוואוסט וואוהין זי איז אַהינגעקומען. די מאַמע האָט געוויינט, געריסן די האָר פון קאָפּ בעת די אָפטע היסטערישע אָנפאַלן, און דער טאַטע פלעגט זיך פאַרקלייבן אין אַ פינצטערן ווינקל, און מאָטל האָט געזען ווי זיינע פלייצעס האָבן זיך געטרייסלט אין אַ שווערן מענערשן געוויין.

מאָטל האָט שוין צו יענער צייט געוואוסט אַ סך זאַכן. ער האָט גוט פאַרשטאַנען וואוהין די דייטשן האָבן צוגענומען זיין שוועסטער מיט די אַנדערע מיידלעך. יידישע מיידלעך זיינען נאָך פריער פאַרלאָרן געגאַנגען אין די באַרדעלן פאַר די נאַצישע זעלנער און אָפיצערן. דער געדאַנק, אַז רבקה איז ערגעץ אין אַ באַרדעל, האָט אַרויסגערופן ביי מאָטלען אַלערליי שענד־לעכע געפילן, קרענקלעכע זעענישן, זינדיקע מחשבות, וואָס האָבן זיינע נעכט פאַרוואַנדלט אין מוראדיקע קאָשמאַרן. ס׳איז געווען צעטומלעניש און שאַנד. ס׳איז געווען כאַאָס. קלאָר איז נאָר געווען דאָס געפיל פון נקמה. בלויז נקמה האָט געקאָנט אַלץ פאַרענטפערן. און בלויז נקמה איז געווען מעגלעך.

אין הויז האָט ער געהערט דאָס געוויין און די ביטערע אומבאַהאָלפענע קללות פון דער מאַמען, וועלכע זי האָט צונויפגענומען, ווי אַ בערגל הרודעס, און זיי געוואָרפן, הרודע נאָך הרודע, אויף די קעפּ פון די שונאים. דער טאַטע האָט זיך צוגעהערט צו די קללות און זיך געקוויקט מיט אַ מאָדנער קוויקע־ניש, און איין מאָל האָט ער זיך אַפילו אָוועקגעשטעלט אין טיפער עקסטאַ־טישקייט און געמאַכט אַ האַרצרייסנדיקן „אל מלא רחמים”, וואָס האָט אַריינ־געוואָרפן די מאַמע אין אַ היסטעריקע, וועלכע האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַ לאַנגער חלשות, פון וועלכער מ׳האָט זי קוים אַרויסגערופן צום לעבן.

דעמאָלט האָט מאָטל געזאָגט דורך אַ פאַרוואָרגענעם האַלדז און פאַר־שטיקטן געוויין עפּעס אַזוינס, וואָס איז קיינמאָל פריער ניט געהערט גע־וואָרן פון אַ ייִנגל אין זיין עלטער, אין דער אָנוועזנהייט פון פרומע טאַטע־מאַמע. און ער האָט עס געזאָגט אָן אַ וועלכער עס איז מורא, אָדער שרעק, און דווקא מיט שנאהדיקייט און אַרויסרוף:

— גאָט האָט קיין רחמנות ניט. ער האָט קיין רחמנות ניט אויף אַלע יידן. ער האָט ניט קיין רחמנות אויף אונדז. ביטע וואָס צו רופן צו אים. און איך וועל מער ניט דאַווענען... כ׳וועל בעסער שטאַרבן!... כ׳וועל זיך בעסער אָוועקלייגן און שטאַרבן!...

טאַטע־מאַמע האָבן געזען, אַז מאָטל איז זייער אויפגערעגט. ניט גע־

וואָלט אים מער מצער זיין מיט שטראָף־רייד, נאָר געזעסן אַליין דערשראָ־קענע און אומגליקלעכע, מיט אויגן אַראָפּגעלאָזטע צו דער ערד און מיט גע־פּאַלענע געמיטער.

מאָטל האָט זיך פאַררוקט אין א ווינקל און אַ סך שעה׳ן איז ער אַזוי דאָרטן געזעסן און געטראַכט זיינע געדאַנקען. און ווי נאָר די שוועסטער איז געקומען אויפן זינען האָבן אים טרערן פאַרוואָרגן דעם גאָרגל. אים האָט זיך געוואָלט פאַלן אויף דער ערד און שרייען און וויינען און חלשן ווי די מאַמע האָט עס פריער געטאָן...

ג.

זינט רבקהלע איז אוועק פון דער היים, איז אין הויז געווען אַ חורבן. אַ קעלט האָט אַנגעפילט די צימערן. ווען רבקה איז געווען אין דער היים, איז די היים געווען אַ היים. זי איז געווען זיין שוועסטער און זיין עלטערער חבר. זי האָט זיך מיט אים געטיילט מיט איר וויסן. איר קלינגעדיקער קול האָט אַריינגעבראַכט פרייד אין זייער אָרימקייט. זי האָט געזונגען לידער. זי האָט געקענט דעקלאַמירן יידישע און פוילישע לידער. זי פלעגט זיך מיט אים טיילן וועגן געלייענטע ביכער, דערציילן אים וועגן גרויסע העלדן, וועגן גרויסע קעמפער, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעבן פאַר דער וועלט, פאַר אַ בעסערער וועלט. רבקה — דאָס איז געווען די פרייד פון זייער הויז.

און איצט איז זי ניט געווען. ניט געווען אויף אַלע מאָל, אויף אייביק. אפשר איז זי שוין געווען אַ פאַרפייניקטע צום טויט. ער האָט דורך די אָנ־געלאָפענע טרערן געזען שענדלעכע בילדער פון פייניקונגען, אַזעלכע זע־אונגען זיינען געקומען פאַר די אויגן, פון וועלכע מ׳האָט ניט געקאָנט ריידן ניט מיט די עלטערן, ניט מיט די חברים. ס׳איז געווען אַ שרעק צו טראַכטן, וואָס דער שונא האָט געטאָן מיט רבקהן, אָבער ס׳האָט זיך דווקא געטראַכט. מ׳האָט איר ניט געקאָנט העלפן און מ׳האָט זיך אַליין ניט געקאָנט העלפן.

ס׳האָט זיך נאָר געוואָלט אַוועקגעבן דאָס לעבן פאַר רבקהלען. ניין, ווען ער וואָלט געהאַט הונדערט לעבנס, וואָלט ער זיי מיט פרייד אוועקגעגעבן פאַר איר, זי זאָל נאָר קאָנען קומען צוריק אַהיים, דערפרייען טאַטע־מאַמע.

און לעבן האָט ער איצט געמוזט — צוליב רבקהלען. ניט צוליב זיך און ניט צוליב טאַטע־מאַמע, נאָר גראָד צוליב רבקהלען, וואָס וועגן איר איז ער אַפילו ניט געווען זיכער, צי זי לעבט. ער האָט געוואָלט פריער נקמה נעמען פאַר איר, און ערשט נאָכדעם — שטאַרבן. ס׳איז גאָר ניט געווען קלאָר ווי אַ מענטש אין זיינע יאָרן און מיט זיינע כוחות קאָן נעמען נקמה פון אַ מעכטיקן שונא. אָבער ס׳איז געווען אַלץ איינס: די נקמה האָט געמוזט גענומען ווערן!

און ווען ס׳איז אים אָט דער געדאַנק אַריין אין זינען, איז גראָד דער טאַטע געקומען פון דער אַרבעט. מאָטל האָט געזען, ווי ער האָט אָפּגעגעסן זיין אָונט־ברויט, אַ שוויַיגנדיקער, ווי אַלע מאָל. ער האָט געזען, ווי די

מאַמע איז געזעסן קעגנאיבער און האָט מיט קיין איינציקן וואָרט ניט אי־בערגעריסן די שטילקייט. נאָכדעם האָט זיך דער טאַטע אָנגעלענט אויף די צווי האַרפּאַשנע הענט זיינע און גענומען בענטשן, ניט אויפהייבנדיק זיינע אויגן צו אים, אָדער צו דער מאַמען, ווי ער וואָלט דאָ געווען אייבער אַליין.

ערשט נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעבענטשט, האָט ער געזאָגט:

— האָסט שוין מסתמא געהערט, מלכה. זיי האָבן היינט ווידער אָוועק־געשיקט אַן אָנגעפּאַקטע באַן מיט יידן. אַ גאַנצע נאַכט זיינען די מערדער אַרומגעגאַנגען איבער דער געטאָ מיט דער יידישער „אָרדענונגס־דינסט" און געכאַפּט יידן, אַרויסגעשלעפּט זיי פון אַלע לעכער און זיי אַוועקגעפירט צו דער שחיטה. איך זאָג דיר, מלכה, אַלעמען וועלן די שעכטער אויסקוילען. קיין איין ייד וועט ניט בלייבן אין דער געטאָ. ס'וועט קומען אונדזער ריי, מלכה. דער סוף פון דער וועלט קומט אָן. ס'איז „באו מים עד נפש". ס'איז פאַרפאַלן, מלכה, פאַרפאַלן!

— וואָס מיינסטו, פאַרפאַלן, שלמה? און וואו איז גאָט?

שלמה האָט אָפּגעוואַרט אַ רגע און ניט מיט זיין קול געזאָגט:

— ס'איז ניטאָ קיין גאָט, מלכה!

מאָטל האָט געזען ווי דער מאַמעס הענט זיינען אַראָפּגעפאַלן אין אָנ־מאַכט. די אויגן אירע זיינען פאַרטונקלט געוואָרן מיט נאַכט, ווי מ'וואָלט ביי איר ערשט צוגענומען די סאַמע לעצטע טרייסט און געלאָזן זי, אַ גע־פּייניקטע, אין טויזנט צערן, איינע אַליין מיטן טויט. זי האָט אַ קוק געטאָן מיט שרעק אויפן מאַן און האָט אויסגעשריען:

— דו ווייסט דען, וואָס דו רעדסט, שלמה?! ביסט משוגע, גאָט זאָל ניט שטראָפן פאַר די רייד!...

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים איין מאָל און נאָך אַמאָל. אַפּנים, אַז אין זיינע אויגן האָט זי ניט געפונען קיין ענטפער. ווייל זי האָט זיך פּלוצלונג אַ הייב געטאָן צו אים מיט אַ מאָדנעם געבעט, געמישט מיט שרעק, און נאָך אַמאָל געזאָגט:

— האָסט דען געהערט, וואָס דיינע ליפּן האָבן ערשט געזאָגט?!

שלמה האָט נאָך אַמאָל געזאָגט:

— איך זאָג: ס'איז ניטאָ קיין גאָט! אָט דאָס האָב איך געזאָגט. ווייל ס'איז ניטאָ קיין זין אין דעם אַלעמען. דו הערסט, וואָס איך זאָג דיר? — ניטאָ קיין זין! ס'איז ניטאָ קיין גאָט, ווייל ס'איז ניטאָ קיין נקמה. טויזנטער יאָרן פּייניקט ער זיין פאָלק, — פאַרוואָס? טויזנטער יאָרן אויסראָטונג, אָן נקמה און אָן אויסלייז! זיי נעמען די ערלעכסטע יידן און טוען זיי אָן די גרעסטע נגישות, — פאַרוואָס? ס'איז ניטאָ קיין זין!

מאָטל האָט געזען, ווי די מאַמע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול און זיך ביטער פאַנאַנדערגעוויינט. זי האָט געוויינט אויף אַ קול, יאָמערלעך גע־

טענהט פרומע ווייבערשע רייד, ווי אַ מאַמע, וואָס האָט ערשט פאַרלאָרן איר ליבסטן קינד:

— גאָט דערבאַרעמדיקער, האַרציקער, געטרייער, פאַרוואָס האָסטו זיך אָפגעקערט פון דיין פאָלק ישראל?... פאַרוואָס האָסטו דעם אומגליק גע־בראַכט אויף מיין הויז, אויף מיינע קינדערלעך? פאַרוואָס האָסטו צעריסן אויף פיצלעך דער מאַמעס האַרץ?...

און אַזוי האָט זי ניט אויפגעהערט צו טענהן, ווי אין דעם טאָג, ווען מ׳האָט צוגענומען רבקהן.

שלמה האָט אַ לאַנגע צייט געהערט איר טענהן און איר געקלאָג, און אַז זי האָט זיך אַ ביסל איינגעשטילט, האָט ער געזאָגט מיט ביטערקייט:

— צו וועמען טענהסטו, מלכה? ווער הערט דיין געוויין? ער איז ניטאָ, אָט דער, וואָס דאַרף הערן דיין געוויין. ס׳איז אַ חוזק צו טענהן צו אימיצן, וואָס הערט ניט, וואָס זעט ניט און וואָס וויל ניט וויסן. ס׳איז אָפנאַרעריי. ס׳איז חוזק!

מלכה האָט ניט געענטפערט. זי איז געזעסן אַן אויסגעליידיקטע. אין איר איז שוין קיין זאַך ניט געבליבן. ס׳איז געווען פוסט און וויסט אין איר לעבן. ס׳איז ניט געווען קיין אָנהאַלט. עס האָט זיך נאָר געוואָלט שטאַרבן.

מאָטל, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו די רייד פון טאַטע־מאַמע, האָט זיך איינגעגנורעט טיפער אין די שמאַטעס און האָט שטיל געהעשעט. ער האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן דער מאַמעס געפאַלנקייט. ער איז אינגאַנצן געווען אַרומגענומען מיט מורא. עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט איצט, די רגע, וועט זיך עפענען די טיר און עס וועלן אַריינקומען די געסטאַפאָ־לייט און מ׳וועט זיי אַוועקפירן, וואוהין מ׳האָט אַוועקגעפירט אַזוי פיל טויזנטער יידן פון דער געטאָ.

ער האָט צוגעזען, ווי די מאַמע האָט זיך אויפגעהויבן און זיך אַרויס־געוואָקלט אויף אירע שוואַכע פיס, ווי אַ שיכורע, פון צימער, און איז אַריין אין שלאָף־אַלקער. דער טאַטע איז געבליבן זיצן ביים טיש. זיינע ליפן האָבן געמורמלט פרום עפעס אַ תפילה. מאָטל איז געווען זיכער, אַז דער טאַטע זאָגט תהילים. ער האָט אַפילו דערקענט פון דער באַוועגונג פון זיינע ליפן עטלעכע אָפגעריסענע ווערטער פון די באַקאַנטע קאַפיטלעך. אַזוי האָט געדויערט אַ היפשע ווילע. דער טאַטע האָט מיט כוונה ניט אויפגעהערט צו זאָגן זיין תהילים. און ס׳איז געווען מאָדנע, וואָס אָט האָט ער ערשט אַליין געזאָגט, אַז ס׳איז ניטאָ קיין גאָט און ס׳איז ניטאָ צו וועמען צו טענהן, און דאָ האָט ער גאָר תפילה געטאָן, פרום און האַרציק און מיט כוונה. אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן תהילים זאָגן, האָט ער זיך אויפגעהויבן און געזאָגט צו מאָטלען:

— גיי שלאָפן, מאָטל. ווי לאַנג וועסטו אַזוי זיצן?

ער האָט עס געזאָגט אַזוי זיך. מסתמא צוליב גרויסער איינזאַמקייט. מאָטל האָט געזאָגט:

— האָסט ניט באַדאַרפט מצער זיין די מאַמע.

— ביסט גערעכט. ניט באַדאַרפט מצער זיין. אַ רחמנות אויף דער מאַמען. וואָס קאָן מען טאָן? אַז ס׳איז ניטאָ קיין טרייסט... ניטאָ קיין טרייסט. גאָטס נאָמען האָב איך ניט באַדאַרפט לעסטערן... אַ מענטש ווייס דען, וואָס ער טוט?

דער טאַטע איז געווען פאַרטרוילעך. גערעדט צו אים ווי צו אַ גרויסן. אפשר דעם ערשטן מאָל האָט ער מיט אַזאַ טאָן גערעדט צו מאָטלען. האָט מאָטל געזאָגט:

— וועסט זען, טאַטע, מ׳וועט נעמען נקמה. ס׳איז ניט הפקר אַ וועלט...

שלמה האָט ביטער און פאַרלאָרן אַ שמייכל געטאָן:

— ווער וועט נעמען נקמה? ווי קאָן אַ ייד נעמען נקמה פון אַ גוי? וועט אַ ייד קאָנען אָט אַזוי קוילען אַ גוי? וועט אַ ייד קאָנען פירן מענטשן צו דער שחיטה? וועט אַ ייד קאָנען צונעמען ביי אַ גוי זיין קינד און עס פאַרפייניקן? זאָג, ווי אַזוי?

שלמה האָט אין גאַנצן געציטערט פון די אייגענע רייד און פון שוואַכקייט. ס׳איז געווען אַ חידוש, ווי ער האָט זיך נאָך געקאָנט האַלטן אויף זיינע פיס פון אויפרעגונג.

מאָטל האָט אָפּגעוואַרט און געזאָגט:

— אויף דער סמאָטשע, זאָגט מען, איז פאַראַן אַ סך געווער... מען זאָגט, ס׳וועט זיין אַן אויפשטאַנד. דאָרטן זיינען פאַראַן ביקסן, האַנט־גראַנאַטן, באָמבעס... יידן זיצן ניט מיט צונויפגעלייגטע הענט. וועסט זען, מ׳וועט נעמען נקמה!

אַז דער טאַטע האָט געשוויגן, האָט שוין מאָטל אויך צוגעגעבן:

— און אויך פאַר רבקהלען וועט מען נעמען נקמה. פאַר אַלעמען. וועסט זען!

שלמהס פנים איז נאָך פינצטערער געוואָרן. מאָטל האָט באַמערקט טרערן אין די ווינקלען פון זיינע אויגן. פלוצלונג האָט ער געזאָגט מיט וואָרנונג צו מאָטלען:

— און רבקהס נאָמען דאַרפסטו ניט דערמאָנען. מ׳דאַרף ניט. און פאַר דער מאַמען זאָלסטו זי אויך ניט דערמאָנען.

מאָטלען האָט פלוצלונג אַ וואָרג געטאָן אין גאָרגל, ווי אין אַן אָנפאַל פון היסטעריע. עקשנות האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ ביז ווייטיק.

— איך וועל דערמאָנען! כ׳וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן! ביזן טויט וועל איך ניט פאַרגעסן רבקהלען!...

דער טאַטע האָט שוין אָבער דורך טרערן געפּרוּווט אים באַרויִקן:

— גיי, ביסט אַ קינד. וואָס הייסט — פאַרגעסן? ווער קאָן זי פאַר־

געסן? איך וועל זי פאַרגעסן? צי די מאַמע וועט זי פאַרגעסן? גאָרניט, מ׳דאַרף ניט ריידן, גלאַט ריידן — דאַרף מען ניט. מ׳דאַרף ניט!

ער האָט אַרויסגענומען אַ טיכל און אָפּגעווישט די טרערן, וואָס זיינען אים פריי געלאָפן איבער די באַקן אין דער באָרד אַריין.

מאָטל האָט זיך אָפּגעקערט צו דער וואַנט, טיפער איינגענורעט זיך אין די שמאַטעס. ניט געקאָנט זען דעם טאַטנס טרערן. אַז ער האָט שפּעטער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, איז שוין דער טאַטע ניט געווען. דאָס ליכט איז גע־ווען אויסגעלאָשן. אין דער פינצטערניש איז מאָטל אַ לאַנגע צייט געלעגן און געטראַכט. אַ סך פּלענער האָבן אים געהאַלטן וואַך. פּלענער און טוּאונגען פון געוואַגטקייט האָבן געוועגט די בלוטן. און צווישן די אויסטערלישע ביל־דער, וואָס זיינען אויפגעשוואומען און פאַרשוואונדן אין דער פינצטערניש, איז אַלע מאָל געווען איין בילד, אַ קלאָר בילד, ווי ער וואָלט פאַר אים גע־שטאַנען מיט אָפענע אויגן, און דאָס בילד איז ניט פאַרשוואונדן, געבליבן אין דמיון איינגעקריצט. ס׳איז געווען דער דייטש ביים אַריינגאַנג צו דער געטאָ. ער איז געשטאַנען ביים טויער מיט אַ ביקס, אַ ביקס מיט אַ באַיאָנעט, אַרומגעגאָרטלט מיט אַ גאַרטל פול מיט קוילן, מיט אַראָפּהענגענדיקע צוויי גראַנאַטן ביי די זייטן. זיי האָבן זיך געביטן די דייטשישע וועכטער, אָבער איצט האָבן זיי אַלע געהאַט איין פּנים, דעם פּנים פון יענעם איינציקן דייטש, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין זיין זכרון. און ס׳איז געווען מאָדנע, וואָס ער האָט יענעם דייטש געזען שפּעטער, ווען ער איז איינגעשלאָפן, אין חלום און ער איז אים געקומען אין זינען אויך אינדערפרי, באַלד ווי מאָטל האָט געעפנט זיינע אויגן...

יאָ, ס׳איז געווען מאָדנע. אָבער איצט האָט ער אים געזען די גאַנצע צייט פאַר די אויגן אויף דער וואָרער וואָר, יענעם דייטש. ער איז פון זיין דמיון ניט אַרויס: אַ באַוואָפנטער מיט ביקס און באַיאָנעט און מיט אַראָפּהענגענ־דיקע האַנט־גראַנאַטן ביי דער זייט, איז דער דייטש אַרומגעגאַנגען ביי דער וואַנט און האָט געהיט די געטאָ.

ד.

עס זיינען אַוועק נאָך עטלעכע וואָכן, אויף דער גאַס האָט ער זיך אָפּט געטראָפן מיט זיינע חברים. אָבער ניט מיט אַלעמען. אייניקע זיינען שוין ניט געווען. מ׳האָט זיי מיט זייערע עלטערן ערגעץ אַוועקגעפירט, פון וואַנען זיי האָבן זיך ניט צוריקגעקערט. די רייד מיט די פריינט זיינען געווען די זעלביקע. דאָס זיינען געווען געשפּרעכן וועגן די געהיימע קרייזלעך פון דער סמאַטשע, פון דער פראַנטשיסקאַנער, וואָס האָבן זיך אין געהיים גע־גרייט צו עפּעס אַ גרויסער טאַט, געשפּרעכן וועגן געווער, מיט וועלכן מ׳וועט אַמאָל נקמה נעמען פון דער געסטאַפּאָ, און וועגן דעם אייגענעם אַנטייל

אין אַזאַ אויפשטאַנד פון דער געטאָ. און איין מאָל האָט זיך מאָטל אַרויסגע־רעדט:

— ווען איך האָב אַ האַנט־גראַנאַט! כ׳וואָלט זיך אָפּגערעכנט פאַר רבקה־לען. אַי וואָלט איך זיך אָפּגערעכנט!...

די חברים האָבן געמיינט, אַז דאָס איז נאָר אַ באַרימערייַ אַזאַ ביי מאָטלען. זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר איינעם, וואָס האָט ליב מגזם צו זיין. האָבן זיי זיינע ווערטער באַגעגנט מיט חוזק:

— מיט אַ האַנט־גראַנאַט וועט ער זיך אַנטקעגנשטעלן דער דייטשישער מאַכט! די דייטשן פאַרמאָגן באָמבעס, עראָפּלאַנען און טאַנקען און אַן אַרמיי — די שטאַרקסטע אין דער וועלט. ניטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן!...

מאָטל האָט געמוזט צוגעבן: פאַר אַלע יידן וואָלט ער מיט איין גראַנאַט טאַקע קיין נקמה ניט געקאָנט נעמען, אָבער פאַר זיין שוועסטער רבקהלע וואָלט ער יאָ גענומען. ער וואָלט מיט איין גראַנאַט געקאָנט אומברענגען אַ צענדליק דייטשן.

און אין קאָפּ האָט ער שוין סיי־ווי־סיי געהאַט אַ פּלאַן. ער האָט דעם פּלאַן דורכגעטראַכט טאַקע דורך די לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט. ס׳איז געווען אַ געוואַגטער פּלאַן, וואָס מ׳האָט אים באַדאַרפט דורכפירן אין אַ פינצטערער נאַכט, ווען די געטאָ וועט שלאָפן, גאַנץ וואַרשע וועט שלאָפן. ער וועט דעם דייטש „אַוועקלייגן” מיט אַ גוט־געצילטן שטיין אין קאָפּ אַריין און ביי אים צונעמען אַ גראַנאַט. ער איז ניט אויסן געווען דווקא צו טייטן דעם זעלנער. עס איז גענוג, אַז ער זאָל אים „אַוועקלייגן” אויף אַ קליינער רגע, כדי נאָר אַוועקצונעמען פון אים אַ גראַנאַט.

און די צייט דורכצופירן דעם פּלאַן איז געקומען אין אַ פינצטערער נאַכט מיט אַ שניי־שטורעם. קיין לעבעדיקער מענטש וואָלט ניט געוואַגט אין אַזאַ נאַכט אַרויסצוגיין אין דרויסן. מאָטל האָט זיך איינגעוויקלט אין וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. אין די קעשענעס פון זיין ווינטערדיקן מאַנטל, וואָס איז איצט געווען ענג און אין אַ סך ערטער פאַרלאַטעט, ווייל דעם מאַנטל האָט מען אים געקויפט ווען ער איז געווען קוים צען יאָר אַלט, האָט ער געהאַט צוויי שטיינער, אין יעדער קעשענע אַ שטיין. פון דעם איז באַלד שווער געווען צו באַוועגן זיך. ער האָט געפילט אַ שוואַכקייט און אַ ציטער־ריקייט אין די גלידער. געפילט, ווי ער וואָלט גיין אויף אַ זיכערן טויט. סיידן ס׳וועט געשען א נס. אָט איז דאָך דוד אַמאָל געגאַנגען אויף גליתן מיט אַ שטיין, און ס׳איז געשען אַ נס. צוליב רבקהלען האָט באַדאַרפט געשען דער נס. ניט צוליב אים, צוליב רבקהלען האָט באַדאַרפט געשען דער נס. ניט צוליב אים. צוליב רבקהלען...

אין דרויסן האָט געקערט וועלטן. ווי נאָר ער איז אַרויס, האָט אַ פראָס־טיקער ווינט אַ שמיץ געטאָן אים אין פּנים און אין די אויגן מיט האַרטע שטעכיקע שנייעלעך און פאַרגאָסן די אויגן מיט טרערן. ס׳איז שווער געווען

צו מאַכן דעם ערשטן טראָט. אָבער ער האָט געמוזט גיין. גיין, ראַנגלען זיך מיטן ווינט און גיין. אַזוי האָט ער זיך געשאַרט אַרום די ווענט, ווי אַן איינזאַמע, פאַריאָגטע חיה אין אַ מוראדיקער וועלט. די באַקאַנטע גאַסן זײַנען איצט געווען פרעמד, ווי ער וואָלט זיי צום ערשטן מאָל געזען פאַר די אויגן. בערג מיט שניי און די פינצטערניש האָבן פאַרוואַנדלט די שטאָט און די גאַסן אין אומבאַקאַנטע בערגיקע שפּאַלטן.

אַזוי איז ער, אַן אויסגעמאַטערטער, צוגעקומען צו דער וואַנט. דער זעלבער איז מיט דער ביקס אויף דער פּלייצע, אין אַ לאַנגער שינעל, אַרומגעגאַנגען הין און צוריק, אַ פאַרשנייטער, ווי אַ באַוועגלעך בערגל שניי און ניט געהערט ווי מאָטל איז צוגעגאַנגען צו אים נאָענט און צוליב עפּעס באַלד אָנגעהויבן מיט אַ וויינענדיקן קול צו ריידן:

— די מאַמעשי... די מאַמעשי איז זייער קראַנק געוואָרן... אַ דאָקטאָר... איך מוז געפינען אַ דאָקטאָר... אוי, די מאַמעשי!... ווייסט אפשר וואו איך קאָן געפינען אַ דאָקטאָר פאַר דער מאַמעשין...

דער זעלבער איז צעטומלט געוואָרן. ניט גלייך פאַרשטאַנען. אַ כאַפּ געטאָן די ביקס און מיטן באַיאָנעט אַ רוק געטאָן זיך אויף מאָטלען:

— שטיי! ריר זיך ניט פון אָרט!

ער האָט אַרויסגענומען פון דער שינעל־קעשענע זײַן האַנט־לעמפּל און אַ וואָרף געטאָן אַ סנאָפּ ליכט מאָטלען גלייך אין פּנים אַריין, פאַרבלענדט אים די אויגן.

דער זעלבער האָט שוין געזען, אַז דאָס איז נאָך גאָר אַ קינד, מיט אַ פּיצל דאַר פּנים, איינגעוויקלט אין שמאַטעס.

— וואָס, צום טייוול, טוסטו דאָ, יידליק?

מאָטל האָט ווידער געזאָגט:

— די מאַמעשי... איך דאַרף אַ דאָקטאָר... די מאַמע איז זייער קראַנק... אוי, זי וועט שטאַרבן... האָב רחמנות...

— צום טייוול מיט דיין מאַמען! ווילסט אפשר, איך זאָל זיך אַט אַזוי אַוועקלאָזן זוכן אַ דאָקטאָר פאַר דיין טייוולשער מאַמען. דאָנער וועטער! אַט וועל איך דיך אַ שטאָך טאָן מיטן באַיאָנעט און אַוועקלייגן ווי אַ קרעציקן הינטל.

און ער האָט זיך טאַקע אַ רוק געטאָן אויף מאָטלען, ווי ער וואָלט אים טאַקע געוואָלט דורכשטעכן מיטן באַיאָנעט. אָבער מאָטל האָט שוין ווידער מיט טרערן און מיט געבעט געזאָגט:

— ניין, ניין... האָב רחמנות... דו האָסט אויך אַ מאַמען... אַ מאַמעשי... האָסט דאָך אין דער היים אַ מאַמעשי?...

דער זעלבער האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער אייגענער מאַמעס בילד האָט אַ ריר געטאָן זיין האַרץ מיט וואַרעמקייט. אַט דאָ איז ער געווען אין דער

קאַלטער נאַכט אין דער פרעמד און די מאַמע איז געווען ווייט. אַן אַלטע בענקשאַפט האָט אָפּגעטעמפּט זיינע גלידער. געזאָגט:

— גיי אַהיים, יידליק. גיי אַהיים, זאָג איך דיר, איידער איך לייג דיך אַוועק!...

מאָטל איז געשטאַנען און געווײנט. ס׳איז געווען אַזוי ווי די מאַמע וואָלט אין דער אמתן געווען זייער קראַנק און ער וואָלט איצט פאַר איר געזוכט הילף ביי אַ פרעמדן, פיינטלעכן מענטשן. זיין האַרץ האָט קוים אויסגעהאַלטן די איבערלעבונג. און דער זעלבער האָט שוין ווייכער געזאָגט:

— אַזאַ פאַרשאַלטן פאָלק... אין אַזאַ נאַכט גייט ער זוכן אַ דאָקטאָר פאַר זיין מאַמען... וואָס טראַכסטו זיך, איך וועל אָפּלאָזן די וואַך און גיין זוכן אַ דאָקטאָר? אַזאַ פאַרשאַלטן פאָלק. כ׳וואָלט דיך באַדאַרפט אַוועקלייגן, און אַ סוף... גיי אַריין אין ביידל... וואַרעם זיך אָפּ, און גיי אַהיים.

מאָטל האָט טאַקע דערביי דערזען דאָס ביידל. אָפּנים, אַז מ׳האָט עס דאָ אַוועקגעשטעלט דורכן ווינטער פאַר דער וואַך. אינעווייניק האָט גע־ברענט אַ לעמפּל. פונעם שמאָלן רער־קוימענדל זיינען געפלויגן קלײנטשינקע פונקען און באַלד אויסגעלאָשן געוואָרן אין דער ביטערער קעלט. מאָטל האָט געזאָגט:

— אַ דאַנק... אַ דאַנק... ביסט אַ גוטער מענטש... האָסט אַ מאַמעשי...

געזאָגט, און ניט געוואוסט פאַרוואָס ער איז אַריין אינעווייניק. דאָ איז געווען זייער הייס פון דעם אָנגעברענטן אייזערנעם אייוועלע, וואָס זיינע זייטן זיינען געווען צונטער רויט. ער איז געשטאַנען אַ צעטומלטער. פאַר־געסן אַלץ. שוין ניט געוואוסט נאָך וואָס ער איז אַהערצו געקומען. נאָר געוואוסט, אַז ס׳איז אַ חלום, אַ מוראדיקער חלום. באַלד האָט ער דערהערט אין דרויסן אַ שטימע. נאָכדעם — צוויי אַנדערע שטימעס. ס׳זיינען שוין דאָרטן געווען צוויי מענטשן. די וואַך האָט זיך געביטן. אין אַ מינוט אַרום איז דער פריערדיקער זעלבער אַריינגעקומען אַ פאַרשנייטער, מיטן ביקס און קוילן־גאַרטל און מיט צוויי אַראָפּהענגענדיקע האַנט־גראַנאַטן. געזאָגט:

— ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן, יידליק? — ביסט אַ שפּיאָן. דאָס האָבן דיך די פאַרדאַמטע יידן אַרויסגעשיקט אַהער נאָכצושפּירן. מיר וועלן דיר אַ ביסל אַ טרייבער טאָן, וועסטו זיך אַליין מודה זיין, אַז דו ביסט אַ שפּיאָן... מיר קענען אייך, די יידעלעך!... גוט, וואָס איך האָב דיך אַהער אַריינגע־נאַרט... כ׳בין גאָר ניט קיין נאַר, גאָר ניט קיין נאַר... כ׳וועל זיך אַ ביסל אָנוואַרעמען און דיך נעמען אין דער הויפּט־קוואַרטיר... מ׳וועט שוין אויס־געפינען וועגן דיין מאַמעשין... כע־כע־כע!...

און אַזוי ריידנדיק, האָט ער זיך איינגעבויגן, געעפנט דאָס טירל פונעם אייוועלע און האָט זיך גוט איינגעקוקט, רייבנדיק די אָפּגעקילטע הענט אַנטקעגן דעם פלאַם, און נאָך אַלץ אַן אויפגעלייגטער, גערעדט:

— יאָ! מיר האָבן זיך דאָרטן מיט מיין פריינט אַדורכגערעדט וועגן

דיר — און אַז איך וועל זיך אַנוואַרעמען, וועלן מיר זיך לאָזן גיין... דו און איך... כע־כע!

מאָטל האָט אָבער ניט קלאָר געהערט די רייד פונעם זעלנער. זיין בליק האָט זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פון דעם אייזערנעם דרענגל, מיט וועלכן מ'שאַרט פאַנאַנדער די קוילן אין אייוועלע. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם דרענגל און מיטן גאַנצן כוח אַ זעץ געטאָן איבערן איינגעבויגענעם קאָפּ. דער זעלנער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אויף די אונטערגעבויגענע פיס און מיט בײדע הענט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם צונטער־הייסן אייוון, ווי ער וואָלט אים געוואָלט אַרומ־נעמען. און מאָטל האָט ניט אויפגעהערט צו זעצן איבערן פאַלנדיקן קאָפּ, איבער די פּלייצעס. ניט געוואוסט, פון וואַנען עס האָבן זיך נאָך ביי אים גענומען כוחות, ניט פאַרשטאַנען וואָס עס וועט פון דעם אַלעם אַרויסקומען. פאַרגעסן נאָך וואָס ער איז אַהער, דורך נאַכט און שניי־שטורעם, געקומען. פאַרגעסן וועגן דעם גראַנאַט, פאַרגעסן, פאַרגעסן! ס'איז געווען אומזיס־טע פאַרלאָרנקייט, האָפענונגסלאָזיקייט און אַ פוסטקייט אין קאָפּ. ס'איז געווען אַן אָפּגעשוואַכטקייט פון גלידער און אַ פאַרשיכורונג, ווי אין אַן אָנפאַל פון משוגעת. נאָר געזען פאַר זיך דעם שווערלעך אַנגעטאָנענעם זעלנער, וועל־כער איז איצט געפאַלן אָן אַ זייט, האַרט צוגעדריקט מיט דער זעלנערישער שינעל זיינער צום אויוון. פון דעם האָט זיך דער שינעל באַלד אָנגעהויבן צו רייכערן און זיך אָנגעצונדן מיט פלעמלעך. אויף אַ רגע האָט ער צייט געהאַט צו באַמערקן דאָס שטראָמענדיקע בלוט פונעם זעלנערס קאָפּ און שטערן און די אויגן, וואָס זיינען בלויז אויף איין רגע געווען אָפן מיט שרעק־פאַרוואונדערונג. אָבער די אויגן זיינען באַלד אויסגעלאָשן געוואָרן מיט די שטרעמלעך בלוט, וואָס האָבן איבערגעפילט די אויגן־לעכער. ער האָט געזען ווי די רויכיקע פלעמלעך האָבן זיך שנעל פאַנאַנדערגעפויזעט אי־בערן שינעל און האָבן אָנגעפילט מיט אַ שטיקנדיקן רויך דעם ענגן חלל פונעם ביידל.

ניט ווילסנדיק פאַרוואָס, אויס פשוטער טויטלעכער שרעק און פאַר־לאָרנקייט האָט מאָטל פלוצלונג אָנגעהויבן צו שרייען און רופן:

— עס ברענט!... עס ברענט!... ראַטעוועט!!...

געשריען און געקוקט מיט שרעק אויף דעם ברענענדיקן זעלנער. פלוצ־לונג, ווי צום ערשטן מאָל, האָט ער דערזען דעם קיילעך פון אַ גראַנאַט, וואָס האָט געשטעקט פון אונטער דער זייט, און זיך דערמאָנט: — דער האַנט־גראַנאַט! צוגעלאָפן און אַ ריס געטאָן דעם גראַנאַט אין איינעם מיטן שיידל און שוין מיטן גראַנאַט אין דער האַנט ווידער אָנגעהויבן שרייען און רופן דורך דער אָפענער טיר:

— ראַטעוועט!... ראַטעוועט!...

אין איין רגע האָט זיך אויף אים אַ רוק געטאָן פון דער פינצטערניש מיט דער ביקס און באַיאָנעט פאַראויס אַ זעלנער, אַ שטויס געטאָן אָן אַ זייט

מיט זיין גאַנצער יאָגנדיקער קראַפט דעם צעטומלטן מאַטלען. מאַטל האָט נאָך געזען, ווי ער האָט, אין גרויס איילעניש, אַ כאַפּ געטאָן דעם ברענענדיקן זעלנער פאַר אַ פוס און געגומען אים שלעפּן דורך דער טיר צו דעם פאַרשנייטן דרויסן. איין פוס האָט זיך דערביי פאַרטשעפּעט אָן דעם געזימס, ניט גע־לאָזט דעם קערפּער אַרויסשלעפּן.

דער זעלנער האָט געשלעפּט און געשלעפּט און ניט אויפגעהערט צו שילטן:

— דאָנער וועטער!... דאָנער וועטער!...

מאַטל איז געשטאַנען מיט דעם גראַנאַט אין דער האַנט, ווי אַ צוגע־שמידטער צו דער ערד. ערשט ווען דער קערפּער איז שוין געווען אין דרויסן, האָט ער זיך אָפּגעריסן פון אָרט און גענומען לויפן. ער איז געלאָפן איבער די בערג שניי, געלאָפן און געפאַלן, געלאָפן און געפאַלן. קיין זאַך מער ניט געהערט, קיין זאַך פאַר זיך ניט געזען אַחוץ דער פינצטערניש און שרעק. אין האַנט האָט ער געהאַלטן דעם גראַנאַט שטאַרק פאַרקלעמט אין זיין קליינער פויסט, ווי אַ טייערן אוצר, וואָס מ'האָט דורך גרויל און טויט באַדאַרפט ראַ־טעווען און ערגעץ ברענגען צו אַ ציל. די ציטערדיקע ליפּן האָבן ניט אויפ־געהערט צו מורמלען מיט אַ לעצטער מענטשלעכער עקשנות:

— פאַר רבקהלען... פאַר רבקהלען... פאַר רבקהלען...

און אַזוי מורמלענדיק איז ער געפאַלן טיף אין שניי און האָט זיך בשום אופן ניט געקאָנט אויפהייבן. ליגנדיק אָן כוחות, האָט ער פלוצלונג דער־פילט אין די קעשענעס די צוויי שטיינער, וועלכע ער האָט פריער מיטגענומען. זיי האָבן אים די גאַנצע צייט באַשווערט דעם טראָט, אָבער ער האָט וועגן זיי פאַרגעסן. איצט האָט ער זיך דערמאָנט. אַרויסגעוואָרפן זיי און פּרובירט זיך אויפהייבן. ניט געקאָנט. און דער שניי איז איבער אים געפאַלן און פאַרוויט זיין קליינעם קערפּער, פאַרשאָטן אים מיט וואַרעמקייט און פאַר־געסונג. נאָך אַ רגע און ער וואָלט פאַרלאָרן דעם באַוואוסטזיין. אָבער די ליפּן האָבן נאָך אַלץ געמורמלט:

— פאַר רבקהלען... פאַר רבקהלען... פאַר רבקהלען...

דאָס האָט אים נאָך אַמאָל אויפגעוועקט צום באַוואוסטזיין. ער האָט זיך אויפגעהויבן, אָבער לויפן האָט ער שוין ניט געקאָנט. דער ווינט און פראָסט האָבן צוגענומען דעם אָטעם פון זיינע לונגען. ער האָט נאָר געקאָנט וויינען. האָט ער זיך אַזוי געפּלאָנטערט איבערן שניי און געכליפּעט הויך אויפן קול, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט קינד אין אַ געדיכטן וואַלד. ניט געוואוסט ווען און ווי אַזוי ער איז געקומען אַהיים. אין האַנט האָט ער געהאַט דעם גראַנאַט איינגעקלאַמערט אין די פאַרפראָרענע פינגער, ווען טאַטע־מאַמע האָבן דער־הערט זיין קלאַפּ מיט דער דרויסנדיקער טיר, האָט ער פלוצלונג דערהערט פון אַלקערל דער מאַמעס אומרואיקן קול, וואָס האָט גערעדט צום טאַטן:

— האָסט געהערט, שלמה? אימיצער האָט, דאַכט זיך, אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר... גיי, שטיי אויף, גיב אַ קוק!...

מאָטל איז פון דער מאַמעס קול געקומען צום באַוואוסטזיין. שנעל זיך דורכגעשלייכט צום קליידער־אַלמער און פאַרשטעקט דאָרטן, צווישן די קליידער אין אַ ווינקל, דעם גראַנאַט. אין אַ מינוט אַרום איז דער טאַטע אַרויסגעקומען מיט אַ ליכט אין דער האַנט און דערשראָקן געזאָגט:

— ווער איז דאָ?... ווער איז אין הויז, ענטפער!...

נאָכן טאַטן איז נאָכגעגאַנגען, ווי אַ שאָטן, די מאַמע. אין שוואַכן ליכט האָט מאָטל ניט געקאָנט זען זייערע פּנימער. פון דער אייגענער שרעק, וואָס האָט אים פאַרכאַפּט דעם אָטעם, האָט ער ניט גלייך געקאָנט זאָגן אַ וואָרט. דער טאַטע האָט שוין אים אָבער דערזען, ווי ער איז געשטאַנען אַ פאַר־שנייטער פון קאָפּ ביז די פיס ביי דעם אַלמער און זיך ניט גערירט פון אָרט, ווי אַ פאַרשטיינערטער. ער האָט נאָך צייט געהאַט צו הערן דער מאַמעס אויסגעשריי:

— אוי, גאָטעניו, דאָס איז דאָך מאָטל!

אָבער מער האָט ער ניט געהערט. ער איז אומגעפאַלן צו דער ערד אין אַ טיפער חלשות. ווען מ׳האָט אים אויסגעטאָן און מיט שוועריקייט דער־מינטערט, האָבן זיינע ליפּן ניט אויפגעהערט צו מורמלען: „פאַר רבקהלען... פאַר רבקהלען...״ און טאַטע־מאַמע האָבן זיך נאָך לאַנג באַדאַרפט פאַרען אַרום אים צו ברענגען אים צום פולן באַוואוסטזיין. ער איז איצט געלעגן אונטער אַ באַרג שמאַטעס, אַ דערוואָרעמטער, געקוקט אויף טאַטע־מאַמע און ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס מיט אים האָט געטראָפן. האָט זיך ערשט דערמאָנט, ווען די מאַמע האָט ניט אויפגעהערט אים פאַנאַנדערפרעגן, וואו־הין ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין אַזאַ נאַכט און נאָך וואָס. האָט ער לאַנג ניט געענטפערט. נאָכדעם צוגעטראָכט אַ ליגן:

— כ׳בין געגאַנגען זוכן רבקהלען...

— רבקהלען, אין דער געטאָ?... ביסט משוגע, צי וואָס?!...

אָבער מאָטל האָט זיך געהאַלטן ביים ליגן. ס׳איז ניט געווען קיין געראָטענער ליגן. טאַטע־מאַמע האָבן ניט געגלויבט. האָבן אַפילו, אין פאַרצווייפלונג, אָנגעשריען אויף אים. און די מאַמע האָט געוויינט און גע־טענהט... אָבער ס׳האָט ניט געהאָלפן. מאָטל האָט ניט אויסגעזאָגט דעם אמת. שפּעטער, אַז זיי זיינען אַוועק שלאָפן, האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט פון בעט, שטילערהייט צוגעגאַנגען צום אַלמער, אַרויסגענומען דעם האַנט־גראַנאַט און אים פאַרזיכטיק אַריינגערוקט אין זיין תפילין־זעקל, וואָס איז געלעגן צווישן זיינע מכשירים אין אַ הילצערן קעסטל אונטער דער אַלטער קאַנאַפּע.

פון יענער נאַכטיקער איבערלעבונג איז מאָטל קראַנק געוואָרן. געלעגן עטלעכע טעג אין בעט אין היץ, די מאַמע האָט אים איינגעדעקט מיט אַ באַרג

שמאַטעס. אים געפּילנעוועט. אין דרויסן איז געווען קאַלטער ווינטער. דאָס הויז איז כמעט ניט באַהייצט געוואָרן. קיין דאָקטאָר איז אויך ניט געווען צו קריגן. און שוין דעם צווייטן אָונט איז דער טאַטע געקומען פון דער אַרבעט מיט שרעקעדיקע נייס:

מ׳האָט אין דער געטאָ געזוכט אַ יידיש קינד, נאָך גאָר אַ פּיצל, וואָס האָט אונטערגעצונדן אַ דייטשיש ביידל. אין ביידל איז געווען אַ דייטשישער וועכ־טער, וואָס איז דערביי שטאַרק צעברענט געוואָרן. אַ סך יידן זיינען דער־ביי געכאַפּט געוואָרן. מ׳האַלט זיי אַלס משכנות, און ווער ווייס, וואָס ס׳וועט מיט זיי זיין...

מאָטל האָט געזען, אַז טאַטע־מאַמע האָבן זיך געשושקעט צווישן זיך. ביידע זיינען געווען בלייך און דערשראָקן, געוואָרפן אויף אים פאַרדעכטיקע בליקן. אָבער זיי האָבן מורא געהאַט צו ברענגען זייער פאַרדאַכט צו מאָטלען.

ערשט אויף מאָרגן איז די מאַמע צוגעגאַנגען צו זיין געלעגער און גע־נומען טענהן דורך טרערן:

— זון מיינער, ווי איז מיר און ווינד... דו ביסט ביי מיר געבליבן איין אויג אין קאָפּ... ווי איז דער מאַמען!... ווי איז אונדז אַלעמען... גאָט זאָל דיך באַהיטן און באַשיצן, קינד מיינס... זיי גייען אַרום איבער דער געטאָ און זוכן יידישע קינדער, די מערדער... וואָס וועט מיט אונדז זיין?

און ס׳איז געווען ווי זי וואָלט זיך ביי אים געבעטן: זאָג אויס, מאָטל, זאָג דעם אמת! באַהאַלט קיין זאַך ניט אויס פון דיין מאַמען, פון דיין אומ־גליקלעכער מאַמען...

מאָטל האָט ניט געענטפערט. ס׳איז נאָר געווען אַ רחמנות אויף דער מאַמען. אַליין פאַר זיך איז ניט געווען ביי אים קיין מורא, נאָר פאַר דער מאַמען. ער אַליין וואָלט געקאָנט גיין צום טויט אָן שרעק. אים האָט זיך איצט געוואָלט שטאַרבן. בעסער טויט, איידער אַזאַ לעבן. ער האָט ניט גע־האָט קיין כוח מער צו טראָגן זיין לעבן. אָבער אויף דער מאַמען איז געווען אַ גרויס רחמנות. און אויך אויפן טאַטן. האָט ער געזאָגט:

— מאַמע, איך האָב דאָס ניט געטאָן... זיי רואיק, מאַמע, איך האָב דאָס ניט געטאָן. זיי רואיק...

ס׳איז געווען אַ ליגן. אָבער ס׳איז סיי־ווי־סיי גוט געווען צו זען, ווי אָט דער ליגן האָט געטאָן וואונדער. דער מאַמעס אויגן זיינען פול געוואָרן מיט ליכטיקער פרייד, ווי מ׳וואָלט מיטאַמאָל אַריינגעגאָסן נייע בלוטן אין איר אויסגעבלייכטן פּנים. זי איז צוגעפאַלן צו מאָטלען מיט הייסע קושן. די טרערן האָבן זיך פון אירע אויגן אַ גאָס געטאָן מיט נייע שטראָמען, אָבער דאָס זיינען שוין געווען טרערן פון גרויסער דערלייכטערונג און פרייד.

אין דער געטאָ זיינען דורכגעפירט געוואָרן אַ סך הויז־זוכונגען. די יידישע באַאַמטע האָבן געהאָלפן דער דייטשישער געסטאַפּאָ דורכפירן די זוכונגען. אָבער שלמהס הויז איז עפּעס, ווי דורך אַ נס, ניצול געוואָרן.

ה.

מאַטל איז ביסלעכווייז געזונט געוואָרן.

אָבער שוין אויפן צווייטן טאָג נאָך זיין פאַרלאָזן דאָס קראַנקן־געלעגער, אין מיטן דער נאַכט, זיינען מיט אַ טומל אָנגעקומען געסטאַפּאָ־אַגענטן אין דער באַגלייטונג פון אַ באַקאַנטן יידישן באַאַמטן און האָבן געהייסן אַלעמען אָנטאָן זיך, מיטנעמען פונעם סאַמע נויטיקסטן און גיין מיט זיי צו דער אייזנבאַן־סטאַנציע. ס׳איז ניט געווען קלאָר, וואוהין מ׳וועט זיי פירן און נאָך וואָס, אָבער די שרעק פון טויט איז שוין געווען אין שלמהס אויגן און אין דעם בלייכן פּנים פון דער מאַמען. טאַטע־מאַמע האָבן איינגעפּאַקט קלומיקלעך מיט וועש און עסנוואַרג, וואָס מ׳האָט געפונען אין שטוב, פאַר יעדן איינעם אַ באַזונדער פּעקל, ווי מ׳וואָלט שוין אין פאָראויס מורא געהאַט, אַז מ׳וועט זיך, חלילה, אָפּזונדערן איינער פונעם אַנדערן. טאַטע־מאַמע האָבן זיך זייער געאיילט און אַלע מאָל געזוכט אויסצומיידן איינער דעם אַנדערנס בליק.

שלמה האָט אַפּנים ניט געקאָנט אויסהאַלטן די גרויסע אָנשטרענגונג. פּלוצלונג געזאָגט הויך, ניט מיט זיין קול, צו דעם יידישן פּאָליציימאַן:

— ווי גאָט איז אייך ליב, — זאָגט וואוהין נעמט מען אונדז? פאַרוואָס נעמט מען אונדז אַזוי אַוועק אין מיטן נאַכט?

יענער האָט זיך אָפּגעקערט און געשוויגן.

האָט זיך שוין שלמה געווענדט צו די צוויי געסטאַפּאָ־לייט, וואָס זיינען ברייט געזעסן אויף די שטולן מיט אויסגעצויגענע פיס און האָבן געררייכערט סיגאַרעטן:

— פאַרוואָס נעמט מען אונדז אַוועק פון אונדזער היים? פאַר וועלכע זינד? איך האָב די גאַנצע צייט שווער געאַרבעט פאַר דער דייטשישער מאַכט...

ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע צוויי האָרעפּאַשנע הענט צו די צוויי אומפריינטלעכע מענטשן און ווידער געזאָגט:

— אָט זעט מיינע הענט. איך האָב מיט זיי געאַרבעט פאַר דער דייטשישער מאַכט. און איצט נעמט איר אונדז אַוועק... פאַרוואָס? פאַרוואָס?... זעט, מיין יינגל איז נאָך קראַנק, און איר נעמט אונדז אַוועק אין מיטן נאַכט... האָט רחמנות אויף אונדז, האָט רחמנות...

און זיין אויפגעגרעגט קול האָט זיך איבערגעבראָכן מיט אַ פאַרשטיקטן געוויין. אָבער איינער פון דער געסטאַפּאָ האָט זיך צו אים אַ הייב געטאָן מיט רוגזה:

— רייד ווייניקער, יודע! דו רעדסט אַ סך!

און האָט, צוליב עפּעס, אַ שטאַרקן שלעפּ געטאָן שלמהן פאַר ביידע לאַצן פון זיין מאַנטל. ס׳איז געווען אי אַ צי, אי אַ שטופּ אין איינעם, פון וואָס שלמהס קאָפּ האָט זיך שטאַרק אַ שאָקל געטאָן הין און צוריק. מלכה איז

באַלד אויסגעוואַקסן צווישן דעם מאַן און דעם דייטש מיט פאַרבראַכענע הענט:

— אוי, האַר מיינער, האָב רחמנות... מיין מאַן האָט קיין שלעכטס, חלילה, ניט געטאָן...

דאָ האָט זיך אויך אַ הייב געטאָן דער צווייטער דייטש און האָט זיך אַריינגעמישט, ווי ער וואָלט וועלן אימיצן דערמאָנען אויך וועגן זיין אייגענער אויטאָריטעט:

— נו, נו, גיט זיך אַ ריר... מיר וועלן דאָ ניט זיצן אַ גאַנצע נאַכט!

שלמה האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט, צוגעגאַנגען צום טיש, וואו ס'איז געלעגן זיין טלית און תפילין־זעקל און אים אַריינגערוקט אין פעקל. און צו מאַטלען האָט ער געזאָגט:

— פאַרגעס ניט דיינע תפילין, מיין זון. זאָלן זיי דיר ביישטיין פאַרן רבונו של עולם... און וואו דו זאָלסט ניט זיין, זאָלסטו דאַווענען... און גאָט וועט זיין מיט דיר, וואו דו וועסט זיך קערן און ווענדן...

און אין אַ פלוצלעכער עקסטאַטישקייט איז ער צוגעגאַנגען צו אים, אַרויפגעלייגט זיינע ביידע הענט אויף מאַטלס קאָפּ און האָט אים געבענטשט, ווי ער האָט עס געטאָן יעדן ערב יום כיפּור, מיט אינערלעכן אויפציטער, מיט גרעניצלאָזער פאַרטרוילעכקייט צו אימיצן, וואָס איז געווען גרעסער פון אַלץ אויף דער וועלט. פרום, אויף אַ קול, האָט ער קלאָר אַרויסגעזאָגט די ווערטער, ווי ער וואָלט וועלן, אַז אַלע זאָלן זיי דערהערן און פאַרשטיין:

— יברכך יהוה וישמרך. יאר יהוה פניו אליך ויחנך! ישא יהוה פניו אליך וישם לך שלום!

מלכה איז געשטאַנען מיט אויגן, אויפגעהויבענע צום הימל, ווי אַ פאַר־שטיינערטע. איבער די בלייכע באַקן זיינען איר געלאָפן טרערן.

די צוויי דייטשן האָבן זיך שווייגנדיקע צוגעקוקט צו דער אויסטערלישער סצענע. און איינער פון זיי האָט אַ פרעג געטאָן דעם יידישן פּאָליציימאַן:

— וואָס איז דאָס?

יענער האָט אים פּרובירט דערקלערן. ער איז אַליין געווען טיף גערירט, און די ווערטער האָבן אים געוואָרגן אין גאָרגל:

— ס'איז אַ יידישער מנהג אַזאַ... ער בענטשט זיין יינגל, ס'זאָל אים קיין בייז ניט געשען..... אַזאַ מנהג ביי פרומע יידן...

דער צווייטער דייטש האָט זיך מיט חוזק אָפּגערופן:

— מאָדנע מענטשן אייערע יידן. אַנומלט זיינען מיר געקומען אין אַ הויז. אַ גרויסע פאַמיליע געווען. דאָרטן איז דער טאַטע זייערער אַרומגעגאַנגען פון איין קינד צו דעם אַנדערן... אפשר אַ האַלבן טוץ פון זיי האָט ער באַדאַרפט אַזוי אַרויפלייגן די הענט אויף די קעפּ און זאָגן אַ תפילה. אַ לאַנגע פּראָ־צעדור געווען...

מאַטלען האָט זייער פאַרדריקט ביים האַרצן. אים האָט זיך איצט געוואָלט

שטאַרק וויינען. ער האָט אָבער ניט געוואָלט מצער זיין די מאַמע. נאָר געשטאַנען אויפֿן אָרט זייער אַ פֿאַרלאָרענער.

די מאַמע האָט צו אים געזאָגט:

— פֿאַרגעס ניט די תּפֿילין, מיין זון. האָסט געהערט וואָס דער טאַטעשי האָט געזאָגט? — פֿאַרגעס ניט די תּפֿילין...

מאָטל האָט מיט ציטערדיקע הענט אַרויסגענומען זיין תּפֿילין־זעקל. ער איז געווען שווערער, ווי אַלע מאָל. פּלוצלונג זיך דערמאָנט: דער האַנט־גראַנאַט! האָט ער, אין גרויס איילעניש, אַריינגעשטופּט דעם תּפֿילין־זעקל אין זיין קלומיקל, אויסמיידנדיק די בליקן פֿון די דייטשן.

דער עלטערער דייטש האָט ווידער געפֿרעגט:

— און וואָס איז דאָס? דאָס פּעקל...

דער ייִדישער פּאָליציאַנט האָט ווידער אָן חשק פּרובירט דערקלערן:

— דאָס זיינען תּפֿילין... ייִדן דאַווענען אין זיי...

דער צווייטער דייטש האָט ווידער געוואָלט ווייזן זיין וויסן וועגן ייִדן:

— ייִדן טוען זיי אָן אויפֿן קאָפּ און אויפֿן אָרעם... זיי שלעפּן אַלע מאָל זייער גאָט, וואוהין זיי גייען. ס׳איז טשיקאַווע, ווי זיי דעקן זיך איבער מיט אַזאַ ווייסער טוך מיט שטרייפֿן, וויקלען אַרום זייער קאָפּ און די אָרעמס מיט אַזעלכע שוואַרצע לעדערנע פּאַסן... ס׳איז טשיקאַווע צו קוקן. איך האָב אַמאָל געזען...

דער עלטערער דייטש האָט אים איבערגעריסן:

— נו, נו, מיר גייען! גיט זיך אַ ריר. ניטאָ קיין צייט.

געזאָגט, און זיך דער ערשטער אַ לאָז געטאָן צו דער טיר.

שלמה איז געווען דער לעצטער. ער האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט ביי דער טיר, אומגעקערט דעם קאָפּ אויף צוריק, זיין בליק איז געפֿאַלן אויף די ווענט, אויף דעם ביסל אָרעמקייט, וואָס האָט איצט שטום געוויינט מיט עלנטקייט, ווי ער וואָלט זיך מיט אַלץ געוואָלט געזעגענען. אויפֿן טיש איז געבליבן ברענען דאָס קליינע קעראָסין־לעמפּל. שלמה האָט אויף אַ רגע אַ טראַכט געטאָן, אַז מ׳האָט באַדאַרפֿט אויסלעשן דאָס לעמפּל, און באַלד פֿאַר־געסן, אַרויסגעגאַנגען און אָנגעהויבן שפּאַנען הינטער די איבעריקע, וואָס האָבן אין דער פֿינצטערניש פֿון הויף אויסגעזען ווי אַ געזעמל געהיימניס־פֿולע באַשעפֿענישן.

אויף דער גאַס איז געשטאַנען אַ גרויסער לאַסט־וואָגן, באַוואַכט פֿון צוויי זעלנער מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן. די קליינע משפּחה האָט אַרויפֿ־געקלעטערט און זיך באַלד אָנגעטראָפֿן מיט די דערשראָקענע נאַכטיקע ייִדישע בליקן, וואָס האָבן זיי געוואָלט דערקענען.

אין דער רגע האָט זיך די פּאַל־טיר אַ הויב געטאָן און איינגעשלאָסן אַלעמען אינעווייניק. ס׳האָט זיך דערהערט אַ ריטשען פֿון אַ קייט, וואָס מ׳האָט דורכגעצויגן דורך אייזערנע רינגען. ס׳האָט זיך דערהערט אַ קאָ־

מאַנדע: אָפּ!... און דער לאַסט־וואָגן האָט זיך מיט אַ שטאַרקן גערויש פון דעם מאָטאָר אַ לאָז געטאָן איבער פאַרפראָרענע הרודעס שניי, געקראָכן אי־בער שנייאיקע בערגלעך, שטאַרק צעטרייסלט די מענטשן אינעווייניק. אָבער די מענטשן האָבן זיך געהאַלטן שטאַרק צוגעדריקט איינע צו די אַנדערע, ווי שאָף, באַפאַלן פון שטורעם און קעלט. אַלע זיינען געווען אינאיינעם, אָבער יעדער איינער האָט אַריינגעווינט זיין אייגענעם געוויין אין דער קאַלטער נאַכט אַריין, אין דער האָפענונגסלאָזער נאַכט אַריין.

פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ האַרצרייסנדיקער געיאָמער פון אַ פרויען־קול, וואָס האָט געשריען אין דער נאַכט אַריין:

— יידן, וואוהין פירט מען אונדז?!... גוואַלד, יידן, וואוהין פירט מען אונדז?... כ׳וועל עס מער ניט אויסהאַלטן!...

איר שטים האָט זיך איבערגעריסן. אימיצער האָט זיך לעבן איר גע־פּאַרעט, עפּעס גערעדט צו איר. אָבער די איבעריקע האָבן געשוויגן. און ס׳איז גוט געווען איר אויסגעשריי און אויך גוט געווען די שווייגעניש. ווייל איר געיאָמער איז געווען אַלעמענס געיאָמער און די שווייגעניש — אַלעמענס שווייגעניש. און אַלע זיינען געווען פאַראייניקט אין דער נאַכט, וואָס האָט זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט.

ו.

ערשט אינדערפרי איז מען אָנגעקומען צו אַ היינטער־שטאָטישער באַן־סטאַנציע. דער קליינער וואָקזאַל און די פּלאַטפאָרמע איז געווען פול מיט יידן, מיט קליינעם און גרעסערן געפּעק. יידן האָבן זיך געטוליעט צו זייערע וואַליזעס, צו זייערע זעק און קלומיקלעך. יידן האָבן גערעדט דערשראָקענע רייד, איבערגערופן זיך מיט באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע. און אויף אַלע פּנימער איז געווען סוד און האָפענונגסלאָזיקייט און גרויסע פאַרלאָרנקייט. אַלע האָבן געפרעגט איין פראַגע:

— וואוהין פירט מען אונדז? רבונו של עולם, וואוהין פירט מען אונדז?

קיינער האָט ניט געקאָנט אָנרופן אַן אָרט. ניט גאָט און ניט מענטשן. אָבער אַלע האָבן שוין געוואוסט, אַז אָט באַלד וועט אָנקומען אַ באַן און וועט זיי ערגעץ אַוועקפירן, אַוועקפירן.

פון אומעטום האָט זיך געהערט דאָס געוויין פון קינדער, וואָס האָבן געווייניט פון קעלט, פון הונגער, פון וואַרלאָזיקייט. מאַמעס האָבן ניט געקאָנט איינשטילן זייער געוויין. פאַרביטערטע מאַמעס האָבן געשאָלטן זייער לעבן, געשאָלטן זייער בלוט און פלייש, געשאָלטן דעם הימל און די ערד, וואָס ס׳האָט זיי געבאָרן אויף דער וועלט. אַנטקעגן די אויגן האָבן אַרויסגעסטאַר־טשעט ביקסן מיט באַיאָנעטן פון דייטשישע זעלנער, אָפּענע מיילער פון מאַ־

שין־ביקסן אויף הויכע געשטעלן האָבן אַראָפּגעקוקט פון אַלע פיר ווינקלען פון דער פּלאַטפאָרמע.

פּלוצלונג האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מ׳פירט די יידן אויף אַרבעט. טיף אין פּוילן איז דאָ אַרבעט, אַ סך אַרבעט. דער דייטש בויט פאַבריקן, זאַוואָדן...

ווי אַ כוואַליע איז דער קלאַנג דורכגעלאָפן איבער די טויזנטער יידן און אויפגעוועקט אין די הערצער אַ האָפענונג. אפשר... אפשר איז די שרעק געווען אַן אומזיסטע? אפשר איז דאָס נאָר געווען אַ וויסטער, אַ פינצטערער חלום, וואָס איז מיטן אָנקום פון טאָג פּלוצלונג צערונען געוואָרן? מענטשן, וואָס זייער האָפענונג איז די גאַנצע צייט געהאַנגען אויף אַ האָר, זיינען גרייט געווען אָנצוכאַפּן זיך פאַר דעם קלאַנג ווי פאַר אַ דערלייזונג. מענטשן האָבן צוגעשריען איינער צו דעם אַנדערן, געוואָרפן איבער קעפּ פון עולם צו עולם האָפערדיקע רייד:

— יידן, פאַרלאָזט זיך אויף גאָט!... ס׳איז נאָך דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט!...

— ווייבער, וויינט ניט, קלאָגט ניט... גאָט וועט זיך מרחם זיין אויף אייערע קינדער!...

און נאָר די קאַלטע מוחות האָבן נאָך ניט אויפגעהערט צו פרעגן פראַגעס, און ס׳איז טאַקע געווען מאָדנע: דער דייטש האָט געטאָן זיין אַרבעט סיס־טעמאַטיש. ער האָט ליב געהאַט צו אָרגאַניזירן די אַרבעט מיט דער גרעס־טער פּינקטלעכקייט. און ס׳איז קיין מאָל ניט געווען זיין טבע צו פירן צו דער אַרבעט אַלטע לייט, קראַנקע מענער און פרויען מיט זייערע קינדער, צור־בויפגעטריבן, ערגעץ הינטערן שטאָט, אָן אָפּקלייב, אָן אָרדענונג. דערפאַר האָבן זיי ניט אויפגעהערט צו טענהן:

— אויב מ׳פירט אונדז אויף אַרבעט, פאַרוואָס זאָגן זיי ניט וואוהין? זיי וואָלטן דאָך פּראָסט־פּשוט געזאָגט: יידן, מ׳פירט אייך קיין קראָקע, קיין לאָדזש, צי לובלין... גיט אַ קוק אויף די מענטשן, — אָט דאָס זיינען עס די אַרבעטער, וואָס דער דייטש האָט אויסגעקליבן פאַר זיינע בויאונגען?... גייט, לייגט זיך ניט קיין פייגעלעך אין בוזעם...

מאָטל, וואָס האָט צוגעלייגט אַן אויער אומעטום, וואו דערוואַקסענע האָבן גערעדט, האָט געהאַלטן מיט די צווייפלער. שלמה מיט מלכהן האָבן זיך געוואָרפן פון האָפענונג צו פאַרצווייפלונג. אָט האָט מען געגלויבט אין אַ נס און אָט האָט מען שוין עפּעס געפונען אַ סימן, אַז אַלץ איז שוין פאַר־פאַלן, פאַרפאַלן. דערווייל האָט דער פראָסט אומברחמנותדיק געמאַטערט די מענטשן. דאָ און דאָרט האָבן מענטשן ניט אויסגעהאַלטן, געפאַלן אין אָנ־מאַכט, און די נאָענטע זייערע האָבן זיי ערגעץ געטראָגן, דורך דער געדיכטער־ניש פון עולם, נעענטער צו דער וואָקזאַל־געביידע און קיינער האָט ניט געוואוסט, צי זיי זיינען נאָר געפאַלן אין חלשות, צי זיי זיינען אויסגעגאַנגען.

פון צייט צו צייט האָבן זיך דערטראָגן איבער די קעפּ פון דער מאַסע געשרייען. פריער האָט געשריען איין קול און נאָכדעם — שוין עטלעכע. דערשראָקענע געשרייען. אַרום די קולות האָט זיך פאָרמירט אַ צוזאַמענלויף פון מענטשן, קאָפּ אויף קאָפּ. און די, וואָס זיינען געווען ווייטער, האָבן ניט געקאָנט וויסן וואָס ס'האָט געטראָפן. אָבער באַלד נאָכדעם האָט מען שוין געזען, ווי עטלעכע זעלנער מיט ביקסן אין די הענט זיינען געלאָפן אויף דער מאַסע, דורכשניידנדיק דעם מענטשן־געדרענג ווי מיט אַ מעסער. און אַ ווײַלע שפּעטער האָט מען געהערט שאָסן, קורצע, שאַרפע שאָסן, וואָס האָבן איבערגעלאָזט אין דער פּראָסטיקער לופט ווייסע, קיילעכדיקע רויך־קנוילן, וועלכע האָבן ניט געוואָלט פאַרשווינדן.

די שיסערײַ האָט אויפגערודערט אַ פּאַניק. מענטשן האָבן זיך געיאָגט אין טויט־שרעק צו אַנטלויפן. און האָבן ניט געקאָנט צוליב דער מוראדיקער ענגשאַפט. מ'האָט זיך געוואָרפן מענטש אויף מענטש, ווי ווילד־געוואָרענע.

ביסלעכווייז איז די נייס אָנגעקומען צו די ווייטערדיקע רייען: אַ פרוי איז פלוצלונג אַראָפּ פון זינען לעבן איר קינד. האָט מען זי דערשאָסן. אַ קראַנקער ייִד איז אומגעפאַלן צו דער ערד, האָט מען אים דערשאָסן. מאָטל, וואָס האָט געהאַלטן זיין אויער נאָענט צו די רייד פון אויפגערעגטע מענטשן, האָט שטענדיק געהאַט נייס פאַר טאַטע־מאַמע:

— זיי פירן אונדז אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער ערגעץ אַרום לובלין. די מענער און ייִנגערע פרויען וועט מען שיקן אויף אַרבעט.

אָדער:

— כ'האָב געהערט איינעם זאָגן, אַז מ'וועט אונדז שיקן קיין מזרח־פּרייסן בויען פעסטונגען קעגן דער רויטער אַרמיי, פלאַסטערן וועגן.

אָדער:

— מ'פירט אונדז קיין טרעבלינקע... יעדן טאָג גייען אָפּ באַנען אָנגעפּילט מיט ייִדן קיין טרעבלינקע.

דערווייל זיינען אָנגעקומען נאָך ייִדן. די מאַסע האָט זיך שוין געצויגן אַראָפּ פון דער פּלאַטפאָרמע אין דער לענג פון די רעלסן, ווייט הינטערן וואָקזאַל, אַזש אין די פאַרשנייטע פעלדער.

ערשט שפּעט נאָך מיטאָג איז אָנגעקומען די באַן. זי האָט זיך לאַנגזאַם צוגערוקט מיט אירע צוואַנציק פראַכט־וואַגאָנען. פון דעם לאָקאָמאָטיוו האָט זיך מיט אַ הילכיקן פיף־פאַף געהויבן אַ געדיכטער ווייסער רויך, וואָס איז געבליבן הענגען אין דער פּראָסטיקער לופט, ווי אַ ריזיקער וואָלקן, וואָס האָט זיך ניט געוואָלט רירן. די ברייט־געעפנטע טירן פון די וואַגאָנען האָבן, ווי אָפענע מיילער, באַלד אָנגעהויבן איינשלינגען די מאַסע, דאָס געפּעק, דערוואַקסענע און קינדער. אַזאַ איילעניש איז געווען ביי אַלעמען. מענטשן האָבן זיך געשטויסן, געקראָכן איינער איבערן אַנדערן, געיאָגטע פון אַ מאָדנעם פאַרלאַנג וואָס שנעלער אַריין אינעווייניק, ווי דאָרטן, אינעווייניק, וואָלט פאַר

זיי געוואַרט ווער־ווייס וואָס פּאָר אַ גליק. זעלנער, וואָס זײַנען פּלוצלונג אויסגעוואַקסן אין גרויסע צאָלן, האָבן מיט די „פּריקלאַדן״ פון די ביקסן, מיט די באַיאָנעטן אונטערגעאײַלט די לאַנגזאַמערע, די אָפּגעשטאַנענע, געזידלט זיי מיט גראָבע ווערטער און געוואָרפן קללות. אָנגעכאַפּט די וויינענדיקע קינדער און זיי געשליידערט אין וואַגאָן, ווי מ׳שליידערט זעק מיט זאַכן.

אין אַ פערטל שעה זײַנען שוין אַלע וואַגאָנען געווען איבערגעפּאַקט, קאָפּ אויף קאָפּ. ס׳איז ניט געווען וואו צו זיצן און וואו צו שטיין. די שווערע טירן האָבן זיך פאַררוקט, איבערלאָזנדיק די צוזאַמענגעדריקטע מענטשן אין פינצטערניש, אָן לופט און אָן וואַרעמקייט. דער קראַנקער אָטעם פון אויסגעמאַטערטע מענטשן האָט אָנגעפילט דעם קלײנעם פרײַען שטח צווישן די קעפּ פון די מענטשן און דעם דינעם ברעטערנעם באַלקן איבערן קאָפּ. די ענגשאַפט איז געוואָרן נאָך ערגער. דערפאַר איז אָבער דאָ געווען וואַרעמער ווי אינעם אָפענעם פּראָסטיקן דרויסן. די אָפּגעקילטע קערפּערס האָבן נאָך ערגעץ געפונען אין זיך אַ ביסל וואַרעמקייט צו באַשענקען דעם צוגעדריקטן מענטשן און אַ טייל אַפילו אָוועקגעבן צוריק.

שלמה מיט מלכהן האָבן באַוויזן צו זײַן נאָענט איינע צו די אַנדערע. זיי האָבן אַפילו באַוויזן אַוועקצוזעצן זיך אויף די אייגענע פּעקלעך, האַרט לעבן דער קאַלטער וואַנט, אָבער מאָטל איז אין דעם ערשטן געדרענג פאַרשטופּט געוואָרן אין אַ ווייט ווינקל, פון וועלכן ער האָט שוין ניט געקאָנט קומען נאָענט צו די עלטערן. ער האָט זיך עטלעכע מאָל פּרובירט אויפהייבן אַ ביסל העכער, צו לאָזן וויסן טאַטע־מאַמע, אַז זיי זאָלן זיך וועגן אים ניט זאָרגן, ער איז דאָ. אָבער מער ווי זײַנע דאַרע הענט, וואָס האָבן זיך אַ שטרעק געטאָן און זײַן ווייטן קול האָבן זיי ניט געזען. און ס׳האָט געדויערט זייער לאַנג ביז ער האָט זיך דורכגעשטופּט צו זיי דורכן געבייזער פון מענטשן, וואָס האָבן ניט געוואָלט ליידן זײַן פאַרעקשנטן באַגער צו קומען צו די עלטערן, זײַן קריכן צווישן די פיס פון מענטשן, וואָס האָבן קוים געהאַט אַן אָנהאַלט אונטער זיך. אָבער ער איז דאָך ענדלעך אָנגעקומען מיט זײַן קליינעם קלומעקל.

די באַן איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען, ווי אַ צוגעפראָרענע צו די רעלסן. מענטשן האָבן שוין קיין כוח ניט געהאַט צו שטיין אויף די פיס, און די באַן איז נאָך געשטאַנען. אַז די באַן וואָלט זיך גערירט, וואָלט כאָטש געווען די האָפענונג, אַז ווען עס איז ווערט מען אין ערגעץ אָנקומען. באַפרייען זיך פון דער ענגשאַפט און אפשר אויך דערוויסן זיך וועגן דעם אייגענעם גורל. און אַזוי איז מען געווען ווי געפאַנגענע אין אַן ענגער, קאַלטער שטייג. האָבן מענטשן זיך באַקלאָגט:

— האָבן אונדז פאַרפּאַקט אין די וואַגאָנעס און — גאָר ניט...

— וואָס אַרט דעם דייטש? אַבי ער האָט אונדז פאַרפּאַקט...

— ער האָט ניט קיין רחמנות, דער דייטש... אַ ייד וואָלט אַפילו אויף חיות רחמנות געהאַט... וואָס הייסט, מ'נעמט אַט אַזוי לעבעדיקע נפשות און מ'האַלט זיי איינגעשפּאַרט?

— אַ ייד אַ חכם, ביים דייטש זוכט ער רחמנות!...

— וואָס דען האָט איר געוואָלט, איך זאָל אַט אַזוי אויסגיין דאָ און שווייגן?

— ביים דייטש וויל ער רחמנות... און גאָט האָט אויף אייך רחמנות?

— אַלע האָבן אונדז פאַרלאָזן, מענטש און גאָט...

אַ פרוי פון אַ ווייטן ווינקל האָט מיט אַ וויינענדיקן קול געזאָגט:

— גאָט דערבאַרעמדיקער, פאַרוואָס האָסטו פאַרלאָזן דיינע קי־נדע־ער?... פאַרוואָס פלאָגסטו דיין פאָלק ישראל?!...

אַ יונגער מאַן האָט מיט אַ ציטערדיקן קול געזאָגט:

— וויינט ניט און קלאָגט ניט. מאַכט ניט קיין פּאַניק... נאָך דאָס האָט אונדז געפעלט, מיר זאָלן אַריינפאַלן אין אַ פּאַניק...

אַן עלטערער ייד, וואָס האָט די גאַנצע צייט געמורמלט אַ תפילה, האָט פּלוצלונג געזאָגט:

— און מנחה האָט איר געדאַוונט? און מעריב האָט איר שוין געדאַוונט? פאַרוואָס זאָל אויף אייך גאָט רחמנות האָבן? אַז אין אַן עת־צרה פאַרגעסט איר אַפילו זיין נאָמען צו דערמאָנען אויף די ליפּן...

אַ צווייטער ייד האָט זיך אָפּגערופן:

— גערעכט, ווי איך בין אַ ייד, יידן, לאָמיר דאַוונען מנחה!

עטלעכע שטימען האָבן אויפן קול אָנגעהויבן דאַוונען מנחה. נאָך עטלעכע זיינען צו זיי צוגעשטאַנען.

ערשט שפּעט ביינאַכט, ווען מענטשן זיינען, צוגעפאַלענע איינע צו די אַנדערע, געשלאָפן, אָדער געדרעמלט, מיט פאַרמאַכטע אויגן, ניט האָבנדיק מער קיין כוח צו ריידן, אָדער אויסצודריקן אַ לעבעדיק געפיל, האָט זיך די באַן אַ שטאַרקן שטויס געטאָן, זיך אַ ריס געטאָן איין מאָל און אַ צווייטן מאָל, אויפטרייסלענדיק אַלעמען פון דער פיינלעכער פאַרגעסונג, און גענומען זיך באַוועגן פאָראויס. די באַן איז אַזוי געלאָפן אפשר ניט מער ווי אַ שעה און האָט זיך, צוליב עפּעס, אָפּגעשטעלט. און ווידער איז אַזוי די באַן גע־שטאַנען ערגעץ זייער לאַנג און ווידער האָט זי זיך אָפּגעריסן מיט אַ שטאַרקן שטויס פון אָרט און גענומען באַוועגן זיך פאָראויס. אַזוי האָט פּאַסירט עטלעכע מאָל דורך דער נאַכט, און קיינער האָט ניט געוואוסט, פאַרוואָס זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און פאַרוואָס זי איז געשטאַנען אַ לאַנגע צייט אָן באַוועגונג. און די נאַכט איז געווען זייער אַ לאַנגע, אַ פיינלעכע. די, וואָס האָבן ניט געקאָנט בארויקן זייער געמיט און איינדרעמלען, האָבן געטראַכט וועגן די שלאָפנדיקע, אַז זיי איז גוט, און אַז ס'איז נאָך בעסער יענע, וואָס וועלן זיך אפשר קיין מאָל ניט אויפכאַפּן צום לעבן.

פײַנלעכער פון אַלץ איז געווען דער געוויין פון די קליינע קינדער, וואָס פלעגן זיך אויפכאַפּן מיט אַ ביטערן געוויין און ניט געוואָלט אויפהערן. ווי נאָר איין קול האָט אויפגעריסן די לופט, אַזוי האָבן זיך די אַנדערע אויפגעכאַפּט און זייער געוויין האָט אויפגעריסן די וואונדן פון די קראַנקע געמיטער. מאַמעס האָבן אַרויסגעריסן פון זייערע הערצער די צערטלעכסטע ווערטער צו באַרואיקן זייער שרעק אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט. מאַמעס האָבן מיט טרערן געדריקט צו זיך די פאַרטרערטע קאַלטע פנימלעך און צוגעזאָגט זייערע קינדער דאָס טעלערל פון הימל, נאָר זיי זאָלן איינשלאָפן. אָבער די קינדער האָבן געצויגן זייער געוויין אָן אויפהער, אָן אויפהער און האָבן אויפגערעגט די פאַרוויטיקטע הערצער צו ביטערניש, צו ברוטאַלע פּראָטעסטן:

— פאַרשטאָפּט אים ס׳מויל מיט דער ברוסט!... אַ מאַמע זאָל נישט קאָנען איינגעמען אַ קינד!... האָט איר געזען אַ מאַמען?... — איך וואָלט אַזאַ קינד שוין פאַרשטאָפּט ס׳מויל!... — גיט אים אַ פּאָר גוטע פּעטש, וועט עס אַנטשוויגן ווערן!... — און וואו נעמט עס אַזוי פיל עקשנות אַט אַזוי צו יאָמערן, ווי אַ געקוילעטער, אַ גאַנצע נאַכט?... — מ׳קאָן דאָך פון זינען אַראָפּ, מיט אַזעלכע קינדער!... אַ מזל האָבן מיר, קינדער גאָר אין אַזאַ אומ־גליק... — אין אַזאַ צייט — קינדער גאָר!... ווער אַנטשוויגן, ממזר!... — אַט וועל איך צוגיין און וועל אים דערוואַרגן, דעם אומגליק!.... — אוי, כ׳וועל עס ניט אויסהאַלטן, ניט אויסהאַלטן!... — גאַטס שטראָף, קינדער דאַרפן מיר דאָ האָבן אין אַזאַ נאַכט!...

די מאַמעס האָבן זיך אויסגעשלאָגן פון די כוחות און האָבן טאַקע ביטער געשלאָגן זייערע קינדער, געשטילט זייער ביטערניש אויף דעם פּיין פון זייער בלוט און פלייש, איינגעקניפּט זיך אין זייערע צאַרטע לייבער מיט קנאָכיקע פינגער און פאַרביטן די צערטלעכע רייד אויף ביטערע קללות, די טיפע ליבשאַפט אויף האַס, די רחמנות־טרערן אויף טרערן פון שנאה און פאַרצווייפלונג. דערצו האָבן זיך די קינדער געגעצט און איינגעריכט. פון דעם איז אין וואַגאָן געשטאַנען אַ געשטאַנק, וואָס האָט זיך ניט געקענט אויסוועפן דורך די קליינע שפּעלטעלעך אין די וואַגאָן־ווענטלעך.

מאָטל האָט די גאַנצע צייט ניט געקאָנט איינשלאָפן. ער איז געזעסן צוגעטוליעט צו טאַטע־מאַמע און זיך געפילט, ווי אַ דערשראָקן קינד. ער האָט געהאַט דאָס געפיל ווי ער וואָלט דורך דער גאַנצער נאַכט באַדאַרפט וואַכן איבער דעם לעבן פון זיינע טאַטע־מאַמע. זיי זיינען געשלאָפן מיט געפאַלענע קעפּ. מאָטל האָט זיי ניט געקאָנט זען, אָבער געפילט זייער אָטעם. זיי זיינען געווען לעבן אים.

דורך דער לאַנגער נאַכט האָט זיך די מאַמע אַ סך מאָל אויפגעכאַפּט מיט אַ טיפן זיפץ, אויפגעזוכט מיט די הענט מאָטלען, געוואָלט וויסן צי ער שלאָפט, און מאָטל איז געקומען מיט אַ באַרואיקנדיקן וואָרט:

— זאָרג ניט מאַמע, שלאָף... איך שלאָף!
דער טאַטע פלעגט זאָגן:
— מאָטל, לייג אַוועק דעם קאָפּ צו מיר אויף די קני... וועסט אפשר איינשלאָפן.

ז.

ביין, מאָטל האָט ניט געקאָנט איינשלאָפן. ער האָט געטראַכט וועגן זיינע פלענער, וואָס זיינען ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק געווען אַזוי קלאָר און מעגלעך, ווען ס׳זיינען אין וואַרשע געווען אַזוי פיל וועגן אַוועקצוגעבן דאָס לעבן פאַר רבקהלען, פאַר אַלע יידן. אין וואַרשע זיינען געווען נעסטן פון דייטשן, וואו אַזאַ גראַנאַט וואָס ער האָט מיט זיך געפירט, וואָלט געקאָנט עפּעס אויפטאָן. אָבער איצט איז אַלץ געווען פאַרטונקלט אין אומקלאָרקייט. קיין זאַך האָט ניט געהאַט קיין זין. דער האַנט־גראַנאַט, וואָס ער האָט דער־גרייכט מיט אַזוי פיל מסירת נפש, האָט אויך ניט געהאַט קיין זין. און ס׳איז אַפילו געווען אַ מורא, טאָמער וועלן די דייטשן מאַכן אַ זוכונג. באַפרייען זיך פונעם גראַנאַט איז אויך דערוייל ניט געווען קיין מעגלעכקייט. ער האָט דעם גראַנאַט אַפילו ניט געקאָנט פּשוט אַרויסוואַרפן אויפן שניי.

דער פרימאָרגן האָט די באַן געטראָפן שטייענדיק אויף אַן אָפענעם פעלד, אויף אַ זייטיקער ליניע. דורך שפּאַלטן אין די ווענט האָבן די וואַנדערער געזען פאַר זיך שמאָלע פּאַסן שניי, וואָס האָבן זיך געצויגן ביז די האָריזאָנטן. פון וויטן האָט זיך געהערט אַ געבראַזג פון קייטן, אַ געקלאַפּ פון געעפנטע וואַגאָנען. באַלד האָט מען אויך דעם וואַגאָן געעפנט. באַוואָפנטע דייטשן האָבן דערלויבט אַראָפּצוגיין אויפן שניי פאַר די נאַטירלעכע באַדערפעניש. מענער און פרויען האָבן זיך מיט שווערקייט אַרונטערגעלאָזט פון די וואַגאָ־נעס, זיי זיינען געקראָכן טיף אין שניי און האָבן, אַן אַ וועלכער עס איז שאַנד, דורכגעפירט זייערע באַדערפענישן, ווי זיי וואָלטן שוין ווער ווייס ווי לאַנג געלעבט אין אַט דעם צושטאַנד פון הפקרדיקייט. אויף אַ שטרעקע ווייטער זיינען געשטאַנען באַוואָפנטע זעלנער און אָפּגעהיט, מ׳זאָל ניט וואָגן צו אַנטלויפן, כאָטש ס׳איז כמעט אוממעגלעך געווען פאַר אַ מענטשן אַוועקצו־לאָזן זיך איבערן טיפן שניי, וואָס האָט דערגרייכט ביז איבער די לענדן. מענטשן מיט פאַרגליווערטע גלידער האָבן זיך באַוועגט הין און צוריק לעבן די וואַגאָנען, פרובירנדיק דערוואַרעמען די אייגענע בלוטן. די דאָר־שטיקע האָבן געשטופּט אין די מיילער דעם פראָסטיקן שניי צו שטילן דעם דאָרשט. מענטשן האָבן פאַרבונדן געשפּרעכן, געוואָלט דערגיין עפּעס פון אייגענעם אומבאַקאַנטן גורל. יעדן איינעם האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער צווייטער, דער דריטער, ווייס עפּעס. אָבער קיינער האָט ניט געוואוסט, וואוהין מ׳האָט געפירט און נאָך וואָס.

דריי געסטאַפּאָ־לייט זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די וואַגאָנען און פון

יעדן וואַגאָן אַרויסגעשליידערט אויפֿן שניי די קערפּערס פֿון טויטע און פֿאַר־חלשטע ייִדן. די קערפּערס זייַנען געלעגן אין שניי מיט צעוואָרפֿענע הענט, אָדער אייַנגעאַנצן צונויפֿגעדרייט אין אַ קנויל. קיינער איז צו זיי ניט צוגע־גאַנגען, קיינער האָט זיי ניט געזוכט צו דערקענען. דאָס לעבן איז געווען הפֿקר, און דער טויט איז געווען הפֿקר.

מלכּה האָט געקוקט אויף איר מאַן, אויף מאָטלען. אין דעם גרויען פֿרימאָרגן האָבן זייערע פּנימער פֿאַרלאָרן זייער באַקאַנטן אָנבליק. איין מעת־לעת האָט זיי פֿאַרענדערט, ניט צו דערקענען. זי האָט אָנגעכאַפּט דעם מאַן פֿאַר די קליידער און האָט ניט אויפֿגעהערט צו טענהן:

— שלמה, ס׳איז עק וועלט... שלמה, טו אַ קוק, וואָס דאָ טוט זיך, שלמה!... איך וועל ניט אויסהאַלטן, שלמה!...

שלמה האָט געשוויגן. אַזאַ שוויַיגעניש האָט אַרומגעכאַפּט זייַן לעבן, אַז זאָגן אַ וואָרט, אויסדריקן אַ געדאַנק, אָדער אַ מיינונג איז געווען אַ מורא...

אָבער מלכּה, וואָס האָט פֿרייַגעלאָזן אירע געפֿילן, האָט ניט געקאָנט שווייַגן. זי איז צוגעפֿאַלן צו מאָטלען, אים אַרייַנגעכאַפּט אין אירע אָרעמס און ניט אויפֿגעהערט צו יאָמערן:

— קינד מייַנס, אומגליקלעך קינד מייַנס, אַז פֿאַרשאָלטן זאָל ווערן דייַן מאַמעס טראַכט, וואָס האָט דיך געבאָרן, אַז פֿאַרשאָלטן זאָל ווערן דער טאָג, ווען איך האָב דיך געבראַכט אויף דער וויסטער, פֿינצטערער וועלט... אוי, פֿאַרוואָס ביסטו מיר ניט געשטאָרבן אין דער מאַמעס בויך, רבונו של עולם!...

מאָטל איז געשטאַנען און געקוקט אין דעם שנייאיקן דרויסן, ס׳איז אים געווען קאַלט. ס׳האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אויף אַ צאָן פֿון קעלט און אייַנ־געהאַלטענעם געוויין. אויפֿן זין זייַנען געקומען געוויינלעכע מענטשלעכע ווערטער, וואָס איין מענטש זאָגט אַ צווייטן, ווען יענער וויינט, ווען ער טענהט זיך אויס מיט גאָט. אָבער דער מענטש איז געווען זייַן אייגענע מאַמע. ער האָט איר באַדאַרפֿט זאָגן:

— מאַמעשי, וויין ניט... שטאַרק זיך, מאַמעשי... וועסט זען, הייַנט, אָדער מאָרגן, וועלן מיר אין ערגעץ אָנקומען. דער טאַטעשי וועט קריגן אַרבעט... דער טאַטעשי האָט אַ גוטע מלאכה אין האַנט... מ׳וועט אונדז געבן אַ הויז... מיר וועלן איבערקומען די ביטערע צייַט... אייביק וועט דאָס דאָך ניט אָנהאַלטן.. מ׳דאַרף זיך שטאַרקן, מאַמעשי, מ׳דאַרף האָפֿן, מאַמעשי...

אָבער די אַלע ווערטער זייַנען איצט געווען אַ ליגן. זיי האָבן ווי געטאָן. זיי זייַנען געווען אַ חוזק פֿאַר זיך און פֿאַר דער מאַמען. ס׳איז געווען אָפּנאַ־רערייַ און חוזק. אמת האָט געקאָנט זייַן נאָר נקמה און טויט. אמת איז געווען נאָר דער האַנט־גראַנאַט, וואָס איז געלעגן צווישן דעם של־ראש און דעם של־יד אינעם קליינעם תּפֿילין־זעקל, וואָס איז געווען פֿאַררוקט טיף אין זייַן קלומיקל. און דער מאַמעס געוויין האָט מען געקאָנט אויסקויפֿן נאָר מיטן בלוט פֿונעם שונא. און אויך דעם טאַטנס מוראדיקן שווייַגן...

האָט ער געשוויגן. געדולדיק געוואַרט ביז די מאַמע וועט אויפהערן איר געוויין. און אַז זי האָט סוף־כל־סוף אויסגעשעפּט אירע טענות, האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין, ווי איינער זאָגט אַרויס אַ הייליקע שבועה:

— עס וועט זיי ניט געשאָנקען ווערן! עס וועט זיי ניט געשאָנקען ווערן!...

און ס'איז געווען דער אויסדרוק פון אַ קינד און אַ דערוואַקסענעם, איינ־איינעם. ניין, דער האַנט־גראַנאַט איז שוין ניט געווען קיין ווייטער חלום. און יענע נאַכט, ווען ער האָט, דורך בלוט און פייער, געטראָגן אים דורך דער גרויסער זאַווערוכע אין די פאַרפראָרענע פינגער, איז אויך ניט געווען קיין חלום. אָ, וואָס פאַר אַ גרויסע פרייד עס וועט איצט זיין, ווען ער וועט זיך מיט די ציינער איינקלאַמערן אין דער „סטאָפּקע", אַרויסבייסן זי פון דעם איינגעווייד פון דעם גראַנאַט און מיט דער רעכטער האַנט שליידערן דעם פייער־דיקן גראַנאַט דעם שונא אין פּנים אַריין! פריער האָט עס געקענט זיין אַ חלום, אַ ברענענדיקער פאַרלאַנג, אָבער איצט איז עס שוין געווען אַ רעאַלע זאַך, וואָס וועט זיכער קומען היינט, אָדער מאָרגן. און נאָר צוליב דעם האָט איצט געהאַט אַ זין זיין קליין ביסל לעבן, וואָס האָט זיך נאָך קוים גע־האַלטן ביים ראַנד פון טויט. פריער איז דאָס געווען פון אַ קראַנקער קינדער־שער פאַנטאַזיע, וואָס האָט געזוכט אויסדרוק, און איצט האָט עס באַדאַרפט ווערן די טאַט פון דערוואַקסענעם, פון מאַטלען, וואָס איז דאָ צווישן וואַנדע־רער געווען אַ גלייכער, אַ מענטש אָנגעזעטיקט מיט יאָרן און דערפאַרונגען, וואָס איז דורכגעגאַנגען דעם גרויל פון וועך ווייס וויפל טויטן און איז שוין אַליין געשטאַנען פּנים אל פּנים מיטן טויט. דאָס לעבן איז געווען ווי אַן אײ־בערגעצויגענע סטרונע, — נאָך איין צי, און זי וועט פּלאַצן.

לאַנג האָט ער ניט געקאָנט טראַכטן. באַלד האָט מען זיי געגומען אין גרויס איילעניש אַריינטרייבן אין די וואַגאָנען. אַזאַ איילעניש איז פּלוצלונג באַפאַלן די זעלנער מיט די ביקסן. זיי זיינען געשפּרונגען איבערן שניי, ווי האָזן, מיט די באַיאָנעטן פאַראויס, געשטויסן און געשטאָכן, ווי זיי וואָלטן אומיסטן געוואָלט אַרויסרופן אַ פּאַניק, אַ צעטומלעניש, אין וועלכער מענטשן וועלן פאַלן צו דער ערד געטראָטענע פון אַנדערע, פון שטאַרקערע. די אַריינגעגאַנגען זיינען געווען הויך איבער דער ערד. ניט פאַר אַלעמען איז לייכט געווען אַרויפצוקלעטערן אויף דער פּלאַטפאָרמע. עס איז געווען אַ מאַטערניש. די שווערע ווינטערדיקע קליידער האָבן געפּענטעט. די מורא פאַרן באַיאָנעט האָט אָנגעקנוילט אַן אומגעדולדיקע מענגע ביי יעדן אַריינ־גאַנג. שלמה, מלכה און מאַטל, וועמען עס איז געלונגען צו זיין צווישן די ערשטע איינוויינינק, האָבן צוגעזען דעם ווילדן געראַנגל פון מענטשן, געזען די אַנגסטיקע פּנימער, געזען מענטשן, וואָס זייערע הענט האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער אייזיקער פּלאַטפאָרמע איין מאָל און צוויי מאָל, און ניט געקאָנט אַרויפקלעטערן, אָפּגעפאַלן און געבליבן אויף דער ערד, געטראָטענע פון

אַנדערע, וואָס זיינען שוין איבער זיי געקראָכן, ווי איבער טרעפּ, צום אַריינ־גאַנג, ווי צו אַ לעצטער רעטונג.

ווען די טירן האָבן זיך פאַררוקט, האָט קיינער אין די וואַגאָנען ניט געוואוסט וויפל יידן ס'האָבן געפעלט. אָבער דאָס ביטערע געוויין פון זייערע נאָענטע, וואָס האָבן, הויך אויפן קול, אויסגעיאָמערט זייערע נעמען, די גראַמקייט אין וואַגאָן, האָט דערציילט, אַז אָט דאָ, אַרום די וואַגאָנען, אויף דעם פאַרשנייטן פעלד, זיינען געלעגן די ערשטע קדושים, די ערשטע קרבנות פון דער רייזע אין דער אומבאַשטימטקייט אַריין.

די באַן האָט זיך נאָך אַ לאַנגע צייט ניט גערירט פון אָרט. אייניקע, פון די פרימערע, האָבן אָנגעהויבן דאַווענען. שלמה האָט אַפילו אַרויסגענומען פון פּעקל זיין טלית און אים אַריבערגעוואָרפן איבער זיינע קליידער. אַנדערע האָבן געזאָגט תהילים, און נאָך אַנדערע, וואָס זיינען ערשט געוואָרן אבלים, האָבן געוויינט און געטענהט, צונויפגעקנוילטע אין די ווינקלען פון וואַגאָן. די מערסטע האָבן געהויערט איבער זייער ביסל געפעק און געשוויגן. די גראַמקייט אין וואַגאָן האָט דערמאָנט, אַז אָט דאָ אַרום זיינען געפאַלן די ערש־טע קרבנות, ווי נאָך אַן ערשטער שלאַכט. אימיצער האָט נערוועז אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די פאַרפראָרענע פיס איבער דער פאָדלאָגע צו דערוואַרעמען זיך, און באַלד האָבן אים אַנדערע נאָכגעטאָן — ניט אַזוי צוליב דער דערוואַרעמונג, ווי צוליב געבן אויסדרוק דער גרויסער אומרואיקייט, וואָס האָט געוואָרגן ביים גאָרגל.

פּלוצלונג האָט אָנגעהויבן וויינען אַ קינד, און אַלע האָבן זיך פאַרוואונ־דערט. אַ קליין קינד איז נאָך דאָ געווען. אַ מאַמע האָט נאָך געהאַט כוח אַרויסצוראַטעווען אַ קינד פון טויט. אַ ווייל̈ע פריער האָט מען קיין פּיפּס ניט געהערט פון אַ קינד, און איצט האָט זיך עס פּלוצלונג פאַנאַנדערגעוויינט און געצויגן זיין ביטערן יאָמער מיט אַ הייזעריקן קול. אַלע האָבן אויפ־גענומען דעם געוויין מיט יעדן קראַנקן נערוו, ווי דאָס קליינע קינד וואָלט געוואָרן דער שליח־ציבור פון אַלעמען, אַלעמען.

די מוטער האָט פּרובירט מיט אַלערליי מאַמישע רייד צו באַרואיקן דאָס קינד. פריער מיט גוטע רייד, מיט גרויסער ליבשאַפט און צער, מיט געבעט און מיט גוטע מוטערלעכע צוזאָגן. נאָכדעם האָבן זיך די רייד פאַר־ביטן מיט ווערטער פון פאַרצווייפלונג און קללות:

— נו, שאַ, נו, שאַ!... קינד מיינס, מיר פאַר דיר... אַ ווייטיק דער מאַמען דיינער, מיין קינד... אַ ווייטיק און אַ קלאָג... אַז אויסגעקאָרענעיעט זאָל ווערן דיין מאַמעס לעבן, וואָס האָט דיך געבראַכט צו אַזאַ לעבן... אומ־גליק מיינער, פאַרוואָס האָט מיך אַ דייטשישע קויל ניט געטראָפן?...

איצט איז שוין אויך די מאַמע געוואָרן דער אויסדרוק פון אַלעמענס געמיטער. און מענטשן האָבן זיך מיט ביטערער הנאה צוגעהערט צו אירע רייד.

ענדלעך האָט זיך די באַן אַ שטאַרקן ריר געטאָן און גענומען, פריער לאַנגזאַם און נאָכדעם שנעלער, לויפן. אָבער דאָס האָט שוין קיינעם ניט דערפרייט און ניט דערשראָקן. ס׳איז געווען אַלץ איינס. ווייל ס׳איז סיי־ווי שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, אַז מ׳וועט ווען עס איז ערגעץ אָנקומען.

דאָס קינד האָט אויפגעהערט צו וויינען. מענטשן האָבן איצט געהאַט אַ פאַרלאַנג צו שווייגן. מ׳האָט זיך צוגעטוליעט צו די נאָענטע, אָדער צו די אייגענע פעקלעך און איינגעהאַלטן דעם אייגענעם אָטעם, ווי מ׳וואָלט מורא געהאַט נאָך אַמאָל אויפצואוועקן דאָס באַרואיקטע קינד. ס׳איז געווען אַ מורא, אַז עפּעס וועט זיך אַ ריס טאָן פון דער שטילקייט און אַלעמען איבערשרעקן.

מאָטל האָט געקוקט אויף די מענטשן, און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די אַרומיקע זיינען גאָר ניט קיין מענטשן, נאָר עפּעס מאָדנע חיות, וואָס מ׳האָט זיי צונויפגעטריבן אין אַ פינצטערער הייל. עפּעס וועט פּאַסירן, און זיי וועלן זיך אַ ריס טאָן פון זייער פאַרגליווערטקייט, וועלן אָנהייבן קריכן איינער איבערן אַנדערן, ווי פריער, בעת מ׳האָט זיי געטריבן אין די וואַגאָנעס, צעפּלאָשעטע ווי עקדישן אין אַ הייל, — וועלן קריכן, לייב אויף לייב, קאָפּ אויף קאָפּ, פיס אויף פיס, אין אַ מוראדיקן געפלעכט פון גלידער, און ס׳וועט זיין שרעקלעך, ווייל אויך דער טאַטע און די מאַמע און ער אַליין וועלן זיין אין דעם אַלעמען ווידער־אַמאָל דערשראָקענע פאַרן ביסל איבער־געבליבענעם לעבן.

אין וואַגאָן איז געשטאַנען אַ געשטאַנק. ס׳האָט געשמעקט מיט מענטש־לעכע לייבער, וואָס זיינען געווען אומריין פון אַנגסטיקן שוויס, מיט טוכלע־קייט פון אַלטע, לאַנג־געטראָגענע קליידער, מיטן לאַנג־ניט־געביטענעם אונ־טערוועש, מיטן פוילן אָטעם פון קראַנק־געוואָרענע מיילער, מיט פוילע ציין, מיט אייטערקייט פון פאַרקילטע העלדזער, מיט פאַרשטאָפּטע נאָזלעכער. אַלע, אַלע זיינען איצט געווען קראַנק. און קראַנקער פון אַלעמען — די פרויען. אַלע פאַרגעסענע קראַנקהייטן זיינען צוריקגעקומען און האָבן אָנגעהויבן פייניקן די אויסגעמאַטערטע קערפּערס מיט טויזנטער פּיינען.

דערפאַר טאַקע האָבן זיך די פרויען ניט אויפגעהערט צו באַקלאָגן, צו טענהן און קרעכצן. אַלע פייניקונגען פון זייער לעבן האָבן זיי אָהער געבראַכט מיט זיך און האָבן זיך מיט זיי געוואָלט טיילן מיט די אומגליקלעכע מיט־מענטשן, ניט געקאָנט פאַרבאָרגן קיין אייניציקן סוד, ווי די רייד וואָלטן געווען די רייד פון איינעם, וואָס איז זיך, צום לעצטן מאָל מתוודה פאַר מענטשן און פאַר גאָט.

ח.

אין אָוונט האָט די באַן פֿאַרלאַנגזאַמט איר גאַנג, זיך עטלעכע מאָל אָפּ־געשטעלט און ווידער, נאָך לאַנגזאַמער, זיך גענומען רוקן פֿאָראויס. ס'איז געווען קלאָר, אַז מ'האָט די באַן אַרויפֿגעפֿירט אויף אַ זייטיקער קאָלייע. פֿון דעם האָט מען פֿאַרשטאַנען, אַז מ'האָט זיך דערנעענטערט צו אַ לעצטער סטאַנציע.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען. באַלד האָט זיך פֿון הינטער די ווענט דערהערט אַ ווייטע קאָמאַנדע און באַלד נאָכדעם — ריטמישע טריט פֿון מאַרשירנדיקע זעלנער. יעדע רגע האָבן זיך דערטראָגן בייזע קלאַנגען, ווי מ'וואָלט איבער דער פֿראָסטיקער ערד אַרום די וואַגאָנעס געשלעפּט שטאָ־לענע קייטן. עפּעס האָט זיך דאָרטן גערודערט, באַלד האָבן זיך שוין דער־טראָגן מענטשלעכע רייד. שטימען האָבן זיך איבערגערופֿן. דער גערודער איז געוואָרן אַלץ נעענטער.

אימיצער האָט געזאָגט:

— נו, דאַכט זיך, אַז מיר זיינען אָנגעקומען...

קיינער האָט ניט געענטפֿערט. און דער מענטש האָט נאָך אַמאָל אי־בערגעחזרט:

— איך זאָג: מיר זיינען אָנגעקומען. דאָ וועט מען אונדז אַרויסלאָזן. ס'איז אַפּנים די לעצטע סטאַנציע...

ערשט איצט האָט זיך אַ מענטש פֿונעם ווייטערן ווינקל אָפּגערופֿן:

— אַ גליק האָט אייך געטראָפֿן!... מ'איז אָנגעקומען!... וואוהין איז מען אָנגעקומען? נאָך וואָס איז מען אָנגעקומען? קאָנט איר מיר אפֿשר זאָגן, רב ייד?

דער ערשטער האָט ניט געענטפֿערט, ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן פֿאַר די פֿראַגעס. דערפֿאַר האָט אַ צווייטער געענטפֿערט, אויך מיט עטלעכע פֿראַגעס:

— נו, און אַזוי איז בעסער? ווי לאַנג קאָנען מיר אַזוי אויסהאַלטן אויף אַזאַ יאַזדע? צי אייך ווילט זיך בעסער אויסגיין אין אָט דעם פֿריר־קאַסטן?

ס'איז שוין פֿאַר אַלעמען געווען קלאָר: די וואַגאָנעס האָבן זיך געעפֿנט, און מענטשן זיינען אַרויסגעלאָזט געוואָרן. אַ קאַלטער שטראָם לופֿט האָט אַ זעץ געטאָן אין פּנים מיט פֿראָסט און ווינט, ווי מיט בייטשן. עטלעכע דייטשן האָבן מיט אַמאָל אויסגעשריען אַן אייליקן באַפֿעל אַרויסצוגיין. ס'איז געווען ווי מ'וואָלט מיט אַמאָל אויפֿגערודערט אַ באַרואיקטן מוראַשקע־באַרג. מ'האָט געכאַפּט די פּעקלעך און געשטויסן זיך צום אַרויסגאַנג, ווי צו אַ רעטונג. אין האַרצן האָט נאָך געטליעט די צאַנקנדיקע וואַרעמקייט פֿון האָפֿענונג. אפֿשר איז דאָס געווען דער סוף פֿון בייזן חלום. אפֿשר וועט

דאָ געשען דער נס. ווייל ס׳האָט דאָך געמוזט געשען אַ נס!

ס׳איז נאָך ניט געווען אינגאַנצן נאַכט, אָבער עלעקטרישע לעמפּלעך האָבן שטאַרק אָראָפּגעקוקט פון איינצלנע סלופּעס און פון די גרויע געביידעס, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די באַן. פון אַ הויכן געשטעל האָט זיך דער־טראָגן דורך אַ מעגאַפאָן די קאָמאַנדע. די קאָמאַנדע איז איבערגעחזרט געוואָרן פון די נעענטערע אוניפאָרמירטע באַאַמטע, וואָס זיינען געווען באַ־וואָפנט מיט ביקסן און רעוואָלווערן, ווי אַן עכאָ. די מאַסע האָט זיך אַ ריר געטאָן ווי אַ גרויער טייך און גענומען שטראָמען נעענטער צו די געביידעס. קינדער האָבן זיך געטוליעט צו עלטערן. די פּעק האָבן באַשווערט. ס׳איז שוין געבליבן ווייניק כוח, אָבער אויפן האַרצן איז דאָך געווען לייכטער. מ׳איז אין ערגעץ אָנגעקומען.

און פּלוצלונג האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז מ׳איז אַרומגערינגלט מיט שטעכיקן דראָט. אָפּצאַמונג נאָך אָפּצאַמונג — אַלץ שטעכיקער דראָט, ווי מ׳וואָלט זיך ביסלעכווייז אַריינגעפּלאָנטערט אין אַ ריזיקער, אומזעבאַרער נעץ. און מאָדנע איז נאָר געווען, וואָס אָט די נעץ האָט ניט געשראָקן. אפשר דערפאַר, וואָס אַרום און אַרום זיינען געשטאַנען טונקל־גרויע געביידעס, נידעריקע און שווערע, ווי זיי וואָלטן מיט זייער שווערקייט אַריינגעוואַקסן אין דער ערד.

ענדלעך איז מען אַריין אין אַ געביידע. ס׳איז געווען ברייט און לאַנג און פּוסט. בלויז אַרום די ווענט, אויפן צעמענטענעם דיל, זיינען געשטאַנען ריזיקע קאַסטנס, אָפּגעפּאַרבטע אין אַ טונקעלן קאָליר. דאָ האָט מען די מענטשן דורכגעלאָזט איינציקווייז און יעדן איינעם געהייסן אַריינוואַרפן זיין געפּעק אין די קאַסטנס. מ׳האָט עס באַדאַרפט טאָן שנעל, אונטער די אויגן פון די עס־עס־באַאַמטע. באַלד האָט באַדאַרפט אָנקומען מאָטלס ריי אַריינ־צוואַרפן זיין פּעקל. ער האָט שוין געזען ווי דער טאַטע האָט זיך געגרייט אַריינצושליידערן זיין פּאַק און נאָך אים — די מאַמע. אַ באַקאַנטע עקשנות האָט אַ קלעם געטאָן, אין איינעם מיט שרעק, זיין האַרץ און שוין אין דער לעצטער רגע האָט ער, כמעט פאַר די אויגן פון אַ באַאַמטן, אַרויסגעכאַפּט דעם גראַנאַט פונעם תפילין־זעקל און עס פאַרשטעקט אין דער קעשענע פון זיין פאַלטעלכל. ס׳איז געווען אַ קורצע רגע אַזאַ, אַ מוראדיקער מאָמענט ביי דער סאַמע גרענעץ פון משוגעת, ווי דעמאָלט, ווען ער האָט אין דער נאַכ־טיקער זאַווערוכע אַרויסגעריסן דעם האַנט־גראַנאַט פון דעם ברענענדיקן זעלנער. ווי דעמאָלט האָבן פון דעם אויפגעציטערט אַלע אברים, די פיס האָבן זיך אונטערגעבראָכן אָפּגעחלשטע, ווי זיי וואָלטן זיך פּלוצלונג אָפּגעזאָגט אויף זיך צו טראָגן מאָטלס קליינעם קערפּער. אָבער דער באַאַמטער האָט ניט באַמערקט. מאָטל האָט זיך אינסטינקטיוו אָנגעכאַפּט אָנעם טאַטנס קליידער און איז ווי עס איז פאַרבייגעגאַנגען די געפאַר.

דער טאַטע האָט זיך צו אים אַ קער געטאָן און געפרעגט:

— וואָס איז, מאָטל?

מאָטל האָט ניט געענטפערט. ער האָט פאַרלאָרן דאָס לשון. בלויז נאָכ־געשלעפּט נאָך זיך די פיס, ווי אַ געפּענטעטער און זייער שטאַרק געוואָלט אַנידערפאַלן אויף דער ערד און חלשן. אָבער דער שטראָם מענטשן היב־טער אים איז געוואַקסן. און אײדער מ׳האָט זיך גוט אַרומגעקוקט, איז מען שוין געווען עפּעס אין נאָך אַ פּוסטער געביידע אָן פענצטער, ווי אַ ריזיקע קאַזאַרמע. דאָ זיינען ביי די ווענט געשטאַנען די זעלביקע גרויסע טונקעלע קאַסטנס. אין געציילטע מינוטן האָט זיך שוין די געביידע אָנגעפּילט מיט מענטשן. די אָפּגעשוואַכטע און עלטערע האָבן זיך פּרובירט אַוועקזעצן אויף דער ערד, אָבער מ׳האָט ניט געלאָזט. אַרום די ווענט זיינען געשטאַנען באַוואָפנטע עס־עס און האָבן אָפּגעהיט יעדן ריר. מ׳איז געווען ווי דער־שראָקענע שעפּסן אַרומגערינגלטע פון וועלף. מ׳האָט געקוקט איינער אויפן אַנדערן און אַרויסגעלייענט פון די פרעמדע אויגן דעם שטומען שרעק און צער, וואָס האָט געשטראָמט פון מענטש צו מענטש, ווי אַ פאַרצערנדיקע לאַווע.

אַ ייִד, וואָס איז געשטאַנען נאָענט צו שלמהן, פּנים אל פּנים, האָט, ווי דורך אַ חלום, אַ פרעג געטאָן:

— וואו זיינען מיר דאָ?... אפשר ווייסט איר? וואו זיינען מיר? האָ?...

שלמה האָט אַ לאַנגע רגע אָפּגעוואַרט און נאָכדעם אָפּגעקערט דעם בליק:

— וואָס איז דער חילוק, רב ייִד? וואָסי איר זעט ניט אין וועמעס הענט מיר זיינען אַריינגעפאַלן?

און מאָטל האָט געזען, אַז דער טאַטע האָט דערביי, דאַכט זיך, ווי אַ שמייכל געטאָן. אַזאַ מאָדנעם שמייכל האָט ער געטאָן. און באַלד נאָכדעם איז ער, דאַכט זיך, בלייכער געוואָרן. אויך די מאַמע האָט באַמערקט דעם מאָדנעם שמייכל, אָבער זי האָט זיך פּלוצלונג פאַנאַנדערגעוויינט. געווישט די טרערן מיטן אַרבל פון איר אָפּגעטראָגענעם מאַנטל, און געכליפּעט.

טירן האָבן זיך ברייט צעעפנט: איינע רעכטס, אַ צווייטע — באַלד פון פאָרנט, און דאָ האָט זיך שוין צעטראָגן אַ קאָמאַנדע:

— פרויען און קליינע קינדער דאַרפן זיך פאַרנעמען רעכטס.

אַנדערע שטימען האָבן אונטערגעכאַפּט:

— פרויען — רעכטס!... פרויען — רעכטס!...

ס׳איז אַנטשטאַנען אַ גערודער. אַ באַוועגונג. פרויען האָבן זיך גענומען אַרויסרוקן פון צווישן עולם. ס׳האָט זיך דערהערט אַ כליפּערייַ. אַ גע־וויין פון קינדער, וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט אָפּרייסן פון די טאַטעס, וועלכע האָבן זיי געהאַלטן אויף די הענט. מלכה איז צוגעפאַלן צו מאָטלען, געקושט אים פיבעריש אין קאָפּ, אויפן שטערן, אין נאַקן. טרערן האָבן געשטראָמט איבער די בלייכע באַקן. און צו שלמהן האָט זי געזאָגט:

— גאָט זאָל העלפן, שלמה... גאָט זאָל אונדז העלפן...

און זי האָט זיך אָפּגעטיילט, נאָכגעגאַנגען די פרויען. מאָטל האָט געזען ווי זי האָט זיך איין מאָל און נאָך אַ מאָל אַ קער געטאָן צו זיי. זי האָט שוין ניט געוויינט, נאָר אין אירע אויגן איז געווען בלויז געפאַלנקייט און שרעק. מער קיין זאַך ניט. מענער האָבן נאָכגעקוקט ווי זייערע פרויען פאַרשווינדן הינטער דער אָפענער טיר. באַלד האָט זיך די טיר פאַרמאַכט מיט אַ שווערן אייזערנעם גערודער.

איצט איז שוין געווען אַ צווייטע קאָמאַנדע:

— אַלע מוזן זיך אויסטאָן, מאַכן פון די קליידער אַ פּעקל. האַלטן דאָס פּעקל אין דער רעכטער האַנט. די שיך — אין דער לינקער האַנט. — צווישן עולם איז דורכגעלאָפן אַ געמורמל. מענטשן האָבן געוואָלט וויסן, פאַרוואָס מ'הייסט זיי זיך אויסטאָן נאַקעט. ס'האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דאָס פירט מען זיי אין באָד. דער דייטש זאָרגט זיך פאַר זייער ריינקייט. ווייל זיי אָפּהיטן פון קראַנקהייטן, פון אַ מגפה. און מענטשן האָבן זיך גענומען אויסטאָן. יעדער פּאָר זיך אַליין, די פינגער האָבן זיך שוואַך ספּראַוועט מיט די קנעפּלעך. אָבער אַלע האָבן זיך אויסגעטאָן, איניקע האָבן זיך אַפילו, צוליב עפּעס, געאיילט.

שלמה האָט זיך גענומען אויסטאָן, געזאָגט צו מאָטלען:

— נו, זון מיינער, טו זיך אויס... אַלע טוען זיך אויס... וואָס מאַכט עס אויס... געזאָגט, און אַ קוק געטאָן אויף מאָטלען מיט אַזעלכע מאָדנע אויגן. אַזוי מאָדנע האָט ער אַ קוק געטאָן. אַזוי האָט באַדאַרפט קוקן אברהם אויף זיין זון יצחק, ווען ער האָט אים געבונדן צו דער עקדה. נאָכדעם האָט ער זיך איינגעבויגן און אָנגעהויבן איינוויקלען די קליידער איבעם איבער־ראָק. און אַזוי איינגעבויגענערהייט אָנגעהויבן זאָגן תהלים. און אויך צו מאָטלען האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— וואָלסט באַדאַרפט זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים, מיין זון!

מאָטלען האָט אַ קלעם קעטאָן דאָס האַרץ מיט פיינלעכער עקשנות:

— כ'וועל ניט זאָגן!... איך וויל ניט זאָגן!

און זיין אַקסל האָט זיך טראָציק אָפּגעקערט פונעם טאַטן.

דער טאַטע האָט געשוויגן. מורא געהאַט, אַז דאָס יינגל זאָל דאָ ניט אָפּ־שפּילן איינעם פון זיינע היסטערישע געוויינען, ווי ס'איז געווען זיין שטייגער.

דערווייל האָבן זיך שוין אַלע אויסגעטאָן. די בינטלעך קליידער האָט יעדער באַדאַרפט אַוועקטראָגן צו די קאַסטנס און זיי אַהין אַריינוואַרפן. די קליידער אין איין קאַסטן. די שיך — אין אַ צווייטן. נאָר מאָטל האָט זיך לענגער פון אַלעמען געפּאָרעט אַרום זיין פּעקל. אַן אַנגסטיקער שווייס איז אים אַרויסגעטראָטן אויפן לייב. איצט זיינען די נאַקעטע מענטשן געשטאַנען אין צענטער פון דער געביידע. מענטשן האָבן זיך צוזאַמענגעהורבעט נאָענט איינע צו די אַנדערע, ווי זיי וואָלטן זיך וועלן באַהאַלטן איינעם אַנדערנס

נאַקעטקייט, פאַרלאָרן גיין פון פרעמדע בליקן. מ'איז געשטאַנען אַזוי נאַ־קעט און פאַרשעמט. פאַרשעמטע פאַר אַנדערע און פאַר זיך אַליין.

זיי האָבן אַלעמען אויסגעטאָן נאַקעט, כדי צו פאַרשעמען אַן עדה מענטשן פאַר זיך און פאַר גאָט. עס זיינען אַנטבלויזט געוואָרן לייבער — אומגעוואַ־שענע. אַלטע לייט מיט געבויגענע פּלייצעס, מיט דאַרע ביינערדיקע פּליי־צעס, באַוואַקסענע שוין מיט גרויע קופּקעלעך האָר אויף די איינגעפאַלענע ברוסט־קאַסטנס. יידן מיט גרויע בערד, זקנים מיט אַנטבלויזטע קעפּ. יינגערע יידן און יונגע לייט, און יינגלעך — אַלע זיינען איצט געשטאַנען אין גרויסער געפאַלנקייט פאַר אוניפאַרמירטע, באַוואָפנטע שונאים. אָט דאָ זיינען זיי אַלע געשטאַנען געפאַלענע געשטאַלטן, פון וועלכע מ'האָט צוגענומען דעם צלם אלהים. לייבער האָבן זיך געוואָלט איינשרומפּן, קלענער ווערן. ס'איז געווען שאַנד פון נאַקעטקייט אַנטקעגן דער אָנגעטאָנענקייט פונעם שונא.

און דעמאָלט האָט עס פּאַסירט.

אַ יונגערמאַן האָט זיך אַרויסגערוקט פון צווישן עולם. ער איז געווען זייער בלייך און זיין קערפּער האָט געציטערט. ער איז געגאַנגען פאַראויס און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן מיטן וועג צווישן די יידן און די באַוואָפנטע עס־עס. געזאָגט:

— מיר ווילן וויסן נאָך וואָס האָט מען אונדז אַהער געבראַכט... מיר ווילן וויסן און מיר פאָדערן אַן ענטפער!...

אַלע האָבן אים מיט אַ מאָל דערזען, ווי ער איז געשטאַנען, דער יונגער־מאַן, מיט די שוואַרצע, געקרויזטע האָר, מיטן פּנים, וואָס איז געווען בלייך און טונקל פון דעם שפּראָצנדיקן בערדל, וואָס איז דורך די טעג אָנגעוואַקסן. זיין קול איז געווען הייזעריקלעך, אָבער זיינע ווערטער האָבן אַלע קלאָר גע־הערט. און אין איין רגע, ווי ס'וואָלט דורכגעשטראָמט אַן עלעקטרישער שטראָם איבער די הערצער פון אַלעמען, האָבן אַלע זיך אַ רוק געטאָן פאַר־אויס און אַ סך שטימען האָבן זיך אָפּגערופן ווי אַן עכאָ:

— מיר ווילן וויסן!... איר האָט אונדז אַהער געבראַכט אין קאַלטע וואַגאָנעס, ווי בהמות... און איצט מאַכט איר חוזק פון אונדז... מיר ווילן וויסן!...

דער עס־עס פונקט אַנטקעגן דעם יונגנמאַן האָט געמאַכט עטלעכע טריט פאַראויס מיטן רעוואָלווער אין האַנט און באַלד נאָך אים האָבן זיך אַ רוק געטאָן צענדליקער אַנדערע מיט וואָפן אין די הענט. און איידער מ'האָט צייט געהאַט אַרומצוזען זיך, האָט שוין אָפּגעהילכט אַ שאָס פונעם רעוואָלווער. דער יונגערמאַן האָט זיך אַ וואַקל געטאָן פאַראויס און צוריק און אין אומגעפאַלן אויפן אַספאַלט פון דיל. און באַלד נאָכדעם האָבן אָפּגעהילכט עטלעכע שאָסן אין הינטערשטן טייל פון דער פאַלאַטע. די יידן זיינען גע־בליבן שטיין פאַרגליווערטע. אָבער דאָס האָט געדויערט בלויז איין רגע. ווייל פון הינטן זיינען מיטאַמאָל אָנגעלאָפן אין אַ ווילדער רציחה אַ ניי מחנה

עס־עסן, באַוואָפנטע מיט אויטאָמאַטישע ביקסן און אַפילו מיט לאַנגע שטעקנס און האָבן מיט אַ שיסעריי און הוקעריי געגומען טרייבן די יידן פאָראויס צו דער אָפענער טיר. די צעטומלטע מענטשן האָבן זיך אַ ריס געטאָן צו אָט דער אָפענער טיר. געלאָפן, געלאָפן און געפאַלן אין אַן אָנפאַל פון נאַקעטער משוגעת. די, וואָס זיינען געווען פון היגטן און האָבן שוין דערפילט אויף זיך די ברוטאַלע קלעפּ האָבן זיך געריסן פאָראויס, געקראָכן איבער די לייבער פון די געפאַלענע.

מאָטלען האָט מען מיט זיין פעקל אומגעוואָרפן און אָפּגעשליידערט אַן אַ זייט. ווען ער איז געקומען צו זיך, איז שוין דער טאַטע ניט געווען. ער איז פאַרטראָגן געוואָרן פונעם ווירבלענדיקן שטראָם מענטשלעכע קערפּערס. אינסטיקטיוו האָט ער אַ געשריי געטאָן גלייך אין דעם טומל אַריין, אין דעם גערודער אַריין:

— טאַטע!... טאַטע!...

אָבער ער האָט שוין געזען, אַז דאָס איז אומזיסט. געזען נאָר ווי די וואַנט פון די פאַרטיליקער האָט זיך אָנגערוקט. אין אַ רגע וועט זי שוין טרעטן איבער אים. און דערפילט אַ מאָדנע לייכטקייט אין די גלידער. אַלע שווערקייטן האָבן פאַרלאָזן. ס'איז ניט געווען קיין שרעק און קיין מורא. אַלע גרוילן האָבן זיך מיטאַמאָל אויסגעלאָשן. דער קאָפּ איז געווען קלאָר און די האַנט — פלינק. זיין לעבן האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעצונדן און געוואָרן ליכטיק, ליכטיק, ווי אַ ראַקעט, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעברענט מיט טויזנטער פייערן און וועט אין אַ רגע אויסגעלאָשן ווערן. ניט געוואוסט ווען ער האָט דעם פאַרשליסער אַרויסגעצויגן און ווען זיין האַנט האָט מיטן לעצטן כוח אַ שליידער געטאָן אויף די עס־עס דעם גראַנאַט.

הימל און ערד האָבן אַ ציטער געטאָן. די לעבעדיקע וואַנט האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אין פלאַמען און רויך און געגומען פאַלן. און נאָכדעם איז אַלץ מיט אַ מאָל אויסגעלאָשן געוואָרן פאַר מאָטלס אויגן, אינאיינעם מיט זיין האַרץ.

1946

דאָס געשריי פון בלוט

א.

ס׳איז געווען אַ פּאָר וואָכן פאַר קריסטמעס.

אין דרויסן איז אַרויסגעפאַלן דער ערשטער שניי. די לופט האָט געשמעקט מיט ווינטערדיקן דאָרף, מיט פאַרשנייטע פעלדער, מיט פון ווייטן־אָנגעקומענע ווינטלעך. פון דעם זיינען די ראַשיקע שטאָטישע קלאַנגען געוואָרן שטילער, ווייכער, ווי די פוכיקע ווייכקייט פון שניי וואָלט אין זיך איינגעזאַפּט דעם רויש פון גאַס און מענטש. און כאָטש ס׳האָבן זיך געקליבן גרופּעס אַרבעטער און מיט שטאָלענע רידלען אַראָפּגעקראַצט פון די טראָטואַרן דעם שניי און די מעכאַניזירטע רידלען האָבן אים אויפגעהורבעט און אויפגעבערגלט אַרום אַלע ראָגן, כדי מעכאַניזירטע קונציקע מאַשינען זאָלן אים שפּעטער אָנלאָדן אויף לאַסט־וועגענער און אַוועקפירן הינטער דער שטאָט, זיינען דאָך די גאַסן גע־בליבן ווייס און דאַרפיש און באַנייט. אַלע באַמיאונגען פון מענטשן אויסצוטאָן פון דער שטאָט איר ווייסן קליידן, האָבן ניט געהאָלפן. און ניט איין מענטש, וואָס האָט געשפּאַנט איבער דער שטאָט אין טיפע קאָלאָשן האָט געזאָגט:

— ס׳וועט זיין אַ „ווייסער קריסטמעס״... ס׳וועט זיין אַ „ווייסער קריסטמעס!״...

אויף די פּנימער פון מענטשן האָט זיך פון דעם באַוויזן אַן איינגעהאַלטענע פרייד, אַ צופרידנקייט, וואָס זיי האָבן געוואָלט אין זיך פאַרבאַהאַלטן און ברענ־גען זי אַהיים צו ווייב און קינד, און צום נאָענטסטן שכן — „אַ ווייסער קריסטמעס!״..

באַרני קלאַפּער, אַן אָנגעשטעלטער אין אַ באַנק, איז נאָך זיין טאָג אַרבעט הינטער די וועגטלעך און גראַטענע פענצטערלעך פון זיין באַנק, אַרויס אין דעם פאַרשנייטן דרויסן און דערפילט זיך פריי. די איינגעהאַלטענע פרייד פון אַלעמען איז אויך געווען זיין פרייד. ער האָט מיט גרויסער הנאה אַריינגעצויגן אין זיך די קעלטלעכע ווינטערדיקע לופט, וואָס איז צוליבן שניי נאָך קילער געוואָרן, און האָט זיך געלאָזט גיין צו דער סאָבוועי. ביים אַריינגאַנג האָט ער, ווי אַלע מאָל, געקויפט די אָוונט־צייטונג, און דער צייטונגס־מאַן האָט אים, ווי זיינע אַנדערע קונדן, צוגעוואָרפן די פריינטלעכע פאָר ווערטער:

— ס׳וועט זיין אַ ווייסער קריסטמעס!...

באַרני קלאַפּער האָט פריינטלעך אַ שמייכל געטאָן, צוגעוואָרפן אַ וואָרט פון איינשטימיקייט און האָט זיך אַרונטערגעלאָזט מיט די טרעפּ מיט אייליקע טריט, ווי אַלעמאָל, ניט צו פאַרשפּעטיקן אַ באַן. זיינע בליקן האָבן מיט פרייד אויפגעכאַפּט די גרויסע קעפּ אין דער צייטונג, וואָס האָבן דערציילט וועגן

די זיגן אויף אַלע פראָנטן. דער סוף פון דער מלחמה איז געווען נאָענט. די מענטשהייט האָט דורך בלוט און פייער אָפּגעשלאָגן דעם אָנגריף פון פאַשיזם. דער שונא איז אָפּגעטראָטן.

נאָכדעם, שוין זיצנדיק אין דער באַן, האָט זיך זיין אויג אָנגעשלאָגן אָן די טאָג־טעגלעכע ידיעות וועגן דעם מוראדיקן אויסראָט פונעם ייִדישן פאָלק. די אויסראָטונגען אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אין גאַז־אויוונס, דורך מאַסן־שחיטות און מאַסן־אויסשיסונגען האָבן שוין דערגרייכט אין מיליאָנען. מ׳האָט שוין גערעדט וועגן דער שרעקלעכער ציפער פון זעקס מיליאָן קרבנות. היינט זיינען ווידער אַמאָל געבראַכט געוואָרן ידיעות וועגן נאַציִשער גזילה. ווידער אַמאָל איז דאָס ייִדישע פאָלק געשענדט געוואָרן פאַרן פּנים פון דער וועלט אָן רחמנות און אָן אַ פאַרענטפערונג. און באַרני קלאַפּער האָט איצט געהאַט אַ געפיל, ווי מ׳וואָלט שוין דעם בלוטיקן פּאָגראָם דורכגעפירט איבער אים אַליין, איבער זיין אייגן לייב און לעבן. דאָס האָט מען אים אַליין טאָג־איין, טאָג־אויס ביטער געשלאָגן און באַליידיקט, פאַרגאַזט אין די טויט־קאַמערן און געלאָזן אים אַליין, אַ פאַרשעמטן, אויסצוגיין אין זיינע פיינען פאַרן פּנים פון אַ פרעמדער, גלייכגילטיקער וועלט... איבער אים האָט מען עס דורכ־געפירט אָט די אַלע נגישות מיט דער לעצטער מאָס פון חיהשער רציחה און גע־לאָזט אים, אַ לעבעדיקן, צו פילן אין זיך דעם ווייטיק און די שאַנד, אָן באַ־פרידיקונג און אָן נקמה.

פאַרטיפט אין דער צייטונג, האָט ער ניט באַמערקט, אַז לעבן אים איז געזעסן אַן עלטערער ייד מיט אַ ייִדישער צייטונג. אָבער עפּעס האָט פּאַסירט אין וואַגאָן, וואָס האָט אַ צי געטאָן זיין בליק צום שכן. ס׳איז געווען אַזוי ווי אַלע וואָלטן מיטאַמאָל דערזען דעם יידן מיט זיין ייִדישער צייטונג און אויף אים אָנגעשטעלט זייערע איראָנישע בליקן און מיט דעם אויפגעוועקט אויך זיין אייגענע אויפמערקזאַמקייט.

דער ייד האָט דערפילט די בליקן, האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי אַ פאַר־פאָלגטער, און אַראָפּגעלאָזט זיין בליק צוריק אין דער צייטונג. אַ יונג פּאָרל, וואָס איז געזעסן פונקט אַנטקעגן, האָבן עפּעס אַ זאָג געטאָן איינער צו דעם אַנדערן, אוןביידע האָבן זיך הויך און חוצפּהדיק פאַנאַנדערגעלאַכט. איצט האָבן שוין אַלע געוואוסט, אַז דער געלעכטער איז געווען אויפן חשבון פונעם יידן, וואָס האָט געלייענט זיין צייטונג מיט די מאָדנע אותיות. אויף אַלע פּנימער איז דער שמייכל געוואָרן אָפענער, די איראָניע שאַרפער. דער ייד האָט שוין מער ניט אויפגעהויבן זיינע אויגן, אָבער זיין אומרו איז געוואָרן קענטלעכער. זיינע אויגן האָבן מאָדנע געפינטלט, ווי אין אים וואָלטן זיך געראַנגלט צוויי פאַרלאַנגען: אי ער האָט געוואָלט איגנאָרירן, אי ער האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג צו אַנטרינען, ראַטעווען זיך פון דער אומפאַריינטלעך־איראָנישער אויפמערק־זאַמקייט. אָבער ער איז געבליבן זיצן. פּלוצלונג אַ קוק געטאָן אויף באַרני קלאַפּער, און זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט און זיינען פאַרלאָרנגעגאַנגען

איינע אין די אַנדערע, ווי צוויי באַקאַנטע וואָלטן זיך באַגעגנט און זיך דער־קענט. דער ייד האָט ביטערלעך אַ שמייכל געטאָן, ווי ער וואָלט אין עפּעס געווען שולדיק, און געזאָגט:

— ס׳איז אַ גויאישע וועלט... וואָס קען מען טאָן?

באַרני קלאַפּער האָט זיך אויך עפּעס ווי געפילט שולדיק. אָבער ס׳איז שוין געווען גוט, וואָס ער האָט געקענט ריידן מיטן יידן, זאָגן אים אַ וואָרט, ראַטעווען אים פון דער איינזאַמקייט. די אויגן פון די מענטשן אַרום האָבן זיך אָפּגעקערט. אויף זייערע פּנימער האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ פרעמדע גלייכגיל־טיקייט. און נאָר זיי ביידע האָבן נאָך געפילט אין זיך אַן אויפגעוועקטע פּיין. דער ייד האָט געזאָגט:

— איך זאָג אייך, די וועלט איז משוגע געוואָרן פון גרויסער שנאה צו אונדז. וואָס מער זיי צאַפּן פון אונדז בלוט, אַלץ ווילדער ווערט זייער רציחה.

באַרני קלאַפּער האָט פּרובירט פאַרענטפערן „די וועלט״: יידן זיינען ניט געווען די איינציקע קרבנות. אַנדערע פעלקער האָבן אויך געליטן. איבער זיי האָט זיך אויך אומברחמנותדיק אַראָפּגעלאָזן די בייטש פון פאַשיזם. דאָס האָט די אַלטע וועלט פון רעאַקציע און אונטערדריקונג געקעמפט קעגן דער נייער וועלט פון פרייהייט און ברידערלעכקייט פון פעלקער. דער יושר וועט זיגן. עס וועלן אָנקומען נייע צייטן...

דער ייד האָט אַ שמייכל געטאָן:

— אַזוי ווי אונדזער נביא ישעיה האָט פאַראויסגעזאָגט... דער לייב און דאָס שעפעלע... עפּעס צו לאַנג לאָזט אויף זיך וואַרטן זיין נבואה. און דערווייל ווערט גאַטס אויסגעווייללט פאָלק אויסגעמאָרדעט און גייט אָפּ מיט בלוט... כ׳האָב מורא, ביז ס׳וועט קומען יענע נחמה זאָל, חלילה, ניט אַרויס די נשמה... וואָס זאָגט איר?

און ער האָט אַ קוק געטאָן אויף קלאַפּערן מיט אַן אָפענעם בליק, אין וועלכן יענער האָט דערזען אַ קוואַל פון ביטערן סאַרקאַזם, סקעפּטיציזם און ביטחון — אַלץ אינאיינעם, און אַלץ מיט איין מאָל, און קלאַפּער האָט שוין דעם בליק ניט אויסגעהאַלטן. ער האָט זיך געמוזט אָפּקערן אויף אַ רגע. און ווען זיין בליק האָט זיך נאָך אַ מאָל באַגעגנט מיטן שכנס אויגן, איז אין זיי שוין געווען נאָר טרויער.

דער ייד האָט אַ ווייז געטאָן מיטן פינגער אויף זיין צייטונג און פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן:

— אָט דאָ, זעט איר, זיינען אָפּגעדרוקט נעמען פון געראַטעוועטע יידן. איך ווייס, מיין שטעטל איז אָפּגעווישט. קיין נפש איז ניט געבליבן לעבן. אָבער איך זוך נאָך אַלץ... אַלע טאָג זוך איך... אפשר וועט זיך אויפזוכן אַן אָפּגעריסענער גליד פון מיין משפּחה, אַ ברודער, אַ שוועסטער, אַ קרוב... אפשר וועט זיך דער אויבערשטער דערבאַרעמען. דאָס האַרץ באָדט זיך דאָך אין בלוט...

ער האָט זיך אַרומגעקוקט — ווי ער וואָלט זיך ערשט דערמאָנט וועגן דעם פריערדיקן אינצידענט — און מיט אַ געפּאַלענער שטים צוגעגעבן:

— און זיי, דאָ־אָ, קאָנען ניט פֿאַרטראָגן קיין יידישע אותיות. מאַכן חוזק. אַגב, וואָס שרייבן עפּעס „זייערע" צייטונגען וועגן אונדזער בראָך?

— יאָ, די צייטונגען האָבן געשריבן. יעדן טאָג זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן ידיעות. אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז ביי דעם בלייבט עס?...

דער ייד האָט זיך אָן די לעצטע פּאָר ווערטער אָנגעכאַפּט:

— אָט־אָט! זעט איר שוין? ווען דער דייטש האָט אומגעבראַכט דאָס שטעטל לידיצע אין טשעכאָסלאָוואַקיע, האָט מען אויפגערודערט אַ וועלט. אין די קירכן האָט מען איינגעאָרדנט תפילות, גלחים האָבן יעדן זונטיק גערופן די מענטשן צו נקמה, אַמעריקאַנער שטעטלעך האָבן איבערגעביטן זייערע נעמען אויף „לידיצע"... און אויף אונדזערע קרבנות גיט מען אפילו ניט קיין קרעכץ... עפּעס ווי מיר וואָלטן געווען אויסוואורפן.

באַרני קלאַפּער האָט געזאָגט:

— נו, איבערטרייבן דאַרף מען ניט. די בעסערע וועלט פילט מיט אונדז דעם אומגליק. אַז מ'שלאָגט דעם דייטש שלאָגט מען דאָך אים אויך פאַר אונדז...

ער האָט עס געזאָגט, און גלייך באַמערקט, אַז די ווערטער האָבן דעם יידן זייער ווייניק געטרייסט, ווייל אין זיין בליק איז נאָך אַלץ געווען דער זעלביקער ים פון טרויער און געפּאַלנקייט. אָבער דאָ האָט זיך דער ייד אויפגעהויבן, אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ און אָן אַ וואָרט אַוועקגעשפּאַנט צו דער טיר, וואָס האָט זיך געעפנט ביי אַ סטאַנציע, און איז פאַרשוואונדן צווישן דעם אַרויסגייענדיקן עולם. באַרני קלאַפּער האָט געטראַכט, אַז אָט האָט ער געוואָלט טרייסטן דעם פרעמדן מענטשן, און אַליין איז ער נאָך אַלץ געבליבן ניט קיין געטרייסטער.

ער האָט געטראַכט וועגן זיין היים, וועגן זיין ווייב, אַגאַטאַן, וועגן זיין פינפיאָריקן יינגעלע, באָבין. אַלע מאָל ווען ער האָט וועגן זיי געטראַכט, איז זיין האַרץ אָנגעפילט געוואָרן מיט וואַרעמקייט. ס'איז אַלע מאָל גוט געווען צו קומען אַהיים, פאַרלאָרנגיין אין דער ליכטיקער אויפגעראַמטקייט פון זיין קליינעם אַפּאַרטמענט. ס'איז גוט געווען די באַגעגעניש מיט זיין שיינער פרוי און מיטן חנעוודיק־שטיפערישן קינד. דער טאָג אַרבעט אין באַנק פלעגט זיך אָפּרוקן, און זיין אָרט האָט פאַרנומען די היים. אָבער איצט איז אים אפילו שווער געווען צו קומען אַהיים.

ס'איז געווען מאָדנע, אָבער גראָד איצט, אין אָט דער שווערער שטימונג, האָט אים פאַרדראָסן, וואָס זיין ווייב איז געווען אַ קריסטין און גראָד פון דייטשישער אָפּשטאַמונג. ס'איז ניט לייכט געווען אָפּצוטרייבן פון זיך אַזאַ געדאַנק, אָבער ס'איז פּאַרט געווען מאָדנע: ביז איצט האָט אים זייער ווייניק געאַרט דער ווייבס אָפּשטאַמונג. ער האָט זי ליב געהאַט און זי — אים, און

זיי ביידע האָבן געהאַט אַ גרעאָטענעם פינפיאָריקן זון, וואָס האָט זייערע לעבנס פאַרבונדן מיט טויזנטער פעדים. דערצו איז ער דאָך אַלע מאָל געווען אַ וועלטלעכער מענטש, וואָס האָט אַלע זיינע יאָרן געקעמפט פאַר זיין וועלטלעכקייט און פרייער אינדיווידואַליטעט. אין דער הינזיכט איז ער זעלטן ווען איינגעגאַנגען אויף אַ קאָמפּראָמיס.

אָבער היינט האָט ער באַדאַרפט עמיצן, וועמען ער זאָל קאָנען פאַרטרויען זיין געפיל פון פאַראַכטונג און שנאה און צוריקקריגן די פולסטע מאָס פון פאַרשטיין און סימפּאַטיע — ניט באַדויערן און רחמנות אין דעם אַנגענומענעם מענטשלעכן זין — נאָר טאַקע די פולע מאָס סימפּאַטיע, וואָס זאָל זיך אויס־דריקן, אַזוי ווי ביי אים אַליין, ווי ביים יידן, וואָס איז ערשט פון אים אַוועק, דורך טיפער פאַראַכטונג און שנאה, וואָס נאָר אַ ביטערע נקמה קאָן זיי אויפלייזן. און אַגאַטאַ, זיין שיינע, בלאָנדע ווייב, האָט עס ניט געקאָנט געבן. זי איז אין אַלץ געווען אייגן, אָבער ניט אין דעם. אין דעם איז זי געווען אַ פרעמדע.

דערפאַר, אַז ער איז אַרויס פון דער באַן, האָט ער זיך עפּעס ניט געאיילט צו קומען אַהיים. ער איז געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט. אונטערן אָרעם האָט ער געהאַלטן פאַרשטעקט זיין אָוונט־צייטונג. ער האָט געטראַכט וועגן זיינע עלטערן, וואָס האָבן געוואוינט אויף דער איסט־סייד, דערמאָנט זיך זייערע ביטערע רייד וועגן דעם חורבן פון דעם אייראָפּייאישן יידנטום, אויף דעם געוויין פון דער מאַמען איבער די אייגענע, וואָס זיינען אומגעקומען. אַט די אייגענע זיינען אויך געווען זיינע „אייגענע". און דאָס איז אויך געווען מאָדנע. פריער זיינען דאָס געווען בלויז נעמען פון קרובים, וועלכע ער האָט קוים געקענט געדענקען פון זיין קינדהייט, אָבער איצט זיינען זיי אים געוואָרן אייגן. ער האָט צו זיי געפילט אַזאַ פאַרוואַנדשאַפט פון בלוט, פון אייביקן גורל, וואָס נאָר זייער גרויסער קרבן, זייער אומקום, האָט געקענט אויפוועקן פון פאַרגעסונג, ברענגען זיי אין זיין אייגענעם לעבן, ווי אַ ירושה פון אייביקער מאַרטירער־שאַפט.

וואָס איז איצט געווען דאָס יידישע לעבן אויף דער וועלט? די בריקן, וואָס לאַנגע דורות האָבן מיטן בלוט פון זייערע הערצער און מיטן מאַרך פון זייערע ביינער געבויט צווישן מענטש און מענטש, צווישן פאָלק און פאָלק, צווישן לאַנד און לאַנד זיינען איינגעפאַלן. מענטש איז ווידער געוואָרן חיה, זיך אומגעקערט צו זיין אורשטאַם. און ווידער האָט מען זיך באַדאַרפט אויס־גראָבן פון אונטער די חורבות און אָנהייבן פונדאַסניי צוביגדן פאָדים צו פאָדים, שטאַנג צו שטאַנג, חלום צו חלום אונטער די אייביקע גאָמענלאָזע הימלען, וואָס האָבן אַראָפּגעקוקט אויף דעם געראַנגל פון מענטש מיט מענטש, פאָלק קעגן פאָלק מיט חוזק און פאַראַכטונג. טויזנטער יאָרן האָט דאָס יידישע פאָלק געלעבט צווישן לויערנדיקע געפאַרן. עס האָט זיך אויסגעלערנט צו גיין אין דער פינצטערניש, קריכן מיט פאַרמאַכטע אויגן איבער שטרויכלונגען, איבער שפּיציקע פעלזן, און ניט פאַלן. אַלץ האָט געטריבן אים צו וואַנזין, און

עס איז ניט אַראָפּ פון זינען, אַלץ האָט אים געוואָלט אומברענגען, און עס איז געבליבן לעבן, כדי נאָך אַ מאָל אויסצוגראָבן זיך פון זיינע חורבנות און אָנהויבן פונדאָסניי, פונדאָסניי.

אַזוי איז אויך געווען דער עלטערער ייד מיט דער יידישער צייטונג, וואָס האָט צווישן וועלפישע אויגן געזוכט אויסצוגראָבן פון חורבן אַ קרוב. ער האָט נאָר דורך די ביטערסטע רייד איינגעהאַלטן זיין טראַגישע רואיקייט, מיט אַ שמייכל פאַרדעקט זיין פאַרפייניקטן געמיט. ער איז ניט אַריינגעפאַלן אין קיין היסטעריע, ניט געריסן זיך די האָר פון קאָפּ, ניט געשריען, ניט געקריצט מיט די ציין. ער איז שוין טויזנטער מאָל געשטאַנען אויף דער שוועל פון גאָט־לעסטערונג, און דאָך איז ער אפשר איצט געקומען אַהיים, כדי אָפּצודאַווענען אַ מנחה. אין זיין האַרצן האָט געברענט דער דראַנג נאָך נקמה. מאָרד און אונטערצינדונג און צעשטערונג — אַלץ האָט געברענט אין איין איינציקן געמיט. פאַר די אויגן זיינען געשטאַנען מוראדיקע בילדער פון געפייניקטע ברידער, מיט צעבראָכענע גלידער, צעריסענע אָדערן, דערשטיקטע אָטעמס, און ער האָט געמוזט געפינען אַלע ענטפערס און אַלע פאַרענטפערונגען בלויז אין דער אייגענער נשמה, וואָס איז געווען רייך מיט דערפאַרונג און חכמה, וואָס איז אָבער געווען אויף אייביק איינגעשפאַרט אין די ענגע גרענעצן פון אַ תפיסה.

אַ גאַנץ פאָלק איז געווען איינגעשפאַרט אין אַ תפיסה. דער מוראדיקער גורל פון אַ פאָלק, וואָס איז אויף אייביק פאַרשאָלטן צו לעבן צווישן גראַטעס און שטעכיקן דראָט, צווישן שפּיזיקע אויגן פון שנאהדיקע וועכטער. אַ פאָלק — אַ פּאַריע. און ער איז געווען איינער פון פאָלק, אַ פּאַריע. אַ מענטש איז אים געקומען אַנטקעגן. אַ קאַלטער בליק אויף אַ פּנים, ווי אַ מאַסקע. וואָס איז געווען אונטער דער מאַסקע? אַ גרויער הוט האָט באַדעקט אַ ברייטן שאַרבן. וואָס איז געווען אונטערן שאַרבן? די מאַסקע מיט די קאַלטע אויגן האָט זיך אָפּגעקערט, פאַרבייגעגאַנגען.

אַרום איז געווען שיינער ווינטער. שניי האָט אויסגעפּוצט די שטאָט. „עס וועט זיין אַ ווייסער קריסטמעס". ער האָט איצט קיין זאַך ניט ליב געהאַט אויף דער ערד. ס'איז ניט געווען וואָס ליב צו האָבן און צו באַוואונדערן. ווייל אָט האָט דאָך דאָס בלוט פון קינדער באַפלעקט די ווייסקייט פון שניי און דער מאָרד פון אומשולדיקן קרבן האָט זיך געוואָלגערט אונטער זיין ווייסן צודעק.

ב.

באַרני קלאַפּער איז געקומען אַהיים שפּעטער ווי געוויינלעך. די פרוי זיינע האָט אים באַגעגנט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק. און זי האָט טאַקע באַלד אַרויסגעלייענט פון זיין אויסזען, ווי פון אַ באַקאַנט בוך, אַז ער איז געווען פאַרזאָרגט. צי די פאַרשאָטנטקייט פון זיין פּנים, צי דער אָפּגעווענדטער בליק

זיינער האָט אים אַרויסגעגעבן, אָבער זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים איין מאָל און אַ צווייטן מאָל, און געזאָגט:

— וואָס איז מיט דיר, באַרני? האָט עפּעס פּאַסירט אין באַנק?

ער האָט שנעל צוגעוואָרפן:

— ניין, ניין. קיין זאַך האָט ניט פּאַסירט.

געזאָגט, און פּרובירט אַ שמייכל טאָן. אָבער ער האָט זיך בשום אופן ניט געקאָנט אויסבאַהאַלטן פון איר פאַרשנדיקן בליק. זי האָט אים זייער גוט געקענט. האָט זי אומבאַדינגט געוואָלט וויסן:

— ניין. דו מוזט מיר זאָגן, באַרני. באַהאַלטסט אויס עפּעס פון מיר...

און זי האָט נאָך אַמאָל פּרובירט אַרויסלייענען פון זיינע אויגן דעם אמת.

ער האָט איצט ניט געקאָנט אויסהאַלטן איר פאַרשנדיקן בליק. ס'איז געווען ווי ער וואָלט אין עפּעס געווען שולדיק קעגן איר, קעגן זיין אייגענער ווייב. אַזאַ מאָדנער געפיל פון שולדיקייט, וואָס איז געקומען פון איר צו אים דורך אַ לאַנגן וועג פון זעקס יאָר צוזאַמענלעבן, און קיין קלאָרע דערקלערונג פאַר אָט דעם געפיל איז ניט געווען און האָט גאָר ניט געטאָרט זיין. האָט באַרני ביטער אַ לאַך געטאָן, אַ שנעלן קוש געטאָן דאָס ווייב, ווי אַלע מאָל ביי דער אָונטדיקער באַגעגעניש, אַרומגענומען מיט וואַרעמקייט דאָס קינד, וואָס איז גראָד איצט צוגעלאָפן, און אַלע דריי זיינען אַריינגעגאַנגען אין עס־צימער, וואו דער טיש איז שוין פון לאַנג געווען געגרייט פאַר דער פאַרשטייענדיקער וועטשערע.

די פרוי איז נאָכגעגאַנגען אַ שווייגנדיקע. אָבער, שוין אין עסצימער, האָט זי נאָכאַמאָל געזאָגט:

—דו באַהאַלטסט עפּעס פון מיר. איך זע: דו באַהאַלטסט עפּעס... ווילסט זיך ניט טיילן, איך ווייס.

איר פּנים האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ באַקאַנטער בלייכקייט, וואָס האָט אויסגעדריקט אי אומרו, אי פאַרדראָס. און באַרני האָט שוין געוואוסט, אַז זי וועט מער ניט פרעגן, וועט שווייגן מיט איר באַזונדערן שווייגן דורך דער גאַנצער וועטשערע, ווי אַלע מאָל, ווען זי איז מיט עפּעס ניט געווען צופרידן. האָט ער פּלוצלונג פאַנאַנדערגענומען די צייטונג, וואָס ער האָט נאָך געהאַלטן אין האַנט, און זי איר דערלאַנגט:

— נאַ, זע! ... זע, וואָס די בעסטיעס, דאָרטן, טוען מיט די יידן. נאַ, זע אַליין.. וואָס וועסטו זאָגן?

זי האָט גענומען די צייטונג, אַדורכגעלאָפן אין איילעניש די קעפּ און די אונטערקעפּלעך. באַרני האָט דערוויל מיט עפּעס אַ מאָדנער אייגנגעהאַלטענער אומרואיקייט נאָכגעפאָלגט דעם אויסדרוק פון איר פּנים, ווי פון דעם אויס־דרוק וואָלט אָפּגעהאַנגען זיין לעבן. איר פּנים איז געווען אָנגעשטרענגט־קאַלט און סודותדיק, ווי זי וואָלט אומיסטן געוואָלט אויסבאַהאַלטן פונעם מאַן אירע

געפּילן. נאָכדעם האָט זי אַוועקגעלייגט די צייטונג און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן בליק, ווי מורא האָבנדיק צו באַגעגענען זײַנע אויגן, געזאָגט:

— איך ווייס ווי דו פילסט, באַרני. איך האָב דאָס אַלע מאָל געוואוסט. איך פאַרשטיי... און מיר פאַרדריסט. גלויב מיר, עס פאַרדריסט.

זי האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן. אָבער מער איז אפנים ניט געווען וואָס צו זאָגן. זי האָט זיך פּלוצלונג דערפילט אויסגעלײדיקט און אַ ביסל אויך שולדיק, ווי יעדער מענטש פאַרן צווייטנס אומגליק, וואָס איז ניט זײַן אייגענער אומגליק. און דערפאַר, אַז מ׳האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, האָט זיך אַ היפּשע ווײַלע מאַן און ווײַב — יעדער באַזונדער — געראַנגלט מיט דער אייגענער אומבאַהאָלפנקייט, געזוכט אויפצוכאַפּן צופעליקע געשפּרעכן, גע־מאַכט צופעליקע באַמערקונגען און פּרובירט אויסצובאַהאַלטן זיך אינעם שטענדיקן פּלאַפּלען פונעם קליינעם זון זייערן, וואָס האָט ניט אויפגעהערט פאַנטאַנדערצופרעגן וועגן דעם גרויסן יום־טוב קריסטמעס, וועגן דער יאָלקע, וועגן די מתנות, וועגן די כאָראַלע געזאַנגען, וועגן וועלכע די מוטער האָט אים דורכן טאָג דערציילט.

און אַזוי איז די וועטשערע פאַריבער. אַגאַטאַ האָט זיך אָפּגעשיידט אין איר אַרבעט. זי האָט אָפּגעראַמט דעם טיש און איז אַריין אין קיך. באַרני האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווייכן שטול מיט דער צייטונג. דאָס קינד האָט זיך געשפּילט מיטן באַרג שפּילצייג אויפן דיל, ניט אויפגעהערט צו ריידן צו די שפּילצייג, צו זיך אַליין און צום פאָטער. פון קיך האָבן זיך דערטראָגן אָפּגע־ריסענע מעלאָדיעס פון אַגאַטעס באַליבטע לידער, וואָס זי האָט איצט אויס־געזונגען וואַשנדיק דאָס געפעס.

ס׳איז געווען ווי אין די אָוונטן פון די פאַרגאַנגענע זעקס יאָר פון זייער פאַרהייראַטן לעבן. אַנדערש איז געווען נאָר זײַן געמיט. אין קאָפּ זײַנען גע־קראָכן דעראינערונגען. פאַרגעסענע שטימונגען זײַנען אויפגעוועקט געוואָרן צום לעבן, האָבן אָנגעפילט זײַן געמיט מיט אַלטע איבערלעבונגען.

ער האָט זיך דערמאָנט וועגן זײַן ליבע און הייראַט מיט אַגאַטאַ. ס׳איז געווען אַ פּלוצלונגדיקע ליבע און געאײַלטע הייראַט. אַלץ איז אַרום זײַן הייראַט פאַרגעקומען אין אַ מאָדנער אײַלעניש. די אײַלעניש דאַן איז געווען מסתמא צוליב דער קעגנערשאַפט פון זײַנע עלטערן. יע. טאַטע־מאַמע זײַנען געווען זייער שטאַרק קעגן דעם שידוך. ס׳איז געווען אַ פײַנלעכער בראָך אין זייער גרויסער יידישער יחוסדיקייט. און ער איז געווען זייער בן־יחיד... ער האָט זיך איצט געקאָנט דערמאָנען די טרערן פון דער מאַמען, איר אײַנטענהען מיט אים:

— מײַן זון, גיב אַ טראַכט וועגן דײַן טאַטע־מאַמע. ביסט דאָך ביי אונדז דאָס אויג אין קאָפּ... מיר האָבן דאָך צוליב דיר געלעבט. וואָס וועט זײַן אונדזער לעבן אָן דיר? זאָג דו אַליין: וואָס וועט זײַן?

דער טאַטע איז אַרומגעגאַנגען אָן לשון. ער האָט געשוויגן. ער איז נאָר

אַלט געוואָרן פון צער. אין הויז איז געוואָרן חורבן. אַזוי ווי זיין הייראַט מיט אַ קריסטלעכער מיידל וואָלט געווען זיין אייגענער טויט. טאַטע־מאַמע זיינען געווען אבלים. און ס'זיינען אומזיסט געווען זיינע רייד וועגן ברידערלעכקייט פון פעלקער, וועגן דעם מיידלס וועלטלעכקייט און וועגן אירע פּערזענלעכע מעלות. ער האָט געזען, אַז זיי האָבן ניט געגלויבט, ניט אין זיין וועלטלעכקייט און ניט אין דער וועלטלעכקייט פון אַגאַטאַן. ניט געגלויבט אין דער ברידערלעכקייט פון מענטשן אויף דער וועלט. ניט אַנגענומען זיינע טעאָריעס קעגן רעליגיעזע פאָראורטיילן. אַ ייד איז געווען אויף אַלע מאָל אַ ייד און אַ קריסט אויף אַלע מאָל — אַ קריסט... און אַזוי וועט עס זיין ביז אין דער אייביקייט אַריין.

נאָך דער חתונה זיינען טאַקע די עלטערן אַ לאַנגע צייט געווען אָפּגעריסן פון אים. ס'איז געווען פיינלעך. אָבער זיין לעבן מיט אַגאַטאַן איז געווען אַ גליקלעך לעבן. מאַן און ווייב האָבן זיך ליב געהאַט און זייער אָפּשטאַם האָט דאָס ערשטע יאָר ניט געבראַכט צו קיין קאָנפליקטן. קיין רעליגיע איז אין הויז ניט געווען, — ניט קיין יידישע און ניט קיין קריסטלעכע. עס האָט נאָר באַדאַרפט אויפגעשטעלט ווערן דער שלום צווישן אים און טאַטע־מאַמע.

און אויך דער שלום איז אויפגעשטעלט געוואָרן באַלד נאָכן געבורט פון זייער קינד. דאָס קינד איז געווען אַ יינגל. מ'האָט אים באַדאַרפט געבן אַ נאָמען. מ'האָט אים באַדאַרפט יידישן אָדער קריסטלעכן. און כאָטש בארני איז ניט געווען רעליגיעז, איז ער עפּעס גראָד דאָן באַשטאַנען אויף דעם, אַז דאָס קינד זאָל געיידישט ווערן. אַגאַטאַ האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין קעגנערשאַפט. זי האָט זיך אין דעם ענין אינגאַנצן פאַרלאָזן אויפן מאַן. ער איז געווען דער פאָטער, דער קאָפּ פון הויז און דערצו אַ ייד, — האָט שוין דאָס קינד אויך באַדאַרפט זיין אַ ייד.

אָבער כדי צו יידישן דאָס קינד האָט מען באַדאַרפט דורכפירן אַ פיינלעכן ריטואַל, אַן אָפּעראַציע, וואָס האָט דער יונגער מוטער פאַרשאַפט אַ סך זאָרג, שלאָפלאָזע נעכט און טרערן. עפּעס האָט מען זיך געקליבן טאָן איבער איר קינד, וואָס זי האָט ניט פאַרשטאַנען און ניט געקאָנט באַנעמען מיט אירע געפילן. געוואוסט נאָר, אַז דאָס איז אַ ברוטאַלער אַקט, וואָס דערוואַקסענע מענטשן, דינער פון אַ פרעמדן קולט, האָבן זיך געקליבן דורכפירן איבער איר ערשטלינג און מיט גוואַלט געצוואונגען זי, די מאַמע, אונטערגעבן זיך און שווייגן... דאָס איז געווען פיינלעך. ווי אַ שאַרפער מעסער וואָלט זיך אַריינגעשניטן אין איר האַרצן און געבליבן שטעקן אין איר וואונד דורך דער גאַנצער צייט פון איר קינפּעט.

דערפאַר האָט אָבער די צערעמאָניע פון ברית־מילה דערנענטערט דעם פאַרפרעמדטן זון צו זיינע עלטערן. ס'איז געווען אַ גרויסער מאָמענט אינעם לעבן פון די פרומע עלטערן. פאַר זיי איז דאָס געווען ווי אַ הייליקער, ניט קלאָר באַנומענער זיג פון בלוט, וואָס האָט אין משך פון אַ גאַנצן יאָר געשריען

נאָך יושר. און אַט דער זיג האָט מיט איין מאָל אָפּגעווישט אַלע זייערע קריוודעס צו זייער בן־יחיד און געשלאָסן אַ שלום, וואָס האָט געבראַכט זייער לעבן צו אַ באַנייטער גאַנצקייט, צו אַ מענטשלעכער און געטלעכער באַפרידי־קונג. מיט דעם איז אָבער דאַן צום ערשטן מאָל אונטערגעשטראָכן געוואָרן די צעטיילונג צווישן באַרבין און זיין ווייב אַגאַטאַן. ער איז געווען אַ ייד און זי — אַ קריסטין. און דאָס, וואָס ס'איז פאַרגעקומען איז נאָר געווען דער ערשטער קאָמפּראָמיס פון איר קריסטלעכקייט צו זיין יידישקייט.

באַרני האָט זיך איצט געקאָנט דערמאָנען פון נאָך אַ פאַל, וואָס האָט אים דורך די יאָרן אָנגעדייט וועגן אַן אומגעבעטענער צעטיילונג, וואָס האָט זיך גאָר אומשולדיק אַריינגעריסן צווישן אים און אַגאַטאַן. ס'איז שוין געווען אַ לאַנגע צייט נאָך זייער הייראַט, ווען אַגאַטאַס אַ פעטער אין דייטשלאַנד האָט זיך דערמאָנט צו שיקן זיי אַ פאַרשפּעטיקטע חתונה־מתנה. ס'איז געווען אַ מאָדנע חתונה־מתנה. אַ קונציק־אויסגעאַרבעטער פון העלפאַנט־ביין „קרוצי־פיקס", אַ יעזוס־געשטאַלט צוגענאָגלט צום גאַלגאָטע־צלם. ס'איז געווען די אַרבעט פון אַ מיטלאַלטערלעכן קינסטלער און האָט אפשר געהאַט אַ היפּשן ווערט. דאַן האָבן זיי ביידע זייער געלאַכט. ס'איז, צוליב עפּעס, געווען מאָדנע, וואָס זי, די ווייב פון אַ יידן, האָט גראָד געקראָגן אַזאַ חתונה־מתנה. באַרני האָט שוין אפילו דאַן באַמערקט אינעם ווייבס אויגן אַן אומבאַקאַנט פייערל, וואָס האָט געלויכטן מיט איינגעהאַלטענער פרייד און באַהאַלטענעם טרויער.

פונדעסטוועגן האָט זי דעם „קרוציפיקס" באַלד באַהאַלטן אין אַ שופלאָד צווישן איר צירונג. שפּעטער האָט ער אַ סך מאָל באַמערקט ווי זי פלעגט די מתנה אַריינגעמען מיט ליבשאַפט אין אירע הענט און עטלעכע מאָל אפילו אָנגעטאָן אויפן האַלדז און אָנגעקוקט זיך דערביי אין שפּיגל, ווי זי וואָלט געזוכט צו דערפילן אָנגעהעריקייט צו איר אייגענעם שטאַם. און זי איז דאַן געווען אַזאַ פרעמדלעכע, אַזאַ דערווייטערטע...

ער אַליין האָט זיך אויך עטלעכע מאָל אָנגעשטויסן אָן אַט דעם „קרוצי־פיקס", זוכנדיק עפּעס אינעם שופלאָד. און מאָדנע: יעדעס מאָל וואָס ער האָט אַריינגענומען אין האַנט די יעזוס־געשטאַלט, האָט ער אין זיך דערפילט אַ מאָדנעם ציטער. ס'איז געווען אַ קונסט־ווערק פון אַ רעליגיעזן כאַראַקטער, און דאָך האָט אויף אים געווירקט ניט אַזוי דער קינסטלערישער זין זיינער, ווי זיין אויסגעשפּראָכן־רעליגיעזער אינהאַלט. באַרני האָט זיך אפילו איצט געקאָנט דערמאָנען ווי ער האָט יעדעס מאָל אַרויפגעלייגט דעם „קרוציפיקס" אויף דער אָפענער האַנט און גוט זיך איינגעקוקט אינעם בילד.

ס'איז געווען אַ ברוטאַלער סימבאָל. אויפן צלם איז שווער אַראָפּגעהאַנגען די פאַרפּייניקטע פיגור פון דעם געקרייציקטן, מיט טשוועקעס צוגענעגלטן יעזוסן. טשוועקעס דורכגעהאַקטע דורך די הענט און פיס. טראָפּנס בלוט טריפן אַראָפּ פון די אָפענע, אויפגעריסענע וואונדן. אַ געפאַלענער קאָפּ מיט אַ געפּייניקטן, בלייכן, מיט בלוט אָפּגעגאָסענעם פּנים, גסיסה־ווייען, אויגן,

וואָס פרעגן, שרייען מיט שטומע געשרייען אין דער אייביקייט אַריין. דינע, אויסגעצויגענע לענדן פון אַ מאַרטירער... באַרני האָט יעדעס מאָל געפילט אַ פאַרעטערישע מורא, ווי אַ קינד ביי אַ זינדיקער טאַט. דאָס איז אוודאי געווען צוליב אַ פּיינלעכער פערזענלעכער דערינערונג פון זיין קינדהייט — אַן עפּי־זאָד, וואָס האָט פאַרזייט אַ קערנדל שרעק אין זיין קינדערשן האַרצן אויף אַלע יאָרן. דאָס איז געווען אין אַלטן רוסלאַנד. שקצים האָבן אים געכאַפּט אין אַ פאַרנאַכט, האָבן אים געצוואונגען צו קושן אַ צלמל, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען אויף אַ ברודיקן שטריקל פון איינעמס האַלדז. די שקצים האָבן געהויערט איבער אים, ווי גזלנים, און האָבן ניט אויפגעהערט אַריינצושרייען אים אין פּנים אַריין דעם אַלטן, טויזנט־יאָריקן פאַראורטייל:

— דו, שמוציקער זשיד, דו!... דו, יודאַ!... קוש דעם הייליקן צלם! דו האָסט פאַרפּייניקט אונדזער הייליקן דערלייזער! דו, דו!... קוש, קוש!...

און ער האָט געמוזט קושן אין מוראדיקער געפאַלנקייט דעם צלמל און אַליין זיין ווי אַ פאַריאָגטער, פאַרפּייניקטער מאַרטירער אין די הענט פון זיינע פּייניקער. און איצט, שוין אַ דערוואַקסענער, האָט ער נאָך אַ מאָל דערפילט קעגן זיך דעם ליגנערישן געשריי פון פאַראורטייל:

— דו ביסט באַגאַנגען דעם מאָרד. דיינע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט. דו, דו!...

און מאָדנע: ער האָט שוין נאָכדעם קיין מאָל ניט אַריינגענומען אין האַנט דעם צלם, אויסגעמיטן צו באַגעגענען זיך אַן איבעריקן מאָל מיט דער מאָדנער חתונה־מתנה...

באַרני קלאָפּער האָט איצט זיך אויך דערמאָנט אַ טשיקאַווע געפיל, וואָס ער האָט געהאַט, ווען באַלד נאָכן געבורט פון זיין זון, האָט מען אים דאָס קינד צוגעטראָגן אָנצוקוקן. דאָס קינד האָט געהאַט ווייסע, פלאַקסענע הערלעך אויפן קעפל, דינע, לענגלעכע געזיכט־צוגן און הימל־בלויע אייגעלעך, וואָס האָבן גלייך געשאַפן אַ דייטלעכן קאָנטראַסט צווישן דעם אויסזען פון טאַטן און זון, ווייל ער אַליין האָט געהאַט אַ דיקע שוועליורע שוואַרצע, אַ ביסל געקרייזלטע האָר, אַ ברייט פּנים און טונקעלע אויגן. די קראַנקן־שוועסטער, וואָס האָט צוגעטראָגן דאָס קינד, האָט אָפּגעמאָסטן מיט גלייכגילטיקע אויגן דעם פאָטער און נאָכדעם דאָס קינד און האָט טאַקע דאַן באַמערקט מיט עפּעס אַ באַהאַלטענעם מיין:

— דער זון איז געראָטן אין דער מאַמען... איינגאַנצן די מאַמע!

און באַרני האָט אויף איין רגע אַפילו דערפילט אַ פאַרעטערישן געפיל פון פרעמדקייט צום נייעם באַשעפעניש, וואָס האָט באַדאַרפט ווערן זיין זון. אַן ענלעכן געפיל האָט ער אויך געהאַט שוין עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען זיין זון איז שוין אַ ביסל אונטערגעוואַקסן, ווען ער האָט שוין געקאָנט אַרומלויפן איבערן הויז און פּלאַפּלען זיינע קינדערשע רייד. באַרניס מוטער איז ביי זיי געווען אויף אַ באַזוך און האָט זיך האַרציק געשפּילט מיטן אייניקל. האָט ער

דאָן אונטערגעהערט אַ באַמערקונג, וואָס די באָבע האָט געמאַכט וועגן איר אייניקל, דאַכט זיך, גאָר אַן אומשולדיקע באַמערקונג:

— קום אַהער, בלאָנד שייגעצל מיינער... מיר פאַר דיינע בייגדעלעך, זיס יינגעלע מיינס... אַ געזונט אין דיינע הימל־אייגעלעך, אין דיינע פלאַקסענע הערעלעך!...

זי האָט געקושט און געהאַלדזט דאָס קינד. אָבער איר באַמערקונג, אַרויסגעזאָגט אין יידיש, האָט זיך פאַרטשעפּעט אויף אַ לאַנגער צייט אין זיין זכרון און געבליבן לעבן אין זיין האַרצן.

און אויך די עלטערן זיינע. זיי פלעגן צו אים קומען פון צייט צו צייט. אפשר צוליבן אייניקל. זיי האָבן געזוכט צו געפינען אַ ברעקל „נחת פון קינדער". פלעגן זיי פון צייט צו צייט אַריינקומען צו זיי. אָבער זיי האָבן זיך געפילט ווי פרעמדע. זיי זיינען געווען פון אַן אַנדער וועלט. דערצו זיינען זיי געווען פרומע. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו עסן פון זיין געשיר, ניט אָנגערירט זיין שפייז, זיינען געקומען און אַוועקגעגאַנגען מיט דער אָנגעצויגענער העפלעכקייט פון גוטע טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן געמוזט אַ מאָל אָפּשטאַטן אַ וויזיט צו דעם פאַרפרעמדטן זון און צו דעם אייניקל, וואָס איז געוואַקסן אונטער אַ פרעמדלעכער השגחה.

פונדעסטוועגן האָט ער זיך געקאָנט דערמאָנען וועגן עטלעכע באַזוכן זייערע, וואָס האָבן אים דערוואַרעמט מיט היימישקייט, מיט יידישער סביבהדיקייט. פאָטער און זון האָבן זיך דורכגעוואָרפן מיט אַ יידיש ווערטל, מיט אַ ספּעציפיש־יידישן אויסדרוק, מיט אַ פאָלקס־ווערטל, וואָס האָט אַ לויכט געטאָן מיט נאָענטקייט. אין זיין הויז פלעגט אַ מיניע טאָן אַ יידישער קאָליר, אַ קלאַנג און אַ באַקאַנטער זשעסט פלעגט זיך אָפּרופן אין האַרצן מיט אַ געפיל, נאָך וועלכן ער האָט אַ לאַנגע צייט געבענקט ווי נאָך אַן אַלטער פריינטשאַפט. אָט די באַקאַנטע באַוועגונגען, קלאַנגען און זשעסטן פלעגן אַ שפיל טאָן פאַר די אויגן מיט דערינערונגען פון דער קינדהייט — און ס'פלעגט פון דעם ווערן גוט און אומעטיק...

דער ווייבס משפחה פלעגט אויך — מערסטנס אין די זונטיקס — אַריינקומען צו זיי אין הויז. זיי זיינען געווען גוטע, פראָסטע מענטשן. אָבער וואָס פאַר אַן אונטערשייד ס'איז געווען צווישן זיין משפחה און איר משפחה! זיין הויז פלעגט זיך אומבייטן, ווי מ'וואָלט אויף אַלץ אָנטאָן אַן אַנדער מלבוש. אַנדערע באַוועגונגען. אַנדערע רייד. דער ווייבס רייד אַנדערע. זיינע רייד אַנדערע. אַלץ איז געווען אַנדערש. אפילו דאָס קינד איז אין די אָרעמס פון אירע עלטערן געווען אַן אַנדערש און אין די אָרעמס פון זיינע עלטערן — ווידער אַן אַנדערש. אַ מאָדנע צעטיילונג צווישן מענטש און מענטש, וואָס ניט ער און ניט די צעטיילטע זיינען אין דעם געווען שולדיק. אָבער זי איז סיי ווי סיי געווען. און ער אַליין איז געווען דער סאַמע שאַרפסטער אויסדרוק פון אָט דער צעטיילונג. ווייל אָט איז דאָך אין זיין הויז געווען אַ ביבליאָטעק, און קיין

יידישע ביכער זיינען אין איר ניט געווען. אין הויז זיינען געווען זשורנאַלן און צייטונגען, אָבער זיי זיינען אַלע מאָל געווען ענגלישע. אַגאַטאַ וואָלט אפשר טאָלערירט אַ יידיש בוך אין הויז, אַ צייטונג אָדער אַ זשורנאַל — זי איז דאָך געווען אַ וועלטלעכע פרוי, — אָבער ער איז עפּעס אומבאַוואוסטזיניק איינגעגאַנגען אויף אַ שטילער הנחה, אויף אַ קאָמפּראָמיס, און אַלץ אין זיין הויז האָט היינט דערמאָנט וועגן זיין שטענדיקן, ניט אויסגעשפּראָכענעם קאָמפּראָמיס.

ער האָט זיך אויך געקאָנט דערמאָנען, אַז אין משך פון די עטלעכע יאָר פון די בלוטיקע געשעענישן, האָט ער ניט איינמאָל אַרויפגעפירט דעם געשפּרעך אויף די דייטשישע רציחות. אַגאַטאַ האָט אויך געלייענט די צייטונגען, אָבער זי האָט קיינמאָל ניט גערעדט מיט אים וועגן די נייס. זי האָט אויסגעמיטן צו דערמאָנען. נאָר איין מאָל, ווען ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין דעם געשפּרעך וועגן די נאַצישע רציחות, האָט זי אַ ווילדע געשוויגן און נאָכדעם, זייער אומבאַקוועם, געזאָגט:

— זיי זיינען דאָרט משוגע געוואָרן...

— וואָס מיינסטו, „משוגע געוואָרן״? אַ גאַנץ פאָלק האָט זיך פאַרנומען סיסטעמאַטיש אויסצוראָטן אַ קליין אומבאַשיצט פאָלק, און דו זאָגסט „משוגע״, ווי דו וואָלסט פאַר זיי געהאַט אַ פאַרענטפערונג... אַ מערדערלעכער פירער גיט אַ פאַראָרדענונג דעם גאַנצן פאָלק צו מאָרדן, און זיי מאָרדן...

זי האָט מיט פאַרדראָס געזאָגט:

— דאָס איז ניט אמת. ניט אַלע דייטשן זיינען מערדער. דו מאַכסט אַ בילבול אויפן דייטשישן פאָלק. דו ווייסט, אַז דייטשן זיינען אַ קולטור־פאָלק. דאָס רעדט אין דיר די שנאה צו די דייטשן...

— טאָ פאַרוואָס הערט מען ניט די שטים פון פּראָטעסט מצד די „קולטורעלע״ דייטשן? עפּעס פאָלגן זיי אַלע זייער פירער. אפילו די אַמעריקאַנער דייטשן האָבן קיין מאָל ניט אויסגעדריקט קיין פּראָטעסט קעגן די שחיטות. פאַרוואָס שווייגן זיי? דערצו זיינען זיי דאָך אויך קריסטן. האָט יעזוס געהייסן מאָרדן קליינע קינדער און אַלטע לייט?

זי איז פּלוצלונג אָנגעצונדן געוואָרן:

— פאַרוואָס פרעגסטו מיך? איך בין אַ דייטשקע! יאָ, איך בין אויך אַ דייטשקע, אָבער איך האָב ניט קיין האַנט אין דעם אַלעם!... און ניטאָ דיר וואָס צו פרעגן מיך אָט די אַלע פראַגעס... און איך קאָן ניט פאַרענטפערן אייער יידישע פראַגע...

זי האָט אַרויסגעזאָגט אָט די פּראָוואָצירנדיקע ווערטער און אַרויסגעגאַנגען אין אַ צווייטן צימער, איבערלאָזנדיק אים ווי אַ פאַרוואונדעטן. ער האָט זי דאַן זייער פיינט געהאַט. געמיינט, ער וועט איר דאָס קיין מאָל ניט מוחל זיין. אָבער אויך דאָס איז פאַרגעסן געוואָרן. אָדער ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז ס׳איז פאַרגעסן געוואָרן. ווייל אָט האָט ער זיך דאָך וועגן דעם דערמאָנט.

און ער האָט זיך אויך דערמאָנט וועגן אַן אַנדער געשפּרעך, וואָס ער האָט מיט איר געהאַט וועגן גלייכהייט פון פעלקער. זי האָט דאַן אַ זאָג געטאָן:

— יידן זיינען אַנדערש.

— פאַרוואָס?

— איך טראַכט אַמאָל... איך ווייס ניט ווי אַנצורופן. יידן זיינען עפּעס ווי גייסטער... זיינען אַנדערש.

— גייסטער גאָר? אָט נעם מיך, למשל, בין איך אַ גייסט?... אָט בין איך דאָך אַ ייד. מיט וואָס בין איך אַנדערש פון דיינע קרובים?

— איך ווייס ניט. אָבער דו ביסט ניט ווי אַנדערע יידן. דו ביסט ניט פרום. אָבער דיין טאַטע איז אַנדערש און אַ סך יידן זיינען ניט אַזוי ווי מיר, קריסטן... און אַמאָל, ווען דיינע עלטערן קומען אַהער, דוכט זיך מיר אויס, אַז דו ביסט אויך אַן אַנדערער...

— און אָט איז באַבי. איז ער אויך אַנדערש?

— ניין, באַבי איז ניט קיין ייד.

— פאַרוואָס איז ער ניט קיין ייד? מיר האָבן דאָך אים געיידישט. און ער איז דאָך מיין זון, אַ זון פון אַ יידן...

— דו מיינסט די „אָפּעראַציע"? נו, דאָס האָב איך דיר נאָכגעגעבן, צוליב שלום מיט דיינע טאַטע־מאַמע. ניט געוואָלט דיר ווי טאָן. כ'האָב עס געטאָן צוליב דיר. אָבער וואָס האָט עס צו טאָן מיט באַבין? ער איז ניט קיין ייד.

— אָבער אַז ער איז אַן אָפּשטאַמיקער פון גייסטער, ווי דו זאָגסט, איז ער דאָך אויך אַ גייסט, אפשר אַ קליין שדל?...

— ניין, דו שפּאַס ניט. פאַר מיין הייראַט מיט דיר האָבן טאַקע מיינע קרובים צו מיר געטענהט: אַגאַטאַ, דו פאַרבינדסט זיך מיטן טייוול... זיי האָבן מיך געוואָרנט, אַז פון מיין הייראַט מיט אַ יידן וועט קיין גוטס ניט אַרויס־קומען...

— נו, און איצט האָסטו זיך אויך איבערצייגט, אַז איך בין טאַקע אַ טייוול?

— ניין. דו ביסט, אין אַ געוויסן זין, ניט קיין ייד. דו ביסט ניט פרום. דו גייסט ניט אין קיין סינאַגאָגע, דאַווענסט ניט... אַנומלט בין איך פאַרביי־געגאַנגען אַ יידישע שול... ס'זיינען געווען די גרויסע יידישע יום־טובים. די טירן און פענצטער פון דער שול זיינען געווען אָפן. יידן זיינען געווען אָנגעטאָן אין די טליתים, האָבן זיך געשאָקלט, האָבן געשריען, געמאַכט מיט די הענט... ס'וואָלט געווען אַ חוזק דיך צו זען דאָרטן מיט די יידן... כ'האָב זיך אַזש דערשראָקן פון געדאַנק דיך צו זען צווישן די יידן דאָרטן... ס'איז געווען ווי עפּעס אַ געהיימער ריטואַל...

— יעדע אמונה האָט זיך אירע מאָדנע ריטואַלן און רעליגיעזע צערע־מאָניאַלן. פאַר אַ פרעמדן זעען זיי אויס מאָדנע. פאַר אַ יידן איז אויך דאָס קריסטלעכע גאָטעס־דינסט פרעמד־אומפאַרשטענדלעך.

זי האָט זיך פאַרטראַכט און נאָכדעם אַ זאָג געטאָן:

— דו ווייסט, איך לייען פאַר באַבין די ביבל. און איך וויל אים אַמאָל נעמען אין קירך. מירביידע זיינען דערוואַקסענע. מיר קאָנען אויסקומען אָן רעליגיע. אָבער אַ קינד דאַרף גלויבן אין גאָט. אים דאַרף מען געבן דעם גלויבן און דעם יום־טוב און די לעגענדעס וועגן דער געטלעכקייט. האָסט באַדאַרפט זען, ווי ער הערט זיך צו צו די מעשות פון דער ביבל! זיינע אויגן לויכטן מיט אַזאַ ליכטיקייט... מיט מיר איז אויך געווען אַזוי אין דער קינדהייט.

עפּעס האָט אים אַ קלעם געטאָן אין זיין האַרצן, ווי אַ פאַרבאָרגענע מורא, וואָס ער האָט אויסבאַהאַלטן פון זיך און פון דער וועלט, וואָלט זיך מיטאַמאָל אַנטפּלעקט אין דער גאַנצער אָפנקייט. ער האָט געזאָגט:

— כ׳האָב געמיינט, ביסט ניט קיין פרומע. האָסט אַלע מאָל אָנגענומען מיינע וועלטלעכע אידייען. האָסט צוגעזאָגט צו דערציען דאָס קינד אָן רעליגיעזע פאָראורטיילן, און איצט זע איך גאָר, אַז הינטער מיין רוקן, באַהאַלטענערהייט, דערציסטו אים אין גייסט פון פרומען קריסטנטום. איך פאַרבאָט דיר דאָס צו טאָן!

אין אירע אויגן האָט אַ בליץ געטאָן אַ טראָציק פייערל:

— דו קאָנסט עס מיר ניט פאַרבאָטן! איך האָב דיר ניט פאַרבאָטן צו מאַכן איבער מיין קינד די העסלעכע אָפּעראַציע... דו האָסט געטאָן מיט אים, וואָס דו האָסט געוואָלט און איצט קאָנסטו מיר ניט פאַרבאָטן צו דערציילן אים וועגן קריסטוסן און וועגן די אַפּאָסטאָלן. אַלע קינדער ווייסן וועגן אַ גאָט און וועגן דער קריסטלעכער ליבע און באַבי וועט אויך וויסן!

און דאַן טאַקע, געדענקט ער, האָט ער איר מיט כעס אַ וואָרף געטאָן אין פּנים אַריין:

— אָ, איר, קריסטן מיט אייער קריסטלעכער מאָראַל!... צוליב אָט דער אייער קריסטלעכער ליבע אפּנים פייניקט איר מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן, צאַפּט אויס דאָס בלוט פון קליינע קינדער און ברענט זיי אין קרעמאַטאָריעס. אַ ליבע, וואָס באָדט זיך אין מענטשלעכן בלוט!...

נאָך אָט דעם געשפּרעך איז אויסגעבראָכן אַ שאַרפער פערזענלעכער קריג, וועלכער האָט אויף אַ לאַנגער צייט פאַרסמט זייער צוזאַמענלעבן. פון יענעם געשפּרעך אָן האָבן שוין ביידע ניט גערעדט וועגן די געשעענישן פון דער וועלט. ס׳איז געווען ווי אַ שטילער אָפּמאַך אויסצומיידן אַ געפאַר. ביז היינט, ווען ער איז געקומען אַהיים.

ג.

אַגאַטאַ איז אַריינגעקומען פון קיך. איר פּנים איז געווען פאַרפלאַמט פון אַרבעט און גוטער אָונטלעכער שטימונג. זי איז געווען שיין. אויף איר פּנים האָט געלויכטן אַן אינערלעכע צופרידנקייט. זי האָט געהאַט אַ סך זאַכן צו

דערציילן איר מאַן. עס זיינען געווען אַ סך אויסגעאַרבעטע פּלענער פאַרן פאַרשטייענדיקן יום־טוב, מיט וועלכן זי איז געווען גרייט צו טיילן זיך מיט איר מאַן. ס׳איז שוין געווען צייט איינצוקויפן די קריסטמעס־מתנות. מ׳האָט באַדאַרפט קויפן אַ יאָלקע און פאַר דער יאָלקע — אַלע נייטיקע באַפּוצונגען. מ׳האָט דאָך ניט געקאָנט לאָזן דאָס קינד אָט אַזוי, אָן דעם פאַרגעניגן פון אַ יאָלקע! דאָס קינד האָט דאָך שוין ניט אויפגעהערט צו מאַטערן: יאָלקע און יאָלקע!... און די באַגריסונג־קאַרטלעך האָט מען שוין אויך באַדאַרפט אַדרעסירן און אַרויסשיקן. ס׳איז געווען אַ סך צו טאָן. אָפּלייגן איז שוין ניט געווען קיין צייט. דער יום־טוב האָט זיך שנעל אָנגערוקט.

דער מאַן האָט זיך צוגעהערט צום ווייבס רייד. זיין געפּאַלענער געמיט האָט אויפגענומען אַלץ מיט פולער רעזיגנאַציע; אָט אַזוי האָט עס באַדאַרפט זיין און אַנדערש האָט עס ניט געקענט זיין. פאַר דער גאַנצער וועלט איז אָנגעקומען דער גרויסער יום־טוב קריסטמעס. די גאַנצע וועלט האָט זיך צו אים געגרייט. אין באַנק זיינען טאָג־איין, טאָג־אויס געשטאַנען ביי די פענצטערלעך לאַנגע רייען, אַרויסגעצויגן געלט אויף די יום־טובדיקע הוצאות. די באַנען זיינען איצט געווען איבערגעפּאַקט מיט פּרויען, וואָס זייערע הענט זיינען געווען איבערגעלאָדן מיט פּעק און פּעקלעך, איינגעוויקלטע אין קאָלירטן פּאַק־פּאַפּיר, איבערגעבונדענע מיט קאָלירטע שטריקלעך. אַרום די ראָגן האָט מען שוין פאַרקויפט די טונקל־גרינע, שמעקעדיקע יאָלקעס. אַלץ איז געווען אין דער איינגעשטעלטער אָרדענונג פון לעבן, און ער האָט עס ניט געקאָנט ענדערן. קיינער האָט עס ניט געקאָנט ענדערן. האָט ער געזאָגט:

— איך האָב דאָ ביי זיך דרייסיק דאָלער. פאַר אָן אָנהייב וועט עס דיר זיין גענוג. אין אַ פּאָר טעג אַרום וועל איך דיר קאָנען געבן נאָך... גיי און קויף, וואָס מ׳דאַרף.

זי האָט געזען, אַז ער איז קאַלט צו איר אויפגעלעבטער שטימונג, נעמט אויף אירע יום־טובדיקע זאָרגן מיט אַ טאָן פון גלייכגילט, האָט זי מיט פאַר־דראָס געזאָגט:

— אַלצדינג מוז איך אַליין פאַרזאָרגן... אַלע מאָל אַליין... נישקשה, וואָלסט מיר אויך געמעגט אַרויסהעלפן. ס׳איז שוין די לעצטע קריסטמעס־וואָך. ווי וועל איך אַלץ אַליין קאָנען פאַרזאָרגן?

דאָס קינד, וואָס איז געווען פאַרטאָן מיט זיינע שפּילעכלעך, האָט זיך אויך איצט אַ לאָז געטאָן צום טאַטן:

— דעדי, קויף מיר אַ פּרעזענט... אַ קריסטמעס־פּרעזענט... וואָס וועסטו קויפן?

באַרני האָט אים אַרומגענומען מיט צערטלעכקייט:

— אוודאי וועל איך דיר קויפן.

— און סאַנטאַ־קלאָז וועט מיר אויך ברענגען מתנות?

— אוודאי וועט דיר סאַנטאַ־קלאָז ברענגען מתנות.

דעם קינדס אויגן זיינען איבערגעפילט געוואָרן מיט פרייד. ער האָט זיך שנעל באַפרייט פון דעם פאָטערס אָרעמס און גענומען אַרומשפּרינגען אין אַ קרייז ווי אַ העזל פון גרויסער פרייד און אויסגעשריען אויפן קול:

— סאַנטאַ־קלאָז וועט קומען, סאַנטאַ־קלאָז וועט קומען!...

און אַגאַטאַ איז שוין געזעסן ביים טיש מיט פּאַפּיר און בלייפעדער, פאַרשריבן נעמען פון פריינט און קרובים, וועלכע מ׳האָט באַדאַרפט שיקן באַגריסונגען און וועלכע מ׳האָט געמוזט שיקן מתנות. ס׳איז געווען אַ צעטל נעמען, צווישן וועלכע ס׳איז ניט געווען קיין איין נאָמען פון זיין אייגענער משפחה. ס׳איז געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג, וואָס האָט זיך ווידערהאָלט אַלע יאָר און ס׳האָט אים קיינמאָל ניט געוואונדערט. זיין משפחה איז געווען אַ ווייטע, אַ פאַרפרעמדטע און האָט נאָך קיינמאָל ניט געפייערט דעם יום־טוב קריסטמעס. און אַנדערש האָט עס גאָר ניט געקאָנט זיין. און איר משפחה האָט אַלע מאָל געפייערט דעם יום־טוב, אָפּגעהיט אַלע טראַדיציאָנעלע גע־וואוינהייטן, וואָס זיינען איבערגעגעבן געוואָרן פון דור צו דור. זיי האָבן גע־פייערט און זיין ווייב האָט געפייערט און די גאַנצע וועלט האָט געפייערט דעם געבורט פון יעזוסן... פאַרפאַלן!

פאַרטיק געוואָרן מיטן צעטל, האָט אַגאַטאַ גענומען דאָס קינד גרייטן צום שלאָפן. דאָס איז אַלע מאָל געווען איר אַרבעט. און זי האָט, ווי אַלע מאָל, צוגעפירט באַבין צום פאָטער מיט די זעלביקע ווערטער:

— קוש דעדין, אַ גוטע נאַכט.

און באַרני האָט געקושט דאָס קינד. און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער שוין געהערט ווי דאָס ווייב דערציילט דעם קינד אַ מעשהלע און דאָס מעשהלע איז ווידער געווען וועגן דעם גוטן סאַנטאַ, וואָס איז גוט צו קליינע קינדער און וואָס וועט אים, ווי אַלע יאָר אין דער נאַכט פון קריסטמעס, ניט פאַרגעסן צו ברענגען פולע זעק מיט מתנות.

און טאַקע שוין אויף מאָרגן האָבן זיך אָנגעהויבן די פולע צוגרייטונגען צום יום־טוב. אַגאַטאַ איז פאַרנומען געווען מיטן איינקויפן, און באַרני האָט אין די אָוונטן געפּאַקט און אַדרעסירט די פּעקלעך, געוויקלט זיי אין קאָלירטן פּאַפּיר, געבונדן מיט קאָלירטע סטענגעלעך און שטריקעלעך, אָפּגעגעבן שעה׳ן אין פּאָסט־אָפיס אין די רייען ביים אַרויסשיקן זיי.

און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן שוין אָנגעהויבן אָנקומען אין הויז מתנות פון פריינט און קרובים. די פּעקלעך זיינען געווען, פּונקט אַזוי ווי זייערע, איינגעפּאַקט אין קאָלירטע שאַכטלעך, אויסגעפּוצטע מיט צייכענונגען פון ווינטער־בלעטער, מיט קונציקע קראַנצן און קרענצלעך, מיט פאַנטאַסטישע געמעלן פון סאַנטאַ־קלאָז און צלמים, געוויקלטע אין רייך־קאָלירטן פּאַפּיר, פאַרבונדענע מיט רויטע, בלויע און גרינע שטריקלעך. עס זיינען אָנגעקומען קאַרטלעך, אָפּגעדרוקטע אין גאָטישן סטיל, מיט פרומע ווינטשונגען, באַ־מאָלענע מיט קרענץ און צלמים.

אין הויז האָט זיך אַריינגעריסן מיט דער פולער קראַפט דער „קריסטמעס־גייסט״. דורכן טאָג האָט אַגאַטאַ אָפּגעשפּאָרט צייט צו פירן באַבין אין דעם גרויסן דעפּאַרטמענט־געשעפט צו דריקן די האַנט פון סאַנטאַן, וואָס האָט גערעדט צום קינד זיסע רייד, און אַלע קינדער באַטיילט מיט ביליקע שפּילעכלעך און צוקערלעך. און אין אָוונט האָט שוין דאָס קינד באַגעגנט דעם פּאָטער מיט די וואונדער־מעשיות פון זיין דערפאַרונג מיטן גרייז־גראָען „אַלד־מען״ סאַנטאַ און מיט וואונדער־מעשיות פון קינדערלאַנד אין די הייליקע טעג פון קריסטמעס.

די ראַדיאָ האָט אָנגעפּילט דאָס הויז מיט די קלאַנגען פון די באַקאַנטע קריסטמעס־כאָראַלן, מיט די קלאַנגען פון „דזשינגל בעל״, מיט קירכלעכע צערעמאָניאַלן. און דעם פּראָמינענטן ווינקל אין הויז האָט שוין פאַרנומען די יאָלקע, און יעדן טאָג זיינען אויף אירע צווייגן צוגעקומען נייע באַפּוצונגען: קונציק־קאָלירטע עלעקטרישע לעמפּעלעך, באַגילדטע און באַזילבערטע סטענגעס, פון צעלולאָיד געמאַכטע סאַנטאַס, געבלאָזענע גלאָז־באַלונען אין גרין, אין רויט און אין בלוי, גירלאַנדעס און קראַנצן פון קינסטלעכע בלעטער. אַלץ, וואָס האָט נאָר געהאַט קאָליר איז מיט פראַכט אַראָפּגעהאַנגען פון דער יאָלקע.

און יעדן אָוונט, ווען באַרני האָט זיך צוריקגעקערט פון דער אַרבעט, האָט ער אָנגעטראָפן אין הויז נייע סימנים פון דער שטייגנדיקער יום־טובדיקייט. פון יעדן ווינקל האָט אַרויסגעלויכטן די וואַקסנדיקע שטימונג פון אויפגעלייגטקייט, פריידיקייט און דערוואַרטונג. באַרנין האָט עס דערמאָנט אָן די קינדערשע שטימונגען זיינע, וועלכע ער האָט מיט יאָרן צוריק איבערגעלעבט יעדעס מאָל ביי די ערב־פּסחדיקע צוגרייטונגען אין הויז פון זיינע עלטערן. דער יום־טוב פלעגט ביסלעכווייז אַריינקומען אין הויז. פריער די מצה און דער ווין. נאָכדעם — די פּסחדיקע כלים, די באַזונדערע כוסות פאַר יעדן מיטגליד פון דער פאַמיליע. דאָס ראַמען, שייערן און כשרן און שפּעטער — די פּסחדיקע מאכלים. דאָס אַלץ איז אויפגעלעבט געוואָרן צוריק דורך די פרעמדע קריסטלעכע צוגרייטונגען צום יום־טוב. פון דעם איז באַרנין געוועזן גוט און אומעטיק אויפן האַרצן.

און באַרני האָט טאַקע ניט איין מאָל געטראַכט: וואָס האָט אים אַזוי גערירט? עס האָט דאָך ניט געקאָנט זיין דער רעליגיעזער אינהאַלט פונעם יום־טוב, ווייל ער איז דאָך שוין יאָרן אָוועק פון רעליגיע. און אפילו זיין קריסטלעכע פרוי איז האָך אויך ניט געווען פרום אין דעם אָנגענומענעם זין פון וואָרט. אין דעם, וואָס ס׳איז פאַרגעקומען אין הויז איז געווען ריינער טראַדיציאָנעלער צערעמאָניאַל, די אויפגעהאַלטענע לעבנס־פאָרמען פון געמיטלעכקייט און מענטשלעכער פריידיקייט. דער יידישער צערעמאָניאַל איז געווען שיין אפילו אָן דעם רעליגיעזן צומיש און אַזוי איז געווען דער קריסטלעכער. ניט מער — די יידישע פאָרמען האָבן באַדאַרפט אָפּטרעטן אין זיין הויז דאָס אָרט דעם קריסטלעכן צערעמאָניאַל, ווי ס׳האָט שוין צוריק מיט

עטלעכע וואָכן אָפּגעטראָטן דאָס אָרט דעם האָלואין, און שפּעטער וועט עס אָפּטרעטן דאָס אָרט דעם וואַלענטין־טאָג...

און באַרני איז דאָך פּאַרט געווען אַ זון פון פרומע עלטערן, וואָס האָבן נאָך געלעבט און געוואוינט מיט אים אין דער זעלביקער שטאָט. ביי זיי אין הויז האָט מען אָפּגעהיט יידישקייט. ביי זיי אין הויז האָט אַלע מאָל געלעבט דער גייסט פון דורותדיקער קאָנטינואיטעט. אים אַליין האָבן זיי נאָך ביז היינטיקן טאָג גערופן ברוך. און ער, ברוך, איז אין דער קינדהייט געגאַנגען אין חדר און יאָרן לאַנג, אינאיינעם מיט טאַטע־מאַמע אָפּגעהיט אַלע יידישע מצוות. און איצט איז זיין אַמאָליקע יידישקייט געווען אַ ווייטער קינדערשער חלום וועגן אַן אויסדערוויילטן פאָלק, וואָס מ׳האָט פאַראורטיילט צו וואַנדערן צווישן פעלקער, צו שטאַרבן אויף קידוש־השם, צו פּאָגראָמען און רדיפות. וואָס איז איצט געווען זיין פאָלק? אַ קראַנקע סטאַדע שאָף, וואָס מאַטערט זיך מסוכן אין אייביקער גסיסה — מאַטערט זיך און קאָן נישט שטאַרבן. און ער אַליין, באַרני־ברוך קלאַפּער, איז אויך מסוכן־קראַנק און מאַטערט זיך אין אַן אייביקער גסיסה... און אָט דורך די אַלע יום־טובדיקע טעג זיינען אים געקומען מאָדנע געדאַנקען־אַסאָציאַציעס, משונהדיקע אַנאַלאָגיעס. די ליידן פון דעם געפייניקטן יעזוסן האָבן זיך געמערט און געגרעסערט מיט די ליידן פון זיין אייגן פאָלק.

ס׳איז טאַקע געווען זייער מאָדנע: אָט איז שוין דער מענטש יעזוס קריסט ניט געווען אויף דער וועלט באַלד צוויי טויזנט יאָר, און זיינע ליידן זיינען נאָך געווען און האָבן אין זייער גאַנצער מוראַדיקייט געלעבט אין די הערצער פון מיליאָנען, געווען אַן אייביקער סימבאָל פון מאַרטירערשאַפט. און דאָס יידישע פאָלק איז עפּעס ווי אויך ניט געווען. מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָט מען עס צעשפּרייט, ווי שטויב, איבער דער פלאַך פון דער ערד, פאַרטיליקט און אומגעבראַכט, אָבער די יסורים זיינע האָבן נאָך געלעבט אין דער אייביקייט אַריין, ווי אַן אייביקער סימבאָל פון מאַרטירערשאַפט. ווייל וואָס איז אַ פאָלק? אַ פאָלק איז ווי אַ יחיד. אַ יחיד קאָן טראָגן די מאַרטירערשאַפט פאַר אַן אידייע און אַ גאַנץ פאָלק קאָן טראָגן די מאַרטירערשאַפט פאַר אַן אידייע...

ס׳איז געווען אַ מאָדנע אַנאַלאָגיע. אָבער באַרני קלאַפּער האָט זיך פון איר ניט געקאָנט באַפרייען. זי איז אים געקומען איין מאָל און צען מאָל. צווישן די באַנק־נאָטן, ציפערן און נעמען האָט זי זיך געריסן צו זיין אויפ־געגראַבן מאַרך און ניט אויפגעהערט צו מאַטערן זיין נשמה. ווייל אָט איז דאָך יעזוסעס געשטאַלט אייביק געהאַנגען, אַ בלוטנדיק, אויפן קרייץ פון גאָלגאָטע און מיט זיין בלייכן פּנים, מיט די דינע, אָפּגעצערטע לענדן, מיט די דורכגענעגלטע, שטאַרבנדיקע הענט, ווי אַ דערמאָנונג און אַ פאָדערונג, אַז זיין פאַרגאָסן בלוט זאָל אויסגעקויפט ווערן מיט בלוט און אַז די איינציקע גסיסה זיינע זאָל אויסגעקויפט ווערן מיט מיליאָנען מוראַדיקע גסיסות...
ס׳איז געווען אין דעם אַלעם אַ ביטערער פּאַראַדאָקס, אַ ברוטאַלער פאַרזען,

אַ בלוטיקער חוזק, וואָס האָט אין נאָמען פון מאַרטירערשאַפט און „ליבע פאַר דער מענטשהייט" אומגעבראַכט מיליאָנען מענטשן, און וויפל יידיש בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן צוליב אָט דער „אויסלייזונג" פון זיין בלוט? און וויפל יידישע גסיסות זיינען געבראַכט געוואָרן אויף אָט דעם מזבח צוליב אָט דער גסיסה זיינער, וועלכע די געשיכטע האָט שוין אַזוי פיל מאָל באַצייכנט, ווי אַ בילבול? און דאָך איז דאָס מאַרטירער־געשטאַלט נאָך מער און מער, דורך לאַנגע דורות, פאַרגעטערט געוואָרן און דורכן כוח פון אַלע קונסטן, כדי צו דערוועקן נאָך מער פאַרערונג און כדי נאָך מער צו פאַנאַנדערבלאָזן די אומבאַרעכטיקטע נקמה.

און אָט איז גאָר אָט די זעלביקע געשטאַלט געלעגן, ווי אַ טייערער אוצר, אין זיין הויז, צווישן דער טייערסטער צירונג, געלעגן און דערמאָנט אים, באַרני־ברוכן, אַז ער איז דאָ, אויך אין זיין הויז, און אַז אומעטום זיינען געווען צלמים. אומעטום און אַלע מאָל זיינען געווען צלמים און זיי האָבן זיך געמערט. זיי האָבן שוין פאַרנומען נייע ווינקעלעך אין מענטשלעכן לעבן. מען האָט זיי ניט נאָר געטראָגן ווי סימבאָלן פון רעליגיעזער אָנגעהעריקייט, נאָר אויך ווי אַ צירונג. פרויען האָבן זיי געטראָגן ווי אַ באַפּוצונג אויף זייערע שיינע העלדזער. אַלע האָבן געטראָגן צלמים. פריידענקערישע פרויען, אפילו זינדיקע, געפאַלענע פרויען, וואָס האָבן פאַרקויפט זייערע נשמות דעם טייוול, האָבן זיך ניט געשיידט מיטן צלם. אין גאַס, אין טעאַטער, אויף אַלערליי פאַרזאַמלונגען, אומעטום זיינען געווען די גאָלדענע צלמלעך, ווי דאָס וואָלט גראָד אין די גאָר לעצטע יאָרן געווען אַ שטיל־אָרגאַניזירטער קרייץ־צוג פון אַ פרייוויליקער אַרמיי, וואָס האָט זיך באַהאַנגען מיטן הייליקן יעזוס־צייכן פון מאַרטירערשאַפט, כדי צו דערוועקן אַ באַנייטן קאַמף פאַר זיין אויסקויף און באַפרייאונג.

אין מיטן דער גרויסער יידישער מאַרטירערשאַפט, אין מיטן אומדערשעפּלעכן יידישן פּיין — צלמים!...

און היינט איז געווען דער גרויסער יום־טוב פון דעם איינציקן מאַרטירער. אין דער היים איז שוין מסתמא אַלץ געווען גרייט פאַר דער פייערונג. ער וועט קומען אַהיים, און די פייערונג וועט זיך אָנהויבן. ווייל אָט איז שוין די גאַנצע וועלט אָנגעפילט געוואָרן מיטן גייסט פון יום־טוב. אַלץ האָט צעשריען דעם גרויסן טאָג. די צייטונגען און די ראַדיאָ, די היים און די גאַס האָבן פּראָקלאַמירט דעם יום־טוב פון „פרידן אויף דער וועלט און די ברידערלעכקייט צווישן מענטש און מענטש".

וואָס איז דאָס געווען? אַ ברוטאַלער חוזק? אָדער אפשר משוגעת? אַ גאַנצע וועלט האָט זיך אויסגעקוילעט אויף צענדליקער שלאַכטפעלדער. בלוט האָט זיך געגאָסן, ווי וואַסער, מיליאָנען מענטשן האָבן טאָג און נאַכט געשאַפן אַמוניציע. איין מענטש האָט געשאַרפט די שווערד קעגן אַן אַנדערן. „פרידן אויף דער וועלט און ברידערלעכקייט צווישן מענטש און מענטש"

און פּאָגראָמען אויף אַן אומבאַשיצט פאָלק. ברידערלעכקייט און מאַידאַנעק! אָ, דער ליגן פון מענטשלעכן וואָרט! דאָס וואָרט איז געווען „ליבע און פרידן צווישן מענטשן”, און די טאַט איז געווען — גזילה און מאָרד און פאַרניכטונג.

דעם טאָג האָבן די אָנגעשטעלטע פון באַנק געקראָגן זייער געהאַלט. באַרני קלאַפּער האָט אין זיין קאָנטאָר געפונען, אינאיינעם מיט זיינע וועכנטלעכע שכירות, אַ העפלעך בריוועלע פון דער פאַרוואַלטונג פון דער באַנק מיט אַ פייערלעכער גליקווינטשונג און דערצו אויך אַ מתנה פון דער באַנק — אַ צען־דאָלאַר גאָלדשטיק. אַזאַ מנהג האָט שוין די באַנק געהאַט פון יאָרן — ערב קריסטמעס צו געבן אַזאַ מתנה צו די אָנגעשטעלטע. און אַלע אָנגעשטעלטע האָבן די מתנה דערוואָרט מיט אַ באַזונדער געפיל, ווי אַ קרוינונג פון אַ יאָר אַרבעט און, ווידעראַמאָל, ווי אַ צייכן פון דער גרויסער „ליבע צווישן מענטש און מענטש”, וואָס ווערט ווידערגעבאָרן אינעם טאָג פון קריסטוסעס געבורט...

ד.

און אַז באַרני קלאַפּער איז יענעם אָוונט געקומען אַהיים, איז דאָס ווייב אים געקומען אַנטקעגן מיט אַ באַזונדערן פריידיקן אויסדרוק, מיט אַ פּנים צעגאָסן מיט וואַרעמקייט, אַ ביסל פאַררויטלט פון מידקייט און אויפגעלעבט־קייט. אין אירע בלויע אויגן האָט געברענט אַ באַזונדער פייערל. און אין איר, אין דער גאַנצער, איז געווען אַ געמיש פון אויפגערוימטקייט און אָנגענעמער מידקייט, וואָס קומט געוויינלעך נאָך אַ טאָג פון פריידיקער אַרבעט. די אויפ־געלייגטקייט אירע האָט אויף אים אַ שטראָם געטאָן מיט אַזוי פיל היימישער וואַרעמקייט און פרוילעכער באַענטקייט, אַז דאָס האָט אים דערמאָנט אויף אַ סך ערב־יום־טובדיקע שטימונגען ביי זיינע עלטערן אין הויז, ווען די מאַמע, אָן אויסגעפּוצטע אין די שבתדיקע קליידער, האָט נאָכן ליכט־בענטשן, אין דער ליכטיקער אויפגעראַמטקייט פון יעדן ווינקעלע אין הויז, באַגעגנט דעם טאַטן, ווען ער איז געקומען פון שול. אַגאַטאַס אויסזען האָט אים מיט איין מאָל אויסגעדריקט איר פולע צופרידנקייט מיט זיך, מיט דער היים, מיטן קינד און מיט איר מאַן, וואָס זיין אָנקומען אַהיים האָט איצט פאַרפולט דאָס לעבן מיט דער סאַמע לעצטער מאָס פון יום־טוב און פאַמיליען־גליק.

זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פורפורנעם קלייד פון לייכטן זייד. די פריזור און דאָס פּנים האָבן דערציילט וועגן איר באַזוך אין אַ פּוץ־סאַלאָן, וואו זי האָט זיך אויף אַ פּאָר שעה אָפּגעגעבן אין די געניטע הענט פון אַ „ביוטישן”. דורך די קאָרידאָר־פאַרטיערן האָט ער דערזען דעם גרויסן צימער רייך־באַלויכטן. אַלע לאָמפּן האָבן דאָרט געברענט און פאַרגאָסן דאָס צימער מיט ליכט. אויך די יאָלקע האָט שוין געברענט מיט אַלע אירע קאָלירטע לעמפּלעך.

ער האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט אַרונטערצונעמען פון זיך דאָס מאַנטל, און דאָס ווייב און קינד האָבן זיך שוין געטוליעט צו אים, געקושט אים מיט הייסע קושן אוןביידע האָבן אין איין קול געשריען:

— מערי קריסטמעס!... מערי קריסטמעס!...

— מערי קריסטמעס טו יו, באַרני!... מערי קריסטמעס טו יו, דעדי! און אַלע דריי זיינען אַריין אין גרויסן צימער.

אַגאַטאַ האָט געזאָגט:

— קוק זיך אַרום, טייערער, זע ווי שיין עס איז ביי אונדז! און איך בין שוין אפשר צוויי שעה פאַרטיק מיט דער אַרבעט... און מתנות זיינען היינט אָנגעקומען — אַ גאַנצער באַרג!... באַבי האָט שוין פאַר זיך אַריינגעקראָגן נאָך אַן עלעקטרישע באַן מיט רעלסן, מיט פאַרם־הייזער... ווּעסט דאַרפן אַ ביסל אַן אַרבעט טאָן... און איך... וואַרט, וואַרט, וועסט עפּעס זען!...

זי איז אַריינגעלאָפן אין שלאָפצימער און זיך באַלד צוריקגעקערט מיט אַ נאָך מער פלאַמענדיקן פנים, ווי פון עפּעס גאָר אַ נייער רעגונג. און איידער דער מאַן האָט נאָך צייט געהאַט צו באַנעמען איר נייע פרייד, האָט ער שוין דערזען אויף איר ברוסט אַ גאָלדן צלמל. דאָס צלמל איז אַראָפּגעהאַנגען אויף אַ דינעם, גינגאָלדענעם קייטעלע, וואָס האָט אַרומגענומען איר שיינעם, ווייסן האַלדז.

— ס'איז אַ קריסטמעס־פּרעזענט פון אַנקל פריץ... שטעל זיך פאָר, דער אַנקל פריץ נעמט און שיקט מיר אַזאַ טייערע מתנה... עס קאָסט אפשר פינף און צוואַנציק דאָלאַר. און איך האָב אַלע מאָל געדענקט, אַז ער איז אַ קאַרגער... אַזאַ איבעררעאַשונג!...

זי האָט אין איילעניש און מיט אַ ביסל ציטערנדיקע הענט אַראָפּגענומען פון האַלדז דאָס צלמל און עס אָוועקגעלייגט אויף דער פלאַך פון איר האַנט פאָרזיכטיק, ווי אַ טייערן אוצר. דאָס גאָלד האָט אַ גלי געטאָן אַנטקעגן דעם ליכט פון די לאָמפּן. און אויך אין אַגאַטאַס אויגן האָט אַ גלי געטאָן אַ פייערל פון הייליקער פריידיקייט און באַצויבערונג. זי האָט נאָך אַ מאָל געזאָגט:

— אַזאַ טייערער אַנקל פריץ!... אַזאַ קאַרגער אַנקל פריץ, און אַט זעסטו דאָך — קריסטמעס־גייסט איז דאָך קריסטמעס־גייסט... און איצט איז דאָס גראָד אין מאָדע. אַלע טראָגן איצט צלמלעך. טו נאָר אַ קוק! טו נאָר אַ קוק!.

און זי האָט צוגעטראָגן די אָפענע פלאַך פון איר האַנט מיטן צלמל, ווי מ'טראָגט צו אַ טייערע גאָב.

באַרני האָט מיט איין מאָל דערפילט אין זיך די מאָדנע, זייער באַקאַנטע פאַרלאָרנקייט. ער איז געשטאַנען אָן ווערטער. בשום אופן ניט געקאָנט געפינען קיין פּאַסיקן אויסדרוק. אפילו קיין פשוטע אָנגענומענע ווערטער, וואָס זיינען פּאַסיק צו זאָגן ביי אַזאַ געלעגנהייט האָט ער אין זיך ניט גע־

פונען. ווייל ס'איז טאַקע געווען מאָדנע, זייער מאָדנע. אַט האָט ער אַ גאַנצן טאָג געטראַכט און זיך געמאַטערט אַרום דער קריסטמעס־אידייע און איין צלם־סימבאָל און אַט איז שוין אין זיין הויז צוגעקומען נאָך אַ צלם, וואָס זיין פרוי האָט זיך איצט געקליבן טראָגן אויף איר האַלדז. אַגאַטאַ האָט אָפּגעוואַרט אַ רגע, און זעענדיק, אַז דער מאַן האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט, האָט זי שוין מיט אַ ביסל אַ געפּאַלענעם טאָן נאָכאַמאָל געזאָגט די פריערדיקע ווערטער:

— כ'האָב שוין געמיינט, אַז מער קיין פּרעזענטן וועלן ניט אָנקומען — ערשט מיר האָבן נאָך אַן אָנקל פריץ!... און גראָד טראָגט מען איצט צלמלעך. אַלע טראָגן. ס'איז אין דער מאָדע.

זי האָט עס געזאָגט, און שוין געפילט ווי אַ באַליידיקטע אין איר איבערגעטריבענער פרייד. געזען, אַז דער מאַן איז געווען קאַלט. ביין, זי האָט זייער גוט געקענט איר באַרנין. געקענט זיין באַגייסטערונג און זיין אומצופרידנקייט. ער האָט פון איר קיין זאַך ניט געקאָנט אויסבאַהאַלטן. און איצט האָט זי באַשיינפּערלעך דערפילט אין זיין האַלטונג אַ מאָדנע פרעמדקייט. זי האָט אָפּגעוואַרט אַ רגע און שוין מיט אויסגעלאָשענער אימפּעטיקייט און מיט אונטערדריקטער געמיטלעכקייט געזאָגט:

— ביסט ניט צופרידן, באַרני. וואָס האָט געטראָפן?... ווילסט ניט, איך זאָל טראָגן דאָס צלמל? גוט, איך וועל ניט טראָגן! און אויב דו ווילסט, וועל איך דעם צלמל צוריקשיקן צו אָנקל פריצן... באַלד נאָך קריסטמעס וועל איך נעמען און אָפּשיקן...

באַרני האָט שוין געזען, ווי אַלע גלידער אירע זיינען אָנגעגאָסן געוואָרן מיט פאַרדראָס און קוים איינגעהאַלטענעם כעס, וואָס איר באַגייסטערונג איז מיטאַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן פון אַ פרעמדן, קאַלטן אָטעם. האָט ער געזאָגט:

— נו, פאַרוואָס עפּעס אָפּשיקן גאָר? מתנות דאַרף מען ניט אָפּשיקן און איך זע דאָך, אַז די מתנה איז ביי דיר אַזוי אָנגעלייגט. טראָג געזונטערהייט...

ביסט ניט צופרידן, וואָס ס'איז אַ צלמל. דו דאַרפסט עס ניט באַהאַלטן. איך לייען אַרויס דיינע געפילן ווי פון אַ בוך... פון דיר רעדט אַרויס אָפּן דיין יידישע אומטאָלעראַנץ, איך זע דאָס...

די ווערטער האָבן אַ טיפן שטאָך געטאָן. אָבער באַרני האָט דאָ, געפּרוווט אויסמיידן אַ קריג. גראָד איצט האָט מען עס באַדאַרפט אויסמיידן. האָט ער געזאָגט מיט אַ באַרואיקנדיקן טאָן און מיט גרויס פאַרזיכטיקייט:

— נו, די שטעך־ווערטער זיינען איצט איבעריק, אַגאַטאַ. טאָלעראַנץ דאַרף ניט אַלע מאָל קומען בלויז פון איין צד. און היינט איז דאָך אַ גרויסער יום־טוב. לאָמיר אים ניט צעשטערן מיט אומפאַרזיכטיקע ווערטער. דאָס צלמל פּאַסט דיר זייער, איז טראָג עס געזונטערהייט. און ס'איז טאַקע

זייער שיין פון אָנקל פריצן צו שיקן אַזאַ קאָסטבאַרע מתנה. און איך בין אים באמת זייער דאַנקבאַר.

ער האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט אַ סך אויפריכטיקייט, ווייל אין דער אמתן האָט ער זיך איצט געפילט ווי אַן עלטערער פאַרן פלוצלעכן קאַפּריז פון אַ קינד. דאָס קינד איז טאַקע געווען אומגערעכט און פאַרשאַפט פאַר־דראָס, אָבער ער אַליין איז דאָך געווען אויף אַזוי פיל עלטער! אָ, ער איז געווען זייער אַלט! ער איז געווען אַ קינד פון אַן אַלט, אויסגעפּרואווט און דערפאַרן פאָלק. און ווי האָט אַ קינד געקאָנט באַנעמען דעם טראַגישן אוצר פון זיין איבּיקער דערפאַרונג? ווי האָט זי איצט געקאָנט פלוצלונג בעמען און פאַנאַנדערפלאָנטערן דעם געפלאָנטער פון טויזנטיעריקע נגישות, קידוש־השם־טראַגיק, די איינגעבוירענע מורא פאַר קירכן־גלעקער, פאַר צלמים פון אַ פאָלק, וואָס איז איר געווען פרעמד ווי ס׳איז פרעמד אַ קינד די דערפאַרונג פון אַ מענטשן, איבערגעפילט מיט לעבן? ער האָט נאָר באַדאַרפט באַרואיקן איר קינדערשן קאַפּריז. און ער האָט טאַקע באַלד צוגעגעבן:

—אָנקל פריץ האָט באַדאַרפט זען זיין שיינע פלימעניצע מיט זיין מתנה באַצירן איר שיינעם האַלדז — וואָלט ער געהאַט אַן אמתע יומטובדיקע איבערלעבונג.

און ער האָט זי פּרובירט אַ קוש טאָן. אָבער זי האָט זיך ניט געלאָזט. האָט ער פּרובירט אַ שפּאַס טאָן. געמיינט, אַז דאָס וועט ענדערן איר שטימונג. געזאָגט:

— אַז דער אָנקל פריץ וואָלט געוואוסט, אַז מיר וועלן זיך צעקריגן צוליב זיין מתנה, וואָלט ער זי אפשר ניט געשיקט...

אַגאַטאַ האָט האַסטיק אַ קער געטאָן איר פּנים אַן אַ זייט, און שוין, ווי צו זיך אַליין, אַ זאָג געטאָן:

— ווען ער ווייס, וואָלט ער טאַקע אַהער ניט באַדאַרפט שיקן אַזאַ מתנה. אין דעם הויז זיינען אַזעלכע מתנות ניט אָנגעלייגט.

איר פּנים איז פלוצלונג געוואָרן אָנגעגאָסן מיט רויטקייט, אַזוי ווי די אייגענע ווערטער און דער געדאַנק, וואָס האָט זיי באַגלייט, וואָלט נאָך שטאַרקער אויפגעוועקט אין איר די אויפגערעגטקייט. אין איר האָבן זיך אַלע גלידער מיטאַמאָל אַ שטייף געטאָן מיט עקשנות. איר האָט זיך גראָד איצט געוואָלט אַרויסזאָגן אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך אָנגעקליבן אויפן האַרצן, ווי זי וואָלט ווער ווייס ווי לאַנג געוואַרט אויף דער געלעגנהייט. אָבער זי האָט נאָך קיין זאַך ניט געזאָגט. נאָר געוואַרט אויף זיין וואָרט און געוואוסט, אַז וואָס ער זאָל ניט זאָגן, וועט עס סיי ווי פירן צו דעם אומפאַרמיידלעכן קריג.

ער האָט עס שוין אויך געוואוסט. האָט ער, ווי זוכנדיק אַ צוריקטריט, אַ ביסל אין פאַרביטערונג און אַ ביסל אין שפּאַס, געזאָגט:

נו, דאַכט זיך, אַז צווישן אונדז איז פאַראַן אַ געוויסע מיטפאַר־שטייעניש, און איינער פון אונדז וועט דאַרפן פאַרשטיין און — נאָכגעבן... און מיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט מיך ניט פאַרשטאַנען.

אין אירע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ בייז פייערל. איר פּנים האָט ווידער אַ פלאַם געטאָן, זי איז צוגעגאַנגען צום ווייכן שטול אין ווינקל, אַוועקגעזעצט זיך האַסטיק:

— דיך דאַרף מען שטענדיק פאַרשטיין און שטענדיק נאָכגעבן... אַ, איך האָב דיר אַזוי פיל מאָל נאָכגעגעבן!... מיינסט אפשר, אַז איך האָב פאַרגעסן, ווי איר האָט, צוליב אייער יידישקייט געלאָזט פאַרגיסן באַביס בלוט?... האָסט מיר אויך דעמאָלט געהייסן נאָכגעבן. און איך האָב דיר נאָכגעגעבן!... געלאָזט פאַרגיסן מיין קינדס בלוט... אַ, זינט איר האָט דאָס געטאָן צו מיין קינד, טראָג איך אַ ווייטיק אין מיין האַרצן. איר האָט מיר אַ מעסער אַריינגעשטאָכן אין האַרצן, און ער שטעקט נאָך דאָרטן ביזן היינטיקן טאָג... ס'איז אייער רעליגיע! אייער בלוטיקע אמונה!...

זי האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און צוגעוואָרפן מיט אַן אַרויסרוף:

— אַ צלם — דאָס איז מיין אמונה! אַ צלם — דאָס איז מיין רעליגיע! און קיין ייד וועט עס ניט קאָנען ענדערן. אָט דאָס בין איך — אַ קריסטין!...

אין אירע אויגן איז איצט געוועזן אַרויסרוף און רציחה. יעדער אבר אין איר האָט געציטערט פון אויפרעגונג. באַרני איז געשטאַנען פאַר איר מיט ברייט־צעעפנטע אויגן. ער האָט זי צום ערשטן מאָל אין יאָרן דערזען אין אַזאַ אויפרעגונג, און אירע רייד זיינען אויך געווען אַזעלכע, ווי זי וואָלט איצט, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, דערקלערט אַ קריג אויף לעבן און טויט. און ס'איז אַלץ געווען אי מאָדנע, אי פאַרשטענדלעך, אי טראַגיש, אי ביטער־לעכערלעך. וואָרום אָט האָט זי דאָך אים באַשולדיקט אין פאַר־גיסן איר קינדס בלוט... ער און די זייניקע האָבן פאַרגאָסן איר זונס בלוט... און דער צלם איז איר אמונה... און זי איז אַ קריסטין, אַ קריסטין, אַ קריסטין!... אמתן, וואָס זיינען אין משך פון פינף יאָר געווען פאַרצויגן מיט אַ לייכטן, דורכזיכטיקן שלייער. דער שלייער איז איצט, פון די אמתן געווען אַראָפּגענומען, כדי זיי זאָלן אָנגערופן ווערן מיט אַ נאָמען... האָט ער געזאָגט:

— נו, איצט איז ניט די צייט צו קריגן זיך איבער רעליגיעזע פאַר־אורטיילן. און ס'איז איבעריק פון דיין זייט צו באַשולדיקן מיך אין נאָכגעבן מיינע פרומע עלטערן זייערן אַ רעליגיעזן גלויבן, ווען דו אַליין שטייסט דאָ און פאַכעסט פאַר מיינע אויגן מיט אַ צלם און דערקלערסט זיך פּלוצלונג פאַר אַ פרומער קריסטין.

זי איז צוגעגאַנגען צום ווייכן שטול, אין ווינקל, האָט זיך האַסטיק אין אים אַריינגעזעצט, פאַרוואָרפן אַ פוס אויף אַ פוס אין גרויסער אָפענער פאַראַכטונג:

— דיינע טאַטע־מאַמע!... זיי עסן דאָך ניט פון טיש. ס'איז ביי מיר טריפה! מיין שפייז איז פאַר זיי אומריין. זיי קומען אַהער אַריין און גייען אַוועק, ווי פרעמדע. ניין, ערגער ווי פרעמדע. אַלץ איז זיי דאָ דערווידער. דו מיינסט, אַז איך ווייס ניט, — זיי האָבן מיך פיינט, ווייל איך בין אַ גויע. זיי קומען אַהער און לאָזן איבער באַליידיקונג אין מיין האַרצן... אַ, אַלץ איז שוין אין מיין הויז פאַרסמט מיט זייער באַהאַלטענעם פאָראורטייל!... איך וועל עס זיי קיינמאָל ניט מוחל זיין! און דיר אויך ניט.

זי האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און, שוין אַן אויסגעשעפּטע, מיט טרערן אין די אויגן צוגעגעבן:

— אַמאָל טוט עס מיר אַזוי ווי... עס ווילט זיך וויינען, שרייען, אַנטלויפן פונעם אייגענעם הויז אויף אַלע מאָל... אַ, איך קאָן עס מער ניט, איך קאָן ניט!...

זי האָט צוגעדעקט דאָס פּנים מיט די הענט און זיך הויך אויף אַ קול פאַנאַנדערגעוויינט. דאָס קינד האָט דערזען די מאַמע וויינען, איז ער צו איר צוגעלאָפן, באַהאַלטן דעם קאָפּ אין איר שויס, שטיל און דערשראָקן געפּליסטערט:

— מאַמי... מאַמי... טייערע, ניט ווין... ניט וויין, מאַמי...

די מאַמע האָט מיט אַ טראַגישן זשעסט אַ בויג געטאָן זיך צו אים, אַרומגעכאַפּט אין אַ הייסער אומאַרמונג, געטוליעט זיין קעפּל צו איר פאַרטרערטן פּנים, געקושט אים און געדריקט צו דער אויפגערעגטער ברוסט, ווי זי וואָלט איצט נאָר אין אים געזוכט אַ טרייסט און אַ רעטונג פונעם אומגליק, וואָס איז איר פּלוצלונג געפאַלן אויפן קאָפּ.

דער מאַן איז געשטאַנען און זיך צוגעקוקט צו דער סצענע, פאַרלאָרן און צעטומלט. אין הויז האָט זיך אַריינגעריסן אַ שווערע פרעמדקייט. און ער אַליין איז דאָ געווען דער סאַמע פרעמדסטער. זיין מאַרך איז געווען טונקל. אין האַרצן איז געווען אַ פּוסטקייט. ער האָט קיין זאַך ניט פאַרשטאַנען. נאָר געזען, ווי אַגאַטאַ דריקט באַבין צו איר האַרצן אין אַזאַ מאָדנער פאַרצווייפלונג, און אַלץ איז געווען אַזוי מאָדנע, אַזוי מאָדנע: אָט די בלאָנדע, וויינענדיקע פרוי איז געווען זיין ווייב און דאָס קינד אין איר שויס איז געווען זיין זון, זיין בלאָנד יינגעלע, באַבי. און ער אַליין, דער מאַן און דער טאַטע, איז דאָ פּלוצלונג געשטאַנען אַ פרעמדער. ער איז געווען באַזונדער און זיי ביידע — באַזונדער. עפּעס אַזוי ווי אַן אומגעזעענע האַנט וואָלט זיי אָפּגעשליידערט איינע פון די אַנדערע אויף אַ גרויסער ווייטקייט און דער וועג צוריק צו זיי איז געווען אַ שווערער, פול מיט טראַגיק און שטרויכלונגען, וועלכע ס'וועט שוין איצט זיין שווער אַריבערצוקומען. איז ער אַזוי אַ ווילע געשטאַנען מיט אָפּגעשטאָרבענע גלידער, ווי אַ שולדיקער. ער האָט געזען, ווי דאָס קינד קוקט אויף אים פון דער זייט און אין זיינע אויגן ברענט

אַ פייערל פון שרעק און אומפּריינטלעכקייט צו אים, צו זיין טאָטן, וואָס צוליב אים האָט איצט די מאַמע אַזוי ביטער געוויינט.

באַרני האָט געזאָגט:

— האָסט געפונען אַ צייט צו מאַכן מיר אַ סצענע. ווילסט אויפרייצן דאָס קינד קעגן מיר. איך שעם זיך פאַר דיין האַנדלונג... עס איז ניט שיין. ווילסט טראָגן דאָס צלמל — טראָג עס געזונטערהייט. קיינער שטערט דיר ניט זיין אַ קריסטין און צו זיין אפילו פרום.

זי האָט ווידער מיט שנאה געזאָגט:

— קיינער שטערט ניט... האָסט דאָך מיך די גאַנצע צייט פיינט, ווייל איך בין אַ קריסטין און אַ דייטשקע נאָך דערצו. זינט ס׳האָט זיך דאָרטן אָנגעהויבן — איז אַזוי ווי איך וואָלט דאָס אַלץ געטאָן... איך גיי אַרום אין הויז ווי אַ זינדיקע. שטענדיק שטרעקסטו אויף מיר אויס דיין פינגער און באַשולדיקסט... און איך קאָן מער ניט!...

זי האָט עס געזאָגט, און ווידער אָנגעהויבן צו וויינען. איצט האָט זי שוין געוויינט ווי אַ קינד, מיט אַ כליפּען. אירע מיט אַ מאָל דין געוואָרענע פּלייצעס האָבן זיך פאַרשפּיצט און האָבן געצוקט, געצוקט. דאָס קינד האָט זיך אויך פאַנאַנדערגעוויינט און ניט אויפגעהערט צו וואַרפן אויפן פאָטער זיינע אומפּריינטלעכע און דערשראָקענע בליקן. דאָס ווייב האָט פּלוצלונג אויפגעהויבן די אויגן און נאָך מיט מער שנאה צוגעגעבן:

— נאָך אין דער קינדהייט האָב איך פאַר אייך מורא געהאַט... יידן זיינען אַלע מאָל אַנדערש... אַזוי ווי גייסטער... בייזע גייסטער אַזעלכע. און אומעטום האָט מען אייך פיינט. אומעטום שלאָגט מען אייך... מ׳האָט אייך פיינט און מ׳שלאָגט אייך. און ס׳איז גוט אַזוי! גוט אַזוי!

אָט האָט זי שוין נאָך אַ מאָל געזאָגט: גייסטער. יידן זיינען גייסטער... און די ווערטער האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַזאַ הייסן אָטעם, מיט אַזוי פיל אָפענער שנאה, אַז באַרני האָט דערפילט כמעט אַ פיזישן ווייטיק, ווי זי וואָלט אים ערשט אַ שמיץ געטאָן אין פּנים מיט אַ פייערדיקער בייטש. געשמיסן און גאָר ניט געוואָלט אויפהערן. אַזאַ ברוטאַלער כוח איז געווען אין אירע ווערטער, וואָס איז שווער געווען אַריבערצוטראָגן. ער האָט זיך מיטאַמאָל אַ הייב געטאָן צו איר מיט ברייט-צעעפנטע אויגן און מיט דער לעצטער פאַרלאָרנקייט און דראָאונג אַ געשריי געטאָן איר אין פּנים אַריין:

— שווייג!... שווייג!...

זי האָט צוגעדריקט צו זיך שטאַרקער דאָס קינד, ווי זי וואָלט אים גע-וואָלט באַשיצן פון דעם אויפגערעגטן פאָטער, און מיט שנאה צוריקגע-שריען:

— כ׳וועל ניט שווייגן. איך וועל ניט שווייגן. און דו קאָנסט מיר גאָר-ניט טאָן. און איך וועל עס נאָך אַ מאָל זאָגן: אַלע האָבן אייך פיינט, און איך האָב אייך פיינט... פיינט! פיינט!...

ער האָט זי נאָך אַזאַ קיינמאָל ניט געזען. זי האָט נאָך צו אים אַזעלכע רייד קיין מאָל ניט גערעדט. ס'איז געווען, ווי אַ פאַרשלאָסענער קוואַל וואָלט מיט איין מאָל אַדורכגעריסן די שטייפע הויט פון דער ערד און זיך צעגאָסן אין ווילדע שטראָמען. אין איר קול איז געווען ווילדע היסטעריע. און ס'איז שוין געווען קלאָר, אַז מיט ווערטער וועט מען זי שוין ניט קאָנען באַרויקן. דאָס ליכט, וואָס האָט איצט אַזוי ליכטיק געברענט אין אַלע צימערן, די אָנגעצונדענע יאָלקע, וואָס האָט דערמאָנט דעם יום־טוב קריסטמעס, האָבן איצט באַליידיקט. די ציכטיקע צימערן, די בלאַנקענדיקע טישטעכער און די געשייערטע כלים האָבן באַליידיקט און ווי געטאָן. באַרני קלאַפּער האָט איצט געהאַט נאָר איין מאָדנעם אימפּולס, אַן אומבאַזיגבאַרן פאַרלאַנג צו צעשטערן אַלץ־מיט־אַן־אַנדער מיט אַ ברוטאַלער קראַפט, וואָס האָט אויפ־געפלאַמט אין אים — צעשטערן אָט די ליגנערישע און פיינלעכע יום־טוב־דיקייט, די פייערלעכקייט, וואָס איז געווען איבעריק, איבעריק. איצט האָט באַדאַרפט זיין פינצטער. וואָס מער צעשטערונג — אַלץ מער באַפרידיקונג. וואָס מער פּיין — אַלץ בעסער. אין האַרצן האָט געברענט אַ ווילדע רציחה. אין קאָפּ האָט אַ שווינדל געטאָן וואַנזין. דאָס קינד אין די אָרעמס פון דער מוטער האָט איצט אַרויסגערופן אַ ווילדע איפערזוכט. האָט ער נאָך אַ מאָל אויסגעשריען עטלעכע מאָל איבער איר:

— שוויג! שוויג! שוויג!...

ניין, זי האָט דווקא ניט געוואָלט שוויגן. איר האַלדז האָט זיך מיט אַ מאָל אויסגעצויגן, אָנגעלאָפן מיט שטייפע אָדערן, איר פּנים האָט זיך נאָך מער צעקרימט מיט פאַראַכטונג און שנאה און זי האָט נאָך אַ מאָל געזאָגט מיט עקשנות, ווי זי וואָלט וועלן איינפלאַנצן איר געפיל טיף אין זיין האַרצן אויף אייביק:

איך האָב אייך אַלעמען פיינט!... אָ, ווי איך האָב אייך פיינט!... און דיך אויך! און דיך אויך!... און אָט זאָג איך עס דיר. און איך וועל ניט שווייגן, ניט שווייגן!

דער ווייבס פיינלעכער פּאַראָרטרייל איז געווען ווי דער דראָענדיקער שפּרונג פון אַ גיפטיקער שלאַנג, וועמעס שיפען מ'האָט גלייך, די רגע, באַדאַרפט דערשטיקן. ס'האָט אַ ברען געטאָן אַ געפערלעכער פייער, וואָס מ'האָט אפשר באַדאַרפט אויסלעשן, אָבער דער פאַרלאַנג פאַר נקמה איז געווען שטאַרקער. און ס'איז געווען וואַנזין. ווייל אָט האָט ער שוין געהאַט אַ פאַרלאַנג אַרומצוכאַפּן מיט זיינע פאַרשטייפטע פינגער איר ווייסן, זייער לאַנג געוואָרענעם האַלדז און ווערגן, ווערגן. ער האָט שוין טאַקע געמאַכט אַ ווילדן טראָט צו איר. און זי, אַזוי ווי זי וואָלט עס דערוואַרט, האָט פּלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן דאָס דערשראָקענע קינד אויף די הענט, ווי אַ לעצט מיטל פון שוץ, צוגעדריקט עס צו דער ברוסט, ווי אַ שילד, און זיך אַוועק־געשטעלט מיטן רוקן צו דער וואַנט — שנאה קעגן שנאה:

— נאָ, שלאָג! הרגע אונדז ביידן!... הרגע! מיר זיינען ניט קיין יידן! הרגע אונדז, מערדער!

עס איז געווען אַ שרעקלעכע רגע. ביידע זיינען געשטאַנען איינער קעגן דעם אַנדערן אין לעצטער, טויטלעכער שרעק. דאָס קינד ביי דער מאַמעס ברוסט האָט געוויינט און געוואָרפן צום טאַטן זיינע דערשראָקענע אויגן, געבעטן זיך:

— דעדי... דעדי... דעדי...

און די מאַמע איז געשטאַנען מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, מיט אַ פּאָר־שטיקטן פיינטלעכן אָטעם און ניט אויפגעהערט היסטעריש צו שרייען:

— שלאָג! הרגע אונדז!... ברוט!

אָבער באַרני האָט שוין ניט געהערט איר געשריי. ניט געזען אַרום זיך די וועלט. אַ ריס געטאָן פון אירע הענט דאָס קינד — ברוטאַל און אומ־פּאַרזיכטיק. געוואָלט דווקא, צוליב עפּעס, באַפרייען דאָס קינד פון איר אומאַרמונג. זי האָט זיך אָבער איינגעקלאַמערט אין קינד און געשריען:

— לאָז אָפּ דאָס קינד, ברוט! לאָז אָפּ מיין קינד! מערדער!...

אָבער באַרני האָט שוין אין דער רגע דערזען, ווי אַגאַטאַ האָט זיך פּלוצלונג אַ וואַקל געטאָן און מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיט אַ פּלוצלונג־אָפּגעשוואַכטן קערפּער, מיט אַ געפאַלענעם קאָפּ, ווי עפּעס וואָלט מיטאַמאָל אין איר אויסגעלאָשן די שטייפקייט פון אירע גלידער, גענומען זיך לאַנגזאַם אַראָפּלאָזן מיטן קינד צום דיל. דאָס קינד האָט זיך באַצייטנס אָוועקגעשטעלט אויף די פיסלעך און זי אַליין האָט זיך פון אים אָפּגעטיילט און אַנידער־געפאַלן, ווי אַ וווייכער צוזאַמענגעדרייטער קנויל, און געבליבן ליגן אויפן דיל, האַרט לעבן דער וואַנט, אָן באַוועגונג, אָן לעבן. פון איר האַנט איז אַרויסגעפאַלן דאָס צלמל, וואָס זי האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אין דער האַנט, און אַ גלאַנץ געטאָן אויפן טעפּיך מיט זיין גאָלדענעם גלאַנץ.

באַרני האָט שוין געזען: אַגאַטאַ האָט געחלשט. דאָס האָט אים מיט איין מאָל אויסגעניכטערט. ער האָט אָפּגעשטופּט דאָס קינד אָן אַ זייט. אַ כאַפּ געטאָן דאָס ווייב אויף די הענט, ווי אַ קינד, און אַוועקגעטראָגן זי צו דער סאָפע. באַבי איז אים נאָכגעלאָפן מיט אַ געוויין. ווידער אַ מאָל צוגע־פאַלן, אַ צאַפּלענדיקער צו דער מאַמען, און באַרני האָט אים ווידער אָפּגע־שטופּט. באַרני האָט, ווי אין אַ פאַרגעסונג, אייליק געריבן דער ווייבס הענט, דעם שטערן. אַ דערשראָקענער און אַ פאַרלאָרענער, אין אַ פּלוצלעכן אָנפאַל פון שולדיקייט. געוואָלט איין זאַך — אָפּמינטערן זי. ער איז געלאָפן אין קיך נאָך וואַסער, באַנעצט איר שטערן און פּנים און ניט אויפגעהערט צו ריידן צו איר מאָדנע, אויפגערעגטע, אָפּגעריסענע ווערטער, ווערטער פון ליב־שאַפט און פון שנאה. אַזוי עטלעכע מינוטן נאָכאַנאַנד. ביז זי האָט ענדלעך געעפנט די אויגן. אָבער באַלד זיינען זיי שוין ווידער געווען צוגעמאַכט. און באַרני האָט שוין געוואוסט, אַז זי איז געקומען צו זיך, אַז זי האָט נאָר

אין עקשנות געוואָלט אויפהאַלטן אין אים זיין פאַרלאָרנקייט. באַרני האָט אויך געזען, אַז די בלוטן זיינען צוריקגעקומען אין איר פּנים און אַז איר אָטעם האָט זיך געשטילט.

באָבי האָט נאָך אַלץ געוויינט, געריסן זיך צו דער מאַמען, געטופּעט אין פאַרצווייפלונג מיט די פיסלעך, גערופן די מאַמען:

— מאַמי, מאַמי!...

די מאַמע האָט ענדלעך געעפנט די אויגן. זיי זיינען געווען טרוקן און קאַלט. מיט אַ שוואַכער באַוועגונג צוגעצויגן צו זיך דאָס קינד. ניט געזוכט אים צו באַרואיקן. ניט אויסגערעדט קיין וואָרט.

באַרני איז פון איר אָפּגעטראָטן. אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ שטול. ער איז געווען זייער אויפגערעגט. געפילט די אייגענע בלייכקייט. זיין ברוסט האָט זיך געהויבן און געפאַלן, ווי ער וואָלט ערשט אויפגעהויבן אַ שווערע משא. ביסלעכווייז איז אים באַפאַלן אַן אָפּאַטישקייט. אין האַרצן איז געווען פּוסט. עס האָט זיך נאָר געוואָלט אַוועק פון הויז, אַרויסלאָזן זיך אין דרויסן, גיין, גיין... אָבער ער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. געזען ווי דאָס קינד האָט זיך איצט, אַ באַרואיקטער, געשפּילט מיט דער מאַמעס הענט, גע־פּלאַפּלט זיינע קינדערשע רייד, געקושט איר פּנים.

פּלוצלונג האָט דאָס קינד זיך אָפּגעריסן אויף אַ רגע פון דער מאַמען, צוגעלאָפן צו דעם אָרט, וואו די מאַמע האָט פריער געחלשט, אויפגעהויבן פון דער ערד דאָס צלמל, וואָס איז די גאַנצע צייט געלעגן אויפן דיל, און עס אַריינגעשטופּט דער מאַמען אין דער האַנט אַריין, וואַרפנדיק דערביי אַן אומפּריינטלעכן בליק אויף דעם טאַטן. ער האָט געזאָגט:

— נאַ, מאַמי, נאַ... נעם דעם צלמל, נעם... און וויין ניט, וויין ניט...

ער האָט אַרויפגעקלעטערט אויף דער סאָפע, איינגעטוליעט זיך אין דער מאַמען. ער איז געווען זייער גליקלעך. געווען איינגאַנצן אין דער מאַמען, געקושט זי, געהאַלדזט זי. און זי, אַ שטילע, שוין אַ באַרואיקטע, האָט זיך נאָך אַלץ אַן ווערטער אונטערגעגעבן דעם קינדס צערטלעכקייט, ווי אַ שטילע, באַרואיקטע חיה.

ס׳איז געווען ווי נאָך אַ שטורעם. די מינוטן האָבן זיך אויסגעצויגן. די צייט האָט זיך ווי געוואָלט איינשטעלן. אַלץ האָט געזוכט צו קומען צו־זיך. אין באַרבין האָט אָבער ווי געגנאָגט אַ טיפע וואונד. זי האָט געגנאָגט און געגנאָגט און אַרויסגעגנאָגט דאָס חיות. ער איז דאָ געווען פרעמד און אַליין. פרעמד איז געווען די ווייב און פרעמד איז געווען דאָס קינד. אַלץ איז געווען פאַרפאַלן . . .

ער האָט געזען ווי אַגאַטאַ איז אַראָפּ פון דער סאָפע און אַוועקגעפירט באָבין פאַר אַ הענטל אין שלאָפצימער, ווי אין עפּעס אַ פאַראויס־באַשטימטער געמיינזאַמער פאַרשטענדיקונג. אין אַ ווילע אַרום האָט ער געהערט זייערע

שטילע, אָפּגעריסענע רייד, וואָס זיינען געווען קלאָר און אומקלאָר, האָבן אויפגעדעקט און פאַרדעקט עפּעס אַ סוד. באַבי האָט ניט אויפגעהערט צו פרעגן פראַגעס און אַגאַטאַ האָט אים געענטפערט. דעם קינדס קליינגנדיק קולכל האָט געמאָנט אַ קלאָרן ענטפער, ווייל עפּעס האָט דאָך באַדאַרפט אַרויסקומען פון דעם אַלעם, וואָס איז ערשט פאַרגעקומען. און דער מאַמעס ענטפערס האָבן דווקא ניט געוואָלט אַלץ און מיטאַמאָל אַנטפּלעקן. אין איר איז אפנים נאָך געווען דער אומרו, וואָס קומט מיט אַ געוואַגטן, אָבער נאָך ניט איינגאַנצן קלאָרן באַשלוס. און די האַלבע ענטפערס האָבן גערעגט דעם קינדס נייגער, און ער האָט געפרעגט און געפרעגט.

און באַלד זיינען ביידע אַרויס פון שלאָפצימער אָנגעטאָנענע אין זייערע וואַרעמע קליידער. אַגאַטאַס פּנים איז געווען פריש. זי איז איצט געווען שיין מיט גאָר אַ נייער שיינקייט. דער מאַנטל אויף איר איז נאָך געווען צעשפּיליעט, און באַרני האָט באַמערקט אויף איר ברוסט דעם צלמל. ס'איז געווען, ווי זי וואָלט נאָך אַ מאָל געוואָלט אַ רייץ טאָן זיין שטומע פאַרלאָרנקייט. זי איז צוגעגאַנגען צו דער יאָלקע און זי מיט אַ שנעלן זשעסט אויסגעלאָשן. נאָכדעם האָט זי אויך אויסגעלאָשן אַלע לאָמפּן. איבערגעלאָזן נאָר איין לאָמפּ, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל, וואו באַרני איז געזעסן. און ס'איז געווען אַזוי פיל רו אין אירע באַוועגונגען, אין איר געמאָסטענעם טראָט, ווי ער וואָלט דאָ גאָר ניט געווען און זי וואָלט געטאָן די געוויינלעכע אַרבעט פון איר באַלעבאַטישקייט.

דאָס קינד איז צוגעלאָפן צו אים מיט שמחה:

— דעדי, מיר גייען צו דעם גרענד־פאַ און גרענד־מאַ! מירן דאָרטן שלאָפן און האָבן אַ קריסטמעס „גוד־טיים״...

די מאַמע איז שוין אָבער געשטאַנען ביי דער טיר און אומגעדולדיק אַ רוף געטאָן:

— נו, קום שוין, קום!

דאָס קינד האָט אין איילעניש אַ וואָרף געטאָן דעם טאַטן אַ לופט־קוש:

— גוד־נאַיט, דעדי!

און ביידע זיינען אַוועק.

ה.

באַרני איז געבליבן זיצן אין ווינקל אויף זיין שטול. געזעסן. געזעסן. געווען אַליין. געווען ווי אַן אבל, נאָכדעם ווי ער קומט צו זיך אַהיים און ווייסט, אַז דער, וואָס האָט דאָ פריער געלעבט, איז שוין דאָ ניטאָ. ערשט, אַז ער איז מיד געוואָרן פונעם לאַנגן זיצן, האָט ער זיך אויפגעהויבן, אַריינ־געגאַנגען אין שלאָפצימער, אין קיך. אויף אַלץ איז געלעגן די יומטובדיקייט. אומעטום איז געווען ציכטיק און אין אַלץ איז געווען אַגאַטאַס האַנט. זי איז ניט געווען, אָבער איר גייסט איז געווען אַריינגעהויכט אין יעדער קלייני־

קייט. ער האָט געעפנט אַ שאַפע, און פון דאָרטן האָט אַ יאָג געטאָן דער באַזונדערער הויך און דער פאַרפומען־אַראָמאַט פון אירע קליידער. אין קיך אויפן אויוון, איבער אַ קליינעם גאַז־פייערל זייַנען געשטאַנען די יום־טובדיקע מאכלים, וואָס אַגאַטאַ האָט צוגעגרייט אויף וועטשערע. ער האָט פאַרדרייט די גאַז און זיך צוריקגעקערט אין דעם צימער, וואו ער איז פריער געזעסן, ווידער אַוועקגעזעצט זיך ווי פריער.

פלוצלונג האָט ער דערפילט אַ פאַרלאַנג אַוועקצוגיין פון הויז. ער האָט ניט געהאַט וואוהין צו גיין. פונדעסטוועגן האָט ער אָנגעטאָן דעם מאַנטל, אויסגעלאָשן דאָס ליכט און אַרויס אין דרויסן.

די גאַס איז געווען שטיל און יומטובדיק. אויסגעפּוצטע מענטשן האָבן זיך געאיילט מיט פעקלעך אין די הענט, אונטער די אָרעמס — ווער אַהיים און ווער צו־גאַסט. איבער די דעכער פון הייזער האָט זיך צעטראָגן דער געקלאַנג פון קריסטמעס־גלעקער, וואָס האָבן אויפגעוועקט אין באַרניס האַרצן אַן אַלטע אומרו. ס׳איז געווען אַן אומרואיקייט אין זיין בלוט, וואָס איז געווען אַ ירושה פון ווער־ווייס וויפל פאַרלאָפענע דורות. פון די קלאַנגען איז שווער געווען, און ס׳איז פון זיי, ווי אַלע מאָל, ניט געווען קיין אויסוועג. זיי זייַנען געווען אומעטום. זיי זייַנען אַלע מאָל געווען און זיי וועלן אַלע מאָל בלייבן, כדי צו וועקן אין אים די אומרו.

פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער איז געווען מדבר. דאָס לעבן איז געווען פוסט, און אַוועקגיין פון אים איז ניט געווען וואוהין. זיין היים איז פאַרלאָרנגעגאַנגען אין דער וויסטעניש. ווי ס׳וואָלט געקומען אַ ווינט פון ערגעץ און אומגעוואָרפן די ווענט פון זיין היים און אויסגעגלייכט אַלץ מיט דער פלאַך פון דער ערד. ווער וועט קאָנען צוריק אויפבויען זיין היים? וועט שוין איצט אַמאָל קאָנען זיין אַ היים?

אויף דער וועלט איז איצט געווען אַ פּאָגראָם. יידישע היימען זייַנען צעשטערט געוואָרן און אין אָט דער צעשטערונג איז אויך זיין קליינע היים חרוב געוואָרן. אויף דער וועלט האָט מען צעשטערט יידיש לעבן — איז אויך זיין לעבן צעשטערט געוואָרן. ער איז געווען איינער פון אַ סך אין אַ פרעמדער, פיינטלעכער וועלט. ס׳איז איצט געווען פּאָגראָם איבער אַלעמען און איבער אים אויך. פאַרפאַלן!—ער איז געווען אַ ייד. קיין זאַך אויף דער וועלט האָט עס ניט געקאָנט ענדערן. אַ ייד האָט ניט געקאָנט האָבן קיין רו און קיין היים. אַ יידנס היים איז אייביקער מדבר. דעם יידנס היים איז אויף אַלע מאָל צעבראָכן. דער וועג צו איר איז פאַרלאָרן אין דער וויסטע פון וואַנדערן.

באַרני האָט פאַר די אויגן געזען איין סימבאָל — דעם צלם. וואוהין ער איז געגאַנגען, איז אומעטום דער צלם. צלמים אומעטום. איבער דער־פער און שטעט, איבער אַלע וועגן פון דער וועלט זייַנען געווען אויסגע־שטעלט, ווי וועכטער און ווי שרעק־צייכנס, די צלמים, ווי פייגל־שרעקערס, פינצטערע, מיט צעשפּרייטע אָרעמס. צלמים ברענענדיקע, באַלויכטענע מיט

עלעקטרישן ליכט, האָבן געשטאָכן די אויגן, ווי בייגאַכטיקע סאָווס און געקוקט אויף אים פון אַלע פינצטערנישן. און איצט האָבן אויך צלמים — מיליאָנען צלמים — איבער דער גאַנצער וועלט, איבער דער גאַנצער שטאָט, צעשריען, צעשריען אַ שרעק־רוף איבער די געמיטער פון מענטשן.

ער איז געגאַנגען איבער די גאַסן אָן ציל. געגאַנגען איינער אַליין אין אַזאַ נאַכט איבער פרעמדע גאַסן, אין אַ וועלט, וואָס איז אין די לעצטע פּאָר יאָר געוואָרן פרעמדער און פיינטלעכער. ער האָט געטראַכט פון אַ סך זאַכן. ניט וועגן זיך אַליין און וועגן דער פּיינלעכער פּאַסירונג ביי זיך אין דער היים. דאָס איז ניט געווען דער עיקר. דער עיקר איז געווען אין דער ברייטערער איינשטעלונג פון דער וועלט, אין דעם באַזונדערן גורל פון דעם יידן אויף דער וועלט.

ער איז געווען אַן אידעאַליסט, באַרבי. ער האָט געגלויבט אין דעם מענטשן און אין דער מענטשהייט. ווייל ער איז געווען אַ ייד. אָט איז דאָך שוין טויזנטער יאָרן ווי דאָס יידישע פאָלק איז געגאַנגען אין דער וויסטעניש מיט שירה פאַר דער געטלעכקייט און מיט דער גרויסער נבואה פון „והיה באחרית הימים”, מיט דעם הייליקן געבאָט: „ואָהבת לרעך כמוך”. עס האָט געוואָלט אַרומנעמען די גאַנצע וועלט און צודריקן זי צום האַרצן אין גרויסער, אומענדלעכער ליבשאַפט. די פעלקער האָבן פאַרשטויסן זיין ליבע. די ליבהאָבער פון הימל און ערד, די פאַרליבטע אין גאָטס קינדער אויף דער ערד, זיינען געווען דערנידעריקט און באַליידיקט, האָבן זיך געוואַלגערט אין שטויב פון דער ערד. די ליבע האָט מען באַגעגנט מיט שנאה. די טרייסט און די בענטשונג האָבן זיי באַגעגנט מיט קללה. די, וואָס האָבן אָנגעצונדן הערצער מיט התלהבות, מיט געטלעכער וויזיע, זיינען באַוואָרפן געוואָרן מיט שטיינער. די, וואָס האָבן געהיילט זייערע קינדער, האָט מען פאַרפייניקט, ווי שונאים, און זייערע קינדער געכאַפּט ווי חיות, דורך די נעכט און זיי אומגעבראַכט אין גאַז־אויוונס. און וואָס איז איצט געווען דאָס געוויין פון יידישן פאָלק? איז דאָס געווען רחמנות צו זיך? איז דאָס געווען דאָס באַקלאָגן דעם חורבן און זיינע טויטע? דאָס איז דאָך נאָר געווען אַ געוויין איבער דער פאַרלאָרענער נבואה, איבער דער פאַרלאָרענער געטלעכקייט, מיט וועלכער מ'האָט באַשאָנקען דעם מענטשן! די ירושה פון דורות מאַרטירער פאַרן אמת איז געווען פאַרשעמט. צייטלאָזע, אייביקע הימלען זיינען געהאָנגען זינלאָז איבערן מענטשנס לעבן און איבערן מענטשנס טויט. און ער אַליין איז געווען אַ מענטש, וואָס איז פאַרשאָלטן געוואָרן צו טראָגן אין זיך זיין יידישקייט, ווי אַ שווער געפּעק איבער אַ דאָרנדיקן וועג, וואָס האָט אין ערגעץ ניט געפירט. אין האַרצן איז געווען נאָר מורא — אַ נאָמענלאָזע מורא אַזאַ, וואָס האָט געלויערט פון די נאַכטיקע הימלען, פון דעם פריילעדצאָרנדיקן געקלאַנג פון גלעקער. וואוהין איז אַהינגעקומען דער מלאך זיינער, דער באַשיצער פון זיין לעבן? וואו איז געווען זיין גאָט? פאַרוואָס איז

אויסגעלאָשן געוואָרן זיין שטערן אין הימל? וואָס האָט אים איינגעבראָכן ביז דער נידער פון דער ערד און דערווייטערט פון הימל און חלום? איז עס נאָר געווען דערפֿאַר וואָס מיט אַ שעה, אָדער צוויי צוריק האָט זיך זיין ווייב אָנגעטאָן איר יומטובדיקן מאַנטל, אָנגענומען זיין זון פאַר אַ האַנט און איז אַוועק פון דער היים צו אַ וועלט, וואָס איז געווען אירע און האָט קיינמאָל ניט געקאָנט ווערן זיינע? ווער האָט צעשניטן דאָס לעבן אויף שטיקער און די וועלט אויף גרענעצן? איז נאָר אין דעם געלעגן דער עיקר פון אַלע עיקרים?

זיין היים איז צעשטערט געוואָרן. זי וועט אפשר צוריק אויפגעבויט ווערן. אָבער די היים פון אַ גאַנצן פאָלק ווערט צעשטערט אויף אייביק. די דאָזיקע היים איז צעשטערט געוואָרן, און דער וועג צו איר איז פאַרלאָרן־געגאַנגען אין זאַמדיקן מדבר. אַ ווינט איז געקומען און פאַרוויִט אַלע וועגן. אונדזער לעבן — אַ צופאַל. אונדזער טויט — אַ צופאַל. וואָס מיר טוען — אַ צופאַל. אונדזער פאַלן און אונדזער אויפשטייג — אַ צופאַל.

באַרני איז געווען אַ ייד. און זיין ווייב האָט געזאָגט, אַז אַ ייד — דאָס איז אַזאַ מין סוד. אין אים איז אַן אַנדער גייסטיקייט. ער איז אַנדערש. זיין בלוט מישט זיך ניט מיט אַנדערע בלוטן. יידן זיינען די טרעגער פון אַן אַנדער אמת. איין אמת פאַר דעם יידן. אַ צווייטער — פאַר זיי. אַן אַנדער זון. אַנדערע הימלען. דער געראַנגל פון עלעמענטן, די סטיכיע איז פאַרן יידן אַן אַנדערע. און אפשר איז זי געזעגנט. זיין ווייב. אַ ייד איז עלטער און אויסגעפּרואווטער דורך ליידן. ער האָט אַ לענגערן זכרון. ער איז אַלט ווי די ערד. ער האָט געמאַכט אַ סך אָנהויבן און געקומען צו אַ סך סופן. ער האָט זיך אַזוי פיל מאָל געפירט צו דער עקידה — זיך און זיין בן־יחיד. ער איז אַזוי פיל מאָל אומגעקומען און ווידער אָנגעהויבן לעבן, כדי צו טראָגן אין זיך די אַלטקייט פון דער ערד און זיין בענקשאַפט צו די הימלען.

אָבער איצט — וואָס איז דער ייד איצט? ער גייט איבער דער וועלט, ווי אַ פאַרוואָגלטער יורד. פאַרן ביסל לעבן האָט ער שוין אַוועקגעגעבן דער זון איר וואַרעמקייט און דער ערד איר קילקייט. ער האָט אַוועקגעגעבן די הימלען זייער בלאָ און די בלומען — זייער ריח, און די גראָזן — זייער גרין. אַלע געשאַנקען פון הימל און ערד האָט ער צוריקגעגעבן. די חכמה און דאָס וויסן פון זיינע חכמים האָט ער אויך אַוועקגעגעבן. און איצט האָט ער שוין אויך הונדערטער יאָרן אַוועקגעגעבן זיי זיין יוגנט, די בעסטע זין זיינע. די זין און די טעכטער האָט ער זיי אַוועקגעגעבן אינאיינעם מיט זייער העלדנמוט און מיט זייער טרוים, און מיט דער וואָר פון זייער טאַט. ער האָט אַלץ אַוועקגעגעבן פאַר אַ ביסל רו. אַ, זיי האָבן שוין פון דעם יידן אַלץ אויסגעשווינדלט און געלאָזן אים הייל־נאַקעט. און איצט האָבן זיי זיך גענומען אויסראָטן זיין געביין. פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטן איז געגאַנגען די אויסראָטונג...

וואוהין זאָל ער גיין? וואו איז נאָך פאַרבליבן אַ רואיק אָרט אונטער די קאַלטע, נאַמענלאָזע הימלען? דורות זיינען געשטאַנען מיט אים אין דער פינצטערער נאַכט און ניט געהאַט וואוהין צו גיין. מ׳איז געשטאַנען פאַר אַ נייעם סוף און פאַר אַ נייעם אָנהייב. אַ פּיין, וואָס פייניקט טויזנטער יאָרן — איז ניט קיין פּיין. און ליידן, וואָס ציען זיך דורך אייביקייטן — זיינען ניט קיין ליידן. זיי ווערן דערפאַרונג, אינטואיציע. די פּיין ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ באַגלייטנדיקן געפיל, אָן וועלכן ס׳איז שווער צו לעבן. אַ מין זעקסטער חוש, אַ וואָרנונגס־צייכן, אַ שוץ, ווי ביי פייגל און חיות און אינסעקטן, וואָס קאָנען בייטן זייער אויסזען, זייער קאָליר, און פאַרלאָרגיין אין דער אַרו־מיקער נאַטור. קאָן ער אָננעמען דעם קאָליר פון דער אַרומיקער וועלט און ניט דערזען ווערן פון דעם לויערנדיקן שונא? אַגאַטאַ זאָגט, אַז ניט. אַ ייד איז אַ ייד. אַ ייד איז אַלע מאָל אַנדערש. אַנדערש, אַנדערש, אַנדערש.

ו.

פלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט וועגן טאַטע־מאַמע. זיי זיינען דאָ געווען אין שטאָט הינטער גאַסן און מויערן. אין מיטן פון דער נאַכט, אין דעם גרויסן מדבר פון דער מיליאָניקער שטאָט פון פרעמדקייט איז אויפגע־שטאַנען אַן אָאַזיס: טאַטע־מאַמע. ער האָט זיי שוין לאַנג ניט געזען. זייערע געשטאַלטן זיינען אויפגעקומען פאַר די אויגן אין זייער אייביקער נאָענט־קייט. דער טאַטע — מיט די נאָענטע צייכנס פון ליידן אויף זיין צעקנייטשטן פּנים, מיט סוד און מיט אָפּנקייט אין די אויגן און די מאַמע — מיט אירע אויגן פון רחמנות און פאַרגעבונג, ליבשאַפט און פאַרגעבונג. טאַטע־מאַמע. ליבשאַפט און פאַרגעבונג אין מיטן פון קאַלטער נאַכט. טאַטע־מאַמע.

די שטאָט האָט געקלונגען מיט יום־טוב. אָבער אַרום זיי האָט געמוזט לעבן די פּשוטע וואָכעדיקייט. וואָך — אין אַ ים פון יום־טובדיקייט. זיי האָבן אפשר אפילו ניט געהערט דעם געקלאַנג פון גלעקער. אָ, זיי זיינען נאָך געווען פון די גליקלעכע, וואָס האָבן זיך געקאָנט אָפּזונדערן אין אייגענע שוץ־ווענט, באַהאַלטן זיך אין זייער וועלט, ווי אַ ימיקע מאַלוסקע אין איר מושעל. און ס׳איז גוט געווען צו טראַכטן, אַז ביי זיי איז געווען וואָך און אַז אין אָט דער וואָכעדיקייט זיינען אַרומגעשוואומען זייערע ליבע פּנימער, און אַז ער, באַרני־ברוך קלאַפּער, איז געווען זייער זון, וואָס האָט איצט געהאַט אַ גרויסן פאַרלאַנג צו קומען צו זיי, ווי צו אַ געגאַרטן ברעג, און באַהעפטן זיך מיט זייער וואָכעדיקייט. ער וועט קומען צו זיי און זאָגן: טאַטע, מאַמע...

אָ, די טייערע טאַטע־מאַמע! ווי זיי פלעגן עס קומען צו אים אין הויז אין די עטלעכע יאָר פון זיין פאַרהייראַטן לעבן, אַזעלכע שטילע, איינגעהאַלטן־פרעמדע און נאָענטע. אַ ביסל פרעמדלעכע צו זייער אייניקל, וואָס איז געוואַקסן, ווי אַן אומבאַקאַנט צווייגל אויף זייער אַלטן שטאַם... אַזעלכע נאָענטע אין זייער דערווייטערונג. אַזעלכע נאָענטע, נאָענטע.

ער האָט דערפילט אַ גוואַלדיקן פאַרלאַנג וואָס שנעלער צו קומען צו זיי. זיי האָבן זיך אויף אים ניט געקאָנט ריכטן אין אַזאַ נאַכט. זיי האָבן זיך ניט געקאָנט ריכטן, אַז ער וועט זיך גראָד היינט אויסקלייבן צו קומען צו זיינע דערוואַקסענע עלטערן און שטעלן זיך פאַר זייערע פאַרגעבנדיקע פּנימער און זאָגן: טאַטע, מאַמע...

אָבער דער באַשלוס איז שוין אין אים געווען. זיין טראַט איז געוואָרן זיכערער. ער האָט געהאַט וואוהין צו גיין און וואוהין צו קומען.

די עלטערן האָבן זיך טאַקע דערפרייט מיט זיין קומען. די מוטער האָט אין פריידיקער פאַרלאָרנקייט געזאָגט:

— זע, ברוכל איז דאָך געקומען!... מיר האָבן גאָר ניט דערוואַרט... אַזאַ גאַסט... אַזאַ גאַסט! נו, קום אַריין... און וואָס מאַכט אַגאַטאַ? און באַבילע וואָס מאַכט? — אַ געזונט אין זיינע ביינדעלעך...

זי האָט עס געזאָגט און ער האָט געזען ווי איר פּנים איז פול געוואָרן מיט ליבשאַפט און פרייד. און דער טאַטע האָט זיך אויך דערפרייט מיט זיין אייגענער, אַ ביסל איינגעהאַלטענער, פרייד. געווען צופרידן, וואָס דער זון איז פּלוצלונג אַריינגעקומען:

— טאַקע אַ גאַסט!... אַ שאָד, וואָס דו האָסט פאַרשפּעטיקט די וועטשערע. וואָלסט אָפּגעגעסן אַ מאָלצייט מיט טאַטע־מאַמע. מ'האָט שוין אַ לאַנגע צייט ניט געגעסן אינאיינעם...

ער האָט עס געזאָגט, אָבער קיין פאָרוואורף איז אין זיינע ווערטער ניט געווען. באַרני האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן טיש. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. געזען די אַלטע אָרעמקייט אין הויז. אַלץ איז דאָ געווען ווי פריער, ווי אַמאָל, ווען ער האָט מיט זיי געוואוינט, אָבער אַלץ איז פאַרעלטערט געוואָרן. אויך די עלטערן האָבן דאָ אויסגעזען עלטער. עפּעס זיינען זיי איצט ענלעכער געוואָרן צו די פאַרשטאָרבענע זיידע־באָבע, וועלכע ער האָט געקענט אין דער קינדהייט. דער טאַטע האָט געזאָגט:

— נו, וואָס זאָגסטו, זון מיינער, ווי זיי האָבן זיך דאָס אָנגעזעצט אויפן פאָלק ישראל?... לייענסט דאָך מסתמא וועגן אונדזער בראָך?

אוודאי האָט באַרני קלאָפּער געלייענט. ווי האָט ער עס געקאָנט אַדורכ־לאָזן? איז דאָס ניט געווען זיין אומגליק?

— איז וואָס זשע זאָגסטו אויף דעם, זון מיינער? עס איז דאָך גוואַלד־געשריען, אין וואָס פאַר אַ וועלט מיר לעבן. גוג ומגוג שלאָגן זיך און עמלק באַפאַלט נאָך אַלץ אַן אומבאַשיצט פאָלק... איך זאָג דיר, גאָטס שטראָף זאָל אויף זיי פאַלן, אויף די מערדער.

די מאַמע האָט הויך אַ זיפץ געטאָן און געזאָגט:

— רבונו של עולם, גאָטעניו, האַרציקער!...

אָבער דער פאָטער האָט דווקא געוואָלט וויסן וואָס באַרני אַליין טראַכט וועגן די פּאָגראָמען אויף יידן:

— איז וואָס זשע זאָגסטו פאַרט אויף דעם, ברוך?

באַרני קלאָפּער האָט געהאַט אַ סך וואָס צו זאָגן. אַ ים מיט ווערטער האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין זיין געמיט. און פאַרן טאַטן האָט מען די ווערטער איצט געמוזט אַרויסזאָגן. אָפּקלייבן פון זיי די סאַמע שטאַרקסטע און אַרויס־זאָגן.

דער פאָטער האָט געהערט און איז אפנים געווען זייער צופרידן. זיין זון האָט גערעדט די געהעריקע רייד. אָט דאָס זיינען געווען די רייד, וואָס זיין זון האָט באַדאַרפט ריידן. האָט ער געזאָגט:

— אָט דאָס, וואָס איך זאָג! ס'איז דאָך גוואַלד־געשריען!... גוואַלד! וואָס האָבן זיי שוין מיט אונדז ניט געטאָן? גלות, אינקוויזיציעס, געטאָס, געלע לאַטעס... יידיש בלוט האָט זיך געגאָסן איבער דער וועלט, ווי וואַסער, און ס'איז זיי נאָך אַלץ ניט גענוג...

פאָטער און זון האָבן גערעדט ווי גלייכע. די מאַמע האָט דערווייל אָנגע־הויבן שטעלן כיבוד. זי האָט פאַרקאָכט טיי. אויפן טיש האָט זיך באַוויזן דאָס באַקאַנטע געפּעס. דער אַלטער ריח פון היימישער שפּייז האָט אויפגעוועקט קינדערשע דעריבערונגען. די צייט האָט זיך אַ קער געטאָן צוריק. אַלץ איז געוואָרן ווי אַמאָל. אַזוי האָט אַמאָל אויסגעזען דאָס לעבן ביים זיידן. אַזוי איז עס דאָ געווען מיט יאָרן צוריק און אויך איצט. דער אייגענער אָאַזיס האָט זיך אָפּגעהיט אין מדבר. קיין ווינט און קיין שטורעם האָבן אים ניט געקאָנט אָפּווישן.

דער געשפּרעך איז אַריבער אויף אַנדערע זאַכן. ס'איז געווען פון וואָס צו ריידן. וואָכעדיקע רייד האָבן געשפּרודלט מיט יום־טוב. פון דעם איז געווען גוט און אומעטיק. די וועלט איז טאַקע געווען אַ וויסטער מדבר, אָבער דעם טאַטנס טיש איז געווען אַן אָאַזיס, צו וועלכן ער איז געקומען נאָך לאַנגער וואָגלעניש זיך אַ ביסל אָפּרוען, און נאָכדעם ווידער אַוועקגיין ווייטער זיין שווערן וועג. ס'איז געווען גוט און אומעטיק.

פּלוצלונג האָט די מאַמע אַ פרעג געטאָן:

— און אַגאַטאַן האָסטו גאָר היינט געלאָזט אין דער היים אַליין מיטן קינד? היינט איז דאָך עפּעס קריסטמעס.

באַרני האָט זיך עפּעס ווי דערשראָקן פאַר דער פראַגע. געזאָגט מיט אַ געפיל פון קוים איינגעהאַלטענער שולדיקייט:

— זי איז מיט באַבין אַוועק צו אירע עלטערן... וועלן אפשר דאָרט נעכטיקן.. יאָ, זי איז אַוועק צו די איריקע...

די מאַמע האָט ווידער געזאָגט:

— און דו ביסט גאָר געקומען אַהער. ביסט מיט איר ניט געגאַנגען... ווי קומט עס? האָסט זיך, חלילה, צעקריגט מיט איר. צי וואָס?

באַרני האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן:

— יאָ, מיר האָבן זיך פאַרן אַוועקגיין געקריגט... בעסער ניט צו ריידן וועגן דעם.

באַרני האָט געזאָגט:

דער פאָטער האָט זיך אויך אַריינגעמישט:

— וואָס עפּעס אין מיטן דערינען? דאַכט זיך, אַלע מאָל געלעבט בשלום. ווי קומט עס? מסתמא ניט ערנסט.

— אָבער, גאָט מייִנער, צוליב וואָס? אַגאַטעלע איז, דאַכט זיך, אַזאַ גוטע. וואָס פאַר אַ שוואַרצע קאַץ האָט געקאָנט צווישן אייך דורכלויפן?

— ניין, דאָס מאָל זייער ערנסט.

אויף דער מאַמעס פּנים האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ וואָלקן פון גרויסער פאַרזאָרגטקייט:

באַרני האָט זיך געפילט ווי אַ קליינער ייִנגל אונטער די פאַרשנדיקע אויגן פון טאַטע־מאַמע. געזאָגט:

— ס'איז די אַלטע מעשה: ייִד און קריסט... ביז איצט איז די פראַגע זייער זעלטן צווישן אונדז אויפגעקומען ערנסט. אָבער לעצטנס, זינט דעם אומגליק, איז מיר שווער געווען אויסצובאַהאַלטן מייִנע געפילן... קריסטמעס... יאָלקעס... צלמים... אומעטום צלמים — אין מיטן פון אונדזער חורבן... נו, האָט מען זיך צעקריגט.

די מאַמע האָט געשוויגן. דער פאָטער איז אַ ווײַלע געזעסן מיט זייַנע אויגן אויף דעם זונס בלייך געוואָרענעם פּנים. שוין געוואוסט, אַז דער זון איז געווען געשלאָגן און אומגליקלעך. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער זון האָט נאָך ניט אַלץ דערציילט מיט די פּאָר אָפּגעריסענע ווערטער, און געוואוסט, אַז באַרניס געמיט האָט געוואָרצלט אַ סך טיפער פון דער אויבער־פלאַך פון די פּאָר אַרויסגעזאָגטע ווערטער. אָפּגעוואַרט אַ רגע און געזאָגט:

— הער, מייַן זון, וואָס איך וועל דיר זאָגן. אַ יחיד קאָן די ייִדישע פראַגע ניט לייזן. ניט דו און ניט זי זייַנען אין עפּעס שולדיק, און אַרייַנפאַלן אין עצבות וועט דאָ ניט העלפן. דו ביסט אַ ייִד, אָבער זי איז דאָך געבאָרן געוואָרן אַ קריסטין. איז זי אין דעם שולדיק? האָט זי עס פאַר זיך אויסגעקליבן? האָט זי פאַרגאָסן אפילו אַ טראָפּן פון אונדזער בלוט? און דו קומסט פון איר אויפמאָנען פאַר אַזוי פיל פאַרגאָסענעם בלוט!... וואו איז דאָ דער יושר? פאַרקערט, זי האָט אַלע מאָל אַרויסגעוויזן אַ סך מענטשלעכקייט. זי איז פאַר אונדז ווי אַ גוטע טאָכטער... און אַז דו קריגסט זיך מיט איר אַרום איבער אַזעלכע זאַכן, ווי ייִד, קריסט... און דו מאָנסט נאָך אפשר פון איר ייִדישקייט אויך, — ווער ווייס? — דאָס איז ניט יושרדיק.

ס'איז געווען מאָדנע. דער פאָטער האָט גאָר אים באַשולדיקט. באַרני האָט זיך געוואָלט פאַרטיידיקן:

— איך קאָן עס שוין ניט פאַרטראָגן — די יאָלקעס, די צלמים, דאָס קלינגען פון גלעקער... אָט קלינגען זיי דיר אַ גאַנצע נאַכט... און מייַן

קינד וואַקסט אַריין אין דעם אַלעם.. ס׳איז מיר שווער אַריבערצוטראָגן...

באַרני האָט זיך געפילט שולדיק און פאַרלאָרן. דער פאָטער האָט געזען זיין געפאַלנקייט, אָבער ער האָט שוין אין דער רגע דערפילט אַ לאַנגפאַרבאָרגענעם פאַרלאַנג און אַ געלעגנהייט צו זאָגן דעם זון מיט איין מאָל אַלץ, וואָס האָט אים געפּלאָגט שוין יאָרן:

— נו, אַט זעסטו... דאָס האָב איך פון דיר ניט דערוואַרט. געמיינט, אַז צו אַזאַ געדאַנק וועסטו ניט קומען... אָבער וועגן דעם, מיין זון, האָסטו אפשר געדאַרפט אַ טראַכט טאָן אַ סך פריער. איצט וועסטו זיך אפשר דערמאָנען, אַז טאַטע־מאַמע האָבן דיך מיט יאָרן צוריק געוואָרנט... מיר האָבן קעגן אַגאַטאַן, חלילה, קיין זאַך ניט. זי איז אַ פיין קינד, אויף יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן, וואָס פאַר אַ פיינע ווייב זי איז צו דיר... אָבער קיין יידיש קינד איז זי ניט, און ניטאָ דיר וואָס פון איר צו פאָדערן יידישקייט. אַז אַ ייד האָט חתונה מיט אַ קריסט, מוז דאָס הויז זיין קריסטלעך, אפילו ווען ביידע זיינען ניט פרום, גלויבן ניט אין קיין שום גאָט... ס׳איז אַ קריסטלעכע וועלט. מיר, יידן, קאָנען איצט די וועלט ניט איבערמאַכן... אָבער אויב דיר איז, חלילה, אַריינגעפאַלן איצט אַ בייזער געדאַנק צו שיידן זיך מיט אַגאַטאַן, זאָלסטו וויסן, אַז איך בין קעגן דעם. וועסטו דאָס טאָן — וועסטו אומגליקלעך מאַכן דיין לעבן און ס׳לעבן פון אַן אומשולדיק קינד, דיין אייגן פלייש און בלוט. געדענק, וואָס איך זאָג דיר, ברוך, וועסטו צערייסן מיט אַגאַטאַן — צערייסטו באַביס לעבן. שפּיל זיך ניט מיט אַזעלכע זאַכן, ברוך!

באַרני איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. די מאַמע האָט פאַרבראָכן פלוצלונג אירע הענט:

—ברוכל, זון מיינער, אַזוי ווייט איז שוין דער בראָך?... ווי איז מיר, ברוכל, זאָג דעם אמת... באַהאַלט ניט פון דער מאַמען... זאָג, וואָס איז צווישן אייך פאָרגעקומען?

באַרני האָט געפילט, אַז איצט איז שוין מער ניט מעגלעך צו ריידן נאָר מיט אָנדייטונגען. פאַרקערט, ס׳האָט זיך געוואָלט עפענען דאָס האַרץ, דערציילן מיט אַלע אייַנצלהייטן די סצענע, וואָס איז אָפּגעשפּילט געוואָרן אין זיין הויז ערשט מיט אַ פאָר שעה צוריק. זיי זיינען געווען זיין טאַטע־מאַמע. ער האָט מיט קיינעם ניט געקאָנט ריידן, אחוץ מיט זיי. אַלע רייד מיט זיך אַליין האָבן נאָר געפירט צו פאַרצווייפלונג. אַזאַ פאַרלאַנג געהאַט צו אַנטפּלעקן די אייגענע געפאַלנקייט, אַזאַ פאַרלאַנג געהאַט אויסצושעפּן די גאַנצע טראַגעדיע פון זיין לעבן, אין דעם איז געווען אי ווידוי, אי די אייגענע פאַרטיידיקונג. האָט ער דערציילט וועגן דעם צלמל, וועגן דעם אָפן־אַנטיסעמיטישן אויפברויז פון אַגאַטאַס געמיט און איר אָוועקגיין מיטן קינד צו אירע עלטערן. טאַטע־מאַמע האָבן געהערט און געשוויגן. ערשט ווען ער האָט געענדיקט און אָנטשוויגן געוואָרן, האָט דער פאָטער געזאָגט:

— נו, ס׳איז אַן אַלטע מעשה. אַנדערש האָט עס ניט געקאָנט זיין, אין

דעם אַלעם ביסטו אַליין שולדיק. טאַטע־מאַמע טאָרן זיך קיינמאָל ניט אַריינמישן אינעם לעבן פון אַ קינד... ס'איז אַן אַלטער כלל. אָבער, אַז דו ביסט געקומען צו אונדז אין אַן עת צרה, נו, מילא, וועל איך דיר זאָגן, — ביסט אַליין שולדיק. אָט זע אַליין: וואָס פאַר אַ יידישקייט האָט זי ביי דיר געפונען? גאָרניט! אַז זי האָט ניט געפונען דיינס — האָט זי געבראַכט אירס. און זי האָט געהאַט וואָס צו ברענגען. צלמים, די שפּראַך, די קירך, די יאָלקעס און מיט דעם אויך אַ ביסל שנאה צום יידן, וואָס זי האָט געירשנט פון דורות... דו אַליין האָסט אין דיין הויז קיין זאַך ניט. האָסטו אין דיין הויז אַ יידישן ספר, אַ בוך? לייענסטו אַ מאָל אַ יידישע צייטונג? האָסטו אין דיין הויז אַ וועלכן עס איז יידישן מנהג? ביי דיר איז דאָך קיין זאַך ניטאָ, וואָס ס'איז עפּעס ווערט. וואָלסטו נאָך געקאָנט ווערן אַ גוי, וואָלט די צרה קיין צרה ניט געווען. אָבער אַ ייד קען קיין גוי ניט ווערן. אַנדערע, פאַר דיר, האָבן שוין דאָס פּרובירט טאָן, און זיינען דורכגעפאַלן... נו, ביסטו געוואָרן אַ ייד אָן יידישקייט און אַ גוי אָן גויאישקייט... ס'איז אַ חוזק. מיר האָבן דאָס געזען און געשוויגן, ווייל ריידן האָסטו אונדז ניט געלאָזט... ס'איז געווען דיין אייגן לעבן און דו האָסט עס געפירט, ווי דו האָסט געוואָלט. און אַז ס'איז געקומען אַ צייט ווען דיין אייגענע ווייב וואַרפט דיר אין פּנים אַן אַנטיסעמיטיש וואָרט, געפעלט עס דיר ניט... בריקעסטו זיך...

— און אַז אימעצער וואַרפט דיר אין פּנים אַן אַנטיסעמיטישע באַליידיקונג — וואָס טוסטו? דו שוויגסט? טוט עס דיר גאָר ניט וויי? באַליידיקסטו זיך ניט?

דער פאָטער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— ווי קאָן זיך אַ ייד באַליידיקן פון אַן אַנטיסעמיטישן וואָרט? וואָסי, מיר יידן זיינען דען די שולדיקע? האָבן מיר אויף זיי אַמאָל געמאַכט פּאָגראָמען? האָבן מיר זיי געברענט אויף שייטערהויפנס? האָבן מיר געמאָרדעט זייערע קינדער און געשלעפּט זייערע אַלטע לייט אין גאַז־אויוונס? ווי קאָן אַ גוי באַליידיקן אַ יידן? אַז אַ גוי רופט אַ יידן „זשיד פּאַרכאַטי“, אָדער „דוירטי דזשו“ און נאָך אַזעלכע זאַכן — רופט עס גאָר ניט אַרויס קיין באַליידיקונג און ניט קיין כעס, נאָר פאַראַכטונג. אַ ייד ווערט פון דעם נאָך מער ייד. ווי זאָל איך דיר עס דערקלערן? זייערס אַ שטאָך־וואָרט דרינגט גאָר ניט אַריין אין דער יידישער נשמה, ווייל די נשמה אונדזערע איז באַהאַלטן אין אַ האַרטער שאָלעכץ אַזאַ, ווי אַ שאָל... אָט די שאָל איז אונדזער שוץ. זיי קאָנען פאַרפייניקן אונדזער גוף, אָבער די נשמה — זי בלייבט לעבן. און די שאָל איז אויפגעבויט געוואָרן אַרום אונדזער נשמה טאַקע פון זיי אַליין, דורך זייער רשעות... יאָ. זיי האָבן געפייניקט אונדזערע גופים, אָבער אַרום דער נשמה אונדזערער איז דערווייל אַרומגעוואַקסן אַן אייביקע שוץ־וואַנט... די שוץ־וואַנט וועלן מיר דאַרפן האָבן נאָך אַ לאַנגע צייט, ביז דעם באחרית הימים, ווי עס ווערט געשריבן אין תנ"ך. די צרה

מיט דיר איז, וואָס דו האָסט אפּנים אויפגעהערט צו פילן אַרום דיין נשמה די שוץ־וואַנט... און אַן דעם, — וואָס איז יידיש לעבן? — אַ ווינט קאָן עס אָוועקבלאָזן... די הויפּט זאַך פאַר אַ יידן אין אַלע צייטן איז צו גלויבן אין דעם אחרית הימים. און לאָמיר דיר זאָגן, מיין זון, אַז די בעסערע גויים, די חסידי אומות העולם, זיי גלויבן אויך אין דעם באחרית הימים. האָסטו געהערט, אַז זיי זאָלן זיין אַנטיסעמיטן?... אָבער ניט דאָס בין איך אויסן. כ'האָב דיר געוואָלט זאָגן וועגן דיין אַגאַטאַן. דו האָסט זי געוואונען, ווי אַ מענטש. אָבער ווי אַ ייד — ביסטו איר פרעמד. דיין יידישקייט איז פאַר איר בלויז אַ שטער, אַן אבן נגף. עס פעלט אין דיין יידישקייט דער עצם, פאַר וועלכן זי זאָל האָבן דרך ארץ, — דערפאַר וואַרפט זי דיר אין פנים אַנטי־סעמיטישע שטעכווערטלעך... יידישקייט פאַרפליכטעט צו עפּעס. אָפּ־שטאַמונג אַליין איז ניט קיין יידישקייט. האָסט עס מסתמא איצט אַליין אויס־געפונען — דערפאַר טוט עס דיר ווי...

באַרני האָט זיך צוגעהערט צום פאָטערס רייד, ווי אַ קינד הערט זיך צו צו די ערנסטע רייד פון אַן עלטערן וועגן זיין אויפפירונג. געווען אי דער־שלאָגן, אי פאַרשעמט. ס'איז געווען ווי דער טאַטע וואָלט פאַרמשפּט און אפילו שוין איבערגעלייענט די באַשולדיקונג, און נאָר זיך אָפּגעהאַלטן פון באַשטראָפן, ווייל דער באַשולדיקטער איז זיין אייגענער זון... דער פאָטער האָט געזען, אַז דער זון איז זייער אומגליקלעך. רעדט ניט אַרויס קיין וואָרט, פאַרטיידיקט זיך ניט. האָט ער פּלוצלונג איבערגעריסן זיינע רייד. ס'איז אַנטשטאַנען אַ שווערער שווייגן.

די מאַמע האָט געזאָגט:

— ברוכל, וואָס וועט איצט זיין? דו מיינסט, אַז ביי איך האַלט, חלילה, ביי אַ גט?... זאָל זיך גאָט מרחם זיין... ווי איז מיר!

דער פאָטער האָט איצט געוואָלט באַרויקן די מאַמע:

— נו, ביי דיר איז שוין באַלד — אַ גט. דער הימל ליגט זיך שוין דיר אויפן קאָפּ... נישקשה, אַגאַטאַ וועט קומען צוריק. מ'וועט זיך דורכ־שמועסן... אין אַ לעבן קומען פאַר קריגערייען צווישן מאַן און ווייב — ס'דוכט זיך, די וועלט עקט זיך, ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג, אַחוץ אַ גט, — אָבער ס'גלייכט זיך אויס... און דאָס ביסל אַנטיסעמיטיזם, וואָס ברוך האָט דאָ דערמאָנט — דאָס וועט זיך אויך אויסוועפּן... וועסט זען — ס'וועט זיך אויסוועפּן.

און צו ברוכן האָט ער געזאָגט:

— צו דיר אַליין, חלילה, האָט זי דאָך גאָרניט. פאַרקערט, זי האָט דיך ליב. אַי, וואָדען, דיין יידישקייט? נו, דאָ, האָב איך מורא, ביסטו, ברוך, אַליין אַ ביסל באַגאַנגען אַן עוולה קעגן איר. האָסט מסתמא אין איר אַזוי לאַנג געוועקט די שולדיקייט פאַר די מעשים פון איר פאָלק, אַז זי האָט זיך טאַקע דערפילט שולדיק... און אַז מ'דערפילט זיך שולדיק, ווערט אַ מענטש

אַ רשע... ער הייבט אָן אָפּצוטאָן נאַרישקייטן. ביי אַגאַטאָן איז עס ניט פון פאַרדאַרבנקייט, נאָר פון דער שאַנד פון שולדיקייט. זי איז די ווייב פון אַ יידן. איר אייגן פאָלק טוט אָפּ מוראַדיקע עוולות. דער מאַן, דער ייד, האָט אויף זיין זייט אַלע קאָרטן פון יושר... דער מאַן שטופּט איר אין פּנים אַריין די קאָרטן... די צייטונגען און די ראַדיאָ און אַלץ אַרום שרייט — ביסט שולדיק, ביסט שולדיק!... אַ מענטש דערפילט זיך, ווי אַ קרעצי־קער צווישן ריינע... און דאָ שאַפט זיך אַ קעגן־געפיל: — ווי וואָגסטו צו זיין ריין, אַז איך בין אומריין? ווי וואָגסטו צו זיין גערעכט, אַז איך בין אומגערעכט? ווי וואָגסטו צו זיין אומשולדיק, אַז איך בין שולדיק? און פון דעם קומט אַרויס די ביטערניש...

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זון און צוגעגעבן:

— ווייסט, וואָס קומט מיר אָפט אויפן געדאַנק? — איך טראַכט, אַז די גאַנצע ביטערקייט פון די גויים צו אונדז נעמט זיך טאַקע פון זייער איבעריקער שולדיקייט קעגן אונדז, יידן... ס'איז מאָדנע, אָבער איך טראַכט פון דעם אַמאָל. אַט זאָג דו אַליין: שוין טויזנטער יאָר, אַז די גויים פאַרפאָלגן אונדז. פאַרוואָס? מיר זיינען אַ פאָלק, ווי אַלע פעלקער און מענטשן, ווי אַלע מענטשן. נאָר וואָס דען? — מיר האָבן אין דער וועלט אַריינגעוואָרפן אַ באָמבע — די עשרת הדברות. פריער האָט מען זיי אויף אונדז אַרויפגע־צוואונגען, — ווייסט דאָך די מעשה מיטן באַרג סיני, — און נאָכדעם האָבן מיר שוין, ווי פּייאַקע ביזנעסלייט, געגומען פּעדלען מיט דער סחורה און זי טאַקע אויף זיי אַרויפגעצוואונגען... און איצט, אַז די וועלט וויל באַגיין אַן עוולה קעגן דעם יושר — שטעקט זיי אין פּנים אַ באַשולדיקונגס־פינגער — ווידער אַמאָל אונדזערע עשרת הדברות... און דאָס איז דאָך פּאַרט אונדזער פינגער, וואָס שרייט: דו ביסט שולדיק! און דער שולדיקער וויל עס ניט פאַרליידן, און ער איז נאָך דערצו דער שטאַרקער, דער מעכטיקער... איז אָך און ווי איז צום שוואַכערן, ווען דער שטאַרקער דערפילט זיך שולדיק. אַ צוזאַמענשטויס מיט אים איז אַ סכנה, ווי ס'איז טאַקע געשריבן אין דער גמרא: „אויב דער אייזן פאַלט אויף אַ ליימענעם קרוג — איז אַז אָך און ווי איז צום קרוג!"

דער פאָטער האָט ביטער אַ לאַך געטאָן.

—הייסט עס, אַז ס'איז גאָר ניטאָ קיין האָפענונג, אַז דער אייזן און דער קרוג זאָלן זיך ניט צוזאַמענשטויסן? לויט דיינע רייד קומט אויס, אַז ייד און גוי — דאָס זיינען צוויי פיינטלעכע כוחות.

— דערווייל איז טאַקע ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג. ווייל אָט זעסטו דאָך... און ס'דערמאָנט זיך מיר נאָך אַ מעשהלע פון די ספרים אונדזערע, אויב דו געדענקסט זי נאָך — וועגן די צוויי טעפּ, דעם ליימענעם און דעם קופּערנעם, וואָס זיינען געשוואומען אין אַ טייך. דער קופּערנער טאָפּ האָט זיך געבעטן ביים ליימענעם: קום, ברודערל, צו נעענטער, וועלן מיר איינאיינעם

שווימען. דער ליימענער אָבער, אפנים שוין אַ דערפאַרענער, האָט געענט־פערט: אַט פאַר דער גאָענטקייט דיינער האָב איך טאַקע מורא — סכנות נפשות!...

— הייסט עס, אַז דער ייד דאַרף אַלע מאָל טאָן איין זאַך — איזאָלירן זיך, אויסמיידן צו טרעפן זיך מיטן גוי. אפשר גאָר באַהאַלטן זיך אין אַ גייסטיקער געטאָ אין מיטן פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט?

דער פאָטער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— אפשר אַזוי, דערוויל. ביז משיח וועט קומען... אייגנטלעך איז מיטן גוי אַזוי ווי מיט יענעם וואָלף, וואָס האָט געוואָלט פאַרצוקן דאָס שעפעלע. וויפל דאָס שעפעלע האָט ניט געהאַט דעם יושר אויף זיין זייט, האָט עס ניט געהאָלפן. דער וואָלף זאָגט: דו האָסט פאַראַיאָרן געזידלט מיין טאַטן. דאָס שעפעלע טענהט: פאַראַיאָרן בין איך דאָך אפילו אויף דער וועלט ניט געווען. זאָגט דער וואָלף: דו האָסט אומריין געמאַכט דאָס וואַסער אין טייכל. טענהט דאָס שעפעלע: סטייטש, איך טרינק דאָך דאָס וואַסער אַראָפּן שטראָם און דו ביסט העכער... דער יושר האָט דאָ ניט געהאָלפן... מיט אונדז יידן איז אויך די זעלביקע מעשה. אַז דער ייד וויל זיך איזאָלירן — זאָגן זיי: יידן זיינען אַ פרעמדער עלעמענט. זיי מישן זיך ניט אַריין אין דער נאַציע. אַז דער ייד וויל זיך שוין אַריינגיסן אין זייער כלל, אפילו פאַרגעסן זיין יידישקייט, זאָגן זיי: דער ייד שטופּט זיך, פאַרכאַפּט ערטער... ס׳איז די אייביקע מעשה.

באַרני האָט אַלע מאָל ביי זיך געהאַט אַ גאַנצן שלל לאָגישע ענטפערס אויף אַזאַ אַרגומענטאַציע. אָבער אין דער צערודערונג פון זיין געמיט האָט ער בלויז אַ זאָג געטאָן:

— הייסט עס, טאַטע, באו מים עד נפש?... ניטאָ קיין האָפענונג?

— יע. ס׳איז חורבן פון אינעווייניק און פון דרויסן. אָבער מיר האָבן עס שוין אַ סך מאָל געהאַט — און זעסט דאָך — מיר לעבן. נאָך יעדן חורבן ווערן מיר געשטאַרקט. די, וואָס שטאַרבן אויף קידוש השם לאָזן איבער אַן אייביקע ירושה — אַ כוח, וואָס באַלעבט... אַט האָט דאָך דער יידישער גורל אויך צו דיר אָנגעקלאַפּט אין טיר און דיר דערמאָנט, אַז דו ביסט אַ ייד, אַז ניט וואָלסטו דאָך היינט דאָ ניט געווען, מיין זון...

דער פאָטער האָט ווי דערפילט, אַז ער האָט מיט זיינע ווערטער ווי געטאָן דעם זון, האָט ער פלוצלונג אַ זאָג געטאָן:

— אָבער צו דיין ענין האָט עס אפשר ניט. ביסט געקומען נאָך אַן עצה. איז אַט איז זי, די עצה: גיי אַהיים. ס׳איז דיין היים. אַגאַטאָ וועט איבער־נעכטיקן ביי די איריקע. דער כעס וועט ביי איר איבערגיין און זי וועט אויך קומען אַהיים. הערסטו, מיין זון, וואָס איך וועל דיר זאָגן: אַלע וועגן פירן, סוף כל סוף, צו דער אייגענער היים — אחוץ דער וועג פונעם פאַרדאַרבענעם. און אַגאַטאָ איז דאָך פאָרט אַן איידעלער מענטש. זי וועט קומען אַהיים און וועט

ברענגען איר זון אַהיים... און פאַדער ניט ביי איר אַזוי פלוצלונג קיין יידישקייט, — וואו זאָל זי עס פאַר דיר נעמען? און וויפל יידישקייט, אומ־שטיינס געזאָגט, געפינט מען עס ביי די יידישע פרויען דאָ? וואָסי? — זיי האָבן דען לכבוד דער הייניקער נאַכט ניט אַנגעצונדן ביי זיך אין הויז קיין יאָלקעס? פייערן זיי דען ניט דעם יום־טוב קריסטמעס? און אין וויפל יידישע הייזער האָט מען דען היינטיקן חנוכה אַנגעצונדן חנוכה־ליכטלעך? איז צו וואָס פאָדערן פון אַ קריסטין?... און וועגן דייך זון — דאָס, זעסטו, איז אַן ערנסטער ענין. איצט איז דיין באַבי נאָך אַ קליין קינד — שטייט ער אונטער דער מאַמעס פליגל. אָבער, אַז ער וועט אַ ביסל עלטער ווערן — נעם אים איבער אונטער דיינע פליגל. דערצייל אים וועגן זיין יידישקייט. דערצייל אים אַ סך. איצט ווייס ער דאָך ניט אפילו, אַז זיין טאַטע איז אַ ייד... דער־צייל אים יידישע מעשהלעך פון אונדזערע ספרים. ווער'סט שוין געפינען וואָס צו דערציילן, אויב דו וועסט וועלן... און אויך אונדזער געשיכטע זאָלסטו אים דערציילן. אַ כלל זאָלסטו האָבן, אַז דער, וואָס קען אונדזער געשיכטע, וועט שוין אונדז פאַרשטיין און אפשר אפילו האָבן אַ ביסל דרך ארץ... און אָט אַזוי וועסטו אים איבערנעמען ביסלעכווייז אונטער דיינע פליגל — וועט ער זיין דיינער. און אַגאַטאַן מעגסטו אויך דערציילן אַ ביסל פון דיין פאָלק, — אַז זי וועט וויסן, וועט זי אויך בעסער פאַרשטיין און אפשר ווערן גאָר אַן אַנדערע... קיין אַנדער עצה קאָן דאָ ניט זיין. ס'איז איין וועג, — אָדער מ'גייט אויף אים, אָדער מ'בלייבט בלאָנדזשען... אַי, ס'איז שווער? — נו, דאָס וויסן מיר דאָך אַלע — ס'איז ניט פון די גאָר לייכטע זאַכן צו זיין אַ ייד צווישן גויים.

מ'האָט זיך אַרומגעזען, אַז ס'איז שוין געווען אַ שפּעטע שעה. באַרני האָט זיך אויפגעהויבן צו גיין אַהיים. ער האָט אָנגעטאָן דעם מאַנטל, אַנגעצויגן די קאַלאָשן. טאַטע־מאַמע האָבן שווייגנדיק נאָכגעפאָלגט זיינע באַוועגונגען.

באַרני האָט געזאָגט:

— אַ גוטע נאַכט, מאַמע. אַ גוטע נאַכט, טאַטע.

ביי דער טיר האָט ער זיך נאָך אַ מאָל אַ קער געטאָן צו די עלטערן. געזען, אַז די מאַמע איז בלייך. אין אירע אויגן איז געשטאַנען אַ טרער. געזאָגט:

— זאָרג זיך ניט, מאַמע. עס וועט אַלץ זיין גוט. זאָרג ניט...

די מאַמע איז צוגעקומען נעענטער:

— זע, זון מיינער, זע ס'זאָל זיין שלום... טראַכט פון דיין קינד, טראַכט וועגן באַבילען, — מיר פאַר אים... זאָג־צו, ברוכל... זאָלסט זען, אַלץ זאָל זיין צום גוטן.

באַרני האָט שולדיק אַ שמייכל געטאָן:

— ס'וועט זיין אַלץ גוט...

ז.

באַרני איז געגאַנגען צופוס אַהיים. עס האָט זיך אים געוואָלט אויסציען די לאַנגע שטרעקע פון די עלטערן ביז דער היים. ער האָט באַדאַרפט טראַכטן און איבערטראַכטן וועגן אַלץ, וואָס ער האָט געהערט פון זיין פאָטער.

דער פאָטער האָט אויף אים אַרויפגעלייגט אַ סך פליכטן. קלאָרע און אומקלאָרע. אַלץ אַזעלכע פליכטן, וואָס אַ מענטש דאַרף אויף זיך נעמען אין סאַמע אָנהייב פון זיין יונגן לעבן. און ער איז דאָך שוין געווען אַ מענטש אין די יאָרן. ווער ווייס ווי אַלט ער איז איצט געווען? ער איז דאָך אויף אַזוי פיל עלטער געווען פון זיינע אייגענע יאָרן! אָבער די שווערע פליכטן, וואָס ער האָט מיט זיך געטראָגן פון זיין פאָטערס הויז, זיינען עפּעס גאָר ניט געווען שווער. פאַרקערט, ס'איז מיט זיי לייכט געווען צו שפּאַנען איבער דער גאַס און קומען צו דער אייגענער היים.

אַלץ, וואָס דער פאָטער האָט מיט אים גערעדט איז ניט געווען ניי. ער האָט שוין אַליין פון דעם אַ סך מאָל געטראַכט. יעדער ייד האָט שוין וועגן דעם געמוזט טראַכטן און איבערטראַכטן: וואָס איז יידישקייט?

יידישקייט איז ניט נאָר די באַזונדערע מנהגים און טראַדיציעס און אויך ניט די באַזונדערקייט פון דער שפּראַך און קולטור, נאָר הויפּטזאַכלעך די באַזונדערע אידייע, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געבראַכט אַ מענטשהייט, וואָס האָט די אידייע ניט געוואָלט אָננעמען, — די אידייע פון העכערער מעני־טשלעכער מאָראַל. און ס'איז אויסגעקומען, אַז דער קאַמף איז געווען ניט פון איין פאָלק קעגן אַ צווייטן, אָדער פון אַ סך פעלקער קעגן איין יידישן פאָלק, נאָר דער קאַמף קעגן אַ אידייע. אַלע איבעריקע אַנטאַגאָניזמען זיינען געווען בלויז אַ סימפּטאָם, אָדער אַ רעזולטאַט פון אַ גרעסערער שנאה... קעמפן קעגן סימפּטאָמען איז געווען איין זאַך און קעמפן פאַר דער אידייע — דאָס איז געווען גאָר אַן אַנדער זאַך. קעמפן קעגן אַלערליי אַנטאַגאָניזמען — דאָס האָט מען געמוזט, אָבער דער עצם איז פאַרט געווען די אָנגעהעריקייט צו דער אידייע, פאַר וועלכער אַזוי פיל דורות זיינען געגאַנגען אויף קידוש השם. אָנגעהעריקייט — דאָס איז דער עצם... אָנגעהעריקייט — אין דעם איז געווען דער זין פון לעבן. און וואָס איז ביז איצט געווען זיין אייגן לעבן צווישן מענטשן און אין זיין אייגענער היים? אַ פּאַסיוו לעבן. אַ פּאַסיווער כוח אין לעבן. אַ פּאַסיווער כוח אין זיין הויז צווישן ווייב און קינד... און דאָס, וואָס איז ערשט היינט פאַרגעקומען אין דער היים — די יאָלקע און דאָס צלמל און דער גאַנצער אויסברוך פון אַגאָטאַן — דאָס איז געווען אַזוי קליין אין אַנזיכט פון די געדאַנקען, וואָס ער האָט מיט זיך אַרויסגעטראָגן פון זיין פאָטערס הויז!...

ער איז געקומען אַהיים אַ מידער פונעם לאַנגן שפּאַציר. ס'איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבער נאַכט. ער האָט אָנגעצונדן ליכט אין אַלע צימערן.

אַלץ איז דאָ געווען ריין און ציכטיק און יומטובדיק־אויפגעראַמט. אויף אַלץ איז נאָך געלעגן די ציכטיקע האַנט פון זיין פרוי... זי איז ניט געווען אין די צימערן און דאָס קינד איז דאָ ניט געווען, אָבער ער האָט זיי געקענט דערפילן אין יעדן ווינקל, אין יעדן הויך און איינדרוק פון די זאַכן, וואָס האָבן אַזוי היימיש־וואַרעם באַגעגנט זיין קומען אַהיים... אַגאַטאַס קליידער אין די שאַפעס... דעם קינדס זאַכן און זיינע שפילצייג... ס'איז געווען זייער היים. זיין ליבשאַפט האָט דאָ געלעבט און ניט געוואָלט שטאַרבן. און ווי האָט דאָ גאָר געקאָנט פּאַסירן אַזאַ אומגליק? פאַרוואָס האָט עס פּאַסירט?

אין קיך, אויפן אויוון, זיינען נאָך געשטאַנען די יומטובדיקע מאכלים, וואָס אַגאַטאַ האָט אָנגעגרייט פאַר דער וועטשערע — די ניט־געגעסענע וועטשערע זייערע. די ריין־געשייערטע טעפּ זיינען געשטאַנען טרויעריק־אָפּגעקילטע... ער האָט איבערגעגאָסן דאָס געקעכץ אין גלעזערנע כלים, ווי אַגאַטאַ פלעגט עס טאָן, ווען עפּעס פלעגט איבערבלייבן פונעם אָוונט־ברויט, און די כלים אַריינגעשטעלט אין פריר־קאַסטן.

אויפן האַרצן איז נאָך געווען טרויעריק, אָבער ניט שווער. דאָס אַראָפּ־ריידן זיך פונעם האַרצן אין הויז פון די עלטערן, די וואַרעמקייט פון דער אייגענער היים — אַלץ האָט, ווי מיט אַ האַנט, אַראָפּגענומען פונעם האַרצן די שנאה, די ביטערניש און די פאַרצווייפלונג. ס'איז נאָר געווען גוט אומעטיק.

ער איז געווען מיד. אָבער שלאָפן האָט זיך ניט געוואָלט. געזעצט זיך אין אַ ווייכן שטול, אונטער אַ לאָמפּ און געטראַכט. אַ סך מאָל דורכגעטראַכט און דורכגעלעבט די פּאַסירונגען פון דעם פאַרגאַנגענעם אָוונט. געווען אויפּ־געבראַכט און פאַרגיביק. אָבער ניט פאַרצווייפלט. געפילט אפילו אַ געוויסע באַפרייאונג פון אַלע צווייפלענישן. און ערשט שפּעטער, ווען ער האָט אַרויס־געקוקט אין דרויסן און דערזען, אַז ס'האָט שוין געגרויט אויף טאָג, האָט ער פלוצלונג דערפילט אין זיך אַ פאַרלאַנג אַריינצולייגן זיך אין בעט און איינ־שלאָפן. און ער איז טאַקע באַלד איינגעשלאָפן.

אויפגעוועקט האָט אים אַרום האַלבן טאָג דער קלונג פונעם טעלעפאָן. דאָס האָט געקלונגען באַבי. ס'איז געווען אַ פרייד צו הערן זיין קול. אַ פרייד, וואָס האָט אויפגערעגט דאָס בלוט און אויפגעוועקט דאָס האַרץ. אויפגערעגטע קינדערשע רייד. אָפּגעריסענע, קינדערשע פראַזן האָבן זיך אַ שאָט געטאָן:

— דעדי, דאָס בין איך... דאָס בין איך, באַבי... מיר זיינען ביי „גרענין”... מיר האָבן דאָ געגעסן... מיר האָבן דאָ געהאַט אַ „גוד־טיים”... „גרענפּאַ” האָט מיך גענומען אין קירך... אַ סך מענטשן זיינען געווען אין דער קירך...

באַביס רייד האָבן זיך אויף אַ רגע איבערגעריסן. אפשר, אַז אימעצער האָט קאָנטראָלירט זיינע ווערטער. אימעצער האָט געוואָלט דורך אים שיקן גאָר אַן אַנדער וואָרט. ס'איז מסתמא געווען די מאַמע. באַבי האָט איצט געזאָגט:

— מאַמי זאָגט, אַז מיר וועלן באַלד קומען אַהיים... ניין, נאָכמיטאָג וועלן מיר קומען אַהיים... די „גרעני" האָט צוגעגרייט אַ סך גוטע זאַכן פאַר מיטאָג... איך האָב געקראָגן נאָך פּרעזענטן... דעדי, מיר קומען אַהיים. כ'האָב היינט געוויינט... כ'וויל גיין צו דיר...

דעם קינדס קול האָט אַ ציטער געטאָן, ווי צום וויינען, און איז אַנטשוויגן געוואָרן. באַרני האָט געזאָגט:

— אוודאי וועסטו קומען צו מיר, אוודאי... כ'וועל אויף דיר וואַרטן. פאַרברענג גוט ביי דער „גרעני" און קום אַהיים, צו דעדין...

דאָס קינד האָט געזאָגט:

— נו, גוד־באַי, דעדי... מירן באַלד קומען.

ס'איז געווען מאָדנע: גערעדט האָט דאָס קינד, אָבער באַרני האָט סיי ווי סיי געוואוסט, אַז דורך אים האָבן גערעדט ביידע, אי ער, אי דאָס ווייב. פון דעם איז געווען גוט, און ס'האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ מיט בענקשאַפט און מיט ליבע.

און שפּעט נאָך מיטאָג, שוין אַרונט־צו, זיינען זיי טאַקע געקומען. באַבי האָט זיך אַ ריס געטאָן צום טאַטן, אַרומגענומען מיט זיינע קאַלטע הענטלעך זיין האַלדז, און ניט אויפגעהערט צו באַדעקן זיין פּנים מיט קושן. ער איז געווען פול מיט גרויסער קינדערשער עקסטאַטישקייט, געדריקט זיך צום טאַטן אַן וואָרטער, ווי ער וואָלט אים מורא געהאַט צו פאַרלירן. אַגאַטאַ איז געשטאַנען אַן אַ זייט. געשטאַנען, ווי זי איז אַריינגעקומען, אינעם מאַנטל, ווי זי וואָלט נאָך ניט געוואוסט, צי זי מעג אים אויסטאָן און פאַרבלייבן אינדערהיים, אָדער זי וועט באַלד, סיי ווי דאַרפן אַוועקגיין.

אין אַ מינוט אַרום האָט זי געזאָגט:

— מיר פאַרדריסט, באַרני. מיר פאַרדריסט זייער... כ'האָב ניט געוואוסט, וואָס איך האָב נעכטן גערעדט און וואָס איך האָב געטאָן... גלויב מיר, כ'האָב ניט געוואוסט.

באַרני האָט ניט געענטפערט. ער האָט זיך איינגעבויגן איבערן קינד, אַראָפּגעצויגן פון אים דאָס מאַנטעלע, די קאַלאָשן, און נאָכדעם זיך אַריינגעזעצט אינעם ווייכן שטול, אַרויפגענומען אויפן שויס דאָס קינד. דאָס אַלץ האָט ער געטאָן מאָדנע לאַנגזאַם, ווי ער וואָלט דורך דעם געוואָלט געווינען צייט. אָבער קיין ווערטער פאַר אַגאַטאַן האָט ער עפּעס ניט געפונען.

אַגאַטאַ האָט ווידער געזאָגט:

— פאַרוואָס האָסטו מיך ניט געשלאָגן? אַן אַנדערער וואָלט מיך זיכער געשלאָגן פאַר מיינע מיאוסע רייד... אַן אונדזעריקער וואָלט מיך ביטער צעשלאָגן און וואָלט נאָך אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס... מיר וואָלט איצט געווען לייכטער. און מיין מאַמע האָט מיך טאַקע געפרעגט, צי דו האָסט מיך געשלאָגן... איך וויים, מיין טאַטע וואָלט געשלאָגן. מיינע ברידער וואָלטן זייערע ווייבער געשלאָגן... ס'וואָלט דיר געווען לייכטער.

און דו — דו ביסט גאָר געלאָפן מיר ברענגען וואַסער אָפּצומינטערן... מיינסט כ׳האָב עס ניט געזען? כ׳האָב אַלץ געזען... ביסט אַזאַ מאָדנער, באַרני.

באַרני האָט געשוויגן. מיט אַ ציטערדיקער האַנט געגלעט דעם קינדס קעפּל און געהאַט נאָר איין פאַרלאַנג: צו פילן לעבן זיך וואָס מער די אָנ־ווענזנקייט פונעם קינד, ווי ער וואָלט אים ערשט געפונען נאָך ווער ווייס וויפל צייט פון פאַרלאָרנקייט... און אַגאַטאַ האָט, צוליב זיין שוייגן אפנים, געוואָלט אַלץ מיטאַמאָל אַרויסריידן:

— דו ווייסט, באַרני, אַז איך האָב דיך ליב. כ׳האָב דיך אַלע מאָל ליב געהאַט — אפילו נעכטן... אַז ניט וואָלט איך צו דיר היינט ניט געקומען...

און ווי זי וואָלט זיך ערשט פון עפּעס דערמאָנט, האָט זי צוגעגעבן:

— און דאָס צלמל האָב איך אַוועקגעגעבן דער מאַמען אַ מתנה. זעסט, כ׳האָב עס אַוועקגעגעבן...

און זי האָט פּלוצלונג פאַנאַנדערגעשפּילעט דעם מאַנטל. זי האָט טאַקע דאָ, אויפן אָרט, אים געוואָלט באַווייזן, אַז אויף איר ברוסט איז טאַקע איצט ניטאָ דאָס צלמל. זי איז צוגעקומען נענטער צו אים. דורך טרערן געזאָגט:

— ביסט אַזוי בלייך, באַרני. האָסט מסתמא ווייניק געשלאָפן און אפשר ניט געגעסן... אוי, ווי בלייך דו ביסט!... באַרני, זאָג אַ וואָרט. ווילסט, כ׳זאָל אַוועק? ווילסט מיך ניט צוריקנעמען? זאָג. ווילסט מיר ניט מוחל זיין?

באַרני האָט געזאָגט:

— באַרישקייטן... טו אויס דעם מאַנטל. ביסט דאָך געקומען אַהיים... און איך בין דיר מוחל...

זי איז צוגעפאַלן צו אים מיט הייסע קושן.

1945

כדי נאָכאַמאָל צו לעבן

ס׳האָט זיך דערנעענטערט דער סוף פון נאָך אַ טאָג, דעם פערטן טאָג. אוריאל איז געלעגן פאַרשטעקט אין געדיכטע קוסטעס צופוסנס פונעם קליינעם וועלדל. איבער אים איז אַ גאַנצן טאָג געהאַנגען אַ קלאָרער, זומער־דיקער הימל, פון וועלכן ס׳האָט אַראָפּגעקוקט דאָס פייערדיקע אויג פון אַ פאַרצערנדיקער זון. דורך די קליינע עפענונגען צווישן די צווייגעלעך האָט ער פאַר זיך געזען ווייטע שטרעקעס טאָליקע פעלדער און דאָס טייכל, וואָס איז געלאָפן צווישן הויכע גראָזן, צוליב וואָס מ׳האָט ניט געקאָנט זען זיינע וואַסערן. דאָס טייכל איז געלאָפן צו דער אָזיערע, אַ ביסל אָן אַ זייט פונעם דערפל. צוליב דער ווייטקייט, האָט דאָס דערפל אויסגעזען קליין און די הייזלעך — ווי צעוואָרפענע שפּילצייג־קלעצלעך. נאָך ווייטער האָבן זיך געהויבן און געפאַלן קליינע, אָפּגעריסענע בערגלעך, באַוואַקסענע מיט שיטערעביימלעך, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט ראַווינעס.

דורכן טאָג האָט אוריאל געקאָנט אַ וואָרף טאָן זיין זוכנדיקן בליק דורך די צווייגיקע גראַטעס פון זיין תפיסה און אויפקלייבן אַ פויער, אָדער אַ פויערטע, וואָס האָט געשפּאַנט איבערן וועג; אַ קעלבל, וואָס האָט זיך גע־פּיטערט אַ צוגעבונדנס אויף אַ שטריקל אין אַ גאָרטן; אַ דייטשישן מאָטאָ־ציקלעט, וואָס האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט אַ וואָלקן וועגיקן שטויב. די וועלט האָט געברענט אין אַ מוראדיקער מלחמה, אָבער די אָפּגעריסענע סימנים פון לעבן זיינען נאָך ניט אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד און האָבן געוועקט גלויבן און נייגעריקייט. עס האָט זיך נאָך געצאַפּלט אין דעם אויפגעפלאַמטן דמיון אַ דיק, שוואַך פעדעמל, וואָס האָט אים פאַרבונדן, דורך דעם געפלעכט פון צווייגלעך, מיט דער וועלט און מיט זיינע חברים,—די לעצטע פאַר ווערטער, וואָס אַ חבר־פאַרטיזאַן האָט צו אים געזאָגט, איידער ער איז מיט פיר טעג צוריק פון אים אַוועק:

— אָט דאָ זאָלסטו וואַרטן. מיר וועלן נאָך דיר קומען. געדענק, מיר וועלן נאָך דיר קומען!

זינט דעמאָלט הערן ניט אויף די ווערטער צו קלינגען אין זיינע אויערן, ווי אַן אומעטיקער אָפּקלאַנג פון אַ ווייטער מוזיק:

— מיר וועלן קומען. מיר וועלן קומען!

אָבער קיינער איז נאָך ניט געקומען. ס׳האָט שוין גענענט די פערטע נאַכט, און קיינער איז נאָך אים ניט געקומען.

און דער טאָג איז געווען אַ לאַנגער. פון פרי־אָן איז די זון געהאַנגען איבער דער וועלט ווי אַ ריזיק־פייערדיקער בליץ־לאָמפּ, וואָס האָט צעשאָטן

צווישן הימל און ערד זיינע פיינלעכע שטראַלן. און איצט האָט זיך מיט אַמאָל איר ליכט פאַרצויגן מיט אַ רויטלעכן הויך. אָט באַלד וועט זיך אָן אומזעבאַרע האַנט אויסשטרעקן פון אַהינטער דעם האָריזאָנט און אַראָפּשלעפּן זי אין די מערבדיקע אָפּגרונטן. אירע לעצטע שטראַלן וועלן אָפּגעווישט ווערן פון הימלישן פּנים, ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן.

און קיינער איז נאָך אַלץ ניט געקומען.

ער איז געלעגן אַ פאַרוואונדעטער. די וואונד אין זיין פוס האָט ניט אויפגעהערט צו פּייניקן. פון גרויסער היץ, אָן בויטיקער מעדיצינישער באַהאַנדלונג, האָט די וואונד געאייטערט, אויפגעהויבן אַרום זיך אַ געפּער־לעכע געשווילעכץ און פאַנאַנדערגעטראָגן איבער אַלע אברים אַ פּיינלעכע נאָגעניש. ס׳האָט זיך אַנטוויקלט אַ גאַנגרען.

און אָט איז שוין טאַקע אָנגעקומען די נאַכט. דער הימל האָט זיך פאַר־צויגן מיט אַ קוים־דורכזיכטיקן פאַרהאַנג. די אונטערסטע רויכעלעך האָבן מיט פייכטלעכע בעפלען אַ שפּאַר געטאָן פון די טאָלן, פון טייכל, פון דער אָזיערע צו די הויכקייטן, האָבן אויפגעזוכט יעדן קוים־לעבעדיקן שטראַל, וואָס די זון האָט אויף איר וועג פאַרלאָרן, און אים אויסגעלאָשן, אויסגעלאָשן.

דאָס דערפֿל איז אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד. אַלע קלאַנגען זיינען ביסלעכווייז אָפּגעשטאָרבן. אַלץ איז פאַרגאַנגען אין אַ מוראדיקער שטיל־קייט, אָפּגעגעבן זיך דער נאַכט, ווי אַ געגאַרטן טויט. נאָר ער אַליין איז גע־לעגן אַ וואַכער, געווען אַליין מיט זיין וואונד, וואָס האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן דעם טויט, זיך דווקא געוואָלט מאַטערן ביז אין דער אייביקייט אַריין.

ער האָט זיך געפּרוּווט דערמאָנען ווי דאָס אַלץ האָט געקאָנט פּאַסירן. ס׳איז אָבער געווען אַ קאָמפּליצירטער קנויל, וועלכן מ׳האָט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל באַדאַרפט פאַנאַנדערפּלאָנטערן. זיין אָנהייב איז גאָר געלעגן אין דעם אונטערגאַנג פון מיליאָנען יידן, אין דעם יסוד פון דער געפּייניקטער וועלט, אין וועלכער ס׳האָט זיך געצאַפּלט זיין אייגן ביסל לעבן. און דאָס איז געווען שווער. ווייל וויפל מאָל קאָן אַ מענטש דערטריקן זיין אייגן האַרץ אין בלוט און טרערן און נאָך אַלץ בלייבן לעבן איינער אַליין צווישן הימל און ערד?

אָבער דאָס, וואָס ס׳איז פאַרגעקומען ערשט מיט פיר טעג צוריק, איז געווען קלאָר: פּאַרטיזאַנער זיינען באַפאַלן אין מיטן דער נאַכט אַ דייטשישן צוג מיט האָגל גראַנאַטן. און ער, אוריאל, איז געווען איינער פון זיי. שעה׳ן זיינען זיי געלעגן פאַרטייעט אין אַ טיפער ראַווינע ביי די באַן־רעלסן. ס׳איז געווען אָן איינשטעלעניש צו וואַרפן גראַנאַטן פון אַזאַ נאָענטקייט, אָבער זיי האָבן געוואָרפן. אַמוניציע האָט אויפגעריסן הימל און ערד. זיי זיינען פאַרשאָטן געוואָרן מיט פייער און אייזן־שפּליטערס, מיט אויפגעפּראַלטער שטייניקער ערד. ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין פוס.

אָבער אין גרויס אימפּעטיקייט האָט ער עס אפּנים ניט געוואוסט. ער

איז אויפן בויך געקראָכן איבער דער ערד, אין די טיפע גראָזן, געריסן זיך מיט זיין ביסל לעבן צום פינצטערן וועלדל. ער האָט קיין זאַך ניט געהערט און ניט געזען. אין אים האָט נאָר געפלאַקערט משוגעת. ער איז געווען טויב, כאָטש אַרום אים האָט אַלץ געקראַכט אין אַ מוראדיקן געדונער. ער האָט קיין זאַך ניט געזען, כאָטש אַרום אים האָט אַלץ געפלאַקערט אין אַ העלישן פייער. ערשט אין וועלדל האָט ער דערפילט דעם ווייטיק, געוואָלט זיך אויפ־הויבן, און ניט געקאָנט. געוואָלט זיך נאָך אַ מאָל אויפהויבן, און ווידער געפאַלן צו דער ערד, געפאַלן ווי אין די אָרעמס פון אַ מאַמען. און ווייטער איז שוין געווען אַלץ איינס. ס'האָט זיך אפילו ניט געוואָלט ראַטעווען. ער האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג אָט דאָ, אויפן אָרט אויסצוגיין מיט איין מאָל, מיט אַלע אברים, און שטאַרבן. אָבער אַ חבר האָט שוין אים געהויבן פון דער ערד, געהויבן און געטענהט:

— וואו ביסטו פאַרוואונדעט?... זאָג, איך בעט דיך, זאָג, וואו?...

און שוין ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט דער חבר אים ענדלעך אויפגעהויבן, אַריבערגעוואָרפן איבער אַן אַקסל, ווי מ'וואַרפט אַריבער אַ זאַק תבואה. פון דעם איז דער ווייטיק געוואָרן נאָך גרעסער, און ער האָט זיך געבעטן מיט געוויין ביים חבר:

— ביין, לאָז מיך אַראָפּ... דו לויף, ראַטעווע זיך. לאָז מיך אַרונטער...

אָבער יענער האָט זיך מיט אים דורכגעקליבן צווישן ביימער און צווייגן, געראַנגלט זיך מיט שטרויכלונגען. דער אָטעם זיינער איז געווען שווער. אוריאל האָט געקאָנט הערן יעדן אָפּגעריסענעם אָטעם־צוג, וואָס האָט זיך געריסן פון דער ברוסט מיט אַ כריפּעניש פון אַ פאַרוואָרגענעם. אַזאַ עקשנות געווען איינעם חבר. ביז ער איז אומגעפאַלן, אַן אויסגעשעפּטער, און זיי זיינען געבליבן ליגן אויף דער מאָכיקער, נאַכטיק־פייכטלעכער ערד. אַ ווילע ניט געקאָנט ריידן. פון וויטן האָבן זיך נאָך דערטראָגן אויפרייסן. איינצלנע שטראַלן האָבן באַלויכטן די שפּיצן פון די ביימער. אוריאל האָט זיך געבעטן:

— דו גיי. איך וועל דאָ בלייבן. לויף, איך בעט דיך, לויף...

דער חבר איז בלויז אַ רגע געלעגן, ווי אין אָנמעכטיקייט. דורך אָפּגעג־האַקטן אָטעם האָט ער געזאָגט:

— וואו איז דיין וואונד? וועסט אָפּגיין מיט בלוט... לאָמיר איבער־בינדן די וואונד... אַזוי טאָר מען דיך ניט לאָזן... זאָג, וואו איז זי, און איך וועל פאַרבינדן.

ער האָט אויסגעטאָן זיין קורטקע, אַראָפּגעריסן פון זיך דאָס העמד און ביידע האָבן אין שטאָק־פינצטערניש זיך געפּאָרעט אַרום דער וואונד, אַרומגעוויקלט בלינדערהייט דאָס אָרט, וואָס האָט מוראדיק געפּייניקט מיט ווייטיק. און ס'איז געווען מאָדנע: די וואונד אין זיין גליד האָט דורך אים געשריען מיט קולי־קולות, און מ'האָט זי ניט געקאָנט זען, ניט געקאָנט באַשטימען ווי גרויס ס'איז געווען די צעשטערונג. ער האָט אָבער נאָך אַ מאָל געזאָגט צום חבר:

— דו לויף... לאָז מיך דאָ ליגן... איך קאָן מער ניט.

אָבער דער חבר האָט געטענהט זיינס:

— ניין, דאָ איז ניט זיכער. דאָ וועט מען דיך לייכט געפינען. איך בין באַקאַנט מיטן געגנט. הינטערן וואַלד איז דאָ אַ קורגאַן. איך געדענק דאָרטן די קוסטעס. כ׳האָב זיך דאָרטן אַמאָל אויסבאַהאַלטן. דאָרטן וועסטו וואַרטן. איך וועל לויפן אין דאָרף... איידער וואָס-ווען וועל איך זען קלימען. קלע־מענטי גאַוורילאָוויטש איז אַן אַלטער פּויער. איך קען אים גוט... ער וועט דיך באַזאָרגן ביז מיר וועלן קומען...

ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט אין איילעניש, ווי צו זיך אַליין, און באַלד ווידער מיט גרויס שוועריקייט אַ כאַפּ געטאָן אים אויף דער פּלייצע און אָנגע־הויבן קריכן מיט אים צווישן בוימער, איבער בערגלעך, געפאַלן און אויפ־געהויבן זיך. און צווישן זיי איז אין דער מוראדיקער פינצטערניש פאָרגע־קומען אַ מאָדנער געראַנגל: ער האָט זיך געבעטן ביים חבר מיט טרערן, אַז יענער זאָל אים לאָזן ליגן אויף דער ערד, און דער חבר האָט שווייגנדיק, ניט ענטפערנדיק אויף זיין געוויין, מיט אַנגסטיקער עקשונות, מיטן כוח פון לעצטן אָטעם, זיך געריסן פאָראויס, געקראָכן איבער שטרויכלונגען, געפאַלן און אויפגעהויבן זיך, אָבער ניט געענטפערט מיט קיין איינציקן וואָרט, ווי אַ וואָרט וואָלט פון אים אָפּגעצאַפּט כוחות.

און אַזוי האָט אים יענע נאַכט דער חבר געבראַכט און אַוועקגעלייגט אין דער געדיכטעניש פון די צווייגן. אַן אויסגעשעפּטער איז ער לעבן אים גע־לעגן אַ ווילע און געזאָגט — און דאָס זיינען געווען די לעצטע ווערטער, וועלכע אוריאל האָט די גאַנצע צייט ניט פאַרגעסן:

— אָט דאָ זאָלסטו וואַרטן... געדענק, מיר וועלן נאָך דיר קומען!

און אָט אַזוי איז ער דאָ געלעגן פיר גאַנצע טעג, ער און זיין וואונד, און קיינער איז ניט געקומען. און ניט געקומען איז מען, ווייל ס׳האָט מיט די חברים זיכער געטראָפן אַן אומגליק.

דער אָנקום פון דער נאַכט האָט אָנגעפילט אוריאלס האַרץ מיט דעם אייביקן אומרו פון נאַכט און פינצטערניש. דער וואַלד אַרום האָט מוראדיק געשוויגן. דעם מענטשנס געמיט איז פאַרטונקלט געוואָרן מיט איינזאַמקייט און סוד. דער מענטש האָט זיך געשראָקן פאַר נאַכט, ווי אין דער פריער קינדהייט. דער מענטש איז געווען אַ קינד. אָט דער מענטש, וואָס איז שוין דורכגעגאַנגען דעם וועג פון בלוט און פייער, איז נאָך אין דער טיפעניש פון זיין לעבן געווען אַן איינזאַם קינד, פאַרלאָרן אין סודותדיקייט פון וואַלד און נאַכט. מורא געהאַט צו בלייבן אַליין. געבענקט נאָך זיין מענטשן־ברודער. זיין האַרץ האָט געקלאַפּט פיינלעך־דערשראָקן. רוימען זיינען איינגעשרומפּן געוואָרן. האַריזאָנטן זיינען פאַרשמעלערט געוואָרן ביז דער ענגקייט פון אַ תפיסה. טונקעלע ווענט האָבן זיך צונויפגערוקט פון אַלע זייטן, ענג געמאַכט דעם אָטעם, געדראָאַט צו דערשטיקן.

בייטאָג האָט געברענט די זון אָן רחמנות. ווי אַ זוכנדיק אויג האָט זי אים

געפונען צווישן די צווייגן און געשטאָכן זיין לייב מיט שפּיזיקע שטראַלן. אַ פאַרחלשטער נאָך אַ ביסל וואַסער, מיט אַן אַנגעצונדענעם מאַרך, האָט ער געברענט אין איינעם מיט זיין וואונד און געוואַרט אויף דער נאַכט, אויף דעם אָנקומען פון דעם אַלטן קלימען מיט זיין שטיקל ברויט, איינגעוויקלט אין אַ לייוונטענער שמאַטע, מיט זיין פלאַש וואַסער און מיט זיינע פאַר גוטע מענטשלעכע ווערטער פון טרייסט. קלים וועט זיכער קומען.

ער איז געווען אַליין. אין זיין בלוט האָבן געלעבט אייביקייטן. הונדערטער דורות זיינען געווען איינגעזאַמלט אין זיין אייגנציקן לעבן. רדיפות און קאַמף פון דורות. מאַרטירערשאַפט און אויסלייז פון דורות. ער איז אָפּגעגאַנגען מיט אַלע דורות דעם לאַנגן וועג, דורך אַלע צייטן פון קידוש השם צו קידוש השם און פון גאולה צו גאולה. די שאַרפע שטראַלן פון דער זון האָבן געברענט מיט מדבר־היץ זיין טראַט איבער דער וועלט און אויסגעברענט אויף זיין לייב מיט שטעכיקע גלי־נאָדלען דעם אייביקן בראַנד־צייכן פון שאַנד און פאַראורטייל. די הימלען זיינען געהאַנגען איבער אים פרעמדע און איבער זיי איז געווען איין גאָט — אַ גאָט פון אייביקער נקמה.

אָ, אויך אַ מדברדיקער בוים ווערט פאַרברענט פונעם הימלישן אויג, אָבער זיינע וואָרצלען גראָבן זיך איין טיפער אין דער פאַרבאָרגענער פייכטקייט פון דער ערד, זוכן אויס דעם קוואַל פון לעבן און ציען פון אים אַרויס יניקה, כדי צו בלייבן לעבן. ער וועט זיך נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל איינגראָבן אין דער טיפעניש פון זיינע דורות און וועט פון דאָרט ציען זיין יניקה, דעם באַלעבנדיקן זאַפט פון זיין אורשפּרונג!

ווער ווייס וויפל לעבנס ער פאַרמאָגט? וויפל מאָל האָט מען שוין אויף אים געבראַכט דעם טויט! יעדן מאָל — אַן אַנדער טויט. מ׳האָט אים פאַרהונגערט און פאַרדאַרשט. מ׳האָט צוגענומען די לופט פון זיינע לונגען. מ׳האָט געריסן זיינע אָדערן און איבערגעבראָכן זיין געביין. מ׳האָט אים געלאָזט אָפּגיין מיט בלוט. און ער איז געבליבן לעבן, כדי נאָך אַ מאָל און נאָך הונדערט מאָל צו שטאַרבן און אויפשטיין תחית המתים און בלייבן לעבן אין דורות און אין אייביקייטן.

ער איז געלעגן אַ פאַריאָגטער, ווי אַ חיה, אַ טויטלעך־פאַרוואונדעטער. דער שונא האָט געלויערט אויף זיין ביסל לעבן, וואָס האָט נאָך געצאַנקט אין אַ דעלירים־פייער צווישן לעבן און טויט, אָבער ער האָט פאַרעקשנט אָפּגעהיט אין זיין דמיון דעם הייליקן שפרוך פון אַ חבר, וואָס האָט געזאָגט: מיר וועלן נאָך דיר קומען. אָפּגעהיט — כדי צו בלייבן לעבן...

פלוצלונג האָט ער דערהערט אַ לייכטן שאָרך. העגט האָבן פאַנאַנדערגערוקט די שטעכיקע צווייגלעך. אַ מענטש איז געקראָכן צו אים פון דער פינצטערניש, בליגד און שווייגנדיק. אַ בענקשאַפט האָט אַ קלעם געטאָן דאָס האַרץ. צום גאָרגל האָט זיך צוגעקייקלט אַ האַרטקייט, ווי אַ האַנט וואָלט זיך מיט קאַלטע פינגער אַ שטרעק געטאָן צו זיין האַלדז און פאַרוואָרגן. האָפענונג

און פאַרצווייפלונג האָבן זיך צונויפגעגאָסן און געוואָרן איינס. אַ רגע געוואַרט אויף אַ וואָרט, אויף אַ צייכן. ענדלעך האָט דער אַלטער אַ רוף געטאָן:

— העי, אורקע!... ביסט דאָ, צי ניט?

אוריאל האָט ניט גלייך געענטפערט. די צונג האָט זיך קוים אַ ריר געטאָן.

— דאָ... אָט דאָ בין איך...

— אַלע מאָל, ווען איך קום צו דיר, מיין איך — ביסט שוין ניטאָ... דו הערסט, אַז איך בין געקומען און דו שוויגסט... אַזאַ מאָדנער מענטש ביסטו, אורקע...

— ווי קאָן איך אַוועקגיין? איך קאָן זיך אפילו ניט אַ ריר טאָן... סיידן דער דייטש וועט מיך אויסשפּירן... די חברים זיינען זיכער אַרייַנ־געפאַלן. זיי וואָלטן נאָך מיר געקומען. אַמאָל טראַכט איך, אַז אויך דו, קלעמענטי גאַווריליטש, וועסט ניט קומען... וועסט נעמען און ניט קומען.

אוריאל האָט דערקענט דעם אַלטן נאָר דורך זיין קול. אין די אַלע נעכט, וואָס ער איז אַהער געקומען, האָט ער זיין פּנים ניט געזען. פינצטערע באַ־געגענישן זיינען דאָס געווען צווישן מענטש און מענטש אין דער טיפעניש פון דער נאַכט. דער אַלטער האָט זיך צוגערוקט נעענטער, איינגעבויגן זיך און געזאָגט:

— אָט, נאַ, נעם אַ שטיקל ברויט... אַ פּאָר אייער האָט דיר מיין אַלטע אָפּגעקאָכט. און אַ פלעשל וואַסער. דער דאָרשט האָט דיך מסתמא פאַר־מאַטערט... עך, אַ לעבן! אַז איך גיב אַ טראַכט וועגן דיין לאַגע... שוין בעסער ניט צו ריידן, וואָס דער טייוול האָט מיט אונדז געטאָן — אַ שרעק!

אַ שטראָם וואַרעמקייט האָט זיך אַ גאָס געטאָן צו אוריאלס האַרץ און האָט עס אויף אַ רגע דערטרונקען. געפילט ווי די אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ פייכטקייט און דער גאָרגל איז נאָך שטאַרקער פאַרוואָרגן געוואָרן. דערפילט אַ פאַרלאַנג אַרומצונעמען דעם אַלטן ווי אַ ברודער, צופאַלן צו אים און וויינען. געזאָגט:

—אַ דאַנק, קלעמענטי גאַווריליטש, אַ דאַנק...

דער אַלטער האָט אַ ווילע אָפּגעשוויגן, נאָכדעם געזאָגט:

— הייסט עס, אַז דיינע חברים קומען ניט. אַ מיאוסע מעשה. זייער אַ מיאוסע... איך טראַכט אַלץ — וואָס וועט פון דעם אַרויסקומען? אָט קום איך צו דיר אַלע נאַכט. מ׳וועט מיך כאַפּן. איך זאָג דיר אויפריכטיק, מ׳וועט מיך כאַפּן און אויפהענגען. זינט אייער איבערפאַל אויף דער באַן, איז ניטאָ קיין רו אין דאָרף. דער דייטש טרייבערט די אָדערן. דריי פּויערים אויפגע־האַנגען אומזיסט און אומנישט... אין אַנדערע דערפער — אויך דאָס זעלביקע. דער דייטש איז ווי אַ שפּיר־הונט. ער וועט דערשמעקן, דער טייוול. ס׳וועט זיין אַ סוף צו אונדז, אורקע. וואָס טראַכסטו וועגן דעם? ווי לאַנג קאָן עס אַזוי אָנהאַלטן?

דער אַלטער האָט זיך צוגערוקט נאָך נעענטער. זיין קול איז ביסלעכווייז

געפאַלן, געוואָרן שטילער און דערשראָקענער. ער האָט זיך אַביסל באַקוועמער אָוועקגעזעצט אויף זיינע אונטערגעבויגענע פיס, ווי ער האָט דאָס געטאָן ביים פאַרזעצן קאַרטאָפל אָדער ציבעלעס אין זיין גאָרטן, און געזאָגט:

—יאָ, ס'איז אַ ביטערע לאַגע. די אַלטע מיינע זאָגט מיר אַלץ: „קלים, וועסט אונדז אומברענגען פון דער וועלט צוליבן יידן, אַן אַנטיקריסט”... ווייסט דאָך, אַ נאַרישע פרוי, פלאַנטערט מיט דער צונג... אָט אַזוי באָגט זי מיך טאָג און נאַכט, ווי אַ וואָרעם.

אוריאל האָט אָפּגעשוויגן. געפילט אַ גרויסע וואַקלעניש אין דעם אַלטנס שטימונג. געפילט, אַז עס דערנעענטערט זיך אַ פרעמדקייט צווישן מענטש און מענטש. און דער אַלטער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און ווידער אָנגעהויבן:

— זאָג איך צו איר, צו מיין אַלטער: „גאָט האָט באַשאַפן דעם קריסט און דעם אַנטיקריסט. ניט איך בין דער שופט. אורקע, זאָג איך, איז אונדזערער אַ פאַרטיזאַן, אַ קעמפער. ער האָט פאַרגאָסן זיין בלוט פאַר אונדזער לאַנד. זיין גאַנצע משפחה האָט מען אומגעבראַכט, מיליאָנען פון זיין פאָלק האָט מען אומגעבראַכט פון דער וועלט. דער שונא האָט זיי אומגעבראַכט. אונדזער שונא... דאַרף מען אים העלפן”. זאָג איך דעם אמת, צי ניט?

אוריאל האָט ווידער אָפּגעשוויגן. די רייד האָבן געפּייניקט. זיי זיינען איצט געווען פיינלעכער פון זיין וואונד. געפילט אַן ענגקייט. אויף קיין זאַך איז איצט ניט געווען קיין ענטפער. פאַר קיין זאַך איז שוין איצט ניט געווען קיין פאַרענטפערונג.

— און אָט אַזוי גייט עס צווישן מיר און מיין אַלטער. איך זאָג צו איר: „אַלטע, איך וועל אויף זיך ניט נעמען קיין זינד. איך וויל קומען פאַר גאָט מיט אַ ריינער נשמה”. און זי זאָגט: „וועסט אומברענגען דאָס גאַנצע דאָרף צוליבן יידן...”. אָט אַזוי: איך מיינס, און זי — אירס... אָבער אַ פּאָר אייער האָט זי דיר אָפּגעקאָכט און אַ שטיק ברויט האָט זי פאַר דיר אָפּגע־שניטן... און אָט דאָ האָב איך פאַר דיר אַ שטיקל לייוונט — וועסט קאָנען די וואונד איבערבינדן. ווי איז זי, דיין וואונד, אורקע? ווערט אַלץ ניט בעסער?

— ניט בעסער... דער גאַנצער פוס איז געשוואָלן.

— אַזאַ זאַך איז פאַר אַ דאָקטער. און וואו קאָן מען איצט נעמען אַ דאָקטער? ניטאָ קיין דאָקטער, ניטאָ קיין מעדיצינען, גאָרניט איז דאָ, כאָטש נעם, לייג זיך און שטאַרב. אַ וועלטעלע געוואָרן!... און די חברים דיינע קומען ניט?

— ניין, זיי קומען ניט. עפּעס האָט געמוזט טרעפן... זיי וואָלטן גע־קומען. זיי האָבן צוגעזאָגט...

— איז וואָס דענקסטו צו טאָן, אורקע?

— וואָס קאָן איך טאָן? מיליאָנען מענטשן שטאַרבן איצט אויף דער וועלט, קלעמענטי גאַוורילעוויטש... מיליאָנען. ס'איז פאַרפאַלן... אפנים,

אַז מיר איז באַשערט צו שטאַרבן אָט דאָ, וואָלט כאָטש דער טויט געקומען שנעלער.

— וואָס רעדסטו! רייד ניט אַזוי, אורקע! נעם ניט קיין איבעריקע זינד אויף דיין נשמה!... וועסט לעבן. טאָרסט אַזוי ניט ריידן!

ביידע האָבן אַ ווײַלע געשוויגן. דער אַלטער האָט געזאָגט:

— הייסט עס, אַז ס'האַלט שלעכט. כ'האָב געמיינט, די וואונד וועט זיך דיר אַ ביסל פאַרהיילן, וועסטו זיך אפשר קאָנען דערשלעפּן ערגעץ צו דיינע חברים... און דאָ זאָגסטו גאָר... רעדסט אַזוינע רייד...

אוריאַלס האַלדז האָט פאַרוואָרגן אַ האַרטקייט:

— איך זאָג דעם אמת, קלעמענטי גאַווריליטש. ס'האַלט זייער שמאָל מיט מיר... כ'וועל אפשר דעם נייעם טאָג ניט דערלעבן... ס'איז זיך שוין צעגאָנגען איבערן גאַנצן קערפּער... אין מיינע בלוטן, אין די ביינער. איך ווער פאַרברענט פון היץ. איז צו וואָס זיך נאַרן?...

דער אַלטער האָט אויפגעזוכט אוריאַלס האַנט. זי אָנגעטאַפּט איין מאָל און נאָך אַ מאָל מיט זיין האַרטלכער האַנט:

— ברענסט ווי אין פייער, אורקע... שלעכט. זייער שלעכט.

אוריאַל האָט געזאָגט:

אַז עמיצער פון די חברים וועט אַמאָל קומען פרעגן, זאָג זיי, אַז כ'האָב אַלץ געהאָפט און געוואַרט... ביזן לעצטן אָטעם האָב איך געוואַרט. און אַז איך האָב ביזן טויט געגלויבט אין אונדזער זיג... דער זיג וועט זיין אונדז־ערער, קלעמענטי גאַווריליטש... די מערדער וועלן באַצאָלן פאַר אונדזער פאַרגאָסענעם בלוט... איך האָב געוואונטשן נקמה, אָבער ניט גענוג... כ'האָב באַדאַרפט נאָך לעבן און לעבן, כדי אויסצולעבן אין זיך דעם טיפן קוואַל פון מיין נקמה, אָבער... אָט זעסטו דאָך — איך שטאַרב.

דער אַלטער האָט זיך אין דער פינצטער איבערגעצלמט, איין מאָל און נאָך אַ מאָל:

הייליקער יעזוס, כ'האָב ניט דערוואַרט צו הערן פון דיר אַזעלכע רייד... הייסט עס, ס'איז טאַקע שלעכט... פאַרגיב, אורקע, מיינע נאַרישע רייד, לייג ניט אַרויף אויף מיין נשמה קיין איבעריקע זינד. פאַרגיב... און דער אַלטער מיינער פאַרגיב. וואָס איז זי? אַן אַלטע נאַרישע פרוי... דו ביסט אַ געבילדעטער. דו וועסט פאַרשטיין...

— איך פאַרשטיי און איך פאַרגיב...

דער אַלטער האָט אָפּגעשוויגן. געהאַט אַ פאַרלאַנג נאָך אַ מאָל איבער־צלמען זיך, אָבער ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן. געזאָגט:

— איז וואָס־זשע, דענקסטו, דאַרף געטאָן ווערן? אָט אַזוי טויג ניט... מ'טאָר דיך דאָ ניט לאָזן אויסגיין. כ'קאָן אַזאַ זינד אויף זיך ניט נעמען, אורקע.

— וואָס קאָן מען טאָן? ס'איז פאַרפאַלן... מיר וואָלטן נאָך אפשר דאָקטוירים געקאָנט העלפן נעכטן, אָדער אייערנעכטן... אָבער איצט...

מאָרגן ביינאַכט, אַז דו ווּעסט קומען, ברענג מיט זיך אַ רידל... ווּעסט טאָן אַ מענטשלעכע זאַך צו אַ מענטשן, קלעמענטי גאַווּרילישט...

דער אַלטער האָט זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

— ניין, אורקע. כ'וועל ניט נעמען אויף זיך די גאַנצע זינד... איך וועל גיין אין דאָרף, אויפוועקן פיאָדאָרן, גאַווּרילן, און וואַסילן וועל איך אויפוועקן... כ'וועל זיי זאָגן אַזוי און אַזוי... דאָ ביי אונדז שטאַרבט אַן אונדזעריקער, אַ פּאַרטיזאַן, געקעמפט פאַר אונדזער לאַנד... און מ'דאַרף דיך באַהאַלטן אין דאָרף... אַ קראַנקן־שוועסטער ברענגען. פאַראַן ביי אונדז אַזאַ אין פּאַהאָסט... כ'וועל לויפן, אורקע.

אוריאל האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער דער אַלטער האָט זיך שוין גענומען מיט די הענט פּאַנאַנדערדרוקן די צווייגלעך און קריכן דורך דער געדיכטעניש פון די קוסטעס. און ווי ער איז געקומען פון דער פינצטערניש, אַזוי איז ער אַוועק. נאָר דער לעצטער שאָרך פון די צווייגלעך איז נאָך אויף אַ מינוט פאַרבליבן אינעם קראַנקן געמיט פונעם מענטשן. אוריאל האָט מער קיין זאַך ניט געוואָלט. ניט דאָס לעבן און ניט דעם טויט. ס'איז אים געווען אַלץ איינס. נאָר ערגעץ טיף אין אים האָט געלעבט די מורא פאַר טאָג און זון. לעבן אים איז געשטאַנען די פלאַש וואַסער, און ער האָט פאַר־געסן אָפּצונעצן זיין פאַרטריקנטן גומען. לעבן אים איז געלעגן דאָס שטיק שוואַרץ־ברויט, און ער האָט עס שוין איצט ניט באַדאַרפט. און דאָס לייוונט־טיכל האָט מען אויך ניט באַדאַרפט. קיין זאַך האָט דער מענטש ניט באַדאַרפט, אחוץ פאַרגעסונג. אַזאַ גאַרניש איז געווען אַוועקצוגעבן זיך דער פאַרגעסונג, אַז זי איז געווען שטאַרקער פון אַלע פיינען. אָבער זי איז ניט געקומען. אַנשטאָט איר זיינען געקומען פייערדיקע זעאונגען. די וועלט האָט געברענט אין פלאַמען. ער אַליין האָט אויך געברענט און ניט פאַרברענט געוואָרן. פלאַמען האָבן אים פאַרצערט, ווי אַ טרוקן שייטל האָלץ, און ער האָט נאָך אַלץ געברענט און געברענט... און ער האָט ניט געוואוסט, אַז מענטשלעכע הענט האָבן אים אין איילעניש אַרויפגעלייגט אויף אַ טראָג־בעטל, אַז מ'איז מיט אים געקראָכן איבער וואַלד און טיפע ראַווינעס און געטראָגן זיין ברענענדיקן קערפּער ווי אַ טייערן אוצר, געטראָגן דורך אַלע געפאַרן, כדי נאָך אַ מאָל צו ברענגען אים צום לעבן...

און ווען דער אַלטער קלים איז יענע נאַכט געקומען מיט די פויערים, האָבן זיי געפונען דאָס איבערגעקערטע פלעשל וואַסער, דאָס שטיקל ברויט איינגעוויקלט אין דער לייוונטענער שמאַטקע, און אוריאל איז ניט געווען. דער אַלטער קלים האָט זיך איבערגעצלמט איין מאָל און נאָך אַ מאָל און געזאָגט:

זיי זיינען געקומען, די פּאַרטיזאַנער. זיי זיינען געקומען!

און אין האַרצן האָט ער געפילט, ווי אויף אָט דעם אָרט איז אַ מענטש ערשט אויפגעשטאַנען תחית המתים.

1946

פײַנטלעכע האָריזאָנטן

א.

דער טאָג איז געװען אַ זוניקער. דער הימל איז איבערן ים געהאַנגען אַ בלויער, אַ רואיק־פּאַרגליווערטער און זיך געשפּיגלט אין רונצל פון װאַסערן, איבער װעלכע די קלײנע, צװײ־טויזנט טאָניקע פּראַכט־שיף „אָדעסאַ” האָט געשניטן איר װעג פאָרױס.

ס'איז געװען פריער נאָכמיטאָג, און די זון האָט װי אַ ריזיקע אויג אַראָפּגעקוקט פון דרום־מזרח, געװיקלט די אײנזאַמע שיף אין קילבלעכע, סוף־װינטערדיקע שטראַלן. די האָריזאָנטן האָבן זיך ברײט פאַנאַנדערגערוקט און געלאָזט די שיף אײנע אַלײן פאַרן פּנים פון דער זון און הימל, און די פּאַרטײיִשע װינטן און די געפאַר, װאָס האָט געלויערט ערגעץ פון אַהינטער די האָריזאָנטן האָבן זי אַרומגענומען װי מיט ריזיקע הענט, און ניט אָפּגעלאָזט.

דערפאַר איז די מאַנשאַפט געשטאַנען אויף דער װאַך אויף די פּאָסטנס אין אַ מאָדנער אײנגעהאַלטענער שװײַגעניש. געקוקט דורך די בינאָקלען שעה'ן לאַנג צו די האָריזאָנטן און ניט מיד געװאָרן. און אפילו די, װאָס זײַנען געװען טיף אין די אַרבעטנדיקע געדערים פון דער שיף, זײַנען אויך געװען שטיל, אויסגעמידן צו רײדן און געטאָן די אַרבעט אָן אויפהער, אָן אויפהער אין טאַקט מיט דעם ריטמישן גערודער פון די אָנגעאײלטע טורבינען, װאָס האָבן זיך געװיגט אַהין און צוריק און אויפגעטרײסלט דעם קיעל פון דער שיף און אַלע אירע אבֿרים מיט שטענדיקן פּאַרעקשנטן װיברירן. און שװײַגנדיק זײַנען אויך געװען די שיסער אַרום די גרײטע אַנטי־לופט קאַנאָנען, װאָס זײַנען געשטאַנען מיט אָפענע מײַלער צו די רואיקע הימלען און געװאַרט ביז די מענטשן אונטן אַרום זײ װעלן איבעררײַסן די אָנגעשטרענגטע רואיקײט און װעלן אַרײַנלאָזן אין זײ שטראָמען פײַער.

הינטער דער שיף, פון אונטער דעם גרויסן פּראָפּעלער און פון אונטער די קלענערע צװײ רודער־פּראָפּעלערן פון זײַנע בײדע זײַטן האָט זיך געשוימט אָן אויפהער, אָן אויפהער דער ברויזנדיקער קילװאַטער, געפינקלט אין די זונשטראַלן מיט מיליאַסן אָנגעצונדענע ליכטלעך, װאָס האָבן זיך געצונדן און געלאָשן אָן אַ סוף, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ לאַנגן, אומענדלעכן צײכן, װי אַ װעג, װאָס זײַן אָנהײב איז פאַרלאָרנגעגאַנגען הינטער די װײַטע האָריזאָנטן.

פון אומעטום האָט געקאָנט פּלוצלונג אָנקומען דער שונא. אַ סובמאַרין האָט געקאָנט אַרויסשטעקן איר קאָפּ פון די רואיקע װאַסערן, װי אַ ריזיקער

פיש, און אַ שפּיי־טאָן אויף דער שיף מיט פייערדיקע טאָרפּעדאָס. עס האָט זיך געקאָנט באַווייזן אַ קליין, קוים זעבאַר, באַוועגלעך פּינטעלע, וואָס וועט זיך דערנענטערן, פּלוצלונג אויסוואַקסן און אַראָפּנידערן, ווי אַ רויב־פויגל, איבער זיין קרבן. איין געפּאַר און צוויי געפאַרן און אַ סך געפאַרן מיט אַ מאָל האָבן געקאָנט באַפאַלן די שיף אין דער רואיקייט פונעם זוניק־קילן נאָכמיטאָג.

מ׳האָט געשוויגן. אָבער ריידן האָט זיך געוואָלט. טיילן האָט זיך געוואָלט. האָט זיך דערפאַר איינער ביי דער קאַנאַן געזאָגט צו זיין חבר:

— צום טייוול! אַ טאָג אַזאַ ליכטיקער... ניט קיין וואָלקנדל. ברייטע האָריזאָנטן. אַ הויכער הימל. הונדערט מייל אַוועק קאָן מען אַ פליג דערזען פליען...

דער צווייטער האָט מיט פאַרוואורף געזאָגט:

— האָסט אין האַנט אַ בינאָקל — קוק! און רייד ווייניקער. קוק מיטביידע אויגן. האָסט ליב צו ריידן...

אָנגעהויבן ריידן, האָט אָבער יענער ניט געוואָלט איבעררייסן זיין געדאַנק. געזאָגט:

— פאַריקן מאָל, אַז מיר זיינען דאָ געווען, איז געווען אַ טומאַן. די וואָלקנס זיינען געלעגן איבער דער שיף, ווי אַ קאָלדרע. אַ מכה האָט אונדז ווער געקאָנט דערזען. האָבן מיר געבראַכט אונדזער שיף קיין אָדעס אַ פריי־שינקע...

דער צווייטער האָט אָפּגעוואָרט אַ רגע און האָט שוין אויך געזאָגט:

— זאָל ער נאָר קומען, דער טייוול, וועלן מיר אים אויך עפּעס ווייזן.

— ביסט מיר עפּעס צו זיכער. מיינסט, אַז דו שווימסט דיר אויף אַ גרויסן קרייצער. צי עפּעס אַ צעשטערער, צי וואָס...

— און אַז ניט אַ קרייצער — איז וואָס? מיר וועלן קעמפן. מיר זיינען גרייט. אַ גוט געצילטע קויל פון אונדזער אַ קאַנאַן קאָן זייערן אַן עראָפּלאַן אַרונטערשיסן אַזוי לייכט, ווי אַ מעווע... דאָס איז אונדזער אַרבעט, ברודער. דו רייד נאָר ווייניקער און קוק. שלאָף ניט, אַז דו שטייסט אויפן פּאָסטן. און רייד ווייניקער.

— איך שטיי. איך זאָג נאָר אַזוי... פאַר הונדערט מייל וועל איך אים דערזען, דעם טייוול.

ביידע זיינען ווידער אַנטשוויגן געוואָרן. זיי האָבן געטראַכט וועגן דער פאַרגאַנגענער נאַכט. די שיף איז געשטאַנען ניט ווייט פון טואַפּסע ביי אַ פעלזיקן ברעג. אויף קליינע שיפלעך און באַרזשעס האָט מען צוגעפירט מיט שווערקייט די פראָוויאַנטן פאַר דער באַלאַגערטער שטאָט אָדעס. פון פריען אָוונט ביז האַלבער נאַכט האָבן הונדערטער מענטשן געלאָדן ברויט און גרויפּן און קאָנסערוון און אַלערליי אַנדערע לעבנס־נייטיקע זאַכן פאַר די באַלאַגערטע אין דער גרויסער שטאָט, וואָס האָט זיך ניט געוואָלט אונטער־געבן דעם שונא. די שיף האָט מען נאָך אָנגעלאָדן. מענטשן האָבן נאָך

אונטערן צודעק פון דער נאַכט אַרויפגעשלעפט דאָס געפעק אויף די אייגענע פלייצעס, געהויבן אויף דעריקן, און די קאָמאַנדע איבאַיינעם מיט דער גאַנצער מאַנשאַפט איז שוין געשטאַנען אויף דער וואַכטע, גרייט צו דער מינוט אָפּצושווימען פון ברעג. ווייל יעדע רגע איז געווען טייער. קיינער איז ניט געשלאָפן. און צו דער מינוט איז מען טאַקע אָפּגעשוואומען. אַ שווערע נאַכט געווען. און איצט איז מען ווידער געווען אויף דער וואַך.

דער קאַפּיטאַן פון דער שיף, אַבראַם פרידלאַנד, אַן אָדעסער ייד, נאָך גאָר אַ יונגער מענטש, איז געשטאַנען אויפן בריקל מיט זיין בינאָקל, ער האָט געקוקט פאָראויס און אויך געטראַכט פון זיין שטאָט אָדעס. ער איז דאָרטן געבאָרן געוואָרן. זיין פאָטער און מוטער זיינען דאָרטן געבאָרן געוואָרן און אַלע קרובים זיינע, וועמען ער האָט געקענט, זיינען דאָרטן געבאָרן געוואָרן. דערפאַר איז די שטאָט געווען איינגעבאַקן אין האַרצן, געווען ליב און טייער. און ניט נאָר די שטאָט אַליין, נאָר יעדער פּרט אין איר איז אים געווען נאָענט און טייער. דער וואונדערלעכער לאַנזשעראָן, דער בולוואַר, וואָס האָט זיך דערהויבן הויך איבערן האַפן מיט זיינע הונדערטער ריזיקע שטיינערנע טרעפּ, די „פאָנטאַנען" ביים שוואַרצן ים, די ריינע ציכטיקע גאַסן, אויסגעפּוצטע פוןביידע זייטן מיט בליענדיקע אַקאַציע ביימער, פון וועלכע די שטאָט האָט פון פריען פרילינג ביזן שפּעטן זומער געשמעקט מיט מחיהדיקן אַראָמאַט, און הינטער דער שטאָט — די לימאַנען, דער כאָדזשיבייעווער און דער אַלעקסייעווער, וואוהין ער פלעגט אַזוי אָפט אין די פרייע טעג, פאָרן מיט דער קליינער באַן צו פאַרברענגען מיט זיין געליבטער... דאָרטן איז ער געבאָרן געוואָרן און, ווי אַ קליינער ייִנגל, באַגעגנט די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע, וואָס האָט אים דערצויגן צום נייעם לעבן און אים אַוועקגעשטעלט אויף אַ וויכטיקן פּאָסטן. אַלץ דאָרטן האָט אים דערמאָנט וועגן עפּעס ליב און נאָענט. ווי עפּעס אַ פיינע פאַמיליע־טראַדיציע. ווייל אָט די שטיינערנע טרעפּ אונטערן בולוואַר זיינען דאָך שוין געווען אין דער געשיכטע צוליב דעם „פּאָטיאָמקין"־אויפשטאַנד און די ברעגן פון אָדעסער ים — צוליב דעם אויפשטאַנד פון דעם פראַנצויזישן פלאָט צום סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און יעדע גאַס — צוליב די באַריקאַדן, וואָס די רעוואָלוציאָנערן און זיין פאָטער, אויך אַ רעוואָלוציאָנער, האָבן דאַן אויפגעבויט צו באַפרייען די שטאָט פון אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים... דער לאַנזשעראָן די „פאָנטאַנען", די לימאַנען האָבן דערמאָנט וועגן זיינע ערשטע ליבעס... אַלץ אין דער שטאָט האָט געווירקט אויף דער פאָרמירונג פון זיין כאַראַקטער, אויף דעם אויפבוי פון זיין לעבן.

און איצט איז זיין שטאָט געווען באַלאַגערט פון דייטשישע און רומעי־נישע האָרדעס, געשטאַנען הינטערן האָריזאָנט אַן אויסגעמאַטערטע, אַ הונגעריקע אַ פאַרוואונדעטע, געוואַקלט זיך צווישן לעבן און טויט... און אין דער שטאָט איז געווען זיין פאָטער און מוטער און זיין קליין שוועסטערל, וואָס האָבן שוין יאָרן געוואוינט אויף גאָגאָל־גאַס.

האָבן זיי נאָך געלעבט?

היינט בייטאָג האָט די שיף באַדאַרפט אָנקומען צו די ברעגן פון אַדעס און ברענגען די פּראָוויאַנטן, ברענגען שפּייז פאַר די הונגעריקע, ברענגען מעדיקאַמענטן פאַר די קראַנקע און פאַרוואונדעטע, ברענגען אַביסל כוח אויסצוהאַלטן ווייטער דעם אומבּרחמנותדיקן דרוק פון דעם שונאס חיילות.

ער איז אַרויפגעגאַנגען מיט שטילע טריט איבער די טרעפּ צו דעם אויבערשטן דעק אויף דער ערשטער נאַכט־טאָקדיקער אינספּעקציע. געגאַנגען פון אָפּטיילונג צו אָפּטיילונג, גערעדט מיט דער מאַנשאַפט, געגעבן פאַר־אָרדענונגען, קורצע, אָפּגעהאַקטע, און געגאַנגען ווייטער. ווייל אַלץ איז שוין געווען קלאָר ביז דער קלענסטער קלייניקייט.

אַ גרופּע מאַטראָסן, פריי פון דער וואַכטע, איז געשטאַנען ביים באָרט פון דער שיף און האָבן געמיטלעך וועגן עפּעס געשמועסט. צווישן זיי איז געווען דער קוואָרטיר־מייסטער פּאַמענקאַ, מיט וועמען דער קאַפּיטאַן פרידלאַנד איז געווען באַקאַנט שוין יאָרן. געטראָפן אים אין דער פלאָטן־אַקאַדעמיע, טאָקע אין אַדעס. עפּעס האָט אים אַ צי געטאָן צו דעם מענטשן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— האָסט זיך באַדאַרפט צולייגן, פּאַמענקאַ, אַ ביסל אָפּרוען... ביסט שוין, דאַכט זיך, אַ מעת־לעת ניט געשלאָפן.

פּאַמענקאַ האָט אַ שמייכל געטאָן:

— צו ליכטיק צו גיין שלאָפן, חבר קאָמאַנדיר... די זון שיינט צו־שטאַרק אין די אויגן...

אַלע האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. קאַפּיטאַן פרידלאַנד האָט געזאָגט, האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט:

דעק איבער די קאַלדרע איבערן קאָפּ. וועסט זיך באַהאַלטן פון דער זון, און די דייטשישע עראָפּלאַנען וועלן דיך אויך ניט דערזען...

— אָט דאָס זאָג איך דאָך, אַז זיי וועלן אָנקומען, וויל איך אויף זיי אַ קוק טאָן... כ'וויל ניט פאַרשלאָפן אַזאַ געלעגנהייט...

פּאַמענקאַ האָט אַ טראַכט געטאָן און, צוליב עפּעס, צוגעגעבן:

איך האָב דאָ פון אייך געטראַכט. איר וועט מיך אַנטשולדיקן, וואָס איך זאָג עס... אָבער... איך מיין, אייך מוז איצט זיין שווערער ווי אונדז אַלעמען.

פאַרוואָס עפּעס שווערער, ווי אַלעמען? מיר זיינען אַלע אין דער זעל־בער שיף...

פּאַמענקאַ האָט ניט באַלד געזאָגט:

— די בעסטיעס פּייניקן די יידן שטאַרקער, גרויזאַמער...

קאַפּיטאַן אַבראַם פרידלאַנד האָט זיך עפּעס ווי צום ערשטן מאָל דער־מאָנט: יאָ, ער איז געווען אַ ייד. ביז איצט האָט ער וועגן דעם ניט באַדאַרפט טראַכטן. אָבער זינט דער שונא האָט אומעטום, וואוהין ער איז אָנגעקומען, דורכגעפירט מוראדיקע פּייניקונגען גראָד איבער דער יידישער באַפעל־

קערונג, אויסגעטיילט די יידן פון אַלעמען, האָבן פּאַמענקאָס ווערטער אים אַ זעץ געטאָן אין האַרצן. און דאָס איז שוין געוועזן צום טויזנטסטן מאָל. זיין פּנים האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ וואָלקן.

פּאַמענקאָ האָט, אפּנים, כדי אָפּצופירן דעם געשפּרעך אָן אַ זייט, געזאָגט:

— איר זייט דאָך אָן אַדעסער, חבר קאָמאַנדיר?

— אָן אַדעסער. געבאָרן אין אַדעס.

— און איך בין אויך פון דאָרטן. איך האָב דאָרט עלטערן. מיין ווייב און קינדער וואוינען אויף טיראַספּאָלער גאַס, נומער זעקס...

— און מיינע — אויף דער גאַגאַל־גאַס, נומער צוואַנציק...

— ס'איז אַזוי ביטער צו טראַכטן, אַז די שטאָט ליגט אין רואינען. אַזוי פיל זאַכן וואָס מיר האָבן אויפגעבויט אין די לעצטע יאָרן זיינען צעשטערט, אויפגעריסן פונעם שונאס באָמבעס. און ווי שיין אַדעס איז געוועזן! אַ טראַכט צו טאָן!...

— יאָ, זיי האָבן אָפּגעטאָן אַ שטיקל אַרבעט.

— אין אונדזער יאַרהונדערט פירן זיי גאָר ניט קיין מלחמה. זיי באַפאַלן אַלטע לייט און קליינע קינדער און מאָרדן.

— מיר וועלן זיי פאַר אַלץ באַצאָלן. דאָס מאָל וועלן מיר אַלע נעמען די פולע נקמה. פאַר אונדזער בלוט וועלן זיי באַצאָלן מיט בלוט. מיר וועלן אויפמאַנען פאַר די אַלטע לייט און פאַר די קינדער. פאַר אַלץ. מיר וועלן אָפּמעקן פון דער ערד זייער פילאָסאָפיע פון מאָרד און פייניקונג. ניט נאָר פאַר זיך, נאָר פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. אויף אייביק און אייביק. און אַלע אונדזערע שטעט און דערפער וועלן מיר צוריק אויפבויען צום לעבן.

אַבראַם פרידלאַנד האָט גערעדט צו פּאַמענקאָן, אָבער די רייד זיינען אַרויס ווי רייד צו זיך אַליין, ווי אַ שטילע מעדיטאַציע מיט זיך אַליין. ער האָט אַ קוק געטאָן אין דער ריכטונג פון דער גרופּע מאַטראָסן ביים באָרט. זיי זיינען געוועזן יונגע בחורים פון בערעזאָווקע, פון וואָזנעסענסק, פון קריוואָי ראָג און פון אַנדערע שטעט אַרום אַדעס. און צווישן זיי זיינען געוועזן אויך עטלעכע יידן. ער האָט זיי געקאָנט זייער גוט. געוועזן אויסגעבונדן מיט זיי. זייער לעבן איז געוועזן אַזוי ענלעך צו זיין אייגענעם לעבן. זיי זיינען געוועזן ברידער פון איין דור, קינדער פון איין רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע פון גרויסע קאַמפן און פון גרויסן אויפבוי. און איצט זיינען זיי אינאיינעם געשטאַנען טאָג און נאַכט אין דעם גרויסן קאַמף מיט דעם גרעסטן שונא, אויסגעשטאַנען די גרעסטע געפאַרן, געקוקט יעדע רגע דעם טויט אין די אויגן... ער האָט צוגעגעבן, שוין גאָר מיט אַ באַזונדערן טאָן:

— און מיר, יידן, וועלן פון זיי נאָך נעמען אַ טאָפּלטע נקמה... יאָ, אַ טאָפּלטע, וויל דו פאַרשטייסט, פּאַמענקאָ? — מיר האָבן מיטן שונא אויך אַ באַזונדערן חשבון... אַ יידישן חשבון. און מיר, יידן, מוזן אים דערפאַר שלאָגן טאָפּלט... האָסט פאַרשטאַנען, פּאַמענקאָ?

פּאַמענקאָ האָט פֿאַרשטאַנען. ער האָט געזאָגט:

— דאַרפֿן מיר, הייסט עס, אויפֿמאָנען פֿון אים אַלע חובֿות. קיין איינציקן חובֿ ניט אויסלאָזן. גוט. וואָס גרעסער דער חובֿ — אַלץ גרעסער די מאָנונג. ניט אַזוי, חבֿר קאָמאַנדיר?

און אַבראַם פֿרידלאַנד האָט אים נאָכגעזאָגט, ווי אַן עכאָ:

—וואָס גרעסער דער חובֿ — אַלץ גרעסער די מאָנונג.

און פֿון אָט די ווערטער איז אים מיטאַמאָל לײַכטער געוואָרן אויפֿן האַרצן. ער איז מיט אימפּעטיקע טריט אַוועק ווײַטער אויף דער אינספּעקציע. פּאַמענקאָ האָט אים נאָכגעפֿאָלגט, ביז ער איז פֿאַרשוווּנדן אין דער עפֿענונג צו דעם קאָנטראָל־צימער.

ב.

עס איז שוין געווען אַרום פֿיר אַזייגער נאָכמיטאָג. די זון איז לאַנגזאַם געפֿאַלן צום מערבֿדיקן האָריזאָנט. געווען גרעסער און פֿולער און קאָליר. און די אָנגעשטרענגטע אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער מאַנשאַפֿט האָט גענומען אַ ביסל אָפּלאָזן. אָט וועט אָנקומען די נאַכט און וועט זי אײַנוויקלען, אויס־באַהאַלטן פֿון דעם שונא און מ׳וועט קאָנען אָנקומען אין צײַט צו דער אימ־פּראָוויזירטער באַזע לעבן די אָדעסער ברעגן. נאָך אַ רײַזע וועט זײַן אויס־געפֿירט ביז דער לעצטער פּינקטלעכקייט. די געמיטער זײַנען געוואָרן רויִקער. אַ מידקייט האָט אַרומגענומען די אויסגעמאַטערטע גלידער.

אָבער פּלוצלונג האָט זיך צעשריִען דער אַלאַרם. שטאַרק און אימפּעטיק און רופֿנדיק האָט ער זיך צעשריִען אין מיטן דער גרויסער רויִקייט און ניט אויפֿגעהערט, ניט אויפֿגעהערט. און די מענטשן, וואָס האָבן דעם אַלאַרם דערהערט, האָבן זיך אַ ריס געטאָן פֿון די ערטער ניט צו פֿאַרשפּעטיקן אַ רגע אַן אויגנבליק אפֿילו. ווײַל אָט האָט שוין אין סאַמע זעניט געזשומעט מיט אַ ווײַטן, קוים הערבאַרן זשומען דעם שונאס באָמבאַרדירער, געדרייט זיך אין אַ קרײַז איבער דער שיף, ווי אַן אָדלער איבער זײַן רויב. אַ ווילדע קאַנאָנאַדע פֿון דער „אָדעסאָ״ האָט אויפֿגעריסן די לופֿט מיט צענדליקער קנאַלן אויף אַ מאָל. די שיף האָט שאַרף און אײַלנדיק געביטן איר קורס רעכטס און לינקס צעשטערנדיק יעדע רגע דעם שונאס ציל. אָבער דער באָמבאַרדירער איבערן קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעלאָזן נידעריקער און נידעריקער, און פּלוצלונג גענומען פֿאַלן, פֿאַלן און שלײַדערן אַרום דער שיף אויפֿרײַסנדיקע קנאַלן, וואָס האָבן אויפֿגעהויבן דעם רויִקן ים און אויפֿגעשטעלט אַרום און אַרום ברויזנדיקע וואַסער־בערג. איין באָמבע איז געפֿאַלן זייער נאָענט צו דער שיף. צוויי הויכע וואַסער־בערג האָבן זיך אויפֿגעהויבן, געבליבן אַ האַלבע מינוט הענגען אין דער לופֿטן און, פֿאַלנדיק צוריק אין דער טיפֿעניש פֿון ים, אָפּגעגאָסן די שיף מיט מיריאַדן לעבעדיקע לויפֿנדיקע שטראָמען, וואָס האָבן זיך צעגאָסן איבער דער דעק מיט אימפּעט פֿון ניי־געבאָרענע טײַכן.

אין דעם מוראדיקן גערודער פון ים, קאַנאָנאַדע און מאַשין־ביקסן האָבן געפּייפט די קוילן אָן אויפהער זייער אייגענעם געפּייף. און אויפן דעק, אין די לויפנדיקע טייכלעך, האָבן זיך שוין אַרומגעקייקלט איינצלנע פאַרוואונדעטע מאַטראָסן, געטראָפענע פון דעם שונאס מאַשין־ביקסן. אייניקע האָבן נאָך געהאַט צייט און כוח אויפצושטיין און לויפן ווייטער, און אייניקע זיינען געבליבן ליגן, וואו זיי זיינען געפאַלן אין זייער אייגענעם בלוט. אין מיטן דעק, רעכטס, איז געשטאַנען פאָמענקאָ, אַן אומבאַשיצטער מיט אַ האַנט־מאַשינביקס, און געשיקט זיינע קוילן אַרויפצו מיט מאָדנעם ווילדן געשריי, וואָס ער האָט אין זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן:

— אָט איז דיר פאַר אונדזערע מאַמעס!...

— אָט איז דיר פאַר אונדזערע ברידער און שוועסטער!...

— אָט איז דיר פאַרן דניעפּראָסטראָי, פאַר כאַרקאָוו, פאַר מינסק!... און פאַר אָדעס!...

פּלוצלונג האָט ער דערזען דעם קאַפּיטאַן אויפן בריקל. געזען, ווי יענער האָט געשריען צו דער קאָמאַנדע, זשעסטיקולירט מיט די הענט. אָבער זיין פּנים איז גאָר ניט געווען דאָס פּנים פון זיין פריינט אַבראַם פרידלאַנד, נאָר אַ פּנים פאַרגאָסן מיט בלוט. אַ בלוטיקער פלעק אַזאַ אָנשטאָט אַ פּנים. האָט ער שוין מיט אַ באַניטן אימפעט גענומען שיסן און שרייען נאָך ווילדער און ווילדער:

— און דאָס איז דיר פאַר די יידן!... פאַר די פאַרפייניקטע יידישע קינדער!... אָט!... אָט!

און שוין ניט געפילט, ווי אַ קויל האָט אים אַ זעץ געטאָן אין אַקסל און אומגעוואָרפן. ער האָט זיך אויפגעהויבן און ווידער אומגעפאַלן. ער איז געווען אין אַ מאָדנעם טראַנס. אַזאַ עקסטאַטישקייט האָט אים אַרומגענומען, ווי עס כאַפּט אַרום אַ מענטשן אין די סאַמע לעצטע מינוטן פון אַ טויטלעכן קאַמף, אַן עקסטאַטישקייט, וואָס האָט ניט געהאַט קיין גרענעץ. דער פיינטלעכער באָמבאַרדירער איז שוין געווען ווייט פון דער שיף. ער איז שוין, אַן אויס־געליידיקטער, אין איילעניש, פאַרשוואונדן אין די הויכן, אָבער דער מענטש האָט נאָך ניט אויפגעהערט צו שיסן און אויסשרייען זיין מאָדנעם געשריי.

— אָט איז דיר פאַר אָדעס און פאַר כאַרקאָוו און פאַר די יידן!.... און פאַר דעם חבר קאָמאַנדיר!...

אַרום אים זיינען געלאָפן אין גרויס איילעניש מאַטראָסן, געטראָגן פאַר־וואונדעטע אין דעם מעדיצינישן צענטער. צוויי חברים זיינען אויך צו אים צוגעלאָפן, אַרויפגעלייגט אים אויף אַ טראַג־בעטל און געלאָפן מיט אים צום צענטער. אָבער זיינע ליפן האָבן נאָך ניט אויפגעהערט צו שיקן זיין ברענענ־דיקע קללה אַרויפצו צו די הימלען.

די שיף איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. זי איז געווען פאַרוואונדעט פון

אַלע זײַטן. אַ רודער איז געװען באַשעדיקט. אַ פּלאַטע פֿון דעם לינקן באָרט איז געװען אָפּגעריסן און געהאַנגען אױף אײן אױסגעקרימטן באָלט. אָבער זי האָט נאָך געהאַט כּוח צו גײן איר װעג פֿאָראױס. און פּונקט װי די מעדי־ צינישע הילף איז געװען באַשעפֿטיקט מיט די פֿאַרװאונדעטע, האָבן זיך שױן די אינזשעניערן און די מעכאַניקער געפּאָרעט אַרום די צעשעדיקטע טײלן פֿון דער שיף.

פֿלוצלונג איז צוגעפֿאַלן דער אָונט. דער הימל האָט זיך פֿאַרצויגן פֿריער מיט אײן פֿאַרהאַנג, װי מיט אַ דינעם, דורכזיכטיקן רײכל און נאָכדעם — מיט אַ צװײטן און אַ דריטן. די זון איז מיטאַמאָל צעגאַנגען. אָט איז זי נאָך געװען, און אָט איז זי שױן ניט געװאָרן, אַזױ װי אימעצער װאָלט זי פֿלוצלונג אַראָפּ־ געװישט פֿון דעם מערבֿ־הימל. אַ װײכע שטילקײט האָט זיך אַנגערוקט אױף דעם ים, אױף דער שיף. די װאַסערן זײַנען געלעגן פֿאַרשטאַרבענע צװישן הימל און ערד. און נאָר די מאַנשאַפֿט אױף דער שיף האָט אומרואיק געװאַכט איבער דעם טײַערן האָב און גוטס, װאָס איז געראַטעװעט געװאָרן און איבער די װאונדן פֿון חבֿרים, װאָס האָבן מיט זײער בלוט באַצאָלט אָפּ־ צוהיטן דאָס ברױט פֿאַר די הונגעריקע און הילף פֿאַר די אױסגעמאַטערטע אין דער שטאָט אָדעס, װאָס האָט געװאַרט אַהינטער נאַכטיקע פֿאַרהאַנגען אױף זײער אָנקום.

אין דעם ענגען מעדיצינישן צענטער זײַנען געלעגן די פֿאַרװאונדעטע. אַ בעטל לעבן אַ בעטל זײַנען געלעגן דער קאַפּיטאַן אַבֿראַם פֿרידלאַנד און דער קװאַרטירמײסטער פּאַמענקאָ. דעם קאָמאַנדירס פּנים איז געװען אײַנגעצן אַרומגעבאַנדאַזשירט. אָבער פּאַמענקאָ האָט אים דערקענט. אין זײַן קאָפּ האָט נאָך אַמאָל אױפֿגעלױכטן דאָס פֿריערדיקע בילד, װען ער האָט באַמערקט פֿרידלאַנדן אױפֿן בריקל מיט אַ פּנים פֿאַרגאָסן מיט בלוט אין סאַמע מיטן פֿון דער שלאַכט. האָט ער שטיל געזאָגט:

— חבֿר קאָמאַנדיר... דאָס בין איך, פּאַמענקאָ. איר קאָנט מיך הערן, חבֿר קאָמאַנדיר?...

— איך הער... רײד.

— אונדזער שיף װעט אָנקומען, חבֿר קאָמאַנדיר... זי װעט אָנקומען... אַפֿילו אַ מינוט װעט זי ניט פֿאַרשפּעטיקן.

פּאַמענקאָ האָט אָפּגעװאַרט און װידער געזאָגט:

— אַ קרײצער װאָלט בעסער ניט געקעמפֿט, װי אונדזער „אָדעסאַ“. דער טײַוול האָט אונדז געװאָלט זינקען, און מיר שװימען גאָר בעסער צו אָדעס... און מיר װעלן אָנקומען.... אַ מינוט ניט פֿאַרשפּעטיקן...

— נײן... מיר װעלן אַ מינוט ניט פֿאַרשפּעטיקן...

— איר דאַרפֿט זײַן שטאָלץ מיט אונדזער „אָדעסאַ“... זי האָט אָפּגעשלאָגן די אַטאַקע נאָך בעסער פֿון אַ קרײצער... מער װי פֿון אַ מאַשין־

ביקס האָבן זיי אונדז ניט געטראָפֿן. אַלע זייערע באַמבעלעך זיינען אומזיסט אין ים געזונקען... איר האָט זייער גוט מאַנעווורירט, חבר קאָמאַנדיר... זייער גוט. און אונדזער „אָדעסאַ" וועט נאָך אַמאָל, און אַ סך מאָל ברענגען הילף צו אונדזער היים...

אַזוי האָט גערעדט אין אַנגסטן אַ מענטש צו אַ מענטשן. און די שיף האָט געשניטן איר וועג דורך דער נאַכט, דורך פינצטערניש צו דעם פאַר־באָרגענעם ברעג, וואו מענטשן זיינען געשטאַנען גרייטע אויסצולאָדן איר טייערע פראַכט מיט דער זעלביקער איילעניש, ווי אַנדערע מענטשן, לעבן טואָפסע, האָבן זי אָנגעלאָדן מיט פיר און צוואַנציק שעה צוריק. ווייל אין דער אָנלאָדונג און אין דער אויסלאָדונג איז געווען לעבן און כוח און מוט. און ווייל קיינער האָט ניט געקאָנט צעשטערן לעבן און כוח און מוט.

1943

ליבע און טויט

דער לעצטער סך־הכל

א.

ס׳איז געווען האַרבסט. דער „אינדיאַנער זומער״ האָט געמאַכט די ערשטע טריט איבער די לאַנקעס און די שפּיצן פון די ביימער און איבער־געלאָזן זיינע פאַרביקע צייכנס אויף גראָזן און בלעטער.

מיסטער היימאַן פעלד, אַ רייכער קליידער־„מאַנופעקטשורער״, איז געזעסן אויף דער אָפענער וועראַנדע פון זיין פּרעכטיקער זומער־היים ביים האָדסאָן, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ באַרג. פון דאַנען האָט ער געקאָנט זען ווייטע שטרעקעס, באַזונטע לאַנקעס און געדיכט־באַוואַקסענע בערגלעך פוןביידע זייטן טייך, וואו ס׳האָבן זיך אין אַלע ריכטונגען געוויסט צענד־ליקער זומער־וואוינונגען, אַרומגערינגלט מיט ביימער און בלומען־קלומ־בעס. אַרומגעגאַרטלטע מיט געפלאַסטערטע וועגן, האָבן זיי זיך, ווי לויפנ־דיקע ספּיראַלן, געדרייט אַרום די בערג, פאַרלאָרן געגאַנגען און ווידער זיך באַוויזן אין זייער געדריי אַרויף, אַרויף צו מענטשלעכע וואוינונגען. און אונטן, צווישן ביידע הויכע האָדסאָן־ברעגן, ווייניקער פון אַ האַלבן מייל פון הויז, איז געלעגן דער טייך, אַ באַזילבערטער פון די זון־שטראַלן. פון דער וועראַנדע ביז צו די וואַסערן האָט זיך געצויגן, צווישן די אַלטע הונ־דערט־יאָריקע ליפּעס, קליאַנען און עלם־ביימער, דער אייגענער שפּאַציר־וועג. דאָ דערנעבן, אַביסל אָן אַ זייט, האָט זיך באַהאַלטן אין אַ ראַם פון שלאַנקע צעדער־ביימער דער אייגענער באָד־פּלאַץ, אַ „פּול״, וואָס מיסטער פעלד האָט מיט גרויסע אויסגאַבן, אויסגעגראָבן ביים סאַמע פוס פון אַ וואַסערפאַל, וואָס איז מיטן שטראָם געלאָפן צום האָדסאָן, אַזוי, אַז די קילע באַרגיקע קוואַל־וואַסערן האָבן שטענדיק אין אים אַריינגעשטראָמט, און

דורך אַ באַהאַלטענער עפענונג צוריק אַריינגעשטראָמט אין דעם נאַטירלעכן וועג צום טייך.

אויפֿן טייך האָט מיסטער פעלד געזען אַ פּראַכט־שיף, וואָס האָט לאַנגזאַם און פויל געשניטן איר וועג צו אָלבאַני. אַ שלעפּ־שיפל האָט געשלעפּט עטלעכע באַרזשעס, אָנגעלאָדענע מיט צעמענט און זאַמד. אַ ווייס־געַ־פאַרבטע יאַכטע האָט איילִיק אַריבערגעיאָגט די באַרזשעס און די שיף און איז אין עטלעכע מינוטן אַרום געווען העט־ווייט, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ לאַנגן פּאַס. אַ זעגל־שיפל האָט אַ לאַנגע צייט, ווי אַן אַ ציל, געהויערט איבער די וואַסערן, ווי אַ ווייסער פויגל מיט צעשפּרייטע פליגל, געשלייכט און זיך אַרומגעגליטשט, ווי אַ געניטער גליטשער, אַביסל געבויגן אויף אַ זייט, ווי צום פאַלן...

אַלץ איז דאָ געווען אַזוי שיין און רואיק און וואונדערלעך, ווי אַלע מאָל. אָבער איצט איז מיסטער פעלד געווען קראַנק, זייער קראַנק. די שיינקייט אַרום האָט ניט אַרויסגערופֿן אין אים קיין הנאה. פאַרקערט, זי האָט אפילו דענערווירט. די זון־שטראַלן, וואָס האָבן באַזילבערט די רונצלען פון טייך און די מיליאָסן פּאַרטושטע קלאַנגען, וואָס האָבן אָנגעפילט די לופט, און אַ פּלוצלעכער צוויטשערן פון אַ נאָענטן פויגל — אַלץ האָט זיך מיט ווייטיק אָפּגערופן אויף זיינע נערוון און אויפגערייצט זיין קרענקלעך געמיט.

דאָס איז געווען אַ סימן, אַז דער איינגעשפּריצטער מאָרפין האָט אין אים אויפגעהערט צו ווירקן, און די ווייטיקן קערן זיך אום. און די מורא פאַר די ווייטיקן איז געווען זייער גרויס, נאָך גרעסער ווי פאַרן טויט. אַלץ האָט זיך פון אים אָפּגעטיילט, געלאָזן אים, אַ פאַרפּייניקטן — אַליין. גאָט האָט אים פאַרלאָזן. די נאָענטסטע האָבן אים פאַרלאָזן. ס'איז ניט געווען צו וועמען צו בעטן, פון וועמען צו מאָנען. קיין געוויין און קיין קללה האָט קיינעם ניט געקאָנט צוריקברענגען. ער איז געווען ווי אַ פאַרפּייניקטער אין אַ מדבר. קיינער האָט אים ניט געזען און קיינער האָט אים ניט געהערט. נאָר ווייטיק איז געווען און פאַרדראָס איז געווען. און ווי לאַנג וועט ער נאָך אַזוי זיצן דאָ, אינעם שטול, אַרומגעלייגט מיט ווייכע קישנס און וואַרטן אויפן טויט?

ניט ווייט פון אים, אין ווינקל־שטול איז געזעסן די נורס, אַ מיטל־יאָריקע בלאָנדע פרוי, אויסגעפּוצט אין שטייפער ווייסקייט, און שעה'ן־לאַנג געבלעטערט, נאַכלעסיק און פויל, אַן אילוסטרירטן זשורנאַל. פון לאַנגווייל האָט זי זיך יעדע רגע געצויגן, געגענעצט און געביטן די פּאָזיציע פון איר זיצן. זי האָט שוין זינט וואָכן געוואוסט, אַז דער פּאַציענט וועט שטאַרבן. זי האָט נאָר ניט געקאָנט באַשטימען געניי דעם טאָג. און איר האָט עס ניט געאַרט. אַחוץ דעם וואָס אין דעם רייכן הויז איז איר געווען גוט, ווי אויף אַ וואַקאַציע. מיסטער פעלד האָט זי פיינט געהאַט. ניט ווייל זי איז געווען אַ שלעכטער מענטש, אָדער ניט געטאָן געוויסנהאַפט איר

אַרבעט, נאָר ווייל זי האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן זעלביקן באַהאַלטענעם ליגן, ווי אַלע אַרום אים — דער דאָקטאָר, די ווייב, דער זון און די פריינט. אַלע האָבן אים גענאַרט. אַלע האָבן צו אים גערעדט די פאַלשע רייד פון האָפענונג און פון טרייסט.

האָט ער פּלוצלונג געזאָגט:

— די נאָדל... איך וועל עס ניט איבערטראָגן.

און אין קול האָט שוין אַ געשריי געטאָן אומגעדולד און מאָנונג.

די נוירס האָט אַוועקגעלייגט דעם זשורנאַל, לאַנגזאַם אַ קוק געטאָן אויפן האַנט־זייגערל און זיך גענומען בעטן:

— מיסטער פעלד, איך בעט אייך, ס׳איז נאָך ניט צייט... דער דאָקטאָר האָט דאָך אונדז אָנגעזאָגט, אַז מ׳טאָר ניט אַזוי אָפט... ס׳איז ניט גוט פאַר אייער געזונט!...

דער קראַנקער איז אָבער געווען פאַרעקשנט:

— די נאָדל! צום טייוול מיט אייער דאָקטאָר... איך מאַטער זיך, ניט דער דאָקטאָר. די נאָדל!...

זי האָט אויסגעקרימט דאָס פּנים, ווי צום וויינען, געקוקט אויף אים מיט אַ געמאַכטן רחמנות־געבעט. אָבער זיינע אויגן זיינען געווען פול מיט אַזעלכע בייזע פייערלעך פון פּיין, שנאה און עקשנות, וואָס האָבן עדות גע־זאָגט אויף אומדערטרעגלעכע ווייטיקן. זי האָט געמוזט נאָכגעבן. האָט זי זיך אויפגעהויבן און שווער קלאַפּנדיק מיט די אָפּצאַסן איבערן דיל, ווי זי וואָלט מיט דעם געוואָלט אויסדריקן איר קעגנערשאַפט, צוגעגאַנגען צום טישל מיט די מעדיקאַמענטן און פּרעפּאַראַטן, אַ ווילע געפּאָרעט זיך ביים סטעריליזירן די היפּאָדערמישע נאָדל און זיך באַלד צוריקגעקערט.

— אָט וועלן מיר אַביסל איינשפּריצן און פילן זיך בעסער...

ער האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן אָט דעם סקאַרבאָוון אויסדרוק אירן, אָבער ער האָט גאָרניט געזאָגט און נאָר געדולדיק געוואַרט ביז זי וועט אַרויפשאַרן דעם אַרבל ביז אַריבער דעם עלנבויגן און ער וועט דערפילן דעם שטאָך, וואָס איז געווען אי פיינלעך, אי מאָדנע אָנגענעם, ווי דער ברען פון אַ שטאַרקן געטראַנק פאַר אַן אַלקאָהאָליקער, ווי עס וואָלט באמת גע־בראַכט אַ מאָמענטאַלע דערלייכטערונג. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און אַזוי געזעסן עטלעכע מינוט.

די נוירס איז אָפּגעטראָטן צום טישל און נאָכדעם אַוועק אין די איינ־ווייניקסטע צימערן. און ס׳איז געווען גוט, וואָס זי איז אַוועק. אים האָט זיך געוואָלט זיין אַליין, אַליין.

ב.

ווען נאָר מיסטער פעלד האָט געליטן פיזישע ווייטיקן, האָט ער געטראַכט בלויז וועגן זיך אַליין. ס׳האָט אים פאַר קיין דרויסנדיקער זאַך ניט געאַרט. פאַרגעסן די גאַנצע וועלט. זיין גאַנץ וועזן האָט זיך קאָנצענטרירט אויף דעם

איבערמענטשלעכן געראַנגל מיטן ווייטיק. אָבער אַז די ווייטיקן פּלעגן זיך, נאָך אַ „סעדאַטיוו", אַביסל איינשטילן, האָבן זיך אומגעקערט אַנדערע זאַכן. פּערזענלעכע דערינערונגען און חשבונות מיט דער וועלט. אַלץ האָט פון אים געפאָדערט אַ חשבון־הנפש. ווי ער וואָלט עמיצן שולדיק געווען אַ שווערן חוב, וואָס מ׳האָט געמוזט אָפּצאָלן, ווייל אָט וועט ער דאָך באַלד שטאַרבן, צו דריי־און־פופציק יאָר וועט ער אַוועק פון דער וועלט... אָט דער נאָמענלאָזער חוב האָט באַשווערט זיין געמיט.

אַלץ האָט איצט געפירט צום סאַמע אָנהויב, צוריק צום אוקראַאינישן שטעטל ביים טייך דניעפּער, וואו ער איז געבאָרן געוואָרן. דער דניעפּער איז געווען אַזוי ענלעך צום האָדסאָן. און ער וואָלט איצט געקאָנט זאָגן, אַז צוליב זיין יוגנטלעכער ליבשאַפט צום דניעפּער האָט ער גראָד אויסגעקליבן צו וואוינען אַזוי פיל יאָרן אויף ריווערסייד דרייוו, פונקט איבערן האָדסאָן, און האָט אפילו זיין זומער־היים געפונען ביי זיינע ברעגן. און וויפל מאָל זיין ווייב און דער איינציקער זון האָבן מיט אים איינגעטענהט, מ׳זאָל זיך איינקויפן אַ מאַיאָנטעק ערגעץ אין לאָנג־איילאַנד, אָדער ביי די גרענעצן פון קאָנעקטיקוט, איז ער געבליבן בייב האָדסאָן.

מאָדנע. ער האָט אָפּגעלעבט אין אַמעריקע די מערסטע יאָרן פון זיין לעבן, און דאָך געבליבן דער זעלביקער „אימיגראַנט". ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז אָט ערשט איז ער אַהער אַריבערגעקומען מיט די אימיגראַנטישע פּעקלעך אין דער האַנט און מיטן פּעקל היימישער יידישקייט אין הארצן. אַלץ איז נאָך געווען דאָ. די דערינערונגען פון די קינדער־יאָרן מיט חדר און רבין, די ערשטע יוגנטלעכע פאַרליבטקייט, די אייגענע יידישע שפּראַך און די פּאָר יידישע ביכלעך, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט אין „קאָרזינקע."

ער איז געווען ווי אַ יונג ביימל, וואָס מ׳האָט אָפּגעריסן פונעם אייגענעם באָדן און אַריבערגעפירט אויף אַן אַנדער קאָנטינענט מיטן ביסל אייגענע ערד אַרום די וואָרצלען און פאַרפלאַנצט אין אַן ענלעכן באָדן, כדי עס זאָל זיך בעסער „צונעמען". ווייל די איסט־סייד, וואוהין ער איז אָנגעקומען, איז געווען ווי די „אַלטע היים". דאָ האָט מען גערעדט די יידישע שפּראַך, געלייענט יידישע צייטונגען, יידישע ביכער און געלעבט אַ יידיש לעבן. און די גרעסטע ליבשאַפט זיינע איז אין די ערשטע יאָרן געווען די יידישע ליטעראַטור. אַ שאַפּ־אַרבעטער, האָט ער ליב געהאַט צו לייענען די יידישע קלאַסיקער און נאָכדעם אויך די נייערע יידישע ליטעראַטור. אין זיין קרייז האָט ער געשמט ווי אַ גוטער „פאַרלעזער", און דערפאַר פלעגט ער אויף חברישע שמחהלעך פאַרלייענען פון די ווערק פון שלום־עליכם מיט די אַלע נויטיקע אינטאָנאַציעס און תנועות, אַנדערע האָבן הנאה געהאַט און ער אַליין איז געווען גליקלעך, ווי ביי אַן אַקט פון שעפערישקייט...

ער איז אָבער דאָ צו־שנעל רייך געוואָרן, געוואָרן אַ דערפאָלגרייכער

געשעפטסמאַן, און די געשעפטן האָבן אים, מיט די יאָרן, אײנגעגנצן אײנגעשלונגען. ס'זײנען עפּעס, װי פֿון זיך אַלײן, צערונען די אַלטע באַקאַנטשאַפֿטן. ער איז אַרײַן אין אַ נײַעם קרײַז מענטשן. אַנשטאָט אינטימע ליטעראַרישע אָװנטן, האָט מען פֿאַרבראַכט אין „קאָרד־פּאַרטיס". װינטער איז מען געפֿאָרן אין מיאַמי שפּילן אויף „פֿערדלעך" און זומער האָט מען פֿאַרבראַכט אין דער זומער־היים בײַם האָדסאָן, װאו די רײַכע שכנים פֿלעגן אָנפֿילן דאָס הויז מיט דער ענגלישער שפּראַך, מיט רײד װעגן ביזנעס, ספּאָרט, מיט געװעטן אויף פֿערד און פּרײַז־פֿײַטערס.

פֿון די ערשטע אימיגראַנטישע יאָרן איז פֿאַרבליבן נאָר דער ביכערשראַנק מיט די ייִדישע ביכער, װאָס איז געשטאַנען אין זײַן קאַבינעט, און אַן אַלבום מיט ייִדישע פֿאָנאָגראַף־פּלאַטן פֿון ייִדישע מעלאָדיעס, חסידישע ניגונים, פֿאָלקס־לידער און תּפֿילות פֿון באַרימטע חזנים. און אין די אײנטימערע מאָמענטן פֿלעגט זיך מיסטער הײמאַן פֿעלד צו זײ צוריקקערן. דעמאָלט פֿלעגן זיך אומקערן די נאָענטע שטימונגען פֿון אַמאָל. אַרײַנבעמען אַ ייִדיש בוך אין האַנט און הערן אַ ייִדישן ניגון האָט געמײנט „קומען אַהײם" פֿון אַ װײַטער נסיעה צו אײגענער אָנגעהעריקײט, צום אײגענעם שטאַם און משפּחה און פֿאָלק. ס'איז אָבער געװען אַ מין ריטואַל, װאָס נאָר ער אַלײן האָט אין זײַן הויז אָפּגעריכט. זײַן פֿרוי איז געװען אַ ייִדישע אַמעריקאַנערין, אַ ייִדישקע נאָר לויט איר אָפּשטאַם. ייִדישקײט איז פֿאַר איר געװען דער יערלעכער באַזוך אין טעמפּל ראש־השנה און יום־כּיפּור, װאו די פֿרויען פֿון איר קלאַס זײַנען געקומען באַװײַזן זײער נײַסטע קלײדונג. און נאָך װײַטער פֿון ייִדישקײט איז געװען דער בן־יחיד. אים האָט ער גראָד עטלעכע מאָל אין דער קינדהײט פּרובירט שיקן אין דער „קאָנגרעגײשאָנעל סקול" פֿון זײַן טעמפּל און אין דער „סאָנדעי־סקול". אָבער ס'איז פֿון דעם גאָרניט אַרויסגעקומען. אַט, דאַכט זיך, פֿלעגט זיך אָנצינדן אַ פֿײַערל, אַ צאַנק טאָן אַ װײַלע און זיך אויסלעשן. און נאָך אַמאָל פֿלעגט זיך אָנצינדן דאָס פֿײַערל און זיך װידער אויסלעשן . . . דער זון איז ניט געװאָרן קײן ייִד.

עפּעס האָט פֿעלד דורך די יאָרן געהערט װעגן מאָדערנע ייִדישע שולן אויף ייִדיש. אָבער יענע זײַנען געװען װײַט, אויף דער איסט־סײַד, און אין זײ האָבן געלערנט קינדער פֿון אָרימע אַרבעטער, קינדער פֿון גראָסערי־לײַט, פֿון „קענדי־סטאָרקיפּערס". װי האָט אַהין געקאָנט קומען זײַן קינד? איז דער זון אויסגעװאַקסן אַן אַטלעטיש־געבויטער בהור, אַרײַנגעטאָן אין ספּאָרטס. זומער — בײסבאָל. האַרבסט — פֿוט־באָל. װינטער — האָקי, סקיס, גליטשערס. נעכט פֿאַרבראַכט מיט לוסטיקע פֿרײַנט אין קאַבאַרעי און נאַכט־קלובן, און צום סוף זיך פֿאַרליבט אין אַ „העט־טשעק"־מײדל, אַ קריסטין, און מיט איר, אין געהײם, חתונה געהאַט.

אײנערלעך איז קײן מאָל ניט אָפּגעשטאָרבן בײַ פֿעלדן דער פֿאַרלאַנג אײַנצוקלאַמערן זיך, װאו נאָר מעגלעך, אין דער אַלטער אָנגעהעריקײט צום

פּשוטן פאָלק. די יידישע ביכער אין הויז, דאָס ביסל „היימישע" יידישע מוזיק, די יידישע פּאַר ווערטער, וואָס ער האָט געהאַט א טבע אַריינצו־וואַרפן אין זיין ענגלישן געשפּרעך מיט יידן, — דאָס אַלץ זיינען געווען דינע פּעדים, וואָס האָבן אים געבונדן מיט אמתער יידישקייט. דערצו איז ער אויך געווען אַ בעל־צדקה, באַטייליקט זיך אין אַלע יידישע „דרייווס", וואו נאָר ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן יידישער נויט. לאַנדסלייט זיינען צו אים געקומען נאָך שטיצע פאַר די „ברידער און שוועסטער" אויף יענער זייט ים. יידן זיינען שטענדיק געווען קרבנות פון אַלערליי פאַרפאָלגונגען, פון צרות און נויט. אמת, די יידן זיינען צו אים געקומען ניט ווי צו אַ נאָענטן, אָן אייגענעם און אַ גלייכן און האָבן ביי אים געזוכט נאָר דאָס ביסל מאַטע־ריעלע שטיצע, אָבער דאָס אַליין, וואָס זיי זיינען צו אים געקומען טיילן זיך מיט אָן „אייגענער" זאָרג און וואָס זיי האָבן מיטגענומען זיין ביישטייערונג „אַהין", איז שוין אויך געווען אַ צייכן פון זיין אָנגעהעריקייט.

אַמאָל פלעגט צווישן דער „קאָמיטע", אויך קומען אַן אַלטער באַקאַנטער, וואָס פלעגט אויסדערציילן אינטימע קלייניקייטן פונעם לעבן פון די לאַנדס־לייט, פלעגט פעלד זיך דערפילן ווי איינער פון אַ משפּחה. אָבער אַז יענער פלעגט אַוועקגיין, האָט ער אַלע מאָל געפילט אַן אומעט אין הארצן: יענער איז אַוועק „אַהיים", און ער אַליין איז נאָך אַלץ פאַרבליבן „אין דער פרעמד"...

ער האָט זיך געקאָנט דערמאָנען אַ סך פאַלן, ווען, פאַרנדיק פון אָפיס, האָט ער געהייסן דעם שאָפער פאַרקערעווען צו דער איסט־סייד, אַדורכ־פאָרן די שמאָלע געסלעך פון דער אימיגראַנטישער אָרעמקייט. די איסט־סייד איז געווען ווי אַמאָל, און די מענטשן דאָרטן האָבן זיך קוים געביטן. אים האָט זיך געוואָלט אין אַזעלכע מאָמענטן זיך פאַנאַנדערצורעדן מיטן שאָפער וועגן זיין אַמאָליקן לעבן אויף דער איסט־סייד, דערציילן אים וועגן זיין אָנקומען אַהין פון „דער אַלטער היים", וועגן זיינע בענקשאַפטן, אָבער ס'האָט ניט געפּאַסט. איין מאָל אָבער האָט ער געהייסן דעם שאָפער אָפּצו־שטעלן זיך ביי אַ יידישן רעסטאָראַן אויף דעלענסי סטריט און ביידע האָבן געגעסן אַ מאָלצייט פון עכט־יידישע מאכלים. דערביי האָט מיסטער פעלד גערעדט וועגן יעדן מאכל, אויפגעקלערט וועגן דער ספּעציעלער „היימיש־קייט" וואָס דאָס מאכל האָט אים דערמאָנט און זיך געפרייט ווען די מאכלים זיינען געפעלן געוואָרן דעם שאָפער, ווי דאָס וואָלט געווען אַ פּערזענלעכער קאָמפּלימענט . . .

דאָס איז געווען גאָר ניט לאַנג. מ'קאָן זאָגן, אַז ס'איז געווען ערשט נעכטן, און דאָ איז ער גאָר פּלוצלונג קראַנק געוואָרן. אין סאַמע מיטן פרי־לינג איז ער קראַנק געוואָרן. דער שאַף האָט ערשט געעפנט דעם סעזאָן. די ווייב מיט דער דינסט־מיידל האָבן זיך געפּאַקט, זיך געגרייט אַרויסצו־פאָרן אויף זייער זומער־וואוינונג, און די היים אויף ריווערסייד־דרייוו האָט באַדאַרפט דורכן זומער איבערגעפּאַרבט און איבערדעקאָרירט ווערן.

אין סאַמע אָנהויב האָט דער הויז־דאָקטאָר קיין ערנסטע קראַנקהייט אין אים ניט געפונען. דער בלוט־דרוק איז געווען אַביסל העכער. די טעמ־פּערטואַר איז ניט אַלע מאָל געווען נאָרמאַל. ס׳האָבן זיך באַוויזן אַנדערע קליינע אומרעגלמעסיקייטן. און מ׳האָט אים, סוף־כּל־סוף אָפּגעשיקט אין אַ שפּיטאָל אויף „אָבזערוואַציע”, אונטער דער אויפזיכט פון אַ ספּעציאַ־ליסט, וואו מ׳האָט טעגלעך דורכגעפירט איבער אים אַלערליי „טעסטן”. נאָך גאָר אַ געזונטן, האָט מען אים אַריינגעזעצט אין אַ רעדל־שטול און אַרומגעפירט איבער די פאַרשיידענע אָפּטיילונגען פון שפּיטאָל. ס׳איז פון דעם אפילו געווען פריילעך. ס׳איז געווען אַ נײַ שטיקל לעבן, וואָס ער האָט דורכגעלעבט. נאָר אַז אַלע „טעסטן” זיינען פאַריבער, האָט זיך אין אַ פרײַ־מאָרגן אין זיין צימער באַוויזן די ווייב מיטן זון און האָבן, זייער פאַרזיכ־טיק אים אָנגעזאָגט, אַז ער וועט מוזן אָפּערירט ווערן.

— אַן אָפּעראַציע אויף וואָס ?

דער זון האָט אַ הוסט געטאָן, אויף אַ רגע אָפּגעווענדט פון אים דעם בליק.

— הער, „דעד”, מיר האָבן גערעדט מיטן דאָקטאָר... ער זאָגט אַז ס׳איז אַ קליינע אָפּעראַציע... ניט געפערלעך... אַ טומאָר, וואָס מ׳דאַרף באַזייטיקן...

אויך די ווייב האָט זיך גענומען איילן צו דערקלערן :

— דאַרפסט זיך ניט שרעקן, טייערער. מ׳וועט אָפּערירן, און דו וועסט געזונט ווערן און קומען אַהיים... און זאָלסט זיך גאָרניט זאָרגן און ניט איבערטראַכטן...

אָבער ער האָט שוין באַמערקט, אַז זי איז בלייכער ווי אַלעמאָל און עפּעס ווי געווען ניט דערשלאָפן, און די אויגן האָבן מאָדנע געפינטלט, ווי זי וואָלט זיך געקליבן וויינען. זי האָט שנעל צוגעגעבן :

— און דו וועסט זיין אַזוי גוט, ווי אַ נייער מענטש...

ס׳איז אים געווען מאָדנע, וואָס דער דאָקטאָר האָט מיט אים גאָרניט גערעדט וועגן דער אָפּעראַציע, און מיט זיין ווייב האָט ער שוין יאָ גערעדט, אַזוי ווי דאָס וואָלט מיט אים קיין שייכות ניט געהאַט. דאָס האָט פאַרדראָסן. האָט ער אַביסל פאַרעקשנט געזאָגט :

— איך וויל ניט קיין אָפּעראַציע ! און דער דאָקטאָר האָט מיר וועגן דעם קיין וואָרט ניט געזאָגט... און איך וויל ניט קיין אָפּעראַציע ! איר הערט ? — איך וויל ניט קיין אָפּעראַציע !...

זיין קול האָט אַ גרילץ געטאָן. אַזוי אויפגערעגט און בייז איז ער געווען. און מער אפילו ניט דערלאָזט קיין רייד וועגן דעם עניך. אָבער אינערלעך איז ער שוין געווען דערשראָקן און אומגליקלעך.

און ווען זיי זיינען אַוועק, האָט ער זיך פלוצלונג דערפילט זייער קראַנק. ווי נייע ווייטיקן וואָלטן פלוצלונג געבאָרן געוואָרן אין זיין אינגעווייד און גענומען לעבן זייער לעבן. ער האָט ניט אויפגעהערט צו קלינגען נאָך דער

נוירס, און ווען זי איז צו אים צוגעקומען, איז זי אויך געווען גאָר אַן אַנ־דערע. ניט די זעלביקע גוטמוטיקע, שפּאַסנדיקע מיידל פון נעכטן און אייערנעכטן. ס'איז שוין אויף איר פּנים געווען סוד אין די רייד — אַ מאָדנע לאַקאָנישקייט, אַ באַזונדערער אָפּקלייב פון ווערטער, אַ קאָרעקטקייט, וואָס האָט אויסגעבאַהאַלטן אַן אמת.

אויך דער הויז־דאָקטאָר איז געקומען אים באַזוכן, און זיך אַפילו גע־בייזערט, וואָס ער פּראָטעסטירט קעגן דער אָפּעראַציע:

— טויזנטער מענטשן לאָזן זיך אָפּערירן יעדן טאָג צוליב זייער געזונט, און ער, מיסטער פעלד, האָט גאָר מורא... ער מעג זיך באמת שעמען. פירט זיך אויף ווי אַ קליין קינד. אַז ער וועט געזונט ווערן, וועט ער דאָך פון זיך אַליין לאַכן... כאַ־כאַ־כאַ!... אַ מאַן, אַ „ביזנעסמאַן”, האָט מורא פאַר אַן אָפּעראַציע...

און דער הויפּט־דאָקטאָר, דער כירורג, האָט זיך דעם גאַנצן טאָג ניט באַוויזן מיט אים צו ריידן, צו זאָגן אַ וואָרט. מ'האָט אים גאָר געהאַלטן אין פאַרזיכערן, אַז דער דאָקטאָר איז אַוועקגעפאָרן פאַרן טאָג אין אַן אַנדער שטאָט אויף אַ וויכטיקער קאָנסולטאַציע. אָבער שוין יענעם אָוונט האָט מען אים אָנגעהויבן צוגרייטן צו דער אָפּעראַציע.

מיסטער פעלד האָט צום ערשטן מאָל דערפילט, אַז ער איז שוין מער ניט געווען דער באַלעבאָס פון זיין לעבן. געפילט, אַז ער האָט שוין ניט קיין ווילן אַנטקעגנצושטעלן זיך. ער האָט געמוזט רעזיגנירן, ווייל די ווייטיקן האָבן אים אַרומגענומען, ווי מיט שטאַרקע הענט, און ניט אָפּגעלאָזן.

אויף מאָרגן גאַנץ פרי, איז אַריינגעקומען אין צימער אַ יונגער דאָקטער מיט אַ קעסטל מעדיצינישע אינסטרומענטן און פּרעפּאַראַטן, מיט אַ געשטעל פאַר דער „אינטראַוועונוס”, אין דער באַגלייטונג פון אַן אומבאַקאַנטער קראַנקן־שוועסטער. דער דאָקטער האָט וויניק גערעדט. ער האָט מעטאָדיש געאַרבעט. פריער אַרויסגעצויגן פון מיסטער פעלדס אָדערן אַ היפּשע דאָזע בלוט אין אַ גלעזערנעם „טיוב”, נאָכדעם אַריינגעפּאַסט אַ לאַנגע נאָדל אין דעם גרויסן אָדער אויף דער אינערלעכער זייט פונעם געלענק, עטוואָס איבערן אויסבויג. ביידע זאַכן האָבן שטאַרק ווי געטאָן, אָבער פעלד האָט געשוויגן און פּרובירט אַרויפציען אויף זיך אַ גלייכגילטיקע מינע און צוגעמאַכט די אויגן בעת מ'האָט באַפעסטיקט אַ ברעטל און געבאַנדאַזשירט די האַנט אַזוי, אַז די נאָדל זאָל זיך האַלטן גלייך, די „גליוקוס” זאָל אַריינשטראָמען נישט געשטערט אין זיין אָדער אַריין. די נוירס האָט אים געגעבן איינצושלינגען אַ פּיל, און ביידע זיינען אַרויס שוויגנדיקע, אַזוי ווי זיי זיינען אַריינגעקומען, פרעמדלעכע, אומפּריינטלעכע.

יענעם נאָכמיטאָג איז פאָרגעקומען די אָפּעראַציע. ס'איז טאַקע געווען אַ „לייכטע” אָפּעראַציע, ווייל מ'האָט אויפגעשניטן, אַ קוק געגעבן און דערזען,

אַז אַלע וויכטיקע לעבנס־אָרגאַנען זיינען שוין געווען אָנגעגריפן — די לעבער, דער מילץ, די פּראָסטאַטע —אַלץ האָט אָנטפּלעקט דעם סוד — קענסער (ראַק). האָט מען, אין גרויס איילעניש, צוריק פאַרנייט דעם אויפשניט, צוריק־געבראַכט אים אין זיין צימער און זינט דעמאָלט אָן שטאַרבט ער, מיסטער פעלד.

קיין זאַך האָט שוין ניט געקאָנט העלפן. נאָר די דאָזעס מאָרפין, וואָס מ׳האָט פון צייט־צו־צייט אין אים אַריינגעשפּריצט, האָבן געהאָלפן. אויף דער צווייטער וואָך האָט מען אים געבראַכט אין אַמבולאַנס אויף דער זומער־היים, וואו אַלע זיינען שוין געווען איינגעאָרדנט, ווי אין די פריערדיקע יאָרן. זיין ווייב, דער זון, דער שאָפער און די דינסט, און נאָך צוויי נייע מענטשן זיינען צוגעקומען: די קריסטלעכע שנור און די קראַנקן־שוועסטער, וועלכע מ׳האָט באַצייטנס אַהער געבראַכט.

און אָט אַזוי זיינען די פאַר זומערדיקע וואָכן פאַריבער. דורך דער צייט האָט ער אַ סך געליטן און אַ סך געטראַכט. וועגן לעבן, וועגן זיין אייגן לעבן, וועגן דעם לעבן פון זיין ווייב און זון. מ׳האָט באַדאַרפט אונטערציען אַ סך הכל. אַ סך הכל — צוליב וואָס? אַ צוואה האָט ער שוין לאַנג אָנגעשריבן. אָבער אַ צוואה, וואָס מען שרייבט ווען מען איז געזונט און אַ צוואה, וואָס מען איז געצוואונגען אָנצושרייבן אויף דעם גסיסה־בעט, — דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. די נאָענטסטע גלויבן שוין ניט אין נסים, האָבן שוין שלום געמאַכט מיט דעם אורטייל און זוכן נאָר די גוטע געלעגנהייט אַריינצו־שטופּן אַ וואָרט וועגן דער צוואה, ווילן וויסן וואו מ׳האַלט ערגעץ אין דער וועלט. די ווייב וויל וויסן מיט וואָס „מ׳לאָזט זי איבער". דער זון וויל וויסן, וואָס ס׳עט זיין „זיין חלק" אין דער ירושה...

מיסטער פעלד האָט באַמערקט, אַז די ווייב האָט זיך דורך די עטלעכע וואָכן גוט אויסגערוט. זי האָט וויניקער ווי אַלע מאָל אויסגענוצט איר ענערגיע אויף פריינט. ניט געמאַכט די אָפטע „פּאַרטיס", ווי אַלע מאָל, און ניט געגאַנגען צו די שכנישע זומער־אונטערנעמונגען, וואָס זיינען דורכגע־פירט געוואָרן אויף אַן אופן, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר זייער קלאַס מענטשן.

זיין ווייב און זיין זון. אין לעצטן סך־הכל איז אויסגעקומען, אַז ער האָט געאַרבעט און געלעבט די אַלע יאָרן נאָר צוליב זיי. אָ, ווי ער האָט געקעמפט פאַר אָט דער רייכקייט, וואָס ער האָט איצט פאַר זיי באַדאַרפט איבערלאָזן! נעכט ניט געשלאָפן. קאָנקורירט מיט מאַנופעקטשורערס פון זיין „טרעיד". אָרגאַניזירט אַן „אַסאָסיעישאַן". דורכגעפירט געוואַגטע מאַניפּולאַציעס מיט אַגענטן פון דער רעגירונג אין דער צייט פון דער קריג־בהלה. אונטערדריקט סטרייקס פון זיינע אַרבעטער מיט ברוטאַלער מאַכט. אונטערגעקויפט די פּאָ־ליציי. אויסגעגאָסן האַס און שנאה אויף זיינע אַמאָליקע אַרבעטער. געוואָרן אַ שונא צו אַמאָליקע פריינט און חברים. און עטלעכע גרעסערע שעפער

אפילו אַרויסגעפּירט אויף דער פּראָווינץ, כּדי צו ברעכן דעם ווידערשטאַנד פון זיינע אַרבעטער און כּדי צו קריגן ביליקע אַרבעטער־הענט...

דאָס אַלץ האָט ער אָפּגעטאָן צוליב אָט־דער ירושה, וואָס ער האָט איצט באַדאַרפט איבערלאָזן דער ווייב און דעם זון און דער שנור.

זיין ווייב. וואָס איז זי איצט פאַר אים געווען? אַ פּרוי, אין וועלכער ער האָט זיך אויף אַ ווילע פאַרליבט און נאָכדעם געבליבן לעבן מיט איר אויף אַ סך יאָרן אָן איבעריקער ליבשאַפט. און איצט איז זי געווען אַ פּרוי אין סאַמע מיטן פון איר צווייטער בליאונג. אַ פרוי פון פינף־און־פערציק און פול מיט לעבן, בעת ער האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן! זי האָט שוין ביי זיך געפּועלט, אַז ער שטאַרבט, און אין די לעצטע פאַר וואָכן זיך איינגאַנצן באַרואיקט. איר אויסזען איז איצט געווען פריש, געזונט, אויסגערוט, און אין די באַוועגונגען אַ נייע זיכערקייט. און נאָך זיין טויט וועט זי זיכער חתונה האָבן. זי האָט אַלע מאָל געהאַט דערפאַלג ביי מענער. ער איז ניט איין מאָל געווען אפילו אייפערזיכטיק אויף איר. און אָט איז ער אפשר אויך איצט אייפערזיכטיק...

און דער זון. וואָס איז פאַר אים געווען זיין זון? אין וואָס איז געווען די אָנגעהעריקייט זיינע צו אים? דער זון האָט אויך שוין אומגעדולדיק געוואַרט אויפן טאָג ווען ער וועט קאָנען אויפמאַנען פון אים, פון מיסטער פעלדן, זיין חוב. און אפילו די שנור, די געוועזענע „העט־טשעק" מיידל, זי וועט אויך אים אָפּרשענען. אַזאַ פיינלעכער חוזק!

און די ירושה. וואָס איז דאָס פאַר אַ ירושה? שעפער, געלט, הייזער, „סעקיוריטיס". אַ ריין־מאַטעריעלע ירושה. קיין זאַך פון גייסט, וואָס זאָל אים, ווי אַ מענטשן און אַ יידן, קאָנען פאַרזעצן כאָטש צייטווייליק, אָנהאַלטן זיינע בענקשאַפטן, זיין אָנגעהעריקייט צו אַ כּלל. ער וועט שטאַרבן — און ס'וועט זיין אַ סוף. און אויך די געשעפטן וועלן באַלד נאָך זיין טויט אָנהויבן איינצושרומפּן און אונטערגיין...

ג.

ער האָט באַמערקט ווי די ווייב האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיטן געפּלאַסטערטן שטעגל אין דער ריכטונג פון „פּול". זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לייכטן זומערדיקן כאַלאַט. אויפן אָרעם איז געווען אַריבערגעוואָרפן אַ גרויסער „טערקישער" ליילעך. זי איז יעדן טאָג אין אָט־דער שעה, פאַר וועטשערע, געגאַנגען זיך באָדן. שפּעטער פלעגט זי זיך לאַנגזאַם אומקערן, אַ דערפרישטע, און אַריינגיין אין הויז דורך דעם זייטיקן אַריינגאַנג, ווי זי וואָלט אומיסטן אויסמיידן די וועראַנדע, כּדי ניט צו צעשטערן די גוטע שטימונג פאַרן אָוונט־ברויט.

די נוירס האָט זיך מיט הילכיקע טריט צוריקגעקערט. זי האָט געטראָגן

אַ טאָץ מיט שפּייז. דאָס איז זיין וועטשערע. געקליבענע און געמאָסטענע שפּייז, וואָס דער דאָקטער האָט פאַרשריבן פאַר זיין דיעטע. גוטע שפּייז, וואָס האָט פאַר אים איינגאַנצן פאַרלאָרן דעם טעם. איין קוק אויף די אַלע גוטע זאַכן האָט אין אים אַרויסגערופן אַן איבל.

די נוירס האָט אַוועקגעשטעלט דעם טאַץ אויף אַ זייטיקן טישל און הויך געזאָגט:

— און אַט וועלן מיר אַ ביסל עסן... איר מוזט שוין זיין היפּשלעך הונגעריק. מירן אָפּעסן — וועלן מיר שטאַרקער ווערן...

ער האָט די ווערטער געהערט ביי יעדן מאָלצייט. זיי זיינען געווען ווי אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק. און זיי האָבן אים דענערווירט. דערפאַר האָט ער זיך אָפּגעקערט און בייז געזאָגט:

— איך וועל ניט עסן! איך בין ניט הונגעריק!... און איך וויל ניט אַן איבעריקן מאָל ברעכן...

— אָבער דער דאָקטער האָט געהייסן...

— צום טייוול מיט אייער דאָקטער!

די נוירס האָט געוואוסט, אַז נאָכדעם ווי ער גיסט אויס דעם כעס אויפן דאָקטער און אַמפּערט זיך מיט איר אַ ביסל, גיט ער זיך אונטער און פּרובירט דערשלינגען אַ ביסל שפּייז. האָט זי געזאָגט:

— אָבער דאָס מאָל וועט איר עסן אַ קליין ביסעלע... איר וועט עס דערשלינגען און ס׳וועט זיין גוט פאַר אייך...

זי האָט אים אונטערגעטראָגן אַ גלאָז זאַפט. ער האָט זיך אָפּגעקערט. זי איז געשטאַנען און געדולדיק געוואַרט. ער האָט געוואוסט, אַז זי וואַרט, אָבער ער איז געווען פאַרעקשנט. געזאָגט:

צוליב וואָס דאַרפט איר מיך מאַטערן מיט שפּייז? איר ווייסט דאָך, אַז איך וועל אויסברעכן מיט ווייטיק און מיט בלוט...

— אָבער היינט אינדערפרי האָט איר גאָרניט געבראָכן. איר האָט געגעסן, און איר זייט פון דעם שטאַרקער געוואָרן. איך בעט אייך, מיסטער פעלד...

ער האָט צוגענומען ביי איר דאָס גלאָז און לאַנגזאַם, מיט איבעררייסן, און ניט קוקנדיק אויף איר, גענומען טרינקען. נאָכדעם האָט זי צוגענומען ביי אים דאָס גלאָז און געבראַכט אַ טעלער מיט עפּעס אַ שיטערן געקעכץ, וואָס זי האָט אים שווייגנדיק, לעפלווייז, צוגעטראָגן צו זיינע ליפּן, אַזוי ווי מ׳האָדעוועט אַ קליין קינד, אָפּגעוואַרט ביז ער האָט אַרונטערגעשלונגען און אָנגעשעפּט אַ צווייטע, אַ דריטע... אָבער אין דער רגע האָט ער זיך שטאַרק פאַרהוסט, גענומען ווערגן זיך. אַלץ האָט אַ שפּאַר געטאָן צוריק. זי האָט שנעל אונטערגעטראָגן אַ פאַיאַנסענע כלי, אין דער פאָרם פון אַ ניר, וואָס איז באַלד אָנגעפילט געוואָרן מיטן זאַפט אינאיינעם מיט דייטלעכע בלוט־פלעקן. ער האָט קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. געזאָגט:

— לאָזט מיך צורו!... איך וויל מער ניט!

די נוירס האָט אים דערלאַנגט אַ גלאָז אייז־וואַסער. ער האָט אַ זופּ געטאָן און זיך אָפּגעקערט, זייער אַ בלייכער און אַן אומגליקלעכער. זי האָט גע־שוויגן. אייליק געבראַכט אַלץ אין אָרדענונג, אַוועקגעטראָגן דעם טאַץ צוריק אין די צימערן, און ווען זי האָט זיך צוריקגעקערט, האָט זי זיך ווידער אַוועקגעזעצט אויף איר אָרט און ווידער אָנגעהויבן בלעטערן אַ זשורנאַל. ביידע האָבן איצט געשוויגן ווי שונאים. פון אים האָט צו איר געשטראָמט אַ שנאה, און פון איר צו אים — אַ טעמפּע גלייכגילט, וואָס האָט אים ווי געטאָן נאָך מער פון האַס. זי איז געווען אַ פּרעמדע. און מיט איר איז ניט שייך געווען צו ריידן וועגן די מאַטערנישן פון זיין יידישן געמיט, וואָס האָט איצט באַדאַרפט ווידוי, פאַרטרויען, טיפע האַרציקייט און נאָך טיפערע פאַרשטענדיקונג. מיט אַ יידישער נוירס וואָלט ער איצט גערעדט. אַ יידישע נוירס וואָלט אים אפשר פאַרשטאַנען. אָבער מיט איר איז ער געווען פאַר־לאָזן און אַליין, ווי ער איז לעצטנס געווען מיטן ווייב, מיטן זון. אַזאַ איינזאַמ־קייט האָט אים געוואָרגן דעם גאָרגל! אַזאַ איינזאַמקייט, וואָס איז נאָך פּיינ־לעכער פון די פיזישע ווייטיקן.

ס'האָט זיך דערהערט אַ גערויש פון אַן אויטאָמאָביל, וואָס האָט זיך דערנעענטערט, און דער גערויש האָט זיך אַלץ פאַרגרעסערט צוליבן שנעלן קלעטערן אויף דעם געדרייטן וועג, אַרויף צו דער „מענשאָן". דער אויטאָ־מאָביל איז מיט שנעלקייט צוגעפאָרן און זיך אָפּגעשטעלט ביים הויז. דאָס איז געווען דער זון מיט דער שנור, וואָס זיינען אָנגעקומען פון אַ דערבייאיקן קעמפּ, וואו זיי האָבן געשפּילט טעניס. דער ווינט האָט דערטראָגן זייער הילכיקן געלעכטער און די אָפּגעריסענע רייד ביז צו דער וועראַנדע.

מיסטער פעלד האָט געזאָגט צו דער נוירס:

— רופט אַריין מיין זון... איך וויל מיט אים דאָ זיין אַליין...

די נוירס איז אַרויסגעגאַנגען. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אַריינגעקומען דער זון, אַ הויכער, ברייטפּלייציקער, מיט אַ שטאַרק־פאַרברוינטן פּנים. נאַכלעסיק געזאָגט:

— „האָר־יו, דעד?"

דער פאָטער האָט ניט געענטפערט אויף דער פראַגע און געזאָגט:

— מאָרגן דאַרפסטו זיין אויף דער קאָנפערענץ פון די מענעדזשערס. דער סעזאָן —

דער זון האָט זיך ביטער פאַרקרימט:

— אָ, דעד!... פאַרוואָס ווילסטו מיר דערהרגענען די בייסבאָל־סעריעס?... מאָרגן עפענען זיך די „סעריעס"... אָ, דעד!

— די געשעפטן זיינען וויכטיקער פון דיינע „סעריעס".

— אָבער איך מוז זיין ביי די „סעריעס!"

— צום טייוול מיט דיינע „סעריעס!"... ווילסט די געשעפטן זאָלן שטאַרבן אינאיינעם מיט מיר? דו דערוואַרטסט דאָך עפּעס צו ירשענען, צי

ניט? האָסט דאָך ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק געפּאָדערט אַ נייע צוואה...

— אַ, דעד, רייד ניט אַזוי!...

— און דו ווילסט נאָך פאַרשווענדן די ירושה איידער מען פירט מיך אַפּ אויפן בית־עולם... פאַרשווענד!...

אים האָט איצט גאָרניט געאַרט. זאָלן אַלע געשעפטן זיינע אונטערגיין. זאָל פון ערגעץ קומען אַ פייער און זיי אַלע אויף איין מאָל פאַרברענען, אײנ־איינעם מיט זיינע הייזער, מיט אַלץ מיט אַנאַנדער. אָבער דאָ האָט ער זיך פּלוצלונג דערמאָנט אָן דעם ביכער־שראַנק מיט די יידישע ביכער און ספרים, דערמאָנט זיך, און שוין אויך זיי געזען ברענען אין די פייערן... אַלץ האָט געברענט. זיין לעבן האָט געברענט אין אַ העלישן פייער... און אין דעם מאָמענט האָט אים אַרומגעכאַפּט אַזאַ מאָדנע הפקרדיקייט, ווי אין דעם געדאַנק אַליין וואָלט געווען אַ זיסע נקמה.

דער שראַנק מיט די יידישע ביכער. וואָס וועט דער זון טאָן מיט אָט־די יידישע ביכער נאָך זיין טויט? וואָס קאָן אַזאַ זון טאָן? ער וועט זיי הייסן אַרונטערטראָגן אין קעלער, אָדער גאָר הייסן דעם „דזשעניטאָר" זיי פאַר־ברענען אין „פּוירנעס". יאָ. ער וועט נאָך דערביי אַליין שטיין און צוקוקן, ווי די פרעמדע הענט וואַרפן זיי אין די פלאַמען, וואָס פאַרצערן באַנד נאָך באַנד... דאָס בילד איז געשטאַנען פאַר די אויגן אַזוי לעבעדיק, ווי ער וואָלט שוין איצט געזען: סטיוו, זייער „דזשעניטאָר", שטייט מיט פאַרקאַשערטע אַרבל ביים אָפענעם מויל פון אויוון און וואַרפט אין די פלאַמען אַריין זיינע באַ־ליבטע ספרים... די פלאַמען כאַפּן אַרום די בלעטער, און די יידישע ווערטער צאַפּלען זיך מיט יעדן אות אין די פלאַמען, ציטערן און ווערן אויסגעלאָשן... אַזוי פיל מאָל אין דער יידישער געשיכטע האָבן שונאים געברענט די הייליקע אותיות, און איצט וועט עס טאָן זיין אייגענער זון...

פּלוצלונג געזאָגט:

— וואָס וועסטו טאָן מיט די יידישע ביכער?... וועסט מסתמא זוכן פּטור צו ווערן פון זיי, פאַרברענען זיי?... זאָג!

דער זון האָט ניט פאַרשטאַנען.

— איך וויים ניט וואָס דו רעדסט, דעד.

— צו־וואָס טויגן דיר יידישע ביכער? צו־וואָס דאַרף דיין גויע די יידישע ביכער? וועסט זיי הייסן אַרונטערטראָגן אין קעלער און זיי פאַר־ברענען אין „פּוירנעס". און וועסט נאָך אַליין צוקוקן, ווי זיי ברענען, דיין טאַטנס ביכער...

דער זון האָט ווידער געזאָגט:

— דו רעדסט, און איך וויים ניט וואָס דו רעדסט, דעד...

— היטלער האָט געברענט יידישע ספרים, און דו וועסט אויך פאַרברענען. עס וועט דיר ניט אָנשטיין צו האַלטן זיך מיט „פרעמדע" ספרים. וועסט זיך שעמען פאַר דיין ווייב מיט די יידישע אותיות... די שעפער ווילסטו ביי

מיר ירשענען, אָבער די יידישע ביכער — אין אויוון אַריין! וועסט זיי פאַר־ברענען? זאָג!

דער זון האָט געשוויגן. ניט געוואָלט מצער זיין דעם קראַנקן פאָטער. ער האָט שוין באַמערקט אין יענעמס אויגן מאָדנע פייערלעך און אינעם פּנים אַזאַ בלייכקייט, ווי אַלע בלוטן וואָלטן פון אים אָפּגעלאָפן, ווי אין אַ רגע פון חלשן. איז ער צוגעגאַנגען צו אים און מיט אַ פלוצלעכער וואַרעמקייט, כמעט מיט רחמנות, אַרויפגעלייגט זיין שווערע אַטלעטישע האַנט אויפן פאָטערס איינגעשרומפּטן אַקסל:

— אָלרייט, דעד, איך וועל זיין ביי דער קאָנפערענץ. און דו דאַרפסט זיך ניט אויפרעגן. איך וועל זיין...

דער פאָטער איז נאָך אַלץ געווען אַ ביסל פאַרעקשנט:

— מיך אַרט ניט! קאָנסט גיין צו די „סעריעס”... זאָל אַלץ אונטער־גיין.

— איך שווער, איך וועל דאַרט זיין און אַלץ טאָן, וואָס דו וועסט מיר הייסן. מאָרגן, גאַנץ פרי, וועל איך קומען צו דיר און נאָכדעם — גלייך צו דער קאָנפערענץ.

דער פאָטער האָט איצט אַ ווײַלע געשוויגן. ערשט שפּעטער האָט ער, ווי פאַרזעצנדיק אַן אייגענעם געדאַנק, געזאָגט:

— מיט אַ סעזאָן קאָן מען ניט זיין אַזוי, אָדער אַנדערש. ס'מוז זיין צו דער רגע... אַזוי ווי אַ זייגער דאַרף עס גיין, אָן אָפּשטעל... און זאָג קיינעם ניט, אַז איך שטאַרב. ווי נאָר זיי וועלן וויסן — קאָנסטו זיך אָפּזעגענען מיטן סעזאָן.

— רייד ניט אַזוי, דעד. דו וועסט לעבן און געזונט זיין.

דער פאָטער האָט אַ קריץ געטאָן מיט די ציין:

— ס'אַ ליגן!

דער זון איז געשטאַנען אין אַ פאַרלעגנהייט. געוואָלט אים נאָכאַמאָל טרייסטן, אָבער ער האָט שוין מורא געהאַט. געשטאַנען און געשוויגן. דער פאָטער האָט פלוצלונג געזאָגט:

— נו, גיי. איך וויל זיין אַליין אַ ווײַלע. מיר וועלן ריידן מאָרגן.

דער זון איז אַוועק. מיסטער פעלד האָט צוגעמאַכט די אויגן. ער איז געווען מיד. מיד פון אויפרעגונג. פון שטענדיקן כעס. ערשט אין אַ מינוט אַרום געעפנט די אויגן. דערזען די ווייב. זי האָט זיך מיט לאַנגזאַמע טריט געהויבן איבערן וועג צו דער „מענשאָן”, באַלד פאַרקערעוועט אַרום ווינקל פון הויז און פאַרשוואונדן. דאָס איז געווען זיין ווייב. און זי איז געווען ווי אַ פרעמדע צוליב איר געזונטקייט. יעדער מענטש לעבט אַליין. יעדער לעבט זיין אייגן לעבן. אפילו מאַן און ווייב. אָבער צווישן דער געזונטער ווייב און דעם שטאַרבנדיקן מאַן עפנט זיך אַן אָפּגרונט. האָט עס אים פאַרדראָסן, ווייל אַט איז זי נאָכאַמאָל געקומען פון איר באָדן זיך און אַפילו זיך ניט אָפּ־

געשטעלט ביי דער ווערּאַנדע זאָגן אַ וואָרט, ווי אויסגעמידן, אומיסטן...

טרערן האָבן פאַרוואָרגן דעם גאָרגל. ס׳האָט זיך געוואָלט וויינען, ווי אַ קינד. איז דאָס געווען דער טיפער פאַרדראָס אויפן גורל איבערצולאָזן די וועלט אין סאַמע מיטן פון אַ דערפאָלגרייכן לעבן? יאָ. ס׳האָט פאַרדראָסן דאָס כלומרשטע רחמנות פון אַנדערע. דאָס האָט ווי געטאָן און דערבידעריקט, ווי אַ ליגן. ווייל, סוף כל סוף, וועלן זיי אַלע בלייבן לעבן און ער אַליין וועט דאַרפן שטאַרבן. זיי אַלע וועלן טאָן אַלץ, וואָס זיי האָבן ביז איצט געטאָן — הנאה האָבן פון לעבן דורך אַלערליי מיטלען, ערלעכע און אומערלעכע, און נאָר ער אַליין איז פאַרמשפּט...

ער האָט אָפּגעווישט די טרערן, וואָס זיינען געלאָפן איבער די באַקן און געוואַרט, אַז די נוירס זאָל אַריינקומען. אָבער אַנשטאָט דער נוירס איז אַריינגעקומען די ווייב. זי האָט גלייך אָנגעצויגן אויפן פּנים אַן איבערגע־טריבענע ליבשאַפט און זאָרג, ווי זי וואָלט זיך געקליבן אויסצושפּילן אַ ראָל. געזאָגט:

— האָסט עפּעס געגעסן, טייערער? די נוירס זאָגט, אַז דו זאָגסט זיך אָפּ צו עסן...

— איך קאָן ניט עסן. פאַרשטיי: איך קאָן ניט!

— אָבער דו מוזט, דו מוזט!

— אָבער איך קאָן ניט! איך קאָן ניט!

ער האָט כמעט געשריען.

— אָבער דו מוזט צוריקגעווינען דיין געזונט. ווען דו עסט כאָטש אַ ביסעלע, וואָלסטו שנעלער געזונט געוואָרן.

זי האָט זיך איבערגעבויגן איבער אים און אַ קוש געטאָן אים אויפן שטערן מיט אַ מאָדנעם קאַלטלעכן קוש, און גלייך ווי זי וואָלט געוואָלט פאַרגיטיקן פאַרן קוש, פּלוצלונג מיט אַ סך וואַרעמקייט געזאָגט:

— אָ, מיין טייערער, ליבער היימי!...

פון איר געזונטן, אויסגעכאַליעטן קערפּער האָט אַ שלאָג געטאָן מיט ריחות פון טייערן פּודער און אָנגענעמע פאַרפומען. זי האָט זיך אויסגעגלייכט און ווידער מיט פאַרזאָרגטקייט געזאָגט:

— האָט דיך היינט די נוירס געבאָדן, טייערער?

איר פראַגע האָט דערמאָנט, אַז פון אים האָט טאַקע געטראָגן אַ קראַנקער ריח. יאָ, פון אים האָט זיך געהערט אָט־דער ריח פון טויט. אַ סם אַזאַ, וואָס האָט אַרויסגעשלאָגן אינאיינעם מיטן שוויס און געבליבן אויף זיין בלייכ־לעכער, דיך־געוואָרענער הויט. אָט־דער סם איז געווען אין די אָפּגעשוואַכטע מוסקלען, אין די בלויע אָדערן, וואָס האָבן זיך אויסגעשפּרייט אויף די הענט און פיס. האָט ער אַ קוק געטאָן מיט אַן אַרויסרוף אין אירע אויגן און געזאָגט מיט אַ מין רעזיגנאַציע און פּראָטעסט אינאיינעם:

— ניין, וואַשן וועט מיר ניט העלפן. זעסט דאָך: איך שטאַרב... און

פאַרוואָס זאָגסטו ניט: „היימאַן פעלד, דו שטאַרבסט. פון דיר טראָגט אַ ריח פון טויט און צעפאַלונג.‟ פאַרוואָס זאָגסטו דאָס ניט?

ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט צוגעבן, אָבער זי האָט אויסגעשריען אין פאַרצווייפלונג:

— רייד ניט אַזוי!... אַזוי!... איך פאַרבאָט דיר צו ריידן אַזוי!... דו רעדסט אַזוי כדי מיר ווי צו טאָן... ווייניק לייד איך נאָך צוליב דיין געזונט?.. פאַרוואָס רעדסטו נאָר וועגן טויט? פאַרוואָס מאַטערסטו אונדז אַלעמען? אָ, גאָט מיינער, גאָט מיינער!...

ער האָט באַמערקט, ווי זי האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן צו פינטלען מיט די אויגן, געפינטלט, געפינטלט און געמאַטערט זיך אַרויסצורופן ווייך־קאָנ־וואולסיעס. ענדלעך האָט זיך איר פּנים אויסגעקרימט אין אַ באַקאַנטער גרימאַסע און זי האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט:

— איך וויל דיר העלפן... מיר אַלע ווילן דיר העלפן... עס קומען דיך באַזוכן פריינט, און דו טרייבסט זיי אַוועק פון זיך... פאַרוואָס? פאַר־וואָס?!...

זי איז אָפּגעטראָטן און גענומען אָפּווישן די טרערן מיט אַ טיכעלע. ער האָט פּלוצלונג דערפילט אַ מאָדנע עקשנות אין זיך. די עקשנות פון אַ קינד:

— פאַרוואָס? ווייל איך שטאַרב! און... איך וויל ניט שטאַרבן! איך וויל ניט!... דו הערסט — איך וויל ניט!...

און אַזוי מאָדנע האָט פאַר אים אַליין געקלונגען אָט־די קינדערשע עקשנות זיינע, זיין איבערחזרן: „איך וויל ניט!... איך וויל ניט!...‟ פונ־דעסטוועגן האָט ער געפונען פאַר נייטיק גראָד נאָך אַ מאָל איר אַ וואָרף צו טאָן אין פּנים אַריין באַשולדיקונגען:

— און איך קאָן ניט פאַרטראָגן אייער ליגנערישע טרייסט, איך קאָן ניט!... איר קומט אַהער מיך פּייניקן מיט אַ ליגן. פאַרוואָס קומט איר ניט און זאָגט: שטאַרב! צוליב וואָס מאַטערסטו אונדז? אָט שטייסטו איבער מיר און וויינסט... הער אויף! וועסט נאָך צייט האָבן מיך צו באַקלאָגן, ווען איך וועל זיין טויט...

ער האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, כדי איר ווי צו טאָן. אָבער אין דער רגע האָט ער באַמערקט ווי די ווייב איז שנעל צוגעלאָפן צום שטול, אין וועלכן די נורס איז אַלע מאָל געזעסן, אַריינגעפאַלן אין אים, ווי זי וואָלט געזוכט אָפּצוענטפערן אויף זיינע קאַפּריזנע רייד מיט אָפּשפּילן אַ שטיקל סצענע אויף איר אייגענעם אופן. זי האָט זיך הויך און ביטער פאַנאַנדער־געכליפּעט. אירע פּלייצעס האָבן זיך געוואָרפן אין קאָנוואולסיעס, ווי זי וואָלט ניט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם.

דאָס האָט אים אַריינגעבראַכט אין כעס:

— הער־אויף מיך צו באַקלאָגן! און איך וויל ניט קיין סצענעס! זי האָט ניט געענטפערט. אויפגעשטאַנען און אַזוי, אַ וויינענדיקע, אַוועק־

געלאָפן אין די אינעווייניקסטע צימערן, אַוועקגעלאָפן מיט פּראָטעסט און געפאַלנקייט.

ער איז געבליבן זיצן אַן אויסגעליידיקטער. אָבער דאָס האָט געדויערט בלויז אַ קליינע וויילע. ווייל באַלד האָט ער דערפילט ווייטיקן. פריער טעמפּע, נאָגנדיקע און נאָכדעם — שאַרפע. אָט, דאַכט זיך, אין אַ זייט און אָט — שוין אין די נידעריקע טיילן פון בויך און באַלד — אַן איבלדיקייט, וואָס האָט געדריקט דעם גאָרגל, ווי אומזעבאַרע הענט וואָלטן צונויפגעדריקט דעם האַלדז און געוואָרגן, געוואָרגן. אַ שרעק האָט אויפגערודערט דאָס האַרץ. אפשר איז דאָס געווען דער טויט? ער האָט גענומען שרייען:

— נוירס, נוירס!...

די נוירס איז באַלד אויסגעוואַקסן לעבן אים, ווי זי וואָלט די גאַנצע צייט געשטאַנען דאָ, באַלד הינטער דער טיר.

— די נאָדל!...

— אָבער מיסטער פעלד...

— די נאָדל! די נאָדל!...

די נוירס איז אָפּגעטראָטן צום טישל מיט די מעדיקאַמענטן.

ד.

אויף מאָרגן איז די זון ניט אויפגעגאַנגען. שווערע וואָלקנס האָבן פאַרצויגן דעם הימל. פון גאַנץ פרי־אַן האָט אַ טומאַן זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן טייך און געבליבן הענגען אויף זיינע וואַסערן. ביסלעכווייז האָט גענומען פאַלן אַ דריבנער רעגן. די טעמפּעראַטור איז פלוצלונג געפאַלן ביז פופציק. און פאַר די מענטשן, וואָס האָבן זיך יענעם טאָג אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איז געווען מאָדנע: אָט איז געווען זומער, און אָט האָט זיך שוין געפילט דער קאַלטער אָטעם פון ווינטער.

מיסטער פעלדן האָט מען נאָך גאַנץ פרי געמוזט אַריבערפירן אין די אינעווייניקסטע צימערן. מ׳האָט באַלד געהייסן דעם „קערטייקער" דורכהייצן דאָס הויז, און די נוירס האָט געהאַלטן אין איין איינדעקן דעם קראַנקן מיט קאָלדרעס, דערביי ניט אויפגעהערט צו ריידן וועגן וועטער, ווי דאָס וואָלט געווען אַ פלוצלעכע קאַטאַסטראָפע.

דער זון איז אַריינגעקומען אָנזאָגן דעם פאָטער, אַז ער פאָרט צו דער קאָנפערענץ. געוואָלט אויסהערן עצות. געפרעגט פראַגעס, אויף וועלכער דער פאָטער האָט געענטפערט מיט קאַרגע ווערטער. אים איז איצט געווען אַלץ איינס. פאַרקערט. ס׳האָט אים הנאה געטאָן, וואָס דער זון האָט אַרויסגעוויזן פאַרלעגנהייט, וואָס זיין פּנים איז געווען פאַרזאָרגט. עס האָט אים אויך הנאה געטאָן וואָס די „סעריעס" וועלן, צוליבן וועטער, היינט ניט געעפנט ווערן. אין דעם איז געווען ביטערע נקמה. אַן אָנהייב פון אַ סוף.

ס׳איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס די דערעפענונג פונעם „סעזאָן״ וועט זיך אָנהויבן אָן אים. ביי די פריערדיקע קאָנפערענצן איז ער געווען דער „גענעראַל״, וואָס אַלע פּאַרוואַלטערס זיינע האָבן אים אַרומגערינגלט ווי אָפּיצערן פאַר אַ שלאַכט. ער אַליין פלעגט קומען צו זיי מיט דער גאַנצער „סטראַטעגיע״. פאַר אים איז געווען דאָס גרויסע געשעפט, ווי אַן אָפּן פעלד. ער האָט געזען יעדן פּונקט. מיט אַן אינערלעכן אויג פלעגט ער באַנעמען וויזיעס פון נייע זיגן. און איצט האָט ער, צום ערשטן מאָל, געשיקט זיין אומדערפאַרענעם זון אָנפירן מיט קאָמפּליצירטע געשעפטן. אין דעם אַליין איז שוין געווען אַ ביטערער חוזק און אַן אָנהייב פון סוף פון אַ סך זאַכן אינאיינעם: פון זיין לעבן, פון די געשעפטן, פון דער פאַמיליע.

דער זון איז פלוצלונג געוואָרן אומגעדולדיק. מיט איינגעהאַלטענעם כעס געזאָגט:

— פאַרוואָס זאָגסטו מיר ניט וואָס צו טאָן?

— ווייל ס׳איז דיין געשעפט. דיין זאָרג. נעם מיך אַרויס פונעם בילד... דאָס געשעפט קאָנסטו פון מיר ירשנען. אָבער די פירונג — דאָס וועט שטאַרבן מיט מיר אינאיינעם... גיי!

דער זון האָט זיך מיט כעס אַ ריס געטאָן פונעם אָרט און מיט שנעלע טריט אַרויס.

שוין יענעם פרימאָרגן האָט מען, אין איילעניש, באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די זומער־היים און צוריקצוקערן זיך אין שטאָט. מ׳האָט זיך גענומען פּאַקן. די דינסטן, די קעכין, די נורס, און דער שאָפער האָבן געהאָוועט, געטראָגן זיך אין איילעניש פון איין צימער אינעם צווייטן.

נאָך מיטאָג זיינען אָנגעקומען די „עקספרעס״־לייט און אָנגעהויבן אַראָפּטראָגן די וואַליזעס. אַ ביסל שפּעטער איז אויך אָנגעקומען דער אַמבולאַנס מיט אַ יונגן דאָקטער אָוועקצופירן דעם קראַנקן אין שטאָט. מ׳האָט מיסטער פעלדן אַרויפגעלייגט אויף אַ טראָג־בעטל, איינגעוויקלט אים אין וואָלענע דעקעס, שטייף, ווי אַ מומיע, און אים אַרויסגעטראָגן אינעם רעגנדיקן דרויסן. די נורס איז געגאַנגען ביי דער זייט און געהאַלטן איבער אים אַ גרויסן שוואַרצן שירעם, באַשיצנדיק אים פון די רעגן־טראָפּנס. ער האָט אפילו קיין צייט ניט געהאַט אַ קוק צו טאָן, צום לעצטן מאָל, אויף דער סביבה פון זיין זומער־היים. אַזאַ איילעניש איז ביי אַלעמען געווען. און ווי נאָר מ׳האָט אים אַריינגערוקט אין דעם אַמבולאַנס האָט זיך שוין דער אַמבולאַנס אַ ריר געטאָן און גענומען לויפן מיט גרויסער שנעלקייט איבערן שאָסעי, דורכגעשניטן שטעטלעך מיט אַ געשריי פון דער אַלאַרמירנדיקער סירענע. די גומענע רעדער האָבן ניט אויפגעהערט צו פּאַטשן איבערן נאַסן אַספאַלט און אַרויסגעבראַכט זייער אומענדלעכן, מאָנאָטאָנעם געשריי.

מיסטער פעלד האָט געזען ווי הויפנס רעגן האָבן געשמיסן איבער די שויבן פונעם אַמבולאַנס און זיך אַראָפּגעגאָסן אין איילנדיקע ריטשקעלעך אַן

אָן אויפהער. קיין וויטיקן האָט ער ניט געפילט. ערשט מיט אַ האַלבער שעה פריער האָט מען אים „געגעבן די נאָדל״, איז ער געווען ווי אין אַ לייכטן חלום, באַפרייט פון אַלע שוועריקייטן. צוקאָפּנס איז געזעסן די נוירס. צופוסנס — דער דאָקטער. זיי האָבן ניט גערעדט. אפשר כדי ניט צו שטערן און אפשר ווייל ס׳איז ניט געווען פון וואָס צו ריידן. ס׳איז געווען אַ פרעמדע וועלט. זינט ער איז קראַנק געוואָרן, איז ער געווען אין פרעמדע הענט. דאָקטוירים, נוירסעס, אַמבולאַנסן־שאָפערס. זיי אַלע האָבן זיך געעסקט אַרום אים און געווען פרעמדע. אפילו די אייגענע זיינען דורך דער צייט פאַרפרעמדט געוואָרן.

אין שטאָט איז מען אָנגעקומען שפּעט נאָך מיטאָג. ס׳איז שוין געווען טונקל. מ׳האָט דעם קראַנקן ווידער אַרויסגערוקט און אַזוי, מיטן טראָגבעטל, אַריינגעטראָגן אינווייניק. דער טיר־היטער, אָנגעטאָן אין זיין לאַנגער אוניפאָרם, האָט אַ שליך געטאָן פאַרביי די טרעגער און באַגריסט דעם קראַנקן:

— גוטן־אָוונט, מיסטער פעלד!... ווילקאָמען אַהיים!... איר זעט אויס בעסער!...

מיסטער פעלד האָט די לעצטע פאָר ווערטער קוים אויפגעכאַפּט. אָבער ער האָט צייט געהאַט אַ טראַכט צו טאָן, אַז אויך דער טיר־מאַן איז אַ ליגנער.

אין דער היים איז געווען וואַרעם. ליכט האָט געברענט אין אַלע צימערן, ווי צו אַ גרויסן יום־טוב. אין די גראַמע צימערן איז געווען אַן אויפלעבונג. באַלד זיינען אויך אָנגעקומען די ווייב מיט דער דינערשאַפט. מ׳האָט טעלעפאָנירט אין די שפּייז־געשעפטן, און די קעכין האָט אָנגעהויבן גרייטן די וועטשערע. דער דאָקטער האָט זיך פאַרהאַלטן אַ ביסל לענגער און יעדע צען מינוט, אויס געוואוינהייט, אָנגענומען דעם קראַנקנס פּולס, געפּרעגט פּראַגעס — סתם אַזוי און גלייך איבערגעגאַנגען אויפן וועטער. ווייל גראָד דאַן האָט זיך פונעם האָדסאָן דערטראָגן אַ געשריי פון סירענעס, וואָס די שיפן און פּעריס האָבן אַרויסגעשיקט פונעם געדיכטן נעבל. די סירענעגעשרייען האָבן זיך מיט מאַטערניש אַדורכגעריסן דורך די שווערע טומאַנען — פאַרדומפּט און הילכיק אינאיינעם. אָבער מיסטער פעלד האָט ניט געוואָלט ריידן. ניט וועגן זיך און ניט וועגן וועטער. געוואַרט, אַז דער דאָקטער זאָל אַוועקגיין. ער איז געווען מיד פון דער רייזע. ער האָט געוואָלט זיין אַליין.

אָבער מ׳האָט אים ניט געלאָזט זיין אַליין. די נוירס האָט געהאַט אירע עסקים מיט אים. דער זון איז אָנגעקומען פון דער קאָנפערענץ מיט די פאַרוואַלטערס. ער איז געווען אויפגעלייגט, און ווי אַ ייִנגל, וואָס ברענגט צום ערשטן מאָל אַ גינסטיקן באַריכט־קאַרטל, האָט ער צופרידן געשמייכלט און מיט אַלע איינצלהייטן איבערגעגעבן די באַשלוסן וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן פאַרן נייעם סעזאָן. מיסטער פעלד האָט שווייגנדיק אויסגעהערט די האָפערדיקע רייד

פונעם זון, נאָכדעם האָט ער אָפּגעקערט זיין בליק אָן אַ זייט און האָט שטיל געזאָגט:

— עס וועט ניט אַרבעטן!

דער זון האָט זיך פאַררויטלט:

— פאַרוואָס, דעדי?... זיי זיינען דאָך אַלע דערפאַרענע ביזנעס לייט, זיי ווייסן, וואָס ס׳איז בעסער...

אויף אַ מאָמענט האָט זיך אין מיסטער פעלדס קאָפּ עפּעס אַ ריר געטאָן. ווי אַ טויטלעך־פאַרוואונדעטער גענעראַל, וואָס וויל ניט אויפגעבן דעם קאַמף ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, האָט ער געזאָגט:

— דער פּלאַן איז גוט פאַר געוויינלעכע יאָרן. היינט זיינען אַנדערע צייטן... דער פּלאַן איז גוט פאַר די פאַרוואַלטערס. זיי זיינען געוואוינט צו אַ רוטין. ווייטער פון זייערע נעז זעען זיי ניט. און היינט איז אַן איבער־גאַנגס־צייט... און אַ סעזאָן — דאָס איז אַן אידייע!... אַ נייע אידייע אין געשעפט — דאָס איז אַ נייע נשמה, אַ ניי לעבן...

ער האָט זיך דערמאָנט ווי אַזוי ער האָט מיט בליץ־שנעלקייט באַנומען די מעגלעכקייטן ביים סאַמע אָנהייב פון דער גרויסער מלחמה, ווי איין „אידייע" האָט אין זיין מאַרך פאַרביטן אַ צווייטע, אַ דריטע... יעדע אידייע איז געבאָרן געוואָרן אין זיין מאַרך, גלייך ווי אַ קערנדל וואָס אַ מענטש פאַר־זייט אין דער פרוכטבאַרער ערד. און ס׳איז אַלע מאָל פון דעם אויסגעוואַקסן דערפאָלג. יעדע נייע אידייע זיינע האָט געמערט און געשטאַרקט זיינע געשעפטן, געמאַכט אים מעכטיק אין דער אינדוסטריע, געבראַכט ריווח.

ער האָט געוואָלט זאָגן דעם זון. אָבער ער האָט עס ניט געזאָגט. אַ געפיל פון טאָטאַלער רעזיגנאַציע האָט אים ווידער אויסגעלאָשן. ער האָט אָפּ־געווענדט זיינע אויגן און געשוויגן. דער זון איז געשטאַנען אַ צעטומלטער. זיין געמיט איז ווידער געפאַלן. מיט אַלע חושים געפילט, אַז דער פאָטער וואָס איז קראַנק און געבראָכן און שוין געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט נאָך פאַר־מאָגט אַ כוח, פאַר וועלכן ער, דער געזונטער, האָט איצט מורא געהאַט, ווי אַ פאַראורטיילטער.

דער פאָטער האָט געזאָגט:

— נו, גיי. איך בין מיד!

דער זון האָט זיך דערפרייט. געאיילט זיך אַרויסצוגיין פון צימער.

ה.

יענע נאַכט איז מיסטער פעלד זייער ווייניק געשלאָפן. ס׳איז געווען אַ נאַכט פון פיזישע ווייטיקן און קאָשמאַרן. די „פעריס" האָבן ניט אויפגע־הערט צו שרייען פונעם נעבל, ווי זיי וואָלטן זיך געטרונקען, אָבער די קלאַנ־גען זיינען דערגאַנגען פאַרדומפּטע און איבערגעריסענע, ווי אַ געשריי פון

אַ פֿאַרוואָרגענעם האַלדז. אַ גאַנצע נאַכט האָט דער ווינט פֿאַרשפּרייט אַ מורא. דערפֿאַר האָט פֿעלד געזען אַלערליי זעאונגען: האַרבסטן פֿון זיין יוגנט. אָפּגעפּליקטעביימער, ווי שדים און בייזע מכשפות וואָלטן זיי אויסגעטאָן נאַקעט פֿאַר דער האַרבסטיקער קעלט, געלאָזן זיי פֿאַרשעמטע פֿאַר ערד און הימל. ביי די וואָרצלען וואַלגערן זיך אַרום צעפּוילטע בלעטער, אָפּגעבראָכענע צווייגלעך. אין די סעדער פֿוילן די לעצטע אָראָפּגעפֿאַלענע עפּל און באַרן אויף דער נאַסער ערד. ביטאָ אין די בלעטער און גראָזן און פּרוכטן קיין פֿאַרב, קיין גלימער פֿון זון אין זייערע אָדערלעך. האַרבסט האָט אויסגעלאָשן דעם זומער.

האַרבסט האָט אויסגעלאָשן דעם זומער. מענטשן האָבן צונויפֿגעשאַרט מיט שפּיציקע גראַבליעס די אַראָפּגעפֿאַלענע, פֿאַרטריקנטע בלעטער און זיי פֿאַרברענט, איידער ס'איז נאָך געקומען דער שניי זיי צו פֿאַרדעקן. מיט אַ טאָג פֿריער האָט ער באַמערקט אַרום זיין זומער־היים די פֿריילעכע רויכלעך, וואָס זיינען דאָ און דאָרטן צווישן די ביימער אויפֿגעגאַנגען און פֿאַרשוואונדן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ זיסלעכן ריח פֿון געברענטע בלעטער. דאָס האָט דער גערטנער אונטערגעצונדן די קופּקעס בלעטער, אונטערגעצונדן איין בערגל נאָכן אַנדערן — און בלעטער זיינען פֿאַרגאַנגען מיטן פֿלאַם און מיטן רויך, ווי ניט געווען... און ווידער איז געקומען דער דמיון, דער געדאַנק, אַז נאָך זיין טויט וועט דער זון פֿאַרברענען די ביכער, די יידישע ספֿרים, וואָס ער האָט אָפּגעהיט אין זיין היים. ווידער האָט אויפֿגערעגט זיין מאַרך אַ קאָשמאַר פֿון ברענענדיקע יידישע אותיות, וואָס פֿאַרגייען אין פֿלאַמען פֿון אַ שייטערהויפֿן, ווי הייליקע קרבנות פֿון אַ מאַרטירערישן פֿאָלק, וואָס הערט ניט אויף אָוועקצוגעבן דעם טויט דאָס טייערסטע, כדי צו לעבן אין אייביקייטן.

איינדערפֿרי, נאָכן באַזוך פֿונעם דאָקטאָר און נאָך דער גאַנצער רוטין פֿון דעם קראַנקן צימער־רעשים, האָט מיסטער פֿעלד אַלעמען איבערראַשט מיט דער פּלוצלעכער פֿאָדערונג אַריבערצוטראָגן אים מיט זיין בעט און מעדיקאַמענטן אין ביבליאָטעק־צימער. דאָס האָט זייער אויפֿגערעגט די ווייב און די נוירס, פּונקט ווי אַ נייע טראַגעדיע וואָלט פּלוצלונג באַפֿאַלן דאָס הויז. און וויפֿל מ'האָט ניט איינגעטענהט מיט אים, האָט ניט געהאָלפֿן. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז ס'איז קעגן אַלע היגיענישע פֿאָרשריפֿטן פֿון אַ קראַנקן־צימער, די נוירס — אַז ס'איז געווען זייער ווייט פֿון דער קיך, אַז ס'איז אין יענעם צימער ענג און אומבאַקוועם, און די ווייב האָט אַפֿילו אַרויסגעלאָזט אַ טרער, אָבער דער קראַנקער האָט אויסגעפֿירט זיינס. מ'האָט אים געמוזט אַריבערפֿירן מיטן בעט אין ביבליאָטעק־צימער.

דאָ האָט זיך דער קראַנקער טאַקע דערפֿילט אַ סך היימישער. עפּעס ווי נייע כוחות וואָלטן געשטייפֿט זיין קערפּער. דער צימער איז געווען אויסגעשטאַט פּונקט ווי אַלע מאָל. קיין זאַך האָט זיך דאָ ניט געענדערט

אין יאָרן. שווערע בילדער אויף איין וואַנט. אַ צווייטע וואַנט האָבן פאַר־נומען די פּאַליצעס מיט ביכער, און נאָר אין אַ ווינקל, פאַררוקט הינטערן שרייבטיש, איז געשטאַנען זיין אייגענער שראַנקל מיט די יידישע און העב־רייאישע ביכער און ספרים. אויף אַ זייטיקן טישל איז געשטאַנען דער קליי־נער פאָנאָגראַף־אַפּאַראַט.

זיין ביכער־שראַנק איז געשטאַנען, ווי אַלע יאָרן, און הינטער די גלע־זערנע טירלעך זיינען געשטאַנען די יידישע, היפּשלעך פאַרעלטערטע, ביכער אין שכנות מיט די ענגלישע ביכער אין קינסטלערישע „דזשעקעטס", אויסגע־שטעלטע אויף די רחבותדיקע פּאַליצעס. אָ, ווי ער האָט זיי פאַרוואָרלאָזט! אַזוי פאַרנאַכלעסיקט אַ רייכער זיין אָרים־געפאַלענעם ברודער, אָדער אַן אָרימען גוטן־פריינט. זיי זיינען איצט פאַר אים געשטאַנען ווי אָרימע, פאַרשעמטע קרובים פאַר דער רייכקייט פון זיין היים. עפּעס האָט אַ ריר געטאָן זיין האַרץ ביז ווייטיק. ס'איז געווען ווי זיי וואָלטן געווען נאָענטע קרובים, וואָס זיינען געקומען באַווייגען זיין איינזאַמען גורל ביים סאַמע שוועל פון טויט...

פעלד האָט געהייסן דער נוירס אַרויסנעמען פאַר אים עטלעכע בענד. די נוירס איז צוגעקומען צום שראַנק און געבליבן שטיין.

— וועלכע?

— קיין חילוק ניט. וואָס ס'וועט דיר קומען אונטער דער האַנט!

זי האָט פאַרזיכטיק געעפנט די טירלעך און אַרויסגענומען עטלעכע בענד מיט דעם אומבאַקאַנטן אָפּדרוק אויף די רוקנס. נאָכדעם האָט זי זיי געטראָגן, ווי מ'טראָגט עפּעס אַ גאָר־גאָר פרעמדע און געהיימניספולע זאַך. די ביכער אין אירע הענט זיינען פאַרן קראַנקן געווען אַ מאָדנע פּאַטעטישע דערשיינונג. ס'איז געווען ווי אָט די פרעמדע פרוי וואָלט איצט געטראָגן אָפּגעריסענע שטיקער פון זיין לעבן.

ער האָט צוליב עפּעס געזאָגט:

— דאָס זיינען יידישע ביכער... איך בין אַ ייד!

די נוירס האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און ניט געענטפערט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט אַרויסצוזאָגן אַ געדאַנק, וואָס איז געווען אין איר קאָפּ. זי איז אָפּגעטראָטן צום טישל מיט די מעדיקאַמענטן און זיך פאַרנומען מיט איר רוטינער אַרבעט.

דער ערשטער באַנד, וואָס מיסטער פעלד האָט געעפנט, איז געווען אַ זאַמלונג פון שלום־עליכמס קינדער־דערציילונגען. ער האָט די דערציי־לונגען אין זיין יוגנט אַזוי פיל מאָל געלייענט און פאַרגעלייענט פאַר אַנדערע. אין זיי איז געווען אַזוי פיל אמתדיקייט, ווי ער וואָלט איצט געזען זיין אייגן לעבן אָפּגעשפּיגלט אין דעם ריינסטן קוואַל פון זיין קינדהייט. ס'איז געווען גוט און אומעטיק צו דערמאָנען די אייגענע קינדהייט. די פרייד פון לעבן האָט זיך געמישט אין זיין קראַנקן געמיט מיט די שאָטנס פון טויט, ווי מיט

אַ טאָג פריער — די פאַרבן פון דעם פאַרגייענדיקן זומער, וואָס איז שוין איצט ניט געווען. די היים איז געווען צעשטערט. דאָס לעבן איז געווען צעריסן. קיין זאַך האָט ניט געקאָנט ווערן גאַנץ. אַלץ איז געווען אין דער פאַרגאַנגענהייט. אַפילו לייענען אַ בוך איז שוין ניט געבליבן קיין כוח. אַלץ איז געווען פאַרפאַלן, פאַרפאַלן.

ער איז אויף אַ ווײַלע געבליבן אין אַ פאַרגעסונג. און פּלוצלונג האָט אים אויפגעוועקט אַ געדאַנק, אַז די ביכער קאָנען נאָך געראַטעוועט ווערן. זיי קאָנען נאָך קומען „אַהיים" און געפינען זייער פאַרלאָרענעם תיקון. געהייסן דער בוירס אויפזוכן אין דעם טעלעפאָן־בוך דעם נאָמען פונעם לאַנדסמאַן, וואָס פלעגט צו אים אַמאָל קומען נאָך יידישער שטיצע. באַשטאַנען אויף דעם, אַז ער אַליין זאָל טאַקע ריידן מיטן לאַנדסמאַן.

און שוין יענעם נאָכמיטאָג איז געקומען דער לאַנדסמאַן מיט אַנדערע צוויי יידן, האָבן זייער פאַרזיכטיק און אָן טומל, ווי מ'האָט זיי פריער אָנגעזאָגט אין די פאָדערשטע צימערן, געבונדן די ביכער מיט שטריקלעך אין באַזונדערע פּעקלעך. זיי זיינען געווען ערנסט־שווייגנדיק, די יידן, און זיך באַוועגט, ווי פרומע חברה־קדישא־לייט אַרום אַ הייליקן נפטר.

מיסטער פעלד האָט נאָכגעפאָלגט זייערע טונקעלע פּנימער און שטילע באַוועגונגען, ווי ס'וואָלט פאַר זיינע אויגן אָפּגעריכט געוואָרן אַ הייליקער ריטואַל איבער זיין אייגענעם טויט.

נאָכדעם האָבן די יידן מיט פּאַרכטיקייט אַרויסגעטראָגן די ביכער, פּעקל נאָך פּעקל, און שפּעטער — די פּלאַטן מיטן פאָנאָגראַף־קעסטל און צולעצט — דעם פאַרעלטערטן שראַנק. און אַז זיי זיינען צום לעצטן מאָל אַוועק, איז געווען ווי מ'וואָלט אַרויסגעטראָגן זיין אייגן לעבן, כדי עס זאָל זיך צוריק קיינמאָל ניט צוריקקערן.

האָט מיסטער פעלד אַ טיפן זיפץ געטאָן און, אַ דערלייכטערטער, אויסגעהויכט זיין נשמה.

1949

שנאה

א.

דער בלינדער איז געווען אַ ייד און זיין ווייב — אַ קריסטין.

ער איז געבאָרן געוואָרן אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סייד, אין אַן אָרימער יידישער פאַמיליע, וואָס איז אַהער געקומען פון אַ קליינעם רומע־נישן שטעטל. און זי איז געבאָרן געוואָרן אין דער ווייטער אַמעריקאַנער וועסט, אין אַ קליינעם פאַרם־הייזל, צווישן ברייטע פעלדער, וואָס האָבן זיך געענדיקט וויט ביי די פיס פון בלוילעכע בערג. די בערג האָבן זיך אין די אויבן געדרויכערט אַנטקעגן די טומאַנען, וואָס האָבן זיך יעדן פאַרנאַכט געהויבן פון די אָרומיקע טאָלן.

דאָס פּאָרל האָט איצט געוואוינט אין אַ ווייטער שטאָטישער געגנט, אין אַ בוידעם־שטיבל פון אַן אַלטן גרויסן הויז, געבויט אין אַן אַלטפרענקישן סטיל פון אַ פריערדיקן יאָרהונדערט. דער צימער איז געווען קליין און נידעריק. דער דאַך איז כמעט געלעגן אויפן קאָפּ. אַזוי קליין איז געווען אָט דער צימער, אַז ער האָט אויסגעזען ווי עפּעס אַ שטיק ווינקל אונטערן סאַמע דאַך. זיינע ווענט האָבן טאַקע געטראָגן דעם ווינקלדיקן געבוי פון דעם דאַך און האָבן מיט די קליינע קוואַדראַט־פענצטערלעך קוים אַרויסגע־קוקט אין דער ווייטער, הינטערשטאָטישער פוסטקייט אַריין.

קיינער האָט ניט געוואוסט, ווען און פון וואַנען דאָס פּאָרל האָט זיך גע־נומען אין אָט דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל פון דער שטאָט. אין די פרימאָרגנס האָט מען זיי געזען שפּאַנען מיט לאַנגזאַמע טריט צו דער ווייטער, הינטער־שטאָטישער סטאַנציע פון דער סאַבוועי, און אין אָוונטן, — ווען זיי האָבן נאָך לאַנגזאַמער זיך צוריקגעקערט אַהיים, אין זייער אָרימער וואוינונג.

דער מאַן, בלינד אויףביידע אויגן, איז געווען אַ קורצער, אַ דיקלעכער, מיט בלייכע, רונדלעכע באַקן, מיט זייער גרויסע, אַרויסשטאַרטשנדיקע אויסגעלאָשענע ווייסל־אויגן. ער האָט אַלע מאָל געטראָגן ברייטע, ניט נאָך זיין מאָס, אָפּגעטראָגענע קליידער. און זיין פרוי, נאָך וועלכער ער איז באַכגעגאַנגען מיט אַ לייכטן אָנריר פון זיינע בלייכע, גראָבלעכע פינגער אָן איר אָרעם, ביי דעם אָנגעבויגענעם עלנבויגן אירן, איז געווען גאָרניט ענלעך צו אים. זייער אַ בלאָנדע, אַ הויכע, אַ ביינערדיקע, מיט אַן איינ־געפאַלענער ברוסט, איז זי אַלע מאָל געגאַנגען אַ האַלבן טראָט פאָראויס פון אים, געוויגט זיך אויף אירע לאַנגע, מאָגערע, זייער פלאַכע פיס און געטראָגן איר צעשויבערטן קאָפּ מיט די אַשיק־בלאָנדע האָר טראָציק־הויך אונטערן אַלטן הוט, ווי זי וואָלט זיך מיט אָט דעם מאַניער אַנטקעגנגעשטעלט

די נייגעריקע אויגן פון די אָנקומענדיקע מענטשן, וואָס האָבן געמאָסטן די גוואַלדיקע ניט ענלעכקייט צווישן מאַן און ווייב, וואָס האָט ביים ערשטן בליק מאָדנע געוואונדערט.

יעדן איינדערפרי פלעגן זיי, שווער־קלאַפּנדיק מיט די פיס איבער די שמאָלע הילצערנע טרעפּ, אַראָפּלאָזן זיך צו דער גאָס און רוקן זיך מיט מאַנעקענישע טריט צו דער באַן־סטאַנציע, וואָס האָט זיי געפירט אין שטאָט אַריין. אין איין האַנט האָט דער בלינדער געטראָגן זיין אַלטן קלאַרנעט מיט די אָפּגעריבענע מעטאַלענע פינגער־קנעפּ, און מיט דער צווייטער — זיך לייכט אָנגעהאַלטן אָן דער פרוי. אַזוי פלעגן זיי אָנקומען צו דער סטאַנציע, אַריין אין וואַגאָן און אַוועקזעצן זיך אין אַ ווינקל איינער לעבן דעם אַנדערן שווייגנדיקע, ווי פרעמדע. ער — באַזונדער. זי — באַזונדער. ביידע פאַר־טיפט אין זייערע אייגענע געדאַנקען, אָפּגעריסענע איינער פון דעם אַנדערן. און קיינער האָט ניט פאַרדעכטיקט, אַז דאָס זיינען געווען מאַן און ווייב. ערשט ביים אַרויסגיין פון וואַגאָן, פלעגט זי אים לייכט אונטערדרוקן איר עלנבויגן, פרעמד און נאַכלעסיק, און אַזוי פלעגן זיך ביידע אַרויסרוקן אויף דער פּלאַטפאָרמע און זיך לאָזן לאַנגזאַם גיין הינטער די איילנדיקע מענטשן, אויסמיידנדיק, וויפל מ׳האָט געקאָנט, די פרעמדע נייגעריקע אויגן.

אַרויסגייענדיק אויף דער גאַס, פלעגן זיי זיך אויף אַ ווײַלע אָפּשטעלן ביים ראָג. ער פלעגט אַביסל אויסגלייכן זיין רוקן, צוטראָגן צו די ליפּן זיין קלאַרנעט, אָנבלאָזן די דיקלעכע באַקן, און דער ערשטער, ניט זיכערער, קלאַנג פלעגט אַ שניט טאָן די לופט מיט אויפגעשראָקענער ווייברירונג. אַ טרויעריקער טאָן פלעגט זיך הייזעריקלעך אַ הויב טאָן און צעשלענגלען איבער דער פרימאָרגנדיקער גאַס. זי פלעגט דעמאָלט אַרויסנעמען פון דער קעשענע אַ קליין בלעכן קווערטל פאַר מטבעות, אויסשטרעקן עס אַנטקעגן די אָנקומענדיקע מענטשן און אַזוי, אונטער די קלאַנגען פון דעם קלאַרנעט, רוקן זיך לאַנגזאַם פאָראויס.

אַזוי האָט זיך פאַרן פאַר פאַלק אָנגעהויבן דער טאָג. פריער האָט ער אויסגעשפּילט אַ ליד און נאָכדעם, ווען זיין אָטעם איז געוואָרן מיד, איז גע־קומען איר ריי צו זינגען. איר קול האָט אַ קוויטשע געטאָן פריער אַביסל ניט זיכער און נאָכדעם, שוין געפינענדיק דעם טאָן, אַביסל זיכערער. אָבער די קלאַנגען זיינען סיי־ווי ניט געווען קיין רעגלמעסיקע. עפּעס איז שוין געווען געבראָכן אין איר טעמבער. און אַמאָל פלעגן ביידע פאַרגיין זיך אין אַ מאָדנעם טראַגישן דועט, וואָס האָט געדירט ביז אומרו די פאַרביי־גייער. דאַן האָבן זיך דערהערט אומהיימלעכע עטלעכע קלונגען פון מטבעות איבערן דעק פונעם בלעכענעם קווערטל. דאָס געזאַנג איז געוואָרן אינטענסיווער, די טענער האָבן זיך פּלוצלונג אַ הויב געטאָן אין אויסדרוק פון צופרידענער דאַנקבאַרקייט.

און אַזוי איז שוין געווען יעדן טאָג, אין משך פון דרייצן יאָר. דורך אָט

די לאַנגע יאָרן פון נאָענטן צוזאַמענלעבן, איז ער זעעוודיק געוואָרן מיט איר זעעוודיקייט, און זי איז בלינד געוואָרן מיט זיין בלינדקייט. ער האָט געפילט יעדע באַוועגונג פון איר קערפּער, געשפּירט יעדן אויסדרוק פון איר פּנים און אָפּגערופן זיך, ווי אַ לעבעדיקער נערוו, אויף איר יעדער שטימונג און זי האָט געקאָנט בלינד ווערן, ניט זען פאַר זיך די ווירקלעכקייט, אַריבער־טראָגן זיך אין איר דמיון אין דער ווייטסטער פאַרגאַנגנהייט פון איר יוגנט און פאַרגעסן אַלץ, וואָס איז געווען אַרום.

און ער איז געווען אַ ייד און זי — אַ קריסטין.

אַז ער האָט געשפּילט, האָט פון זיין קלאַרנעט אַרויסגעשריען די בענק־שאַפט פון טויזנט־יעריקער וואַנדערונג איבער מדבריות, אַ געוויין נאָך רו און דערלייזונג. די טרויעריקע טענער, וואָס זיינען געווען אַ געמיש פון פּאַראַידישטע וואָלאַכן מיט אַ צומיש פון פרומע ליטורגישע מעלאָדיעס פון פּאַרצייטן, האָבן דערמאָנט פון הייליקע ריטואַלן, פון גאָטס־דינסט, און קידוש־השם. און אַז זי האָט געזונגען, האָט זיך געשפּירט די בענקשאַפט נאָך ברייטע פעלדער, נאָך הויכגראָזיקע סטעפּעס מיט טאַבונען לויפנדיקע פערד, נאָך דעם אייביקן געזאַנג פון בערג און טאָל. פון דיביידע געזאַנגען איז געוואָרן איין געזאַנג, אַ באַלאַדע, וואָס האָט זיך אַלע מאָל אָנגעהויבן מיט ליבע און זיך אויסגעלאָזן מיט טויט. דאָס לעבן איז געוואָרן אַ טרויעריקע מעשה, אין וועלכער זיי אַליין זיינען געווען די טראַגישע העלדן.

זיין קלאַרנעט האָט געוויינט זיין אייגענעם געזאַנג:

— דער וועג צו מיין היים איז פאַרוואַקסן מיט דערנער, פאַרוואָרפן מיט קיזל־שטיין, — אייביק, אויף אייביק... גרויזאַמער מזל שטרויכלט מיינע טריט דורך דער וויסטעניש... נאַכט האָט אויסגעלאָשן די ליכט פון מיין היים... ווי וועל איך קומען אַהיים?

און זי פלעגט ענטפערן מיט איר אייגענעם געזאַנג, ווי אַן עכאָ:

— איינזאַם זיינען מיינע טעג אויף דער וועלט, מאַמע. האָסט מיך גע־באָרן אין ביטערע פּיינען מיט אַ קללה אויף דיינע ליפּן. וואָגלען איצט מיינע טעג איבער דער וועלט, פאַרשאָלטענע מיט דיין קללה, אָן ליבע. עס וועלקן מיינע גלידער, ווי בלומען אין האַרבסט. עס יאָמערן די איינזאַמע שאַקאַלן אין די בערג־שפּאַלטן, און די פייגל זיינען אַנטשוויגן געוואָרן, אויף אייביק, אויף אייביק...

זיין קלאַרנעט האָט געוויינט:

— דער מדבר איז פּינצטער. דער מדבר איז ענדלאָז. און בלוטיק איז שוין דער טראָט פון מיין פוס. ווער וועט זיך דערבאַרעמען אויפן וואַנ־דערער אין מדבר? ווער וועט ווייזן אַ וועג דעם וואַנדערער אין מדבר? ווער וועט אויפשטעלן דאָס פאַרוואָלאָזטע געצעלט און צוריקברענגען צו זיינע שוועלן די פאַרטריבענע שאָף?

און זי פלעגט ענטפערן:

— מאַמע מײַנע טײַערע. אויסגעלאָשן האָסטו די זון איבער מײַן קאָפּ מיט דײַן מוטערלעכער קללה, און צוריק זי ניט אָנגעצונדן. אָ, נעם מיך אַהײם, מאַמע. לײג מיך אַרײַן אין מײַן קינדערשן װיגל און זינג מיר אַ װיג־ליד, דערצײל מיר אַ מעשה פֿון דער ברײטער פֿרעמדער אַרום אונדזער הויז... מײַנע הענט ציִען זיך מיט שנאה צו דעם בעטל־ברויט, און װײנען... מײַנע גלידער װילן רו, מאַמע מײַנע, געטרײַע . . .

אַזוי גאַנצע דרײַצן יאָר.

און זי איז געװען אַ קריסטין. און ער — אַ ייִד.

ב.

זונטיק איז געװען אַ פֿרײַער טאָג פֿאַר דעם פּאָרל. מ׳איז געשלאָפֿן שפּעט, געפּוילט זיך און געװען פֿאַרביטערט אײנער קעגן דעם אַנדערן. געזעסן אײַנגעשפּאַרט אַ גאַנצן טאָג אין דעם ענגן דאַך־שטיבל און װײניק גערעדט. ס׳איז שוין ניט געװען פֿון װאָס צו רײדן. אַלע מעשׂות פֿונעם אײגענעם לעבן זײַנען שוין געװען אויסגעדערצײלט — די אמתע און די אויסגעטראַכטע. אַלע רײד אויסגערעדט. און װאָס מ׳האָט אַמאָל ניט דער־זאָגט, האָט שוין דאָס טעגלעכע געזאַנג צום טויזנטסטן מאָל אויסגעזונגען אויף דער װאַכיקער גאַס, אינעם געדרענג פֿון די אײַלנדיקע מענטשן. איז מען איצט געזעסן אין אַ דרעמל. דעם גאַנצן װעזן האָט אַרומגענומען אַ ביטערע אַפּאַטיע, אַ פּײַנלעכע פֿוילקײט פֿון יעדן גליד באַזונדער. דעם גאַנצן טאָג האָט מען געװאָלט זײַן באַזונדער. זי באַזונדער און ער — באַ־זונדער. מ׳איז שוין געװען מיד פֿון דער װאַכיקער נאָענטקײט. פֿון דעם איז געװען אומעטיק און שװער. אַלע קריװודעס פֿון דער װאָך פֿלעגן לע־בעדיק װערן און אָנפֿילן די ענגקײט פֿון צימער מיט שנאה. אַזאַ שנאה איז דאָס געװען, װאָס האָט ניט געהאַט קײן נאָמען. זי איז געשטאַנען צװישן מאַן און װײַב און ניט אויפֿגעהערט צו מאַטערן מיט אַ מאָנענדיקן באַגער נאָך נקמה.

אָט דאָ איז ער געװען און לעבן אים איז געזעסן דאָס װײַב. ער האָט זי פֿײַנט געהאַט און זי האָט אים פֿײַנט געהאַט. אָבער ער האָט זי באַדאַרפֿט פֿילן מיט אַלע זײַנע חושים, שפּירן איר אָטעם, נאָכפֿאָלגן אירע באַװעגונגען, איר ביטערע שנאה צו אים.

זי האָט פֿײַנט געהאַט זײַן בלינדקײט, זײַן אומבאַהאָלפֿנקײט, די שװאַכ־קײט פֿון זײַנע פֿוכלע, װײכע הענט, װאָס זײַנען געװען בלײַך און פֿילבאַר, װי די טאַפּנדיקע טריט פֿון אַ חיה אין דער פֿינצטערניש פֿון דער נאַכט. זי האָט אַפֿילו פֿײַנט געהאַט די פֿרעמדע מעלאַדישקײט פֿון זײַנע פֿאַר־ייִדישטע װאָלאַכן, װאָס האָבן זיך ניט געבונדן מיט אירע אײגענע פֿרעמדישע געזאַנגען.

און ער האָט די שנאה געפּילט מיט אַלע זיינע חושים. זי האָט פון אים קיין זאַך ניט געקאָנט באַהאַלטן. אירע אַ שטילע באַוועגונג, אַ זשעסט פון איר האַנט, אפילו אַ קנייטש פון איר פּנים, האָבן זיך אַלע מאָל אָפּגערופן אויף זיין געמיט מיט אַ לעבעדיקן איינדרוק. זי האָט פון אים קיין זאַך ניט געקאָנט באַהאַלטן. ער האָט געפּילט איר געמיט און אויסגעלייענט אירע סאַמע באַהאַלטנסטע געדאַנקען, ווי פון אַן אָפענעם בוך. און זי האָט אים אויך ד ע ר פ א ר פיינט געהאַט. און אָט די פיינטשאַפט צווישן זייביידן איז אין די זונטיקדיקע טעג געלעגן, ווי אַ וואַכזאַמע באַשעפעניש, געלעגן פאַר־עקשנט, אַ פאַרטייעטע, און געדולדיק געוואַרט ביז אָט די שנאה וועט גע־פינען אַ נאָמען און אַן אויסדרוק. ווייל זיינען זיי דאָך געווען אַלע טעג און נעכט פון דער וואָך אומצעטיילבאַרע, ווי צווי פיינטלעכע נשמות אין איין גוף, געלעבט איין לעבן אין אָט דעם ענגן צימער, געאָטעמט דאָס זעלביקע ביסל לופט, געשפּירט דעם ריח פון די אייגענע קרענקלעכע לייבער.

די פרייע זונטיקדיקע טעג האָבן זיך געצויגן זייער לאַנג. פון גאַרניט־טאָן האָט מען געמוזט טראַכטן וועגן דעם אייגענעם לעבן, דערמאָנען זיך צום טויזנטן מאָל פון דעם, וואָס איז געווען. זי איז געווען אַ יתומה. געבליבן אַ פּיצל קינד נאָך איר מאַמען. אַ קינד מיט אַ מיאוסן פּנים, מיט לאַנגע, דאַרע פיס, ווי ביי אַ הירשין, וואָס זי האָט אַמאָל געזען אין די בערג. און אויסגעוואַקסן איז זי צווישן פרעמדע. אַ דאַרע, אַ לאַנגע, מיט אומגעלומ־פּערטע גלידער, מיט פלאַכע, איינגעפאַלענע בריסט. מענער האָבן זיך אויף איר ניט געוואָלט אומקוקן. קרובים האָבן זי פיינט געהאַט, האָבן זי פאַר־טריבן אין דער פרעמד. און דאָס לעבן האָט זי ניט געוואָלט אויפנעמען מיט אַזאַ אומגעלומפּערטן קערפּער, אַן פרויען־שיינקייט, געלאָזן זי וואַגלען פון איין שטאָט אין דעם צווייטן מיט אַן אייביקן דראַנג נאָך נקמה. אָבער צו נעמען נקמה פון אַנדערע האָט זי ניט געקאָנט, האָט זי די נקמה גענומען פון זיך אַליין, אַוועקגעשענקט איר לעבן אָט דעם בלינדן מאַן, וואָס איז נאָך דערצו געווען אַ ייד... אַ ייד, אַ פאַרשאָלטענע נשמה. ניט קיין מענטש, ווי אַלע מענטשן, נאָר עפּעס אַ גייסט, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ בלינדן און איז אַרומגעגאַנגען איבער דער גאַס מיט זיין קלאַרנעט, כדי זי אַריינצוכאַפּן אין זיין טייוולשער נעץ. און איצט איז זי געוואָרן זיין דינסט, געראַמט און איינגעקויפט און אַ העמד האָט זי אים באַדאַרפט דערלאַנגען, און נייען און צירעווען זאָקן. אפילו צעבינדן דעם שניפּס, ווען זיינע פינגער האָבן זיך אַמאָל אומבאַהאָלפן געפּלאָנטערט אַרום האַלדז... גאַנצע דרייצן יאָר!

יעדן זונטיק האָבן זיך איבערגעחזרט אָט די טראַכטענישן, און צוליב זיי זיינען זייער אָפט פאַרגעקומען ביטערע איבעררײדן, קריגערייען און באַ־ליידיקונגען מיט ווייבערשע טרערן און היסטעריקעס.

ג.

און איצט איז אויך געווען זונטיק.

זי איז געזעסן לעבן קליינעם טישל און איבערגעבלעטערט די זונטיק־דיקע טאָבלאָיד־צייטונג, באַטראַכט די בילדער, געלאַנגווייליקט זיך. ער איז געזעסן, ווי אַלע מאָל, אין דעם ווייכן שטול מיטן אויסגעזעסענעם, דורכגעריבענעם זיץ־פּלאַץ, געזעסן אומבאַוועגלעך, ווי אַ טויטער, קוים רירנדיק מיט די וויסלען פון זיינע בלינדע אויגן. זי האָט אויף אים געוואָרפן אירע אומפריינטלעכע בליקן און געוועקט אין זיך די שנאה צו אים, ווי אין אָט דער שנאה אַליין וואָלט שוין געווען דער ענטפער צו דער רעטעניש פון אַלע אירע ליידן. געזוכט אין זיך פּיינטשאַפט צו דעם מענטשן, וואָס איז געווען בלינד און איז געווען אַ ייד.

ער האָט ווי דערפילט איר שנאה. זיינע וויסלען האָבן זיך אַ באַוועג געטאָן איין מאָל און אַ צווייטן מאָל און, ווי זוכנדיק אָפּצואווייכן די שווערע שטימונג, האָט ער געזאָגט:

— פאַרשאָלטענער זונטיק... אַזאַ לאַנגער טאָג. ציט זיך ווי אַן אייביקייט. וואָס זאָגסטו? ס׳וואָלט געווען גוט אַרויסצוגיין אין דרויסן, כאַפּן אַ ביסל לופט, אָדער וואָס...

זי האָט בייז אָפּגעענטפערט:

— וואָסי, ווייניק שלעפסטו זיך אַרום יעדן טאָג אין דער וואָך? ווילסט, איך זאָל זיך מיט דיר אויך זונטיק אַרומשלעפּן? זיץ וואו דו זיצסט!

ער האָט אָפּגעשוויגן. געפילט די געפאַר. געוואָלט זי אויסמיידן. אָבער זי האָט גראָד ניט געוואָלט איבעררייסן דעם אָנגעהויבענעם געשפּרעך. געזאָגט:

— אַ גאַנצע וואָך שלעפּ איך זיך מיט דיר אַרום, ווי אַ שקלאַף, ווילסטו אויך דעם זונטיק ביי מיר אויפעסן... זונטיק איז ביי מיר אַ טאָג פון רו. אַ הייליקער טאָג... וואָס ווייסטו עפּעס פון אָט דעם הייליקן טאָג? וואָס וויים אַ ייד וועגן אונדזער זונטיק?

און אַז ער האָט אויך אויף דעם ניט געענטפערט, איז איר טאָן אַביסל אַראָפּגעפאַלן אין אַ איינגעהאַלטענער מעדיטאַציע, וואָס האָט אים, דעם יידן, באַדאַרפט באַך מער ווי טאָן:

— יאָ, ס׳איז געווען אַ צייט אין מיין לעבן... ס׳איז זונטיק. אַלע גוטע קריסטן גייען אין קירך. די גלעקער קלינגען, צעשפּרייטן זיך איבער בערג און טאָלן. יונג און אַלט, אָנגעטאָן אין די זונטיק־קליידער לאָזן זיך גיין איבער געשלענגלטע וועגן צו דעם פאַריש, וואָס איז געשטאַנען באַלד הינטערן באַרג... דער גלח שטייט אויפן גאַניק גרייט צו באַגעגענען מיט אַ שמייכל... אַ גוטער גלח געווען... ניין, איר, יידן, וועט עס ניט פאַרשטיין... איר זייט אַ פאַרשאָלטן פאָלק. פאַרשאָלטן פון גאָט און פון לייטן.

דער בלינדער האָט זיך אַ ריר געטאָן אויף זיין אָרט. זיינע אויגן האָבן געגומען פינטלען מיט די ווייסלען, און דאָס איז אַלע מאָל געווען דער אויס־דרוק, אַז ער איז גרייט אויפצונעמען דעם קאַמף. געזאָגט:

— אַז דו ביסט אַזאַ פרומע נשמה, פאַרוואָס גייסטו ניט אין קירך? וואָלסט אַמאָל אַרויסגעגאַנגען, וואָלט די לופט געוואָרן ריינער.

זי האָט שוין אָבער פאַר דעם געהאַט אַן אַלטן ענטפער:

— אָט דאָס זאָג איך אַלע מאָל: כ׳בין אַ זינדיקע נשמה. פאַרבונדן מיין לעבן מיטן טייוול. איר זייט אַ פאַרשאָלטן פאָלק, די יידן. איר לעבט אָן אַ גאָט.

ער האָט זיך צעקייכט מיט אַ דריבנעם געלעכטערל:

—יידן לעבן אָן אַ גאָט? כי־כי־כי!... יידן האָבן דער גאַנצער וועלט געגעבן אַ גאָט! זיי האָבן אייך, קריסטן, געגעבן אַ גאָט. ווען ניט יידן, וואָלט איר נאָך איצט געווען געצנדינער, ווילדע קאַניבאַלן... און דו, אויב דו ווילסט זיין פרום — זיי פרום! עס איז ניט מיין עסק. אָט טו זיך אָן און גיי אין דיין קירך. פאַרוואָס גייסטו ניט?

זי וואַרט אָפּ אַ רגע און וואַרפט די לעצטע קאָרט:

— איר האָט אפילו אונדזער יעזוסן געקרייציקט!

ער האָט זיך ווידער צעקייכט מיט זיין דריבנעם געלעכטערל:

— איך האָב עס שוין פון דיר איין מאָל געהערט. אָבער עס איז אַ ליגן. די גאַנצע וועלט ווייס, אַז ס׳איז אַ ליגן... אָבער, אַז מ׳וואָלט אים ניט געקרייציקט וואָלט איר, קריסטן, נאָך איצט אויך ניט געהאַט קיין גאָט.

דער אייגענער איינפאַל איז אים אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט עטלעכע מינוטן נאָכאַנאַנד ניט אויפגעהערט צו לאַכן מיט זיין מאָדנעם דריבנעם געלעכטערל און האָט אָט דעם געדאַנק בשום אופן אַזוי שנעל ניט געוואָלט אָפּלאָזן:

— אַז דו ווילסט קומען צו גאָט, גייסטו אין קירך. אָבער אונדזער גאָט איז אַלע מאָל מיט אונדז. מיר, יידן, טראָגן אים אַרום אין אונדזער האַרצן... מיר דאַרפן ניט קומען אין אַ קירך צו זען אַ געקרייציקטן פאַר אונדזערע אויגן... אין אונדזערער אַ סינאַגאָגע וועסטו ניט געפינען קיין בילדער פון אַ גאָט. און ביי אייך האָט מען געקרייציקט אַ מענטשן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, — איז ער געוואָרן אייער גאָט! כי־כי־כי!...

דאָס איז שוין געווען צו־פיל. זי האָט מער ניט געקאָנט אַריבערטראָגן זיין ציניש ע פילאָסאָפיע מיט דעם נאָך ציניש ערן געלעכטערל, וואָס ס׳האָט באַגלייט די פילאָסאָפיע. עפּעס האָט שוין פאַרוואָרגן איר גאָרגל מיט אַ פיינלעכער ווערגעניש. אין איר דאַרן קערפּער האָט אויפגעפלאַמט אַ פאַר־לאַנג אַ וואָרף צו טאָן זיך אויף אים מיט שטייפע פינגער און נעגל, אָדער גאָר מיט אַ שאַרפן געווער, אַ וואָרף צו טאָן זיך, צוליב אַן אייגענער אומבאַ־זיגבאַרער באַדערפעניש נאָך נקמה, איבערגעבן זיך דעם פינצטערן געפיל,

וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די פאַרפּייניקטע נשמה. זי האָט ניט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט אויף די ליפּן, אַזוי האָט דער באַגער נאָך פיזישער נקמה זיך צוזאַמענגעקנוילט אַרום איר פאַרוואָרגענעם האַלדז. עס האָט זיך נאָר געוואָלט מיט חיהשער צערייצטקייט איינגראָבן זיך אין דעם מענטשן מיט אַלץ, וואָס קאָן וויי טאָן, מיט ציין און נעגל און פאַרהאַרטעוועטע קנאָ־כיקע פינגער, מיט הענט און קני און עלנבויגנס, אין זיין פאַרהאַסטן קער־פּער און וויי טאָן, און וויי טאָן... און אַליין זיין דערשראָקן מיט דער לעצ־טער מורא און פּיין, קיין זאַך ניט וויסנדיק, קיין זאַך ניט פאַרשטייענדיק, אָבער שוין אַלץ פאַרענדיקן מיט איין מאָל, מיט איין מאָל און אויף אַלע מאָל... אַזוי שטאַרק און לעבעדיק איז געווען דער געפיל פון איר שנאה, אַז זי האָט זיך שוין געזען, אַן איינגעקלאַמערטע אין דעם בלינדן אין אַ טויטלעכן געראַנגל. אָבער אין אַ מינוט אַרום איז דער אָטעם באַפרייט גע־וואָרן פון דער ערשטער אויפרעגונג, און זי האָט מיט אַ מאָדנעם שיפּען אַרויסגעשטאַמלט:

— ייד!... ייד!... פאַרדאַמטער ייד!... אַלע האָבן אייך פיינט!... די גאַנצע וועלט... און איך האָב דיך אויך פיינט!...

שנאה האָט זיך באַגעגנט מיט שנאה און געזוכט עקסטאַטישקייט, זיס־קייט און פּיין. און עס איז געווען גוט, וואָס זי האָט געשאָלטן און אויך ניט פאַרגעסן צו דערמאָנען זייער צוזאַמענלעבן. האָט ער געזאָגט:

— קיינער צווינגט דיך ניט צו לעבן מיט מיר. קאָנסט זיך גיין, פון־וואַנען דו ביסט געקומען. כ'וועל געפינען אַזאַ זינג־פויגל, ווי דו. האָסט סיי־ווי קיין אויער ניט פאַרן ליד... מוזיק איז ניט פאַר דיר... מענטשן, אַז זיי דערהערן דיין קול, צעלויפן זיך אין אַלע זייטן, ווי פון אַ מיאוסקייט... קוויטשעסט, ווי אַ צעטראָטענע מויז אַזש אַ חלשות צו הערן... איך האָב דיר שוין אַזוי פיל מאָל געזאָגט: גיי אַוועק פון מיר. איך האָב געלעבט אָן דיר און איך וועל ווידער לעבן אָן דיר. אָבער דו גייסט ניט אַוועק... דרייצן יאָר שטעקסטו לעבן מיר און סמסט מיין לעבן...

— און איך וועל דיך טאַקע פאַרסמען. וועסט זען: כ'וועל פאַרסמען! ביי יעזוסן, איך וועל דיר אַריינטאָן סם אין דיין עסן...

— אָט דאָס זאָג איך טאַקע — האָסט אַ מערדערלעכע נאַטור... טראָגסט זיך אַרום דרייצן יאָר מיט מאָרד אין דיין האַרצן. ביסט גרייט אפילו אַ בלינדן איינגעבן סם... אַן אומבאַהאָלפן קינד וואָלסטו מיט דיינע הענט דערשטיקט... אפשר דערפאַר האָט דיר גאָט קיין קינדער ניט געשאָנקען.

זי האָט געזען: ער איז געווען שטאַרקער. ער איז געזעסן אין זיין שטול און מיט די קאַלטע רייד זיינע געשניטן פּאַסן פון איר לייב. און עס איז שוין אַלע מאָל געווען אַזוי: ווי נאָר זי פלעגט זיך אויפרעגן ביז צו דער שאַרפסטער היסטעריקע, פלעגט ער דווקא ווערן קאַלט און געשניטן

איר נשמה מיט אַ קאַלטן שאַרפן מעסער. אין אַזאַ פאַל איז שוין קיין אַנ־דער אויסוועג ניט געווען, ווי וויינען. איז זי טאַקע דאָס מאָל אויך אַ פאַל געטאָן מיטן קאָפּ אויפן טיש און האָט זיך ביטער און הויך פאַנאַנדערגע־יאָמערט מיט אַן אומבאַהאָלפענעם העשען, מיט אַ שלוכצן, מיט פיינלעכער אומבאַהאָלפנקייט. אָבער ער איז גראָד געבליבן שטיל און פאַרטייעט. גע־זעסן און געהערט מיט קאַלטער געדולדיקייט ביז די פרוי וועט אויסגע־שעפּט ווערן, מיד ווערן פון איר איגענעם געוויין און עס וועט אָנקומען אַ פיינלעכע שטילקייט ביז אין דער נאַכט אַריין. און פאַר אָט דער שטילקייט האָט ער מורא געהאַט. דאָס לעבן פלעגט זיך פון דעם אויסטאָן נאַקעט, פלעגט אַנטפּלעקן דעם אומזין פון די טעג און נעכט, פון דער בלינדער וואָגלעניש אין אַ פינצטערניש, וואָס האָט ניט געהאַט קיין זין.

ער האָט זיך דערמאָנט. אין שאַפקע, אין אַ ווינקל, איז געשטאַנען אַ פלאַש מיט בראָנפן. אַ געטראַנק, וואָס איז געווען ביטער, ווי סם. אַזאַ וואונדער איז געווען אין אָט דעם געטראַנק. ס׳האָט געריסן דעם גאָרגל, ס׳האָט אויפגעפלאַמט די געדערים מיט אַ העלישן פייער און צעטראָגן איבער די אָדערן זודיקע שטראָמען. פון דעם פלעגט ווערן לייכט יעדער גליד און דער קערפּער האָט געשוועבט אין דערלופטן. האָט ער געזאָגט, ווי צו זיך אַליין:

— ע, כ׳וועל גאָר נעמען אַביסל משקה... צום טיוול!

זי איז פּלוצלונג ווי לעבעדיק געוואָרן. זי איז ווידער געוואָרן אין עקשנות און שנאה, צוגעלאָפן צו דער שאַפע, אויסגעשפּרייט הענט און פיס:

— כ׳וועל ניט געבן!

— וועל איך אַליין נעמען.

— וועסט ניט נעמען!

— כ׳וועל נעמען!

— אָט, פּרוביר נאָר! כ׳וועל דיר די הענט איבערברעכן.

— כ׳וועל נעמען, און ס׳איז ניט דיין דאגה! אַז איך וויל אַ טרונק, וועל איך ביי דיר ניט פרעגן.

און ער האָט זיך אַ הויב געטאָן, גאָר ווי אַ זעעוודיקער, און מיט שנעלע שפּאַנען אַ לאָז געטאָן זיך צו דער קליינער שאַפע.

און ווידער האָט זי אויסגעשריען:

— כ׳וועל ניט לאָזן!

ער האָט געשוויגן. אָפּגעשטויסן זי אָן אַ זייט. זי האָט זיך פון דעם שטויס אַ וואַקל געטאָן, שיר־ניט אומגעפאַלן צו דער וואַנט. אָבער באַלד זיך אויסגעגלייכט, אַ שפּרונג געטאָן צו דער שאַפע און אַרויסגעכאַפּט די פלאַש, איידער זי איז אים געקומען צו דער האַנט, געהאַלטן די פלאַש אין די ציטערדיקע, אויפגערעגטע הענט הינטערן רוקן און אָפּגעטראָטן, אָפּגע־טראָטן אויף צוריק, געזוכט אויסצומיידן זיינע לאַנגע זוכנדיקע הענט. אָבער

ער האָט זיך אויף איר אָנגערוקט זייער שנעל, געשיקט אויפגעכאַפּט איר יעדע באַוועגונג, אָפּגעמאָסטן איר יעדן ריר, ווי אַ זעעוודיקער, אויף יעדן טראָט אירן אויף צוריק האָט ער נאָכגעפּאָלגט מיט אַ טראָט פאָראויס, דער־נעענטערט זיך צו איר און ענדלעך אַריינגעיאָגט זי אין אַ ווינקל. זי האָט שוין אים ניט געקאָנט אויסמיידן. אָפּגעשליידערט די פלאַש אויף דער ערד. די פלאַש האָט זיך אַ קייקל געטאָן איבערן דיל מיט אַ הילכיקן גערודער און מיט אַ בולקען פון דער פליסיקייט אינעווייניק, צוגעקייקלט זיך צו דער וואַנט און איז דאָרטן געבליבן ליגן. זי האָט געזאָגט:

— אָט האָסטו דיר משקה!... אָט ...

ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר דער פלייצע און גענומען זי טרייסלען. זי האָט אים געפּרואווט אָפּשטויסן. ער האָט זיך אָבער ניט געלאָזן. האָט זי אים געשלאָגן מיט די פויסטן אין זיין ברוסט אַריין, געדראַפּעט מיט די נעגל, געבריקעט מיט די פיס, געוואָרפן זיך אויף אים מיט הייסן אָטעם, מיט אַ פאַרשטיקטן שלוכצן, געריסן פון אים די קליידער, געשלאָגן מיט די פויסטן אין פנים אַריין, אין די בלינדע אויגן אַריין. אָבער ער איז געווען שטאַרקער. ער האָט זי יעדעס מאָל אָפּגעשטויסן צו דער וואַנט. זי האָט זיך עטלעכע מאָל שטאַרק אָנגעשלאָגן אָן דער האַרטער וואַנט מיטן ביינערדיקן רוקן, מיט דער פלייצע. עס האָט ווי געטאָן. פון אויפרעגונג האָט געשווינדלט אין קאָפּ, ווי פאַר חלשות. זי האָט זיך פלוצלונג הויך אויפן קול פאַנאַנ־דערגעיאָמערט. דאָס איז שוין געווען פון דער ערשטער אומבאַהאָלפנקייט, פון דעם געפיל אַז ער איז שטאַרקער. שוין געוואוסט, אַז אין דעם גע־ראַנגל וועט זי, סוף־כל־סוף, פאַרלירן, האָט זי ביטער געשאָלטן און גע־קוויטשעט:

— בלינדער חזיר!... שיכור... שמוציקער ייד!... מערדער!... וויסטער יודאַ... ביי יעזוסן, איך וועל דיך פאַרסמען... וועסט זען, איך וועל פון דיר מאַכן אַ סוף!...

אירע הענט זיינען געוואָרן שוואַכער, — איר אָטעם קירצער. דאָס קול פאַרשטיקטער. פלוצלונג אַראָפּגעלאָזט זיך, אָן אויסגעמאַטערטע, צום דיל און געבליבן ליגן, העשעבדיק, ווי אַ געקוילעטע.

ער איז געשטאַנען איבער איר, אַליין אָן אויסגעמאַטערטער. געשטאַנען און איינגעהאַלטן אין זיך דעם לעצטן גערודער פון דער פלאַש, וואו זי האָט אָפּגעשטעלט איר קייקלען. מיט אַ מאָדנעם כוח פון פינקטלעכער אָריענ־טאַציע צוגעגאַנגען צו דעם אָרט ביי דער וואַנט, איינגעבויגן זיך און אויפ־געהויבן די פלאַש. ניט געוואוסט פאַרוואָס, אָבער גראָד איצט געהאַט אָן אומבאַזיגבאַרן פאַרלאַנג צו עפענען די פלאַש, אַ טרונק טאָן דעם ביטערן געטראַנק. מיט די ציין אַרויסגעשלעפּט דעם קאָרק און מיט הייסן אָטעם גענומען זשליאָקען פון דעם אָפּענעם העלדזל. די הייסע פליסיקייט האָט גלייך אַ ברען געטאָן דעם גאָרגל און האָט זיך מיט וואַרעמע שטראָמלעך

אַראָפּגעגאָסן איבער דער מאָרדע פון בײדע זײטן פון די מויל־ווינקלען, אַרונטער, אַרונטער, אונטערן העמד. דערפילט אַ וואַרעמקײט אין דעם אינגעווייד. אים האָט איצט ניט געאַרט, וואָס זי ליגט אויף דער ערד, העשעט און שילט אים מיט ביטערע קללות. פאַרקערט, איצט האָט אים הנאה געטאָן. עס איז אים אַפילו פרײלעך געווען אויפן האַרצן פון דעם, וואָס זי איז געלעגן אויפן דיל, און ער איז געשטאַנען מיט דער פלאַש משקה און געטרונקען. אין דעם איז געווען נקמה און זיג. ער האָט נאָך אַמאָל אַ זופּ געטאָן פון דער פלאַש, צוגעגאַנגען צו זײן שטול און אַוועקגעזעצט זיך.

זי האָט ביטער געיאָמערט. פון גרויס אומבאַהאָלפנקײט האָט זיך איר געוואָלט רײסן די האָר פון קאָפּ, צעקראַצן זיך מיט די נעגל די שלאַבעריקע בריסט. זי האָט געזען ווי ער האָט געטרונקען אײן מאָל און נאָך אַ מאָל. די ווײסלען פון זײנע אויגן האָבן אַרויסגעשטאַרצט, ווי צוויי ריזיקע בעלמעס. די נאָזלעכער זײנע האָבן זיך געהויבן ווי בײ אַן אויפגערעגטן פערד. זי האָט עס אַלץ געזען, און ניט געקאָנט אַריבערטראָגן. עס האָט זי געוואָרגן בײם גאָרגל.

— זויפער... שיכור!... אַ ביטערער סם זאָל אויסברענען דײנע געדערים! די שמוציקע יידישע געדערים דײנע!... גאָט־פאַרדאַמטער בלינדער ממזר!... כ׳וועל דיך בײ דער נאַכט דערשטיקן!... כ׳שווער בײ יעזוסן, איך וועל דיך דערשטיקן מיט מײנע הענט, פאַרענדיקן דײן ממזרישן, מיזעראַבעלן לעבן דײנעם.

ער האָט ניט געענטפערט. בלויז עקשנותדיק אַן איבעריקן מאָל אַ זשליאָקע געטאָן פון דער פלאַש און געזעסן אַן ווערטער, אַזוי ווי די ווערטער אירע וואָלטן גאָר ניט געהאַט צו אים קײן שייכות. ערשט שפּעטער, אַז זי איז אויף אַ רגע אַנטשוויגן געוואָרן, האָט ער געזאָגט:

— האָסט שוין ווידער אָנגעהויבן... ווי עס קומט דײן פאַרדאַמטער זונטיק — הויבסטו אָן... און פאַרוואָס דערהרגעסטו אַ זונטיק? איך פרעג: פאַרוואָס! האַ? האָסט אויף דעם אַן ענטפער? האָסט ניט! ווײל ביסט אַ שלאַנג! אַ גיפטיקע שלאַנג!

נאָכאַמאָל אַ שטאַרקן זשליאָק געטאָן פון פלאַש. די פליסיקייט האָט אַ בולקע געטאָן פון העלדזל צו אים אין מויל אַרײן און זיך אָפּגערופן מיט אַ באַזונדער, שוין אַ ביסל פאַרשטיקטן, בולקען פון אינעווייניק אַרויס, פון זײן אינגעווייד אַרויס.

זי האָט זיך מיטאַמאָל שטיל פאַנאַנדערגעווײנט, געוויינט אַן היסטעריקע, ווי פון טיפער באַליידיקונג. געזאָגט:

— דו האָסט מיר אַוועקגעפּטרט מײן לעבן, שמוציקער ייד. האָסט אַוועקגעפּטרט. איך דאַרף זיך מיט דיר אַרומשלעפּן איבער די גאַסן, קלײבן נדבות.

לעבן אויף בעטל־ברויט... די בעסטע דרייצן יאָר פון מיין לעבן דיר אוועקגעגעבן... פאַרוואָס?

ער האָט ביטער אַ לאַך געטאָן:

— כע־כע־כע!... ניטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן!... איך האָב אַוועקגעפּטרט איר לעבן!... אַן אַנדער מאַן וואָלט זיך אפילו אויף דיר ניט געוואָלט אומ־קוקן. און איך האָב דיך אַריינגענומען, געגעבן דיר אַהיים. האָסט וואָס צו עסן און צו טרינקען. און גנבעסט נאָך ביי מיר געלט... מיינסט, איך ווייס ניט? יעדן טאָג גנבעסטו ביי מיר געלט!... ביסט מסתמא רייך געוואָרן פון מיינע פּעניס.

ער האָט נאָכאַמאָל אויסגעטרונקען. אַוועקגעשטעלט די פלאַש אויף דער קני און צוגעהאַלטן זי מיט דער האַנט זייער פאָרזיכטיק, ווי אַ טייערע סטאַטועטקע.

— מיינסט, אַז איך ווייס ניט דיין פאַרגאַנגענהייט? האָסט זיך אַרומגע־וואַלגערט ווי אַ צויג. נאָכדעם האָסטו זיך צו מיר צוגעקלעפּט. ביסט געבליבן מיט מיר. גוט!... זיי מיט מיר... מיך האָט ניט געאַרט... אַדרבא. אָבער דו בריקעסט זיך!... אַלע מאָל בריקעסטו זיך... מאַכסט אַ גיהנום פון מיין לעבן...

זי האָט ניט געענטפערט. שטיל געוויינט. אַוועקגעלייגט זיך מיטן פּנים אַראָפּ אויף די הענט. אירע פּלייצעס האָבן זיך שטיל געוואָרפן פון אַ שלוכצן. אַלע גלידער האָבן זיך געבעטן רחמים. דער כעס אויף אים האָט גענומען צעגיין ווי אייז אונטער דער וואַרעמקייט פון דער זון. עס האָט זיך נאָר געוואָלט וויינען און וויינען אָן אַ סוף. פון דעם איז געווען גוט.

זי האָט שוין איצט געוואוסט: ער איז געווען שכור. זיין צונג האָט געפּלאָנטערט, אָבער ער האָט שוין געהאַט אַ פאַרלאַנג צו ריידן און ריידן צו איר.

— איך זאָג דיר, ניטאָ דיר וואָס צו וויינען... איך טרינק? — גוט! נעם אויך און טרינק אויס... אָט נעם און טרינק אויס די גאַנצע פלאַש, ביזן דעק!... איך וועל דיר אַ וואָרט ניט זאָגן... אָט נעם און טרינק. פאַרוואָס ניט? אַדרבא! איך טרינק און דו טרינק...

ער האָט זיך פּלוצלונג אויפגעהויבן. קוים איינגעהאַלטן זיך אויף די פיס פון דער פּלוצלונגלעכער שיכרות, וואָס האָט פאַרטונקלט זיין קאָפּ. מיט וואַקלענדיקע טריט צוגעגאַנגען צו דעם אָרט, וואו זי איז געלעגן און אויסגע־צויגן צו איר די פלאַש:

— נאַ!... און ניט וויין!... דאָס העלפט... אַ טרונק העלפט...

זי האָט אָפּגעוואָרט אַ קליינע רגע. אויפגעזעצט זיך און גענומען שווייגנ־דיק אין האַנט די פלאַש, צוגעפּאַלן, ווי אַ דאָרשטיקע, צום אָפענעם העלדזל, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט געטרונקען אַ טויטלעכן סם,

וואָס וועט אין אַ רגע אַרום אויסלעשן איר לעבן אויף אייביק. אין איר, אין דער גאַנצער, האָט געברענט אַ פּיינלעכע דאַרשטיקייט נאָך דער שטראָמענ־דיקער ביטערניש, וואָס זי האָט געשלונגען, געשלונגען ביז עס האָט אַרומגע־כאַפּט דעם גאָרגל אַ קרעמפּיקע שטיקעניש און עס איז שוין איר ניט גע־בליבן קיין אָטעם. זי האָט זיך אַזש פאַרהוסט. געהוסט, געהוסט, מיט ווייטיק אין דער ברוסט, אין די אויפגעפּלאָמטע געדערים. קוים אַרויסגעזאָגט:

— אָט!... אָט!... און איך וועל נאָך טרינקען... נאָך...

זי האָט נאָך אַ מאָל אַ שלונג געטאָן פון דער פלאַש און עס איז ווידער געוואָרן ביטער און פּיינלעך. אָבער זי האָט שוין געפילט ווי די הייסע פליסי־קייט גיסט זיך פאַנאַנדער אין וואַרעמע שטראָמען אין איר אינגעווייד און נעמט אַוועק ביסלעכווייז די שווערקייט פון די גלידער און ברענגט אַריין אין דעם געמיט אַ גוטסקייט, אַ געפיל פון פאַרגעבונג און פאַרגעסונג.

ער איז געשטאַנען איבער איר. קוים איינגעהאַלטן זיך אויף די פיס. געזאָגט:

— טרינק... טרינק... כע!... אַ טייערע משקה... און זאָל עס גיין צו אַלדע שוואַרצע יאָר... און ניט ווין... ניט ווין...

זי האָט געפאָלגט. אויסגעטרונקען, און גלייך דערפילט אַן אויסגע־מאַטערטקייט. אַ שוואַכקייט אין דעם גאַנצן קערפּער. געהאַט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג אויסציען זיך צוריק אויף דער האַרטקייט פון דיל און איינשלאָפן. אַוועקגעגעבן אים די פלאַש:

— נאַ... איך קאָן מער ניט. אוי, יעזוס הייליקער, איך קאָן ניט... דער קאָפּ האָט זיך מיר פאַרדרייט... אַ שטאַרקע משקה... צום טייוול זאָל עס גיין!...

ער האָט אַ טרייסל געטאָן די פלאַש.

— כע!... ס'איז דאָ נאָך אַ ביסל... כ'וועל אויסטרינקען... און אַ סוף!... ניטאָ מער...

ער האָט מיט שווערקייט געפונען די אייגענע ליפּן מיט דעם העלדזל. ס'איז געווען פריילעך פון דער אייגענער אומבאַהאָלפנקייט, פריילעך פון די אַנטלויפנדיקע געדאַנקען, פון דער קיצלדיקער שוואַכקייט אין די גלידער. שוין ניט געקאָנט דערשלינגען דאָס לעצטע ביסל משקה. די משקה האָט זיך צעגאָסן איבער דער מאָרדע, איבערן האַלדז. ער האָט אַ שליידער געטאָן די ליידיקע פלאַש צו דער וואַנט און אַראָפּגעלאָזט זיך צום דיל לעבן דער פרוי. געזעסן אַ ווײַלע. צוגעהערט זיך צו איר אָטעם. פלוצלונג דערפילט אַ שכורע גאַרונג צו איר. אַ שאַר געטאָן מיט דער האַנט איבער איר קערפּער. איר ברוסט איז געווען פלאַך, אָבער וואַרעם מיט ווייבלעכער וואַרעמקייט. זי האָט זיך ניט אַ ריר געטאָן, אָבער שוין געלעגן אין פריידיקער דערוואַרטונג,

איך וועלכער ער האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ נייער זוכנדיקער באַרירונג. זי האָט געזאָגט אין האַלבער דערוואַכונג:

— טייערער... אַזאַ ביטערע משקה... אָ, טייערער...

דער אָונט, וואָס איז געקראָכן דורכן קליינעם פענצטערל, האָט זיי איינגעהילט אין ווייכע שאָטנדיקע קאָלדרעס. און די נאַכט האָט זיי געפונען ביידן שלאָפנדיק אויפן דיל אין פינלעכער פאַרגעסונג, ווי צוויי עלטערלעכע היות אין אַ פינצטערער הייל.

1944

אַלטקייט און שנײ

(אַ דערציילונג פון חלום און וואָר)

... ס׳איז ניטאָ קיין אַלטקייט. און ס׳איז ניטאָ קיין טויט.

אַזוי הייב איך אָן מיין דערציילונג וועגן אַלטקייט. און איך ווייס ניט, צי דאָס, וואָס איך וועל דערציילן, איז באמת, אין דערווירקלעכקייט, טאַקע געשען. עס קאָן זיין, אַז איך האָב דאָס אַלץ אויסגעטראַכט אין אַ גרויסער רגע פון פאַרצווייפלונג, אָדער אין אַ גרויסער רגע פון לייטזעליקייט און פרייד. און איך ווייס אפילו ניט, וואו עס הייבט זיך אָן מיין אייגענער אמת — און וואו די דרויסנדיקע ווירקלעכקייט. אַזאַ איז די צייט פון שפּעטן האַרבסט אין אַ מענטשנס לעבן. אַזאַ שטעכיקע צייט איז דאָס. אַזאַ באַצוויבּגענדיקע און אַזאַ אָפּנאַרערישע; זי גייט, דאַכט זיך, פאַרביי. זי שטעלט זיך אפילו ניט אָפּ ביי דיין שוועל, און גייט איר גאַנג דורכן לעבן, ווי אַ פרעמדע. אָבער, אַז דו קוקסט זיך אַרום — זי איז דאָ, זי האָט דיך ניט אויסגעמיטן. ניין, זי האָט דיך אַרומגעכאַפּט מיט איר שטעכיקייט, זי האָט דיך באַצוואונגען — און נאָכדעם ערשט אַוועק, איבערלאָזנדיק אירע סימנים. אומעטום און אויף אַלץ — סימנים. אַזוינע אייביקע צייכנס, ווי געהיימניספולע זעאונגען, פאַר־שטענדלעכע און אומפאַרשטענדלעכע, אָבער אַלע מאָל — פאַררעטערישע און דראָענדיקע.

אָנגעהויבן האָט זיך עס אינעם אינדערפרי, ווען איך בין געוואָרן זעכציק יאָר אַלט, אינעם טאָג, ווען איך האָב זיך געקליבן האָפערדיק צו פייערן מיין געבוירנטאָג.

יענעם אינדערפרי האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף מיט אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק. די אויגן האָבן זיך ניט געוואָלט עפענען פאַרן נייעם טאָג און אין מויל איז געווען ביטער. אין אַלע גלידער מיינע איז געווען אַ שוואַכקייט. די ביינער האָבן געבראָכן, ווי אין אַ קראַנקהייט. פונדעסטוועגן האָב איך זיך אויפגעהויבן, אַוועקגעזעצט זיך אויפן געלעגער און זיך פרובירט דערמאָנען וואָס פאַר אַ טאָג דאָס איז געווען אין מיין לעבן און וואָס איך האָב אין אָט דעם טאָג באַדאַרפט טאָן.

מיין צימער האָט אָנגעפילט אַ רויע קעלט, וואָס האָט אַרומגענומען מיינע גלידער, ווי אַ נאַסער טוך. דורכן פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַ גרויער האַרבסטיקער פרימאָרגן מיט טעמפּער, פאַרגליווערטער אומרואיקייט.

יאָ. ס׳איז געווען שפּעטער האַרבסט. האָב איך זיך דערמאָנט. האָב איך

זיך צוריק אַוועקגעלייגט אויפֿן קישן און בין שוין אַזוי געבליבן ליגן מיטן קאַלטן האַרבסט אינעם האַרצן, אַליין אַ האַרבסטיקער. מיין געבוירנטאָג איז אַלע מאָל אויסגעפֿאַלן אין שפּעטן האַרבסט, אויפֿן גרענעץ פֿון קאַלטן ווינטער. און דאָס איז געווען מיין זעכציקסטער געבוירנטאָג.

זעכציק יאָר איז אַ לאַנגע צייט אין אַ מענטשנס לעבן. כמעט אַ גאַנץ לעבן. ווען אַ מענטש כאַפּט זיך אויף אינדערפֿרי פֿון זיין זעכציקסטן געבוירנ־טאָג און אַרום איז דער אָטעם פֿון שווערן האַרבסט, און קיינער איז מיט אים ניטאָ צו וועקן די האָפֿערדיקייט פֿון אַזאַ טאָג, — וועגן וואָס טראַכט אַזאַ מענטש? ער טראַכט טרויעריקע געדאַנקען: האַרבסט אין דרויסן. און האַרבסט אינעם מענטשנס האַרצן. ער איז געווען יונג און ער איז געוואָרן אַלט. ער איז געווען קלוג און ער איז נעווען נאַריש. ער איז געווען דערפֿאַרן און בלינד. אַ מענטשנס לעבן — אַזאַ פֿאָדים פֿון אַ ריזיקן געוועב. מיין לעבן. דיין לעבן. יענעמס לעבן. אַלצאַיינס. אַריינגעפֿלאָכטן זיך אינעם געוועב און פֿאַרלוירנגעגאַנגען, ווי אַ פֿעדימל, ווי אַ טראָפּן אין אַ ים. ניטאָ קיין עטאַפּן פֿון הינטן. ניטאָ קיין עטאַפּן פֿאָראויס. וואָס איז דאָס?

אַ מענטשנס לעבן איז פֿאַרלוירנגעגאַנגען. מיין לעבן איז פֿאַרלוירנגעג־גאַנגען!

ניין. אַ מענטש וויל ניט פֿאַרלוירנגיין. אַ מענטש וויל זיך שטענדיק און אַלע מאָל געפֿינען. געפֿינען זיך אומעטום און אין אַלץ. איך וויל זיך געפֿינען!

בין איך אויפֿגעשטאַנען אַן אומרואיקער און ניט געקאָנט אַנהויבן אין רואיקן געמיט, אין שטילער וויזהייט פֿון אַן עלטערן מענטשן, דעם אייך־און־זעכציקסטן יאָר פֿון מיין לעבן. אַרום מיר איז געווען אומעט. און אין מיר — פֿאַרדראָס און כעס. אַלץ אַרום מיר האָט מיך געערגערט און געכעסט. כ׳האָב געוואָלט עפּעס טאָן, אָפּטאָן. ניט מיינס. פֿרעמדס. אומזיניקס.

און איך בין געווען אַליין. אַליין מיט מיין אַנטוישונג און מיט מיין רעגונג און מיט מיין אומזיניקן פֿאַרלאַנג צו נעמען עפּעס אַ נקמה.

און אַז אַ מענטש האָט ניט פֿון וועמען צו נעמען נקמה, נעמט ער זי פֿון זיך אַליין און לייגט אַריין אין איר זיין גאַנצע ביטערקייט, אַן איינזעעניש און אַן רחמנות.

ער שפּעט אָפּ אויפֿן שרעקלעכסטן אופֿן פֿון זיך אַליין. און אַלץ, ווייל ס׳איז ניטאָ פֿון וועמען צו נעמען די נקמה, אַחוץ פֿון זיך אַליין.

אָבער וואָס קאָן אַ מענטש טאָן מיט זיך אַליין?

שטעל זיך אַוועק קעגן שפּיגל און זאָג: — „איך בין אַלט". לייג צו אַ האַנט צום האַרצן און זאָג: — „מיין האַרץ איז מיר שוואַך. איך וועל אפשר באַלד שטאַרבן..." און דו וועסט באַלד דערזען: דיינע אויגן זיינען טאַקע אויסגעלאָשן. דיין אָטעם איז קורץ. און איבער דיין בלאַסן פּנים איז אויסגע־שפּרייט אַ נעץ פֿון קליינינקע, דינינקע, בלייכלעכע אָדערלעך, קנייטשן. וועסט פּלוצלונג דערפֿילן, אַז דאָס האַרץ איז אין דיר דערשראָקן און פֿאַר־

ווייטיקט. שלאָגט אָפּגעריסן, קראַנק. און אויפן קאָפּ זילבערן זיך די האָר. אַלטקייט!

ווי האָסטו פון דעם פריער ניט געטראַכט?

וועסט אָפּטרעטן פונעם שפּיגל אַן אומגליקלעכער. וועסט אַרומשפּאַנען איבערן צימער אַ פאַרלוירענער. אַן אָפּגעגאַרטער. אין האַרצן — אַ בענקשאַפט און אַ מורא פאַרן טויט. אין די אויגן — אַ טונקלקייט. אין קאָפּ — אַ בינטל שווימענדיקע געדאַנקען אין אַ פּוסטקייט. וועסט אַרומגיין הין־און־צוריק איבערן צימער און טראַכטן מיט שטיקלעך אויפגערודערטע געדאַנקען, וואָס טראָגן זיך אַרום אין דיין דמיון, ווי שטיקלעך אָפּגעריסענע וואָלקנס אין אַ שטורעמדיקער נאַכט אויף אַ פינצטערן הימל. וועסט אַזוי אַרומגיין ביז מידקייט אין די פיס און אינעם גאַנצן קערפּער. נאָכדעם וועסטו זיך אַוועקזעצן אין ווינקל־שטול און וועסט זיך צוהערן צום פאַרדעכטיקן קלאַפּן פון דיין האַרצן. אַ שעה און צוויי. די אָפּגעשוואַכטע גלידער וועלן נאָגן. דו וועסט וועלן שטאַרבן.

ווי ווייט איז דעמאָלט דער מענטש פון זיין טויט? צווישן טויט און לעבן איז שוין דעמאָלט ניטאָ קיין שטח. ס'איז שוין קיין זאַך ניטאָ. עס טונקלט נאָר איבער דיר, דעם פאַרלוירענעם, אַ טונקלקייט. און אין אָט דער טונקלקייט — די האַנט פון דיין גורל. די האַנט וועט אַ שטויס טאָן פאָראויס — וועסט שטאַרבן. די האַנט וועט פאַרהאַלטן — וועסט לעבן.

אָדער:

דערמאָן זיך. אימיצער האָט דיך אָפּגענאַרט. אימיצער האָט דיך פאַרראַטן. אָפּגענאַרט דיין הייליקן גלויבן אין יושר און גערעכטיקייט. אימיצער האָט אויסגעלאַכט דיין ליבע. דערמאָן זיך און צעשטער נאָך מער דיין רואיקייט. שטעל זיך נאָך אַ מאָל אַוועק אַנטקעגן דעם שפּיגל — וועסט זיך ווידער ניט דערקענען. וועסט ניט דערקענען דיינע גוטע אויגן און דיין מילדן פּנים! קוועטש צונויף די פויסטן. דריק צונויף די ציין. צאַן צו צאַן. שטאַרק און שטאַרקער! צעעפן די אויגן מער און מער. ביז ווייטיק. ביז ס'וועלן זיך אַנטבלויזן די ווייסלען מיט די בלוטיקע דינינקע אָדערלעך, און די שוואַרצאַפּלען וועלן זיך אָנהויבן וואַרפן אין פאַרשיידענע קאָלירן, — פון ליכטיקייט צו פינצטערקייט, מיט גרינע און געלע פייערלעך, ווי ביי אַן אויפגערעגטער שלאַנג, בעת זי וואַרפט זיך אויף איר שונא. ווייל דו ביסט אַן אַקטיאָר און שפּילסט די גרויזאַמסטע ראָל פון דיין לעבן!

דיין פּנים וועט אין שפּיגל אויסזען שרעקלעך. דאָס איז אָבער דיין פּנים און דיינע אויגן. און דאָס אויפגערעגטע האַרץ — איז דיין האַרץ. און די ציטערדיקע ליפּן זיינען דיינע ליפּן. און דיין אָפּגעהאַקטער אָטעם איז פון גרויסער אינערלעכער רעגונג, פון גרויסן אויפריכטיקן געפיל פון אַ מענטש, וואָס נעמט נקמה.

און פרעג ניט: וואָס איז געשען? פון וואָס די אויפרעגונג און דער

ביטערער כעס אין די אייגענע פיר ווענט, פאַרן אַנזיכט פונעם אייגענעם פּנים? און פרעג ניט פאַר וועמען דו האָסט אָפּגעשפּילט אָט דאָס ביטערע טראַגישע טעאַטער. ווענט האָבן אויערן און הערן. ווענט האָבן אויגן און זעען. אַלץ וועט אויסלאַכן דיין אומבאַהאָלפנקייט און דיין שוואַכקייט, דיין אייביקע מורא פאַר פרעמדן פּעררעאַט און אייגענער אַלטקייט. האָסט פאַר־וויקלט אַ שפּיל און ווערסט זי אַליין דאַרפן פאַנאַנדערוויקלען.

יאָ, איך האָב אָפּגעלעבט גאַנצע זעכציק יאָר. און איך האָב זיך באַדאַרפט געפינען. איך האָב זיך באַדאַרפט געפינען אין מיין פאַרגאַנגענהייט און אין מיין קעגנוואַרט.

בין איך צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, וואו עס איז געהאַנגען דער באַליבטער פּנים פון מיין איינציקער געליבטער.

איך האָב אַמאָל געהאַט אַ געליבטע. מיין געליבטע איז געווען שיין. מיין געליבטע האָט געהאַט בלאָנדע האָר און אַן אידעלן פּנים. און איר בילד איז געהאַנגען אויף מיין וואַנט...

אַלץ איז געוואָרן קלאָר. אַלץ האָט זיך מיט איין מאָל צוריקגעקערט: מיין געליבטע! דורך איר איז דורכגעגאַנגען מיין גאַנץ לעבן, ווי דורך אַ כישוף־ליכט. אין איר איז געווען דער וואונדער און אין איר איז געווען דער נס. זי האָט באַדאַרפט קומען און דערפרייען. און אומקערן צוריק פון דער פאַרגאַנגענהייט דעם גליק און דעם זין פון מיין לעבן.

און ווי נאָר אָט דער געדאַנק איז מיר געקומען אויפן זינען האָט אַ נייע רעגונג אויפגעוועקט מיין האַרץ. איך האָב ווידער גענומען אַרומשפּאַנען איבערן צימער הין־און־צוריק. געשפּאַנט פון וואַנט צו וואַנט, ווי אַ פאַר־אורטיילטער אין זיין קאַמער, און געטראַכט נאָר איין געדאַנק און געפילט נאָר איין געפיל: מיין געליבטע האָט געמוזט קומען!

אַ מינוט און אַ שעה און אַן אייביקייט איז אַלצאיינס פאַר דעם, וואָס גייט אַרום הין־און־צוריק איבערן צימער און וואַרט אויף אַ נס. ווייס איך ניט ווי לאַנג איך בין אַזוי אַרומגעגאַנגען. אָבער אַז איך בין ענדלעך צוגע־גאַנגען צום שרייבטיש און געזעצט זיך אָנשרייבן דאָס בריוול, בין איך שוין געווען רואיק. בלויז די שרייבנדיקע האַנט האָט מיך אַ ביסל פאַרראַטן מיט אַ לייכטן ציטער.

איך געדענק ניט גענוי, וואָס איך האָב געשריבן, אפשר זיינען דאָס געווען אַזוינע ווערטער:

„געליבטע מיינע. האַרבסט איז אינעם דרויסן. און האַרבסט איז אין מיין האַרצן. קום, און לייז מיך אויס פון מיין האַרבסטיקייט. קום און דער־פריי! איך האָב פאַר דיר אָנגעגרייט ווערטער, ווי הייליקע שפּרוכן. אַזעלכע ווערטער, מיט וועלכע איך האָב זיך אָנגעצונדן נאָך אין מיין פריער יוגנט — פאַר דיר און פאַר מיר, און געטראָגן זיי דורך מיין גאַנץ לעבן — פאַר דיר און פאַר מיר. קום און דערפריי.

„איך בין אַלט. דער קאָפּ מיינער איז גרוי. מיין פּנים איז דורכגעוועבט

מיט קנייטשן. און איך בענק נאָך דעם באַריר פון דיין האַנט. און איך בענק נאָך דיין וואָרט. און איך בענק נאָכן בליק פון דיינע אויגן.

„אָ, איך האָב אַלע מאָל געבענקט! און אַלע מאָל געטראָגן דיין נאָמען אין מיין האַרצן, ווי אַן אוצר. און ברענג איצט דיין נאָמען אויף מיינע ליפּן, ווי אַ תפילה: קום און דערפריי!

„איך וועל וואַרטן אויף דיר. און ס׳וועט וואַרטן אויף דיר מיין הויז.

„ווייל אַט בין איך שוין אַ זקן. כ׳בין געוואָרן זעכציק יאָר אַלט...״

אַ יונגער קאָן ליב האָבן. און אַן אַלטער קאָן נאָך שטאַרקער ליב האָבן. און ווערטער זיינען, ווי טעג אין אַ מענטשנס לעבן, זיי פאַרצייכענען זיך אין זיין האַרצן, ליגן אַוועק קנייטשעלעך אויף זיין נשמה, וואָס גלייכן זיך קיין מאָל ניט אויס. זיי דערמאָנען און דערציילן און לעבן אַזוי לאַנג, ווי דער, וואָס האָט זיי אַמאָל אַרויסגעזאָגט.

ווער קאָן קומען, און פאַראורטיילן? ווער קאָן קומען, און אויסלאַכן?

***

דער אָוונט איז אָנגעקומען אַ געווינלעכער, שפּעט־האַרבסטיקער אָוונט.

דער האַרבסט האָט זיך פאַרעקשנט געראַנגלט מיטן ווינטער און אים ניט געקאָנט בייקומען. ניט געוואָלט זיך אונטערגעבן. איך בין געשטאַנען לעבן פענצטער און אַרויסגעקוקט אינדרויסן. איך האָב געוואַרט.

אויף דער גאַס האָט זיך געריסן אַ ווינט. געשלייכט מיט פּראַסטיקע פליגלען איבער ווענט און איבער דעכער, געקייקלט זיך מיטן קיילעכדיקן רוקן איבערן שטיינערנעם ברוק, ווי אַ יונגע, אָפּגעפּרעסענע, פּלוצלונג־ווילד־געוואָרענע חיה, געדראָט יעדע רגע אָפּצוטאָן אַן אכזריותדיק שפּיצל, וואָס מ׳וועט לאַנג האָבן צו געדענקען. דער הימל האָט ניט אויפגעהערט צו זייען אַ געוועב פון קליינינקע, דינינקע שפּיזלעך, וואָס האָבן זיך געדרייט אין דער לופטן, אַזוינע שפּיציקע, אַזוינע פּראַסטיק־שאַרפע. זיי האָבן זיך געדרייט איבער דער גאַס אין אַ ווירבלדיקן געדריי ביז עס זיינען אָנגעקומען אַנדערע און האָבן זיי, אין אַ פרייער שלאַכט אין דער לופטן, פאַרטיליקט און פאַרשליידערט צו די פיס פון די געביידעס, געלאָזן זיי ליגן אומבאַוועגלעך, ווי טויטע, אויפן שטיין פון ברוק, אין די נישען פון ווענט און פונדאַמענטן.

ס׳איז אָנגעקומען די נאַכט. געקומען פון אַהינטער דער שטאָט מיט נייער קעלט און מיט נייער פינצטערניש. אָנגערוקט זיך אויף דער שטאָט, ווי אַ שוואַרצער פויגל, פאַרשפּרייט טונקעלע פליגלען איבערן מענטשלעכן לעבן און אַזוי געבליבן הויקערדיק הויערן, ווי איבער אַ רויב.

מיין אויג האָט דורכגענומען די פינצטערניש. מיין אויג האָט פאַרנומען אַ זעאונג. איך האָב געזען מיין געליבטע. זי איז צו מיר געגאַנגען דורך געוויטער. דער ווינט האָט געריסן אירע קליידער, געוואָרפן זיך אויף איר

מיט רציחה, געראַנגלט זיך מיט איר און געוואָלט אומוואַרפן. לאָזן ליגן אויפן טראָטואַר. דיניבקע שנייאיקע שפּיזלעך האָבן אייזיק געשטאָכן די הויט פון איר פּנים, געבלענדט אירע אויגן. און זי, אַן איינגעוויקלטע אין שוואַרצן, אָבער אַ ליכטיקע אין איר אייגענער ליכטיקייט, איז געגאַנגען דורך דער פינצטערניש — צו מיר. אַ קליינע, האָט זי זיך אַוועקגעלאָזט צו מיר דורך אַלע שטערונגען, דורכגעשליכט פאַרביי די ריזיקע געביידעס, פאַרביי ווענט און טויערן, אויסגעמיטן די טונקעלע הענט פון אומגעזעענע נאַכט־ריזן, געגאַנגען אַנטקעגן אַלע שרעקן אַליין, כדי צו קומען צו מיר, אַריינגיין אין מיין לעבן, ווי אַ וואונדער.

זי איז נאָך ניט געקומען, און איך האָב שוין געפילט איר באַנטקייט. איר געשטאַלט האָט נאָך אַרומגעבלאָנדזשעט, ווי אַ שאָטן, צווישן די פרעמדע געביידעס אויף אַ פרעמדער גאַס, געזוכט דעם וועג צו מיר — און איך האָב שוין געפילט איר אָנוועזנהייט. אַלע ווינקעלעך פון מיין הויז זיינען שוין געווען פול מיט דער לעצטער רגע פון דערוואַרטונג. פול געווען מיט שפּאַנונג. זי איז נאָך ניט אַריינגעקומען, און איך בין שוין געווען פול מיט דער פרייד, וואָס זי האָט מיך געטראָגן. זי איז שוין אַריין אין מיר ווי אַ צווייטע נשמה און געלעבט אין מיר ניט צעשיידט ביז אין די אייביקייטן אַריין.

דערפאַר האָב איך איר קומען ניט באַמערקט. דורכגעלאָזט די ערשטע רגע. איך האָב זי שוין דערזען, ווען זי איז געשטאַנען אויף דער שוועל, אַ שטילע און אַ ביסל אַ פאַרשעמטע, ווי אַ שולדיקע. אויף איר פּנים איז געווען אויסגעלייגט אַן אומעט אינאיינעם מיט אַן אומעטיקן שמייכל. און נאָר די אויגן האָבן געזאָגט:

— נו, אָט בין איך געקומען...

איך בין געווען גערירט. איך האָב זיך ווי פאַרלוירן. אָבער זי האָט שוין אויסגעשטרעקט צו מיר אירע הענט. אַזעלכע ליבלעכע הענט מיט זילבערנע אָדערלעך, פון וועלכע ס'האָט געשלאָגן אַ ליכטיקייט.

בין איך צוגעפאַלן צו אָט די הענט, אַ דורשטיקער נאָך זייער ליכטיקייט, און זיי געקושט אָן ווערטער.

זי האָט זיך איבערגעבויגן איבער מיר און זייער שטיל געזאָגט:

— דו האָסט מיך גערופן — בין איך געקומען.

דאָס קול איז געווען — איר קול. און די הענט זיינען געווען — אירע הענט. און פון איר האָט געטראָגן אַ וואַרעמקייט — איר וואַרעמקייט. דער באַזונדערער ריח פון איר לייב האָט אויפגעוועקט די גוטע דערינערונגען פון אַמאָל. אַלץ איז געווען אַזוי ווייט און אַזוי נאָענט. זי איז געווען מיט מיר. ביין, זי איז אַלע מאָל געווען מיט מיר, קיינמאָל ניט צעטיילט, קיינמאָל ניט דערווייטערט. קיינמאָל ניט פאַרגעסן דורך יאָרן פון איינזאַמקייט און פון ליידן.

כ'האָב אַריינגעקוקט אין איר פּנים. איר פּנים איז געווען שיין און יונג, ווי אַלע מאָל. זי איז געווען די שענסטע, ווי אַלע מאָל. און נאָר אַ ביי ליכט

פון שעמעוודיקייט. אַן אומבאַקאַנטע שולדיקייט, האָט באַדעקט איר געזיכט, ווי מיט אַ דורכזיכטיקן וואוואַל.

איך האָב אַנטציקט געזאָגט:

— גאָט, ווי שיין דו ביסט!

זי האָט קוים אַ שמייכל געטאָן מיט דער בלייכקייט פון איר פּנים און אַ קוק געטאָן מיר טיף אין די אויגן אַריין. געזאָגט:

— און דו ביסט דערזעלביקער. ביסט נאָך יונג און קרעפּטיק. ביסט נאָך יינגער פון מיר. און שענער.

איך האָב זיך ביטער פאַנאַנדערגעלאַכט:

— וואָס רעדסטו?! — טו אַ קוק אויף מיר: מיינע האָר זיינען גרוי. מיין פּנים באַדעקט מיט קנייטשן. און היינט איז מיר געוואָרן זעכציק יאָר... זעכציק יאָר! אַ קלייניקייט זעכציק יאָר. וועסט ניט גלויבן: כ'האָב אַ קוק געטאָן אויף זיך אין שפּיגל, און זיך ניט דערקענט... פון וואַנען האָט זיך ביי מיר גענומען אַזאַ עלטקייט? איך האָב דאָך נאָך גאָר ניט געלעבט... ווי לאַנג איז עס דען זינט מיר זיינען געווען קינדער? און ווי לאַנג צוריק האָב איך דיך דערקענט? ס'איז דאָך ערשט נעכטן געווען... איך געדענק נאָך אַלע קלייניקייטן. פּונקט, ווי אַלץ וואָלט ערשט נעכטן פּאַסירט. און דאָ גיב איך אַ קוק — איך בין שוין אַ זקן!... וועסט אוודאי לאַכן — איך בין אַזוי אין כעס געוואָרן... איך האָב פאַרשאָלטן די טעג פון מיין לעבן... אַזאַ אַלטער נאַר! כע־כע!... נייך, דו וועסט זיכער לאַכן...

כ'האָב אַזוי נאָך לאַנג געפּלוידערט מיין עלטערלעכע פּלוידעריי, אַן אויפגעפּלאָמטער מיט אַ מאָדנער עקסטאַטישקייט, און זי איז געזעסן, צוגעהערט זיך צו מיר אַן ווערטער, בלויז מיט שטילן, אַ ביסל סקעפּטישן שמייכל אויף אירע ליפּן. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי איז טרויעריק. האָב איך אַ מאָל געזאָגט:

— און דו ביסט נאָך אַלץ אַזוי יונג!... און אין אַזאַ געוויטער ביסטו צו מיר געקומען, דו, טייערע, אָ, ווי איך בין דיר דאַנקבאַר!...

און איך בין נאָך אַ מאָל צוגעפאַלן צו אירע הענט אין היילעקער עקסטאַטישקייט און ניט געקאָנט אָפּרייסן פון זייער גוטסקייט מיין אויפגעפלאַמטן פּנים. אַז איך האָב צוריק אויפגעהויבן מיינע אויגן צו איר פּנים, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז אירע אויגן זיינען געווען פייכט און טרויעריק און האָבן פאַרבאָרגן אַ סוד.

און דאָ האָב איך אויך באַמערקט, אַז זי האָט די גאַנצע צייט פון זיך ניט אַראָפּגענומען איר הוט. זי האָט געטראָגן אַ טונקעלן הוט, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ קונציק צונויפגעלייגטן טיכל, פאַרבונדן ווי אַ טשאַלמע. האָב איך געזאָגט:

— פאַרוואָס נעמסטו ניט אַראָפּ דיין הוט? איך האָב שוין אַזוי לאַנג ניט געזען דיינע האָר. אָ, איך וויל זען דיינע האָר. איך וויל קושן דיינע האָר, ווי אַמאָל...

זי האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט אַ טרויעריקן בליק, און ס׳איז געווען אַזוי פיל חכמה אין אירע אויגן, ווי ביי אַן עלטערער, קלוגער פרוי, וואָס קוקט אויף אַ קאַפּריזנעם קינד. זי האָט דאָך גענומען אויסטאָן איר הוט.

איך בין געבליבן דערשראָקן און פאַרוואונדערט. פאַר מיר איז געזעסן אַ שטילע אַלטיטשקע מיט טרויעריק־קלוגע אויגן. אירע האָר זיינען געווען גרוי, ביין, ווייס. ווייס, ווי געפּאַלענער שניי. מיין געליבטע איז געווען אַלט!

ווי האָב איך עס פריער ניט באַמערקט? אין האַרצן האָט זיך מיר ווי עפּעס אָפּגעריסן מיט ווייטיק, צום האַלדז זיינען מיר צוגעלאָפן טרערן, פאַרוואָרגן דעם גאָרגל. איך בין, אַ פאַרלוירענער, צוגעפאַלן צו אירע ווייסע האָר מיט מיינע הייסע ליפּן. פון זיי האָט געטראָגן דער באַקאַנטער, פאַרשיכורנדיקער ריח, גאָר ווי אין די צייטן, ווען זיי זיינען נאָך געווען בלאָנד. אָבער דאָס האָט מיך ניט באַרואיקט. איך בין געפאַלן לעבן איר אויף די קני, איינגעגראָבן מיין אַלטן קאָפּ אין איר שויס און זיך ביטער פאַנאַנדערגעוויינט. איך געדענק ניט ווי לאַנג איך האָב אַזוי געוויינט אין איר שויס. אַ מענטש וויים קיינמאָל ניט ווי לאַנג ער וויינט. אַ מינוט און אַ שעה — איז אַלצאיינס פאַר דעם, וואָס האָט איין מאָל געעפנט דעם קוואַל פון זיינע טרערן. ווייל אַט איז שוין די לעצטע פרייד פון דער יוגנט אויך געשטאָרבן פאַר די אויגן. די לעצטע טרייסט איז מיטאַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן. וואָס ס׳איז איין מאָל געווען, איז שוין מער ניטאָ און וועט ניט זיין. האָב איך אַזוי געוויינט אין איר שויס ביז דער לעצטער דערשעפונג, ביז אַ מערקווירדיקער פאַרגעסונג, וואָס איז ענלעך צו אַ זיסן שלאָף מיט חלומות.

און זי איז די גאַנצע צייט רואיק געזעסן איבער מיר און מיט דער ליבשאַפט פון אַ מאַמען געגלעט מיינע האָר, געגלעט, געגלעט און געדולדיק געוואַרט ביז איך וועל זיך באַרואיקן. נאָכדעם האָט זי געזאָגט:

— נו, ניט וויין. איך וויין שוין אויך ניט... זעסט, אַט ווין איך שוין אויך ניט...

ערשט איצט האָב איך דערזען, אַז זי האָט געוויינט. טרערן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט איבער די צאַרטע עלטערלעכע באַקן און געפאַלן אויף איר ברוסט. זי האָט שנעל אַרויסגענומען פון איר האַנט־טאַש אַ ווייסע טיכל און אַראָפּגעווישט די פייכטקייט פון די אויגן און פון די באַקן. זי האָט געוויינט, אָבער אויף איר פּנים איז שוין מער ניט געווען קיין טרויער. זי האָט געשמייכלט מיט אַ קינדישן שמייכל, אַט פּונקט ווי אַ קליין מיידעלע, וואָס האָט ערשט אויפגעהערט צו וויינען און שוין געשמייכלט דורך טרערן.

האָב איך געזאָגט:

— איך האָב דיך ליב.

און זי האָט אויך געזאָגט:

— איך האָב דיך אַלע מאָל ליב געהאַט.

פון אַט די פּשוטע רייד אונדזערע איז געווען גוט און אומעטיק. מיר האָבן זיך ביידע אָוועקגעזעצט אויף דער סאָפע, ווי געליבטע, און לאַנג גע־

רעדט און געשמועסט. באַרואיקטע און גליקלעכע. און ריידן איז געווען פון וואָס. ס׳איז געווען אַזוי פיל צו ריידן! דאָס גאַנצע לעבן האָט זיך אומגע־קערט און זיך געטריי אָוועקגעשטעלט צווישן אונדז, ווי פאַר אַ משפּט. קינדהייט און יוגנט. ליבע און ליידנשאַפט. גוראַנגל. ביטערע אַנטוישונג. פאַרראַט. שיידונג. אַלץ האָט זיך אָוועקגעשטעלט צווישן מיר און איר. זי האָט געזאָגט:

— ס׳דערמאָנט אַזוי פיל זאַכן פונעם לעבן. ווען איז דאָס געווען, ווען מ׳האָט דיך פאַרשיקט אויף דער „סילקע״, אין סיביר? דאַכט זיך אין ניינצן הונדערט און איינס... יאָ, אין ניינצן הונדערט און פינף. ביסט אַלט געווען דריי און צוואַנציק און איך — צוואַנציק... און מיר זיינען געווען די ערשטע „איסקראָווצעס״. די „סכאָדקעס״ אין וואַלד... מ׳קאָן זאָגן: נעכטן איז דאָס אַלץ געווען. ביסט אָפּט אַרויסגעטראָטן קעגן דעם „בונד״. קעגן די „סיאָניסטן״... ביסט געווען אַ היציקער רעדנער. איך געדענק, אַ קאָזאַק האָט דיר צעשניטן אַ האַנט מיט דער שאַשקע. די רעכטע האַנט...

די טייערע. זי האָט אויסגעזוכט דעם שניט אויף מיין אָפענער האַנט, געקוקט אויפן אַלטן שראַם מיט אומעטיקע אויגן און אויסגעשריען:

— וואָס פאַר אַ שניט!... ביסט געווען אַ היציקער. ווי נאָר ער האָט זיך אויף דיר פאַרמאַסטן, האָסטו אָנגעכאַפּט די שאַשקע מיט דער בלויזער האַנט... ס׳איז געווען שרעקלעך. בלוט האָט געשטראָמט און דו האָסט זיך געראַנגלט...

מיין האַרץ איז מיר פול געוואָרן מיט שטאָלץ. איך האָב פריידיק געלאַכט. דאָס האָט זי וועגן מיר דערציילט:

— איך געדענק, דו האָסט דעם קאָזאַק אַראָפּגעשלעפּט פונעם פערד פאַר אַ פוס. דאָס פערד איז געבליבן שטיין אָן אַ זייט, געקוקט ווי איר ראַנגלט זיך. מיר האָבן דיך דאָן קוים אַרויסגעראַטעוועט. ער וואָלט דיך זיכער צעהאַקט מיט דער שאַשקע. איך זאָג דיר, ס׳איז אַ נס ווי דו ביסט לעבן געבליבן.

איך האָב ווידער געלאַכט הויך אויפן קול, אַ שטאָלצער מיט אירע רייד און שוין אויך פון מיין זייט זייער שטאָלץ צוגעגעבן:

— דאָס איז אַ קלייניקייט. האָסט באַדאַרפט זען וואָס פאַר אַ קאַמף איך האָב שפּעטער אָנגעפירט אויף דער „סילקע״!... וואָלסט גאָר ניט גע־גלויבט אין וואָס פאַר אַ געפאַרן מיין לעבן איז געשטאַנען.

— ביסט אַלע מאָל געווען אַ היציקער... יאָ. דיך האָט מען פאַרשיקט און מיך האָט מען אַריינגעזעצט אין דער היימישער טורמע. ס׳איז געווען אַ צייט... איך האָב נאָך אַלע דיינע בריוו... האָסט געשריבן לאַנגע בריוו — און אַלץ וועגן די סיבירער סטעפּעס, וועגן שניי־שטורעמס, וועגן שניי... איך האָב נאָך אַ קלייך, מיניאַטור בילד פון דיר, ווי דו שטייסט אין אַ פּעלצל מיט אַ פוטערן היטל, מיט וואַליקעס אויף די פיס. שטייסט אויף אַ שנייאיקן

סטעפּ. ווייסער שניי אַרום דיר. הימל און ווייסער שניי... איך האָב ערשט היינט געקוקט אויפן בילדל און איבערגעלייענט אַלע דיינע בריוו. יעדן געבוירנטאָג דיינעם פאַרגעס איך ניט צו לייענען דיינע בריוו... און מאָדנע: אַזוי ווי איך האַלט אין לייענען דיינע בריוו, — ערשט עס קומט מיר אָן דייך בריוול... ניין, דאָס איז אַזוי מאָדנע!... ס'איז אַזוי ווי איך וואָלט פון דיר דערהאַלטן אַ פרישן בריוו אַזש פון דער ווייטער סיביר... און איך האָב זיך אַביסל דערפרייט און דערשראָקן. און דער אינהאַלט איז אויך כמעט דער זעלביקער — אַזאַ ראָמאַנטישער... ביסט אַלע מאָל געווען זייער ראָמאַנטיש...

— איך האָב דיך ליב.

— אַך, דו, פאַרליבטער יינגל מיינער!

זי האָט ווידער, ווי אַן עלטערע, אַ שאַר געטאָן איבער מיינע האָר און אויף אַ וויילע פאַרלאָרן אירע פינגער אין זיי מיט אַ וואַרעמען באַריר — כלומרשט נאַכלעסיק, אָבער אין דער אמתן — מיט אַן אונטערדריקטן אויפ־פלאַטער פונעם הארצן, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אינעם בליק פון אירע אויגן, וועלכן איך האָב פאַרנומען מיט אַלע מיינע אברים.

זי האָט ניט אַרונטערגענומען איר האַנט פון מיין קאָפּ און געשוויגן. ערשט אין אַ מינוט אַרום, ווי קומענדיק צו זיך פון אַ פאַרגעסונג, געזאָגט:

— וואָס איז פינף יאָר אין אַ מענטשנס לעבן? — אָבער דאַן איז עס געווען ווי אַן אייביקייט. וועסט ניט גלויבן, אָבער ס'איז געווען ערגער פונעם טויט... איך האָב דיך באַוויינט, ווי אַ טויטן.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. ס'איז ניט געווען קיין אָפּגרענעצונג אין צייט. ס'איז ניט געווען קיין אָפּגרענעצונג אין די געשעענישן. אַלץ האָט זיך אומגעקערט צוריק: די „סילקע", די ווייטע, צאַרישע סיביר. מיין לעבן איז פאַרלוירנגעגאַנגען אין ווייטע סטעפּעס פון סיביר, פאַרוואָרפן אין אַ פאַרשנייטער כאַטקע פון אַ פויער, אַ כאַטקע, ווי אַ ברעקל שניי. נאַכטיקע שניי־זאַווערוכעס. פראַסטיקע ווינטן טראָגן אום טרוקענעם שניי איבער אָפענע פליינען מיט אַ ווילדן געשריי, יאָגן און דרייען און פאַרדרייען דעם שניי אין וויכערדיקע בערגלעך, הורבען אָן בערג און בערגלעך מיט שאַרפע, ווי אויסגעשניצטע, רוקנס, ווי רוקנס פון פרעכטיקע, ווייס־שנייאיקע ריזן־חיות פון אַ פרעמדער נאָרדישער וועלט. הונגעריקע וועלף הויערן איבערן שניי, לויפן דורך דער נאַכט מיט הייסע אויסגעשטרעקטע צינגער, מיט הייס־פאַרעדיקע אָטעמס, לויפן אומרואיקע, מיט אויפגעהויבענע קעפּ, בויגן זיך און לעקן, לויפנדיק, דעם פראָסטיקן שניי, דאָרשטיקע און הונגעריקע. וועלף אין דער סיבירישער נאַכט. לויפן אַרום איינציקוויז און פאַרוויז און סטאַדעסווייז וויינען אַרויס מיט אַ מוראדיקן געוואָי, מיט רויטע, פייערדיקע אויגן רויט־בלוטיקע טרערן, ווילן ניט פאַרשאָטן ווערן אינעם שנייאיקן מדבר, ווילן ניט פאַרלוירנגיין אין די ווייטקייטן פונעם נאָרד.

אָבער דער ווירבל־ווינט יאָגט זיך נאָך מיט אַ ווילדן הו־האַ, יאָגט נאָך און פאַריאָגט און פאַרשיט מיט ווייסן זאַמד זייערע טויטע, פאַרוויט זייער וועג. אַ מענטש און אַ וואָלף זייַנען פאַרוואָגלט אינעם ווייטן נאָרד. אַ מענטש שטייט אויף אין פרימאָרגן און דערזעט: ער איז פאַרגראָבן אין שניי מיט זיין כאַטע, מיט זיין הונט־ביידל, מיט זיין שטאַל, און דער ווינט איז נאָך ניט מיד געוואָרן צו הורבען דעם שניי און אַרומצויאָגן זיך נאָך די שנייעלעך, אַרומצוטרייבן זיי פון בערגל צו בערגל מיט אַ סווישטש און אַ געיאָמער.

סיביר. סיבירישער אומעט און סיבירישע איינזאַמקייט. פון אַהינטער די אָנגערוקטע האָריזאָנטן הויבן זיך וואָלקנס שניי, ווי ווייסע טומאַנען, אַזוי ווי דער סטעפּ וואָלט געברענט פון אַלע זייטן מיט אַ ווייסער שנייאיקער שריפה, געהויבן צו די גרויע הימלען אַ שנייאיקן רויך. און אַ מענטש איז אַרומגערינגלט פון קאַלטער שריפה, אַליין אויפן עק פון דער וועלט. און דער מענטש — דאָס בין איך. יאָר נאָך יאָר, אַליין מיט דער בענקשאַפט און מיט דער ליבע אין האַרצן — צו איר, צו דער איינציקער, צו מיין געליבטער. האָב איך געזאָגט:

יאָ, ס'איז ערגער פונעם טויט. ווען ניט גלויבן, אָבער זייער אָפט האָט פּאַסירט, איך פלעג אַרויסגיין אויף מיין שפּאַציר איבערן שניי, אַוועקגיין וויט פונעם שטיבל. כ'פלעג גיין און גיין. און דער ווינט פלעגט נאָכלויפן נאָך מיר, פאַרווייען מיינע טריט. כ'פלעג אַ קער טאָן מיין קאָפּ אויף צוריק, זוכן מיינע טריט און ניט געפינען. פלעג איך טראַכטן: אָט אַזוי וועל איך פאַרלוירנגיין צווישן הימל און ערד, און קיינער וועט אפילו ניט וויסן וואוהין מיין געביין איז אַהינגעקומען. מיינע טריט ווערן פאַרווישט און יעדער צייכן פון מיין לעבן וועט אָפּגעווישט ווערן. איך וועל קיינמאָל ניט געפינען דעם וועג צוריק... אָבער, אָט זעסטו דאָך — איך האָב געפונען דעם וועג צוריק... אָט זיצן מיר בײדע דאָ צוזאַמען — איך און דו...

זי האָט פיל באַדייטנדיק געזאָגט:

— אַ מענטשנס לעבן ווערט ניט פאַרפאַלן. און אַלץ, פאַר וואָס אַ מענטש גיט אַוועק זיין לעבן, ווערט ניט פאַרפאַלן. עס לעבט אייביק. דיין רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט, דיינע רעוואָלוציאָנערע אויפטוען — לעבן.

— און די „איסקראַ"? און דער קאַמף?

— די „איסקראַ" און דער קאַמף לעבן. געדענקסט, פלעגסט זאָגן: די „איסקראַ" וועט זיגן. דער פונק וועט פאַנאַנדערצינדן דעם גרויסן פייער פון רעוואָלוציע... און אַזוי איז עס טאַקע געשען. עס בויט זיך דער סאָציאַליזם. און די סיביר דיינע בויט זיך. ס'קומט דאָרטן אויך אַ ניי לעבן. נייע מענטשן. און דאָרט, וואו דו האָסט אַרומגעבלאָנדזשעט, אָן אַ שטעג און אָן אַ וועג, לייגט מען אויס וועגן און מ'בויט פאַבריקן, ריזיקע שטעט...

— אָבער איך בין אַלט און איינזאַם און פאַרלאָרן...

— ניין, ניין. דו האָסט זיך איינגערעדט. האָסט זיך נאָר איינגערעדט.

ווייל ביסט אַלע מאָל געווען אַליין. ס׳איז קיינער ניט געווען, וואָס זאָל דיר דערמאָנען, אַז דיין לעבן איז פול מיט טאַט, מיט קעמפערישקייט און מיט יוגנט...

זי האָט דאָס ווידער אַרויסגעזאָגט פילבאַדייטנדיק. אָבער מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איר טאָן איז פול מיט טרויער און אַז אירע אויגן זיינען פאַרלאָפן מיט אַ שאַטנדיקייט, אַזוי ווי זי וואָלט זיך מיט אַמאָל דערמאָנט אָן עפּעס, וואָס איז געווען שווער און טרויעריק. דאָס האָט געדויערט אַ לאַנגע רגע. נאָכדעם האָט זי, גאָר אַנדערש, געזאָגט:

—און דו האָסט אַזוי טאָקע קיינמאָל ניט געהייראַט...

— ניין... קיינמאָל ניט געהייראַט.

אָפּגעוואַרט אַ ווײַלע:

— האָסט מיך טאָקע אַזוי ליב געהאַט?

— איך האָב דיך אַלע מאָל ליב געהאַט.

זי האָט זיך פאַרטראַכט. איך האָב באַמערקט, ווי זי איז ווידער געווען זייער אויפגערעגט. איר ברוסט האָט זיך שטאַרק געהויבן.

— און איך האָב דיך אויך ליב. ביז היינטיקן טאָג. אָבער... אָט האָב איך דאָך געהייראַט. און איך האָב קינדער. פיינע קינדער...

איך האָב אָפּגעשוויגן. זי האָט פאַרגעזעצט:

— איך דערצייל זיי וועגן דיר. אָ, איך דערצייל זיי יעדע קלייניקייט פון דיין לעבן. זיי וויסן ביי מיר אַלץ וועגן דיין רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגנהייט. אפילו דיין בילד הענגט ביי מיר די גאַנצע צייט אויף דער וואַנט. זיי קאָנען דיך גוט און אַכטן דיך. זיי זיינען פאַר דיר באַגייסטערט...

— און איך בין אַליין... איינער אַליין.

— דו טראָגסט מסתמא אַ שנאה צו מיר. האַלטסט, אַז איך האָב דיך פאַרראַטן...

— יאָ. כ׳בין אַלע מאָל געווען זייער אייפערזיכטיק אויף דיר. זייער אייפערזיכטיק... אין דיין הייראַט האָב איך אַלע מאָל געפילט פאַרראַט.

— אָבער איך האָב דיך אַלע מאָל ליב געהאַט.

איך האָב זיך ניט געקאָנט אָפּהאַלטן פון אַ פאָרוואורף:

— פונדעסטוועגן האָסטו געהייראַט.

זי האָט זיך געגומען פאַרענטפערן:

— איך בין אַנטלאָפן פון דער טורמע... וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? דו ביסט געווען פאַרשיקט אין סיביר. און ער איז דאַן פונקט געפאָרן קיין אַמעריקע... טאַטע־מאַמע האָבן זיך אַריינגעמישט... איך האָב ניט געוואוסט, וואָס איך טו.

איך האָב ניט געלאָזן איר ריידן:

— ניין, רייד ניט. איצט איז סיי־ווי־סיי פאַרפאַלן...

זי האָט אַראָפּגעלאָזן איר קאָפּ און געשוויגן. געווען שולדיק און פאַר־

לאַרץ. געווען אומגליקלעך. איך האָב זי געוואָלט באַרויִקן. האָב איך גע־זאָגט מיט אַ שמייכל:

— אַך, די נאַרישע יוגנט!... דו ווייסט: איך האָב געשוואָרן צו נעמען נקמה פון דיר. ניין, איך האָב אפילו געשוואָרן דיך צו טויטן. אַזוי איפּערזיכטיק בין איך געווען. און דו וועסט מיר אפשר ניט גלויבן, אָבער, שוין קומענדיק קיין אַמעריקע, האָב איך דיך געוואָלט טויטן. ניין, דו וועסט עס ניט גלויבן!

— ביסט משוגע!

איך האָב זיך אַביסל נערוועאיש פאַנאַנדערגעלאַכט:

— ניין, איך זאָג דיר דאָס ערנסט. איך געדענק עס, ווי ס'וואָלט ערשט היינט געווען. דו האָסט דאַן געוואוינט אין ברוקלין, אויף איסטערן פּאַרק־וועי, אין אַן אַפּאַרטמענט הויז, אויפן דריטן שטאָק.

— די קינדער מיינע זיינען נאָך דאַן געווען קליינע.

— יאָ, די קינדער דיינע זיינען נאָך דאַן געווען קליינע. דיין דירה האָט מיט דריי פענצטער אַרויסגעקוקט צו דער גאַס און עס איז אַלע אָוונטן געווען ליכטיק באַלויכטן. אָ, איך בין אַ סך מאָל געווען אונטער דיינע פענצטער און מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרצן נאָכגעפאָלגט די באַוועגונגען פון אייערע שאָטנס...

זי האָט ווידער אַפּנים געוואָלט אָפּשוואַכן דעם איינדרוק מיט אַ באַ־מערקונג:

— ביסט אַלע מאָל געווען אַזאַ ראָמאַנטישער...

— ניין, ניין, איך האָב דיך געוואָלט טויטן. אויף אַן אמת!... איך געדענק אפילו יענעם אָוונט. ס'איז געווען ווינטער. דער הימל איז געווען אויסגעשטערנט. ס'איז געווען אַ וואונדערלעכער אָוונט. און מיך האָט גראָד געצויגן צו באַגיין אָט דעם מאָרד. אַזאַ עקשנות איז געווען אין מיר. ס'האָט זיך מיר געדוכט, אַז מיין גאַנץ לעבן הענגט אָפּ פון אָט דעם מאָרד. ווי נאָר איך וועל דיך טויטן — וועט מיין לעבן באַפרייט ווערן פון אַלע שוועריקייטן. עס וועט מיר ווערן גוט צו לעבן... נו, בין איך אַרומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן טראָטואַר. ניט געאיילט זיך. אַזוי זיכער בין איך געווען, אַז איך וועל דעם פּלאַן דורכפירן. אַלץ איז געווען גרייט. מיר דוכט, אַז איך האָב זיך צו דעם געגרייט מיין גאַנצן לעבן. און נאָך האָט זיך מיר געדוכט, אַז גאַנצע אייביקייטן וועלן קומען בייוואוינען אָט די גערעכטע נקמה מיינע איבער דיר... אין קעשענע איז געלעגן דער רעוואָלווער, אַ פול־געלאָדענער.

זי איז געוואָרן גאָר אַן אַנדערע. איר פּנים האָט איצט אויסגעדריקט שרעק. עס איז אין אים קיין זאַך מער ניט געווען אויסער דער שרעק. מיר האָט זיך אפילו אויסגעדוכט, אַז זי איז געוואָרן בלייכער און האָט גע־ציטערט. האָב איך געמאַכט אַ קליינעם צוריקצוג. געזאָגט:

— אָ, ס'איז געווען אַ שרעקלעכע איבערלעבונג. כמעט אַזאַ, ווי איך

האָב, אין אַ שוואַכן מאָמענט, איבערגעלעבט אין „סילקע״. דעמאָלט האָב איך זיך געוואָלט נעמען דאָס לעבן... ווידער איז דאָס געווען צוליב מײַן אומגליקלעכער ליבע צו דיר. יאָ, יאָ, ווידער צוליב דיר. שטעל זיך פֿאָר אַזאַ פּאַראַדאָקס: אַ רעוואָלוציאָנער דערשיסט זיך אין ווייטער פֿאַרשיקונג צוליב דעם פֿאַרראַט פֿון אַ געליבטער.... ס׳איז ניט געווען ווער ס׳זאָל לאַכן! אַ מענטש האָט געהאַט כּוח צו ווענדן איבערקערן אַ וועלט, און דאָ קאָן ער גאָר ניט אַריבערטראָגן דעם פֿאַרלוסט פֿון אַ געליבטער... דערצו איז נאָך די רעוואָלוציע דאַן געווען אין איר סאַמע בליאונג. עס זײַנען בײַ מיר געווען טויזנטער פּלענער פֿון אַרבעט. פֿאַרבינדונגען מיט דער רעוואָ־לוציאָנערער עמיגראַציע, מיט חברים אינעם אייראָפּייאישן רוסלאַנד. איך האָב פֿאַרפֿאַסט רעוואָלוציאָנערע אויפֿרופֿן. געקליבן זיך צו אַנטלויפֿן... מײַן לעבן איז געווען פֿול מיט אַרבעט — און דאָ, אינמיטן דערינען — זעלבסטמאָרד גאָר... און איך וואָלט אפֿשר טאַקע געמאַכט אַ סוף צו זיך, ווען ס׳וואָלט גראָד יענעם טאָג ניט אָנגעקומען אַ בריוו פֿון חברים, וואָס האָבן געשריבן וועגן דיר. בלויז עטלעכע ווערטער וועגן דיר, אַז דו האָסט ניט נאָר מיך פֿאַרראַטן, נאָר אויך די רעוואָלוציע: „אַנטלאָפֿן פֿון שלאַכט־פֿעלד״. אַזוי האָבן זיי טאַקע געשריבן.

מײַנע רייד האָבן איר ווי געטאָן. איר פּנים איז געווען פֿאַרצויגן מיט פּינצטערקייט. זי האָט ווידער געזאָגט מיט אַ געפּאַלענעם קול:

— ניין. ניין. איך בין בלויז אַנטלאָפֿן פֿון דער טורמע...

— יאָ, יאָ. פֿון דער טורמע... ביסט אַנטלאָפֿן פֿון דער טורמע און ביסט אַוועקגעפֿאָרן מיט א י ם קיין אַמעריקע. און דאַן טאַקע איז מיר צום ערשטן מאָל געקומען דער געדאַנק צו נעמען פֿון דיר נקמה. איך בין ניט באַגאַנגען קיין זעלבסטמאָרד. אָנשטאָט דעם בין איך אַנטלאָפֿן פֿון דער „סילקע״, אַרײַנגעוואָרפֿן זיך אין דער אַרבעט. געלעבט אומלעגאַל ביז נאָכן דורכפֿאַל פֿון דער ערשטער רעוואָלוציע. ביז די ערשטע יאָרן פֿון רעאַק־ציע... און נאָכדעם בין איך אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע נעמען פֿון דיר נקמה. איך האָב דיך טאַקע באַלד אויסגעפֿונען.

זי האָט, צוליב עפּעס, אָנגעכאַפּט מײַן האַנט. ווי זי וואָלט מורא געהאַט.

— יאָ. בין איך יענעם אָוונט געקומען אויף איסטערן פּאַרקוועי, עט־לעכע מאָל זיך דורכגעגאַנגען הין און צוריק איבערן טראָטואַר און נאָכדעם אַרויף איבער די טרעפּ צו דײַן דירה. הינטערן טיר האָב איך געהערט שטימען. דײַן קול האָט זיך איבערגעמישט מיט קינדערשע שטימען. צום ערשטן מאָל אין יאָרן האָב איך געהערט דײַן קול... נאָך אַזוי פֿיל יאָרן ביסטו דאָ געווען הינטער דער טיר... מײַן האַרץ איז פֿול געוואָרן מיט רעגונג.

אירע הענט זײַנען מיט אַמאָל געוואָרן קאַלט. איך האָב דערהערט אַ

פאַרשטיקטן געווײן. האָב איך אָפּגעוואַרט אַ רגע, כדי צו באַרואיקן זיך און איר. און נאָכדעם, שוין שנעל, פאַרענדיקט:

— איך האָב אָנגעקלונגען. צו דער טיר איז צוגעלאָפן אַפּנים דײן עלטערער זון. ער איז געווען אַ קינד פון אַ יאָר נײן. ער האָט ברײט, ברײטער, ווי ס'איז געווען נויטיק, געעפנט די טיר און געוואַרט וואָס איך וועל זאָגן. און איך האָב ניט געהאַט וואָס צו זאָגן... איך בין געשטאַנען אַ פאַרלוירענער. און דו האָסטו זיך באַוויזן אין עק פון קאָרידאָר ביי דער אָפענער טיר פונעם באַלויכטענעם עס־צימער, מיט אַן עופּעלע אויף די הענט, און האָסט צוגעשריען צום ייִנגל: — ווילי, ווער איז דאָרטן?... נײן, דו האָסט מיך אין דער טונקלקייט פון קאָרידאָר ניט דערקענט. אָבער איך האָב דיך דערזען: דו ביסט געווען יונג און שיין מיט דער שײנקייט פון אַ יונגער מאַמען. האָב איך שנעל אָנגערופן אַ פרעמדן נאָמען. דער ייִנגל האָט הויך געזאָגט: — נײן. דאָ וואוינט מיסטער און מיסעס ס... בין איך אַוועק אַ פאַרשעמטער פאַר די וואונדערלעכע געזעצן פונעם לעבן, פאַר דעם גרויסן יושר פונעם לעבן... פון דאַן אָן האָב איך דיך אויסגעמיטן. נײן. איך האָב דיר געלאָזט לעבן דײן לעבן.

זי האָט זיך עפּעס מיט אַמאָל באַרואיקט. געזאָגט:

— טײערער. האָסט זיך אַזוי אָנגעליטן צוליב מיר! אַ, ווי איך האָב דיך ליב!

ס'איז שוין אין איר ניט געווען קיין שרעק. זי האָט זיך פאַרטרויליך אײנגעגנורעט מיטן קאָפּ אין מײן ברוסט, צוגעטוליעט זיך צו מיר, ווי אַ קינד, און געשוויגן. ערשט שפּעטער האָב איך דערהערט איר שטילן כליפּען און דערפילט אירע טרערן. אָבער איך האָב ניט פּרובירט באַרואיקן איר געווײן. אַזוי איז געווען בעסער. ווייל אָט זײנען מיר ביידע געווען אַל־טיטשקע און ביידע זײנען מיר נאָך געווען יונג אין אונדזער יונגער ליבע און גליקלעך ווי קינדער. און די טרערן האָבן נאָר געלײטערט אונדזערע געמיטער. ס'איז געווען גוט און אומעטיק. און מיר האָבן אַזוי גאָרניט באַמערקט, ווי אין די פענצטער, אַנטקעגן, האָט שוין געגרויט דער טאָג. ס'איז געווען גרויסער טאָג. האָב איך געזאָגט:

— טו אַ קוק. ס'איז שוין גרויסער טאָג!

זי האָט זיך אויך פאַרוואונדערט:

— טאַקע. גרויסער טאָג...

זײנען מיר ביידע צוגעגאַנגען צום פענצטער. דאָס ליכט פונעם אָנקומענדיקן טאָג איז שוין געקראָכן אין צימער און געפאַלן, ווי אַ גרויער טוך, איבערן פענצטער, צעלייגט זיך אויפן דיל און דערגרייכט כמעט צום סאָמע מיטן פונעם צימער. מיר האָבן אַ קוק געטאָן אין דרויסן, — אין דרויסן איז שוין געווען ווינטער. די וועלט איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ ווייסן טעפּיך פון שניי. דעכער און גאַניקעס און טרעפּ פון סטופּס זײנען געווען

אָנגעטאָן אין פּוכיק־ווייסע קליידער. אומעטום — שניי. אַזאַ ווייסקייט, אַזאַ ווייכקייט איבער דער וועלט, וואָס האָט ווייך געמאַכט דאָס האַרץ און קלאָר געמאַכט די געהירן. מיר האָבן אין אַנטציקונג ניט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון דער נייער וועלט.

פון דער גאַס האָבן זיך דערטראָגן די ערשטע מונטערע קלאַנגען פון ווינטער. מענטשן זיינען אַרויס אַנטקעגן דעם טאָג מיט זייערע זאָרגן און האָבן באַגריסט דעם נייעם ווינטער מיט קלאָרע שטימען, מיט געקרעפּ־טיקטע געמיטער.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מיין געליבטער. איך האָב נאָך אַמאָל דערזען אירע ווייסע האָר, וואָס זיינען געלעגן, ווי אַ ליכטיק בערגל שניי אויף איר קאָפּ. זי איז געווען, ווי אַ ליכטיק געשטאַלט, מיט אַ קרוין פון ווייסע האָר, וואָס האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דער ליכטיקייט פונעם דרויסן, מיט דער ווייסער וועלט פון שניי און פרימאָרגן. האָב איך געזאָגט מיט אַנטציקונג:

— זע. דיינע האָר זיינען ווייס און ווייך און גוט, ווי דער פריש־גע־פאַלענער שניי!...

און זי האָט געקוקט אויף מיר און איך געווען פאַרוואונדערט:

— אויך דיינע האָר זיינען ווייס, ווי דער שניי. אַזאַ שיינקייט!

און מיר האָבן זיך געפרייט, ווי קינדער, מיט דעם ווינטער, מיט דעם שניי און מיט דער ווייסקייט פון אונדזערע האָר און ניט געקאָנט אָפּרייסן אונדזערע בליקן פונעם דרויסן. געקוקט, ווי ס׳איז געפאַלן דער שניי. ווייסע פעדערלעך שניי האָבן זיך געדרייט אין דער לופטן, געפלאַטערט, אַרומגע־כאַפּט זיך איינע מיט די אַנדערע און געפאַלן, איינגעקלאַמערטע, צו דער ערד, אויפן ווייכן ווייסן בעט, ווי געליבטע. אַנדערע האָבן דווקא געוואָלט זיין אַליין. האָבן געפלאַטערט איינזאַמע, אויסגעמיטן די אַנדערע שנייעלעך אויף אַ טויזנטל פון אַ רגע, אויסגעדרייט זיך פון אַ באַרירונג און געפאַלן, געפאַלן, איינינקע אַליין, ניט וויסנדיק וואו זיי וועלן געפינען זייער רו אויף דער וועלט. געפאַלן, און שוין ניט געקאָנט זיך צוריק אויפהויבן.

זי האָט זיך פּלוצלונג דערמאָנט:

— ווי, ס׳איז שוין אַזוי שפּעט! ס׳איז דאָך שוין גרויסער טאָג! וואָס טוט זיך דאָ מיט מיר?!...

און זי האָט זיך גענומען איילן. געוואָרן מיט אַמאָל אַ פרעמדע. גע־איילט זיך, מיט באַהאַלטענעם שרעק, אַוועקצוגיין פון מיין הויז. געוואָרן אַ ווייטע און אַ פרעמדע. איך האָב זי ניט געוואָלט פאַרהאַלטן. אָ, ווי אַזוי וועט זי מיך מיט אַמאָל איבערלאָזן אַליין און אַוועקגיין? און וואָס וועט מיט מיר, דעם עלנטן, זיין, ווען זי וועט מיך אָט אַזוי איבערלאָזן און אַוועקגיין?

איר געשטאַלט האָט זיך נאָך עטלעכע מינוטן באַוועגט אין מיינע צימערן. דער אָנבליק פון איר גוטן פּנים האָט נאָך אַ ווילע געציטערט, ווי אין אַ חלום, פאַר מיינע אויגן. אָבער זי האָט זיך דערוויטערט, דערווייטערט און

ביסלעכווייז פאַרשוואונדן, ווי אַ וואונדער, אין דער אַנקומענדיקער ליכטי־קייט פונעם ווייסן טאָג...

און איך בין געבליבן אַליין. אַליין מיט מיין חלום און מיט מיין וואָר — צו באַגעגענען מיין איין און זעכציקסטן יאָר.

⁂

שפּעטער האָט דער שניי אויפגעהערט צו פאַלן.

איך בין אַרויס אין דרויסן, אַ ווינטערדיקער, צו באַגעגענען דעם ווינ־טער, צו פאַרצייכענען אַ נייעם טאָג אין מיין לעבן.

ס'איז געווען אַ יום־טוב פון שניי. ס'איז געווען אַ יום־טוב פון פראָסט. פון אַלע זייטן האָט געשפּאַרט אין פּנים אַריין אַ פריילעכע, שפּילעוודיקע ווייסקייט, אַ ווייסקייט אויף בלויע פאָנען צווישן הימל און ערד, אין וועלכער ס'איז אַרומגעשוואומען די שטאָט, ווי אַ פאַרלוירענער שנייאיקער אינדזל. פון אונטן און פון אַרום האָט זיך אַרומגעטראָגן, ווי פון אַן אייז־פאַרקאָוועטן טייך, אַ נייער גערודער.

איך בין אַוועק צום שטאָטישן פּאַרק. מיט מיר איז געגאַנגען מיין בענק־שאַפט. מיט מיר איז געגאַנגען מיין טרוים. איבערן פּאַרק זיינען נידעריק געהאַנגען די ווייסע ווינטערדיקע וואָלקנס, אַרומגעשוואומען געמיטלעך, געשפּאַלטן זיך אין צווייען, אין דרייען, פאַנאַנדערגעפאַלן און ווידער צוזאַ־מענגעקומען זיך, פאַרמירט זיך אין שנייאיקע בערג מיט פאַנטאַסטישע קאַנטורן, מיט פאַנאַראַמעס פון ווייסעביימער, מיט ווייסע סטאַדעס אומגע־זעענע חיות אויף ווייסער פאַשע, מיט ווייסע פליענדיקע פייגלען און בלוי־קייט פון הימלען. דער וואונדער פון די הימלען אויף דער ערד. דער וואונ־דער פון דער ערד אויף די הימלען. כדי די מענטשן זאָלן זיך אויפכאַפּן פון זייער שלאָף און זיך פאַרוואונדערן: דער ווינטער איז שוין דאָ! כדי קינדער און עלטערע מענטשן זאָלן צום טויזנטסטן מאָל זיך קאָנען דער־ציילן די וואונדערלעכע מעשה פונעם ווינטער.

עס זיינען געלעגן אויף די ביימער אוזאָרן פון שניי. קלענערע קוסטעס האָבן זיך געוואָרעמט אונטערן ווייכן צודעק, ווי אין פּוכאָווע פעדערן, און איינגענורעטע, געשלאָפן ווי קינדער. אַרום זיי, איבער די אָפענע בערגלעך און פליינען, זיינען אויסגעוואָקסן מילי־מיליאָסן בלומען־בליטן: ווייסע ליליען אַזעלכע, מיט אַראָמאַטן פון ווינטער און ווייסע רויזן און ווייסע טולפּאַנען, וואָס האָבן זיך באַגעגנט אינעם ווינטערדיקן יום־טוב צו באַ־שיינען די פרייד פון פראָסטיקער ווייסקייט, דאָס ווייסע קלייד פון דער ווינטער־כלה.

דער פּאַרק האָט זיך געברייטערט, צונויפגעגאָסן זיך מיט די אָפענע, הינטערשטאָטישע פליינען, וואָס זיינען געווען ווייט און זיינען געווען נאָענט. פון דער הויך זיינען אַנגעפלויגן ווייסע טויבן. אַראָפּלאָזנדיק זיך אויפן שניי

און פאַרזונקען מיט די דינע פיס אין דער ווייכקייט, געבליבן אַזוי אויף אַ ווײַלע, ווי בלוילעכע שאָטנס אויף אַ ווייסן פּאַפּיר. נאָכדעם זיך מיט אַמאָל אויפגעהויבן אין אַן אייליקן געפלי, מיט אַ געקלאַפּער פון פליגלען, איבער־לאָזנדיק הינטער זיך אַ שנייאיקן שטויב און צעשפּרייט איבער ווייסע ליילע־כער שפּילעוודיקע שאָטנס. דער שניי האָט אָפּגעשפּיגלט, ווי אַ קלאָרער וואַסער, די באַוועגונגען פון זייערע פליגלען — אָט טונקעלער און אָט בלאַ־סער . . .

אַ, שניי! איך וועל זיך אין דיר אַריינוואַרפן און דערוואַרעמען זיך אין דיין וואַרעמקייט און קילן זיך אין דיין קילקייט. כ׳וועל אין דיר איינקייק־לען מיינע גלידער און וועל זיך אין דיר רייניקן. איך וועל זיך אין דיר אויסבאַהאַלטן. איך וועל אין דיר פאַרלוירנגיין און וועל זיך אין דיר גע־פינען. איך האָב אין דיר אַמאָל פאַרלאָרן מיינע טריט און האָב זיי צוריק־געפונען. איך האָב אין דיר אַמאָל פאַרלאָרן מיין ליבע און איך בין צו דיר געקומען זי צוריקגעפינען. מיין ליבע איז געווען ליכטיק מיט דער ליכטיקייט פון דיין קלייד. און מיין געליבטע האָט געהאַט ווייסע האָר אויף איר קאָפּ, ווי די שענסטע קלומבע פון דיינע שניי־בלומען. מיין געליבטע האָט גע־טראָגן אַ קרוין פון ווייסן שניי אויף איר קאָפּ. זי האָט געהאַט אַ טרויעריקן שמייכל אויף אירע ליפּן און גוטע ליכטיקע הענט. און איך האָב זייער ליב געהאַט מיין געליבטע.

אַ ווײַלע זיינען די וואָלקנס איבערן פּאַרק געדיכטער געוואָרן. איבער׳ן שניי האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ טרויער. דער טרויער פון ווינטערדיקע פעלדער. אַ ווינט האָט זיך אַ ריר געטאָן, אַ פלאַטער געטאָן און זיך דורכגע־לאָפן איבער שניי, אָנגערירט אין צאַרטער באַרירונג דעם לייכטן פוך פון די פליינען און זיך צוריק איינגעלייגט אין זיין רואיקער באַהעלטעניש. די וואָלקנס זיינען זיך מיט אַמאָל פאַנאַנדערגעפאַלן און זיך צעשפּרייט. פון אויבן האָט אויף אַ רגע מיט אַ ברייטן שמייכל אַ לאַך געטאָן די זון. אונטן האָט זיך דער שניי אַ מיניע געטאָן מיט קאָלירטע דימענטן. געענטפערט מיט זילבעקער פרייד און דער טרויער פון פליינען איז פאַרשוואונדן. נאָר אויף איין רגע האָט זיך די זון באַוויזן. נאָכדעם איז זי שוין ווידער פאַרשוואונדן און צוריקגעקערט די קאַלטע רואיקייט פון דער ווינטערדיקער שיינקייט. ווינטער איז געווען ווינטער.

איך בין געגאַנגען צוריק. די שטאָט האָט געהאָוועט מיט טויזנטער האַוועניש. ס׳זיינען געלאָפן אין משונהדיקער איילעניש אויטאָמאָבילן, גע־שניטן דעם שניי מיט די שינעס, איבערלאָזנדיק הינטער זיך אַ ברודיקן וועג. ס׳זיינען געלאָפן שווערע לאַסט־אויטאָמאָבילן, געשמידטע אין שווערע קייטן אַרום די שינעס, געריבן אין ווילדער רציחה דעם שנייאיקן וועג ביזן סאַמע ברוק פון דער גאַס און צעוואָרפן אין אַלע זייטן ברודיקע ווייסקייט. אויבן און אונטן האָבן געברומט די שטאָטישע באַנען, אָנגעפילט די שטאָט

מיט טונקעלן גערודער. ערגעץ ווייט האָבן געשריען סירענעס פון פאַבריקן און פון אָפּגייענדיקע שיפן. מענטשן זיינען געגאַנגען אין מאַסן איבער די שנייאיקע טראָטואַרן, געטראָטן נאַכלעסיק איבער שניי, איינגעקנאָטן אים מיט זייערע פיס, אַראָפּגעווישט פון אים די שיינקייט, כוונהדיק און בייז. אַרום די ראָגן האָבן זיך שוין געקליבן מחנות טונקעלע געשטאַלטן, באַוואָפנטע מיט רידלען און לאָפּעטעס, און מיט שקלאַפישער גרייטקייט, ווי געטריבענע פון אומגעזעענע בייטשן, אַרונטערגעריסן דעם ווייסן פוץ פון די גאַסן. מענטשן האָבן געראַמט דעם שניי, געגרונטעוועט מיטן גראָב־אייזן ביז צו דעם נאַקעטן שטיין, געזוכט די פאַרשאָטענע שטאָט, געוואָלט אומקערן, עקשנותדיק, דעם נעכטן מיט זיין האַרבסט. האַרבסטיקע מענטשן, אָנגעטאָנענע אין גרויען, האָבן מיט אומעטיקע פנימער, נאַכלעסיק און טרויעריק, געטאָן אַ הפקרדיקע אַרבעט. און אונטער זייער הפקרדיקער פראַצע האָט אומעטום, איבערן ווייסן, אַרויסגעשפאַרט, ווי אַ טונקעלע וואונד, דער אַנטפלעקטער אַספאַלט. פון דעם איז געווען שווער. ס׳האָט זיך געוואָלט זאָגן אָט די מענטשן:

— הונגעריקע ברידער מיינע, דער הונגער און דער שווערער גורל אייערער אויף דער וועלט האָט אייך אַהער צוזאַמענגעטריבן, ווי אַ מחנה פאַרברעכער, אַראָפּצורייסן פון די גאַסן די שיינקייט און דעם פוץ פונעם ווינטער, די האַנט פונעם שונא האָט אייך אַהער צוזאַמענגעטריבן, די מחנה פרעמד־אייגענע, צו טאָן אָט די הפקרדיקע אַרבעט. ער וויל צוריקקערן פאַר אייך דעם האַרבסטיקן נעכטן. ער וויל אַוועקנעמען פון אייך די רואיקייט און די קלאָרקייט פונעם ווינטערדיקן טאָג.

איך האָב דאָס געוואָלט זאָגן. אָבער איך האָב געוואוסט: דאָס איז געווען דער פראָטעסט פון שוואַכקייט. דאָס וואָרט פון רעזיגנירטער אומבאַהאָלפנקייט, וואָס זוכט די רעטונג אין אַ שטרויעלע.

בין איך אַוועק צו זיך אַהיים, אין שפיגל האָב איך דערזען מיין פנים.

איז דאָס געווען מיין פנים? זיינען דאָס געווען מיינע אויגן?

אַזאַ רואיקייט אין מיין פנים. אַזאַ קלוגער אויפציטער אין מיינע אויגן. און די גרויע האָר מיינע — אַ הערלעכע קרוין פון דערפאַרונג אויף אַן עקשנותדיקן קאָפּ פון אַ רעוואָלוציאָנער. אויפן שטערן און אויף די שלייפן און אין די רונצלען אַרום די אויגן ברעכט זיך איבער, ווי אין אַ פריזמע, אַ ליכט פון די קלוג־אָפּגעלעבטע יאָרן. חכמה און רייפקייט.

און ס׳איז ניטאָ קיין אַלטקייט און קיין טויט. ס׳איז נאָר דאָ דער יונגער ווינטער, וואָס האָט אויפגעוועקט די יונגע האָפענונג און די יונגע ליבע אין מיין האַרצן, כדי איך זאָל קענען נאָכאַמאָל באַגעגענען דאָס לעבן, מיט דער פרייד פון דער פאַרגאַנגנהייט.

אַזוי האָב איך אָנגעהויבן דעם איין און זעכציקסטן יאָר פון מיין לעבן.

1945

אַ קינד

א.

זיי זיינען געווען אַ געוויינלעך פּאָרל. ביידע — שטילע אַרבעטער־מענטשן. זי האָט געאַרבעט אין איין שאָפּ און ער — אין אַן אַנדערן, ניט ווייט פון אירן. אינדערפרי איז מען אויפגעשטאַנען אין דערזעלביקער צייט, עפּעס איבערגעביסן און, ניט געאײַלט, אינאיינעם געגאַנגען צו דער נאָ־ענטסטער סאָבוועי־סטאַנציע. זי פלעגט אַרויסשטייגן פריער מיט איין סטאַנציע. און אַז זי פלעגט אַרויסשטייגן, איז ער שוין געשטאַנען ביי דער טיר, גרייט אַרויסצוגיין ביים נאָענטסטן אָפּשטעל.

אַזוי איז געווען יעדן אינדערפרי. און אין אָוונט, נאָך דער אַרבעט, האָט מען זיך באַגעגנט אין אַ באַשטימטן אָרט, האַלב־וועג צווישן זייערע שעפּער, שטיל באַגריסט זיך און געגאַנגען עסן וועטשערע אין אַ קליינעם רעסטאָראַנדל, וואו זיי האָבן געגעסן זייערע וועטשערעס שוין עטלעכע יאָר, און דערפאַר געפילט זיך דאָרטן היימיש. אַזוי איז געווען כמעט יעדן טאָג. גאַנצע פינף יאָר. זינט זייער חתונה.

און זינט דעם טאָג פון זייער חתונה האָט מען געוואוינט אין די זעלביקע דריי צימערן, אויף אַ פערטן שטאָק פון אַ קליינעם אַפּאַרטמענט־הויז. די צימערן זיינען געווען די זעלביקע. דאָס מעבל איז געווען דאָס זעלביקע. קיין זאַך אין זייער לעבן האָט זיך ניט געענדערט. דאָס לעבן האָט זיך עפּעס גאָרניט געוואָלט ענדערן. און יעדער טאָג האָט מיט זיך גע־בראַכט דאָס זעלביקע ביסל אָרימען אינהאַלט. טאָג נאָך טאָג. יאָר נאָך יאָר.

דערפאַר איז אין די אָוונטן, ווען מ'האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים, ניט געווען פון וואָס צו ריידן. די ערשטע פאָר־יאָר איז נאָך געווען. דאָס פאָר־הייראַטע לעבן איז געווען ניי. די האָפענונגען זיינען געווען ניי. און די ליבע איז נאָך געווען יונג. דאָס גאַנצע לעבן איז געווען יונג און ניי. פול מיט אַלערליי צוזאָגן. און צווישן אַלע צוזאָגן — אַ קינד.

אַ קינד וועט געבוירן ווערן. אַ פריילעך קינדיש געלעכטער וועט אָפּ־קלינגען אין די צימערן. און דאָס פּאָרל האָט זייער ליב געהאַט פון דעם צו ריידן. דערצו איז זי נאָך געווען אַ פריילעכע און אַ שטיפערישע. אַסך גערעדט און אַסך געלאַכט. ליב געהאַט צו קושן זיך און קריכן צו אים אויפן שויס, ווי אַ קליין צעלאָזן קינד. ער פלעגט דעמאָלט קוקן אויף איר מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל פון אַן עלטערן און פאָטערלעך זאָגן:

—שטענדיק וואָלסטו געלאַכט און געקושט זיך... וואַרט, וואַרט, ווילדע ציג, וועסט ווערן אַ מאַמע, וועסטו שוין וויסן ווי צו מאַכן משוגענע שטיק... גיי, גיי, שטיפערקע, וואָס דו ביסט!...

זי פלעגט פאַרשעמט ווערן, און אַזוי, מיט אַן אויפגעפלאַמטן פּנים, פאַרשטאָפּן אים דאָס מויל מיט אַ הייסן קוש, ווי וועלנדיק מיט דעם פאַרטרייבן די רייד פון אַ קינד. ווייל אָט זיינען געגאַנגען חדשים נאָך חדשים, און קיין קינד האָט ניט געוואָלט געבאָרן ווערן. טיף אין האַרצן האָט שוין יעדערער פאַר זיך געטראָגן אַ פיינלעכן פאַרדאַכט. אָבער די האָפענונג האָט נאָך געלעבט: עס וועט געבוירן ווערן אַ קינד. עס וועט געבוירן ווערן...

און אַמאָל פלעגט ער זיך ניט קאָנען איינהאַלטן. פלעגט זאָגן:

— ווילסט מיר ניט געבוירן קיין קינד — דו, שלעכטע. גיי, איך האָב דיך פיינט...

זי פלעגט זיך דערשרעקן פאַר זיינע רייד. דערפילן אַ וויטיק אין האַרצן און אַ בענקשאַפט. און, ווי וועלנדיק זיך ראַטעווען פון אַ פלוצלונדיקער געפאַר, האָט זי אָנגעווענדט אַלע מעגלעכע צוגן פון דער ווייבלעכער סטראַטעגיע צו פאַררײַדן און אָפּווענדן זיינע געדאַנקען פון דעם געפערלעכן פונקט. געקושט און געהאַלדזט און געקראַכן אויפן שויס אין אַ מאָדנער איבערגעטריבענער עקסטאַטישקייט.

אָבער ניט אַלע מאָל האָט אַזאַ צוג אָפּגעווענדט די געדאַנקען פונעם מאַן. אַמאָל האָט ער ערנסט געזאָגט:

— דו ווייסט, עס וואָלט שוין טאַקע צייט געווען פאַר אונדז צו האָבן אַ קינד. וואָלסט געוואָלט האָבן? — אַזאַ קליינטשינקען...

זי האָט שוין דאַן דערפילט, אַז זי האָט פאַרלוירן. פלעגט זי אינגאַנצן קאַפּיטולירן פאַר די געפילן פון איר מאַן. פאַרשעמען זיך אויף אַ ווילע און שווייגן, ווי אַ שולדיקע. און ער פלעגט ווערן פאַרעקשנט, פאָדרנדיק און דווקא צושטיין צו איר מיט רייד:

— ניין, מיר מוזן האָבן אַ קינד. דו הערסט, מיר מוזן!

און ער פלעגט זיך, אין אינערלעכער אויפרעגונג, דורכגיין איבערן צימער. באַלד דעם איז ער געוואָרן ווייך און נאָכגיביק. צוגיין צו איר, גלעטן זי און פרעגן:

— וואָס וואָלסטו וועלן — אַ ייִנגעלע, צי אַ מיידעלע?

ערשט דעמאָלט האָט זי אויפגעלעבט, און געזאָגט מיט באַגייסטערונג:

— אַ ייִנגעלע. נאָר אַ ייִנגעלע!... אַ פּיציוסינקען אַזאַ, מיט אַזוינע אייגעלעך, ווי דיינע.

— און איך וויל אַ מיידעלע. אַ קליינינקע, אַזאַ ווי דו. און אַ שטיפערקע.

און פון אַט די רייד, האַרציקע און גלויביקע, פלעגט אין איר אויפ־פלאַמען אַ זיסע האָפענונג, די האָפענונג פון אַ פרוי און פון אַ מוטער. און זי פלעגט איר מאַן פאַרוויגן אין אַ שטראָם פון אירע אייגענע, נאָך קיין־מאָל ניט גערעדטע, רייד, פון וועלכע עס איזביידן לייכט געווען און גוט. פון דעם איז ליב געווען דאָס פאַרהייראַטע לעבן. און צום טויזנטסטן מאָל איז געבוירן געוואָרן די האָפענונג אויף אַ קינד.

עס זיינען אָבער פאַראיבער די ערשטע עטלעכע יאָר, און קיין קינד איז ניט געבוירן געוואָרן, ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פרוי האָט ניט געקאָנט געבוירן קיין קינד. דאָקטוירים זיינען געשטאַנען איבער זיי און גע־וואַקלט זייער לעבן צווישן די צוויי ווערטער „יאָ" און „ניין". מאַן און ווייב האָבן זיך געמאַטערט אין צווייפל און, ווי קינדער, געגלויבט אין אַ נס.

און צווישן דער האָפענונג און דעם צווייפל איז געווען — אַרבעט. שווערע טעג פון אַרבעט. אומעטיקע אָוונטן. מידע אָוונטן. אַן רייד. אָן אָפענע בליקן. די שווערקייט פון די טעג האָט מען נאָך געקאָנט טראָגן — אינאיינעם, און פאַרטראָגן. אָבער דעם אומעט פון די אָוונטן האָט מען גע־טראָגן באַזונדער. האָט מען ניט געקאָנט פאַרטראָגן. זי איז געלעגן אויף דער סאָפע מיט אַ בוך און ער איז געזעסן אין דעם ווייכן שטול אין אַ ווינקל און צום צענטן מאָל איבערגעקוקט די צייטונג. ביז די אויגן האָבן זיך גע־נומען שליסן. דער קערפּער האָט אָנגעהויבן בעטן רו. איז מען געגאַנגען שלאָפן. פאַרגעסן זיך ביז מאָרגן.

און אויף מאָרגן איז געווען דאָס זעלביקע.

דערפאַר האָבן זיי זיך ביידע פרי גענומען עלטערן. די עלטער איז גע־קראָכן אויף יעדן גליד. האָט אויסגעלאָשן דעם פייער אין די אויגן און אָנ־געפילט די מוסקולן מיט שוואַכקייט און שלאַבערדיקייט. דאָס פּנים גע־קנייטשט און אויסגעלייגט אין אַ שטענדיקער טרויעריקער גרימאַסע.

אין האַרצן האָט זיך באַזעצט אַ צווייפל און אַ מורא. ווייל די דאָקטוי־רים האָבן ניט אויפגעהערט, ווי שטרענגע ריכטער, צו הויבן און אַרונטער־לאָזן די שאָל פון זייערע האָפענונגען.

און כאָטש מ׳האָט שוין געוואוסט, אַז די „שולדיקע" איז זי אַליין, איז אָבער דער אומגליק געווען אין דער זעלביקער מאָס — ביידנס. ער האָט אין זיך געפילט דעם זעלביקן וויטיק און די זעלביקע טיף־פאַרבאָרגענע שאַנד פון אַ קינדערלאָזן. אַלע האָבן געהאַט קינדער און זיי האָבן ניט גע־קאָנט האָבן. מ׳האָט אין זיך געטראָגן אַ שולדיקייט פאַר פריינט און באַ־קאַנטע און די גאַנצע צייט געפילט, ווי זיי וואָלטן אַרויסגעגאַנגען צווישן פריינט מיט אַן אָפענעם פעלער. דערפאַר האָט מען די פריינט אָנגעהויבן אויסצומיידן. האָבן זיך די פריינט דערווייטערט. און אפילו די אַרבעטער אין זייערע שעפער האָבן אויף זיי געקוקט מיט פרעמדקייט. אויף אים —

אין זיין שאַפּ. און אויף איר — אין אירן. און דערפאַר, אַז מאַן און ווייב האָבן זיך אין די אָוונטן געטראָפן, איז מען געווען פאַרביטערט. געקלאָגט זיך אויפן שאַפּ, אויפן באַס, אויף די אַרבעטער.

דאָס לעבן איז געווען אַ קייט פון גרויע, ביטערע טעג.

אַזוי — יאָר נאָך יאָר. גאַנצע אַכט יאָר. און אין די פרייע טעג און אין „סלעק”, ווען דאָס פּאָרל האָט געהאַט אַסך צייט, האָט מען געאַרבעט אין הויז. גערייניקט און געפּוצט די צימערן. איבערגעהאַלטן און איבערגע־שטעלט יעדע קלייניקייט. אויסגעראַמט און אויסגערייניקט יעדן ווינ־קעלע, אַ שטויבעלע ניט איבערגעלאָזט. מיט ליבע און מיט צערטלעכקייט באַרירט אַ יעדע צאַצקעלע, וואָס איז, פון איבערפלוס פון אָנגעזאַמלטער ליבע, איינגעקויפט געוואָרן מיט די שווער־פאַרהאָרעוועטע געלטער. און דאָס ווייב האָט נאָך דורך דער צייט אין זיך אַנטוויקלט אַ באַזונדערע ליבע צו שטריקן, און אויסנייען, דעקאָרירן, פּוצן. די זאָרג איבער אַ לעבעדיקן קינד האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף די טויטע זאַכן, וואָס מ׳האָט דערוואָרבן דורך יאָרן פון מי. אַ וואַזאָנע, אַ בילד, אַ פאָרהאַנגל און אַ טעפּיכל זיינען געוואָרן נאַטירלעכע באַגלייטער פונעם לעבן.

ב.

איין מאָל אין אַן אָוונט, קומענדיק אַהיים פון דער אַרבעט, זיינען מאַן און ווייב, ווי אַלעמאָל, פאַרבליבן אין די אייגענע פיר ווענט.

ער איז געזעסן אין דעם ווייכן שטול, וואָס אין ווינקל פון צימער, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, און אַזוי, אומבאַוועגלעך און שווייגנדיק, גע־קוקט די גאַנצע צייט אויף אַן אויסגעטראַכטן וויטן פּינטל. דאָס זיצן אַזוי איז געווען אַ פּאָזע, וואָס האָט פאַרביטן רייד, אויפגערעגטע מענטשלעכע רייד.

דאָס ווייב איז געלעגן אויף דער סאָפע, אונטערן קונציק־אויסגעשטריקטן אַבאַזשור פון לאָמפּ, אויף אַ בערגל פון קאָלירטע קישעלעך, און געלייענט אַ בוך. געלייענט און געשוויגן. און אַפילו דאָס לייענען פון בוך און דאָס ליגן אויף דער סאָפע איז געווען אַן אויסדרוק פון עפּעס אַנדערש, פון עפּעס, וואָס איז איין מאָל געבוירן געוואָרן צווישן מאַן און ווייב, און ניט געקאָנט פאַרגעסן ווערן. אָבער קיין נאָמען פאַר דעם איז ניט געווען.

אין צימער איז געווען שטיל און רואיק. פון אַלע ווינקעלעך פון הויז האָט געשטראָמט אַן איבערפלוס פון פרייער אָוונט־צייט. פון אַסך צייט. און אויף אַלץ איז געלעגן אין אָפּטישער אָפּנקייט דער צייכן פון געדולדיקער אַרבעט פון דער פרויס הענט: די קונציקע, האַנט־געשטריקטע אַבאַזשורן, די אויסגענייטע ציכעלעך אויף די סאָפע־קישעלעך. די פאָרהענגלעך אויף

די פענצטער און אויף די טירן, — אַלץ איז געווען די יאָרן־לאַנגע אַרבעט פון דער פרויס הענט.

דער מאַן איז געזעסן אינעם ווייכן שטול און די פרוי איז געלעגן אויף דער סאָפע מיט אַ בוך. קיינער האָט נאָך ניט גערעדט, אָבער אין דער לופטן איז שוין געווען אַ ראַנגלעניש פון זייערע געמיטער. אַזאַ פאַרבאָרגענע ראַנגלעניש, אַזאַ סוד, וואָס איז געווען דער סוד פון ביידן. אַ סוד, וואָס מ׳האָט באַהאַלטן איינער פונעם אַנדערן, — און ניט געקאָנט אויסבאַהאַלטן. פאַרשוויגן — און ניט געקאָנט פאַרשווייגן. עקשנותדיק פאַרבאָרגן, יעדער באַזונדער, — און ניט געקאָנט פאַרבאָרגן. ס׳איז געווען אַן אומרו אין הארצן און אין די גלידער —ביידנס אומרו. אַזאַ פרעמדקייט, וואָס האָט דערוועקט שנאה. און ס׳האָט ניט געקאָנט די אומרו געשטילט ווערן און די שנאה — אויסגעלאָשן ווערן.

און איבער דעם איז געווען דאָס זעלביקע. אַלע מאָל דאָס זעלביקע: — אַלע האָבן קינדער, און זיי האָבן ניט געהאַט. זיי זיינען געווען באַליידיקט, זיי זיינען געווען באַרויבט און אָפּגענאַרט פון דער נאַטור, פונעם לעבן. און ס׳איז ניט געווען קיין טרייסט. דערפאַר האָט זיך געוואָלט מאַנען, פאַדערן. פון זיך. פונעם צווייטן. פון דער וועלט.

דער מאַן האָט אָפּגעפירט זיין בליק פונעם ווייטן, אומבאַשטימטן פינטל און האָט אַ קוק געטאָן אויף דער ווייב. וואָס האָט זי געלייענט? און וואָס האָט זי אַרויסגעלייענט? פרעמדע לעבנס, אויסגעטראַכטע, האָבן פאַרנומען דעם פון איר אייגענעם לעבן. און אַרום איר — קישעלעך און פאַרהענגלעך און טישטעכלעך — אָנשטאָט ווינדעלעך, וויקלשנורן און קינדערשע קליידעלעך! טויטע זאַכן אָנשטאָט קינדער. און זי אַליין צווישן די אַלע זאַכן — אַ פאַרשלאָסענע. אַ סוד.

פאַרוואָס האָט זי ניט געקאָנט האָבן קיין קינדער? אָט איז זי געלעגן און געשוויגן. איר ברוסט האָט זיך געהויבן און אַרונטערגעלאָזט — אָט רואיק און אָט — אויפגערעגט. פאַרוואָס? איר לעבן אינעם בוך. אירע געדאַנקען — אין אַן אויסגעטראַכטער וועלט. און איר קערפּער איז וואַרעם. אַ פרויען־קערפּער מיט ווייכע וואַרעמע מוטער־גלידער איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער סאָפע — זיין ווייב. בריסט, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געפילט דאָס הייסע ציען פון אַ קינדס מיילכל. שלאַנקע פיס אויסגעצויגן רעגנדיק, אַליין ווי רייצנדיקע באַשעפענישן, וואָס לעבן זייער אייגן לעבן אין געגוס און אין שיינקייט.

אַזוי האָט דער מאַן געטראַכט און אַזוי האָט ער געפילט, קוקנדיק אויף דער פרוי, וואָס איז געלעגן מיטן בוך אויף דער סאָפע און געלייענט. און זי איז געווען זיין ווייב. און ער איז געווען — איר מאַן.

איבער איר האָט דער לאָמפּ געוואָרפן אַ בלוילעכע ליכט און באַלויכטן

איר פּנים. זי איז געווען שיין. זי האָט נאָך געהאַט די אַלע שטריכן, וואָס ער האָט אַלע מאָל ליב געהאַט. ער האָט אַמאָל איר פּנים ליב געהאַט ביז ווייטיק. און איצט איז אין איר, אין דער גאַנצער, געווען אַ פרעמדקייט. און אין הארצן האָט קעגן איר געברענט אַ שנאה. פאַרוואָס?

און אין צימער איז געווען רואיק און שטיל. עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַן אומבאַזיגבאַרער פאַרלאַנג צו צעשטערן די קאַלטע רואיקייט, אויפרודערן די שטילקייט פון די פיר ווענט. ווי טאָן. זיך און איר. צעשטערן און ווי טאָן. און זאָל קומען צו אַן ענדערונג. צו אַ סוף.

ער האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן און זיך עטלעכע מאָל, אַן אויפגערעגטער, דורכגעגאַנגען איבערן צימער. נאָכדעם צוגעגאַנגען צו דער סאָפע און אַוועקגעזעצט זיך ביי איר צופוסנס, ניט אָנרירנדיק איר קערפּער. צוזאַמענגעשלאָסן די אויפגערעגטע פינגער ביי זיך צווישן די קני און געזאָגט, אַנטשלאָסן און קאַלט:

— ס'טאָר ווייטער אַזוי ניט גיין. מ'דאַרף מאַכן אַ סוף...

געזאָגט, און זיך אַביסל דערשראָקן פאַר די אייגענע רייד.

זי האָט פאַרוואונדערט אַ קוק געטאָן אויף אים. אָפּגעוואַרט אַ רגע און אָפּגעלייגט דאָס בוך אָן אַ זייט, מיט די אָפענע בלעטער צו דער סאָפע און מיטן רוקן אַרויף.

און ער האָט צוגעגעבן:

— איך זאָג: עס דאַרף נעמען אַ סוף!

זי האָט זיך, אָן ווערטער, אויפגעזעצט, אַרומגענומען מיט די הענט די ציטערדיקע קני און, דערשראָקן, אָבער קאַלט און אין אַ מאָדנער טעמפּער דערוואַרטונג, געקוקט אויף אים, אויף זיין בלייכן פּנים, אויף די ציטערנדיקע ווינקלען פון זיינע ליפּן און געוואַרט, וואָס ער וועט נאָך זאָגן.

אָבער ער האָט זיך אויפגעהויבן און נאָך אַמאָל אַ שפּאַן געטאָן איבערן צימער, הין און צוריק. זי האָט אַלץ פאַרשטאַנען. ס'איז אַלץ געווען קלאָר און פאַרשטענדלעך. און שוין, ווי פון פריער אַ צוגעגרייטע, קאַלט און ציטערדיק געזאָגט:

— וואָס זאָל איך טאָן? זאָג דו. זאָג דו אַליין. איך וועל טאָן, וואָס דו וועסט הייסן. וואָס ווילסטו?

און געקוקט אים אָפן גלייך אין פּנים אַריין. ער האָט איר אָפענקייט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן. אָפּגעקערט זיין בליק אָן אַ זייט און זיך ווידער דורכגעגאַנגען איבערן צימער. געזאָגט:

— מ'קאָן אַזוי ווייטער ניט לעבן. דו הערסט, מ'קאָן ניט!

זי האָט שטיל געזאָגט:

— איז וואָס־זשע ווילסטו זאָל געטאָן ווערן. זאָג, וואָס? זאָג!

איר קול האָט אַ ציטער געטאָן. זי האָט מיט פייכטע אויגן געקוקט

אויפן מאַן, הכנעהדיק און גרייט, אַזוי ווי פון זיינע ליפּן האָט איצט, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, באַדאַרפט קומען דער לעצטער, לאַנג־דערוואַרטעטער אורטייל.

אין אים האָט זיך עפּעס איבערגעריסן, ער האָט געוואָלט זיין מילד. געוואָלט באַקלאָגן זיך. אָבער פאַרלאָרן דאָס גלייכגעוויכט. אַוועקגעשטעלט זיך איבער איר, ווי אַ שטרענגער ריכטער, און טייטלענדיק אויף איר מיט אַ פינגער, געזאָגט:

— פאַרוואָס האָסטו ניט קיין קינד? פאַרוואָס? איך פרעג דיך: פאַרוואָס?!

געזאָגט, און שוין געפילט די נאַרישקייט און די אומגערעכטיקייט פון אַזאַ פראַגע, דאָס משוגעת פון אַזאַ פראַגע. אין דעם איז געווען משוגעת און שרעק און ביטערע פאַרלאָרנקייט. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס ער דאַרף טאָן אייַנצוהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט און צו פאַרלעשן דעם ברענענדיקן ווייטיק פון זיינע ווערטער. האָט ער אָפּגעוואַרט אַ רגע און צוגעגעבן:

— מ׳קאָן אַזוי ווייטער ניט לעבן. דו הערסט: — מ׳קאָן ניט!

זי האָט געשוויגן. עס איז געווען מאָדנע צו הערן אַזוינע רייד פון אַ נאָענטן מענטשן. ס׳איז געווען ביטער און אומגערעכט צו הערן אַזעלכע רייד פון אַ נאָענטן מענטשן. האָט זי אויך אָפּגעוואַרט מער, ווי זי האָט געקאָנט, און מיט אַ געפאַלענער שטים געזאָגט:

— אָבער וואָס זאָל איך טאָן? וואָס קאָן איך טאָן? זאָג דו אַליין.

אירע ווערטער האָבן אים געהאָלפן געפינען זיך. שטרענג געזאָגט:

— האָסט זיך באַרואיקט. לייענסט ביכער. שטריקסט. נייסט. פּוצסט די צימערן... פאַר וועמען? צוליב וואָס? און אַט אַרבעטן מיר ביידע. האַרעווען. קומען אַהיים מידע, פאַרזאָרגטע. פרעג איך: צוליב וואָס? ווער דאַרף דאָס אַלץ? ווער?! איך דאַרף עס ניט. און דו דאַרפסט עס ניט. קיינער דאַרף עס ניט! אַט וואָס.

זי האָט געשוויגן. געהערט שוין אַזוי פיל מאָל די זעלביקע רייד. אַלטע רייד, וואָס זיינען שוין אַזויפיל מאָל געבוירן געוואָרן צווישן זיי און אַזוי פיל מאָל געשטאָרבן ניט געפינענדיק קיין תיקון. אַט דאָ זיינען זיי געלעגן ווי טויטע עדות, אין די פיר ווענט, די טויטע ווערטער, און האָבן ניט געהאַט קיין זין. און דער מאַן האָט נאָך אַלץ געמאָנט און געמאָנט:

— האָסט זיך באַרואיקט. האָסט ניט קיין קינדער — און דיך אַרט ניט. גיב אַ קוק אויף זיך. דו ביסט דאָך געזונט. פאַרוואָס שעמסטו זיך ניט פאַר זיך אַליין?... פאַרוואָס אַרט עס דיר גאָרניט?!

זי האָט שוין מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן זיינע ווערטער. אירע אויגן האָבן פּלוצלונג אַ בליץ געטאָן און גענומען אומרואיק אַרומלויפן איבער די ווענט, איבער די זאַכן אַרום, ווי זי וואָלט ביי זיי געזוכט שוץ. אַרונטערגעלאָזן

די פּיס פֿון דער סאָפֿע, אויפֿגעשפּיצט די פּלייצעס און מיט כּעס אַ וואָרף געטאָן אים אין פּנים אַריין אַ בינטל ביטערע ווערטער:

— שווייג! שווייג!... איך בין דיר קיין זאַך ניט שולדיק! דו הערסט — קיין זאַך ניט! און איך וויל דיר ניט געבאָרן קיין קינדער. איך וויל ניט!

זי איז געוואָרן היסטעריש. אויפֿגעשפּרונגען און געוואָרפֿן זיך צו אים און געשטעקט אים אין פּנים אַריין איר אויפֿגעפֿלאַמט פּנים און פֿאַרוואָרפֿן אים מיט אַ האָגל בריענדיקע רייד:

— וואָס ווילסטו פֿון מיר? נעם, צערייס מיך! נאַ! רייס מיר אויס אַ האַנט, און זאָל עס זיין דיין קינד. נעם אַ מעסער, און שטעך מיר דורך מיין האַרץ, מיר איז אַלץ איינס. פֿאַרוואָס טוסטו דאָס ניט?... און מאַך אַ סוף, גזלן!

ער איז געשטאַנען אַ פֿאַרלוירענער. דערשלאָגן, געוואַרט ביז אירע רייד וועלן אויפֿהערן. אָבער זי האָט נאָך לאַנג געשמיסן מיט ביטערע ווערטער איבערן סאַמע האַרצן זיינעם. און עס האָט זיך געדוכט, אַז זי וועט טאַקע אָט אַזוי נעמען און אָפּטיילן פֿון זיך אַ האַנט, אַ פֿוס, גליד נאָך גליד און אים אַוועקגעבן, אַ שליידער טאָן אין פּנים, ווי מ׳גיט אַוועק ניט אָנגעלייגטע צירונג צו אַ באַטריגנדיקן געליבטן. און דאַן וועט פֿאַסירן שרעקלעכס. ווייל איצט האָט שוין עפּעס געמוזט פֿאַסירן. שוין ניט דורך אים, נאָר דורך איר אַליין. זי וועט צעברעכן אַלץ. ווי אַ פּרוי קאָן נאָר צעברעכן: גרויזאַם, משונהדיק און אויף אַלע מאָל. זי וועט זיך פֿאַר קיין זאַך ניט אָפּשטעלן. און ס׳איז געווען מוראדיק צו זען, ווי זי האָט זיך אָנגעצונדן מיט אַ מאָל אין טויזנט פֿייערן. ער האָט זי נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ אויפֿגערייצטע.

ער איז געווען דערשראָקן און פֿאַרלוירן. ניין. זי איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזאַ. וואו האָט זיך ביי איר גענומען אַזאַ כּוח? די אויגן זיינען ניט געווען אירע אויגן. און דאָס פּנים איז ניט געווען איר פּנים. אפֿשר איז זי משוגע געוואָרן? און אפֿשר זיינען זיי ביידע משוגע געוואָרן? ווער האָט איצט געקאָנט עפּעס וויסן?

אָט וועט זי זיך אין אַ רגע אַרום אַ ריס טאָן פֿונעם אָרט און אַ שפּרונג טאָן אויף אים, פּלוצלונג און פֿלינק, ווי אַ חיה, וועט זיך איינגראָבלען מיט די שאַרפֿע נעגל אין זיין פּנים, אין די אויגן און איינבייסן זיך אין אים ווילד און משונהדיק מיט די ציין... ווייל אָט איז זי שוין ניט ביים קלאָרן פֿאַרשטאַנד...

ער האָט זיך ניט גערירט פֿונעם אָרט. אַ דערשראָקענער געוואַרט. וואָס נאָך וועט זי זאָגן? און וואָס נאָך וועט זי טאָן?

אָבער מיט אַ מאָל האָט ער דערזען ווי אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפֿילט מיט טרערן און די טרערן האָבן גענומען שנעל אַראָפּרינען אין צוויי קליינינקע ריטשקעלעך איבער אירע באַקן. זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. אָפּגעקערט זיך

פון אים און אַ פּאַל געטאָן מיטן צעשויבערט־פלאַמענדיקן קאָפּ אינעם באַרג פון סאָפע־קישעלעך. אירע פּלייצעס האָבן זיך שטאַרק געוואָרפן פון אַ היס־טערישן געוויין. דער גאַנצער קערפּער האָט געציטערט און געצוקט פון אַ ביטערן יאָמער. זי האָט געוויינט לאַנג און ביטער, ווי אַ פרוי קאָן וויינען. און עס איז געווען אַזוי, ווי זי וואָלט אַזוי באַוויינט אימיצן אַ נאָענטן, אַ ליבן, וואָס איז ערשט פאַר אירע אויגן געשטאָרבן.

און דער מאַן איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ צעטומלטער. ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. אין אים אַליין האָט שוין ביטער געוויינט דאָס האַרץ. און ס׳האָט זיך שטאַרק געוואָלט אַנידערפאַלן מיטן קאָפּ אין די קישנס און וואַרפן זיך מיטן גאַנצן קערפּער און יאָמערן ביטער, ווי מ׳יאָמערט אויפן טויט פון אַ נאָענטן.

איצט איז אים שווער געווען צו פאַרשטיין, וואָס דאָ איז ערשט פאַר־געקומען. ס׳האָט פּאַסירט אַן אומגליק און קיין נאָמען איז נאָך פאַר אים ניט געווען. אויף דער סאָפע האָט ביטער געוויינט זיין פרוי, און דאָס איז געווען זיין ווייב. אַלץ אין איר האָט געוויינט: די אויסגעשפּרייטע בלייכע הענט, די צוקנדיקע גלידער, דער אָפּגעדעקטער פוס פון אונטערן צעקנייטשטן קלייד אַרויס — אַלץ איז געווען אָרעם און וויינענדיק. און אַלץ אין איר האָט זיך הכנעהדיק געבעטן:

— רייס פון מיר אָפּ, גליד נאָך גליד, שטעך דורך מיין האַרץ... איך דאַרף מער קיין זאַך ניט... איך דאַרף מער ניט מיין לעבן. און איך וויל מער ניט זיין דיין ווייב. ניין, איך בין שוין איצט ניט דיין ווייב. לאָז מיך נאָר נאָך אַ ווײַלע ליגן אין דיין הויז און וויינען... ווייל איך דאַרף שוין מער גאָר־ניט. איך דאַרף גאָרניט...

און אַזוי האָט עס געדויערט לאַנג. אָבער ענדלעך האָט זי זיך באַרואיקט. זי איז נאָך אָבער אַלץ געלעגן אַזוי, ווי זי האָט זיך אַוועקגעלייגט פריער. אירע האָר זיינען געווען צעשויבערט. די קליידער צעקנייטשט און די הענט פאַ־נאַנדערגעוואָרפן הפקרדיק און הילפלאָז. אָבער דער גאַנצער קערפּער האָט שוין ניט געצוקט. זי איז געלעגן אומבאַוועגלעך. געלעגן ווי אַ פאַרחלשטע. ניט גערירט זיך. און פון דעם איז דעם מאַן געווען לייכטער. אָבער אינגאַנצן באַ־רואיקן זיך האָט ער אויך ניט געקאָנט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

ס׳איז געווען נאָך אַ שטורעם, ווען די וואָלקנס פאַרשווינדן און אַלץ קערט זיך אום צו דער געוויינלעכער רואיקייט און אַלץ ווערט לייכט און גוט און האָפענונגפול. און זיצנדיק אַזוי פון דער זייט און קוקנדיק אויף איר, דער אומגליקלעכער, האָט ער געפילט אין זיך אַ מאָדנע, באַצווינגנדיקע וואַרעמ־קייט צו איר. אַזאַ וואַרעמקייט, וואָס האָט ניט קיין גרענעץ. און אויך פון איר האָט געשטראָמט צו אים אַ וואַרעמקייט. אַזוי ווי צווישן אים און איר איז גאָר קיין זאַך ניט געווען, אחוץ גוטסקייט. וואַרעמקייט האָט געזוכט וואַרעמקייט. גוטסקייט האָט געזוכט גוטסקייט. און ס׳האָט זיך שוין געדוכט, אַז ס׳איז קיין

זאָך ניט געווען, וואָס האָט איצט געקאָנט אָפּשטעלן דאָס פֿאַרעקשנטע זוכן פֿון צוויי מענטשלעכע הערצער.

ווייל אָט איז שוין, דאַכט זיך, געשטאָרבן די פֿרעמדקייט, וואָס האָט געלעבט אין אַלע ווינקעלעך פֿון זייער צימער און צווישן מאַן און ווייב איז געבליבן נאָר דאָס אייביקע: — זאָג מיר אַ וואָרט פֿון טרייסט, און איך וועל געטרייסט ווערן. זאָג מיר אַ וואָרט פֿון גוטסקייט, און איך וועל דיר צוריקקערן נאָר גוטסקייט, נאָר גוטסקייט. ווייל איך בין דיינע און דו ביסט — מיינער...

און דער מאַן האָט שוין געוואָלט צוגיין צו דער סאָפע, אַרונטערלאָזן זיך אויף די קני און צופֿאַלן מיטן הייסן פּנים צו דער בלייכער האַנט, וואָס איז געלעגן אומבאַוועגלעך אויסגעצויגן אין דער לענג פֿון איר קערפּער, צופֿאַלן מיט הייסקייט און מיט ליבע.

אָבער אין דער רגע האָט זי זיך אַ ריר געטאָן. און דער מאַן האָט געזען ווי זי האָט זיך פּלוצלונג אויפֿגעהויבן, אויסגעגלייכט אויף זיך די קליידער, און ניט קוקנדיק אויף אים, אַזוי, מיט אַ ביסל אַ צוגעשוואָלענעם פּנים פֿון וויינען, אַריינגעגאַנגען אינעם שלאָפֿצימער. דער מאַן האָט געהערט ווי זי האָט זיך דאָרט געפּאָרעט אַ קורצע ווילע, געעפֿנט און פֿאַרמאַכט די טיר פֿון דער שאַפֿע און באַלד איז זי פֿון דאָרטן אַרויס אַ פֿאַרקעמטע, אַן איבערגעטאָנענע, דורכגעגאַנגען פֿאַרביי אים מיט שנעלע טריט און איז אַריין אין קאָרידאָר און אויך דאָרטן זיך פֿאַרהאַלטן אַ האַלבע מינוט. און דער מאַן האָט שוין איצט געוואוסט, אַז זי טוט אויף זיך אָן דעם מאַנטל אַוועקצוגיין. און ס'איז געווען מאָדנע: וואוהין האָט זיך איצט די ווייב געקליבן אַוועקצוגיין?

און נאָכדעם האָט ער שוין געהערט ווי זי איז אַרויסגעגאַנגען, פֿאַרמאַכט נאָך זיך פֿאָרזיכטיק די טיר און פֿאַרשלאָסן זי מיטן שליסל. אַוועק אָן טומל, אָן אַן איינציקן אויסגערעדטן וואָרט, אָן אויסדרוק און אָן קלאָרקייט, ניט זאָגנדיק וואוהין און נאָך וואָס, ווי אַ פֿרוי האָט נאָר געקאָנט אַוועקגיין פֿון איר אייגענער היים אין דער נאַכט אַריין, איבערלאָזנדיק נאָך זיך דעם טרויער און דעם עלנט פֿון איר אַוועקגיין. און ער האָט שוין געוואוסט: זי איז אַוועק פֿון אים אויף אַלע מאָל.

1942

פ ר י ל י נ ג

אויף דער וועלט איז געווען אָנהייב אַפּריל. דער יונגער פרילינג־טאָג האָט געבליט אין בלויקייט פון די הימלען און זיך געבאָדן אין שטראָמען זונשייך. אין דער לופטן האָבן זיך געטראָגן די ערשטע זיסע ריחות פון די צאַרט־שפּראָצנדיקע גראָזן און האַלב־געעפנטע קנאָספּן. שטילע ווינטעלעך זיינען געקומען פון די בערג, האָבן זיך אַ שפּיל געטאָן און זיינען אַנטלאָפן אין אַ שטיפעריש געיעג ערגעץ ווייט און ערגעץ נאָענט, כדי נאָך אַ מאָל צו קומען און דערפרישן.

פונעם האָדסאָן האָט זיך געהויבן אַ פייכטקייט, וואָס האָט צעשפּרייט איבער די אַרומיקע פעלדער און בערג, איבער באַזונטע פליינען, אַ באַלעבנ־דיקע פרישקייט.

איבערן געדרייטן, געל־זאַמדיקן שטעגל וואָס האָט געפירט אַרויף, צו די „פּאַליסאַדן", איז געגאַנגען אַ פּאָרל. זי — פאָראויס און ער — נאָך איר. ביידע זיינען געווען יונג און ביידע זיינען געווען פאַרליבט איינער אין דעם אַנדערן. און זייער יונגקייט און זייער ליבע האָט געשטראָמט פון איין קוואַל מיט דער יונגקייט און ליבע, וואָס האָט געקוועלט אין דער אַרומיקער וועלט, צווישן הימל און ערד.

דער אַרויפגאַנג איז געווען אַ משופּעדיקער. ס'איז געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער צו קלעטערן. זי האָט יעדע מינוט אַ קער געטאָן איר פאַר־רויטלטן פּנים און צוגעוואָרפן אים אַ הילכיק וואָרט, אַ שמייכל, אָדער אַ בליק, פול מיט ליבשאַפט. אָנגעטאָענע אין די לייכטע האַיק־קאָסטיומען, האָבן זיי אויסגעזען ווי דערפאַרענע באַרג־קלעטערער, וואָס האָבן שוין דורכגעמאַכט אַלערליי שווערקייטן אויף זייער וועג.

פלוצלונג האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, אָפּגעכאַפּט דעם שנעלן אָטעם און געזאָגט :

— פו !... — האָב איך זיך אַ ביסל פאַרמאַטערט !... און דו ?

ביט געוואָרט אויף זיין ענטפער, האָט זי מיט אַ שנעלער באַוועגונג פאַר־שאַרט אירע טונקל־בלאָנדע האָר, וואָס דער ווינט האָט צעבלאָזן אין דער לופטן און צוואָרפן פאַסמעסווייז איבער די צעפלאַמטע באַקן, איבערן שטערן. איר ברוסט האָט זיך געהויבן און אַרונטערגעלאָזן פון שווערן, אויפגערעגטן אָטעמען.

ער האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט. אַרויסגענומען אַ טיכעלע, אַראָפּגעווישט

פונעם פאַרשוויצטן פּנים דעם שוייס, און ווי וועלנדיק לייכטער מאַכן דעם וועג, געזאָגט גוטמוטיק־שמייכלענדיק:

— נו, נו . . . נאָך אַ וועלכע פינף מינוטן — און מיר זיינען אויבן.

אָבער זיי זיינען שוין אַזוי געבליבן אַ ווײַלע שטיין אויף דעם שיפּוע פון באַרג. זיי זיינען געווען הויך איבער דער שטאָט. ניו־יאָרק איז איצט געלעגן ווי אין אַ טאָל, אַרומגערינגלט מיט די צוויי טייכן, און נאָר געריסן זיך מיט די הויכע טורעמס, מיט די שפּיצן פון די הימלקראַצערס, ווי מיט אויסגע־שטרעקטע הענט, צו די בלויע הימלען. די גאַנצע שטאָט האָט זיך געררויכערט מיט די טויזנטער קוימענס און איינגעהילט די נידעריקע טיילן אירע מיט אַ קוים־דורכזיכטיקן נעפּל. נאָר די בראָנקס, אַ פּעלזיק־אויפגעטורעמטע, אַ צעשליידערטע איבער בערג און בערגלעך, איז געווען אַזוי נאָענט — ממש מיטן האַנט צו דערלאַנגען.

איבער דער לענג פון האָדסאָן זיינען געשוואומען שיפן. אַ יאַכט־שיף האָט זיך געוויסט אין דער טונקלקייט פון די וואַסערן. קליינע מאָטאָר־שיפלעך האָבן געשניטן דעם טייך איבער זיין ברייט און אַרומגעלאָפן, ווי איילנדיקע וואַסער־אינזעקטן, פון ברעג צו ברעג. ווייטער, ביים ברעג, האָט זיך געוויגט, אַ צוגעאַנקערטע, אַ זעגל־שיף מיט אירע שפּיציקע זעגלען, ווי אויפגעהויבענע פליגלען פון אַ ריזיקן פויגל, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די וואַסערן. פון ביידע זייטן טייך האָבן זיך באַוועגט אין אַלע ריכטונגען, איבער געדרייטע וועגן הונדערטער אויטאָמאָבילן, אָט באַוויזן זיך און אָט — פאַרשוואונדן, ווי עפּעס אין געהיימניספולע אונטערערדישע הײלן. אָט געלאָפן צום באַרג אַרויף און אָט — שוין אַרונטערגעלאָזן זיך נידעריקער, נידעריקער צום טאָל. אומעטום איז געווען לעבן און באַוועגונג.

זיי זיינען געשטאַנען און ניט געקאָנט אָפּרייסן זייער בליק פון דער אַרומי־קער שיינקייט. אין די גלידער איז געווען אַ מאָדנע לייכטקייט, ווי זיי וואָלטן מיטאַמאָל פאַרלוירן זייער וואָג. אַזוי פילן מסתמא פויגל, וואָס קאָנען זיך מיטאַמאָל אויפהויבן און אַוועקשוועבן אין דעם חלל צווישן הימל און ערד . . .

ווי דערמאָנענדיק זיך אָן עפּעס, האָט ער פּלוצלונג געזאָגט:

— נו, גייען מיר ווייטער.

— מיר גייען.

און ווידער איז מען אַוועק פאָראויס און העכער, און באַלד האָט מען שוין טאַקע דערגרייכט די „פּאַליסאַדן". עס האָבן זיך געעפנט נייע שטרעקעס און נייע ווייטקייטן, נייע בילדער האָבן זיך אַנטפּלעקט. ער האָט געזאָגט:

— אָט זיינען מיר שוין דאָ.

ביידע האָבן זיך אָפּגעשטעלט. טיף אָפּגעאָטעמט און געשטאַנען אַ ווײַלע איינער נעבן דעם אַנדערן אין שוויַיגנדיקער פאַרליבטקייט, און נאָכדעם, שוין געאָרעמטע, אַוועק מיט פאַרלאַנגזאַמטע טריט.

זי האָט זיך פּלוצלונג באַפרייט פון זיין אָרעם, אַ כאַפּ געטאָן אים פּאָר

אַ האַנט און, ווי אַ קליין מיידעלע, אַוועקגעלאָפן צו אַן אָרט לעבן אַ פעלז, וואָס איז שוין געווען היפש באַשפּרינקלט מיט פריש־שפּראָצנדיקן גראָז, געלאָפן און נאָכגעשלעפּט אים נאָך זיך. נאָכדעם פּלוצלונג אַ פאַל געטאָן צו דער ערד און מיטגעשלעפּט אים אויף זיך מיט געלעכטער, מיט הייסן אָטעם, מיט פריילעכע פלעמלעך אין די אויגן. אַ ווײַלע האָבן זיך ביידע געקייקלט אין איין קנויל איבערן גראָז און זיי זיינען געבליבן ליגן מיט די פּנימער אַרויף, אויסגעמאַטערטע פון געלעכטער, פון ליבשאַפט און פון צופיל פרייד. געלעגן מיט די פּנימער אַרויף צום הימל, צו דער זון, אויפגערעגטע מיט טויזנט רעגונגען.

נאָכדעם האָט זי זיך אויפגעזעצט:

— האָסט דאָך מיר עפּעס געוואָלט זאָגן. האָסט דאָך צוגעזאָגט.

ער האָט זיך אַ הייב־געטאָן אויף איין עלנבויגן, און זיין פּנים האָט זיך מיטאַמאָל פאַרצויגן מיט אַ בלייכקייט און מיט אַ וואָלקן פון ערנסטקייט.

— יאָ, איך האָב דיר געוואָלט זאָגן... איך פאָר אַוועק.

געזאָגט, און זיינע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף איר מיט אַ קליינעם פּייערל פון שולדיקייט. אויף זיין פּנים איז אַפילו געווען אַ באַהאַלטענע שרעק, ווי ער וואָלט פאַר עפּעס מורא געהאַט. זי האָט אָפּגעוואַרט אַ ביסל, געקוקט אין זיינע אויגן מיט באַהאַלטענער פאַרשעמטקייט, אַרויסבאַקומען פון זיין בליק די שולדיקייט און, שוין מיט אַ טאָן פון געמאַכטער גלייכגילטיקייט, אָבער מיט אינערלעכן נייגער, געפרעגט:

— וואוהין? — מעג איך וויסן?

ער האָט אונטערגעכאַפּט איר פראַגע:

— אוודאי דאַרפסטו וויסן. איך וויל דאָך מיט דיר ריידן.

ער האָט זיך אויפגעזעצט. ביידע זיינען איצט געזעסן איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן. אַזעלכע נאָענטע און מיטאַמאָל — אַזעלכע פרעמדע.

— איך פאָר אַוועק קיין שפּאַניע. כ׳האָב זיך פאַרשריבן אין די וואָלונטירן. דו דאַרפסט אויף מיר ניט זיין בייז, וואָס איך האָב דיר ניט געזאָגט. איך בין ניט געווען זיכער ווי דו וועסט אויף דעם קוקן... אָבער דו דאַרפסט פאַר־שטיין.

זי האָט געשוויגן. און ער האָט שוין איצט גערעדט איילנדיק, ווי ער וואָלט אין אַ זייער קורצער צייט באַדאַרפט זאָגן אַ סך, זייער אַ סך:

— איך בין זיכער, אַז דו וועסט פאַרשטיין. שפּאַניע גייט אָפּ מיט בלוט. מ׳טאָר ניט דערלאָזן קיין פאַשיזם אין שפּאַניע. די גאַנצע וועלט וועט ליידן. שפּאַניע וועט צעטראָטן ווערן. יעדער גוטער מענטש דאַרף זיך אָנשליסן אָן דעם קאַמף. דאָס איז אונדזער קאַמף. פאַרשטייסט? ס׳איז מיין קאַמף און דיין קאַמף. נו, האָב איך זיך פאַרשריבן.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. געקוקט אויף איר מיט שטרענגער ערנסט־קייט און מיט באַהאַלטענעם געבעט. און זי האָט, צוליב עפּעס, אַראָפּגעלאָזט

די אויגן און באַלד זיי צוריק אויפגעהויבן אויף אים. געקוקט, געקוקט. ער איז געווען דער זעלביקער. אַ קאָפּ געדיכטע, בלאָנד־רויטלעכע האָר. אַ פּנים אַ ביסל באַשפּרינקלט מיט זומער־שפּרינקלעך און שטילע, ברוינלעכע אויגן, וואָס זיינען איצט געווען טרויעריק. אָט דאָס איז ער געווען. און ער האָט זיך פאַרשריבן פאַר שפּאַניע. ער איז עפּעס געווען וויט און באַענט. און דאָס לאַנד שפּאַניע האָט זיך אין אָט דער קורצער ווילע דערנעענטערט. געפּאַר האָט זיך דערנעענטערט. דער וויטער בלוטיקער געראַנגל האָט זיך דערנעענטערט, געוואָרן לעבעדיק־רעאַל, מיט זיינע גרוילן, אין אַ וועלט פון מענטשלעכע קאַמפן. זי האָט געזאָגט:

— איך פאַרשטיי.

זי האָט אָנגענומען זיין האַנט און זי געהאַלטן אַן ווערטער, נאָר מיט אַ נייער וואַרעמקייט, וואָס האָט געשטראָמט מיט אימפּעטיקע כוואַליעס גלייך פונעם קלאַפּנדיקן האַרצן אַרויס. ער האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ שטילן גלעטן איבער דער ווייסער האַנט, וואָס איז געווען אויסגעוועבט אונטער דער הויט מיט דינע, בלויאינקע אָדערלעך. זי האָט די פרייע האַנט אירע אַרויפגעלייגט אויף זיין קאָפּ און אַרומגעבלאָנדזשעט אַ ווילע אין די געדיכטע האָר. האָט ער אויף דעם אָפּגעענטפערט מיט הייסע קושן אויף איר האַנט. געקושט, געקושט און געשוויגן. און אַז ער האָט צוריק אויפגעהויבן זיינע אויגן, האָט ער אין איר בליק דערזען טרערן. גרויסע טראָפּנס האָבן פאַרנעפּלט איר בליק. איר דינער האַלדז האָט אַ ביסל געצוקט, אַ פאַרוואָרגענער פון די אַנגעלאָפענע טרערן. ער האָט געזאָגט:

— וויין ניט. מ׳דאַרף ניט וויינען.

און, שוין אַליין אַ גערירטער ביז טרערן, גענומען קושן איר פּנים, אירע אויגן. אַזוי אַ מינוט און צוויי. און זי האָט נאָך אַלץ געזען דורך דער קרישטאָ־לענער פאַרנעפּלטקייט פון אירע אויגן די וויטע בילדער פון שפּאַניע. גרויסע קעפּ פון צייטונגען, בילדער פון עראָפּלאַנען, וואָס האָבן אַרונטערגעוואָרפן אויף שטעט אַ צעשטערנדיקן פייער. אויפגעריסענע מויערן. צעריסענע גלידער פון מענטשן, פון קינדער. און איבער דעם און הינטער דעם — פאַשיזם, דער בלינדער כוח פון צעשטערונג, פון מלחמה. און אין מיטן פון אָט דעם גרויל — ער. ער, מיט זייער ליבע, מיט זייער מאָרגן.

איר האַרץ איז געווען פאַרוואונדעט. ניט געקאָנט איינהאַלטן די טרערן. ניט געקאָנט ענטפערן אויף זיין צערטלעכקייט. געפילט נאָר ווי עס ווערט ענגער אין דער ברוסט און ווי עס ווערגן די טרערן און ווי עס וואַקסט די מורא אינעם האַרצן, ווי ביי אַ מאַמען, ווען זי דערפילט די געפאַר איבער איר קינד. אָט דאָס מאַמישע אין איר איז פאַר איר אַליין געווען ניי און אומגעריכט. ס׳איז געווען אַ נייער כוח, וואָס האָט געשראָקן און דערפרייט. האָט זי געוויינט, גע־וויינט. און ער האָט נאָר איינגעטענהט:

— ניט וויין, איך בעט דיך, — ניט וויין.

זי האָט געזאָגט:

— ווען?... ווען שיקט מען איך אַוועק?

— אָ, נאָך ניט אַזוי שנעל. אפשר אין אַ וואָך אַרום. ס'איז דאָ אַ סך צייט...

און ער האָט אַרויסגענומען זיין טיכעלע, אָפּגעווישט אירע טרערן און, ווי וועלנדיק אַוועקגיין פון דעם אָנגעהויבענעם געשפּרעך, געזאָגט:

— לאָמיר גיין. אויפן וועג וועלן מיר אַלץ אַרומריידן.

אויפגעהויבן זיך, אויסגעשטרעקט צו איר ביידע הענט און איר געהאָלפן אויפשטעלן זיך. זי האָט געפאָלגט. געלאָזט זיך פירן, אַ שווייגנדיקע, אַ נאָכגיביקע.

די וועלט איז געווען די זעלביקע. דער הימל איז געווען בלוי. די זון האָט געשיינט. דער ווינט האָט געבלאָזן דערפרישנדיק. איבער די וועגן און שטעגן זיינען אין אַלע ריכטונגען געגאַנגען פּאָרלעך און גרופּעס יונגוואַרג. ייִנגלעך זיינען געקראָכן אויף פעלזן, געקלעטערט אויף די זעלטענע ביימער, איבערגעשריען זיך מיט הילכיקע שטימען און אַריינגעגאָסן פריידיקייט אין דעם קאַראַהאָד פון קלאַנגען, וואָס האָט אָנגעפּילט דעם יונגן פּרילינג־טאָג. אַלץ איז געווען ווי פריער. דאָס לעבן איז געגאַנגען זיין גאַנג.

כדי עפּעס צו זאָגן, האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— און די מאַמע? איך מיין — די עלטערן דיינע, ווייסן?

— ניין, זיי טאָרן ניט ווייסן. זיי וועלן סיי ווי ניט פאַרשטיין. זיי וואָלטן געווען אומגליקלעך, וואָלטן געשטערט. נאָר דו דאַרפסט וויסן...

אויף אַ ווילע איז איר לייכטער געוואָרן. אַט די עלטערן וואָלטן דאָס ניט פאַרשטאַנען אָבער זי — זי פאַרשטייט. און ער האָט זיך איר אָנפאַרטרויט. פון דעם איז געווען גוט און טרויעריק, און ווי עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט זיך אַליין פאַרשריבן מיט אים אין דער אַרמיי.

— וואָס וועסטו זיי זאָגן?

— איך וועל זאָגן: איך פאָר אַוועק אין דער וועסט... חברים וועלן זיי שוין צושיקן מיינע בריוו רעגלמעסיק... און נאָכדעם וועלן מיר זען. עס וועט דאָך אייביק ניט אָנהאַלטן. דער קריג וועט זיך ענדיקן.

זיי זיינען געגאַנגען געאָרעמט, צוגעדריקט איינער צו דעם אַנדערן, געפילט איינער דעם אַנדערן מיט אַלע חושים. ער האָט געזאָגט:

— איך האָב דיך ליב. איך וועל דיך אַלע מאָל ליב האָבן.

איר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זיינע לעצטע ווערטער האָבן אַ ציטער געטאָן. און זי האָט, ווי אַן עכאָ, אָפּגעענטפערט:

— איך האָב דיך אויך ליב. איך וועל דיך אַלע מאָל ליב האָבן...

אָט די פשוטע, הונדערטער מאָל אַרויסגעזאָגטע, ווערטער האָבן באַרואיקט. אין זיי איז געווען זיכערקייט און צוטרוי. אין זיי איז געווען דער אמת פון זייער לעבן. דער כוח פון זייער לעבן. און די ווערטער האָבן אָפּגעווישט די געפאַר. דער טויט איז געווען פאַרשוואונדן, ווייל ס'איז ניט געווען

קיין טויט. געווען איז נאָר ליבע. און געווען איז דער יונגער פרילינג־טאָג, וואָס האָט מיט שטראָמען זון אַרומגעוואַשן די ערד מיט ליכט און מיט פריידי־קער פאַרביקייט. און אַלץ, וואָס איז געווען אַלט אין דער נאַטור איז איצט געווען ניי, האָט געשפּרודלט מיט גליק און מיט האָפענונג.

האָט ער געזאָגט:

— מיר וועלן זיגן. אונדזער אידעאַל מוז זיגן. און ס'וועט זיין יום־טוב.

און אויך דאָס איז געווען קלאָר און זיכער. דער זיג וועט קומען, און עס וועט זיין יום־טוב. ווייל אָט איז דאָך שוין געווען דער אָנהייב פון אַ יום־טוב אויף דער וועלט...

1937

נאַכט

דאָס איז געווען אויף אַ פּאַרוואָרפענער פאַרם, ווייט פון שטאָט. די הייזלעך פון דער פאַרם האָבן זיך געטוליעט צום פוס פון אַ הויכן באַרג, אַן אַרומגע־וואַקסענעם מיט אַ געדיכטן וואַלד, און פון דעם האָט דער ישוב אויסגעזען נאָך קלענער און אָרעמער, ווי אַ שלעכט צוזאַמענגעשטעלט שפּילצייג־דערפל.

מיר האָבן דאָרט פאַרבראַכט אַ גאַנצן זומער. בייטאָג האָבן מיר זיך גע־פרייט מיט די ברייטע זוניקע פעלדער אין טאָל און מיטן שטילן, קלוגן וואַלד אַרום די בערג און ביינאַכט, ווען אַלץ אַרום איז אַריינגעפאַלן אין אַ רואיקן דאָרפישן שלאָף, פלעגן מיר אויך איבעררייסן אונדזערע שטאָטישע טומלע־נישן, עפּעס פּלוצלונג באַרואיקן זיך און אַריינפאַלן אין אַ זיסן שלאָף אָן חלומות.

עס זיינען שוין געשטאַנען די ערשטע טעג פון סעפּטעמבער. קלאָרע טעג פון רייפן פרידן האָבן זיך יעדן פרימאָרגן געהויבן פון די טאָלן, אויס־געלייגט זיך אויף די פעלדער און געשטיגן איבער די בערג, העכער און העכער, ביז צו די שפּיצן, וואָס האָבן זיך געריבן אָן די ווייסע שווימענדיקע וואָלקנס אויפן פאָן פון בלויען הימל. אַלץ איז געווען ווי אויסגעמאָלן פון אַ זיכערער האַנט. אומעטום האָבן זיך געצויגן פּרעכטיקע ליניעס. שטריכן און קאָנטורן. און פאַרן קלאָרן פּנים פונעם הימל, אין פאַרביקן שפּיל פון זוניקע פלעקן, האָבן זיך געביטן מיט די ערטער דאָס ליכט מיט די שאָטנס.

אַלע זיינען שוין געווען אין שטאָט. איך אַליין בין נאָך פאַרבליבן אויף אַ וואָך צוויי אויף דער פאַרם. ניט געקאָנט אָפּרייסן זיך פון די דאָרפישע זאָרגלאָזע טעג. געוואָלט די פאַרבליבענע עטלעכע פרייע טעג אויסלעבן אינעם גרויסן וואונדער פון דער נאַטור.

און פּונקט צו יענער צייט זיינען צו מיר אַראָפּגעקומען געסט. דאָס איז געווען מיינער אַ גוטער פריינט, אַ מאָלער, מיט זיין געליבטער. ער איז נאָך געווען יונג און באַשיידן. זיין נאָמען האָט נאָך ניט געקראָגן קיין ברייטע באַקאַנטשאַפט צווישן פאָלק. דערפאַר האָט מען אָבער אים גוט געקענט אין די ענגע קרייזן פון דער קינסטלערישער משפחה, וואו מ׳האָט אים הויך געשעצט פאַר זיינע בילדער פון אַ טיף־מיסטישן כאַראַקטער און זייער אָרי־גינעלער אויפפאַסונג.

דעם ערשטן טאָג האָב איך מיט מיינע געסט פאַרבראַכט אויף די פעל־דער און ביים טייך. זייער פיל גערעדט און געלאַכט. אונדזערע שטימען האָבן לעבעדיק געקלונגען און צונויפגעגאָסן זיך האַרמאָניש מיט די קלאַנגען פון

דער אַרומיקער זאַפטיקער סוף־זומערדיקער וועלט. און אַז עס איז אָנגע־קומען די נאַכט, זיינען מיר שוין אַלע געזעסן אויף דער וועראַנדע פון אונדזער הויז און שטיל געפּירט אַ געמיטלעכן געשפּרעך.

אַרום דער וועראַנדע זיינען געוואַקסן פאַרשיידענע בלומען, קליינע, ערשט־פאַרפלאַנצטע בוימלעך, און אַ ביסל ווייטער איז געשטאַנען, אַ שווייגנ־דיקער, דער גרויסער פרוכט־גאָרטן פון קאַרשן, פלוימען, באַרן און עפּל־בוימער, וואָס האָבן אָנגעפילט די לופט מיט דעם גערוך פון זייערע זאַפּ־טיקע אָנגעגאָסענע פּירות. ער איז געשטאַנען און געדרעמלט אַ שטילן און רואיקן דרעמל. און פון אָט דער רואיקייט פון גאָרטן און פון פעלד און פון די הימלען איז אויך געפאַלן אַ רואיקייט אויף דעם געמיט. און פון אַריבער די בערג, פון ערגעץ צווישן הימל און ערד, האָט אַראָפּגענידערט די נאַכט און אַרומגעוויקלט אַלץ מיט אירע ווייכע געדיכטע שאָטנס, און מיט געוואַלד אַרויפגעצויגן אויף אַלץ איר טיפן שווייגן.

און ווי נאָר די נאַכט איז אַראָפּגעקומען, איז עפּעס מיטאַמאָל די גאַנצע וועלט געוואָרן אומפאַרשטענדלעך. זי איז געוואָרן סודותדיק און פרעמד. בייטאָג איז זי געווען אַן אייגענע און אַלץ אין איר איז געווען קלאָר און פאַרשטענדלעך, און איצט איז זי געווען אַ פרעמדע אַן אומקלאָרע און אַן אומפאַרשטענדלעכע. און דאָס, וואָס מיר זיינען געזעסן אויף דער וועראַנדע און גערעדט, איז געווען ווי אַ ווידערשפּרוך, ווי אַ פאַרלעצונג פון די געזעצן פון דער נאַכט. און דערפאַר טאַקע איז אונדזער שפּראַך געווען אַן אַנדערע, אַן איינגעהאַלטענע. מיר האָבן גערעדט, און די רייד זיינען געווען פאַרקליידט אין אַ מאָדנער שטימונג. מיר האָבן געלאַכט, און אונדזער געלעכטער האָט אָפּגעקלונגען מאָדנע אומנאַטירלעך און איז שנעל אויסגעלאָשן געוואָרן אין דער נאַכטיקער לופט, ווי אַן אויפגעפלאַמט פייערל, אויף וועלכן מ'האָט פּלוצ־לונג אַ שטאַרקן בלאָז געטאָן מיט פייכטער קעלט.

מיין פריינטס געליבטע, אַ שטאָטיש מיידל, מיט ספּעציפיש־שטאָטישע קאַפּריזן האָט פּלוצלונג פאָרגעשלאָגן מיר זאָלן די נאַכט ניט שלאָפן. זי האָט געזאָגט:

— איר ווייסט וואָס? — לאָמיר אַ גאַנצע נאַכט זיין אויף. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען קיין זונען־אויפגאַנג פון די בערג. אַך, דאָס מוז דאָך זיין אַזוי שיין! מיר וועלן זיך פאַרקלייבן טיף אין וואַלד, וועלן צעלייגן אַ שייטער־הויפן און פאַרברענגען אַרום דעם פייער ביז אינדערפרי. און נאָכ־דעם וועלן מיר אַרויפקלעטערן הויך אויפן באַרג און דאָרט באַגעגענען די זון און דעם טאָג. אוי, דאָס וועט זיין אַזוי וואונדערלעך! ניין, איך בעט איך!...

און זי האָט גענומען צו אונדז צושטיין מיר זאָלן איר נאָכגעבן.

מיין פריינט האָט זי פאַרזיכטיק געפּרוּווט אָפּריידן.

— ניין, טייערע, עס וואָלט געווען ניט ראַטזאַם פאַר דיר צו פאַרברענגען

אַ גאַנצע נאַכט אין וואַלד. די נעכט זיינען איצט פייכטע. דו קאָנסט זיך פאַר־קילן. דערצו ביסטו מיד פון וועג און דו מוזט זיך אויסרוען.

זיינע רייד האָבן אויף איר ניט געהאַט קיין ווירקונג. זי איז נאָך פאַדערב־דיקער געוואָרן און קאַפּריזנער. דאָס פייער אין וואַלד און דער זונען־אויפ־גאַנג איז איצט פאַר איר געווען די גרעסטע אַוואַנטיורע פון איר דאָרפישן באַזוך.

מיר האָבן געמוזט צושטימען. מיר זיינען טאַקע באַלד אַרויסגעגאַנגען און זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון וואַלד, ביים פוס פון באַרג.

פלוצלונג האָט זיך מיין פריינט אָפּגעשטעלט און האָט פאַרזיכטיק גע־זאָגט:

— עס וואָלט ניט איבעריק געווען מיטצונעמען אַ רעוואָלווער. האָסטו מיט זיך אַ רעוואָלווער? אויב דו האָסט ניט: קער זיך אום און נעם.

און עס איז געווען מאָדנע, וואָס ער האָט זיך פלוצלונג דערמאָנט אָן דעם רעוואָלווער. אַ גאַנצן טאָג זיינען מיר אויסגעווען אין אַלע פאַרבאָרגענע ווינקעלעך, און קיינעם איז גאָר ניט איינגעפאַלן מורא צו האָבן פאַר עמיצן. און איצט זיינען מיר אַלע געווען אַ ביסל דערשראָקענע, און זיין פראַגע איז געווען ווי אַ וואָרנונג.

איך האָב זיך שווייגנדיק אומגעקערט אין הויז און מיטגענומען מיט זיך דעם רעוואָלווער. אַז מיר האָבן ווידער באַנייט אונדזערע טריט, זיינען מיר שוין געווען אומעטיקלעכע. מיר האָבן ווייניק גערעדט און נאָר, פאַרעקשנטע, געגאַנגען פאָראויס, פאָרזיכטיק דורכקלייבנדיק זיך דורך די הויכע גראָזן און שטעכיקע קוסטעס, ביים אַריינגאַנג פון וואַלד. פון דעם, וואָס מיר האָבן גע־שוויגן און זיינען געגאַנגען מיט אייגענע פאַרבאָרגענע געדאַנקען, איז עפּעס געווען אַזוי ווי מיר וואָלטן אין דער פינצטערער נאַכט געקליבן זיך דורכצופירן אַ טונקעלן אַקט, אַ זאַך, וואָס מען טאָר ניט טאָן, און מענטשלעכע רייד וואָלטן דאָ געווען אַן איבעריקע אומפאָרזיכטיקייט, אַ געפאַר.

אין וואַלד איז געווען שטיל. אַזוי שטיל, אַז אונדזערע טריט האָבן אונדז אַליין געשראָקן, אַזוי ווי ניט מיר וואָלטן געגאַנגען, נאָר עמיצער אַ פאַר־דעכטיקער וואָלט אונדז נאָכגעגאַנגען, טראָט־ביי־טראָט נאָכגעפאָלגט מיט שפּיציקע אויגן דורך דער פינצטערקייט פון וואַלד און ביימער. יעדער קנאַק פון אַן איבערגעבראָכענעם טרוקענעם צווייגל אונטער אונדזערע פיס האָט הילכיק אָפּגעקלונגען אין דער שטילקייט פון וואַלד.

ענדלעך זיינען מיר אַרויסגעקומען אויף אַ קליין שטיקל פעלד, אין מיטן וואַלד, פון וועלכן איך האָב נאָך פריער געוואוסט, וואו מ׳האָט געקאָנט פאַ־נאַנדערלייגן אַ פייער. מיט מאַטערניש האָבן מיר צונויפגעקליבן אַ קופּע צווייגן און, ווי עס איז, אונטערגעלייגט אַ פייער, וואָס האָט מיט מאָטן ליכט באַ־לויכטן אַ קליינעם שטח אַרום אונדז. לעבן סאַמע וואַלד האָבן זיך די שטראַלן איבערגעריסן, און די פינצטערניש דאָרטן האָט זיך פאַרמירט אין אַ ריזיקער

וואַנט, שוואַרץ און הויך, ביזן הימל. פון דער ערד האָבן זיך געהויבן אַ פייכט־קייט און האָט זיך געגעבלט אין דער ליכטיקייט פון אונדזער שוואַכן פייער.

מיר אַלע האָבן זיך, פונדעסטוועגן, באַמיט צו זיין מונטער און פריילעך. יעדער האָט געוואָלט אויף זיין אייגענעם אופן באַווייזן זיין אומדערשראָקנקייט. מען האָט גערעדט אומנאַטירלעך הויך, און יעדע רגע געפּאַרעט זיך אַרום דעם פייער. אויך אונדזער געלעכטער איז געווען אומנאַטירלעך איבער־געטריבן, און דערפאַר האָבן אונדזערע שטימען און אונדזער געלעכטער גע־קלונגען פאַלש.

ביסלעכווייז, וואָס־ווייטער אין דער נאַכט אַריין, זיינען אונדזערע שטימען ווי פאַרשטיקט געוואָרן. מיר האָבן שוין גערעדט שטיל און איינגעהאַלטן. מיר זיינען געוואָרן, ווי אַלטע, וואָס האָבן מיטאַמאָל דערפילט, גאָר נאָענט, דעם טויט, און ניט געקאָנט פון גאַרניט ריידן, אחוץ פון זיין לויערנדיקער נאָענטקייט.

מיין פריינט האָט באַמערקט:

אַזאַ פינצטערניש האָב איך נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געזען. מ׳קאָן דאָך די פינצטערניש מיט די הענט אָנטאַפּן.

זיין געליבטע האָט זיך שטאַרקער געדריקט צו אים און געשוויגן. ערשט איצט האָבן מיר געזען, אַז זי איז דערשראָקן און באַמיט זיך גאַרניט צו באַהאַלטן איר דערשראָקנקייט. זי האָט געציטערט אי פון דער נאַכטיקער פייכטקייט, אי פון מורא. מיין פריינט האָט צערטלעך אַרומגענומען אירע פלייצעס און געזאָגט:

— דיר איז קאַלט ? אָט נעם, טו אָן מיין רעקל, דו ציטערסט — און ער האָט פלינק אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זיין רעקל. זי האָט זיך איינגעוויקלט אין רעקל און נאָך אַלץ געטוליעט זיך צו אים ווי אַ קינד. האָט ער זיך שוין איינ־געבויגן איבער איר און שטיל, איך זאָל ניט דערהערן, געפרעגט:

— האָסט מורא ?

זי האָט שטיל געענטפערט:

— ניין . . . ס׳איז אָבער דאָ אַזוי פינצטער . . . גאָט !

מיין פריינט האָט זיך צעלאַכט און זי גענומען באַרואיקן. און מאָדנע: ווידער האָבן זיינע רייד און זיין געלעכטער אָפּגעקלונגען פאַלש אין דער אַרומיקער נאַכט. זיין אייגענע שטים האָט געציטערט פון אינעווייניקסטער אויפרעגונג. פונדעסטוועגן האָט ער נאָך אַלץ גוטמוטיק געשפּאַסט איבער איר פּאַרלאָרנקייט:

— אַך, דו, שטאָטיש קינד ! דאַרפסט, אַז אין אַלע ווינקעלעך זאָלן דיר לייכטן עלעקטרישע לעמפּלעך . . . די געזעצן פון דער נאַטור, ליבינקע, ווערן דאָ אָפּגעהיט מיט דער שטרענגסטער פּינקטלעכקייט. נאַכט איז דאָ נאַכט און טאָג איז דאָ טאָג . . .

— אָבער אין שטאָט האָב איך גאָר קיין מורא ניט געהאַט אין דער

פינצטערקייט — האָט זי זיך געבעטן, — אַז איך גיי שלאָפן, לעש איך אַלע מאָל אויס דאָס ליכט, און האָב גאָר קיין מורא ניט. און דאָ... ניין, דאָ איז אַנדערש.

מיר האָבן אַ ווײַלע געשוויגן, און איך האָב פּרובירט ריידן, האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט, און דער ערשטער געזאָגט:

— אַז מען זאָל זיך אונטערגעבן דער לאָגיק פון מענטשלעכן פאַרשטאַנד, איז דאָך אין עצם ניטאָ פאַרוואָס מורא צו האָבן. וואָס איז, אייגנטלעך, נאַכט און פינצטערניש? יעדעס קינד ווייסט, אַז די ערד אונדזערע, איז אַ פּלאַנעט, וואָס קריגט איר באַלייכטונג פון דער זון. ווען איין טייל פון דער ערד איז באַלויכטן — איז טאָג; ווען דער זעלביקער טייל איז ניט באַלויכטן — איז נאַכט. אַלץ אַרום אָבער, אַלע זאַכן, ווערן פון דעם ניט געענדערט. זיי זײַנען נאָר אײַנגעדעקט מיט אַ געדיכטן שאָטן־שלייער, וואָס איז גאָרניט, פּוסטקייט פון אַ טונקעלן קאָליר, און ניט מער. קיין זאַך ווערט פון אים ניט פאַרענדערט, פּונקט ווי אַ פּיאַנע ווערט ניט פאַרענדערט פון דעם, וואָס מ׳דעקט זי איבער מיט אַ צודעק איבערן זומער.

מײַן פרײַנט האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן, און ניט ווילנדיק געזאָגט:

— די לאָגיק פון מענטשלעכן פאַרשטאַנד איז אָבער ניט אַלעמאָל גערעכט.

איך האָב געענטפערט:

— דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד און דעם מענטשנס דערפאַרונג זײַנען אַלעמאָל גערעכט. און די מורא בײַנאַכט איז אַטאַוויסטיש. דער מענטש וועט זיך פון דעם מיט דער צייט באַפרײַען, ווי פון אַן אַבערגלויבן. ווי נאָר דער מענטש וועט קריגן די זיכערקייט, אַז אין דער פינצטערניש וועט ער ניט באַפאַלן ווערן פון אַ פּלוצלעכן שונא, וועט ער אויפהערן צו שרעקן זיך פאַר נאַכט און פאַר פינצטערניש. ווײַל נאַכט ענדערט קיין זאַך ניט. די זאַכן בלײַבן דאָס, וואָס זיי זײַנען אין ליכט פון טאָג.

איך האָב אַזוי גערעדט, און די גאַנצע צייט געפילט, אַז כאָטש מײַנע רייד זײַנען געווען לאָגיש, זײַנען אָבער מײַנע געפילן געווען גאָר אַנדערע. איך אַליין האָב שטאַרק מורא געהאַט און מיט אַלע כוחות באַמיט זיך צו ריידן אַזוי, אַז מײַן אייגענע שטימע זאָל מיך ניט פאַרראַטן. דאָס, וואָס מ׳האָט אין מיר אײַנגעפלאַנצט דורך אינטואיציע און דערציאונג האָט מיך אויך באַוועלטיקט.

איינמאָל געבאָרן, האָט שוין דער געשפּרעך ניט געוואָלט אויפהערן. עס האָט זיך אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט פאַרבונדן אַ דעבאַטע. מײַן פרײַנט האָט גלײַך געפונען אַן ענטפער אויף מײַנע רייד:

— אמת, די נאַכט פאַרענדערט ניט די זאַכן, אָבער די נשמה פון די זאַכן ווערט יאָ פאַרענדערט. אינאיינעם מיט די נאַקעטע שאָטנס הויבט אָן

צו שוועבן איבער אַלץ אַ ניי לעבן. מיר ווייסן נאָך ניט וואָס אָט דאָס לעבן איז — שרעקט עס אונדז. מיר האָבן נאָך פאַר דעם קיין נאָמען ניט. פאַר די טיף־סתירהדיקע באַגריפן, ווי גאָט און נשמה, האָבן מיר שוין געפונען אַ נאָמען, אָבער פאַר דעם געפיל אין אונדז אין די שטילע אָוונטן מיט דער נאַטור, אָדער אין דער שטאָק־פינצטערניש פון דער נאַכט, פאַר דעם האָבן מיר נאָך ניט קיין נאָמען.

איך האָב זיך אַריינגעריסן אין זיינע רייד:

— פאַרטיק! ביסט שוין ווידער דאָ מיט דיין מיסטיציזם! איך רייד וועגן דער מענטשלעכער דערפאַרונג און דו רעדסט וועגן איינריידעניש.

— גוט, וועל איך אויך ריידן פון דערפאַרונג. אָט הער. איך האָב איינמאָל באַדאַרפט, אין אַ פינצטערער נאַכט, ווי היינט, דורכגיין אַ וואַלד. איך האָב געמוזט גיין, ווייל עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן ברענגען הילף פאַר אַ קראַנקן. איך בין דאַן גראָד געגאַנגען מיט אַ קלאָרן קאָפּ און אין דער פולער מאָס באַגריפן, אָט אַזוי, ווי דו איצט, אַז מורא האָבן איז ניטאָ פאַר־וואָס. אין רוחות, ווי מ׳פאַרשטייט עס, גלויב איך ניט. קיין גרויסע חיות זיינען אויך אין יענעם וואַלד קיינמאָל ניט געווען און פון קיין מענטשן, וואָס זאָלן מיר אין יענער נאַכט, וועלן שלעכטס טאָן, האָב איך ניט געוואוסט. איך בין אַריין אין וואַלד מיט אַ קלאָרן קאָפּ און רואיקע געפילן. איך האָב געהאַט איין זאַך אין זינען — וואָס שנעלער און זיכערער צו ברענגען הילף פאַר מיין קראַנקן חבר. און ווי נאָר איך בין טיפער אַריין אין וואַלד, האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ מורא, פאַר וועלכער איך האָב ניט געהאַט קיין דער־קלערונג. איך בין די גאַנצע צייט געגאַנגען און באַרואיקט זיך מיט דעם, וואָס עס איז ניטאָ פאַרוואָס מורא צו האָבן, און אַליין געווען מוראדיק דערשראָקן, און געפילט, ווי עס שטעלן זיך אין מיר אָפּ די בלוטן, ווי עס ווערט אין מיר פאַרכאַפּט דער אָטעם און איך קאָן ניט איינהאַלטן אין זיך דאָס קלאַפּן פון מיין האַרצן. עס איז געווען אַזוי, ווי איך וואָלט שוין געווען באַפאַלן פון אַ פרעמדן כוח. פון אַלע זייטן האָבן זיך צו מיר געצויגן אויסגעצ־שטרעקטע הענט. מיינע אויגן האָט געבלענדט אַ ליכט. מיינע נערוון האָבן זיך באַפרייט פון קערפּער און האָבן זיך אויסגעשפרייט, ווי אַ נעץ, איבער מיין הויט און אויפגענומען מיט מיליאָנען פעדעם מיין שרעק אין דער נאַכט. איך האָב קיין זאַך ניט געפילט, אַחוץ דעם מוראדיקן אָנריר פון דער נאַכט אויף מיין לייב. עס איז געווען אַן אָנפאַל פון אַ דרויסנדיקן כוח. דער אָנ־פאַל פון דעם נאַכט־גייסט אויף דעם פרעמדן טאָגיקן עלעמענט אין מיר. עס איז געווען ווי אַ ריזיקער גייסט וואָלט פלוצלונג באַפאַלן מיין קליין־מענטשישן גייסט און וואָלט געוואָלט אים פאַרטיליקן און אומברענגען. מיין געדאַנק האָט שוין איבער מיר ניט געהאַט קיין שליטה און מיין דערפאַרונג האָט פאַרלאָרן די לאָגיק פון ווירקלעכקייט. איך בין געווען בלויז גייסט. גייסט באַפאַלן פון גייסט. איך בין מסתמא געלאָפן, ווייל מ׳האָט מיך אויף

מאָרגן געפונען אַ פֿאַרחלשטן אויפֿן פֿעלד, אַ היפּשע שטרעקע פֿון וואַלד. אַז מ׳האָט מיך געבראַכט אַהיים, איז מיין קאָפּ געווען גרוי, און איצט ווייס איך, אַז די נאַטור האָט פֿיינט דעם אומרואיקן גייסט פֿונעם מענטשן, ווען זי רוט. די נשמה פֿון יעדער זאַך מוז פֿאַרענדערט ווערן בײַנאַכט. און ווען מיר, מענטשן, ווילן מיט געוואַלד אײַנהאַלטן דעם טאָג אין זיך, ווען עס הערשט די נאַכט, איז עס אַ זינד קעגן דער נאַטור און קעגן אירע געזעצן, און זי שטראָפֿט און באַשטראָפֿט זייער שטרענג פֿאַר זייער פֿאַרלעצונג.

מיר האָבן אַ ווײַלע געשוויגן. דאָס מיידל האָט זיך אומרואיקער גע־טוליעט צו איר געליבטן. איך האָב אַרײַנגעוואָרפֿן אַ גרויסן שייט האָלץ אין פֿייער, און מיליאָנען פֿונקען האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום הימל און זײַנען אויסגעלאָשן געוואָרן אין דער לופֿטן.

פּלוצלונג האָט עפּעס אין וואַלד אַ קראַך געטאָן. אפֿשר איז ערגעץ אומגעפֿאַלן אַן איבערגעפֿוילטער בוים. אפֿשר האָט אַ שווערע חיה איבער־געבראָכן אַ טרוקענעם צווײַג. אין דער שטילקייט האָט דער קראַך אָפּגע־קלונגען מוראדיק. מיר זײַנען אויפֿגעשפּרונגען דערשראָקענע און פֿאַרלאָ־רענע. דאָס מיידל האָט אַ קוויטש געטאָן און האָט זיך אין שטומען שרעק גענומען טוליען צו איר געליבטן, פּונקט ווי די געפֿאַר וואָלט געווען נאָענט לעבן איר. מיר האָבן זיך קוים באַרואיקט. איך האָב זיך אינסטינקטיוו אַ כאַפּ געטאָן פֿאַרן רעוואָלווער און אויסגעשאָסן אין דער ריכטונג, פֿונוואַנען עס האָט זיך דערטראָגן דער קראַך. דער שאָס האָט אָפּגעקלונגען אין דער נאַכט מוראדיק הילכיק. אַזוי ווי דער הימל וואָלט זיך איבער אונדז איבער־געבראָכן און גענומען פֿאַלן מיט אַ שרעקלעכן קראַכן איבער אונדזערע קעפּ. אַ געמיש פֿון עטלעכע עכאָס האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן אין אַ משונהדיקן נאַכטיקן געשריי אויף מײַלן אַרום און אַרום. די פֿינצטערע וואַנט אַרום אונדז האָט זיך אויף אַ רגע אַ שאָקל געטאָן און ווידער געבליבן שטיין באַוועגלאָז.

אַזוי האָט די נאַכט פּראָטעסטירט קעגן דער אומרואיקייט פֿונעם מענטשן.

אין וואַלד איז ווידער געוואָרן שטיל. אָבער דאָס איז שוין געווען אַ דראָענדיקע שטילקייט. מיר זײַנען געווען אַרומגערינגלט פֿון אַ ניט־גע־זעענעם שונא. מיר האָבן אים ניט געזען, אָבער ער איז געווען דאָ, אין דער וואַנטיקער פֿינצטערניש. מיר האָבן געפֿילט זײַן אָטעם, וואָס איז געווען אין דעם אָטעם פֿון דער נאַכט.

מײַן פֿרײַנט האָט קורץ געזאָגט:

— מיר גייען אַהיים.

מיר זײַנען שווײַגנדיקע און פֿאַרשעמטע אַוועק פֿון פֿײַער אין דער ריכטונג פֿון דער פֿאַרם אַרויס פֿון וואַלד. מיר זײַנען געגאַנגען, און ווידער האָבן פֿרעמדע טריט באַגלייט אונדזערע טריט. מיר האָבן געוווּסט, אַז עס איז ניטאָ פֿאַר וועמען און פֿאַר וואָס מורא צו האָבן, אָבער מיר זײַנען געווען

דערשראָקן און פאַרשעמט און זיך ניט געקאָנט באַרואיקן ביז מיר האָבן באַטראָטן די שוועל פון אונדזער שטיבל.

אינעם שוואַכן שיין פון אַ קעראָסין־לעמפל האָבן מיר דערזען אונדזערע פנימער און האָבן זיי ניט דערקענט. זיי זיינען געווען אַנדערע. מיר האָבן געפּרואווט אַ שפּאַס טאָן איבער אונדזער שרעקעוודיקייט, און אויך דער שפּאַס איז ניט געווען קיין געראָטענער. ער איז געווען אַ קרומער, ווי די שמייכלען אויף אונדזערע פנימער.

אַרום אונדזער הויז און אין די ווינקלען פון צימער איז געווען די נאַכט. אומעטום איז געווען די נאַכט. און אומעטום איז געווען איר הער־שאַפט, און מיר, די אומרואיקע, זיינען געווען בלויז שוואַכע דערשראָקענע קינדער.

מיר זיינען באַלד אַוועק שלאָפן, נאָך אַלץ אונטער דער נאָענטער איבערלעבונג אין וואַלד, אַביסל פרעמדלעכע, שוויגנדיקע, אומעטיקע...

***

ס'איז שוין געווען שפּעט אין טאָג, ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. די זון איז געשטאַנען הויך אויפן הימל. די לופט איז געווען פול מיט טאָגיקע קלאַנגען. פון ערגעץ ווייט, פון אַ פאַרם, האָט זיך געהערט אַ פאַר־שפּעטיקט קרייען פון אַ האָן. אַ הונט האָט ערגעץ געבולן. אַ טויבער גע־רודער פון אַ ווייט־לויפנדיקן אויטאָמאָביל איבערן זאַמדיקן וועג, הינטערן בערגל, האָט זיך פאַרבייגעטראָגן און אָפּגעשטאָרבן. אַ צוויטשערן פון אומרואיקע פרי־האַרבסטיקע פייגען אין די פּרוכט־ביימער און, דאָ און דאָרטן, אָפּגעריסענע מענטשלעכע שטימען פון אַהינטערן פּרוכט־גאָרטן האָבן געקלונגען, אָט נאָענט און אָט — זייער ווייט.

ס'איז געווען גוט און פריידיק צו עפענען די אויגן אַנטקעגן דעם נייעם טאָג, וואָס איז געשטאַנען אינגאַנצן אָנגעטאָן אין געזונטער פרייד, פול מיט לעבעדיקער ענערגיע, און געאָטעמט מיטן באַזונדערן סוף־זומער־דיקן גליק. אַלץ האָט געוועקט צו טעטיקייט. יעדער גליד האָט געגאַרט נאָך באַוועגונג.

בין איך שנעל אַראָפּגעשפּרונגען פונעם געלעגער, אַרויפגעכאַפּט מיין כאַלאַט און אַרויס אויף דער וועראַנדע, נאָך אַלץ מיט די רעשטלעך שלאָף אין מיינע אויסגערוטע גלידער, מיט דעם נאָך ניט פאַרגעסענעם חלום אינעם דרעמלענדיקן באַוואוסטזיין.

אויף דער וועראַנדע האָב איך זיך אָנגעשטויסן אָן מיין פריינט, דעם מאָלער. ער איז געשטאַנען אין זיין אַרבעט־כאַלאַט, מיט אַ פּאַליטרע, רייך אָנגעלייגט מיט פאַרבן. אין דער צווייטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ בינטל פּינזלען און האָט עפּעס געמאָלן אויף אַ ברייט־אָנגעצויגענעם לייוונט, אָנ־

געוואָרפן טונקעלע פאַרבן, קאַליר אויף קאַליר, און איז געווען זייער נער־וועז. ער האָט אויסגעקוקט בלייך און אויסגעמאַטערט. און גאָר ווי ניט באַמערקט מיין אַנקומען.

איך האָב געזאָגט:

— אָ, דו מאָלסט גאָר!... לאָמיר אָקאָרשט אַ קוק טאָן.

איך בין צוגעגאַנגען נאָענט צום בילד, אָפּגעטראָטן אויף צוריק עט־לעכע טריט, געוואָלט כאַפּן דעם סוזשעט, אָריענטירן זיך אין דער אידייע פונעם בילד, — און ניט געקאָנט. איך האָב פּרובירט זיך אָנכאַפּן פאַר אַ וועלכן עס איז אָנהויב, כדי אַריינצוציען זיך מיטן באַוואוסטזיין אין זיין טיף. אַלץ איז אינעם בילד געווען אין אומאָרדענונג. ס׳איז ניט געווען קיין סימעטריע, קיין פּראָפּאָרץ אין פיגורן און דיסטאַנצן. ס׳איז ניט געווען קיין האַר־מאָניע אינעם טאָן פון די פאַרבן. ס׳איז געהאַנגען אַ טונקעלע אָפּגרונטי־קייט, דאָ און דאָרט איבערגעבראָכן פון אַ האַלב־טאָניקן ליכט, וואָס האָט זיך געמישט אין שאָטנדיקע פלעקן אָן לעבעדיקער קאָנטור, ניט געבונדן און ניט באַזונדער. ס׳איז געווען אַ כאַאָטיש בילד. בין איך אַזוי געשטאַנען אין אַ פאַרלעגנהייט אַ מינוט און צוויי, און נאָכדעם געזאָגט:

— וואָס איז דאָס?

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר פון דער זייט און האָט נאָכלעסיק־בייזלעך צוגעוואָרפן:

— זעסט דאָך אַליין.

איך האָב אָבער אָפּנהאַרציק געזאָגט:

— איך זע גאָרניט.

ערשט איצט האָט ער אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אַן אָפענעם בליק. געזאָגט:

— איך אַרבעט שוין דאָ דריי גאַנצע שעה, און ער קומט מיר זאָגן, אַז ער זעט קיין זאַך ניט... אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט.

איך האָב זיך ווידער צוגעקלעפּט צום בילד. געשטאַנען און געקוקט ווי ער לייגט אָן פאַרב אויף פאַרב, ווי אונטער זיינע פּינזלען לייגן זיך אויס פאַנטאַסטישע הויכן און אָפּגרונטן פון משונהדיקע דימענסיעס, אָן פּנים און אָן אויסדרוק, און נאָך אַמאָל געזאָגט:

— ניין, איך הויב זיך ניט אָן צו פאַנאַנדערקלייבן... איך זע קיין זאַך ניט. וועסט מיר אַנטשולדיקן, אָבער ס׳איז כאַאָס.

ער האָט נאָך אַלץ בייזלעך אַ קוק געטאָן אויף מיר און געזאָגט:

— כאַאָס, זאָגסטו? יאָ, אַוודאי, — כאַאָס!... אָט דאָס איז עס!... ס׳איז נאַכט און שרעק און אייביקע פאַרלאָרנקייט אין קאָסמישן סוד — אָט פּונקט ווי מיר האָבן דאָס איבערגעלעבט אויף אונדזער נאַכטיקן שפּאַ־ציר. כאַאָס אין כאַאָס. די נאַכט ווישט אָפּ מיט איר פינצטערניש די קינסט־לעכע גרענעצן, מיט וועלכע דער מענטש האָט אין ליכט פון טאָג זיך אַרומ־

געגרענעצט, כדי באַרואיקן זיין געמיט פון דער גרויסער פאַרלאָרנקייט, וואָס מיר רופן דאָס לעבן. דער אמת איז גראָד אין פינצטערניש, אינעם טויט. דאָס לעבן איז בלויז אויף אַ ווילע און דער טויט איז — אייביק. דער תוך פון אַלע זאַכן איז אין זייער אייביקער טויטקייט, וואָס איז — פאַרגלי־ווערטע פינצטערניש. אייביקע נאַכט. לעבן ראַנגלט זיך אייביק מיטן טויט — און ווערט אַלע מאָל באַזיגט. די אָרדענונג און די האַרמאָניע פונעם לעבן, וואָס דער מענטש פרובירט איינשטעלן אויף דער קורצער ווילע פון זיין עקזיסטענץ, איז צייטווייליק. עס קערט זיך שטענדיק אום צוריק צום כאַאָס. פונקט ווי דאָס לעבעדיקע מוז זיך סוף־כל־סוף אומקערן צוריק צום אייביקן, צום טויט.

ער האָט נאָך אַזוי לאַנג גערעדט, אָפּגעריסן, אויפגערעגט און מיט אַ באַהאַלטענער אומזיכערקייט אין זיין קול. זיין געדאַנק איז מיר אויסגע־קומען פאַלש, ס'איז געווען ווי ער וואָלט זיין גאַנצע טיראַדע אויסגעטראַכט נאָר כדי צו באַרעכטיקן דאָס משונהדיקע בילד אויף דעם לייוונט. ניין, דאָס האָט ניט געקענט זיין דער אמת. די וועלט איז געגאַנגען פון כאַאָס צו אָרדענונג. פון אייביקייט צו אייביקייט האָט זיך איינגעשטעלט אָרדע־נונג און האַרמאָניע אין דער נאַטור און אינעם מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט. אַלץ האָט געשטרעבט צו העכערע שטופן, פונעם אומפּערפעקטן צום פולקאָמענעם. פון פינצטערניש און כאַאָס איז דאָס לעבן געגאַנגען צו ליכט און באַוואוסטזיין — צו אַנטפּלעקונג. וואו ס'איז געווען באַגרענעצט־קייט, ווערן אַנטדעקט נייע האָריזאָנטן. די וויסנשאַפט טוט עס. די קונסט טוט עס. דער אייביקער געראַנגל פון אָרדענונג און האַרמאָניע האָט עס געטאָן און וועט עס טאָן ביז אין די וויטסטע אייביקייטן אַריין.

האָב איך געזאָגט:

— ניין. דער כאַאָס, וואָס דו האָסט אויסגעמאָלן איז ניט מער ווי דיינע אַ פערזענלעכע רעאַקציע. דאָס איז די בלינדע עקשנות פונעם שוואַכן און דערשראָקענעם, וואָס וויל ניט אָננעמען די וועלט אין איר שווערן גע־ראַנגל, אין איר שווערן גאַנג פאָראויס פון פינצטערניש צו ליכטיקייט. ביסט דערשראָקן, האָסט מורא, ווילסטו בעסער בלייבן מיט דיינע ספקות, מיט דיין געפאַלנקייט, און אפילו אומקומען אין דער אייגענער מיסטישער וועלט, אַבי ניט אָנצונעמען דעם אמת פונעם לעבן. דער־פאַר איז דער ווי־דערשפּרוך צווישן דעם אמתן לעבן און דיין קונסט. די קונסט איז באַרופן צו אַנטפּלעקן און קלאָר מאַכן, עפענען האָריזאָנטן צום מענטשלעכן גליק. און דו נעמסט דעם זעלביקן כוח פון דעם זשעני און שטעלסט אים אַוועק אין דער פאַטאַלער דינסט צו שלעפּן דאָס לעבן צוריק צום כאַאָס. אַזאַ קונסט איז פאַלש און דערפאַר — דעסטרוקטיוו.

ער האָט זיך איראָניש פאַנאַנדערגעלאַכט און מיט אַ בייזלעכן סאַר־קאַזם געזאָגט:

— און דיין אָפּטימיזם איז פון אַ בלינדן, וואָס ווייס ניט, אַז ער איז בלינד. אָ, דו נעמסט אָן די וועלט ווי זי איז, און ביסט מיט איר צופרידן! ביסט צופרידן מיטן ביסל לעבן, וואָס ס'איז דיר געגעבן געוואָרן, און טאָמער ביסטו ניט צופרידן, טרייסטו זיך מיט דער האָפענונג, וואָס גלחים פון דער רעליגיע האָבן אין דיר איינגעפלאַנצט — די האָפענונג אויף אייביקן לעבן אויף יענער וועלט... נאָך מער: דו ביסט אפילו גרייט צו גלויבן אין אַ גן־עדן... האָף און גלויב, ברודערל. אָבער פאַרגעס ניט: דער טויט וועט סיי־ווי קומען און וועט דיך צוריקשליידערן אין פינצטערניש און אין כאַאָס. קיינער קאָן די אייביקע נאַכט ניט אויסמיידן. און ווי נאָר דו וועסט פאַרמאַכן דיינע אויגן — וועט אויסגעלאָשן ווערן ביזן גרונט אַלץ מיט אַנאַנדער...

— מיין פערזענלעך לעבן וועט טאַקע אויסגעלאָשן ווערן, אָבער די וועלט וועט בלייבן און גיין פאָראויס אינאיינעם מיט מיין גלויבן און מיט מיינע האָפענונגען צו פולקאָמענקייט און גליק.

— וואויל איז דעם גלויביקן, ווייל ער לעבט אָפּ זיינע יאָרן אינעם נאַרס גן־עדן...

— ווי איז צו דעם בלינדן, ווייל ער איז פאַרמשפּט אויף אייביק ניט צו זען די ליכט פונעם טאָג און די שיינקייט פון דער וועלט...

אין אונדזערע רייד האָט זיך אַריינגעריסן ביטערניש און סאַרקאַזם. מיר האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט שפּיציקע ווערטלעך, ווי מיט פיילקעס. און מיר האָבן גאָרניט באַמערקט, ווי מיין פריינטס געליבטע איז אַריינגעקומען. זי איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר, געזשמורעט מיט די פאַרשלאָפענע אויגן און געשמייכלט, ווי אַ קינד, וואָס האָט ערשט געעפנט די אויגן פון אַ זיסן שלאָף און נאָך ניט געקאָנט פאַרטראָגן מיט איין מאָל די גאַנצע רייכקייט פון דער זון. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ רויטער זיידענער קימאָנע, אין רויטע שטעק־שיכלעך אויף די ווייסע באָרוועסע פיס. אירע האָר זיינען געלעגן פאַנאַנדערגעלאָזטע אויף די דינע צאַרטע פּלייצעס. זי האָט אָפּגעוואַרט אַ רגע און הילכיק געזאָגט:

— גוט מאָרגן, מיינע הערן!... וואָס פאַר אַ טאָג!... איך וואָלט דאָ געוואָלט לעבן אייביק!

מיין פריינט האָט צו איר אַ קער געטאָן זיין פּנים, וואָס איז נאָך געווען אַביסל אויפגערעגט פון אונדזער היציקן געשפּרעך און האָט פּיל־באַדייטנדיק געזאָגט:

— נאָכן זוניקן טאָג קומט אָן די פינצטערע נאַכט און נאָך דעם וואַרעמען זומער קומט אָן דער גרויסער האַרבסט און דער קאַלטער ווינטער. און דו, מיין טייערע, האָסט דאָך אַזוי מורא פאַר פינצטערניש און פאַר קעלט...

זי האָט אָפּנים נאָך אין דעם מאָמענט ניט פאַרשטאַנען דעם מיין פון

זיינע ווערטער, ווייל איר בליק איז איצט צוגעצויגן געוואָרן פונעם לייוונט. זי האָט געמאַכט עטלעכע שנעלע טריט אין דער ריכטונג פון דער מאַלעריי, געשטאַנען אַ ווײַלע, און מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איר פּנים האָט זיך אויסגעקרימט אין אַ גרימאַסע, ווי פון עפּעס אַן אינערלעכן ווייטיק. זי האָט כמעט אויסגעשריען:

— ווי, אַזוי פיל פינצטערניש!

זי האָט נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן אויפן בילד און שוין צוגעגעבן:

— טייערינקער, טייערינקער, ווי קאָנסטו אין אַזאַ טאָג מאָלן אַזעלכע בילדער? טו אַ קוק וואָס פאַר אַ וועלט! מ׳קאָן דאָך משוגע ווערן פון גליק... און דו מאָלסט גאָר אָט־דאָס־אָ...

אין איר קול איז געווען פאַרוואורף. ער האָט אָפּגעוואַרט אַ רגע און מיט אַ בלייכלעכן שמייכל געזאָגט:

— דאָס בילד דאַרף פאַרשטעלן די נאַכט, ווי איך זע זי. און אָט פאַר אָט דער נאַכט טאַקע האָסטו זיך ערשט מיט עטלעכע שעה צוריק אַזוי איבערגעשראָקן. ביסט אַפילו געוואָרן היסטעריש... האָסט פאַרגעסן?

— ס׳איז געווען אינגאַנצן דיין שולד. האָסט דערציילט שרעקעדיקע מעשיות... און איך בין נאָך קיינמאָל פריער ניט געווען אין וואַלד ביי־נאַכט... פון קינדווייז אָן האָט מען מיך אָנגעשראָקן מיט שרעקלעכע מעשיות וועגן נאַכט און פינצטערניש — און דאָ קומסטו מיט דיינע מעשיות...

ס׳איז געווען אַן אָנגעשטרענגטע רגע. מיר זיינען אַ ווײַלע געשטאַנען שווײַגנדיקע. מיין פריינט האָט נאָך געהאַלטן אין דער לינקער האַנט די פּאַ־ליטרע מיט די פאַרבן און אין דער רעכטער — דעם גאַנצן בונט מיט די פּינזלען. מיר אַלע זיינען געווען אין אַ פאַרלעגנהייט. צווישן אונדז דרייען איז איצט געשטאַנען דאָס ניט פאַרענדיקטע בילד, וואָס איז געווען פרעמד און איבעריק אָט אין דער שעה פון ליכט און זונשיין. עס איז געשטאַנען אויפן הויכן דריי־פוס און געקוקט אויף אונדז ווי מיט אַ גרויסן צאָרנדיקן אויג פון אַן אומגעזעענער מוראדיקער באַשעפעניש, וואָס איז געווען פול מיט דראָענדיקער שנאה און מיט טויטלעכער געפאַר. אָבער קיין מורא איז ניט געווען. און קיין שרעק איז ניט געווען. ווייל אַלץ האָט געשריען מיט איבעריקער, איבערגעטריבענער טענדענץ צו דערשרעקן און איבערשרעקן. ס׳איז נאָר געווען פרעמדקייט און פאַרדריסלעכער דיסאַנאַנס און פאַרלוירנקייט. און אַפּנים, אַז מיין פריינט, דער מאָלער, האָט עס אויך דערפילט. ווייל ער האָט אין איין רגע אַ שליידער געטאָן די פּאַליטרע מיט די פּינזלען אויף אַ שטול, וואָס איז געשטאַנען דערביי, אַרויסגעכאַפּט פון קעשענע אַ קליין מעסערל און, איידער מיר האָבן צייט געהאַט צו באַנעמען, וואָס ער איז אויסן צו טאָן, האָט ער גענומען פאַסעווען מיטן שאַרף פונעם מעסער איבערן לייוונט. ער האָט אַזוי געפּאַסעוועט, געפּאַסעוועט, מיט כעס, מיט אַ מאָדנעם

גלי אין די אויגן, ווי אַ וואַנזיניקער. דער לייוונט האָט זיך מיט אַ טעמפּן ריטשען, ווי מיט אַ פאַרשטיקטן געשריי, אָפּגערופן אויף יעדן פּיר מיטן מעסער.

מיר האָבן זיך שטאַרק פאַרלאָרן. דאָס מיידל האָט אַ לייכטן קוויטש געטאָן, צוגעלאָפן צו איר געליבטן מיט געבעט און מיט שרעק אין די אויגן:

— וואָס טוסטו ?!... הער אויף!

אויף איין מאָמענט האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער מענטש איז באַפאַלן אַ לעבעדיקע באַשעפעניש און, אין אַן אָנפאַל פון וואַנזין, געטאָן עפּעס שרעקלעכס... אָבער עס איז שוין געווען צו־שפּעט. פונעם לייוונט זיינען אַראָפּגעהאַנגען שטיקער לייוונט־פּאַסן מיטן פאַרב, וואָס איז נאָך אויף זיי ניט געווען פאַרטריקנט. ער האָט שנעל און אָן ווערטער אַרונטערגעריסן די שטיקער לייוונט, צונויפגעדריקט זיי אין איין קלומיק און אַ שליידער געטאָן, ווי אַ בינטל נאַסע שמאַטעס, אין אַ ווינקל פון דער וועראַנדע. דער קלומיק האָט טעמפּלעך־פּייכט אַ זעץ געטאָן איבערן דיל און איז געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך, אַ צוגעקלעפּטער מיט די פרישע פאַרבן צום דיל... דער דריי־פוס איז געבליבן שטיין אויף זיין אָרט מיט דער ליידיקער ראַם, ווי מיט אַברייטן, פוסט־געעפנטן מויל, ווי פון פאַרוואונדערונג, שרעק, אָדער גאָר געלעכטער...

דאָס מיידל האָט נאָך עטלעכע מאָל פּרובירט אַ געשריי טאָן:

— וואָס האָסטו געטאָן ?!... וואָס האָסטו געטאָן ?!...

איר פּנים איז געווען בלייך. אירע אויגן זיינען געווען פאַרגאָסן מיט טרערן. איר ברוסט האָט ניט אויפגעהערט זיך צו הייבן און אַרונטערלאָזן פון גרויסער אויפרעגונג. אַלץ איז שוין געווען אָפּגעטאָן. ער איז געשטאַנען קעגן איר אַ בלייכער און האָט פאַרלאָרן געשמייכלט. נאָר געשטאַנען און געשמייכלט מיט אַ קינדישן, אַביסל שולדיקן שמייכל. נאָך דעם מיט לאַנגזאַמע באַוועגונגען צוזאַמענגענומען זיינע מאַלערישע מכשירים, דעם דריי־פוס, די פּינזלען, דאָס קעסטל מיט די פאַרבן, מיט אַ געניטער האַנט צוזאַמענגענומען אַלץ מיט איין מאָל און אַוועקגעטראָגן אינווייניק, אין צימער. אין זיינע באַוועגונגען איז שוין געווען אַ געוויסע מאָס פון געלאַסנקייט, וואָס האָט אונדז געוואָלט באַרואיקן, פאַרגיטיקן פאַר אונדזער פאַרלוירנקייט און שרעק.

מיר זיינען אַ ווײַלע געבליבן שטיין אָן ווערטער, — אויפגערעגטע און שולדיקע. ער איז אין אַ מינוט אַרום צוריק אַרויס אויף דער וועראַנדע. ער האָט אַרומגעווישט מיט אַ ווייסער שמאַטע זיינע אין פאַרב־פאַרשמירטע הענט און רואיק געזאָגט:

— נו, וואָס שטייט איר ביידע, ווי שולדיקע ? ס׳איז ניט אייער שולד. איך זאָג דאָך אייך: איר זייט אין קיין זאַך ניט שולדיק... דאָס בילד האָט ניט געטויגט. ס׳האָט אייך ניט איבערצייגט. און ס׳האָט מיך אויך ניט אי־

בערצייגט. עפּעס איז געווען פאַלש. און ס׳איז ניטאָ וועגן וואָס זיך צו ערגערן...

זי איז צוגעלאָפן צו אים, איינגעגראָבן איר בלאָנדן קאָפּ מיט די פאַנאַנדערגעלאָזטע האָר אין זיין ברוסט און זיך שטאַרק צעכליפּעט. געכליפּעט, געכליפּעט... און ער האָט געגלעט איר פּלייצע מיט צערטלעכקייט און מיט ליבע, אַ גערירטער.

ענדלעך האָט זי אויפגעהויבן איר פאַרוויינטן פּנים און געזאָגט:

— אָ, דו ביסט אַזאַ וואונדערלעכער!...

ער האָט געענטפערט:

— און דו ביסט אויך אַ וואונדערלעכע... און איך האָב דיך ליב.

זי איז ווידער צוגעפאַלן צו אים:

— און איך האָב דיך אויך אַזוי ליב...

פון דעם איז געוואָרן לייכט און גוט. אַזוי ווי שווערע וואָלקנס וואָלטן זיך אַראָפּגעקייקלט פון אונדזערע הימלען.

די זון האָט געגאָסן מיט מילדן גאָלד. די לופט איז געווען פול מיט מילדע סוף־זומערדיקע קלאַנגען, ווי ווייטע גלעקער וואָלטן גערופן צו פרייד און צו טעטיקייט. און ס׳איז געווען פריידיק אָנצוהויבן דעם נייעם טאָג.

1932

אין אַ זומער־קעמפּ

א.

ס׳איז געווען אַ סוף־וואָך אין אַ זומער־קעמפּ. די מערסטע געסט זיינען נאָך מיט אַן אָוונט פריער אָנגעקומען. און איצט איז געווען שבת נאָכמיטאָג. באַלד נאָכן פריילעכן, טומלדיקן מאָלצייט אין דעם גראַמען עס־צימער איז זיך דער עולם פאַנאַנדערגעגאַנגען אין פאַרשיידענע ריכ־טונגען: ווער אין די באָנעגלאָס, ווער — שפּאַצירן און ווער ס׳האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן גראָז אויף די גרינע לאָנקעס. פון דעם האָט זיך איבערן גאַנצן קעמפּ אויסגעגאָסן אַ רואיקייט און אַ פוילקייט פון געמיט, וואָס האָט מיד געמאַכט יעדן גליד און געשלאָסן די אויגן.

ס׳איז געווען רייפער זומער. די לופט איז פול געווען מיט אַ זשומען פון אינסעקטן, מיט אַ ווייטן און נאָענטן געצוויטשעריי פון פייגל און פון נאָך אַ סך אומבאַשטימטע קלאַנגען, וואָס האָבן זיך דערטראָגן פונעם אַרומיקן וואַלד און פון דעם טייך. אַ לייכט ווינטל האָט אַרומגעשוועבט, ווי אַן אומזעבאַרער פויגל, באַרירט מיט אַ וואַרעמען אָטעם די גאַרנדיקע בלעטער און גראָזן און, אין איילעניש, זיך אַריבערגעטראָגן צום לעיק, כדי אויסצולייגן אויף זיין פלאַך אַ נעץ פון שפּילעוודיקע רונצלען, וואָס האָבן זשעדנע געשלונגען די שטראַלן פון דער נאָכמיטאָג־זון און זיך גע־פּוצט אין קאָלירן פון פליסנדיקן גאָלד און זילבער.

נאָר די יוגנטלעכע האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן דער רואיקייט. זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די אַלערליי קעמפּ־שפּילן. אויף די ספּאָרט־פעלדער האָבן אַ קלונג געטאָן הילכיקע אויסגעשרייען און געלעכטער. אויף די לאָנקעס און אויף די וועגן האָבן זיך באַוועגט מיידלעך און בחורים אין לייכטע בונטע קליידער, און ס׳איז געווען אַזוי ווי נייע בלומען וואָלטן פּלוצלונג אויסגעוואַקסן און זיך צעבליט אין די קאָלירן פון בלוי און רויט און וויאָלעט.

רובי שערמאַן, אַן אַכצניאָריקער יונגערמאַן, וואָס איז אַהער געקומען צום ערשטן מאָל, האָט זיך געלאָזט גיין צום לעיק. אים האָט זיך געוואָלט נעמען אַ שיפל און איינער אַליין אַרומשיפלען זיך אויף די שטילע וואַסערן. קיין נאָענטע באַקאַנטשאַפטן האָט ער נאָך ניט געשלאָסן און פון דער נאַטור איז ער געווען אַ ביסל אַ צוריקגעצויגענער, ניט לייכט געשלאָסן באַקאַנט־

שאַפטן, ווייניק גערעדט און ביים ריידן געקליבן די ווערטער, צעשטעלט זיי אין עפּעס אַן אייגענער אָרדענונג, כדי זיי זאָלן אויסדריקן אין דער פולער גאַנצקייט זיין געדאַנק. די וואָס האָבן אים געקענט האָבן געזאָגט, אַז ער איז צו־ערנסט פאַר זיינע יאָרן.

רובי שערמאַן איז לאַנגזאַם געגאַנגען איבער אַ גוט־אויסגעטראָטענער סטעזשקע, וואָס האָט זיך דורכגעשניטן דורך נידעריקע קוסטעס און הויכע גראָז־געוויקסן. עס איז אים גוט געווען צו זיין אַליין. אַלע מאָל, ווען ער איז געווען אַליין מיט זיך, האָט ער געפילט אַן אומפאַרשטענדלעכע אומרואיקייט, ווי ער וואָלט באַדאַרפט לעבן אַ פולערן לעבן, ווייל מיט אַן עולם מוז מען אָפּט לעבן ווי אַנדערע, צופּאַסן זיך, פאַרלוירןגיין אין דער מערהייט, אָבער אַליין מיט זיך האָט מען שטאַרקער געפילט ז י ך און ד אָ ס ל ע ב ן...

ער איז געווען יונג, זייער יונג. דאָס גאַנצע לעבן איז געווען אין דער צוקונפט. ער איז געווען ווי אַ יונגער בוים, וואָס מ׳האָט אים ערשט פאַרפלאַנצט אין אַ נייעם באָדן, און באַדאַרפט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל דערפילן דעם אייגענעם כוח צווישן הימל און ערד. ער האָט געהאַט פלע־נער. ער האָט זיך באַדאַרפט איינוואָרצלען אין לעבן. זיין דמיון האָט אָנ־געפילט אַ געמיש פון חלום און וואָר, וואָס מ׳האָט נאָך באַדאַרפט דער־גרונטעווען און אויפקלערן — פריער פון אַלץ פאַר זיך אַליין. אַזאַ בחור איז געווען רובי.

פלוצלונג האָט ער דערהערט לויפנדיקע טריט הינטער אים, און אַ מיידלשע שטים האָט גערופן:

— רובי!... רובי שערמאַן!... וואַרט־צו אַ רגע!...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. געווען פאַרוואונדערט, וואָס דאָ האָט אים אימיצער גערופן, און געווען אַ ביסל אומצופרידן, וואָס ער ווערט געשטערט אין זיין איצטיקער געמיטלעכקייט. גוט איינגעקוקט זיך, און באַלד דער־קענט כאַנקען, וועלכע ער האָט ניט געזען זינט זיינע מיטל־שול־יאָרן. זי איז היפּשלעך אונטערגעוואַקסן. איצט האָט זי שוין פאַרלאַנגזאַמט אירע טריט און מיט אַ ברייטן שמייכל זיך אָפּגעשטעלט לעבן אים:

— דערקענסט מיך ניט, רובי?...

פון לויפן האָט זיך איר ברוסט שנעל געהויבן, און אים האָט זיך בעדוכט, אַז ער הערט איר אָטעם און דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ.

— אוודאי דערקען איך דיך... כאַנקע! ווי קומסטו אַהער?...

— איך בין ערשט אָנגעקומען... איך האָב געזען ווי דו גייסט, האָב איך דיך באַלד דערקענט... לויט דיין גאַנג... מ׳קאָן אַ מענטשן דערקענען ניט נאָר לויטן פּנים... און אָט — דאָס ביסטו טאַקע!

ער איז געווען אַביסל פאַרלאָרן. געשוויגן און נאָר געקוקט אויף איר, ווי ער וואָלט נאָכאַמאָל זי געוואָלט דערקענען.

— ביסט היפּשלעך אונטערגעוואַקסן, רובי, פאַר די פּאָר יאָר... ביסט אַ מאַן...

— דו ביסט אויך געוואָרן אַ גרויס מיידל...

— וואוהין גייסטו

— איך גיי צום לעיק... אפשר שיפן זיך.

— איינער אַליין? האָסט נאָך אַלץ ליב צו זיין אַליין?...

— איך קען דאָ קיינעם ניט...

— נו, מיך קענסטו דאָך אַ ביסל, איז לאָד מיך איין.

— ביסט איינגעלאַדן.

— גייען מיר!

זי האָט אים אַ כאַפּ געטאָן ביים אָרעם, אוןביידע האָבן זיך געלאָזט גיין. ס׳איז אים געווען גוט צו פילן די וואַרעמקייט פון איר האַנט אַרום זיין אָרעם. די פריידיקע נאָענטקייט האָט געשטראָמט פון איר צו אים דורך דעם באַריר פון איר יונגן קערפּער. זי איז געווען אַ באַרעדעוודיקע, אַ פריילעכע און האָט הילכיק געלאַכט — סתם אַזוי זיך געלאַכט, ווייל ס׳איז געווען גוט און פריילעך אויפן האַרצן צוליב דעם שיינעם טאָג, צוליב דער פּלוצלונג־באַגייטער באַקאַנטשאַפט מיט רובי שערמאַן. און צוליב דער אייגענער יוגנטלעכקייט, וואָס האָט גערעגט מיט טויזנטער רעגונגען.

אויפן שיפל האָט מען אַ סך גערעדט וועגן די אַמאָליקע מיטל־שול חברים, וועגן די אַמאָליקע לערערס. זאַכן און מענטשן, וועלכע רובי האָט שוין פאַרגעסן, זיינען געקומען צוריק און האָבן דערמאָנט כאַראַק־טערן, בילדער, סיטואַציעס, און די פּאָר שעה אויפן טייך זיינען געווען פאַר ביידן אַן אָנגענעמע איבערלעבונג. דערפאַר האָט רובי, גייענדיק צוריק אין קעמפּ, אַביסל פאַרשעמט געזאָגט:

— דו ווייסט, כאַנקע, איך בין זייער צופרידן, וואָס איך האָב דיך דאָ באַגעגנט.

— איך בין אויך זייער צופרידן. אין מיטל־שול פלעגסטו מיך אויס־מיידן... האָסט אַלע מיידלעך אויסגעמיטן. ביסט געווען פאַרטאָן נאָר אין דיין לערנען...

ער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— איך האָב דיך ניט אויסגעמיטן. פאַרקערט, דו ביסט מיר גע־פעלן געווען, נאָר איך בין זייער שעמעוודיק צווישן מיידלעך...

— נאָך איצט אויך?

— איצט אַ ביסל וויניקער...

— אויב אַזוי מאַך איך מיט דיר אַ „דעיט״ אויף היינטיקן אָוונט. אין קאַסינאָ וועט מען היינט טאַנצן, אַזוי האָב איך אויסגעלייענט פונעם בולעטין־טאָוול. אָפּגעמאַכט?

— אָפּגעמאַכט. אָבער איך וואָרן דיך — איך בין ניט קיין גרויסער טענצער.

— וועסט טאַנצן אין אָוונט מיט מיר, וועסטו שוין ביי מיר זיין אַ טענצער.

ביידע זיינען געווען מונטער און האָבן אַ סך געלאַכט צוליב די לייכטע רייד, וואָס מ'האָט דעם נאָכמיטאָג גערעדט און צוליב דער לייכטער גע־מיטלעכקייט, וואָס האָט זיך צווישן זיי איינגעשטעלט.

רובי האָט אַ טראַכט געטאָן: כאַנקע איז אַן אינטערעסאַנט מיידל. מ'וועט זיך דאַרפן טרעפן אין שטאָט. אַ פרעג געטאָן:

— וואו וואוינסטו, כאַנקע?

— אין די „האַיטס״. און דו?

— איך אויך.

— זיינען מיר דאָך שכנים.

— אמתע לאַנדסלייט. און מיר האָבן זיך גאַנצע צוויי יאָר ניט געזען!

— זינט דו ביסט אַריין אין קאָלעדזש לערנסטו אַפּנים טאָג און נאַכט... גייסט ווייניק אַרויס. און אַ מיידל האָסטו?

— ניין. און דו האָסט שוין מסתם אַ חתן...

— ניין. נאָך אַלץ אַ פאַרזעסן מיידל... ווער וועט זיך אומקוקן אויף אַזאַ פּנים? נאַ, גיב אַ קוק!

און זי האָט אַ רוק געטאָן קאָקעטיש איר פּנים נעענטער צו אים.

— לאָמיר טאַקע אַ קוק טאָן. ניין, ביסט באמת אַ שיין מיידל. ביסט אַלעמאָל געווען אַ שיין מיידל...

און ווידער האָט מען געלאַכט, און אַזוי לאַכנדיקע, איז מען אָנגע־קומען אין קעמפּ. זי האָט אַ מאַך געטאָן צו אים מיט דער האַנט און אַ זאָג געטאָן:

— הייסט עס, אַז באַלד נאָך וועטשערע טרעפן מיר זיך אָט־אָ־דאָ!

— באַלד נאָך וועטשערע — אָט־אָ־דאָ!

ב.

און באַלד נאָך וועטשערע האָט מען זיך געטראָפן. מ'האָט געשפּאַ־צירט איבערן זאַמדיקן וועג, וואָס האָט געפירט אַרויס פון קעמפּ. פון ביידע זייטן פון וועג זיינען געוואַקסן ריזיקע עלם־ביימער, וואָס האָבן זיך מיט זייערע צווייגן צוזאַמענגעשלאָסן און געשאַפן אַ לאַנגן טונעל. די לופט איז דאָ געווען קילער. דער אָוונט האָט גענומען אַנטרינקען מיט קילער פייכטקייט בוים און גראָז און בלום, און ביסלעכווייז אויסגעלייגט זיך אין טויאיקע טראָפּנס, כדי מענטשן זאָלן אויפשטיין אין דער פרי

און געפינען, אַ פרישע, די ערד, אַן אַרומגעוואַשענע, פאַרן קלאָרן פּנים פון דער זון.

אַז מ׳האָט זיך צוריקגעקערט פונעם לאַנגן שפּאַציר, איז מען אַריין אין דער קאָסינאָ, וואו ס׳איז געווען טומלדיק און ליכטיק. פריילעכע יוגנט, הילכיקער געלעכטער. אַלע האָבן דאָ געקענט כאַנקען. מ׳האָט זי באַגריסט, אַרומגערינגלט זיי ביידן. דער קליינער אָרקעסטער האָט פּלוצ־לונג אַ דונער געטאָן מיטן פּויק, און די טענץ האָבן זיך אָנגעהויבן. זיי האָבן געטאַנצט, פריער זיי ביידע און נאָכדעם האָט אַ באַקאַנטער יונגערמאַן איינגעלאַדן כאַנקען צו טאַנצן, און זי האָט זיך אין עטלעכע מינוט אַרום אומגעקערט. זי איז ווידער געווען מיט אים. אַזוי דעם גאַנצן אָוונט. נאָך יעדן טאַנץ איז מען געבליבן אינאיינעם. אַ וואַרעמקייט האָט געשטראָמט פון איינעם צום אַנדערן. רובין איז מיט איר געווען גוט. און ס׳איז געווען אַ ביסל מאָדנע, וואָס ערשט מיט שעה׳ן צוריק איז זי געווען אַ פרעמדע, ער האָט זי כמעט ניט געקענט, און אָט איז זי שוין געווען אַן אייגענע, אַ נאָענטע, און וואָלט מען זי איצט פון אים אָוועקגענומען, וואָלט זייער ווי געטאָן... פון דעם איז געווען וואַרעם אין אַלע גלידער. אַזאַ נייגער האָט געצויגן צו איר. ער האָט געזאָגט:

— ווייסט, כאַנקע, ס׳איז אַ שאָד, וואָס מיר האָבן זיך פריער נעענ־טער ניט באַקאַנט.

— אַז דו האָסט מיך אַלעמאָל אויסגעמיטן...

— און איך האָב דיך לאַנג באַדאַרפט קענען... טרעפן זיך אָפּטער, אַזוי ווי איצט.

זי האָט אַ ביסל קאָקעטיש אַ זאָג געטאָן:

— וועסט מיך זען אָפּטער, וועסטו שנעלער אַנטוישט ווערן...

— ניין, דו געפעלסט מיר.

— דו האָסט דאָס מיר געזאָגט בייטאָג. איך פאַרגעס ניט אַזוינע זאַכן...

זי האָט זיך פריילעך פאַנאַנדערגעלאַכט, אַ כאַפּ געטאָן אים אונטערן אָרעם און גענומען פירן צום אַרויסגאַנג:

— דאַכט זיך, אַז איך האָב היינט אַ ביסל צופיל געטאַנצט. וויפל איז דער זייגער? ס׳מוז שוין זיין שפּעט...

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער:

— באַלד צוועלף.

— איז לאָמיר אָוועק פונעם טומל און שפּאַצירן ביז איינס.

— זאָגסט שפּאַצירן, וועלן מיר שפּאַצירן.

ער האָט זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט, און אַזוי זיינען זיי געגאַנגען, נאָענט און דאָך אָפּגערוקט איינע פון די אַנדערע, ווי זיי וואָלטן זיך גע־וואָלט אָנקוקן אין דעם ליכט פון דער לבנה. ער האָט געזען, אַז כאַנקע איז איצט געווען מיד. דער פּנים אירער איז געווען בלייך פון דעם בלייכן

לבנה־ליכט. זיי זיינען געגאַנגען מיטן וועג, וואָס האָט געפירט צום באַרג. אַז מ׳איז שוין געווען גאַנץ הויך, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אָפּכאַפּן אַ ביסל דעם אָטעם. מ׳האָט זיך אַרומגעקוקט. פון דאַנען האָט מען געקענט זען דעם לעיק, דעם קעמפּ, וואָס האָט זיך געטוליעט צום באַרג, אויף וועלכן זיי זיינען געשטאַנען. מ׳האָט ביט געהערט קיין מענטשלעכע שטימען. אַלץ איז שוין געשלאָפן מיט אַ געשמאַקן שלאָף. איבערן לעיק, גאָר־גאָר אונטן, איז געהאַנגען אַ נעפּל, וואָס האָט זיך געהויבן איבער די ברעגן און געקלעטערט אַרויף, אַרויף צו די קוסטעס און פעלזן. עס האָט זיך געדוכט, אַז דער טייך רויכערט זיך, אַזוי ווי אונטער זיין טונקעלער אויבערפלאַך וואָלט געברענט אַ קאַלטער פלאַם, וואָס איז אַנטקעגנגעקומען דעם קאַלטן ליכט פון דער לבנה. פאַר זיי איז געלעגן אַ מאָדנע וועלט. אַ שיינקייט אָן פאַרבן און זונליכט. אַ טונקעלע שיינקייט. אין די הערצער איז געווען אַ מוראדיק געפיל, ווי אַ דערנעענטערונג צו אומבאַקאַנטע וועלטן, צו אַ סוד, וואָס קאָן זיך אַנטפּלעקן דורכן פּנים פון דעם אייביקלויערנדיקן פּאַן, — דעם גאָט פון די וועלדער.

זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים, ווי זוכנדיק אין אים באַשיצונג פון דער מורא. ער האָט זי אַרומגענומען שטאַרק און אייגן, און מיטאַמאָל דערפילט אין זיך איר גאַנצע וואַרעמקייט. געזאָגט:

— כאַנקע, איך האָב דיך ליב.

זי האָט זיך ווי דערשראָקן פאַר זיין אָפנקייט. צוגעלייגט אַ פינגער צו זיין מויל. געזאָגט:

— כ׳האָב אַזוי מורא...

ער האָט נאָכאַמאָל געזאָגט:

— איך האָב דיך זייער ליב, כאַנקע.

— איך האָב דיך אויך ליב, רובי.

און אין איין רגע איז מען שוין פאַרלוירן געגאַנגען איינער אין דעם אַנדערן, און ביידע האָבן געהאַט דאָס געפיל ווי זיי וואָלטן געשוואומען אין די ווייטסטע הויכן, און דאָס שווימען איז געווען אומענדלעך און מוראדיק ביז פאַרגעסונג...

ג.

אין קעמפּ האָבן זיי זיך אומגעקערט וויט־וויט נאָך האַלבע נאַכט. אַז מ׳איז צוגעקומען צו איר באַנגעלאָ, האָט זיך כאַנקע פלוצלונג אָפּגעריסן פון אים, מיט שנעלע טריט אַרויפגעלאָפן די עטלעכע טרעפּלעך און זיך אָפּגעשטעלט. נאָכדעם אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַזוי ווי בייטאָג, ווי זי וואָלט געזאָגט:

— מאָרגן טרעפן מיר זיך ווידער.

און אַז רובי איז אַוועק צו זיין באַנגעלאָ, האָט ער מיט זיך אַוועקגעטראָגן אַ זיסן אומעט און אַ פרייד, וואָס איז געווען אי נאָענט, אי ווייט, אויף דער וואָר און אין חלום — אין דער זעלביקער צייט.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איז שוין געווען שפּעטער פרימאָרגן. דער ערשטער געדאַנק איז געווען כאַנקע און זון, ווייל כאַנקע איז געווען אינעם האַרצן און די זון האָט מיט אַ גאָלדענעם אויג אַריינגע־קוקט אים גלייך אין פּנים אַריין. אין קעמפּ איז געווען אַ פרימאָרגנדיקע אויפלעבונג. הילכיקע רייד און געלעכטער האָבן זיך געקייקלט פון באַנגע־לאָ צו באַנגעלאָ. פּאַרשפּעטיקטע האָבן זיך געאײלט צום עס־צימער. רובי איז אויך געווען צווישן די פּאַרשפּעטיקטע. ער האָט געטראַכט, אַז ער וועט טרעפן כאַנקען ביים אָנבייסן. ער האָט זי אָבער ניט געטראָפן. דערווייל האָבן אים עטלעכע יונגעלייט, מיט וועמען ער האָט זיך באַ־קענט ביים טאַנצן, פריינטלעך באַגריסט, און אַ פּאָרל ביים נאָענטסטן טיש איז צו אים צוגעגאַנגען פרעגן פאַרוואָס ער און כאַנקע זיינען ביינאַכט אַוועק פון טאַנץ־זאַל אָן אַ זיי־געזונט:

— איר האָט ביי אונדז „געקידנעפּט” כאַנקען.

רובי האָט זיך אַביסל פאַררויטלט:

— דאָס מאָל האָט זי מ י ך „געקידנעפּט.”

און צוגעגעבן:

מיר האָבן באַשלאָסן אַרויפצושפּאַצירן צום שפּיץ באַרג און אַ קוק טאָן ווי די וועלט קוקט אויס אינעם ליכט פון דער לבנה.

ביידע האָבן אין איין קול אויסגערופן מיט אַ געלעכטער:

— אוי, די לבנה, די לבנה!...

און האָבן זיך צוריקגעקערט צו זייער טיש, נאָך אַלץ פריינטלעך צו־וואַרפנדיק רובין זייערע שמייכלען.

נאָכן אָנבייסן איז רובי פאַרבליבן אַ היפּשע צייט זיצן ביים טיש. ער האָט יעדע רגע דערוואַרט צו זען כאַנקען אַריינקומען. דער עס־צימער איז שיין כמעט ליידיק געווען, ווען ער האָט פאַרלאָזט זיין טיש. און אויך אין דרויסן האָט ער כאַנקען ניט געטראָפן. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: זי מוז נאָך שלאָפן, די טייערע, זאָל זי שלאָפן, זאָל זי זיך גוט אויסרוען... אַזאַ ליבשאַפט איז געווען צו איר. אַלע גלידער האָבן זיך צו איר גע־צויגן מיט וואַרעמקייט. אַ ליבשאַפט און אַ בענקשאַפט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. ס'איז געווען עלף אַזייגער. און ס'איז געווען מאָדנע, וואָס כאַנקע האָט געקאָנט אַריינשלאָפן אַזוי שפּעט. אפשר איז זי קראַנק געוואָרן? אפשר ליגט זי אין פיבער?

און ווי אָט דער געדאַנק איז אים געקומען אויפן זינען איז ער אַוועק צו איר באַנגעלאָ. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און הויך אַ רוף געטאָן: כאַנקע! כאַנקע!

אַ פרוי, וואָס האָט געראַמט דעם צימער, האָט זיך באַוויזן מיט אַ בעזעם אין האַנט:

— איר רופט דאָס מיידל, וואָס וואוינט דאָ? זי איז אַוועק צום לעיק באָדן זיך. שוין אפשר אַ שעה... גייט צום לעיק, וועט איר זי דאָרט געפינען.

ער איז אַוועק צום לעיק. געווען באַרואיקט און נאָר אַ טראַכט געטאָן: אַזאַ שטיפערקע! אָן אַנבייסן אַוועק באָדן זיך...

נאָך פון דער ווייטן האָט ער באַמערקט, אַז עפּעס איז ביים ברעג פאָרגעקומען. אַ גרופּע מענטשן אין באָד־קאָסטיומען זיינען געשטאַנען ביים ברעג און זשעסטיקולירט מיט די הענט. אַ צוויי־דריי יונגען האָבן זיך מיט אַמאָל אָפּגעריסן און זיינען שנעל אַוועקגעשוואומען אין איין ריכטונג, ווי אין אַ שווים־געוועט. די מענטשן ביים ברעג האָבן זיי נאָכגעשריען, געמאַכט מיט די הענט. עטלעכע מענער זיינען געלאָפן אין קעמפּ. רובי האָט זיי געפרעגט וואָס עס האָט פּאַסירט.

— אַ מיידל איז אַוועקגעשוואומען ווייט אין לעיק, און איז צוריק ניט געקומען... מ׳זאָגט, אַז ס׳איז כאַנקע, בערנשטיינס טאָכטער... צוויי שיפלעך זוכן זי אַרום... מ׳דאַרף אָנזאָגן דער פאַרוואַלטונג...

רובין האָט אַ זעץ געטאָן אין האַרצן אַ שרעק. ער איז שנעל צוגעלאָפן צום ברעג. געזוכט מיט די אויגן אין דעם געזעמל כאַנקען. אין אַלע אויגן איז געווען שרעק. אַ פרוי האָט געבראָכן די הענט און געטענהט:

— אַז היינטיקע מיידלעך קאָן מען דען אָפּהאַלטן? אַז קיין מורא איז גאָר ביי זיי ניטאָ... איינע אַליין לאָזט זיך עס אַוועק אין אַזאַ טיפן לעיק... כאַנקע, די בערנשטיינס בת־יחידה... ווי צו טאַטע־מאַמע!...

אין רגע איז אין רוביס קאָפּ געווען אַ צעמישונג. איין רגע, און די רגע איז געווען די קורצסטע אין זיין לעבן. ווי אַ שאַרפער בליץ האָט דורכגעשניטן זיין מאַרך: כאַנקע! די בילדער פאַר די אויגן זיינען שוין ניט געווען קיין גאַנצע. אַפילו די שרעק אין אים איז ניט געווען קיין גאַנצע. ס׳איז געווען אַ נערוועזע צערודערונג ווי די לעצטע גליווערנדיקע קאָנוואולסיע פון אַ געהאַנגענעם. ער האָט האַלב געהערט און האַלב באַנומען, וואָס אַ מענטש האָט הויך דערציילט די אַרומיקע:

— איך האָב זי ערשט מיט פינף מינוט געזען אָט דאָרטן, וואו די צוויי יונגעלייט זוכן זי. איך האָב געזען איר קאָפּ און די הענט. זיי האָבן אַרויסגעשטעקט פונעם וואַסער, און נאָכדעם קיין זאַך ניט... האָב איך געמאַכט אַ טומל... די שיפלעך זיינען צו־ווייט... אוי, צו־ווייט!

און ער האָט גלייך גענומען שרייען צו די שיפלעך, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז זיין קול וועט זיי ניט דערגרייכן:

— העי, העי! ניט דאָרטן, ניט דאָרטן!... לינקס, לינקס!... לינקס פאַרנעמט זיך, לינקס. זאָגט מען איך... דאָרט וואו די יונגעלייט זיינען!

ער האָט געמאַכט מיט די הענט און געשריען מיט אַ קוויטש, ווי דורך טרערן.

רובי האָט אין גרויס איילעניש, מיט אויפגערעגטע פינגער אַראָפּגע־ריסן פון זיך די איבערשטע קליידער און די שיך, אַריינגעוואָרפן זיך אין לעיק און גענומען שווימען אַהין, וואו עס האָט באַדאַרפט זיין פאַרבאָרגן פון מענטשלעכן אויג דאָס סאַמע טייערסטע פון זיין לעבן. פאַראויס האָט ער געזען די פּאָר שיפלעך, וואָס זיינען איצט געווען ליידיק, ווייל די מענטשן זיינען שוין אַראָפּגעשפרונגען אין וואַסער, און די טויכנדיקע קעפּ איבערן וואַסער, און הינטער זיך — לויפנדיקע מענטשן פון קעמפּ און נאָך שיפ־לעך, וואָס האָבן אים דעריאָגט און אַריבערגעיאָגט.

און אָט איז ער, שוין היפשלעך אַן אויסגעמאַטערטער, מיט אַ שטיקנ־דיקן אָטעם, אָנגעקומען אַהין, וואו אַ האַלבער טוץ מענטשן האָבן אַרונטער־געטויכט און אַרומגעשוואומען, ווער נעענטער, ווער — ווייטער און זיך איבערגעשריען צווישן זיך, און רובי האָט זייערע געשרייען ניט פאַר־שטאַנען. דער לעיק האָט פאַרבאָרגן אַ סוד. די וואַסערן האָבן צוגעדעקט דעם סוד מיט זייער שטילער רואיקייט, ניט אויסגעזאָגט. אָנגענומען פולע לונגען מיט אָטעם און אַרונטערגעטויכט אין דער ברוינער טונקלקייט, מיט אויסגעשטרעקטע הענט אַרומגעטאַפּט, ווי אַ בלינדער, אַרונטערגעלאָזן זיך נידעריקער, נידעריקער, צום באָדן, פון וועלכן עס האָבן זיך געצויגן צו דער הייך גליטשיקע וואַסער־גראָזן, ווי גליטשיקע לייבער פון שלאַנגען. אַרויסגעשוואומען צו דער אויבערפלאַך אָנצונעמען לופט און זיך ווידער אַרונטערגעלאָזט, געיאָגט זיך פון איין אָרט צו דעם צווייטן, און אין אים האָט געשריען, געשריען, דורך אַלע אברים: כאַנקע! כאַנקע! כאַנקע! כאַנקע! ער איז שוין געווען זייער אויסגעשעפּט. אָבער זיין אייגן לעבן איז שוין געווען זייער ווייט פון אים. זיין אייגענע סכנה האָט זיך אָפּגעטיילט פון אים. ער איז געווען אַריינגעשלונגען אין אַ טויטלעכער געפאַר, אָבער ער האָט זי ניט געזען, ניט געפילט, ניט באַנומען. ניט געקאָנט אפילו טראַכטן. דער מאַרך איז געווען טונקל. דעם האַלדז האָבן פאַרוואָרגן ספּאַזמען. שוין ניט געקאָנט אָטעמען און נאָר אַן אינערלעך קול האָט אַן אויפהער געשריען: כאַנקע! כאַנקע! כאַנקע!

און אַזוי האָט ער זיך, צום לעצטן מאָל, אַרונטערגעלאָזן, און ווידער האָבן די גליטשיקע וואַסער־פלאַנצן ווי אין געפלעכט פון נאַסע גליטשיקע שטריק געזוכט אים צו פאַרפלעכטן. ער האָט זיך אינסטינקטיוו אַ ריס־געטאָן אַרויפצו, מיט די לעצטע כוחות אַ ריס געטאָן זיך, פון דעם האָט אַ קראַמף געטאָן אין אַלע אברים און מיט ווייטיק זיך אָפּגערופן אין די געדערים. דאָס וואַסער האָט אַ כלינע געטאָן צום אינגעווייד. אין די אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ ברוינע ליכט, וואָס איז געוואָרן טונקעלער און טונ־

קעלער. פון וואַנען איז געקומען דאָס ליכט? אין די אויערן האָט אָנגעהויבן צו קלינגען. אַ דינער, בויערנדיקער געקלאַנג האָט דורכגעשטאָכן דעם מאַרך און האָט זיך געצויגן אייביק, אייביק... זיין קערפּער איז געבליבן הענגען אונטן צווישן די וואַסער־פּלאַנצן, געוויגט זיך מיט די איינגע־קרעמפּטע גלידער אין דעם ברוינעם ליכט, ווי אַ באַלזאַמירטער קערפּערל פון אַ קינד אין אַ סלוי מיט ברוינער פליסיקייט צווישן קרייטעכצער, באַוועגט זיך אַהין און צוריק אין רשות פון קילע אונטערוואַסערדיקע שטראָמען... — — —

ד.

איבערן לעיק האָבן שוין איצט געהויערט אַ סך שיפלעך און אַ סך שווימער האָבן אַרומגעטויכט אויף אַ ראַדיוס פון אַרום פופציק פוס, וואו ס׳האָבן באַדאַרפט זיין די דערטרונקענע, און דער שטח איז אַלץ אויס־געברייטערט געוואָרן. און ס׳איז געווען מאָדנע, וואָס אָט זיינען שוין אַריבער גאַנצע פופצן מינוט און די וואָס האָבן געזוכט, האָבן נאָך אַלץ געהאַט אין זיך אַ האָפענונג, אַז מ׳וועט כאַנקען געפינען און ראַטעווען. מ׳וועט אַרויס־רייסן אַ מענטשלעך וועזן פון די נעגל פונעם טויט און ברענגען צוריק צום לעבן...

פלוצלונג האָט איינער, וואָס איז אַהער אָנגעקומען מיט די ערשטע שיפלעך, אויסגעשריען צו די אַנדערע, וואָס האָבן אויסגעמאַטערטע זיך אָפּגערוט אַ ווײלע אין אַ שיפל:

— העי, וואו איז דער יונגערמאַן?

— וועלכער יונגערמאַן?

— אָט דער מיט די שוואַרצע האָר. איך האָב אים אַ צייט ניט געזען...

— הער אַ מעשה! טאַקע, וואו איז דער יונגערמאַן?

און ס׳איז שוין ביי די מענטשן געבאָרן געוואָרן אַ נייע שרעק. זייערע אויגן האָבן געגלישטערט, געוואָרפן זיך אין אַלע ריכטונגען, שטאַרק געוואָלט דערקענען דעם פרעמדן יונגנמאַן צווישן די אַרומשווימענדיקע, אָבער ער איז דאָרט ניט געווען.

— אָט איז דיר נאָך אַן אומגליק! איין אומגליק איז אפנים ניט גענוג...

— אָבער ער איז טאַקע ניטאָ. איז וואָס זיצן מיר?

מ׳האָט אַרונטערגעטויכט פון שיפל צוריק אין וואַסער אַריין. ס׳איז געווען חוזק און שרעק און פאַרלאָרנקייט. און מ׳האָט געשריען צו די אַנדערע, צו די ווייטערע:

— איינער פון אונדז איז דאָ פאַרלוירנגעגאַנגען! אָט דאָ איז ער געווען מיט אונדז, און ער איז ניטאָ!...

מענטשן האָבן דאָס ניט גלייך פאַרשטאַנען.

— וואו? ווער?... פאַרלוירנגעגאַנגען?... ווער איז פאַרלוירנ־געגאַנגען?

— קומט אַהער! העלפט אונדז זוכן!...

די וואָס זיינען געווען ווייטער, האָבן זיך גענומען דערנעענטערן. די, וואָס זיינען געווען אין די שיפלעך האָבן גענומען שפּרינגען אין וואַסער, און נאָר איינער, וואָס איז געווען דער סאַמע לעצטער, האָט אַ פאַרוואונדערטער און אַ טיף־דערשראָקענער, ניט ווי סנדיק, צי ער דאַרף זיך פרייען, אָדער באַדויערן, אַזוי צעטומלט איז ער געווען אין דער רגע. פון דער זייט פון לעיק, וואו דער ברעג איז געווען באַוואַקסן מיט קוסטעס, איז געשוואומען גלייך צו זיי כאַנקע. ער האָט זי באַלד דערקענט. יאָ, דאָס איז געווען כאַנקע! ערשט נעכטן האָט ער מיט איר געטאַנצט און היינט האָט ער געזוכט איר טויטן קערפּער אין די סודותדיקע וואַסערן...

ניט מיט זיין קול האָט ער גענומען שרייען צו די איבעריקע:

— אָט איז זי דאָך, כאַנקע!... אָט איז זי דאָך!... גאָט!...

און אַלע האָבן זי טאַקע באַלד באַמערקט און דערקענט. זי איז גע־שוואומען צו זיי און צוגעשריען צו די, וועמען זי האָט דערקענט:

— וואָס האָט פּאַסירט? וואָס איז דאָ? — אַ גרויסער פיש־פאַנג — צי וואָס?...

קיינער האָט ניט געקאָנט עפּעס מויל צו ענטפערן. ס'איז געווען אַ שטומקייט און אַ שווערקייט פון געמיט. אַזאַ בלוטיקער חוזק, אַזאַ אומזין האָט פאַר אַלעמען אָנגעפּלעקט זיין שווידערלעכן פּנים. ווער האָט איצט געקאָנט עפּעס דערקלערן און געבן אַ זין?

זי איז צוגעשוואומען צום שיפל, אין וועלכן ס'איז נאָך געשטאַנען דער יונגערמאַן, אָנגעכאַפּט זיך מיט איין האַנט פאַרן באָרט און אַזוי הענגענדיק, געזאָגט:

— איך האָב זיך געלייגט דאָרטן אויפן גראָז צווישן די קוסטעס זיך אָפּרוען. איך גיב אַ קוק — שיפלעך יאָגן זיך פון קעמפּ. און איר אַלע שווימט דאָ אַרום, טראַכט איך, איך וועל זען וואָס איר טוט דאָ...

איינער האָט אומגעדולדיק אַ געשריי געטאָן:

— אַ מענטש איז דאָך דערטרונקען געוואָרן!... וואָס וואַרטן מיר?!

און אַלע האָבן זיך, אין אַ נייער איילעניש, אָנגעהויבן אַראָפּטויכן צו די טיפענישן. כאַנקע האָט שוין איצט געזען דעם גרויסן עולם פאַרזאַמלט ביים ברעג. זי האָט באַמערקט נאָך שיפלעך, וואָס האָבן זיך אַהער דער־נעענטערט. זי האָט, אין פּלוצלעכער אומרואיקייט, געווענדט זיך צו יענעם, וואָס האָט זי דער ערשטער דערזען:

— אָבער זאָגט מיר, ווער, ווער איז דערטרונקען געוואָרן?! פאַרוואָס שווייגט איר אַלע? וואָס האָט פּאַסירט?

יענער האָט געענטפערט מיט אַ מאָדנער שטרענגקייט:

— כאַנקע, קריך אַריין אין שיפל און שווים צום ברעג. דו דאַרפסט דאָ ניט זיין... זיי, דאַרטן, מיינען, אַז דו ביסט דערטרונקען געוואָרן... גיי, ווייז זיך פאַר זיי... זעסט דאָך, וואָס דאָ טוט זיך!

ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַ האַנט, מיט האַסט אַריינגעשלעפּט אין שיפל, אַריינגעשטופּט אין אירע הענט די ווּעסלעס און אַליין אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער אַריין. כאַנקע איז פון דעם אַלעמען געווען זייער צעטומלט. אָבער זי האָט שנעל גענומען אַרבעטן מיט די ווּעסלעס, אַלץ טראַכטנדיק, אַז עפּעס האָט דאָ פּאַסירט, וואָס זי קאָן ניט פאַרשטיין, אָבער זי מוז קומען שנעלער צום ברעג. צוויי שיפלעך האָבן זי באַגעגנט, האָבן אויפגעהערט צו רודערן, און איינער האָט צו איר צוגעשריען:

— אָ, כאַנקע! געלויבט איז גאָט!... דו לעבסט! נו, נו, שווים צום ברעג. אָט אַ מעשה!... כאַנקע, טייערע!

און איידער וואָס־ווען, האָט ער שוין צוגעלייגט ביידע הענט צום מויל און אָנגעהויבן שרייען צו די מענטשן ביים ברעג:

— אָט איז זי, כאַנקע!... זי לעבט, זי לעבט!...

אַזאַ ווילדע פרייד האָט אַ שטיק געטאָן זיין גאַרגל:

—אָט איז זי!... זי לעבט!... זי לעבט!...

כאַנקע האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט, זי האָט שנעל גערודערט. זי האָט נאָך קיין זאַך ניט פאַרשטאַנען. דער קאָפּ איז געשוואומען אין אַ טונקלקייט. אָבער זי האָט געזען דעם עולם ביים ברעג וואָס האָט צו איר געמאַכט מיט די הענט און געשריען עפּעס, וואָס זי האָט ניט געקאָנט דערהערן.

ה.

רובי שערמאַנס קערפּער האָט מען באַלד געפונען. מ׳האָט אים מיט שווערקייט אַרויפגעהויבן אין אַ שיפל און געאיילט צום ברעג. אַ יונגערמאַן האָט דערווייל מאַניפּולירט איבער דעם לעבלאָזן קערפּער, אויספּרובירנדיק אַלע מיטלען פון שנעלער רעטונג. ביים ברעג האָט איבער אים געאַרבעט אַ דאָקטער. אַלץ איז געווען אומזיסט. רובי שערמאַן איז געווען טויט. דער עולם האָט זיך געשטופּט נעענטער. יעדער איינער האָט געוואָלט אָנקוקן מיט די אייגענע אויגן דעם טויטן, וועמעס גרויסע העלדישקייט, דער גרויסער קרבן וואָס ער האָט געבראַכט, איז געווען ווי אַ בלוטיקבייזוויליקער שפּאַס, וואָס אימיצער, אַן אַ נאָמען, האָט אָפּגעשפּילט פאַרן ליכטיקן פּנים פונעם הימל. ליבע און העלדישקייט און קרבן זיינען באַליידיקט געוואָרן און האָבן זיך אָפּגערופן מיט ביטערקייט אין די הערצער פון דעם עולם. כאַנקע האָט דורכגעריסן אַ וועג צווישן עולם. עטלעכע שטאַרקע הענט האָבן זי אָנגעכאַפּט און געוואָלט אָפּפירן אָן אַ זייט. אָבער זי האָט זיך באַפרייט פון זיי, איז צוגעלאָפן צום טויטן. בלויז איין רגע

געבליבן שטיין, נאָכדעם אַראָפּגעלאָזן זיך אויף די קני און געוויינט, גע־וויינט. אַלע זײַנען געשטאַנען פּאַראַליזירטע ווי אין דערוואַרטונג פון אַן אַנטפּלעקונג, וואָס האָט באַדאַרפט קומען פון כאַנקען און פון דעם, וואָס איז איצט געווען טויט, אַן אַנטפּלעקונג וואָס זאָל אָפּווישן דעם אומזין פון דעם אומגליק. און כאַנקע, ווי זי וואָלט זיך אָפּגערופן אויף אַלעמענס דער־וואַרטונג, האָט הויך אַ זאָג געטאָן:

— רובי, רובי, איך וויל, אַז דו זאָלסט עס וויסן. איך האָב דיך ליב. איך וועל דיך ליב האָבן מיין גאַנץ לעבן, ביזן סאַמע לעצטן טאָג פון מיין לעבן...

זי האָט איצט קיינעם ניט געזען. געווען אײַנגאַנצן אינעם אייגענעם געפיל פון גרויסער ליבשאַפט און טרויער און טויט.

— איך וועל דיך אַלע מאָל ליב האָבן. דו וועסט זיין מיט מיר אין מיין האַרצן, אין מיין לעבן. דו הערסט, רובי?...

זי האָט זיך אויפגעהויבן, אין אירע אויגן זײַנען שוין ניט געווען קיין טרערן, אויפגעהויבן זיך און אַוועק אין קעמפּ. אַלע זײַנען איר נאָכגעגאַנגען מיט פאַרטרערטע אויגן און געפילט, אַז איר גרויסע ליבע האָט ערשט מיט אַ מינוט צוריק אויסגעלייזט דעם טויט...

1950

די לעצטע גרענעץ

זיטאַ איז געווען אַן עקסצענטריש מיידל, ווען זי האָט זיך באַקענט מיט אייזיקן. די עקסצענטרישקייט אין איר איז זיכער געווען אַ רעזולטאַט פון דער רייכקייט און וואוילטאָג, אין וועלכע זי איז דערצויגן געוואָרן. דערצו איז זי נאָך געווען אַ בת־יחידה ביי אירע עלטערן. פון קינדוויז־אָן האָט מען זיך מיט איר אַרומגעטראָגן ווי מיט אַן אבן־טוב. מ׳האָט איר אין אַלץ נאָכגעגעבן. מ׳האָט זי אָפּגעהיט פון צער און זאָרג און געזוכט אויף אַלע אופנים אַנצופילן איר לעבן מיט אַלע מעגלעכע פאַרגעניגנס.

די עלטערן זיינען געווען זייער רייך. זיטא האָט ניט געוואוסט ווי רייך זיי זיינען געווען, און ס׳האָט זי קיינמאָל ניט אינטערעסירט צו וויסן. אפילו דעם פאָטערס קליידער־פאַבריק האָט זי ניט אינטערעסירט, און זי האָט זי קיינמאָל ניט באַזוכט. דאָס איז געווען דעם פאָטערס עסק. די סימנים פון זייער רייכקייט האָט זי געקאָנט זען אין די קאָסטבאַרע אויטאָמאָבילן, אין דעם גרויסן, פיל־צימערדיקן אַפּאַרטמענט אויף סענטראַל פּאַרק וועסט, אין דער זומער־היים אין נאָענטן קאָנעטיקוט. אָבער זי האָט וועגן דעם זייער ווייניק געטראַכט. אַזוי איז דאָס געווען. אַזוי האָט עס באַדאַרפט זיין.

וועגן אָרעמקייט האָט זי געהאַט אַ וויטן באַגריף. זי האָט נאָר געוואוסט, אַז די וועלט איז איינגעטיילט אין רייכע און אין אָרעמע. די רייכע זיינען געווען די גליקלעכע, די אָרעמע — די אומגליקלעכע. די רייכע זיינען געווען די באַלעבאַטים פון לעבן. דער טאַטע איז געווען אַ באַלעבאָס. אָרעמע אַרבעטער האָבן פאַר אים געאַרבעט. אָרעמע האָבן אַלע מאָל באַדאַרפט אַרבעטן און לעבן אַלע זייערע יאָרן אין נויט און אפילו אין הונגער. דאָס איז געווען דאָס געזעץ פון לעבן. נאָך אין דער גאָר פריער קינדהייט האָט זי זיך פון זייערע דינסטן אָנגעהערט אַ סך טרויעריקע מעשיות וועגן דעם ביטערן גורל פון די אָרעמע, וועגן פאַרוואָרלאָזטע אלמנות און יתומים. צווישן די דינסטן אַליין זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט דעם מזל פון יתומים און אלמנות. שפּעטער האָט זי שוין געלייענט ביכער, אין וועלכע ס׳איז באַשריבן געוואָרן דאָס לעבן פון דער אָרעמשאַפט. אַפילו דער טאַטע האָט איר אַמאָל דערציילט וועגן זיינע אַרבעטער, וואָס האָבן געוואוינט אין די אָרעמע קוואַרטאַלן פון ניו־יאָרק. צו זיי אין הויז פלעגן פון צייט־צו־צייט אַריינקומען מענטשן פון יענע קוואַרטאַלן — „לאָנדס־לייט״ האָט מען זיי גערופן. דער טאַטע פלעגט טאַקע אַזוי זאָגן: די לאָנדס־

לייט קומען בעטן „רעליעף“. ער האָט געהאַט אַ סך לאַנדסלייט, דער טאַטע, וואָס האָבן געוואוינט אין בראָנזוויל, אין די בראָנקס, אויף דער איסט־סייד. זיי זיינען געווען אָרעמלעך געקליידט און זיינען אין זייער הויז געווען שעמעוודיק. ס׳איז געווען געפּאַלנקייט אין זייער האַלטן זיך, אין זייערע צו־פאַרזיכטיקע טריט אויף די רייכע טעפּיכער און עפּעס ווי מיט אַ שולדי־קייט אין זייערע אויגן... און זיי האָבן אַלע מאָל געבעטן הילף: אימיצער צווישן די לאַנסלייט איז זייער קראַנק געווען. אימיצער איז ערשט גע־שטאָרבן און איבערגעלאָזט אַ הויז מיט פּיצעלעך קינדער. עפּעס האָט אַלע מאָל געטראָפן אין „יוראָפּ“, פון וואַנען אירע עלטערן זיינען געקומען. ס׳איז אַלע מאָל געווען אַזוי, אַז נאָר עפּעס אַן אומגליק האָט אָט די מענטשן גע־בראַכט אין זייער הויז. אויך אַנדערע מענטשן זיינען צו זיי אַריינגעקומען — אָבער אויף שמחות, אויף וועטשערעס, אויף קאָרטן־שפּילן. מ׳האָט גע־טרונקען און געגעסן. אין אַלע צימערן איז געווען ליכטיק און פריילעך. אָבער די לאַנדסלייט פלעגן אַריינשפּרייזן צום טאַטן אין קאַבינעט, און אין אַ האַלבער שעה אַרום זיינען זיי שוין ניט געווען. דער טאַטע פלעגט דער־נאָך אַרויסקומען און דערציילן דער מאַמען נאָך וואָס די לאַנדסלייט זיינען געקומען.

ניין, אָט די אַלע מענטשן זיינען גאָר ניט ענלעך געווען צו די מענטשן פון זייער אייגענער סביבה!

עס זיינען געווען צייטן, ווען דער טאַטע האָט אָנגעהויבן קומען אַהיים שפּעטער ווי אַלע מאָל. די מאַמע האָט אים באַגעגנט אַ פאַרזאָרגטע. דער טאַטע איז געווען מיד און בלייך און אפילו זיטאַן האָט ער באַגעגנט מיט אַ קאַלטן בליק. נאָכדעם האָט זי שוין געהערט אויפגערעגטע רייד וועגן אַ סטרייק אין זיין פאַבריק, וועגן אַרבעטער־„טראָבלמאַכערס“, וואָס האָבן געזוכט צו רואינירן זיינע געשעפטן. זיטא האָט דעמאָלט געזען אין דעם טאַטנס אויגן אומרו און פאַרלוירנקייט, ווי ביי יענע אָרעמע לאַנדסלייט, וואָס פלעגן צו אים קומען נאָך הילף... ער פלעגט זאָגן דער מאַמען:

— זיי ווילן מיך רואינירן, די באַנדיטן! זיי גייען אויף מיר, ווי גזלנים, מיט שאַרפע מעסערס... אין סאַמע מיטן סעזאָן ווילן זיי מיך אוועקקוילען... און ווער, מיינסטו, קערט ווילטן צווישן זיי? — מיינע אייגענע לאַנדסלייט!... זיי זיינען פון די ערשטע צו מאַכן „טראָבל!“

די מאַמע פלעגט אויסהערן און מיט שנאה זאָגן:

— פאַר דיין ברויט באַצאָלן זיי דיר מיט שטיינער...

און זיטא האָט פיינט באַקומען יענע אַלע מענטשן, וואָס האָבן געזוכט צו „רואינירן“ דעם טאַטן, וואָס זיינען אים געגאַנגען „קוילענען“ מיט שאַרפע מעסערס, ווי גזלנים, וואָס באַצאָלן פאַר ברויט מיט שטיינער... אָט די פיינטשאַפט איז פאַרבליבן אין איר האַרצן אפילו ווען זי איז אונטער־געוואַקסן און אָנגעהויבן צו באַנעמען אַ ביסל נעענטער די פּראָבלעם אָרעם

און רייך. ערשט ווען זי איז אַריין לערנען אין דעם קאָלומביע אוניווער־זיטעט און האָט זיך געטראָפן מיט יוגנטלעכע פון אַלערליי קלאַסן, האָט זי אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז די צעטיילונג פון די קלאַסן איז אַ קאָמפּלי־צירטער ענין, וואָס האָט באַווירקט אַלע שטרעמונגען און שטרעבונגען אין דעם געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן פון מענטשן. זי האָט אויפגענומען צוויי קורסן: ליטעראַטור און סאָציאַלע וויסנשאַפטן. ביידע קורסן האָבן געהאַט אַ נאָענטע שייכות צווישן זיך. די ליטעראַטור האָט אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן. די פאָרעם און דער אינהאַלט פון די ווערק האָבן אָנגערירט די סאָציאַלע יוירונגען אין דער געזעלשאַפט. ס׳זיינען געווען אידייען־שייכותן און אידייען־פאַרבינדונגען אינעם צוזאַמענלעבן פון מענטשן, וועלכע מ׳האָט באַדאַרפט אַרויספּלאָנטערן פון אַ קנויל פּראָבלעמען, כדי דער מענטש זאָל אָנהויבן צו לעבן אין די געזעצן פון יושר, פון פרייהייט און דערלייזונג...

אין אוניווערזיטעט האָט זי באַמערקט ווי אירע חברים־סטודענטן זיינען מיט לייב און לעבן פאַראינטערעסירט געווען צו לייזן אָט די פּראָבלעמען. זיי האָבן זיך באַטייליקט אין היציקע דיסקוסיעס צווישן זיך און מיט די פּראָפעסאָרן. זיי האָבן זיך באַמיט צו זיין אינעם אַוואַנגאַרד.

און דאָ האָט זיך זיטא באַקענט מיט אייזיקן. ער איז איר לכתחילה ניט געפעלן געוואָרן. ער האָט זיך נאַכלעסיק געקליידט. די געדיכטע האָר אויף זיין קאָפּ זיינען געווען צעשויבערט, ניט אונטערגעשאָרן. ער איז געווען שנעל אין די באַוועגונגען, אפנים פון אַן איבערפלוס פון ענערגיע, און אפשר דערפאַר טאַקע איז ער געווען אַגרעסיוו ביי אַלע דיסקוסיעס און האָט פאַר־וואָרפן די פּראָפעסאָרן מיט פראַגעס, וואָס האָבן זיי גאַנץ אָפט צעטומלט, ווייל דאָס זיינען געווען פראַגעס פון אַ מענטשן מיט אַ סך אָנגעזאַמלטן וויסן וועגן דעם ענין. די מערסטע סטודענטן האָבן אים באַטראַכט מיט דרך ארץ, געזוכט זיין באַקאַנטשאַפט און האָבן צוגעטראַכט פאַר אים עטלעכע צונעמען: „די אַרומגייענדיקע ענציקלאָפּעדיע", „דער איסט־סיידער", דערפאַר וואָס אייזיק האָט געוואוינט אויף דער אָרימער יידישער איסט־סייד, און „אָפּ־פרעגער", דערפאַר וואָס ער האָט אַלע מאָל אָפּגעפרעגט דעם איינשטעל פון די פּראָפעסאָרן...

דאָס וואָס אייזיק איז געקומען פון דער איסט־סייד האָט אין זיטאן אויך אויפגעוועקט אַ קעגנערשאַפט צו אים. פון איר פאָטער האָט זי געוואוסט, אַז די איסט־סייד איז געווען די היים פון עקסטרעמען ראַדיקאַליזם, וואָס די אימיגראַנטישע מאַסן האָבן פאַרזייט אין דעם פּרוכטבאַרן באָדן פון נויט און עקספּלואַטאַציע. פריער איז דאָרטן געווען די היים פון אַנאַרכיזם, נאָכ־דעם — פון סאָציאַליזם, און אין די גאָר לעצטע צייטן — פון קאָמוניזם. און אייזיק איז געקומען „פון דאָרטן", און ניט אומזיסט האָט ער אַזוי חוצפּהדיק גערעדט וועגן די טראַדיציאָנעלע הייליקייטן, וואָס דאָס לעבן

האָט אין משך פון הונדערטער יאָר אָפּגעהיט, ווי דעם טייערסטן אוצר פון ציוויליזאַציע און קולטור...

איין מאָל האָט דער קלאַס אָנגעפירט אַ היציקע דיסקוסיע וועגן דעם סאָוועטן פאַרבאַנד. די מערסטע סטודענטן זיינען געווען קריטיש, באַזונדערס צום סאָוועטישן קאָמוניזם. אייזיק האָט פּרובירט אָפּשלאָגן די אַטאַקעס, ווי אַלע מאָל, מיט אַ שלל ציטאַטן. פּלוצלונג האָט דער פּראָפעסאָר אים אָפּ־געשטעלט מיט אַ סאַרקאַסטישער באַמערקונג:

— הערט שוין אויף צו ריידן וועגן דעם סאָוועטן פאַרבאַנד בלויז אין סופּערלאַטיוון! אפילו אויף דער זון זיינען דאָ פלעקן!...

אין דער רגע האָט זיך דערהערט אַ שנעלער פּאַטשן פון צוויי הענט. אַלע האָבן זיך אַ קער געטאָן און דערזען זיטאַן, ווי זי האָט זיך האַסטיק אוועקגעשטעלט און ניט אויפגעהערט צו אַפּלאָדירן דעם פּראָפעסאָר. איר פּנים איז געווען רויט פון אויפרעגונג און אין די אויגן איז געווען אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט פאַר דער באַמערקונג.

אייזיק האָט אָפּגעוואַרט ביז אירע אַפּלאָדיסמענטן האָבן אויפגעהערט און גאַנץ קאַלטבלוטיק געזאָגט:

— אָבער איר, פּראָפעסאָר, און יענע יונגע דאַמע, וואָס האָט מיט אייך איינגעשטימט אויף אַזאַ דעמאָנסטראַטיוון אופן, זעט בלויז די פלעקן, אָבער די זון באַמערקט איר אפילו ניט...

איבערן צימער איז דורכגעלאָפן אַ קוים איינגעהאַלטענער געלעכטער. אייזיק האָט אַ שנעלן קוק געטאָן אויף זיטאַן. אין אירע אויגן איז געווען אויפרעגונג און שנאה. פאַלעמיזירן און אויפרעגן זיך אין אַ דיסקוסיע — דאָס איז אייזיקן געווען גוט באַקאַנט, אָבער שנאה, דאָס איז פאַר אים געווען מאָדנע. זי איז געווען די איינציקע צווישן פערציק סטודענטן, וואָס איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט צו דעמאָנסטרירן אָט די שנאה.

דאָס האָט אים פאַראינטערעסירט. אַנשטאָט אויסצומיידן זי, האָט ער דווקא געוואָלט זיך דערנעענטערן צו איר, באַקענען זיך מיט איר. זי האָט אים אינטריגירט. זי האָט געהאַט כאַראַקטער. זי איז געווען אַ גוטע סטו־דענטקע און זי איז געווען זייער אַ שיינע. זי איז אַלע מאָל געווען אַרומ־גערינגלט מיט פאַרערערס. וואו ס'איז נאָר געווען אַ רעדל, האָט מען שוין געוואוסט, אַז אין מיטן מוז זיין זיטאַ. און אָט דאָס פּאָפּולערע מיידל האָט אים פיינט געהאַט און האָט אים אָנגעגריפן... און איין מאָל, ווען זיי האָבן זיך געטראָפן האַרט איינע ביי די אַנדערע, ביים אַרויסגאַנג, האָט ער מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן:

— איר זייט נאָך אַלץ אויפגעהיצט קעגן מיר, אָדער איר האָט זיך שוין אָפּגעקילט?...

זי האָט שנעל אָפּגעענטפערט:

— און איר פּרעדיקט נאָך אַלץ די אידייען פון דער איסט־סייד און באַוערי ?

— פון דער איסט־סייד, יאָ, אָבער פון דער באַוערי ניט. איך טרינק ניט קיין אַלקאָהאָלישע געטראַנקען...

זי איז שנעל אַוועק אַן אַ זייט. ער האָט איר אַ ווײַלע נאָכגעקוקט. זי איז געווען שיין. איר גאַנג איז געווען עלעגאַנט, און די פיגור — עלאַסטיש־בייגעוודיק, אַפּנים פון גימנאַסטישע איבונגען, אָדער פון אַ סך ספּאָרט־טעטיקייטן. אַ וואַרעמקייט האָט אַ ריר געטאָן זיין האַרץ. ער האָט געוואוסט, אַז זי איז געווען רייך. אַלע יונגעלייט, וואָס האָבן זי שטענדיק אַרומגע־רינגלט, זיינען אויך געווען פון רייכערן קלאַס. זי האָט אויף אים אַלע מאָל געקוקט פון אויבן־אַראָפּ, און איצט האָט זי אים פיינט געהאַט... דאָס האָט פאַרדראָסן, אָבער זי האָט אים גענוג פאַראינטריגירט, ער זאָל וועגן איר אַ סך טראַכטן. קיין צופיל צייט האָט ער ניט געהאַט. ער איז געווען אַן אַרבעטער און אַ סטודענט. אינדערפרי האָט ער באַזוכט די קורסן און די אָוונטן, ביז צווי אַזייגער פאַרטאָג איז ער געווען אַ „שיפּינג־קלערק" פאַר אַ פירמע, וואָס האָט פאַנאַנדערגעפירט סחורות צו קונדן. זיין פרייער טאָג איז געווען זונטיק. פלעגט ער באַלד נאָך פרישטיק איינקויפן די זונטיק־צייטונגען, צופאַרן אין צענטראַל־פּאַרק, אַוועקזעצן זיך אויף אַ באַנק און לייענען. אים האָבן אַ סך זאַכן אינטערעסירט: פּאָליטישע גע־שעענישן, נייס אויף די געביטן פון ליטעראַטור און קונסט. און די נייס פון טאָג — אוודאי און אוודאי.

אָט אין אַזאַ זונטיק איז ער געקומען אין פּאַרק. דער טאָג איז געווען אַ שיינער. איינער פון די ערשטע פרילינג־טעג, און דער פּאַרק איז געווען באַלעבט מיט זונטיק־שפּאַצירער. שפּאַצירנדיק אַזוי האָט ער איבערגע־שניטן די לאַנגע, ניט געפּלאַסטערטע אַלייע, איבער וועלכע די רייכע זין און טעכטער פון דער וועסט־סייד האָבן זיך אין די פרימאָרגנס אַרומגע־טראָגן רייטנדיק אויף פערד. פּלוצלונג האָט זיך פון דער זייט באַוויזן אַ יונגע רייטערין. אייזיק האָט זיך אָפּגעשטעלט, כדי זי דורכצולאָזן, אַ קוק געטאָן, און גלייך דערקענט זיטאַן. זי האָט אים אויך דערקענט, ווייל ער האָט באַמערקט ווי איר האַנט האָט זיך אינסטינקטיוו אַ הייב געטאָן ווי אין אַ באַגריסונג און האָט זיך שנעל אַראָפּגעלאָזט, ווי זי וואָלט אָט די באַ־וועגונג איינגעהאַלטן באַוואוסטזיניק.

זי האָט שנעל אַ זאָג געטאָן:

— פאַרזיכטיק, איך וועל אייך איבערפאָרן!...

אין דעם איז געווען אַן אַרויסרוף און היפּש ביסל גרינגשעצונג.

ער האָט עס דערפילט און גלייך געענטפערט:

— אָבער צוליב דעם מוז מען ניט זיין קיין גוטער רייטער...

זי איז פאַרבייגעריטן אַ צוואַנציק טריט און שאַרף אַ קערעווע געטאָן

דאָס פערד אויף צוריק, ווי אַ געטראָפענע פון זיין באַמערקונג, און איז צוגעפאָרן האַרט צו אים, ווען ער איז שוין געווען אויף דער צווייטער זייט פון דער אַלייע.

— פאַרזיכטיק, איך וועל נאָך האַלטן וואָרט!...

ער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— אַזוי זיכער ריידן אַלע, וואָס זיינען אויפן פערד...

— וואָס מיינט איר צו זאָגן?

— ס׳איז אַ יידישער אידיאָם אַזאַ, אַ ווערטל, וואָס מיינט: איינער וואָס איז רייך, ווען עס גייט גוט אין לעבן און וואָס האָט מאַכט איבער אַנדערע — דער איז „אויפן פערד" אין פאַרגלייך מיט אַלע אַנדערע וואָס זיינען „אונטערן פערד"...

ער האָט מיט דער האַנט אַ גלעט געטאָן דעם גלאַטן, גלאַנציקן האַלדז פונעם פערד, וואָס האָט האַסטיק געאָטעמט פונעם פריערדיקן שנעלן לויפן. דאָס פערד האָט אַ ציטער געטאָן מיט דער גאַנצער פעל זיינער פון דעם באַריר פון אַ פרעמדער האַנט און זיך אַ ביסל אַ וויג געטאָן, ווי פּראָטעס־טירנדיק.

— אָ, אַפילו דאָ זעט איר דעם עקאָנאָמיש־סאָציאַלן מאָטיוו.

— אַלע מאָל און אין אַלץ איז דאָ אָט דער מאָטיוו, און ניט איך האָב אים אויסגעטראַכט, כדי אייך צו דענערווירן...

זי האָט געוואָלט אַ דריק טאָן מיט די קני דעם פערדס בויך, אַ שנעלן צי טאָן די לייצעס פונעם ציימל און אַוועקשפרינגען אין אַ גאַלאָפּ, איבער־לאָזנדיק אים אַן ענטפער. אָבער זי איז נאָך פאַרבליבן, כדי אים אַ וואָרף צו טאָן אין פּנים:

— איר קאָנט מיר ניט מוחל זיין די אַפּלאָדיסמענטן פאַרן פּראָפע־סאָר... איר האָט מיך פּשוט פיינט!

ער האָט זיך הויך צעלאַכט:

— פיינט? פאַרקערט, איר געפעלט מיר זייער שטאַרק. איר זייט שיין און איר האָט כאַראַקטער. אמת, איר זייט אַ ביסל עקסצענטריש, אָבער אַזוי דאַרפן אפנים זיין די גערעטענע מיידלעך פון אייער קלאַס...

— ווידער דער סאָציאַלער מאָטיוו!...

— געוויס! דאָס איז דאָך אונדזער געגנשטאַנד אין אוניווערזיטעט...

— מיר לערנען די וויסנשאַפט אין אַן אָביעקטיוון ליכט, כמעט אַב־סטראַקט.

— אין קלאַס־צימער דאַרפן מיר טאַקע זיין אָביעקטיוו און באַטראַכטן אַלע אימפּליקאַציעס, וואָס האָבן אַ שייכות צום ענין אין אַן אָביעקטיוון ליכט, אָבער אינעם לעבן גופא מוזן מיר זיי אויפנעמען קאָנקרעט און סוביעקטיוו. אינעם טעאַטער פון לעבן, דאַרפט איר וויסן, בין איך אַן אַקטיאָר, אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער... און איר זייט אויך אַן אַקטריסע...

זי האָט האַסטיק אַ צי געטאָן דאָס ציימל, אַזוי שטאַרק אַ צי געטאָן, און אַזאַ זעץ געטאָן מיט די קנאַפּל אין פערדס בויך, אַז דאָס פערד האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף די הינטערשטע פיס, שיר ניט אַראָפּשליידערנדיק זיטאַן פונעם זאָטל. זי האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן און אַוועקגעלאָזט זיך אין אַ שנעלן גאַלאָפּ. אין איין מינוט איז זי שוין געווען הינטער די ביימער, וואו די אַלייע האָט זיך פאַרבויגן רעכטס.

אייזיק איז אַ ווײַלע געשטאַנען, געזען ווי זי פאַרשווינדט אַלץ ווײַטער און ווײַטער, און אויף זיין פּנים האָט ער געפילט דעם אייגענעם שמייכל, וואָס האָט עדות געזאָגט אויף אַן אינערלעכער צופרידנקייט, וואָס די באַגעגעניש האָט אים פאַרשאַפט. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: מ׳דאַרף זיך מיט איר נעענטער באַקענען. זי איז זייער אַן אינטערעסאַנט מיידל...

אין אוניווערזיטעט זיינען געווען אַ סך געלעגנהייטן צו דערנעענטערן זיך. און אייזיק האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איינציקע געלעגנהייט. צוליב זיין פּאָפּולאַריטעט איז דאָס אים ניט שווער געווען צו דערגרייכן. איר פּאָפּולאַריטעט האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט זיינער, אָבער אַנשטאָט צו שטערן, האָט זי בייגעטראָגן צו זייער נעענטערער באַקאַנטשאַפט. אַמאָל האָט מען זיך געביטן מיט ביכער. אַמאָל האָט מען זיך אַוועקגעזעצט נאָענט איינער לעבן אַנדערן, כדי צו פאַרגלייכן נאָטיצן. און אין די זונטיקן פלעגט מען זיך ניט אָפּגערעדערהייט, טרעפן אין פאַרק בעת זי איז געריטן אויף איר שפּאַציר. זי פלעגט אָפּשטעלן דאָס פערד אויף עטלעכע מינוט, כדי אויסצוריידן מיט אים עטלעכע ווערטער. און ס׳איז שוין אַלע מאָל אויסגעקומען אַזוי, אַז ער האָט געוואוסט די צייט, ווען זי פאָרט אַריין אין פאַרק און פון וואָס פאַר אַ פונקט ער קאָן זי דערקענען פונדערווייטן, אַז ער זאָל האָבן צייט צוצוקומען צו אַן איבערקרייץ פון דער ווייכער אַלייע...

האָט זי טאַקע איין מאָל אַ זאָג געטאָן:

— מיר טרעפן זיך דאָ יעדן זונטיק. עפּעס ווי מיר וואָלטן די באַגעגעניש פון פריער באַשטימט...

זי האָט דאָס געזאָגט, און האָט זיך אַ ביסל פאַררויטלט.

— פאַר זיך אַליין קאָן איך זאָגן, אַז אָט די באַגעגענישן זיינען פון מיר באַשטימט פון זונטיק ביז זונטיק...

— און איך האָב געמיינט, אַז איר קומט אַהער פאַרברענגען אייער פרייען טאָג...

— אַזוי איז עס טאַקע געווען — פריער. אָבער איצט קום איך אַהער ספּעציעל אייך צו טרעפן... אויב איר האָט ניט קעגן דעם...

זי האָט, אַ ביסל פאַרלאָרן, געזאָגט:

— מיר טרעפן זיך דאָך אין אוניווערזיטעט כמעט יעדן טאָג...

— דאָס איז עפּעס אַנדערש. איך וויל אייך טרעפן פאַרן ליכטיקן פּנים פון דער זון!...

— איר זייט אַ מאָדנער... אַ גוטן! מיר זעען זיך מאָרגן!

זי האָט אַ קער געטאָן דאָס פערד צו דער אַלייע און איז שנעל פאַר־שוואונדן הינטער די קוסטעס, וואָס זיינען שוין איצט געווען באַדעקט מיט יונגע בלעטלעך. דער אופן ווי זי האָט געזאָגט „איר זייט אַ מאָדנער..." און ווי זי האָט אָפּגעשניטן דעם קורצן געשפּרעך, אַ ביסל פאַרלאָרן, אין איינגעהאַלטענער אומרואיקייט, האָט אייזיקן דערוואַרעמט. אָבער איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט אָפּצוטרעטן עטלעכע טריט, האָט ער דערהערט הינטער זיך די גאַלאָפּירנדיקע טריט פון אַ פערד. ער האָט זיך אַ קער געטאָן: דאָס איז ווידער געווען זיטאַ. זי האָט האַסטיק אָפּגעשטעלט דאָס פערד און אַ געשריי געטאָן צו אים, שטיפעריש:

— און איך וועל נעמען און אויפהערן צו קומען אַהער — אייך אויף צו להכעיס!

— אפילו ווען איר וועט אויפהערן צו קומען אין די קלאַסן, וועל איך געפינען אַ וועג אייך צו זען. איך וועל „פּיקעטן" אייער הויז, איך וועל זיך אַריינגנבענען דורכן פענצטער, ווען איר וועט שלאָפן, איך וועל...

— קומענדיקן זונטיק וועל איך ניט רייטן!

און זי האָט ווידער אַ קערעווע געטאָן דאָס פערד אויף צוריק. אייזיק האָט זיך הויך פאַנאַנדערגעלאַכט. זי האָט געהערט דעם געלעכטער, אָבער זי האָט ניט אָפּגעשטעלט דאָס פערד, כדי עפּעס צו ענטפערן. אייזיק האָט אַ טראַכט געטאָן: אַזאַ צעבאַלעוועט, רייך מיידל! ער האָט זי שוין גוט געקענט. געקענט אירע קאַפּריזן און זייער גוט געוואוסט, אַז זי באַהאַלט הינטער אַלערליי עקסצענטרישע שפּיצלעך די אמתע געפילן צו אים. ער האָט געוואוסט, אַז זי וויל אים זען, כאָטש זי ראַנגלט זיך, צוליב עפּעס, מיט אירע אייגענע געפילן. פון דעם איז געווען גוט און וואַרעם אויפן האַרצן, און אַ גאַנצן טאָג איז ער געווען אונטערן איינדרוק, אַז גראָד היינט האָט ער דערגרייכט די ערשטע גרענעץ צו אַ דערנעענטערונג.

אויף מאָרגן איז אין זייער קלאַס אַרויסגעשוואומען אַ ניט געגרייטע דיסקוסיע אויף דער טעמע: „די ראָל פון דער פּלאַסטישער קונסט אין סאָציאַלן לעבן". די סטודענטן זיינען ניט געווען צוגעגרייט. צווישן זיי איז געווען אַ צאָל, וואָס האָבן אַליין געמאָלן, אָדער געקלעפּט, ווי אַ צייט־פאַר־טרייב, ווי אַ „האָבי". אויך זיטאַ האָט געמאָלן. זי האָט אפילו אַ צייט באַזוכט אַ קונסט־שולע. מבינים האָבן געזאָגט, אַז זי האָט טאַלאַנט. די ווענט פון אירע צוויי צימערן זיינען געווען באַהאַנגען מיט אירע מאָלערייען. אויך אין די איבעריקע צימערן זיינען געהאַנגען אירע בילדער, און די עלטערן האָבן שטענדיק מיט שטאָלץ אָנגעוויזן די געסט אויף אירע מאָלערייען. אָבער זיטאַ אַליין האָט געפילט, אַז זי האָט נאָך ניט געפונען איר אייגענעם אויסדרוק, אַז זי האָט געבלאָנדזשעט. די אַלערליי שטרעמונגען, וואָס זי האָט באַמערקט אין די קונסט־גאַלערייען און אין דער רייכער קונסט־

ליטעראַטור פון דער לעצטער צייט, האָבן זי צעטומלט. ס׳איז איר געווען ליב און טייער די רעאַליסטישע קונסט. זי האָט הנאה געהאַט פון דער קלאַסישער קונסט. אָבער זי האָט געשפּירט אַ סך שיינקייט אויך אין דער היינטצייטיקער קונסט. ס׳איז געווען אויך אַ סך שיינקייט אין די נייע אַב־סטראַקטע פאָרמען. זי האָט אַזוי פיל מאָל פּרובירט דערגיין דעם סוד און דעם זין פון אָט דער שיינקייט. זי האָט דאָך שוין געלייענט אַזוי פיל ביכער און אויסגעהערט אַזוי פיל מיינונגען, אָבער די צעטומלעניש איז פון דעם נאָך מער געוואַקסן. ניט דער סוד, ניט דער זין פון אָט דער קונסט איז איר אויפגעקלערט געוואָרן. איז זי געווען זייער צופרידן, וואָס דאָ וועט מען קאָנען אויך אַן אינטימען אופן אויסדריקן די ספקות און די מיינונגען.

אָבער באַלד ווי די דיסקוסיע האָט זיך געעפנט, איז געווען קלאָר, אַז אויך אַנדערע זיינען געווען צעטומלט. די מער ערלעכע האָבן פּשוט צו־געגעבן, אַז זיי ווייסן ניט ווי מ׳קאָן היינטיקע צייטן הנאה האָבן פון דער מאָדערנער קונסט, ווען זיי פאַרשטייען זי ניט. דערפאַר האָבן זיי זיך אַרויס־געזאָגט פאַר דער „אַלטער גוטער״ קונסט, ווייל אַזאַ קונסט האָט מען גע־קאָנט זען, באַנעמען און הנאה האָבן...

זיטא אַליין איז געווען צווישן די גאָר ווייניקע, וואָס האָבן געקאָנט הנאה האָבן פון דער קלאַסישער קונסט און אויך פון דער היינטצייטיקער קונסט, וואָס האָט זיך געקליידט אין אַלערליי „איזמען״, אויב נאָר די ווערק זיינען געמאָלן, אָדער געקלעפּט פון טאַלאַנטירטע מענטשן...

נאָך זיטאַן האָט גענומען דאָס וואָרט אייזיק. ער האָט גערעדט לענגער פון אַלעמען, און האָט, ווי אין אַלץ, באַלד אַרויסגעוויזן זיין באַקאַנטשאַפט מיטן ענין. ער איז געשטאַנען אויף דער היינטצייטיקייט פון דער קונסט. דאָס לעבן איז אין אַלע זיינע פאַזן אַוועק אויף נייע וועגן, אויף וועגן צו פונדאַמענטאַלע ענדערונגען — צו פּראָגרעס. מענטשן האָבן שוין אָנגע־נומען און אַסימילירט זייער באַציאונג צו אַטריבוטן פון נייסטע דערגריי־כונגען: עלעקטריציטעט ווערט אָנגעווענדט אויף טויזנטער געביטן פון לעבן. די נייע וויסנשאַפט האָט איבערגעאַנדערשט דאָס פּנים און דעם אינהאַלט פון טויזנטער זאַכן און באַגריפן. בלויז בנוגע צו דער קונסט ווילן מיר זיך ניט אַ ריר טאָן פאָראויס. און קונסט דאַרף דאָך, אין דער ערשטער ריי, זיין אַן אויסדרוק און אַן אָפּשפּיגלונג פון דער צייט, טאַקע פון די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין לעבן. און קיינער קאָן דאָך ניט לייקענען, אַז ס׳זיינען פאָרגעקומען און עס קומען שטענדיק פאָר פונ־דאַמענטאַלע ענדערונגען אינעם סאָציאַלן לעבן פונעם מענטשן, אַן איבער־שיכטונג אין דער געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור, אַ שטרעבונג צו אַ נייער, העכערער אָרדענונג. און די קונסט האָט דאָך געוואַלדיקע סאָציאַלע פונק־ציעס אַדורכצופירן אין לעבן. טעכניש האָט טאַקע די קונסט אויך דורכגע־מאַכט אַ רעוואָלוציע און איז געגאַנגען פּאַראַלעל מיט דער אינדוסטריעלער

רעוואָלוציע, אָבער די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע האָבן מיר אָנגענומען און די קינסטלערישע — ניט. מיר ווילן נאָך אַלץ באַוואונדערן און אויסלעבן זיך מיט דער קונסט פון אַמאָל, פון די לאַנג־פאַרגאַנגענע צייטן...

עמיצער האָט אים איבערגעריסן:

— קונסט איז אייביק. קונסט בייט זיך ניט. און די באַציאונג צו איר קאָן זיך דעריבער אויך ניט ענדערן.

— אָבער די באַציאונג צו איר פאָרם און אינהאַלט מוז זיך ענדערן. מ׳מוז צו איר צוגיין גאָר מיט אַן אַנדער מאָס, ווי צו היינטצייטיקער קונסט. היינט ווייסן מיר שוין, אַז צו מאָלן די נאַטור, ווי זי איז, איז ניט נויטיק צו פאַרמאָגן קיין סאַך טאַלאַנט. צו קאָפּירן, און זייער פּינקטלעך קאָפּירן, קאָן מען זיך זייער לייכט אויסלערנען אין אַ קונסט־שול. נאָך מער: ביי די היינטיקע גרויסע טעכנישע דערגרייכונגען קאָן שוין איצט אַ פאָטאָ־אַפּאַראַט נאָך מיט גרעסערער פּינקטלעכקייט אָפּפאָטאָגראַפירן, דערצו נאָך אין די פיינסטע קאָלירן, אַלץ אויף וואָס אַ מאָלער וואָלט באַדאַרפט אַרבעטן ווער־ווייס וויפל צייט... דערפאַר טאָקע זיינען איצט די אויפגאַבן פונעם מאָלער אַ סך גרעסערע. אויך די פאָדערונג צו אים — אַ גרעסערע, ווייל איצט מוז ער שוין באמת זיין אַ שעפער. ער דאַרף שעפעריש ענדערן דאָס וואַרשיינלעכע. ער דאַרף פאַרמאָגן אַן אויג פאַר נייע פּסיכאָלאָגישע דער־פאַרונגען דורך שאַפן פאָרמען, וואָס זאָלן אַרויסרופן ביים צוקוקער ניט נאָר אַן אויסערלעכן איינדרוק, נאָר הויפּטזעכלעך — אַן אינערלעכן. דער מאָלער דאַרף איצט, ווי אַ דעליקאַטער סעיסמאָגראַף, רעקאָרדירן די פּסי־כאָ־פיזישע ריטמען פון זיין אייגענער קינסטלערישער פּערזענלעכקייט, וואָס זאָל זיך אָפּרופן מיטן זעלביקן ריטם אויף דעם געמיט פונעם צושויער. ער דאַרף אָבער אויך זיין, ווי אַ ראַדאַר־עקראַן, אויף וועלכן עס זאָלן זיך קאָנען אָפּשפּיגלען די סאַמע וויכטיקע געשעענישן פון זיין אַרומיקן לעבן, ווייל קונסט און לעבן זיינען איינס.

די געדאַנקען האָט אייזיק אַרויסגעזאָגט מיט אַ סך ברען און איבער־צייגונג, און ווען ער האָט פאַרענדיקט, האָבן אַלע אַפּלאָדירט. זיטאַ האָט אויך אַפּלאָדירט, אָבער זי האָט זיך געכאַפּט און אויפגעהערט. אָבער ס׳איז שוין געווען צו־שפּעט, ווייל אייזיק האָט גראָד באַמערקט איר פאַטשן. זי האָט זיך אַביסל פאַררויטלט און געבליבן זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן בליק, ווי מורא האָבנדיק צו באַגעגענען זיך מיט אייזיקס אַ בליק... ער האָט דערביי אַ טראַכט געטאָן, אַז היינט מוז ער זי אָפּוואַרטן אין דרויסן און באַ־גלייטן זי ביז דער היים. און אפשר וועט דאָס זיין די געלעגנהייט אויפצוקלערן זייערע געפילן איינע צו די אַנדערע. אָבער זיטאַ האָט גראָד היינט געוואָלט אים אויסמיידן, ווי זי וואָלט געגנוי געוואוסט זיין פּלאַן. זי האָט מורא געהאַט פאַר אַ קלאָרער דערנעענטערונג און, אין דער זעלביקער צייט, געראַנגלט זיך מיט שטענדיקער בענקשאַפט נאָך אים. זי האָט געהאַט אַ סך פאַרערער,

אָבער זיי האָבן זי וויניק אינטערעסירט. גראָד אָט דער אָרימער „איסט־סיידער", מיט דעם צעשויבערטן קאָפּ האָר, מיט די צו־פריִע מאַניערן, האָט זי פאַרפאָלגט דורך אירע טעג און איר פאַרשאָפט שלאָפלאָזע נעכט. זי האָט אים דערפאַר פיינט געהאַט... ניין, זי וועט אים היינט אויסמיידן!

דער עולם האָט נאָך געטומלט, געוואָלט איבערשרייען איינער דעם אַנדערן, ווען זיטאַ האָט זיך אויפגעהויבן, ניט אַרומגעקוקט זיך, און איז מיט שנעלע טריט אַרויס פון צימער. זי האָט נאָך מער פאַרשנעלערט אירע טריט גייענדיק אין דער לענג פונעם קאָרידאָר. איר האָט זיך געדוכט, אַז אייזיק פאָלגט נאָך אירע טריט. צו איר פרייד האָבן זיך געעפנט די טירן פון עטלעכע קלאַס־צימערן. סטודענטן האָבן גענומען אַרויסשטראָמען, און זיטאַ איז באַלד פאַרלוירנגעגאַנגען אין דער גרויסער מאַסע. זי האָט געהאַט אַ געפיל, ווי זי וואָלט זיך ערשט אַרויסגעראַטעוועט פון אַ געפאַר. איר האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפט. זי האָט געוואוסט, פאַרוואָס עס איז אין איר געווען אַזאַ שרעק און פאַרשטאַנען די אויפרעגונג פון איר האַרץ. דערפאַר האָט זי צום ערשטן מאָל געהאַט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו וויינען. זי האָט אויך געוואוסט, אַז ווען זי וועט קומען אַהיים, וועט זי זיך פאַרשפאַרן אין איר צימער, אַריינפאַלן אין בעט, פאַרגראָבן דעם פּנים אין קישן און וועט ביטער און היסטעריש וויינען, וויינען... אָבער אַנשטאָט צו גיין אַהיים, האָט זי זיך אַ קער געטאָן לינקס, אַריבערגעשפּאַנט די גאַס און איז אַריין אין פּאַרק. דאָ האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און לאַנג געזעסן און גע־טראַכט, געטראַכט וועגן זיך און וועגן אייזיקן און ניט אויפגעהערט צו פרעגן ביי זיך: ווי לאַנג נאָך וועט זי זיך ראַנגלען מיט זיך און מיט אים? ווי לאַנג וועט זי קענען נאַרן זיך אַליין? פאַרוואָס האָט זי מורא געהאַט? און פאַר־וואָס האָט זי אים שטענדיק געזוכט ווי צו טאָן? און פאַרוואָס האָט זי אים ליב געהאַט און פיינט געהאַט אין דער זעלביקער צייט?...

אין אירע אויערן האָט נאָך געקלונגען זיין שטים. זי האָט געהערט זיינע היציקע ווערטער, און די מיינונגען, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט, זיינען געווען אַזעלכע, וואָס זי האָט געוואָלט פון אים הערן... גראָד פון אים האָט זי געוואָלט הערן אַזאַ בליק אויף דער מאָלערישער קונסט, און אָט האָט ער דאָס קלאָר און זיכער אַרויסגעבראַכט, ווי נאָר צוליב איר... ניין, ניט נאָר היינט, נאָר אַלע מאָל האָט ער פאַרענטפערט פראַגן, וואָס האָבן זי געמאַטערט. אָבער אַלע מאָל האָט זי זיינע ענטפערס באַקעמפט צוליב עפּעס אַ מורא און אַ פאַראורטייל. פאַרוואָס? פאַרוואָס די מורא? און פאַר־וואָס דער פאַראורטייל?

אויף מאָרגן, ווען ער איז אַריין אין צימער, האָבן זיך זייערע בליקן באַלד באַגעגנט. לעבן איר איז געווען אַ ליידיק בענקל, איז ער גלייך צוגעגאַנגען און זיך לעבן איר אַוועקגעזעצט. געזאָגט:

— איך דאַנק אייך פאַר די אַפּלאָדיסמענטן.

— כ׳האָב ניט געמיינט צו אַפּלאָדירן. כ׳בין בלויז מיטגעריסן געוואָרן פון אַנדערע...

— איר דאַרפט זיך ניט פאַרענטפערן. כ׳האָב באַמערקט, אַז אַלע מיינע קעגנערס האָבן געפּאַטשט. אין אַ מינוט אַרום האָבן זיי סיי־ווי געטענהט זייערע טענות...

— מיר האָבן אַפּלאָדירט אייער עלאָקווענץ. אָבער די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען... מ׳דאַרף זיי ערשט באַטראַכטן אין אַ קריטישן ליכט...

זי איז געוואָרן רויט. דערפילט, אַז זי הויבט אָן נאָכאַמאָל שפּילן איר שפּיל. און זי האָט זיך ווידער אַ פרעג געטאָן: צוליב וואָס?

— אוודאי דאַרף מען מיינע רייד ניט אָננעמען בלינדערהייט... אָט ווייסט איר וואָס? לאָמיר זיך אַמאָל ביידע אַדורכגיין איבער די קונסט־גאַלעריעס. מיר וועלן קוקן און טיילן זיך מיט מיינונגען. איך מאַך אייך דעם פאָרשלאָג, ווייל מיר איז געפעלן געוואָרן דאָס וואָס איר האָט נעכטן געזאָגט. ס׳איז געווען אַ סך אמת אין דעם.

— אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט.

— ניין, איך מיין עס ערנסט. איר זייט געווען אויפריכטיק. יאָ, כ׳האָב געהערט זאָגן, אַז איר מאָלט. מעג מען אפשר אַמאָל אַ קוק טאָן אויף אייערע מאָלערייען?

— אָ, איך בין אַן אַמאַטאָרין... ביי אייך וועל איך דעם עקזאַמען ניט אויסהאַלטן.

— איך וועל אייך קיין עקזאַמען ניט געבן. איך בין אפילו ניט קיין אַמאַטאָר. קיין פּינזל ניט געהאַלטן אין האַנט. איך האָב זיך בלויז אַ ביסל אויסגעלערנט ליב צו האָבן קונסט — האָב איך זיך פאַראינטערעסירט, אַרומשפּאַצירט אין די גאַלעריעס, דורכגעלייענט אַ פּאָר ביכער און פון אייניקע, ווי איר האָט געזען, אַפילו באַאיינפלוסט געוואָרן... איז לאָמיר באַשטימען אַ טאָג פאַר די גאַלעריעס, אַז ניט — וועלן מיר פאַרשפּעטיקן. דער סעזאָן ענדיקט זיך אָט־אָט...

זי האָט אַ טראַכט געטאָן און ניט זיכער געזאָגט:

— אפשר, שבת...

זי האָט עס געזאָגט און זיך אַביסל דערשראָקן, וואָס זי האָט אַזוי שנעל נאָכגעגעבן...

ער האָט זיך אָבער אָן איר ענטפער אָנגעכאַפּט:

—שבת? צו־ווייט. הערט, מיר האָבן אַ גאַנצן ווינטער געלערנט, מעגן מיר סוף־זמן זיך אַביסל אונטערפוילן. לאָמיר מאָרגן אָראָפּגנבענען אַ טאָג און „שפּילן הוקי״...

איר איז געפעלן געוואָרן דער איינפאַל:

— הייסט עס, מאָרגן?

— מיר טרעפן זיך פּונקט עלף אַזייגער ביים קאַרנעגי.

— עלף אַזייגער ביים קאַרנעגי.

און אויף מאָרגן האָט מען זיך טאַקע געטראָפן און באַלד זיך געאייניקט וועלכע גאַלערייען צו באַזוכן. ביידע האָבן געוואוסט, ווער עס שטעלט אויס און וואו.

זי איז געווען גוט געשטימט. אַ נייע לייכטקייט פון געמיט האָט געשיינט אויף איר פּנים. און ער האָט געטראַכט, אַז אָט זעט ער זי צום ערשטן מאָל אַזאַ אויפגעלייגטע מיט אַן אָפענעם פּנים און אָפענע אויגן, אין וועלכע מ׳האָט געקענט אַריינקוקן און באַגעגענען אָפּרוף.

און ער האָט שוין געוואוסט, אַז ער איז אַריבער די לעצטע גרענעץ צו פולער דערנעענטערונג.

1939

אין קלעם פון צייט

צום שלאָס מיט די שטאָלענע טויערן

א.

די סאַנטאַ־פּע באַן האָט זיך משונהדיק געטראָגן איבער די אַנגעגליטע וויסטעונישן פון דעם שטאַט אַריזאָנאַ. אין וואַגאָן איז געווען מוראדיק הייס און שטויביק. אַזוי ווי די זון וואָלט זיך מיטאַמאָל צוגערוקט מיט איר פייערדיקן פּנים נאָענט צו דער ערד און מיט די גליאיקע שטראַלן געוואָלט פאַרטיליקן אַלץ און אומברענגען.

די אויסגעמאַטערטע פּאַסאַזשירן פון אונדזער וואַגאָן האָבן אַנגסטיק פאַרוואָרפן זייערע קעפּ צו די ווענטלעך פון די בענק, מיט די אויסגעצשטרעקטע העלדזער געצויגן אין זיך די שיטערע אָנגעגליטע אַריזאָנער לופט און געראַנגלט זיך מיט אַ דרעמל, וואָס האָט ניט געוואָלט אַפּלאָזן די מידע, אָפּגעשוואַכטע גלידער.

פאַרביי די פענצטער זיינען געלאָפן טרוקענע שטרעקעס. הויכע בערג האָבן זיך געהויבן אין זייער ברוינער נאַקעטקייט, ווי ריזיקע מאַסיוון פון אויפגעהורבעטע קופּעס ליים, וואָס האָבן פון די פּרעהיסטאָרישע צייטן אָן נאָך ניט געביטן זייער פּנים, און זייער פאַרשוואונדן אין זוניקע ווייטקייטן הינטער אונדז. אויף זייער אָרט זיינען געקומען נייע בערג און בערגלעך, קרומע, לאָמע, כאַאָטיש־אויסגעפורעמטע געשטאַלטן, וואָס האָבן אויף זיך געטראָגן צייכנס פון קאָלאָסאַלע אונטערערדישע אויסברוכן און געבליבן אויף דעם לייב פון דער ערד, ווי אָפענע וואונדן, כדי צו דערציילן דער וועלט וועגן די מוראדיקע קאַטאַסטראָפעס פון פאַרצייטן און שאַפן צווישן פעלקער הונדערטער וואונדער־לעגענדעס.

אונדזער באַן האָט זיך זייער געאיילט, מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם ניט

אויפגעהערט צו יאָגן זיך פאָראויס, פאָראויס, פאַרבייגעלאָפן סטאַנציעס, געלאָפן שעה׳ן נאָכאַנאַנד אָן אַן אָפּשטעל. ווי אַ געטריבענע פון אַ ווילדער שרעק איז זי געלאָפן איבער שטאָלענע קעניאָן־בריקן, דורך פינצטערע טונעלן אין איר מוראדיקן געאייל צו אַנטלויפן פון עפּעס אַ נאָכיאָגנדיקער געפאַר, פאָראויס, פאָראויס.

פון צייט־צו־צייט זיינען, ווי פון אונטער די רעדער, אַרויסגעלאָפן איפּ־געשראָקענע, שנעל־פּיסיקע גאַזעלן, געלאָפן מיט אויפגעשפּיצטע אויערן, געשפּרונגען איבער די טרוקענע גראָז־קוסטן, איבער ליימיקע הרודעס, און ערשט ווייט, זייער ווייט, אָפּגעשטעלט זיך מיט אויסגעקיילטע אויגן גע־קוקט אויף דער אַנטלויפנדיקער באַן. און הויך איבער די שפּיצן פון די בערג האָט שוין געשפּרייט זיינע ברייטע פליגל דער אָדלער, געלויערט איבער דער באַשעפעניש, געצילט מיט נעגל און מיט שנאָבל צו דער צי־טערדיקער פעל פון איר שלאַנקן רוקן.

ב.

אויף דער קעגנאיבערדיקער באַנק איז געזעסן אַ יונגע מוטער מיט איר דריי־יאָריק קינד. זי איז נאָך געווען יונג. זי האָט אויסגעזען ווי אַ מיידל פון אַ יאָר ניינצן־צוואַנציק. איר קורץ־געשאָרענער קאָפּ האָר און דער שלאַנקער קערפּער האָבן איר צוגעגעבן אַ יינגלשן אויסזען. און נאָר די צערטלעכקייט צו איר קינד האָט אַנטפּלעקט אַ קוואַל פון גוטער איבערגע־געבענער מוטערלעכקייט.

דאָס קינד איז געשטאַנען בייַם פענצטער, אַרויסגעקוקט צו די וואונ־דער פון דער נייער וועלט, וואָס איז פאַרבייגעלאָפן, און ניט אויפגעהערט צו פרעגן פראַגעס. אַזאַ וועלט איז דאָס געווען, אַן אומפאַרשטענדלעכע. אַזוינע נייע דערפאַרונגען אין אים און אַרום אים. אַזעלכע אומגעזעענע בילדער. און וואָס איז דאָס אַלץ? און צוליב וואָס? און פאַרוואָס?

דאָס קינד האָט געפרעגט, און די מוטער האָט געענטפערט. אין אַ קאָרגער קינדערשער שפּראַך פּרובירט דערקלערן שווערע זאַכן. און ניט אַלץ איז איר אַליין געווען קלאָר. זי אַליין האָט צום ערשטן מאָל געזען די בילדער און צום ערשטן מאָל באַנומען די נייע דערפאַרונגען. אָבער ענטפערן האָט מען געמוזט. געפינען די קינדערשע שפּראַך און אויפזוכן יעדער קינדערש וואָרט האָט מען געמוזט. זי איז געווען אַ מאַמע. און זי איז מיט איר קינד געפאָרן אין דער ווייטער וועסט. צום ערשטן מאָל אין איר לעבן אַרויסגע־לאָזט זיך אויף אַזאַ וויטער רייזע.

דאָס קינד איז געווען שפּילעוודיק־אויפגעלייגט. און די מוטער — אַביסל פאַראומערט און אומרואיק, געטראָגן אַ בלייכקייט אויף איר פּנים און אונטער די אויגן — טונקעלע צייכנס. געהאַלטן זיך פרעמדלעך. גע־

רעדט נאָר מיטן קינד. געווען פאַרנומען מיט זיין קליידונג, מיט זיין עסן און טרינקען, און נאָר פון צייט־צו־צייט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער מיט אַ פאַרטראַכטן בליק, לאַנג געקוקט אין די לויפנדיקע ווייטקייטן און געשוויגן. אויסגעמיטן מיין בליק. אויסגעמיטן באַקאַנטשאַפט.

די נאָכמיטאָג־שעה׳ן האָבן זיך געצויגן לאַנגזאַמער און שווערער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די באַן וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אָפּשטעלן. ערשט ווען די זון האָט זיך, ווי אַ בלוטיקע ראָד, אַרונטערגעלאָזט ביז די שפּיצן פון די קופּערנע בערג און האָט אָנגעצונדן דעם האָריזאָנט אין פּורפּורנע פייערן, האָט די באַן פּלוצלונג פאַרהאַלטן איר גאַנג און, סאָפּענדיק שווער און אַנגסטיק, זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ סטאַנציע אין די בערג.

פּאַסאַזשירן האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון דרעמל. זיי האָבן זיך דער־פרייט, און זיך אַרויסגעשאָטן אויף דער פּלאַטפאָרמע. געשפּאַצירט און גע־איילט צום רעסטאָראַן, איבערבייסן, טרינקען, איינקויפן פרישע פרוכט. ביז קאַליפאָרניע איז נאָך געווען אַ טאָג רייזע.

איך בין אויך אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרמע. די מוטער מיטן קינד זיינען געבליבן אין וואַגאָן. אַרומשפּאַצירנדיק הין און צוריק, האָב איך זיי געזען שטייענדיק נאָענט ביים פענצטער. אונדזערע אויגן האָבן זיך צו־נויפגעטראָפן אין אַ פריינטלעכן בליק. דאָס קינד האָט צו מיר אפילו אַ מאַך געטאָן מיטן הענטל, ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן, און די מוטער האָט בלויז פרעמדלעך אַ שמייכל געטאָן.

די באַן איז דאָ געשטאַנען אַ האַלבע שעה. דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך אָנגעטרונקען מיט וואַסער און האָט פונדערווייטן מוראדיק געסאָפּעט. אַרבעטער האָבן אין איילעניש אָנגעלאָדן דעם באַגאַזש, געוואָרפן אין אַן אָפענעם וואַגאָן פּעק, קאַסטנס און זעק מיט פּאָסט. די פּאַסאַזשירן זיינען געווען דערפרישט און אויפגעלייגט. די זון איז אונטערגעגאַנגען הינטער די בערג. דער קילער מערבדיקער אָוונט איז לאַנגזאַם צוגעפאַלן. אַ לאַנגער פייף האָט אָפּגעליידיקט די פּלאַטפאָרמע. די באַן האָט זיך שווער אַ ריר געטאָן. מיר זיינען געפאָרן ווייטער.

ג.

אין וואַגאָן האָט מען אָנגעצונדן ליכט. איך האָב אַרויסגענומען פון מיין רייזע־טאַש אַ פרישן נומער „ניו מעסעס" און גענומען לייענען. די מוטער האָט זיך געפּאָרעט אַרום קינד און פון דער זייט געוואָרפן אירע קורצע בליקן אויף מיר און אויפן זשורנאַל. פּלוצלונג האָט זי געזאָגט:

— איר זייט אַ לייענער פון אָט דעם זשורנאַל?

— יאָ. אַ שטענדיקער לייענער...

— אַ חבר?...

— אַ חבר...

— און איך האָב ניט געוואוסט... אַנטשולדיקט פאַר מיין נייגעריקייט.

און איך האָב בעמערקט, אַז זי האָט זיך אַביסל פאַרשעמט פאַר איר פלוצלעכער ווענדונג. אָבער אין איר האָט שוין סיי־ווי־סיי אויפגעלעבט אַן איינגעהאַלטענע פרייד. האָב איך געזאָגט:

— ניין. פאַרוואָס? פאַרקערט, איך בין צופרידן. מיר פאָרן שוין אַזוי לאַנג און מיר האָבן זיך נאָך ניט באַקאַנט...

מיר האָבן זיך פאַנאַנדערגערעדט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז געפאָרן באַזוכן איר מאַן, אַ יונגן אַרבעטער־פירער, וואָס איז מיט דריי און אַ האַלב יאָר צוריק פאַרשיקט געוואָרן אויף אַ טערמין פון פינף יאָר אין דער סאַן־קווענטין טורמע פאַר סטרייק־טעטיקייטן אין דער אימפּע־ריעל וואַלי. די צייט פון די ביטערע אומרוען אין יענעם געגנט האָט זיך צוגערוקט נאָענט, אַוועקגעשטעלט זיך צווישן מיר און איר און האָט אונדז דערנעענטערט. איך האָב אַ פרעג געטאָן:

— און איר האָט נאָך פון דאַן אָן אייער מאַן ניט געזען?

— ניין, ניט געזען. מ'האָט אים אַרעסטירט און פאַרשיקט. און מיר האָבן זיך ניט געזען. דאָס קינד איז געבאָרן געוואָרן אָן אים... דאָס קינד האָט נאָך אים קיינמאָל ניט געזען...

זי האָט צערטלעך אַ קוק געטאָן אויפן קינד, און איבער איר פּנים איז דורכגעלאָפן אַ שאָטן פון טרויער. זי האָט באַהאַלטענערהייט אָפגעזיפצט און ווייטער דערציילט:

וואָס האָט זי געקענט טאָן? ווען מ'האָט אים געמשפּט, איז זי געווען מיט אַ קליינעם קינד אויף די הענט. אָן מיטלען צום לעבן. און דאָ האָט מען באַדאַרפט האָבן אַזאַ סומע געלט אויף דער רייזע פון ניו־יאָרק קיין קאַליפאָרניע — אַ קאַפּיטאַל... איז שוין אַזוי אויסגעקומען, אַז זיי האָבן זיך די גאַנצע צייט ניט געזען. אָ, זי האָט איר האַרץ אויסגעבענקט נאָך אים!... נאָך אַלעמען: ער איז דאָך אַוועקגעריסן געוואָרן פון איר אינמיטן זייער ליבע... ס'איז געווען איר ערשטע ליבע... און דאָ איז דאָס קינד געבאָרן גע־וואָרן, האָט זיך אויסגעלערנט גיין, פּלאַפּלען אוןריידן — און ער האָט גאָר ניט געזען זיין טאַטן, וויס ניט ווי דער טאַטע קוקט אויס...

איך האָב פאַרזיכטיק געזאָגט:

— אפשר איז ניט פּאַסיק, וואָס גראָד זייער ערשטע באַגעגעניש זאָל פאָרקומען אין אַ טורמע...

זי האָט ווי דערוואָרט די באַמערקונג. זי האָט זיך אָן איר אָנגעכאַפּט:

אָט דאָס איז דאָך עס. זי טוט עס אומיסטן. דאָס קינד וויס נאָך ניט פון טורמעס. וועט עס אים ניט שאַטן. און שפּעטער, אַז עס וועט אונטער־וואַקסן, וועט ניט שווער זיין אַלץ צו פאַרענטפערן און דערקלערן... אָ,

זי שרעקט זיך אַזוי פאַר אַט דער באַגעגעניש אין טורמע! פאַר איר און דעם קינדס באַגעגעניש!

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. אויף איר פּנים האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ נייע בלייכקייט. זי האָט אויפגעהויבן איר פּנים אַנטקעגן דער טונקלקייט פון פענצטער, און אירע אויגן זיינען פאַרגליווערט געוואָרן אויף אַן אומבאַשטימטן פּונקט ערגעץ אין אַ גרויסער ווייטקייט, וואו ס׳איז געווען איינגעשלאָסן הינטער שטאָלענע גראַטעס איר בענקשאַפט, וואו עס האָט פאַר איר געקלאַפּט אַ האַרץ הינטער שטאָלענע טויערן פון אַ געהיימניספולן שלאָס.

זי האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעקערט פון פענצטער, אַרויסגענומען פון איר האַנט־טאַש אַ קליין בילדל און עס מיר איבערגעגעבן מיט אַ שולדיקן שמייכל:

— מיין האַרי...

ס׳איז געווען אַ בילד פון נאָך גאָר אַ יונגן מענטשן, ניט עלטער פון אַ יאָר צוואַנציק, מיט געקרויזטע האָר און מיט אַ מילדן שמייכל פון אַ ייִנגל.

דאָס קינד האָט אויך געוואָלט זען דאָס בילד:

— ווייז מאַמע, איך וויל אויך זען פּאַפּאַ...

דאָס קינד האָט אַנגענומען דאָס בילדל מיט זיינע בײדע הענטלעך און לאַנג איינגעקוקט זיך, געוואָלט אַפּנים געפינען ענלעכקייט צווישן דעם בילד און אַן אַנדער בילד, וואָס זיין אייגענע פאַנטאַזיע האָט אויסגעאַרבעט, און האָט, אַפּנים, ניט געפונען. ווייל ער האָט פּלוצלונג איבערגעגעבן דער מאַמען דאָס בילדל מיט אַ קאַלטן זשעסט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט באַפרייען פון אַן איבעריקן געדאַנק, און נאָר געזאָגט:

— מאַ, ווען וועלן מיר אַנקומען צום פּאַ?

זי האָט אים צערטלעך צוגעדריקט צו זיך:

— באַלד, מיין קינד. דו וועסט איבערשלאָפן די נאַכט. נאָכדעם וועט זיין טאָג — און מיר וועלן אַנקומען צום פּאַ. נאָך איין נאַכט וועט דורכגיין, און מיר וועלן צו אים אַנקומען... אוי וועט ער זיך דערפרייען, דער פּאַ, מיט זיין קליינעם זונעלע!

דאָס קינד האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן פענצטער. איצט האָט ער דאָרטן קיין זאַך ניט געזען. עס איז געווען פינצטער. טונקעלע, קוים זעבאַרע שאָטנס זיינען פאַרבייגעלאָפן און האָבן געשראָקן זיין קליין הערצל. האָט ער זיך אומגעקערט צו דער מוטער, אַוועקגעזעצט זיך אויף איר שויס און האָט זיך איינגעטוליעט אין איר, ווי זוכנדיק שוץ:

— מאַמע, איך האָב דיך ליב.

ד.

דאָס קינד איז שוין געווען מיד און שלעפעריק. אָבער ס׳האָט ניט געוואָלט שלאָפן גיין. געטוליעט זיך אין דער מוטערס וואַרעמקייט און זיך

איינגעהערט אין אונדזער שטילן אָוונטלעכן געשפּרעך וועגן אַ וועלט, וועלכע ער האָט ניט פאַרשטאַנען.

און די באַן איז געלאָפן, געלאָפן. אונטער אונדזער וואַגאָן האָבן גע־קלאַפּט די רעדער, אויסגעקלאַפּט אַן איילנדיקן טאַקט, וואָס אָט איז ער געווען איינגעהאַלטענער און אָט, מיט אַמאָל, אַ פאַרשנעלערטער. די באַן איז גע־לאָפן שנעלער און שנעלער, ווי אַ פּלוצלונג־איבערגעשראָקענע חיה, גע־לאָפן, אַנטלאָפן, דורך פרעמדע טאָלן און בערג. אַנטקעגן דער נאַכט, אַנט־קעגן דעם אומבאַוואוסטן, מיט אַ פּלוצלעכן אויסגעשריי פון דער סירענע.

ס'איז געווען גוט און אומעטיק. און אַביסל שרעקעוודיק. ווייל אָט האָבן מיר זיך אָוועקגעגעבן דער באַן, איבערגעגעבן זיך איר כוח, איר משוגהדיקן געלאָף, איר געראַנגל, אַנטקעגן נאַכט און אַנטקעגן ווייטקייטן.

וואָס איז געווען פאַראויס — ווער האָט געקאָנט זאָגן און פאַראויס־זאָגן? מיט אונדז זיינען נאָר געווען די דערינערונגען פון אַ לעבן, וואָס איז געבליבן ווייט הינטער אונדז. וואָס פאַר אַ ממשות האָט איצט געהאַט אונדזער פאַרגאַנגענהייט? אַ פרוי מיט איר קינד זיינען געפאָרן זען זייער מאַן און זייער פאָטער, וואָס איז געווען איינגעשפּאַרט הינטער שטאָלענע טויערן פון אַן אומגעזעענעם שלאָס, וועלכן נאַכט האָט איינגעטוליעט אין פינצטערניש. און זיי זיינען מיר געוואָרן אַזוי נאָענט, אַזוי נאָענט. זייער גורל איז געוואָרן מיין גורל. זייערע ליידן אויף דער וועלט זיינען געווען מיינע אייגענע ליידן אויף דער וועלט.

די מוטער האָט צערטלעך געטוליעט צו איר ברוסט דאָס קינד. אָ, אַזוי האָבן אַלע מאָל מאַמעס געטוליעט זייערע קינדער, פון די אוראַלטע צייטן אָן. און אַלע מאָל איז געווען דער אָוונטלעכער אומעט. דאָס קינד האָט עטוואָס געעפנט די פאַרשלאָפענע אויגעלעך און געזאָגט:

— מאַמע, איך האָב דיך ליב...

און די מאַמע האָט זיך איבערגעבויגן מיט די ליפּן צו זיין שטערן און האָט אים, אָן ווערטער, אַ קוש געטאָן. און אַלעמאָל האָבן מאַמעס געקושט זייערע שלעפעריקע קינדער. און פון דעם איז איבערן קינדס פּנים אויפגעג־גאַנגען אַ רואיקייט. די נאַכט וועט איבערגיין. דער טאָג וועט קומען, און ער וועט זען זיין פּאַ. אַזאַ וועלט איז דאָס געווען. אַזאַ וואונדערלעכע וועלט.

מיר זיינען געפלויגן אויף די אויפגעשראָקענע פליגלען פון אַ מאָנסטער, וואָס האָט זיך ווילד געטראָגן דורך נאַכט און דורך פינצטערקייט צו עפּעס אַ ווייטן און נאָענטן ציל.

1938

אַ באַגעגעניש

דער פריער ווינטערדיקער אָוונט איז ערשט צוגעפאַלן, אָבער די נאַכט איז שוין געקראָכן מיט פינצטערניש איבער די גאַסן און געביידעס, אָנגע־רוקט זיך אויף דער שטאָט מיט קעלט און מיט רוגזה.

מענטשן האָבן זיך געטוליעט אין די מאַנטלען, געהאַלטן זיך נאָענט ביי די ווענט, זוכנדיק שוץ פאַר די פאַרפראָרענע גלידער, און זיך שטאַרק געאיילט אַהיים צו ליכט און צו וואַרעמקייט, געראַטעוועט זיך פון דער שניידנדיקער גאַסיקער קעלט.

אויף אַלע גאַסן האָט זיך שוין געצונדן ליכט. די פענצטער פון די הויכע געביידעס האָבן אַרויסגעקוקט מיט ליכטיקע אויגן צו דער נאַכט.

און דער גרויסער זייגער אויפן אַלטן טורעם, וואָסביים שטאָטישן האַפן, האָט געוויזן פונקט פינף מינוטן צו פינף אַזייגער.

אין פינף מינוט אַרום וועלן זיך פאַנאַנדערשרייען סירענעס, און גלייך נאָכדעם וועלן טויזנטער האַפן־און דאָק־אַרבעטער אַרויסשטראָמען פון אונ־טער די טונקעלע טורעם־טויערן און זיך, ווי אַ כוואַליע, צעגיסן אין אַלע ריכטונגען איבער דער ברייטער, מיט בלאָק־שטיין ברוקירטער פלאַץ. מחנות אַרבעטער וועלן זיך אַ לאָז־טאָן צו די ליכטיק־באַלויכטענע גאַסן, צו די שטאָטישע באַנען, טראַמען, אויטאָבוסן און זיך איילן דורך דער קעלט צו זייערע היימען, צו ווייב און קינד.

באַרני שער איז געשטאַנען פונקט אַנטקעגן דעם האַפן־טורעם מיט אַ פּאַק צירקולאַרן אונטערן אָרעם און געדולדיק געוואַרט ביז די ווייזערס אויפן טורעם־זייגער וועלן ווייזן פינף.

אים איז געווען קאַלט. אויף דער אָפענער פלאַצע האָט זיך פריי אַרומ־געטראָגן אַ פראָסטיקער ווינט. די קעלט האָט אומבארחמנותדיק איינגע־קלאַמערט באַרניס קערפּער אונטער די ניט גענוג וואַרעמע קליידער און ביטער געביסן זיינע פינגער די אויערן און דאָס פּנים. און באַרני האָט זיך מוטיק געוועהרט. געשטעלט זיך מיטן רוקן צום ווינט, געבויגן דעם קאָפּ אַהער און אַהין, ווי אויסמיידנדיק פליענדיקע קוילן, און אונטערגעטאַנצט אויף די שפּיץ־פינגער פון זיינע פיס, ווי אין אַ פאַרצווייפלטן פויסטן־געפעכט.

די פינף מינוטן זיינען געווען שווערע און לאַנגע. אָבער באַרני שערן איז געווען פריילעך אויפן האַרצן. לייכט און פריילעך. דעם פּאַק צירקולאַרן, וואָס ער האָט געהאַלטן אונטערן אָרעם, האָט ער ערשט ניט לאַנג פון אונטער דער פּרעס אַרויסגעכאַפּט. און אַזוי לעבעדיק־הייס איז נאָך געווען דער

אינהאַלט פון זייערע רופנדיקע, וועקנדיקע שורות, אַז ס׳האָט זיך אים געד־דוכט — ס׳ציט פון זיי אַ וואַרעמקייט. האָט ער דערפאַר נאָך שטאַרקער גע־דריקט צו זיך דעם פּאַק צירקולאַרן, אונטערגעפּייפט אַ לוסטיקע מאַרש־מעלאָדיע און ניט אויפגעהערט מוטיק צו קעמפן קעגן דער ביטערער קעלט.

ער האָט גאָר ניט באַמערקט פון וואַנען עס האָט זיך לעבן אים פּלוצלונג באַוויזן אַ מיידל. ער האָט זיך געוואונדערט: אין אַזאַ ביטערער קעלט אַ מיידל לעבן האַפן! האָט ער אויף איר אַ קוק געטאָן איין מאָל און צוויי מאָל, און פאַרשטאַנען.

דאָס מיידל איז געווען אַנגעטאָן אין אַ קורצן האַלב־מאַנטל. אַ לייכט היטעלע האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די רויט־געפאַרבטע האָר. דאָס פּנים איז געווען בלוי און בלייך פון קעלט און פון איבעריקן פּודער. די דינע פיס אירע, אין די דורכזיכטיקע זאָקן, האָבן אַרויסגעשטעקט פון אונטערן קורצן קליידל, ווי אַנטבלויזטע צווייביינער קעגן פראָסט און קעלט. באַרנין האָט אַזש ווי געטאָן צו קוקן אויף איר. אַזוי פאַרפראָרן איז זי געווען.

ער האָט ניט געפונען קיין ווערטער עפּעס צו זאָגן. האָט דאָס מיידל, די ערשטע, געזאָגט:

— וואָס שטייסטו דאָ אין אַזאַ קעלט, בחור?

— כ׳וואַרט אויף די אַרבעטער. פינף אַזייגער וועלן די אַרבעטער אַרויס־גיין.

זי האָט געוואָלט וויסן:

— און צו וואָסער טייוול דאַרפסטו זיי, די אַרבעטער?

באַרני האָט אַ שמייכל געטאָן, אַרויסגעכאַפּט פונעם פּאַק צירקולאַרן אַ בלעטל און אַריינגעשטופּט איר אין האַנט אַריין:

— נאַ, לייען איבער, וועסטו שוין אַליין וויסן.

זי האָט אָנגענומען דאָס בלעטל, אומגעדרייט זיך צו דער ריכטונג, פון וואַנען ס׳איז געקומען אַ ביסל ליכט פון די ווייטע לאַמטערנעס, שנעל אַ לאָף געטאָן מיט די אויגן איבער די רופנדיקע ווערטער און נאָך ניט אָנהויבנדיק צו לייענען ווי עס באַדאַרף צו זיין, געזאָגט:

— אַהאַ!... ביסט אַ רויטער.

— און אַז אַ רויטער, איז וואָס?

— כ׳האָב פיינט די רויטע.

— פאַרוואָס האָסטו זיי פיינט?

— כ׳האָב זיי פיינט. דאָס אַלץ.

ער האָט זיך שפּאָטיש פאַנאַנדערגעלאַכט. נאָכדעם האָט ער אויף איר אַ קוק געטאָן און שוין ערנסט געזאָגט:

— וואָס ווייסטו וועגן די רויטע?

— איך ווייס ניט, און איך וויל ניט וויסן. איך האָב זיי פיינט. זיי זיינען טראָבל־מאַכער.

ער האָט זיך ברייט צעשמייכלט. געזאָגט לאַקאָניש:
— רעדסט נאַרישקייטן, מיידל.
זי איז אָנגעצונדן געוואָרן:
— כ'זע ניט, דו זאָלסט זיין אַזאַ גרויסער חכם. שטייסט אין אַזאַ קעלט און מאַכסט טראָבל.
— כ'זע ניט, דו זאָלסט זיין קליגער. דו פרירסט נאָך מער פון מיר.
ער האָט עס געזאָגט, און עס האָט אים גלייך פאַרדראָסן. האָט ער אין שפּאַס צוגעגעבן:
— דו העלף מיר אויסטיילן די צירקולאַרן, וועסטו זיך שוין דער־וואַרעמען, און וועסט טאָן אַ גוטע זאַך.
זי איז ווידער געוואָרן בייז:
— צום טייוול מיט דיינע צירקולאַרן!
ער האָט זיך פון איר אָפּגעקערט. קאַלט געזאָגט:
— ווי דו ווילסט. איך וועל עס שוין אַליין טאָן.
און ער האָט ווידער גענומען אונטערפּייפן אַ מאַרש און אונטערטאַנצן מיט די פיס, אַזוי ווי זי וואָלט דאָ גאָר ניט געווען. אָבער זי איז נאָך געשטאַנען, ניט אָפּגעטראָטן. אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט:
— ביסט אַ נאַרישער בחור. וואָלסט בעסער באַדאַרפט גיין מיט מיר. צי דו האָסט קיין געלט ניט?
— איך האָב געלט, אָבער איך וועל מיט דיר ניט גיין.
— וואָסי, איך געפעל דיר ניט?
— איך האָב דיר שוין געזאָגט, אַז איך דאַרף צעטיילן די צירקולאַרן. מאָרגן איז ביי אונז אַ וויכטיקע דעמאָנסטראַציע. קעגן מלחמה און פאַשיזם.
— צום טייוול מיט אייערע דעמאָנסטראַציעס! פון מיינטוועגן זאָל אויסברעכן אַ מלחמה כאָטש מאָרגן. מיר איז אַלצאיינס.
באַרני האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:
— איך האָב שוין דיר געזאָגט, אַז דו ביסט אַ נאַריש מיידל און ווייסט ניט וואָס דו רעדסט. אָט העלף מיר צעטיילן די צירקולאַרן, וועלן מיר ביידע שפּעטער אַריינגיין אין אַ קאַפעטעריע, דערוואַרעמען זיך ביי אַ טעפּל קאַווע און איך וועל שוין דיר דערוויזן, אַז דו ווייסט ניט וואָס דו רעדסט.
— אַזאַ חכם ביסטו.
— אָט אַזאַ חכם בין איך.
ער האָט זיך ווידער אָפּגעקערט פון איר. אַרומגעטאַנצט אַ ווײַלע. איבערגעגעבן דעם פּאַק פון דער לינקער האַנט אין דער רעכטער, און גע־האַלטן זיך, ווי ער וואָלט אָן איר אינגאַנצן פאַרגעסן.
זי האָט פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן:
—ביסט אַ ייד?
— אַ ייד.

— איך בין אויך אַ יידיש מיידל.

געזאָגט און אַ זיפץ געטאָן. ער האָט געשוויגן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן טורעם־זייגער. די ווייזערס האָבן זיך דערנענטערט צו פינף. אין אַ האַלבער מינוט אַרום האָבן זיך באַדאַרפט צעשרייען די סירענעס. האָט באַרני אַ ריב געטאָן די הענט, כדי צו דערוואַרימען אַ ביסל די פאַרפראָרענע פינגער, און זיך געגרייט צו דער אַרבעט. געזען אַז דאָס מיידל טרעט ניט אָפּ, האָט ער נאָכאַמאָל געזאָגט:

— איך מיין ערנסט. דו העלפֿ מיר בעסער צו צעטיילן די צירקולאַרן. עס וועט דויערן אַ פינף מינוט. נאָכדעם וועלן מיר ביידע אַריין אין אַ קאַפעטעריע. מיר וועלן זיך דערוואַרעמען און ריידן. צי דו האָסט קיין צייט ניט?

זי האָט זיך דריבנע פאַנאַנדערגעלאַכט. אָבער די בייסיקע קעלט האָט צעקרימט אירע ליפּן אין אַ פּיינלעכער גרימאַסע און ס'איז אויסגעקומען, ווי זי וואָלט געוויינט און געלאַכט אין דער זעלביקער צייט.

— צייט, ברודערל, איז געלט. איך בין דאָ אויף דער קעלט ניט אויס פאַרגעניגן. ס'איז געשעפט...

און זי האָט ווידער פּרובירט אַ לאַך טאָן. און דאָס געלעכטער איז נאָך ערגער אַרויסגעקומען. מיט אַ מיאוסן קוויטש.

אין דער רגע האָט אַ כריפּע געטאָן אַ סירענע און דורכגעשניטן די לופט מיט אַ צעשראָקענעם געשריי, פאַרגאַנגען זיך לאַנג און ביטער, ווי אַ צום טויט־פאַרפייניקטע חיה. און באַלד נאָכדעם האָבן שוין אין אַלע ריכטונגען פון דעם גאַנצן וואַסער־פראָנט אָנגעהויבן שרייען און אַריבערשרייען איינע די אַנדערע די סירענעס, ווי אָנגעזאָגט געפאַר.

באַרני איז אויפגעלעבט געוואָרן. אויסגעגלייכט דעם אַ ביסל צע־פאָרענעם פּאַק צירקולאַרן, גוט פאַרשפּיליעט אויף זיך דעם מאַנטל, נאָכ־אַמאָל אויסגעריבן די הענט און אפילו עטלעכע מאָל אַ בלאָז געטאָן מיט אַ וואַרעמען אָטעם אויף די שפּיצן פון די פינגער. און צום מיידל האָט ער גע־זאָגט:

— אַז דו שטייסט דאָ סיי ווי, פאָלג מיך, נעם אַ ביסל בלעטער. וועסט זיך דערוואַרעמען און וועסט אויך טאָן אַ גוטע זאַך.

— צום טייוול מיט אייער גוטער זאַך!

אָבער ער האָט ווי ניט געהערט אירע לעצטע ווערטער. אָפּגעטיילט עטלעכע הונדערט בלעטלעך און געזאָגט:

— נאַ, נעם. דו וועסט זיין אַ גרויסע הילף. איך וועל אַליין ניט פיל אויפטאָן. און באַנאַנד וועלן מיר אפשר אַלע צירקולאַרן אויסטיילן.

זי האָט זיך געקווענקלט: פאָלגן, אָדער מיט רציחה אַ שליידער טאָן אים די צירקולאַרן אין פּנים אַריין. ס'איז געווען אַ קורצע רגע פון וואַקלעניש, אומזיכערקייט און כעס. זי איז געווען אַ טראָציק מיידל. זי איז געווען פאַר־

ביטערט און ניט געוואָלט זיך אַזוי לייכט אונטערגעבן. אָבער קיין צייט צו טראַכטן איז שוין אויך ניט געווען. ער איז דאָ געשטאַנען איבער איר אין גרויס איילעניש.

— נאַ, נעם. נישקשה, מעגסט אויך אַ מאָל טאָן אַ שטיקל אַרבעט פאַר אַ גוטער זאַך... ע, דו טראַכסט צופיל. ס'איז ניטאָ קיין צייט.

דערווייל האָט פון דער עפענונג פונעם טויער אַרויסגעשפּאַרט, ווי אַ טונקעלע לאַווע, אַ מחנה אַרבעטער. גרופּעסווייז און איינציקווייז, מיט בלעכענע שפּייז־קעסטלעך אין די הענט און מיט פאַרקוועטשטע ליולקעס צווישן די ציין האָבן זיך געאיילט צו קומען אַהיים.

דאָס מיידל האָט שוין ניט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן די צירקולאַרן און האָט זיך מיט אימפּעט אַ וואָרף געטאָן צווישן די שפּאַצירנדיקע מענטשן. געטיילט, געטיילט, געטיילט, געאיילט און אויפגע־רעגט. געפילט אין זיך דאָס קלאַפּנדיקע האַרץ און די אויפגערעגטע בלוטן. שוין ניט געפילט די קעלט און אפילו פאַרגעסן אָן באַרנין. ערשט אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן זיי זיך צוזאַמענגעטראָפן. אויף אַ רגע האָבן זיך זייערע אויגן באַגעגנט. אָבער בלויז אויף אַ קורצער רגע, ווייל ס'איז ניט געווען קיין צייט צו טראַכטן. מענטשן זיינען געווען אַ סך און הענט זיינען געווען נאָר צוויי. ס'איז געווען אַ פריילעך שטיקל אַרבעט.

באַרני האָט געטיילט געשיקט רעכטס און לינקס. געזען ווי הענט שטרעקן זיך צו אים אין איילעניש, נעמען די צירקולאַרן, לויפן דורך מיט די אויגן די ערשטע רוף־שורות און לייגן אַריין די בלעטלעך אין די קעשענעס צו לייענען ביים היימישן ליכט. אין דעם אימפּעטיקן טיילן האָט באַרני אויך ניט פאַרגעסן אַ וואָרף צו טאָן זיין בליק אויף דער מיידל. געזען, ווי אירע דינע פאַרפראָרענע פינגער ראַנגלען זיך שטאַרק אָפּצוטיילן די בלעטלעך. אָבער זי האָט דאָס געטאָן אַזוי שנעל און אויפריכטיק ווי זי האָט נאָר געקאָנט. דאָס האָט אים הנאה געטאָן. ער האָט אפילו אין זיך אַ שמייכל געטאָן. אַזאַ מאָדנע מיידל איז דאָס געווען. אַזאַ טראַציקע. און אָט האָט זי געטיילט די צירקולאַרן. געווען אַ גרויסע הילף.

באַרני האָט אפילו איין מאָל דערהערט ווי אַן אַרבעטער האָט איר צו־געשריען:

— העי, מיידל, וואָס טיילסטו דאָ אויס, ליבע־בריוולעך?

און זי האָט שנעל און ניט אָפּשטעלנדיק דאָס אויסטיילן, געענטפערט:

— לייען איבער, באָדי, וועסטו קליגער ווערן....

אַן אַנדערער האָט איר צוגעשריען:

— וואָס דאַרף דיר אַרן די מלחמה? מיידלעך נעמט מען ניט אויף מלחמה...

און זי האָט ווידער שנעל געענטפערט:

— דאָס איז פאַר דיר. זאָלסט וויסן, פאַרוואָס דו גיסט אַוועק דיין לעבן.

געזאָגט און ווידער געטיילט, געטיילט. אירע פינגער זיינען פאַרן ביסל צייט דערוואָרעמט געוואָרן און האָבן זיך אויסגעלערנט אַפּצוטיילן פלינק און געשיקט בלעטל נאָך בלעטל.

די צייט איז געלאָפן שנעל. אין וויניקער ווי צען מינוטן איז שוין דער גאַנצער פלאַץ געווען ווידער ליידיק. בלויז עטלעכע פאַרשפּעטיקטע עלטערע אַרבעטער זיינען נאָך געקראָכן פונעם טויער. אַ האַלבער טוץ אָוועקגעוואָרפענע בלעטלעך האָבן זיך נאָך געוואַלגערט אויפן ברוק. דער ווינט האָט זיי אויפגעהויבן, אַ דריי געטאָן אין דער לופטן און אָוועקגעטראָגן זיי מיט אימפּעט איבער דער פּלאַזע, ערגעץ אין אַ וויטער פינצטערניש אַריין.

באַרני איז צוגעגאַנגען צום מיידל. זי איז געווען ווי אַ נאָענטע. די פרעמדקייט צו איר איז פאַרשוואונדן. זי איז געווען אייגן און נאָענט דורך דער גוטער אַרבעט, וואָס זיי האָבן ערשט געטאָן אינאיינעם. האָט ער פריידיק געזאָגט:

— אַ פיין שטיקל אַרבעט אָפּגעטאָן. האָסט צוגעלייגט אַ האַנט... ביסט וואונדערלעך, מיידל. און איך דאַנק דיר.

זי האָט אים שווייגנדיק איבערגעגעבן די איבערגעבליבענע ליפלעטס און געזאָגט אַ ביסל קאַלטלעך:

— דו האָסט דיינס אָפּגעטאָן. אָבער איך האָב נאָך מיינס ניט אָנגעהויבן.

ער האָט געזאָגט:

— זאָרג זיך ניט, חברטע. דו גייסט איצט מיט מיר. מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט?

זי האָט ווידער קאַלטלעך אָפּגעענטפערט:

— איך בין דיר ניט קיין חברטע. און איך האָב מיט דיר קיין זאַך ניט אָפּגערעדט.

ער האָט זיך אַ ביסל פאַרדריסלעך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— ניין, דו ביסט אַ חברטע. אָט האָסטו דאָך ערשט געטיילט צירקולאַרן... און נאָך ווי געטיילט!

— נו, איז וואָס? עסן קאָן מען ניט פון דעם. און קיין רענט קאָן מען אויך ניט צאָלן.

ער האָט זיך ברייט פאַנאַנדערגעלאַכט:

דאָס וואָס דו האָסט געטאָן איז וויכטיקער ווי עסן און רענט... אָבער עסן וועלן מיר סיי ווי. איך וועל דיך ניט אָפּלאָזן. מיר האָבן אָפּגעמאַכט, אַז נאָכן אויסטיילן די צירקולאַרן, וועלן מיר גיין אין אַ קאַפעטעריע.

און ער האָט ניט געוואַרט אויף איר ענטפער. ער האָט אויסגעגלייכט די פאַרבליבענע בלעטלעך, אַנגענומען זי פעסט אונטערן אָרעם. און זיי זיינען ביידע אַוועקגעגאַנגען איבער דער פּלאַזע צו דער נאָענטסטער באַלויכטענער גאַס. זיי זיינען געגאַנגען שנעל, ווי געאײַלטע פונעם ווינט און קעלט. פאַרביי זיי זיינען אין איילעניש געלאָפן פאַרשפּעטיקטע לאַסט־אויטאָמאָבילן.

מיט געפּערלעכער שנעלקייט איבערגעשניטן זייער וועג. זיי האָבן זיך, מיט שווערקייט, דורכגעריסן דורך די אויטאָמאָבילן און זייַנען אַרויף אויף דער גאַס.

זי האָט זיך געלאָזט פירן, געגאַנגען אין טראַט מיט באַרנין; מיט אַ האַלבן אויער צוגעהערט זיך צו זיינע זיכערע רייד, און פאַר זיך געטראַכט, אַז ער איז אַן אינטערעסאַנטער בחור. גאַר אַנדערש ווי אַנדערע. אַ רויטער. אַזעלכע מאָדנע מענטשן זייַנען געווען די רויטע... און מיט אים איז געווען גוט. געפילט, אַז די ביטערקייט שמעלצט זיך אין האַרצן. דאָס האַרץ ווערט ווייכער, נאָכגיביקער.

זיי זייַנען אַריין אין אַן אָרעמער קאַפעטעריע, וואָס האָט אויף זיך געטראָגן אַ שילדל: „דזשאָוס אָפּען קיטשען". ניט איבעריק ליכטיק, אָבער דערפאַר וואַרעם. פון אומעטום האָט געשטראָמט אַ שמעקעדיקע וואַרעמקייט, — פון גאַז־ברענער, פון דער פאַרע, וואָס האָט אַרויסגעשפּאַרט פון די קאָכעדיקע אלומינום־טעפּלעך און די פּרעגל־פּאַנען. דער קליינער צימער איז פול געווען מיט די ריחות פון אַלערליי געקעכצן, וואָס האָבן גערייצט דעם אַפּעטיט.

ס'איז געווען די וועטשערע־שעה. אַרבעטער זייַנען געזעסן אויף די הויכע שטולן ביים קאָונטער, און אַ צאָל האָט אויך פאַרנומען פלעצער אַרום די טישלעך, נאָענט לעבן וואַנט. עס איז געווען שטיל. מענטשן האָבן זשעדנע געשלונגען די שפּייז נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט. בלויז דער געקלאַפּ פון טעלער־לעפל־גאָפּל און מעסער און דאָס אויסשרייען פון די „אָרדערס" האָט געשטערט די שטילקייט. פרעמדע, שווערע, אָנגעכמורעטע פּנימער. פרעמדע אויגן האָבן געקוקט מיט מאָדנעם בליק אויף באַרנין מיטן מיידל. דאָ זייַנען אַלע עסערס געווען באַקאַנטע, און זיי האָט מען דאָ נאָך קיינמאָל ניט געזען.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן קאָונטער אויסצוקלייבן עפּעס צום עסן פון די שוואַרצע שפּייז־טאָוולען, וואָס זייַנען געהאַנגען אויף דער וואַנט אַנטקעגן. נאָכדעם האָבן זיי מיט די טאַצן שפּייז אין די הענט אויסגעזוכט אַ טישל לעבן וואַנט און האָבן זיך אַוועקגעזעצט עסן.

ערשט איצט האָט מען מיטן פולן בליק אַ קוק געטאָן איינער אויפן אַנדערן. ס'איז געווען אַזוי, ווי זיי וואָלטן זיך צום ערשטן מאָל דערזען. ביים ליכט פון לאָמפּן האָבן ביידע אויסגעזען אַנדערש. ערשט איצט האָט זיך איינער באַקענט מיטן אַנדערן נענטער.

ער האָט געזען: זי איז נאָך געווען גאָר אַ יונג מיידל. האָט געהאַט רויט־געפאַרבטע האָר און טונקעלע אויגן. אונטער די אויגן האָט זיך געבלאָט אַן אומעטיקייט. און אינגאַנצן איז זי געווען חנעוודיקער, ווי ער האָט דערוואַרט. אָבער ער האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט באַשטימען אין וואָס ס'איז באַשטאַנען איר חן.

און זי האָט אים אויך ערשט דאָ אַנטדעקט, ווי עס באַדאַרף צו זיין. ער איז געווען ניט קיין הויכער, מיט ברייטע פּלייצעס און מיט שנעלע, אומרו־איקע באַוועגונגען, וואָס האָבן דערציילט וועגן אַ סך ענערגיע און פלינקייט, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. און קיין מיאוסער איז ער אויך ניט געווען. ער האָט געהאַט קלוגע, פריילעכע אויגן. דערצו האָט ער נאָך פאַרמאָגט לעבן די אויגן עטלעכע זומער־שפּרינקלעך, וואָס האָבן ווי אונטערגעשטראָכן די קלוגקייט פון זיין בליק.

ער האָט אָוועקגעלייגט די צירקולאַרן אויפן טיש נאָענט לעבן זיך, מיט דער דרוק אַרויף־צו. זי האָט עטלעכע מאָל אַ וואָרף געטאָן איר בליק אויף די צירקולאַרן, און ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז ס'אַרט איר, וואָס אַלע וועלן די צירקולאַרן קאָנען זען. אָבער ער האָט זיי ניט צוגענומען. סע האָט אים אפילו הנאה געטאָן צו רייצן זיך מיט איר. און זי האָט זיך טאַקע געפילט אומבאַקוועם. אַליין ניט געוואוסט פאַרוואָס. זי האָט זיך געטראָפן מיט אַלערליי מענער, אפילו מיט געפערלעכע פאַרברעכער. און ס'איז געווען אַלצאיינס. אָבער דאָ איז זי געזעסן מיט איינעם, וואָס איז געווען קעגן דער מלחמה, קעגן דער „אָרדענונג", קעגן אַלץ... און אָט האָט ער אפילו אויסגעלייגט אָפן זיינע צירקולאַרן, און גאָר ניט מורא געהאַט צווישן די פרעמדע מענטשן... אַזאַ רויטער.

צום סוף האָט זי זיך טאַקע ניט איינגעהאַלטן. געזאָגט:

האָסט זיך צעלייגט מיט דיינע צירקולאַרן... דו, בעסער, באַהאַלט זיי.

— פאַרוואָס?

— ניטאָ מיט וואָס זיך אַרויסצושטעלן.

ער האָט געוואָלט אָזגן אַ שאַרף וואָרט. אָבער איינגעהאַלטן זיך. שנעל אָפּגעשאַצט איר באַקאַנטשאַפט מיטן ענין, איר בליבדן פאַראורטייל, איר אָפּגעשטאַנענקייט, איר לעבן. און אַנשטאָט צו ענטפערן אין איר טאָן, האָט ער פאַרזיכטיק גענומען דערקלערן די באַדייטונג פון די צירקולאַרן, דעם צוועק פון דער פאַרשטייענדיקער דעמאָנסטראַציע. ער האָט גערעדט געלאַסן אָבער ביסלעכווייז איז ער אַריין אין דער געוויינלעכער באַגייסטערונג, בעת עס איז אים אויסגעקומען צו באַרירן די אומגערעכטיקייטן פון דער עקזיס־טירנדיקער אָרדענונג. מיט הייסע ווערטער געשילדערט די אויסראָטונג פון מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס און רייכטימער. און צום סוף, אפשר גאָר ניט ווילנדיק, אויך אָנגערירט איר אייגן לעבן, וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער זעלביקער גרויזאַמער אָרדענונג פון זאַכן...

אירע אויגן זיינען טונקעלער געוואָרן. דאָס פּנים איז געוואָרן אָנגעצ־שטרענגט, ווי ביי אַ קאַץ, וואָס גרייט זיך צו מאַכן איר שפּרונג. געזאָגט:

— ווילסט מיך מאַכן פאַר אַ קאָמוניסטקע, בחור... לאָז אָפּ. און וועגן מיין לעבן דאַרפסטו ניט ריידן. ניט דיין דאגה.

ער האָט זיך אַנטשולדיקט:

— ביסט גערעכט. און איך אַנטשולדיק זיך. ס'איז ניט מיין דאגה. אָבער איך זאָג דיר: האָסט זיך מיט אונדז באַדאַרפט באַקענען. וועסט זיך צו אונדז דערנעענטערן, וועסטו אַליין ווערן גאָר אַן אַנדערע. וועסט אָנהויבן אַנדערש צו לעבן...

זי האָט ווידער אַ שפּיז געטאָן מיט די אויגן:

— און אַז איך וויל אַנדערש ניט ווערן? פון וואַנען ווייסטו, אַז איך וויל ווערן אַנדערש? איך זע, דו ביסט אויך פון יענע, וואָס ווילן מיך איבערמאַכן, מאַכן פון מיר אַן אַנשטענדיקן מענטשן... אַלע זוכט איר מיין טובה. עפּעס זוכט איר צופיל מיין טובה... אַ דאַנק, איך וויל ניט. און דערצו האָב איך עס שוין געהערט פון הונדערטער. אַלע זינגט איר איין לידל. אָבער, אַז עס קומט צו עפּעס — זייט איר אַלע גלייך.

ער האָט זיך פאַרלאָרן. געזאָגט:

— כ'שווער, אַז איך האָב דיר ניט געוואָלט ווי טאָן. אַנטשולדיק.

און אַליין ניט ווּסנדיק פאַרוואָס, אויסגעשטרעקט איר די האַנט:

— אַנטשולדיק.

זי האָט אַ שמייכל געטאָן און אָנגענומען די האַנט. זיין זשעסט איז איר זייער געפעלן געוואָרן. אין דעם איז געווען עפּעס קינדישעס. אַזוי האָט זי אין דער קינדהייט געשלאָסן שלום. זי האָט געהאַלטן זיין האַנט און גע־שמייכלט. און ער האָט אויך געשמייכלט. זיי האָבן אַ היפּשע ווײַלע געהאַלטן די הענט און ניט אויפגעהערט צו קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן אַריין.

ענדלעך האָט ער זיך ווי דערמאָנט:

— הער, היינט איז אין אונדזער קלוב אַ קאָנצערט און טאַנץ. אַז איך וועל דיך איינלאַדן, וועסטו מיט מיר גיין?

זי האָט אַרויסגענומען איר האַנט פון זיינער. אַ ווײַלע געטראַכט:

— דאָרטן וועלן מסתמא זיין אַ סך קאָמוניסטן. און איך...

ער האָט ניט געלאָזט ריידן:

— און אַז קאָמוניסטן, איז וואָס? וועסט זיך מיט אונדז באַקענען נעענטער, וועסטו וועגן אונדז האָבן אַן אַנדער מיינונג.

— איר זייט אַנדערע מענטשן... און איך בין ניט פון די אייעריקע.

ער האָט זי גענומען איינריידן:

— ביי אונדז זיינען אַלע גלייך, וועסט זיך מיט אונדז פילן ווי אינדערהיים.

זי האָט זיך ניט געלאָזט איבערריידן:

און זי האָט ווידער שנעל געענטפערט:

— איך בין ניט אָנגעטאָן פאַר אַ טאַנץ.

— דאָס איז גאָר ניט. ביי אונדז קוקט מען ניט אויף קליידונג. ווי איינער איז אָנגעטאָן איז גוט. ס'איז אַ פּריוואַטע זאַך. מיר זיינען ניט קיין אַריסטאָ־קראַטן, וואָס מיר זאָלן צו יעדער געלעגנהייט פּוצן זיך אין אַנדערע קליידער.

— אָבער איך בין ניט אין דער שטימונג. אַז אַ מענטש גייט צו אַ טאַנץ, דאַרף ער זיין אין דער שטימונג פאַר אַ טאַנץ.

— און דאָס איז אויך גאָר ניט. מיטן ערשטן טאַנץ וועט קומען די שטימונג. זאָג צו, אַז דו וועסט זיין מיין פּאַרטנער, און מיר וועלן פאַרברענגען דעם אָוונט אינאייגעם. און נאָכדעם וועל איך דיך אָפּפירן אַהיים. וואו וואוינסטו?

זי האָט אַ שמייכל געטאָן:

— ווילסט צופיל וויסן. האָסט נאָך מיך ניט אויסגענומען, און ווילסט שוין וויסן מיין אַדרעס. אַלע בחורים זיינען אַזוי. פריער ווילן זיי וויסן דעם אַדרעס און נאָכדעם — דעם גאַנצן יחוס: די גאַנצע געשיכטע פון דיין לעבן ווילן זיי וויסן. ניין. איך וועל דיר ניט אויסזאָגן. וועסט אַנטוישט ווערן...

— נו, דאַרף מען ניט. אָבער גיין מיט מיר דאַרפסטו.

— ניין. איך דאַרף ניט.

— ביסט אַ טראַציק מיידל.

— אָט אַזאַ בין איך. און ס'איז מיין עסק.

באַרני האָט אָפּגעשוויגן. דערווייל איז מען פאַרטיק געוואָרן מיטן עסן.ביידע האָבן זיך פאַר דער צייט דערוואַרעמט. אירע באַקן האָבן אַ ביסל געפלאַמט. זי האָט אַרויסגענומען פונעם האַנט-טאַש אַ שפּיגעלע און זיך אָנגעקוקט. אַ מינוט געווען אינגאַנצן פאַרטאָן מיט זיך אַליין. ווי ער וואָלט גאָר דערביי ניט געווען. פאַרריכט דאָס היטעלע אויפן קאָפּ, פאַרשאַרט די לאָקן אַרום די שלייפן, אָנגעפּודערט די נאָז, די באַקן מיט ראָזאָווער פּודרע, צוגעפאַרבט מיט אַ רויט שטעקעלע די ליפּן. ער איז געזעסן און שווייגנדיק נאָכגעפאָלגט די באַוועגונגען פון אירע הענט מיט דינע, פון קעלט פאַר־רויטלטע פינגער. געפילט צו איר אַ נאָענטקייט. ווען זי איז אינגאַנצן פאַרטיק געוואָרן און האָט באַהאַלטן אין האַנט-טאַש די קלייניקייטן פון איר טואַלעט, האָט זי אויפגעהויבן אירע אויגן אויף אים און מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— נו, אָט האָב איך אַ ביסל באַהאַלטן מיין מיאוסקייט...

ער האָט צוגעוואָרפן:

— ביסט אַ שיין מיידל. נישקשה. און ניט קיין נאַר אַלס צוגאָב. אָבער אַן עקשן.

— אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט. און פאַרן מאַלצייט...

געזאָגט, און אויפגעהויבן זיך. ער האָט זי אָבער אָפּגעהאַלטן:

— וואוהין אײַלסטו זיך? זיץ נאָך אַ ווײַלע. מיר דאַרפן נאָך קומען צו אַ טאָלק: איז וואָס איז פאַרט געבליבן? — גייען מיר צום קאָנצערט און טאַנץ? זיי אַ „ספּאָרט" און זאָג: יאָ. צוליב אונדזער באַגעגעניש און פריינטשאַפט זאָג: יאָ.

און זי האָט זיך ווידער אויפגעהויבן. ער איז געווען צופרידן. אַ קוק געטאָן אויף איר מיט דאַנקבאַרקייט און גענומען איר העלפן מיטן מאַנטל. ביידע זיינען געווען גרייט אַרויסצוגיין. זי האָט אָבער דערמאָנט:

— פאַרגעס ניט די צירקולאַרן אויפן טיש. ביסט אַזוי פאַרנומען מיטן טאַנץ, אַז דו ביסט גרייט צו פאַרגעסן דיינע פליכטן...

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די צירקולאַרן און זיי אַריינגעשפּאַרט אין קעשענע פון זיין מאַנטל און זיי זיינען אַרויס פון דעם רעסטאָראַנדל.

אויף דער גאַס האָט זיך אויף זיי אַרויפגעוואָרפן אַ ביטערע קעלט. אַ פּראָסטיקער ווינט האָט זיך אַ ריס געטאָן צווישן זיי ביידן און אַ רגע פאַר־האַלטן זייערע טריט. באַרני האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס מיידל אונטערן אָרעם און אַוועק מיט איר איבער דער גאַס צו דער נאָענטסטער באַן־סטאַנציע. ביידע זיינען איצט געווען נאָענט. דער מיידל איז געווען זייער קאַלט. זי האָט זיך שטאַרק געדריקט צו אים. די פרעמדקייט איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן. די פאַרעקשנטקייט אין איר איז אויך אויסגעלאָשן געוואָרן. ס'איז געווען ווי זיי וואָלטן זיך שוין געקענט ווער ווייס וויפל יאָרן. און פון דעם איז געווען גוט. נאָר דער שניידנדיקער ווינט האָט ניט אויפגעהערט אָנצויאָגן אויף זיי זיינע פּראָסטיקע כוואַליעס. האָט זי געזאָגט:

— אוי, וואָס פאַר אַ ביטערע קעלט. קוים וואָס איך כאַפּ דעם אָטעם.

ער האָט צוליב עפּעס מיט לייכטן פאַרוואורף געענטפערט:

— אָט זעסטו: האָסט ניט געוואָלט גיין. אין אַ האַלבער שעה אַרום וועלן מיר זיין אין אַ וואַרימען זאַל. מוזיק וועט שפּילן. און ס'וועט זיין פריילעך.

זי האָט דערפילט צו אים אַ דאַנקבאַרקייט. זי האָט געזען: דער מענטש איז געווען אויפריכטיק. וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען אָן פּאָזע. האָט זי ניט געענטפערט. נאָר אַ ביסל שטאַרקער זיך צוגעדריקט צו אים, ווי זי וואָלט וועלן מיט דעם אויסדריקן איר איינשטימיקייט און אויך איר דאַנק־באַרקייט. און ביידע זיינען אַזוי, אָן ווערטער, צוגעקומען ביז דער סטאַנציע.

ערשט אויף דער פּלאַטפאָרמע, וואַרטנדיק אויף דער באַן, האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו איר מיטן פּנים. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט און זיינען אויף אַ ווײַלע פאַרלאָרן געגאַנגען איינע אין די אַנדערע. נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— ווי רופט מען דיך

— מרים.

— און מיך רופט מען באַרני.

און אין אַ ווײַלע אַרום:

— דו ווייסט, מרים, איך בין זייער צופרידן וואָס איך האָב דיך היינט באַגעגנט.

און זי האָט, ווי אַן עכאָ, אויך אָפּגעענטפערט:

— און איך בין אויך צופרידן, באַרני, וואָס איך האָב דיך היינט באַגעגנט.

ביידע האָבן זיך הויך אויפן קול פאַנאַנדערגעלאַכט. ביידן איז מיט אַ מאָל געוואָרען פריילעך. ביידן איז געוואָרן גוט און לייכט אינעם צווייטנס אַנוועזנהייט.

אַ באַן איז אָנגעלאָפן מיט אַ געררודער. מרים און באַרני זיינען אַריין אין וואַגאָן. נאָך זיי האָט זיך צוגעמאַכט די טיר, און די באַן איז אַוועקגעלאָפן אין דער ריכטונג פון מאַנהעטן.

1934

שוואַרץ און ווייס

אין דרויסן איז געשטאַנען אַ יונגער פרילינג־טאָג און מיט ליכטיקע אויגן אַריינגעקוקט דורך די אָפענע פענצטער אין הויז אַריין. צעלייגט אויף ווענט און דילן שפּילעוודיקע פלעקן פון קוועלנדיקן גינגאָלד.

ווילי, אַן איבערגעוואַקסן גביריש בחורל פון אַ יאָר ניינצן, איז געלעגן אויף דער סאָפע מיט אַ צייטונג אין דער האַנט און ניט געקאָנט לייענען. אין קאָפּ איז קיין זאַך ניט געקראָכן. די וועלט אַרום אים איז געווען ווייט און אומרעאַל, ווי אַ ווייטער חלום. יעדן גליד זיינעם האָט געצויגן אַ זיסע מידקייט, און דעם גאַנצן קערפּער האָט אַרומגענומען אַזאַ מאָדנע הנאה, ווי ער וואָלט געפילט ס׳איגענע וואַקסן.

אין צימער איז אַריינגעקומען דאָס נעגערשע דינסטמיידל מיט באַרשט און מיט שמאַטעס אויפצוראַמען דעם צימער, אַראָפּווישן דעם שטויב פון די געזימסן און איינשטעלן אין אָרדענונג דאָס פאַנאַנדערגערוקטע מעבל. ס׳איז געווען אַ טעגלעכע רוטין. יעדן טאָג איז זי אין דער זעלביקער צייט אַריינגעקומען אין דעם צימער צו טאָן די זעלביקע אַרבעט. אָבער איצט איז ווילי דאָ געלעגן מיט זיין צייטונג. האָט זי זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— כ׳האָף, אַז איך וועל ניט שטערן.

יענער האָט שנעל געענטפערט:

— מיך אַרט ניט. קאָנסט טאָן דיין אַרבעט.

זי האָט שווייגנדיק זיך גענומען צו דער אַרבעט. מיט געמאָסטענע באַוועגונגען פון איר טונקעלן קערפּער האָט זי אַרומגעשוועבט איבערן צימער און שטיל, זייער שטיל, אונטערגעברומט עפּעס אַ ווייטע, אומבאַ־שטימטע מעלאָדיע. געטאָן די אַרבעט און געהאַלטן זיך, ווי זי וואָלט אינעם צימער געווען אַליין. קיין איין מאָל ניט אַ קוק געטאָן אויף ווילין.

אָבער ווילי האָט פון איר ניט אַראָפּגענומען זיין בליק. פול געווען מיט אַ מאָדנער הונגעריקער נייגעריקייט. זי איז געווען אַ זייער טונקל־הויטיקע. שוואַרצע האָר, שטייפע, ווי דין־געקרייזלטע דראָט, מיט אַ גלאַנציקייט איבער זיי, ווי זיי וואָלטן ערשט היינט אָפּגעטונקט געוואָרן אין אַ דינעם שיכט פון גלאַנציקן עמאַל. די ברוינע הויט איז געווען גלאַט. די ליפּן — גראָב און טונקל, און שטייף. שטייפע, ברייטע היפּטן און שטייפע בריסט. אַ קערפּער, וואָס האָט צעטראָגן איבערן צימער אַ וואַרעמקייט און אַן אומ־

רואיקייט פון געזונטן לייב. די טונקעלע אויגן האָבן געשוויגן, פאַרשוויגן פרעמדקייט און סוד — סוד פון אויפגערעגט בלוט.

ער האָט מיט זשעדנע אויגן באַגלייט אירע באַוועגונגען און איז געוועזן אומרואיק. זי האָט געאַרבעט לאַנגזאַם און געניט. מיט זיכערקייט און געמיטלעכקייט אין יעדן קער און ריר. און געוועזן אַ פרעמדע. און אויך דאָס ליד, וואָס זי האָט אונטערגעברומט איז געוועזן ווייט און פרעמד:

— אָ־אָ, אי־י, או־ו־ו... או־ו־ו... אי־י־י... אָ־אָ!...

זי האָט זיך איינגעבויגן, און ס׳האָבן זיך פאַרמירט געזונטע היפטן. רונדע פיס האָבן אַנטפּלעקט שיינקייט. זי האָט פאַרהויבן די הענט, און ס׳האָבן זיך ציטערדיק אויסגערונדט די פולע בריסט און דאָס קיילעכדיקע בערגל פון איר ברייטן בויך. ס׳איז געוועזן אַזאַ שפּיל פון פרויען־קערפּער אין דער אומגעצוואונגענער באַוועגונג פון אַרבעט, וואָס האָט זיך דורכן דינעם ציצענעם קלייד אַנטפּלעקט אין דער פולער פּלאַסטישקייט פון יעדן גליד באַזונדער און זיך אָפּגערופן מיט פריידיקער פיין אינעם בחורס האַרצן.

דאָס דינסט־מיידל האָט דערפילט אויף זיך זיינע בליקן. זי האָט עטלעכע מאָל אַ שאָס געטאָן פון דער זייט מיט אירע ווייסלען, און זיך ווייטער געמיטלעך געאַרבעט, אַ פרעמדע, אונטערזינגענדיק איר אומפאַרשטענד־לעכע מעלאָדיע, אין וועלכער ס׳איז ניט געווען קיין באַזונדער שיינקייט, קיין טרויער און קיין פרייד, נאָר רויע בענקשאַפט. בענקשאַפט נאָך ווייטער פרייד. ווייל ס׳איז געווען אַ סך פרייד אויפן הימל און אויף דער ערד. און ווייל אין דרויסן האָט געשיינט די זון און אַריינגעוואָרפן דורכן פענצטער אויפן דיל גינגאָלדענע פלעקן. הינטער די ווענט האָט געבלויט אַ לויטערער הימל. ס׳איז געווען ליבע און פרילינג אויף דער וועלט. און עמיצער, אַ טונקעלער, אַזאַ ווי זי, איז געווען אויף דער וועלט, וואָס האָט געטראָגן ליכטיקייט פאַר איר אונטער זיין ברוינער הויט און וואַרעמקייט אין זיינע גלידער.

— אָ־אָ... או־ו־ו... און אָ־אי־י־י... או־ו־ו־...

אָ, ס׳איז געווען אַ וועלט פון פליינען און פון בערג. גערטנער זיינען געווען אויסגעפּוצט אין גראָז און אין בלומען, אויסגעפּאַרבטע אין קאָלירן פון שפּילעוודיקע פּאַטשערקעס. און ס׳האָט געשפּאַנט עמיצער, אַ טונקל־הויטיקער אַזאַ, ווי זי, מיט הייסן אָטעם איבער ווייטע וועגן, מיט גאַרעניש אין מוסקולן פון בראָנז, געגענט פון ווייטן דיקסי־לאַנד איבער שטויביקן וועג, צו קומען און דערפרייען, צו וועקן גאַרעניש און רייפע ווייבלעכקייט אין רייפע גלידער.

זי האָט געאַרבעט אונטער אַ שלייער פון אומעט. דער ניגון האָט זיך איבערגעריסן. זי איז געווען פאַרטאָן, איבערן פנים האָט זיך אויסגעלייגט אַן ערנסטקייט פון אַ מענטשן וואָס איילט זיך צו פאַרענדיקן אַן אַרבעט. נאָר דער קערפּער איז געבליבן דער זעלביקער אינעם ענגן, דינעם ציצענעם קלייד — רייצנדיק און פּראַסט.

ווילי האָט אויף אַ ווײַלע פֿאַרמאַכט די אויגן. געלעגן ווי אין אַ פֿאַר־שיכורונג. מיט פֿאַרמאַכטע אויגן האָט ער זי געזען נאָך בעסער, נאָך בולטער. געקאָנט צונויפֿשמעלצן בילדער אין אַ געוועב. געבן גאַנצקייט. און ער האָט ווידער דערהערט איר שטילן אָפּגעריסענעם ניגון. זי איז געווען נאָענט. זי האָט געאַרבעט אַרום דער סאָפֿע, וואו ער איז געלעגן. און ווידער געצויגן איר מעלאָדיע:

— אָ־או־ו־ו... און אָ־אָו־ו־ו...

אָ, ער וועט קומען, ער וועט קומען. מיט אַ בענדזשאָ אונטערן אָרעם וועט ער קומען. מיט אַ ליד אין האַרצן — צו דערפֿרייען און פֿאַרוואונדערן. מיטן זיסן אומעט פֿונעם ווייטן דיקסי־לאַנד, מיט צאַרטער בענקשאַפֿט פֿון דיקסיס זוניקע פֿליינען, מיטן שטויב פֿון דיקסיס שטויביקע וועגן, צו דער־פֿרייען און פֿאַרוואונדערן...

זי איז געווען זייער נאָענט. פֿון איר האָט געטראָגן אַ ריח פֿון מאַנדל־אויל. ס׳האָט געררייצט דער ריח פֿון מאַנדל־אויל. ווי עפּעס אַ פֿאַרשיכורנדיקע עקזאָטישע פֿלאַנץ. ס׳האָט גערעגט און געמאַטערט איר נאָענטקייט. ער האָט געקאָנט דערגרייכן אַ סך זאַכן אין זיין יונגן לעבן. ער האָט גענומען פֿונעם לעבן אַלץ, וואָס ער האָט געקאָנט. און דאָ איז געווען אָט־דאָס דינסט־מיידל, אַ נעגערטע, און דער וועג צו איר איז געווען ווייט און שווער. זי איז געווען באַזונדער און ער איז געווען באַזונדער.

פּלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן זי פֿאַר אַ האַנט און צוגעצויגן זי צו זיך אַ ביסל:

— ווייסט, דזשין, דו געפֿעלסט מיר. ביסט אַ שיינע...

זי האָט ניט אַרויסגעריסן די האַנט. געשטאַנען איבער אים מיט אַן אָפֿענעם בליק, ווי זי וואָלט אים צום ערשטן מאָל אין איר לעבן אָנגעקוקט. נאָכדעם געזאָגט:

— ניטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן... איך געפֿעל אים... און איך בין אַ שיינע... כעו! האָסטו אַמאָל געזען אַזוינס? — אַ שיינע נעגערטע! כי־כי־כי!

איר בויך האָט זיך געשאָקלט פֿון געלעכטער. אירע בריסטן האָבן זיך געוואָרפֿן הין־און־צוריק פֿון אַ הילכיקן, קוויטשיקן געלעכטער, אין וועלכן ס׳איז געווען אומצוטרוי און איינגעהאַלטענע באַליידיקונג. אָבער איצט האָט עס אים שוין ניט געאַרט. ער האָט זי מיט אַ שנעלער באַוועגונג אַרום־געכאַפּט און צוגעצויגן צו זיך נאָענט און הייס. די וואַרעמקייט פֿון איר קערפּער האָט אויף אַ לאַנגער רגע אַרומגענומען זיין יעדן גליד מיט זודיקער רעגונג. אויף אים האָט נאָך אַ מאָל אַן אָטעם געטאָן מיט מאַנדל־אויל־ריח. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, אויג־צו־אויג. און זיינען אויף אַ ווײַלע דערטרונקען געוואָרן איינער אין דעם אַנדערן. נאָכדעם האָט ער דערזען, אַז אירע אויגן זיינען טונקעלער געוואָרן. נאָך פֿרעמדער, געזאָגט:

— לאָז אָפּ.

ער האָט ניט געוואָלט נאָכגעבן:

— כ׳וועל ניט אָפּלאָזן.

זי האָט זיך פּרובירט אַרויסרייסן. איר ברוסט האָט זיך שטאַרק געהויבן פון אָנשטרענגונג און רעגונג. אונטער דער טונקלקייט פון איר הויט זיינען אַרומגעלאָפן שטראָמעלעך. די שוואַרצאַפּלען פון אירע אויגן האָט באַדעקט אַ גלאַנציקע פייכטקייט. אין איר האָבן זיך געראַנגלט פאַרלוירנקייט און שרעק. אָבער ער האָט זי ניט אָפּגעלאָזט. געפילט נאָך נעענטער איבער זיך איר הייסן אָטעם, און די וואַרעמקייט פון איר קערפּער האָט זיך צעגאָסן איבער זיינע בלוטן אין זודיקע שטראָמען. דער ריח פון מאַנדל־אויל, געמישט מיט געזונטן שוויס, האָבן געשכורט. שטייפקייט פון לענדן האָט באַצוואונגען.

— לאָז אָפּ. איך בעט: לאָז אָפּ... אָט וועט אימיצער אַריינקומען...

— קיינער איז אין הויז ניטאָ. און איך וועל ניט אָפּלאָזן.

— אָ, יעזוס הייליקער... ניטע... ניטע... אַ גאָט!

ניין. זי האָט זיך באַדאַרפט באַפרייען. אימיצער האָט געקאָנט אַריינ־קומען. די מאַמע זיינע וועט אַריינקומען. אַזאַ שאַנד. און מ׳וועט זי אָפּזאָגן. מ׳וועט זי גלייך אַרויסטרייבן פון הויז, ווי די סאַמע ערגסטע... אַזאַ שאַנד... און ער איז אַזאַ געזונטער בחור. אַזעלכע שטאָלענע אָרעמס. אָי, ער וועט ניט אָפּלאָזן. ער וועט זיכער ניט אָפּלאָזן... יעזוס הייליקער!

איצט האָט זי זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין. אַזאַ שוואַכקייט איז באַ־פאַלן איר קערפּער, יעדן גליד באַזונדער. אַזאַ נאָכגיביקייט, ווי אַ באַצווינ־גענדיקער שלאָף וואָלט איינגעשלעפּערט אין איר יעדן ביסל ווידערשטאַנד. זיך נאָך אַ מאָל דערמאָנט:

— מ׳וועט אָפּזאָגן... האָב רחמנות, אַזאַ שאַנד...

מיטן סאַמע לעצטן ביסל כוחות זיך געריסן. געשטויסן אים פון זיך מיט די הענט, מיט די קני, געבריקעט זיך, ווי אַ מענטש וואָס מוז זיך אַרויסרייסן פון אַ פאַרלאָקנדיקער געפאַר, און אַנטלויפן. געריסן זיך פון זיינע אָרעמס און געבעטן זיך:

— אָ, זיי אַ גוטער... האָב רחמנות, זיי אַ גוטער... לאָז אָפּ...

זיינע אָרעמס האָבן נאָכגעגעבן. זי האָט זיך אָפּגעריסן פון אים, אויפגע־שפּרונגען אויף די פיס און געבליבן שטיין לעבן דער סאָפע, אַ צעשויבערטע, אַן אָפּגעשוואַכטע, און קוים געהאַלטן זיך אויף די פיס. אין פאַרלוירנקייט איינגעבויגן זיך און גענומען אויסגלייכן דאָס צעקנייטשטע, עטוואָס פאַר־הויבענע קליידל. מיט שווערקייט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם.

נאָכדעם אויפגעהויבן די הענט צום קאָפּ אין אַ באַוועגונג צו פאַרריכטן די צעשויבערטע האָר — אַזעלכע שוואַרצע הענט, מיט העלע, אַ ביסל געלב־לעכע פלאַכן, וואָס פון זיי איז געוועזן אָפּגעשייערט, דורך שטענדיקער אַרבעט, די נאַטירלעכע שוואַרצקייט. די שטייפע, ניט־נאָכגיביקע, האָר האָבן זיך ניט

געלאָזט ברענגען אין אָרדנונג. די אָפּגעשוואַכטע, אַ ביסל ציטערנדיקע פינגער האָבן זיך הילפלאָז געפּלאָנטערט.

דער בחור האָט אַראָפּגעלאָזן זיינע פיס פון דער סאָפע און געבליבן זיצן מיט אַ פּנים, וואָס איז געווען רויט פון אָנשטרענגונג, רעגונג און רוגזה. בייז געזאָגט:

— מ׳וואָלט געקאָנט מיינען, ביסט אַ גאַנצע צנועה... אַזאַ הייליקע יונגפרוי... מ׳האָט שוין געזען אַזעלכע שיינקייטן...

פון אים האָט געאָטעמט מיט שנאה און פאַרדרוס. זיינע רייד האָבן איצט באַליידיקט. אין זיין פּרעכער באַנעמונג פריער איז גאָר ניט געווען קיין באַליידיקונג. אָבער איצט האָבן זיינע ווערטער פיינלעך באַליידיקט. אין זיינע רייד איז געווען חוזק. זי איז געוואָרן שטייף. אַ בליץ געטאָן מיט די ווייסלעך:

— וואָסי, דיר האָט זיך פאַרגלוסט אַ ביסל שוואַרץ לייב...

ער האָט בייז אַ געשריי געטאָן:

— מאַך צו ס׳מויל! דו...

ער האָט ניט פאַרענדיקט. אויפגעהויבן זיך, און אַרויסגייענדיק מיט שנעלע טריט פון צימער, מיט כעס אַ וואָרף געטאָן אויף איר:

— אַזאַ שוואַרצע קו!...

און ס׳איז געווען, ווי ער וואָלט עפּעס אַ שווערע זאַך, אַ שליידער געטאָן אין איר האַרצן אריין. ווייל זי האָט זיך פּלוצלונג אַ זעץ געטאָן אויפן ברעג פון דער סאָפע, צוגעדעקט מיט די פלאַכן פון די הענט דעם פּנים און זיך פאַרגאַנגען אין אַ ביטערן געוויין. געוויינט, געוויינט...

און נאָכדעם, אַז זי האָט אַראָפּגענומען די הענט פונעם פאַרווייניטן פּנים, האָט זי געזען: די זון־פלעקן, וואָס זיינען פריער געלעגן אויפן דיל און אויף די ווענט, האָבן זיך אַרונטערגערוקט נידעריקער און זיינען געוואָרן קלענער און טונקעלער. אויפן דיל האָט זיך געוואַלגערט די באַרשט, און צעוואָרפענע זיינען געלעגן די שמאַטעס, פאַרשעמטע.

אין האַרצן האָט געווייטיקט אַ פּוסטקייט און באַליידיקונג.

1937

דאָס רינגעלע

פּעטריק סוליוואַן, אַ ריוועטער ביי בריק־בויאונג, איז געווען אַ גרויס־געוויקסיקער מאַן, מיט אומגעלומפּערט־גרויסע אַקסלען און ריזיקע הענט און אָרעמס. מיט אַ ברייטן, גוטמוטיקן פּנים.

די ווייב זיינע, מערי, איז געווען אַ קליינע, אַ רירעווּדיקע און זייער אַ פֿאַרהאָרעוועטע פרוי. אינדערפרי פלעגט זי אויפשטיין פריער פאַרן מאַן און קינדער, און גלייך זיך נעמען צו דער שטויביקער אַרבעט און אַזוי אַריינ־געאַרבעט ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין. און אפילו ביינאַכט, ווען זי פלעגט איינלייגן די קינדער שלאָפן, און דעם מאַנס מוראדיקער כראָפּען האָט זיך שוין צעטראָגן איבער אַלע צימערן, האָט נאָך מערי באַדאַרפט פאַרענדיקן איר טאָג אַרבעט — אויפראַמען די קיך, וואַשן און צעהענגען קינדערשע קליידער און ווינדעלעך צו טריקענען.

ערשט נאָכדעם פלעגט זי שטילערהייט, מיט פאַרזיכט אין יעדן מידן גליד אירן, אַריינשלייכן צום מאַן אין בעט, אַריינטוליען זיך אונטער דער קאָלדרע און פאַרלאָרנגיין אין דער וואַרעמקייט, וואָס האָט געשטראָמט פונעם מאַנס גרויסן קערפּער. דער מאַן האָט קיינמאָל ביט געוואוסט, אַז מערי האָט זיך לעבן אים אַוועקגעלייגט. פּעטריק האָט נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט אויף דער בריק־בויאונג געהאַט אַ שטאַרקן שלאָף און פלעגט איבעררייסן זיין שלאָף ערשט ווייט נאָך האַלבער נאַכט און אַמאָל — שוין צו טאָג־צו. פלעגט ער אַ ריר טאָן זיין שווערן קערפּער און דערפילן לעבן זיך די ווייב. זיינע גרויסע אָרעמס פלעגן דאַן אַרומכאַפּן איר קליינעם קינדישן קערפּער, צודריקן צו זיך, און ס'איז געווען ווי עפּעס אַ ריזיקע חיה וואָלט באַהאַלטן אונטער זיך אַ קליין, שוואַך באַשעפעניש. איר איז פון דעם געווען אָנגענעם. אין זיין אומאָרמונג איז געווען ליידנשאַפט און גבורה און ס'איז איר גוט געווען פאַרלאָרנצוגיין אין זיין גרויסער מענלעכער ליידנשאַפט. ער פלעגט זי באַגערן אָן ווערטער, און זי האָט זיך אָן ווערטער אונטערגעגעבן. דאָס איז געווען זיין ליבע. און דאָס איז אויך געווען איר ליבע צו אים. און זי איז אַלע מאָל געווען אַ געטרייע ווייב. האָט אים אַלע מאָל געוואָלט געהאָווירן. געווען אַ גוטע ווייב אין הויז און אַ גוטע ווייב — אין בעט.

און ער איז געווען אַזאַ גרויסער און זי — אַ קליינע. און אין די גוטע מאָמענטן האָט ער זי דערפאַר ליב געהאַט צו רופן — קליינטשינקע. מיין קליינטשינקע...

דעם ערשטן יאָר נאָך זייער חתונה האָט ער זיך ליב געהאַט מיט איר

אַרומצושפּילן, ווי מיט אַ קינד. ער פלעגט זי נעמען אויף די הענט, אַרומטראָגן זיך מיט איר, זעצן זי אויף זיינע אַקסלען, וואַרפן זי אין דער לופטן און אונטערכאַפּן זי, ווי אַ יאַריק קינד. און ס׳איז געווען טשיקאַווע: — אַזאַ קליינינקע מיידעלע איז גאַר געווען זיין ווייב... זי האָט פון זיינע שטיק הנאה געהאַט, געלאַכט און געקוויטשעט, ווי זי וואָלט אין דער אמתן געווען אַ קליין קינד. און דערפאַר האָט ער זי טאַקע אַ נאָמען געגעבן „ליטל־וואָן". אַזאַ באַזונדער נאָמען, מיט וועלכן אים איז געווען אָנגענעם זי צו רופן: קליינטשינקע...

אָבער נאָכדעם זיינען געבאָרן געוואָרן קינדער. ס׳זיינען צוגעקומען זאָרגן. פּעטריק האָט באַדאַרפט זייער שווער אַרבעטן צו פאַרזאָרגן ווייב און קינדער און הויז. אַלע מאָל האָט ער באַדאַרפט אַרבעטן. אַרבעט איז געווען — לעבן. און ער האָט ניט אַליין באַדאַרפט לעבן. קינדער האָבן באַדאַרפט האָבן אַ שוך און אַ קלייד און אַ דאָקטאָר.

פּעטריק איז געווען אַ ריוועטער אויף אַ בריק־בויאונג. ער האָט שוין יאָרן געאַרבעט אויף בריקן. אויף די גרעסטע בריקן אין שטאָט האָט ער שוין געאַרבעט. — אויף דער דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, אויף דער טריי־באָראָ און איצט — אויף אַ בריק איבערן בראָנקס־ריווער. און ס׳איז געווען אַ שווערע אַרבעט צו ריוועטן בריק־קאָנסטרוקציעס. מען האָט געדאַרפט קריכן מיט דער שווערער ריוועט־מאַשין, וויקלען דעם קערפּער מיט די ווינט־רערן, ווי מיט שווערע שלאַנגען, קלעטערן איבער הענגענדיקע רעשטאָ־וואַניעס, איבער שטאָלענע שטאַבעס, אין אַ געפלעכט פון שטאָל און אייזן איבערן טייכיקן אָפּגרונט. ער פלעגט מיט זיינע ריזיקע מאַלפּישע הענט איינ־קלאַמערן זיך אינעם רויט־געפאַרבטן שטאָל, אַרויפכאַפּן זיך רייטנדיק אויף די שטאַבעס, ווי אויף שטאָלענע פערד, איינפעסטיקן זיך מיט די מוסקולן פון די פיס, — ער פון איין זייט און זיין חבר־אַרבעטער, דער „האָלדער־אָן", פון דער צווייטער זייט, און נייען־צונויפנייען מיט גליענדיקע ריוועטס שטאָל צו שטאָל, אויף אַלע מאָל, ווי ריזיקע געשטעלן אין דער אייביקייט אַריין. הונדערט קלעפּ און טויזנט קלעפּ אינעם שטאָל און הונדערט קלעפּ און טויזנט קלעפּ אין דער אייגענער ברוסט, דאָס פלעגט אויפטרייסלען דאָס גאַנצע איינגעווייד ביז נאָגעניש אין אַלע גלידער און אַריינוואַרפן זיין גרויסן קערפּער אין אַ מידקייט. אָבער דאָס איז געווען זיין אַרבעט. זיין לעבן. און אונטן, טיף אונטן, האָט דער טייך געטראָגן זיינע וואַסערן אין ים אַריין, געשראָקן מיט אָפּגרונטן. ציייטנווייז האָט פון מידקייט און גרויסער הויך געשווינדלט אין קאָפּ. און פּעטריקן האָט זיך דאַן געדוכט, אַז ווען עס איז וועט ער פון אַזאַ שווינדלעניש פאַרלירן דאָס גלייכגעוויכט, אָפּרייסן זיך מיט זיין שווערן קערפּער, און, ווי אַ שווערער באַלאַסט־זאַק, אַרונטערפאַלן ביז אין די טיפסטע אָפּגרונטן... און ס׳האָט שוין טאַקע געטראָפן, אַז דער חבר, דער „האָלדער־אָן", האָט באַמערקט זיינע אַ מאָדנע פאַרלאָרנקייט און

האָט אים דורך דעם געטומל פון ריוועט־האַמערס אַ געשריי געטאָן:

— האַלט קאָפּ!... צי דו האָסט פאַרזיכערט ווייב און קינדער מיט טויזנטער?...

פּעטריק איז פונעם חברס געשריי געקומען צו זיך, איינגעקלאַמערט זיך שטאַרקער אָן די שטאַבעס און שטאַנגען און געטראַכט וועגן ווייב און קינדער. וועגן זיין קליינער ווייב און וועגן זיינע דריי קינדער, וואָס זיינען אים געוואַקסן גרויסע, געראָטענע אין אים. פון דעם איז אים געוואָרן וואַרעם אין אַלע גלידער. ער האָט באַדאַרפט היטן און אָפּהיטן זיין לעבן — צוליב זיי, צוליב דער „קליינטשינקער” און צוליב די קינדער זיינע, וואָס וועלן אויסוואַקסן אַזעלכע גרויסע, ווי ער אַליין...

און דאָ האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז מ׳האָט אָנגעהויבן „אָפּצולייגן” אַרבעטער. צוויי הונדערט אַרבעטער האָט מען אָפּגעזאָגט. און פּעטריק איז געווען צווישן די צוויי הונדערט.

אַ שווערע צייט איז אָנגעקומען. איין טאָג שווערער פאַרן אַנדערן. אַזאַ לעבן — אָן אָפּקומעניש. אַזעלכע לאַנגע, זינלאָזע טעג אין הויז מיט ווייב און קינדער. און דאָס מאָל האָט זיך די „סלעק” שטאַרק פאַרצויגן. וואָכן זיינען פאַריבער און חדשים, און די קאָמפּאַני האָט ניט גערופן צוריק צו דער אַרבעט. אַזוי, ווי זיי וואָלטן דאָרטן פאַרגעסן אָן פּעטריקן...

און ס׳איז געווען מאָדנע: די ווייב האָט גאַנצע טעג געפּראַצעוועט און ער איז געזעסן גאַנצע טעג ליידיק, אַרומגעדרייט זיך איבערן הויז, פאַר־נומען אָרט און געווען אָן איבעריקער. אַזאַ קליין ווייבעלע איז אַ גאַנצן טאָג געווען פאַרהאַוועט און פאַרטאָן און ער...

נייך, ער האָט באַדאַרפט זוכן עפּעס אַ תכלית. אין הויז איז שוין ניט געווען קיין פּעני געלט. פּעט האָט באַדאַרפט זוכן אַרבעט.

אינדערפרי פלעגט ער פאַרלאָזן דאָס הויז און אומקערן זיך שפּעט אין אָוונט אַ מידער און אַ בייזער, זעצן זיך אַ שווייגנדיקער צום טיש עסן דעם אָוונט־ברויט און ניט אויסריידן מיט דער פרוי קיין וואָרט. געווען, ווי אַ פרעמדער. אין אים האָט געברענט אַ שנאה — צו זיך, צו דער פרוי, צו די קינדער. ווייל אָט האָט זי, די קליינטשינקע, געפּראַצעוועט, און ער איז גאָר אַרומגעגאַנגען ליידיק.

און מערי האָט אים גראָד איצט געוואָלט געהאָווירן. איר האַרץ איז פול געווען מיט גוטער פריילעכער הכנעה. איר האָט זיך געוואָלט טיילן מיט אים, פאַרטרויען אים איר ווייבערשן מיטלייד, איבערדערציילן די חכמות פון די קינדער, די געשעענישן אויף דער גאַס, ביי די שכנים. ער האָט געהערט און שווער געשוויגן. נייך, זי האָט בשום אופן זיך ניט געקאָנט דערנעענטערן צו זיין האַרץ! אָפּילו ביינאַכט איז ער צו איר געווען קאַלט.

דורך די טעג האָט זיך פּעטריק געטראָפן מיט אַלטע און נייע באַקאַנטע. ער האָט באַזוכט זייערע היימען, צוגעקוקט זיך צו זייער לעבן. אַלע זיינע

באַקאַנטע האָבן געהאַט שיינע ווייבער, גרויס־געוויקסיקע, פול־לייביקע ווייבער האָבן אַלע געהאַט. כע!... נאָר ער אַליין האָט געהאַט אַזאַ פּיצעלע ווייבעלע.

אַן אַרבעטער האָט באַדאַרפט האָבן אַ געוויקסיקע ווייב!

סעם און הערי און דזשאָן און טאָם האָבן געהאַט גרויסע ווייבער. נאָר ער אַליין האָט באַדאַרפט האָבן אַזאַ ברעקעלע ווייבעלע. ניט פאַר גאָט און ניט פאַר לייטן. פּיצעלעך הענט און פיס און אַ קערפּערל קליין, ווי ביי אַ קינד... נאָר קינדלען האָט זי געקאָנט. אָנגעקינדלט אים אַ הויז מיט קינדער. אַלע צוויי יאָר אַ שרייער... אַזאַ באַשעפעניש!

פּעטריק סוליוואַן האָט אַריינגענומען אַ מאַנקאָליע אין קאָפּ אַריין:

— אַן אַרבעטער האָט באַדאַרפט האָבן אַ געזונטע, לייביקע ווייב!

פון אָט דעם געדאַנק איז אים געווען שווער אויפן האַרצן. אינדערהיים האָט זיך אים געוואָלט טאָן עפּעס שלעכטס — ברעכן, צעשטערן, שילטן דאָס ווייב. און דאָ, אומשטיינס געזאָגט, וואָס איז שוין דאָ געווען וואָס צו שלאָגן? איין זעץ — און ער וועט זי ממיתן. אומשטיינס געזאָגט, אַ ווייב...

פּעטריק האָט זיך געפילט, ווי אַן אָפּגענאַרטער. דאָס לעבן האָט אים באַרויבט פון אַ ווייב, מיט וועלכער מ'וואָלט זיך קאָנען ווייזן פאַר לייטן. ס'האָט אים געברענט אַ געפיל פון נקמה. אַזאַ פאַרלאַנג געהאַט גראָד איצט, אין אָט דער שווערער צייט, צו נעמען נקמה. אין די אָוונטן איז ער געזעסן אינדערהיים אַ שווייגנדיקער און אַ בייזער און געטראַכט פון נקמה. נקמה פון דער קליינטשינקער. כע!...

צו יענער צייט האָט מען שוין פאַרזעצט אין אַ „פּאָון־שאָפּ" עטלעכע שטיקער צירונג, וואָס זיינען געווען באַהאַלטן אין אַ שופלאַד. אויך זיין אייגן האַנט־זייגערל איז שוין געווען פאַרזעצט. און דאָ האָט ער פּלוצלונג באַמערקט דאָס חתונה־רינגעלע, וואָס מערי האָט געטראָגן אויפן פינגער פון דער לינקער האַנט. זי האָט עס אַלע מאָל געטראָגן. ביי דער שווערסטער הויז־אַרבעט ניט אַרונטערגענומען פון פינגער. ס'איז געווען אַ פּשוט גאָלדן רינגעלע, אָן באַפּוצונגען, און נאָר אויף דער אינווייניקסטער זייט איז געווען אויסגעקריצט דער טאָג און יאָר פון זייער חתונה. און דאָס רינגעלע האָט אַלע מאָל דערמאָנט איר ערשטע ליבע, די ערשטע גליקלעכע יאָרן פון זייער פאַרהייראַטן לעבן. אין אים איז געווען די האָפענונג פון בויען אַ צוקונפט, דאָס בויען פון אַ פאַמיליע. עס איז געווען אַן עדות פון יעדן קינד, וואָס איז געבאָרן געוואָרן...

האָט פּעטריק מיטאַמאָל אַ זאָג געטאָן:

— דאָס רינגעלע... כ'מיין, — מען דאַרף פאַרזעצן דאָס רינגעלע.

זי האָט זיך אַ שטעל געטאָן, ווי אַ געליימטע. געשטאַנען אַ בלייכע, און אַ ווײַלע ניט געקאָנט אויסריידן אַ וואָרט. נאָכדעם האָט זי אין שרעק געזאָגט:

— ביסט משוגע, פעט... דו ווייסט ניט וואָס דו רעדסט. ס׳רינגעלע... ס׳איז מיינס!

אַהאַ! אָט דאָס איז געווען די נקמה! אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אָט וועט ער פון איר פינגער אַראָפּנעמען דאָס רינגעלע, און דאָס פּאָר־היראַטע לעבן זייערס וועט צוזאַמענפאַלן. אַלע בונדן וועלן צעריסן ווערן. זי, די קליינע, וועט שוין מער ניט זיין זיין ווייב. האָט ער קאַלט געזאָגט:

— נישקשה. איך האָב מיין זייגערל פאַרזעצט. און ווער דאַרף דאָס רינגעלע? כע!...

זי איז געוואָרן נאָך בלייכער. געשטאַנען, געפינטלט מיט די אויגן אין גרויסער פאַרלאָרנקייט און קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— כ׳על ניט געבן!

איז ער צוגעגאַנגען צו איר, אַזאַ גרויסער, שוין מיט אָפענער שנאה אין די אויגן אַריינגעקוקט אין איר פאַרלאָרענעם בליק:

— גיב אַהער ס׳רינגעלע. זאָג איך!

— כ׳על ניט געבן!

ער האָט זי אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט שטאַרק, אַנטשלאָסן און ווייטיק־דיק, עפּעס אַזוי, ווי ער וואָלט געוואָלט אַרונטעררייסן דאָס פינגערל אינ־איינעם מיט דער גאַנצער האַנט. זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אים מיט איר גאַנצן כח. איר קליינער אָרעם האָט זיך פיינלעך פאַרצאַפּלט אין דעם מאַנס גרויסע, מאַלפּישע הענט. אין איין רגע איז שוין דאָס רינגעלע געווען אין זיין האַנט.

אָפּגעשטויסן זי גראָב פון זיך. אַ כאַפּ געטאָן די קעפּקע פונעם הענגער, אַליין אַ בלייכער און אַ דערשראָקענער, מיט טונקעלע פייערן אין די אויגן, געלאָזט זיך צו דער טיר. געגאַנגען און זיך ניט אומגעקוקט.

אין איין רגע איז זי אים פאַרלאָפן דעם וועג, אַוועקגעשטעלט זיך אין דער עפענונג פון דער טיר מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע הענט און פיס, אַזאַ שטייפע, ווי אַן אָנגעצויגענער בויגן, אַ גרייטע אַ שפּרונג צו טאָן אים מיט די נעגל צום גאָרגל, צו די אויגן אין אַ לעצטן, פאַרצווייפלטן קאַמף.

ער האָט געזאָגט:

— טרעט אָפּ. כ׳על דיך ממיתן —

— כ׳על ניט לאָזן!

און אירע ציטערנדיקע פינגער האָבן זיך איינגעגראָבן אין זיינע קליידער, געריסן און געפּליקט, פּלוצלונג אַ וואָרף געטאָן זיך אונטער זיינע פיס מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם, מיט אַ פיינלעכן העשען, אַרומגעכאַפּט זיי אין מוראדיקער אומבאַהאָלפנקייט, געבעטן זיך און געוויינט:

— פעט, פעט!... גיי ניט!... גיב אַוועק דאָס רינגעלע!... האָב רחמנות!...

ער האָט זי אַ הייב געטאָן אין דער לופטן און אָפּגעשליידערט צו דער

וואַנט. איר פּלייצע האָט זיך שטאַרק אָנגעשלאָגן אָן דער וואַנט. און פּעט האָט שוין געזען, ווי די צווײ עלטערע קינדער זײנען צוגעלאָפן צו דער מאַמען מיט אַ היסטעריש געוויין. אין קאָפּ האָט זיך אים אַ מיש געטאָן משוגעת. געפילט, ווי ס׳גאַנצע לעבן וואָלט זיך מיט אַ מאָל אָפּגעשטעלט בײ אַ טונקעלן אָפּגרונט. געזען דאָס בלײכע פאַרחלשטע פּנים פונעם ווײב און דאָס צאַפּלענדיקע קינד איבער איר — און שוין ניט געקאָנט אַרויסגײן.

אַ הייסער שטראָם האָט זיך אַ קײקל געטאָן איבער זײן ריזיקן קערפּער, איבערן האַרצן און פּאַראַליזירט זײן יעדע באַוועגונג. געשטאַנען אַ ווײלע, ווי אַ געפּענטעטער און געפילט, ווי עס לעשט זיך און עס גײט אויס אין אים דאָס לעצט ביסל שנאה. געשטאַנען, ווי אַ גרויס אומגליקלעך פאַרלאָרן קינד.

און מערי האָט צוגעפּויזעט צו זײנע פיס און נאָך געהאַט גענוג כוח אַ זאָג צו טאָן:

— פּעט... פּעט... טו דאָס ניט צו מיר... ס׳איז מײנס!... ס׳איז מײנס!

ער האָט געזען ווי אירע אויגן האָבן זיך אַ הייב געטאָן צו אים און גלײך נאָכדעם זיך צוגעמאַכט. אירע הענט האָבן אַ ציטער געטאָן און זי איז גע־בליבן ליגן אַ געחלשטע. האָט ער זי אויפגעהויבן פונעם דיל, צוגעטראָגן צו דער סאָפע, ווי מ׳טראָגט צו אַ קראַנק קינד, און גענומען אומבאַהאָלפן אָנטאָן אויף איר פינגער דאָס רינגעלע:

— אָט, אָט... קלײנטשינקע, אָט האָסטו דיר דאָס רינגעלע... אַזאַ קלײנ־טשינקע!...

אירע אויגן האָבן זיך אויף אַ רגע געעפנט און זיך ווידער צוגעמאַכט...

1938

דער שטומער

מיר האָבןביידע געאַרבעט אין דער גרויסער פּיאַנע־פֿאַבריק, אין לעסטער, פּענסילווייניע, איך און דער טויב־שטומער. מיר האָבן געאַרבעט אויפֿן דריטן שטאָק פֿון דער הויפּט־געביידע, אין דעם „וואָרניש דעפּאַרט־מענט". דאָרט זיינען מיר געווען צוויי מענטשן אין אַ גרויסן „לאָפֿט", וואָס איז געווען רייך אָנגעשטעלט מיט די פֿאַרשיידנסטע מאַטעריאַלן פֿון געהילץ־אויסאַרבעטונגען, מיט אַלערליי געשטעלן, מעטאַלענע פּעסער מיט לאַק, טערפּענטין און גראַטקעס.

איך בין דאָ געווען דער פֿאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעטער, און דער שטו־מער איז געווען מיין העלפֿער. האָבן מיר דעם גאַנצן טאָג געאַרבעט אינ־איינעם: איך האָב באַדאַרפֿט באַדעקן מיט אַ דינעם לאַק די שוין אויסגע־אַרבעטע און אָפּגעפּאַרבטע געהילץ־טיילן פֿון דער פּיאַנע, דורך אַ נייעם, אין יענער צייט, שפּריץ מעטאָד, און ער האָט מיר באַדאַרפֿט דערלאַנגען צו דער האַנט די מאַטעריאַלן — דערלאַנגען און אָוועקנעמען.

ער איז שוין געווען אַ מענטש אין די דרייסיקער, מיין העלפֿער. אָבער אַ דאַרער, מיט אַ בלייכן, אויסגעמאַגערטן פּנים, האָט ער מאָדנע אויסגעזען ווי אַן איבערגעוואַקסן קינד. און באַוועגט האָט ער זיך ביי דער אַרבעט שנעל־אימפּעטדיק, גרייט צו טאָן אַלץ הכנעהדיק־איבערגעגעבן, ניט נאָך זיינע יאָרן. און ער איז געווען אַ טויב־שטומער.

די אַרבעט אונדזערע איז ניט געווען קיין קאָמפּליצירטע, אָבער אַ שטענדיקע און אַ שווערע. איך בין געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג לעבן אַ גרויסער עפּענונג, ווי אַ ריזיקער מויל פֿון אַן אויוון, מיט אַ פּנעוומאַטישן שפּריצער אין האַנט און באַדעקט מיט לאַק די פֿאַרשיידנסטע טיילן, וואָס שטעלן צונויף דעם אויסערלעכן געבוי פֿון דער פּיאַנע. דער לאַק איז געטריבן געוואָרן דורך גומענע רערן פֿון אַ גרויסן טאַנק דורך דער קראַפֿט פֿון צוזאַמענגע־פּרעסטער לופֿט, און האָט זיך צעשפּרייט איבער דעם מאַטעריאַל, ווי אַ דינער, טונקל־געלבלעכער שטויב.

אַט דער שטויב האָט זיך געלייגט אויף שוואַרצן מיט גלאַנציקער שוואַרצ־קייט, אויף רויטן — מיט גלאַנציקער רויטקייט, אויף ברוינעם — מיט גלאַנציקער ברוינקייט. און ס'איז אָפֿט געווען אַ פֿאַרגעניגן צו זען, ווי דער דינער לאַק, וואָס האָט זיך געשפּרייט אין דער לופֿטן ווי אַ לייכטער, דורכ־זיכטיקער, בורשטינענער גלאָז־רויך, פֿלעגט פֿאַלנדיק אויפֿן טויטן קאָליר פֿון די אָפּגעפּאַרבטע ברעטער, אָוועקלייגן אויף זיי אַ לעבעדיקן גלאַנץ, וואָס

פלעגט, ווי דורך אַ כישוף, אַריינגעמען אין זיך ליכט און באַוועגונג און שאָטן, און די ברעטער פלעגן אָנהויבן לעבן און אויסזען, ווי פאַנטאַסטיש־קאָלירטע שפּיגלען.

אין דער זעלביקער צייט האָט זיך דער לאַק־שטויב געשפּרייט אין דער לופטן און איז געפאַלן מיט אַ פייכטער קלעפּיקייט אויף די ווענטלעך פונעם געשטעל, אויף יעדער נאַקעטער זאַך, אויף אונדזערע קליידער, אויף אונדזערע קעפּ און פּנימער, אַריינגעדרונגען מיט דער אַריינגעאָטעמטער לופט אין אונדזערע נאָזלעכער אין האַלדז און אין די לונגען.

דער לאַק האָט געשמעקט מיט זיין ספּעציפיש־שאַרפן ריח און זיך גע־מישט מיט דעם ריח פון טערפּענטין, פאַרב און געהילץ. פון אָט דעם געמישטן ריח און פונעם שטענדיקן האַמערן פונעם מאָטאָר, וואָס האָט געטריבן דעם פּנעוומאַטישן אַפּאַראַט, האָט צום סוף פון טאָג שטאַרק וויי געטאָן דער קאָפּ. אין די שלייפן האָבן געקלאַפּט פיינלעכע האַמערס און ס'האָט היפּשלעך געאיבלט.

דערצו האָבן זיך נאָך אַ גאַנצן טאָג דורך דער אָפענער טיר דערטראָגן די אומאויפהערלעכע קלאַנגען פון דער „טונערס״־אָפּטיילונג, וואו ס'האָבן געאַרבעט אַ צענדליק בלינדע אַרבעטער ביי דער טאָנירונג פון די פּיאַנעס. דאָרטן זיינען געשטאַנען די שוין צוזאַמענגעשטעלטע, נאָך ניט אינגאַנצן פאַרענדיקטע פּיאַנעס. אַרום זיי האָבן זיך געקלאַמערט די בלינדע מיט צוועלנגלעך אין זייערע הענט און האָבן מיט נערוועז־ציטערדיקע פינגער געצויגן, געצויגן, פאַרעקשנט און מאָנענדיק, פון די נאָך ניט פולקאָמענע פּיאַנעס, די קרענקלעכע, פיינלעכע קלאַנגען, וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט פאַרמירן. אַ גאַנצן טאָג האָבן די קלאַנגען ניט אויפגעהערט. אָפּגעריסענע, בייטנדיקע, ניט־פאַרענדיקטע, האָבן זיי זיך געריסן פון אונטער די צערפּולטע פינגער פון די טונערס און האָבן געשריען אין דער וועלט אַריין, ווי שטומע חיות, וואָס האָבן ניט געוואָלט געבוירן ווערן צום לעבן: — דאָ־דאָ־דאָ... מי־מי־מי... דאָ־מי־מי... רע־רע־מי... און פאַ־פאַ־פאַ... ליאַ־ליאַ־ליאַ... דאָ־רע־־מי... מי־מי־מי!... שוואַך און שטאַרק, — שוואַכער, שוואַכער, שטאַרקער, שטאַרקער, העכער און נידעריקער, אָן אויפהער, אָן אויפהער, אַלעמאָל און אייביק, צערפּול און מאָנענדיק — אייביק.

אין אַלע אָפּטיילונגען איז אָנגעגאַנגען אַ פיבערדיקע אַרבעט. אומעטום האָט געיאָגט די זעג, די מאַשין און דער האַמער. אין דער הויפּט־געביידע און אין אַלע אירע פליגלען, אומעטום דער געשריי פון דער טויטער מאַ־טעריע אינאיינעם מיט דעם געשריי פון אַ לעבעדיקן האַרצן — אין פאַבריק. די פאַבריק פון פּיאַנעס.

און פון דער צווייטער אָפּטיילונג שרייען און צעשרייען דעם פּיין אַ צענדליק בלינדע מיט די צוועלנגלעך אין די הענט, וואָס נאָגן עקשנותדיק אַרויס פון די אָנגעצויגענע סטרונעס, פון דעם אינגעוויד פון דער פּיאַנע,

דעם סאַמע פּולסטן, דעם סאַמע גאַנצסטן קלאַנג: — דאָ־דאָ־דאָ. רע־רע־רע. מי־מי־מי...

און דאָ זײַנען מיר געװען צװײ מענטשן אין אײן אָפּטײלונג. איך און דער שטומער. און מיר האָבן געאַרבעט שװער. דער שאָפּ איז ניט געװען אָרגאַניזירט. מ׳האָט געאַרבעט ניין שעה אַ טאָג און מער. דער פּאָרמאַן פלעגט זיך אָפּט באַװײַזן אין דער אָפּטײלונג, פלעגט אַדורכקוקן די שױן לאַקירטע מאַטעריאַלן, מאַכן באַמערקונגען, טשעפּען זיך צו יעדער קלײני־קײט און יאָגן, טרײַבן די אַרבעט. און מיר בײדע האָבן, װי מעכאַנישע פיגורן, זיך באַװעגט אַ גאַנצן טאָג מיט די זעלביקע, שױן טױזנטער מאָל װידערהאָלטע, באַװעגונגען.

די אָפּגעלאַקירטע טײלן פלעגן מיר אױסלײגן אױף הױכע, פּירקאַנטיקע גראַטקעס, מיט האָריזאָנטאַל איבערגעקרײצטע ברוסן, װאָס האָבן זיך באַ־װעגט אױף רעדלעך, און װען זײ פלעגן אָנגעפּילט װערן, פלעגן מיר זײ אַרײַנשטופּן אין אַ ספּעציעלן פינצטערן צימער, װאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ שטענדיקע באַשטימטע טעמפּעראַטור. דאָרט האָט דער לאַק באַדאַרפט גליװערן און רעגלמעסיק טריקענען. און אַזױ פלעגן מיר אָנפילן, גראַטקע נאָך גראַטקע, ביז צום סוף פון טאָג, איז דער טריקן־צימער פול געװאָרן מיט אונדזער שװערער טאָגיקער פּראַצע.

און אַז דער כריפּלער געשרײ פון דער סירענע פלעגט אױפטרײסלען די לופט מיט אַ שרעקנדיקן יאָמער, פלעגן מיר אײַלנדיק אָפּװאַשן די קלעפּיקע הענט אין דער באַליע מיט טערפּענטין, אַרומװישן זײ מיט אָפּפאַל־שמאַטעס און אָװעקאײַלן מיט מידע טריט צו די טראַמװײען, װאָס האָבן גע־װאַרט אױפן ראָג פון דער גאַס אױף אונדזער קומען, אָפּצופירן אונדז צו אונדזערע װײַב־און־קינדער, צו אונדזערע אָרימע אָװנט־מאָלצײַטן און צו אונדזער נאַכטיקער רו. אַזױ אַלע טאָג.

און אױף מאָרגן, אַז איך פלעג אָנקומען אין שאָפּ, פלעג איך דעם שטומען שטענדיק טרעפן אין זײַנע בלױע, פאַרפּאַפּטע מיט לאַק, אָװעראַלס, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל ביזן עלנבױגן, גרײט צו דער אַרבעט. מיר פלעגן זיך באַגריסן דורך אַן איבערגעטריבענער מימיק פונעם פּנים, דורך אַ מאַך מיט דער האַנט, אָדער דורך אַ שװײַגנדיקן פאָרמעלן שמײכל. און נאָכדעם פלעגן מיר שױן װאַרטן אױפן הײזעריקן געשרײ פון דער סירענע. און אַזױ האָט זיך אָנגעהױבן אונדזער טאָג שטום־שװײַגנדיק. אַזױ יעדן טאָג.

מיר איז געװען שװער דאָס שװײַגן. איך האָב הונדערטער מאָל דורכן טאָג געהאַט אַ פאַרלאַנג עפּעס צו זאָגן, מיט עפּעס צו טײלן זיך. מיט אַן אײנפאַל, מיט אַ פלוצלעכן געדאַנק, אָדער אַפילו מיט אַ װיץ. און גראָד אינעם אָנגעשטרענגטן שװײַגן זײַנען אין קאָפּ געבױרן געװאָרן אַלערלײ געדאַנקען און אײַנפאַלן, װאָס האָבן געפאָדערט אַן אױסדרוק. און ס׳האָט זיך אָפּט

געוואָלט ריידן וועגן דער אַרבעט גופא: די אַרבעט האָט געפֿאָדערט ביידנס אויפֿמערקזאַמקייט, ביידנס אינטערעס. זי איז אַרויס שלעכט און זי איז אַרויס גוט. און מ׳האָט זיך באַדאַרפֿט צונויפֿריידן, קומען צו אַ פֿאַרשטענדיקונג. אַמאָל האָט מען זיך אומבאַדינגט געמוזט צונויפֿריידן. דאַן פֿלעגן מיר זיך אַוועקשטעלן איינער קעגן דעם אַנדערן און דורך דער באַוועגונג פֿון האַנט און פֿון פֿינגער, דורך גרימאַסן פֿון פּנים געזוכט צו דערקלערן, און אויפֿנעמען אַ געדאַנק און אַן איינדרוק. אָבער דאָס איז געווען שווער און פּיינלעך. צענדליקער באַוועגונגען פֿון זיינע לעבעדיקע פֿינגער זיינען פֿאַר מיר אומזיסט פֿאַרלוירן געגאַנגען, ניט איבערלאָזנדיק קיין איינדרוק. און פֿון אַלע מיינע אָנגעשטרענגטע מיטלען צו אַנטפּלעקן מיין געדאַנק, זיינען צענדליקער געבליבן הענגען טויטע צווישן מיר און אים. און נאָך יעדן אַזעלכן געשפּרעך זיינען מיר ביידע געבליבן אַנטוישטע, אויסגעמאַטערטע און באַליידיקטע. ס׳איז אין דעם געווען אַ באַליידיקונג, אומגערעכטיקייט און אכזריות, און איבער אַלץ — אַ פֿאַרדראָס, וואָס האָט ניט געהאַט קיין נאָמען.

און ערשט דאַן פֿלעגט אָנקומען דאָס אמתע שווייגן. אונדזערע פּנימער האָבן אויסגעדריקט מידקייט און זאָרג, באַגייסטערונג און אַנטוישונג, ביטערן אומעט און געפֿאַלנקייט. אָבער מיר האָבן געשוויגן. געווען איינגעשלאָסן אין זיך. ער אין זיין וועלט און איך — אין מיינער, ווי פֿרעמדע, פּיינטלעכע חיות פֿון צוויי באַזונדערע מינים, וועלכע מ׳האָט, דורך אַ גרויזאַמער האַנט, אַריינגעטריבן אין איין שטייג און געצוואונגען צו לעבן אין לעבן. און דערפֿאַר האָב איך ניט איינמאָל אין זיינע גרויע, אַ ביסל אויסגעלאָשענע אויגן, געזען אַ באַהאַלטענע, ניט אויסגעשפּראָכענע שנאה. און ס׳איז ניט געווען קלאָר צו וועמען ס׳איז געווען די שנאה — צו מיר אַליין, צי צו דער וועלט. אָבער ס׳איז שוין סיי ווי סיי געווען שווער צו זיין מיט אים. און נאָך שווערער — זיין עקשנותדיקע גרייטקייט צו אַרבעטן, אַרבעטן, באַוועגן זיך פֿלינק און געהאָרכזאַם, ווי אַ לעבעדיקער מעכאַניזם, אין מיטן פֿון זיין שנאה און פֿון זיין סוד. אַזאַ געטריישאַפֿט צו דער אַרבעט האָב איך נאָך ביי קיין אַרבעטער ניט געזען. ס׳איז געווען די געטריישאַפֿט פֿון אַ געשלאָגענעם הונט, וואָס ווערט געטרייער און הכנעהדיקער נאָך יעדער נייער פֿאָרציע קלעפּ, וואָס ער קריגט אַריין.

און דער שטומער האָט זייער אָפֿט געקראָגן קלעפּ. געשלאָגן האָט אים זיין אייגענער פֿאָטער, וועלכער האָט טאַקע אויך דאָ געאַרבעט. און ער האָט עס טאַקע אויסגעווירקט ביי דער קאָמפּאַניע צו געבן אַרבעט זיין טויב־שטומען זון. די קאָמפּאַניע האָט אין דעם ניט געזען קיין בייז: — ס׳זיינען דאָ געווען בלינדע, און זיי האָבן געאַרבעט געטריי, נאָך געטרייער פֿון זעעוודיקע. זיי האָבן געאַרבעט שטענדיק און האָבן קיין מאָל ניט געפֿאָדערט קיין העכערונג. האָט מען אַריינגענומען דעם שטומען און שוין געוואוסט, אַז ער וועט ניט

וואַרפן אין מיטן דערינען די אַרבעט, ווען זיך ניט בונטעווען צוליב באַדינ־גונגען אָדער אַ העכערונג. און דער טאַטע איז אויך גערן געווען אַכטונג צו געבן אויפן זון. אַ בייזער טאַטע, וואָס האָט געגעבן שווערע קלעפּ.

און ער האָט טאַקע דעם זון גאַנץ אָפט געשלאָגן. פאַר יעדער קלייניקייט האָט ער אים געשלאָגן. אָבער מער פון אַלץ — פאַר שיכרות. דער שטומער האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. עס איז אין אים געווען אַ ביטערע ליידנשאַפט צו שיכרות. ער האָט אין לעבן קיין זאַך ניט געהאַט, אַחוץ אָט די גליקלעכע רגעס פון פאַרשיכורונג. ער האָט אַ גאַנצע וואָך געוואַרט אין אַנגסטן אויפן שבת, ווען ער וועט קאָנען פאַרגעסן די שווערע טעג פון זיין לעבן. און אַז ער איז נאָכדעם געקומען אַהיים האָבן שוין אויף אים געוואַרט די קלעפּ פונעם פאָטער. און ניט איינמאָל האָט געטראָפן, אַז מאָנטיק איבדער־פרי איז ער אַריינגעקומען צו דער אַרבעט מיט אַ צעקיילטן פנים, מיט אונטער־געשלאָגענע אויגן, אַ געפאַלענער און אומגליקלעכער.

און דאָ, אין שאַפּ, האָט זיך איבעראַנייס אָנגעהויבן זיינע ליידן. דאָ האָט מען אויסגעלאַכט זיינע ווייטיקן. געמאַכט חוזק איבער אים. דער פאָרמאַן פלעגט אַריינקומען שעפּן פאַרגעניגן פון זיין געפאַלנקייט. די אַרבעטער האָבן אויך ניט פאַרפעלט אָפּצושפּאָטן, צוזוואַרפן אים אַ צווידייטיק גלעכטערל, אַ באַליידיקנדיקע מינע, אַ באַוועגונג פון הענט, וואָס האָבן חוזק געמאַכט פון זיין געפאַלנקייט.

און דאָ איז איבער אים אויך געווען דער פאָטער, אַ מענטש פון נידעריקן וואוקס, אַ ברייט־פּלייציקער, מיט קורצע, גראָבלעכע פיס, וועלכער האָט אויס־געזען ווי אַ פּיען פון עפּעס אַ גראָבן, האַרטן בוים. אַ מענטש מיט אַ ברייטן פּנים, וואָס האָט אויסגעדריקט טעמפּקייט און עקשנות אין דער זעלביקער צייט. און אינגאַנצן האָט ער אויסגעזען אַזוי אַנדערש און אַזוי פרעמד צום זון, ווי צווישן זיי ביידן וואָלט גאָר ניט געווען קיין בלוט־קרובהשאַפט. אַזאַ טראַגישע פרעמדקייט צווישן פאָטער און זון, וואָס איז זעלטן צו באַגעגענען צווישן מענטשן.

דער פאָטער איז דאָ געווען אַן אַלטער אַרבעטער. ער האָט שוין אין די יאָרן איבערגעאַרבעט אין אַלע אָפּטיילונגען פון דער פאַבריק. ער האָט שוין געאַרבעט אין דער אָפּטיילונג פון די קאַבינעט־מאַכער, אין דער פּאָליטור־אָפּטיילונג, אין דער סטרונע־ציערײ, אין דער פאַרבערײ. ער איז שוין געווען אַ נאַכט־וועכטער און אויך אַן „עפישענסי־מאַן”. און דאָס, וואָס ער איז אַזוי אָפּט איבערגעגאַנגען פון איין אַרבעט אויף אַן אַנדערער האָט ביי די אַרבעטער אַרויסגערופן אַ חשד. ס׳זיינען ווען אים אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז ער איז אַ שפּיאָן, וועמען די קאָמפּאַניע האָט באַשטימט נאָכצושפּירן אַ מעגלעכע אַרבעטער אָרגאַניזיר־קעמערל. און עס זיינען שוין טאַקע געווען פאַלן, ווען גוטע אַרבעטער מיט אַ לאַנג־יאָריקן סטאַזש אין דער פאַבריק זיינען אָן אַ פאַרוואָס אָפּגעזאָגט געוואָרן פון דער אַרבעט.

די אַרבעטער האָבן אים פיינט געהאַט. זיי האָבן זיך מיט אים ניט געחברט און האָבן אים אויסגעמיטן. און ניט זעלטן איז די פיינטשאַפט אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויפן שטומען. זייער חוזקדיקע באַציאונג צו אים האָט אין זיך אויך געטראָגן אַ פאַרבאָרגענע פיינטשאַפט. דערפאַר האָט דער שטומער געזוכט אַ באַהעלטעניש אין דער אַרבעט. אין דער סאַמע לעצטער, פאַרצערנדיקער און אויסמאַטערנדיקער אויסשעפונג פון די כוחות איז געווען אַ מין פאַר־געסונג.

מיטאָג־צייט, אין די פינף־און־פערציק מינוטן, וואָס מיר האָבן געהאַט צו רוען און איינצושלינגען אונדזערע פאָר סענדוויטשעס, וואָס יעדער איינער פון אונדז האָט מיטגעבראַכט אין אַ שוואַרץ בלעכן קעסטל, פלעגט ער זיך פאַר־קלייבן אין אַ ווינקל, טיף צווישן די געשטעלן מיט מאַטעריאַלן, צווישן ברעטער און פלאַנקן, אַוועקזעצן זיך אויף דער ערד, מיטן רוקן אָנגעשפאַרט אָן דער וואַנט און קייען לאַנגזאַם די שפייז, ווי אַ פאַריאָגטע חיה, די שטומקייט זיינע איז דאַן געווען די שטומקייט פון אַ חיה וואָס האָט איר אייגענע וועלט. עס האָבן אַרום אים געאַרבעט מענטשן. וואָס זיינען זיי פאַר אים געווען? אַ פאַבריק האָט באַטריבן זיין ענערגיע אינאיינעם מיט דער ענערגיע פון מאַשין און מאָטאָר, — וואָס איז די פאַבריק געווען פאַר אים? אַ בייזער טאַטע איז געשטאַנען איבער זיין לעבן און באַצוואונגען, — וואָס איז געווען זיין באַציאונג צו זיין אייגענעם פאָטער? ווער האָט געקענט וויסן? און אים האָט געשוויגן דער סוד פון דער שטומער חיה.

נאָכדעם צעשרייט זיך ווידער די סירענע. צערייסט די לופט, ווי אַ פלוצלעכער, לאַנג־דויערנדיקער אויפרייס, שטייט ער אויף, אַ גרייטער, מיט דער זעלביקער שטומקייט זיינער, צו באַגעגענען די אַרבעט. אַ הויכער מאַן, מיט דינע, ביינערדיקע פיס, אין פאַרפאַפטע אָוועראָלס.

איך האָב אָפט נאָכגעגעבן אַ פאַרלאַנג, אין סאַמע מיטן פון אָנגעשטרענגטן האַווען, אָפצושטעלן די אַרבעט, איבערכאַפן דעם אָטעם, אויסגלייכן דעם רוקן און באַפרייען די אָנגעשטרענגטע מוסקולן. איך האָב אָפטמאָל אויך נאָכגעגעבן אַ פאַרלאַנג צו באַפרידיקן מיין פשוטע מענטשלעכע פאָדערונג אַראָפצור־גנבענען אַ ביסל פון מיין ביליק־פאַרקויפטער אַרבעט־צייט — פאַר זיך און פאַר אים. כ׳פלעג אָפטרעטן פונעם געשטעל, מאַכן עטלעכע טריט הין און צוריק, איבערגעטריבן אויסגלייכן דעם רוקן, זיך ציען מיט יעדן גליד און זאָגן:

— איך בין מיד... איך בין זייער מיד... און דו אויך... מיר האָבן היפשלעך אַריינגעשאָסן . . . מ׳דאַרף איבערכאַפן דעם אָטעם . . . וואָס זאָגסטו?

ער פלעגט פאַרשטיין מיין ווענדונג. אָבער גלייך פלעגט זיך אין זיין בליק אָנצינדן אַן אומרואיקייט, אַ מורא, און מיט אַן איינגעהאַלטענער אומגעדולדי־קייט איז ער די עטלעכע מינוטן געשטאַנען און געקוקט צו דער עפענונג אין

דער צווייטער אָפּטיילונג, פון וואַנען עס האָט זיך פלוצלונג געקאָנט באַווייזן דאָס פאַרהאַסטע געשטאַלט פונעם פּאַרמאַן, אָדער פון זיין אייגענעם פאָטער.

פלעג איך שוין אים פרואוון באַרואיקן:

— נישקשה... מיר גיבן אַרויס גענוג אַרבעט... מיר גיבן אַרויס פיל מער אַרבעט, ווי זיי קאָנען פון אונדז פאָדערן... מיר זיינען שנעלע אַרבעטער... און וואָס נאָך קאָן מען בכלל פון אונדז פאָדערן?... מיר זאָלן זיך איינגאַנצן אַוועקקוילענען צוליב אָט דער אַרבעט?... כע!... מיר אַרבעטן איבער־גענוג... ווי טייוואָלים אַרבעטן מיר...

און איך פלעג מאַכן אַ מינע פון גערעכטער זיכערקייט און פאַראַכטונג צו אימיצן, וואָס איז דאָ ניט געווען, אָבער וועמעס אָנוועזנהייט איז סיי־ווי דאָ געווען אין יעדן ווינקעלע, אין יעדער זאַך.

דאַן פלעגן זיך זיינע אויגן צעשמייכלען אויף איין־איינציקער רגע און פאַרלאָשן ווערן. בלויז אויף אַ קליינער רגע האָט ער אָנגענומען מיינע רייד, ניט מער. און זיין פּנים איז ווידער פאַרצויגן געוואָרן מיט דער מאַסקע פון פינצטערקייט און אומרו. און ער האָט געוואַרט, געוואַרט, אומגעדולדיק און בייז, ביז איך וועל זיך שוין צוריקקערן צו דער אַרבעט. ערשט דאַן פלעגט ער זיך באַרואיקן. און דאָס, וואָס איז אין אים געווען סודותדיק, פלעגט זיך אומקערן צו סוד. פאַר מיר און פאַר אַנדערע.

און נאָר איין קליינער סוד זיינער איז פאַר מיר גאָר צופעליק אַנטפּלעקט געוואָרן. ס׳איז געווען ווי אַ קליין שפּעלטעלע ליכט וואָלט זיך אַדורכגעריסן אין אַ פינצטערקייט אַריין.

ס׳איז געווען אַ מאָדנע טאַטואירונג, וואָס דער שטומער האָט געהאַט אויף זיין לינקן אָרעם, פונקט איבערן גרויסן מוסקול. ס׳איז שווער געווען צו באַמערקן אָט די טאַטואירונג צוליב דעם, וואָס דער שטומער האָט די אַרבל פון זיין העמד שטענדיק געהאַט פאַרקאַטשעט ביזן אויסבויג פונעם עלנבויגן, און דער גרויסער מוסקול האָט זיך קיינמאָל ניט אַרויסגעזען.

און די אַנטדעקונג האָב איך געמאַכט גאָר צופעליק. ס׳איז געווען אין־מיטן דער אַרבעט. מיר האָבן פאַרענדיקט אָנצופילן אַ גראַטקע מיט אָפּגע־לאַקירטע פּיאַנע־קאַרניזלעך. אויף דער גראַטקע זיינען נאָך פאַרבליבן עטלעכע ליידיקע ברוסן אויף דער סאַמע העכסטער ריי. צו דערלאַנגען אַהין און אַוועקלייגן דעם קאַרניז, ניט אָפּרייבנדיק אויף אים דעם פרישן לאַק, האָט דער שטומער באַדאַרפט זיך אויסציען אין זיין גאַנצער הויך, פאַרהויבן זיינע הענט מיט דעם קאַרניז הויך איבערן קאָפּ און פאַרזיכטיק אַוועקלייגן. דאָס מאָל האָט עס אים אָבער געדויערט אַ ביסל לענגער, פון דעם האָט זיך דער אַרבל פון זיין לינקן אָרעם אַרונטערגערוקט און איז אַראָפּגעפאַלן נידעריקער, צום אַקסל, אַנטפּלעקנדיק די טאַטואירונג אין איר גאַנצער אָפּנקייט.

איך האָב מיט אַ שמייכל און אַ ביסל איבערראַשט געזאָגט:

— אַ, אַ!... האָסט אַ פיינע טאַטואירונג אויף דיין אָרעם... אַ מיידל...

אַ שיין מיידל... האָסט מיר קיינמאָל ניט געוויזן.. אַ פיינער חבר ביסטו מיר... אַנו, לאָז אָקאָרשט אַ קוק טאָן אַ ביסל נעענטער...

ער האָט זיך אויסגעגלייכט. מיט אַ שנעלער באַוועגונג אַרונטערגעשלעפּט דעם אַרבל, און זיין פּנים איז גלייך פאַרלאָפן מיט אַ מאָדנער רויטקייט. פון דעם זיינען זיינע אויגן טונקעלער געוואָרן. ס'איז אין אים געוועזן שרעק און כעס און פאַרדראָס, ווי איך וואָלט אים פּלוצלונג און גרויזאַם געכאַפּט ביי אַ מיאוסן פאַרברעכן. ער איז געשטאַנען געפּלעפט, שנעל געפינטלט מיט די אויגן און ניט גערירט זיך פון זיין אָרט, אַזאַ דראָענדיקער, ווי גרייט אָפּצוטאָן עפּעס שרעקלעכס.

איך בין פון זיין האַלטונג אַ ביסל צעטומלט געוואָרן. געזאָגט:

נו, נו!... מיך אַרט ניט... כ'האָב אין מיין לעבן געזען גענוג טאַטו־אירונגען... נאָך אפשר בעסערע פון דיינער...

געזאָגט און אָפּגעטראָטן צו מיין געשטעל, מיט איבערגעטריבענער גלייכגילטיקייט און רואיקייט, גענומען זיך צו דער אַרבעט, ווי קיין זאַך וואָלט גאָר ניט געטראָפן. ער איז נאָך אַלץ געבליבן אויפן אָרט אַן אומגליקלעכער און אַ פאַרלוירענער. אָבער איך האָב זיך ניט אומגעקערט צו אים. איך האָב זיך קאָלטבלוטיק באַשעפטיקט מיט מיין געשטעל, מיט דעם לאַק־שפּריצער, מיט די לופט־רערן. און אַזוי זיינען פאַריבער עטלעכע מינוט.

ערשט נאָכדעם איז ער צוגעקומען צו מיר, אַנטשלאָסן און גרייט, ווי איינער, וואָס האָט שוין גאַרניט וואָס צו פאַרלירן, האָט זיך פאַרזיכטיק אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, איינמאָל און נאָכאַמאָל, און מיט אַ מאָדנעם בראַוואַדאַזשעסט, אַרויפגעשאַרט דעם אַרבל אַריבערן מוסקול פונעם לינקן אָרעם, אַנטפּלעקנדיק דערביי די טאַטואירונג:

— נאָ, קוק!...

דאָס איז באמת געווען אַ טשיקאַווע טאַטואירונג. ס'איז געווען אַ נאַטור־ראַליסטישע צייכענונג פון אַ נאַקעטער פרוי, וואָס איז מיט דער גאַנצער נאַקעטקייט פון איר קערפּער געלעגן מיטן בויך אַרויף, מיט אומפאַרשעמט־צעשפּרייטע פיס, איבערן סאַמע בערגל פונעם מוסקול. און געצייכנט איז עס געווען אין רעאַליסטישע פאַרמען, מיט אַלע רייצנדיקע שטריכן און קאָנטורן פון די נאַקעטע פרויען־גלידער. דאָס לייב פון דער פרויען־פיגור איז געווען קלאָר־ווייס מיט דער ווייסקייט פונעם מוסקול, און ביי דער קלענסטער אָנשטרענגונג האָט זיך די ווייסקייט זיינע, ערטערווייז, געמיניעט אין אַ לייכטן, עטוואָס שאָטנדיקן בלאָ פון וואָס די ליניעס פונעם פרויען־קערפּער האָבן אויפגעלעבט אין אַ רעגענדיקן שפּיל פון ליכט און שאָטן. און ביי אַ נאָך שטאַרקערן ריר פונעם מוסקול פלעגט זיך שוין די פיגור אַ ריר טאָן מיט אַלע אירע גלידער, ווי אַ לעבעדיקע.

ער איז געשטאַנען לעבן מיר מיט דעם אָנגעשטרענגטן מוסקול און אַ ביסל שולדיק געשמייכלט. זיינע אויגן האָבן שנעל געפינטלט און איבער זיין

דאַרן קערפּער איז עפּעס ווי אַרומגעלאָפן אַ נערוועזער ציטער. מיר האָט זיך אויף אַ רגע אויסגעדוכט, אַז ער ציטערט מיט יעדן גליד.

האָב איך געזאָגט:

— ס'איז אַ וואונדערלעכער איינפאַל... אויפן מוסקול איז זי ווי אַ לעבעדיקע... כ'זאָג דיר, ס'איז אַן איינפאַל — איינער פון טויזנט... און איך האָב אים, דערמוטיקנדיק, אַ קלאַפּ געטאָן אויף דער פּלייצע:

— ביסט דער אמתער בחורעץ... אַזאַ איינפאַל!...

ער האָט נאָך אַלץ מיט אומצוטרוי געקוקט אויף מיר. פּאַרזיכטיק געלייענט מיינע געזיכטס־צוגן, מיין יעדע באַוועגונג. און פּלוצלונג, ווי ער וואָלט זיך איבערצייגט אין מיין אויפריכטיקייט און פריינטשאַפט, האָט ער זיך נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, און דאָס מאָל מיט אַ מאָדנער גרייטקייט, צוגעטראָגן פאַר מיינע אויגן דעם מוסקול. איצט האָט ער שוין אַליין געברענט פון באַגייסטערונג און פאַרלאַנג מיר צו ווייזן די טאַטואירונג. וויל ער האָט מיט אַ גאַנצן האָגל זשעסטן און מימיק, געזאָגט:

— כע!... דאָס איז נאָך גאָרניט... וואַרט, וואַרט... אָט וועל איך דיר נאָך עפּעס ווייזן... ועסטו זען, וואָס איך קאָן טאָן.. כע־כע־כע!...

און דאָס, וואָס איך האָב דערזען איז טאַקע געווען איבעראַשנדיק. מיט דער הילף פון רעגלמעסיק־קאָנטראָלירטע באַוועגונגען פון זיינע פינגער און געלענק האָט ער אין זיין מוסקול אַנטוויקלט מערקווירדיקע ריטמישע קאָנוואולסיעס. פון דעם האָט די טאַטואירטע פיגור אויפגעלעבט מיט אַלע אירע נאַקעטע גלידער אין אַ נאַטוראַלער, ברוטאַל־רעגנדיקער באַוועגונג פון בויך און פיס און בריסט. דערצו האָט ער נאָך געקאָנט דורכן זעלבן פּראָצעס פון פינגער־באַוועגונג, אויפוועקן רירעוודיקייט אויך אין באַזונדערע טיילן פון דעם טאַטואירטן קערפּער — בלויז אין די פיס, אָדער בלויז אין בויך, אָדער אין די בריסט. דאָס בילד איז געווען אויפטרייסלענדיק־ברוטאַל און רעאַליסטיש־רעגנדיק. און ס'איז דערביי אימהדיק געווען צוצוקוקן, ווי דער מענטש איז אין דער גאַנצער צייט פון אָט דער מאַניפּולאַציע געווען אין אַ מאָדנעם, אָנגעשטרענגטן גייסטיקן טראַנס, אַזוי ווי ער וואָלט אָפּגעריכט עפּעס אַ הייליקן ריטואַל. און נאָך אימהדיקער איז געווען צו טראַכטן וויפל פיזישע און גייסטיקע אָנשטרענגונג דער מענטש האָט באַדאַרפט אָנווענדן, וויפל פאַרעקשנטע טרעגירונגען זיינע פינגער און זיין געלענק האָבן באַדאַרפט אויסשטיין צו דערגרייכן די פולע פּערפעקציע כדי צו אַנטוויקלען אין דעם מוסקול די האַרמאָניע פון באַוועגונג און ריטם.

און ער איז אַזוי געשטאַנען עטלעכע מינוט און געטאָן די מאָדנע אַרבעט. זיינע פינגער און געלענק, אַ ביסל צוגעבויגן אינעווייניק, צום אָרעם, האָבן אַרומגעטאַנצט אין דער לופטן, ווי לעבעדיקע ווענס און, גאָר באַזונדער, ווי פאַר זיך אַליין, האָט געלעבט אויפן בערגל פונעם מוסקול דער אויפגעוועקטער

קערפּער פון דער אויסגעטאַטואירטער פרוי, וואָס האָט אויסגעטאַנצט איר משוגענעם טאַנץ פון תאווה.

אַז ער האָט אַרונטערגעלאָזן דעם אָרעם און אָראָפּגעצויגן איבער אים דעם אַרבל איז דער שטומער געבליבן שטיין אַ רואיקער. מיר האָט זיך געדוכט, אַז די שטענדיקע קאַלטקייט און גלייכגילטיקייט האָט אַ ווי געטאָן פון זיין פיגור. בלויז אין די אויגן זיינע, אין דער טיפער אויסגעלאָשנקייט זייערער, האָט געברענט אַ פייער, וואָס האָט זיך געמיניעט צווישן גרין־רויט און געל־שוואַרץ, אַזוי ווי די אויגן זיינע וואָלטן געשלונגען כוואַליעס ליכט, געשלונגען, געשלונגען. אַזוי מאָדנע זשעדנע נאָך ליכט זיינען זיי געוואָרן. אויגן ווי ביי אַ זיגער.

ס׳איז אַלץ געווען אַזוי מאָדנע. ס׳איז מיט מיר געווען טאָג־איין, טאָג־אויס אַ מענטש, וואָס האָט פון דער סאַמע פריסטער יוגנט אונטערדריקט אין זיך דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון פיזישע און גייסטיקע רעגונגען. אָפּגעזאָגט זיך, צוליב זיין פיזישן פעלער, אָדער אפשר צוליב דער ברוטאַלקייט פונעם פאָטער, פון אַלע פיזישע פאַרגעניגנס, האָט ער איין מאָל אַ וואָך געלאָשן מיט שכרות זיין וואָכעדיקע תאווה, געלאָזן זיך, צוליב דעם, שלאָגן און באַליידיקן, אויסמאַטערן זיך אין קאַטאָרזשנער אַרבעט. אָט דאָ איז ער לעבן מיר געשטאַנען אַן אומ־באַוועגלעכער, אַ הויכער, מיט דאַרע, אַ ביסל איינגעפאַלענע באַקן, אין זיינע פאַרפאַפטע הויזן.

ס׳איז געווען אַ מינוט פון פאַרלאָרנקייט. זאָל איך אויסדריקן מיין באַ־וואונדערונג, אָדער איבערגעטריבענע פריינטשאַפט פאַר דער אַנטפּלעקונג פון זיין סוד? זאָל איך זאָגן עפּעס אין אַן ערנסטן טאָן? אָדער גאָר ציניש, ווי מיט אַ פּאָר מינוט פריער, וואָוליונגעריש און וואולגאַר, אַ זאָג טאָן עפּעס וועגן דער טאַטואירונג, ווי וועגן אַ לעבעדיקער נאַקעטער פרוי, וואָס האָט דאָ פאַר אונדז אָפּגעשפּילט אַזאַ ספּעקטאַקל?

זיין פּנים האָט זיך אויסגעגאָסן אין אַ ברייטן שמייכל.

— אָט דאָס איז מיין מיידל... זי וועט ניט באַטריגן... קיינמאָל ניט אָפּנאַרן... מיין מיידל... מיין ווייב... כע־כע־כע!...

אָפּגעוואָרט אַ רגע און צוגעגעבן:

— ווייבער פאַרראַטן... אַלע ווייבער פאַרראָטן... מיינע — ניט... מיינע איז אַלעמאָל געטריי... כע־כע־כע!...

ער האָט פּלוצלונג אַראָפּגעצויגן דעם אַרבל, און ס׳איז געווען אַזוי, ווי מ׳וואָלט פּלוצלונג אַרונטערגעלאָזן אַ פאַרהאַנג איבער אַ לעבעדיק־באַוועגנ־דיקער בינע, וואָס איז נאָך פול מיט האַנדלונג און פון דעם האָט זיך נאָך אַ קורצע רגע געדוכט, אַז אונטערן צודעק פונעם אַרבל באַוועגט זיך נאָך די טאַטואירונג און לעבט איר באַזונדער לעבן.

נאָכדעם האָב איך שוין ניט געקענט באַהאַלטן מיין באַוואונדערונג. כ׳האָב געזאָגט:

— ס׳איז מערקווירדיק... האָסט עס געמאַכט מערקווירדיק...

ער האָט שוין מיט אַ רואיקן פּנים דערקלערט:

— כ׳האָב אַ האַלב יאָר אָוועקגעגעבן — ביז ס׳איז עפּעס אַרויסגעקומען... אַ האַלבער יאָר אַרבעט — כע־כע... ס׳איז דיר ניט קיין קלייניקייט... וואָס זאָגסטו?...

ניין, ס׳איז ניט געווען קיין קלייניקייט. ס׳איז געווען גוואַלדיקע עקשנות, אויסגעהאַלטנקייט און פּראָטעסט. אַ פּראָטעסט קעגן טויזנטער אומגערעכטיקייטן, וואָס האָבן זיך קולמינירט אין דער פולער איזאָלירונג פון זיין לעבן פון אַלץ, וואָס איז געווען מענטשלעך.

אין אים איז איצט אפילו געווען אַ שטאָלץ. מיר האָט זיך צום ערשטן מאָל אויסגעדוכט, אַז ער איז געשטאַנען קעגן מיר ווי אַ גלייכער קעגן אַ גלייכן. כ׳האָב געזאָגט:

— ניין. דו מאַכסט עס אויסגעצייכנט... ביסט אַ קינסטלער... איך זאָג דיר: — דו ביסט אַ קינסטלער...

ער האָט ניט אינגאַנצן באַנומען מיינע ווערטער. אָבער ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז איך דריק אויס באַוואונדערונג. האָט עס אים שטאַרק הנאה געטאָן. ווייל ער האָט זיך פּלוצלונג פאַנאַנדערגעלאַכט. איך האָב נאָך אים קיינמאָל ניט געזען אַזוי לאַכן. זיין פּנים האָט זיך אויסגעקרימט אין אַ ווייטיקדיקער גרימאַסע, די אויגן זיינען אָנגעגאָסן געוואָרן מיט בלוט און פון דער ברוסט האָט זיך געריסן אַ מאָדנער, קייכנדיקער און פאַרשטיקטער קלאַנג, ווי אַן אָפּגעריסענער רעווען פון אַ חיה, אַזוי ווי ער וואָלט זיך מיט עפּעס געוואָרגן און בשום אופן ניט געקאָנט קומען צו זיך. אַזוי אַ גאַנצע מינוט. אַ שווערע מינוט.

נאָכדעם האָט ער זיך פּלוצלונג באַרואיקט. דערמאָנט זיך, אַז מיר האָבן פאַרלאָרן אַ סך צייט. און גלייך זיך גענומען צו דער אַרבעט. אָבער די אויגן זיינען נאָך עטלעכע מינוט פאַרבליבן פייכט און רויטלעך, ווי נאָך אַ געוויין. מיר האָבן געאַרבעט שנעל. מיר האָבן געאַרבעט שווער אָנצויאָגן די פאַרלוירענע צייט. און אַז אונדזערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, איז אין זיי געווען פריינטשאַפט. אַזאַ ליכט פון פריינטשאַפט און צוטרויען, ווי צווישן צוויי מענטשן, וואָס האָבן אָפּגעוואָרפן די שווערקייט פון איינעמס סוד — און ביידן איז פון דעם געוואָרן לייכטער.

און נאָכדעם זיינען שוין אַוועק טעג פון גוטער פריינטשאַפט צווישן מיר און דעם שטומען. עס איז עפּעס לייכטער געווען אַריבערצוטראָגן זיין שטומקייט, זיין איינגעשלאָסנקייט. און צו יענער צייט קאָן מען אפשר אויך צורעכענען נאָך אַ געשעעניש, וואָס האָט לייכטער געמאַכט אונדזער צוזאַמענאַרבעטן אין דער פּיאַנע־פאַבריק. דאָס איז געווען אַ נייער מיטל, וואָס דער שטומער האָט אָנגעהויבן אָנצוווענדן אויף מיר יעדעס מאָל, ווען איך האָב בשום אופן ניט געקאָנט זיך קלאָר מאַכן דורך וואָרט, זשעסט און מימיק. דער

מיטל איז געווען אַ פּשוטער: ער פלעגט פּאַרזיכטיק אונטערהויבן מיין מאָרדע מיט צוויי פינגער און נאָכפּאָלגן די באַוועגונגען פון מיין גאָרגל, פון מיינע ליפּן, וואָס די וויבראַציעס פון די אַרויסגעזאָגטע ווערטער האָבן אין זיי אַרויס־געריפן. איך האָב אַרויסגערעדט די ווערטער שאַרף און אָפּגעזונדערט און זיינע אויגן האָבן געשלונגען, געשלונגען זשעדנע יעדן אַרויסגעזאָגטן וואָרט, יעדע קלענסטע וויבראַציע, ווי אַ דאַרשטיקער שלינגט אַ שטילנדיקן געטראַנק. קוקנדיק אין זיינע אויגן האָב איך שוין געוואוסט, ווען ער באַנעמט מיין גערעדנק און ווען — ניט. ווען מיין וואָרט קריגט אַן אָפּרוף און ווען — ניט. איך האָב אים שוין געקאָנט דערציילן און טיילן זיך מיט אַ סך זאַכן, און אפילו דער־ציילן אַ וויץ, פון וועלכן ער האָט געקאָנט הנאה האָבן און אויפריכטיק לאַכן. פון דעם איז דאָס לעבן ביי דער אַרבעט געוואָרן לייכטער. מיטאָג־צייט האָבן מיר שוין געגעסן אונדזערע „סענדוויטשעס" אינאיינעם, פירנדיק אונדזערע געשפּרעכן, — ער — מיט די פינגער, מיטן פּנים און מיט די אויגן און איך — מיטן אויסגעשטרעקטן האַלדז און מיט די ליפּן, ביידע ווי צוויי מענטשן פון אַן אַנדער, אומבאַקאַנטער וועלט.

און איין מאָל, ריידנדיק אַזוי, האָב איך פלוצלונג אַ זאָג געטאָן:

— הער, כ'האָב דיך אַלץ געוואָלט פרעגן. דיין טאַטע. וואָס טוט דאָ דיין טאַטע? מענטשן ריידן, אַז ער איז אַ ספּעציעלער אָנגעשטעלטער פון דער קאָמפּאַניע. מ'רעדט אַלערליי זאַכן וועגן אים... אָבער מיר מעגסטו זאָגן. פאַר מיר דאַרפסטו גאָרניט מורא האָבן. איך בין דיין פריינט...

זיינע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף מיר מיט אומצוטרוי, און מיט שרעק. נאָכדעם זיינען זיי אַרומגעלאָפן אַ ווילע אין אַלע זייטן, ווי ביי איינעם, וואָס מ'האָט געכאַפּט פלוצלונג ביי עפּעס אַ מיאוסער זאַך.

— דער טאַטע? ניין, ער האָט קיין זאַך ניט געוואוסט וועגן זיין טאַטן. כע! וואָס האָט ער געקאָנט וויסן וועגן זיין טאַטן? ניין, ער וויים גאָרניט...

איך בין שוין אָבער צוגעשטאַנען:

— מ'זאָגט דאָ, אַז ער איז אַ שפּיאָן. מ'זאָגט, אַז ער האָט פאַרמסרט מאַרטין בערן, דזשעק קעלין, טאָם מעקגרירין און נאָך אַלטע גוטע אַרבעטער. ווייסט דאָך, אַרבעטער ריידן... און וויפל אַרבעטער זיינען אין די יאָרן אָפּ־געזאָגט געוואָרן, און קיינער וויים ניט פאַרוואָס... אַלע זאָגן — ס'איז דיין טאַטנס אַרבעט.

מיין זיכערקייט האָט אים נאָך מער צעטומלט. ער האָט זיך עטלעכע מאָל אַרומגעקוקט, און איבער זיין קרענקלעכן פּנים האָט זיך שוין אויסגעשפּרייט אַ רויטקייט.

— ניין. ער האָט קיין זאַך ניט געוואוסט. ער אַרבעט די גאַנצע צייט אין אַט דער אָפּטיילונג. מיט מיר אַרבעט ער די גאַנצע צייט. וואָס וויים ער וועגן זיין טאַטן? און וואָס קאָן ער דען וויסן? דער טאַטע איז דער טאַטע און ער — איז ער...

אָבער אין דער מימיק איז שוין געווען פאַרענטפערונג און פּיין. אַזוי ווי ער וואָלט אָנגעפּירט אַ פאַרצווייפלטן קאַמף. און אַז ער האָט זיך באַרואיקט, איז אויף זיין פּנים געלעגן אַ פינצטערניש. די אויגן האָבן געפינטלט און די הענט זיינען געהאַנגען אָנמעכטיק און פאַרלאָרן. ס׳איז געווען קלאָר: איך האָב אָנגערירט אַ סוד, אַ פיינלעכן אָרט אין זיין לעבן, וועלכן ס׳איז שווער געווען צו פאַרבאָרגן.

איך האָב איבערגעריסן דעם געשפּרעך. עס איז שוין מער ניט געווען נויטיק צו ריידן. אין יענעם גאַנצן טאָג איז צווישן מיר און אים געשטאַנען אַ פרעמדקייט. ער האָט אויסגעמיטן מיין בליק. אין אָוונט האָט ער זיך אַפילו אַרויסגעגעבעט פון דער אָפּטיילונג אַזוי, אַז איך זאָל זיך מיט אים ניט קאָנען געזעגענען, ווי אַלע מאָל. און אָט די פרעמדקייט האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע טעג.

אָבער איין מאָל, אין אַ מאָנטיק איז ער ניט געקומען צו דער אַרבעט. ס׳איז געווען מאָדנע: — אַלע מאָל פלעג איך אים טרעפן אין שאַפּ, אַ גרייטן צו דער אַרבעט, אָנגעטאָן אין די אַרבעטער־קליידער. און דאָ איז ער גאָר ניט געווען.

די סירענע האָט אָפּגעשריען. די מאָטאָרן אין אַלע אָפּטיילונגען האָבן אָנגעהויבן רוישן. אומעטום האָט זיך אימפּעטיק געיאָגט דער גערודער פון אַרבעט. און ער איז ניט געווען. איך בין געווען אומרואיק.

דער פאָרמאַן איז עטלעכע מאָל אַריין פרעגן:

— ניטאָ נאָך דער שטומער? מאָדנע. ער זאָל פאַרשפּעטיקן?... ער האָט, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט פאַרשפּעטיקט... כ׳על דאַרפן אויפזוכן דעם טאַטן. וועל איך שוין וויסן.

דער פאָרמאַן איז אַוועק און האָט זיך באַלד צוריקגעקערט מיט אַ העלפער. זיין פּנים האָט ברייט געשמייכלט.

— די זעלביקע מעשה... דער טאַטע האָט גוט אָנגעבראָכן די ביינער. פאַר שכרות. האָט ליב דעם ביטערן טראָפּן, דער שטומער... כע־כע־כע!... האַלט ניט דעם דאָלאַר, דער שכור. נישקשה, מאָרגן וועט ער שוין קומען צו דער אַרבעט, דער תכשיט... נאָך אַ זאַך: דער טאַטע האָט אָפּגעמאַכט מיט דער קאָמפּאַניע, אַז די שכירות פאַר דער אַרבעט קריגט ער אַליין, דער טאַטע. אַלע פרייטיק וועט ער קריגן דעם זונס שכירות. אַ בעסטיע, דער טאַטע: וועט ציען צוויי „קאָנווערטלעך" יעדן פרייטיק... אַלץ, כדי דער שטומער זאָל ניט פאַרשכורן... אַזאַ טאַטע!

—און די קאָמפּאַניע האָט איינגעשטימט?

— אָט דאָס זאָג איך דאָך, אַז די קאָמפּאַניע האָט איינגעשטימט. דער קאָמפּאַניע איז אַלצאיינס. דער טאַטע אַרבעט דאָ און דער זון אַרבעט דאָ. דער זון איז אַ שטומער און אַ שכור... איז וואָס איז דאָ צו ריידן? מאָרגן קומט ער צו דער אַרבעט.

דער פּאַרמאַן איז אַוועק, אָבער די רייד זיינע זיינען געבליבן אין דער אַפּטיילונג, ווי לעבעדיקע עדות פון אַ נייעם אומגליק, וואָס איז געפאַלן אויפן קאָפּ פונעם שטומען. ער איז דאָ ניט געווען, אָבער זיין דאַר פּנים, מיט די אומעטיקע אויגן און זיין הויכע דינע פיגור האָט אַ גאַנצן טאָג אַרומגעשוועבט פאַר מיינע אויגן. אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט די פאַרפּאַפּטע הויזן איז ער דאָ דאָ געווען, מיין שטומער חבר.

אויף מאָרגן האָב איך שוין אים געפונען ביי דער אַרבעט. ער איז געווען בלייכער, ווי אַלע מאָל, זיינע באַקן זיינען געווען איינגעצויגן און דאָס רעכטע אויג איז אים געווען שטאַרק אונטערגעשלאָגן און היפּשלעך פאַרלאָפן מיט אַ טונקעלער געשווילעכץ. אויפן שטערן האָט זיך געררויטלט אַ דורכגע־שניטענער בייל, און די נאָז האָט געטראָגן סימנים פון נעגל און פינגער־קנעכלעך.

ס'איז געווען אַ שווערע רגע. ער איז געשטאַנען מיט די אויגן צו דער ערד, ווי אַ שולדיקער, מיט יענעם מאָדנעם אויסדרוק פון אַ חיה, וואָס מ'האָט זי ערשט ביטער געשלאָגן, און מיט זיין גאַנצער געפאַלנקייט און שטומען פאַראורטייל, אויסגעדריקט בלויז האָפענונגסלאָזיקייט און אַפּאַטיע, ווי ער וואָלט וועלן זאָגן: זע, וואָס ער האָט מיר געטאָן... מיין אייגענער טאַטע...

כ'האָב אים געוואָלט עפּעס זאָגן און טרייסטן מיט ווערטער און אויסדריקן באַדויערן און נאָך אַ סך זאַכן אויף אַ מאָל, האָב איך געוואָלט טאָן, אָבער כ'האָב שוין געפילט, אַז יעדער אויסדרוק פון סימפּאַטיע וועט אין דעם מאָמענט בלייבן הענגען צווישן מיר און אים, ווי אַ ליגן. יעדעס וואָרט וועט אָפּקלינגען פאַלש און אומגערעכט. ווייל ער איז געווען — ער, דער שטומער, און איך בין געווען — איך, דער ריידעוודיקער. און מיר זיינען געווען מענטשן פון צוויי וועלטן.

כ'האָב נאָר געזאָגט:

— דאָס האָט דיר דער טאַטע דיינער אַזוי צעמזיקט?...

זיין לינק אויג האָט אַ פינטל געטאָן:

— יאָ, דער טאַטע...

און ער איז ווידער געבליבן שטיין אין זיין שטומער געפאַלנקייט. אָבער איך האָב שוין געפונען אַן אויסדרוק פאַר מיין כעס. כ'האָב אַ שליידער געטאָן:

— אַזאַ מערדער...

ער האָט ווידער אַ פינטל געטאָן מיט זיין לינקן אויג:

— אַ מערדער!...

מיר האָבן אַ האַלבע מינוט געשוויגן. נאָכדעם האָט ער זיך פּלוצלונג צוגערוקט צו מיר, און מיט אַ מאָדנער אימפּעטיקייט אָנגעהויבן צו דערציילן מיט שפּיציקע באַוועגונגען פון הענט און פּנים, מיט שאַרפע אויפפלאַמונגען פונעם אָפענעם לינקן אויג, און מיט די דאַרע אויפגעלעבטע גלידער:

— ער האָט פאַרשכורט אַ דאָלאַר... איין דאָלאַר... ער איז געקומען

אַהיים שפּעטלעך... אָבער דער טאַטע האָט געוואָרט... און נאָכדעם האָט דער טאַטע געשלאָגן, אַרונטערגעריסן די העמד... ניין, ער האָט די העמד אויף אים צעריסן אויף שטיקלעך... און דאָ האָט ער דערזען די טאַטואירונג.. צום ערשטן מאָל האָט דער טאַטע דערזען די טאַטואירונג... כע!... די טאַטואירונג...

זיין אויג האָט זיך אַ גליטש געטאָן איבערן אָרעם, וואו ס'איז געווען דער אַרויפגעקאַטשעטער אַרבל, וואָס האָט פאַרדעקט די טאַטואירונג... און האָט מיט שולדיקייט צוגעגעבן:

ער האָט מיך שיר דערהרגעט, דער טאַטע... אַז ניט די מאַמע, וואָלט ער שוין היינט דאָ ניט געווען... אַזאַ מערדער!... די מאַמע איז אַ גוטע... די מאַמע... ער האָט זי אויך געשלאָגן... ער האָט זי ביטער געשלאָגן...

אין דער רגע האָט זיך צערעוועט די סירענע. די פאַבריק האָט זיך, ווי אַ לעבעדיקער וועזן אַ ריר געטאָן און געגומען הודזשען, רודערן, שרייען מיט פיינלעכן געשריי פון אַרבעט, פון צוואַנג און פון געיעג. און מיר האָבן זיך ביידע אַ ריס געטאָן צו אונדזער געשטעל. דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן. מיר האָבן געאַרבעט שוויגנדיק. ניט געקוקט איינער אויפן אַנדערן. אויסגעמיטן אַ ווענדונג פון איינעם צום אַנדערן. געוואָלט זיין דערווייטערט און פרעמד. אַזוי אַ גאַנצן טאָג.

אויך די איבעריקע עטלעכע טעג פון דער וואָך איז צווישן אונדז געווען עפּעס אַ געהיימער אָפּמאַך ניט אָנצורירן די וואונד, וואָס איז נאָך געווען פריש. אָבער דורך די טעג איז ביסלעכווייז אָפּגעפאַלן די געשווילעכץ פון זיין אויג, דער דורכגעהאַקטער בייל אויפן שטערן און די צעקראַצטע ערטער אויף זיין פּנים האָבן זיך געטריקנט און געשיילט. אָבער די אינערלעכע וואונד אין אים האָט זיך ניט געוואָלט היילן. די געפאַלנקייט אין אים האָט זיך ניט געוואָלט היילן.

דערצו האָבן דרויסנדיקע אומשטענדן ניט געלאָזט זיין געמיט איינשטילן זיך. אַפּנים, אַז דער טאַטע האָט געזוכט מיט אַלע מיטלען צו גערעכטפאַרטיקן דאָס מערדערלעכע שלאָגן דעם אייגנעם זון. ווייל אין שאָפּ האָבן אָפּן אָנגעהויבן צירקולירן אַלערליי אַנעקדאָטן וועגן דער טאַטואירונג, וועגן די שכורע שבתים און וועגן די קלעפּ, וואָס דער שטומער האָט פאַר דעם געקראָגן, און אַז דער טאַטע וועט פון איצט אָן אָפּנעמען די שכירות האָט מען שוין אויך געוואוסט. און די אַרבעטער אַליין האָבן אָנגעהויבן דערגיין די יאָרן דעם אומגליקלעכן שטומען. זיי האָבן פון אים געחוזקט און צוגעשטאַנען, ער זאָל זיי ווייזן די טאַטואירונג. ביי יעדער באַגעגעניש מיט אים האָבן זיך די אויגן חוזקדיק צעשמייכלט:

— העי, ווייז דיין מיידל...

—וויז, וואָס דו באַהאַלטסט אונטערן אַרבל..

און נאָכדעם איז אָנגעקומען פּרייטיק, ווען די קאָמפּאַניע האָט אויסגע־צאָלט אונדזערע שכירות. ווי נאָר די סירענע האָט זיך צעשריען, האָבן זיך די אַרבעטער, ווי אַלע מאָל, אַ לאָז געטאָן צו דעם אונטערשטן שטאָק, וואו עס האָבן זיך געפונען די אָפּיסעס. דאָרטן, לעבן אַ פענצטערל, פלעגט מען זיך אויסשטעלן אין אַ ריי, אויסרופן דעם נאָמען און דעם נומער און קריגן אַ קליין קאָנווערטל מיטן געלט. אָבער דעם פּרייטיק איז שוין דער שטומער ניט אַרונטער מיט אונדז אין אָפּיס. ער איז אַרונטערגעגאַנגען שפּעטער פון אַלעמען, האָט זיך פאַרבייגעגנבעט פאַרביי די אויפגעלעבטע אַרבעטער, וועלכע פלעגן יעדן פּרייטיק פילן זיך מונטערער צוליב די עטלעכע דאָלאַר, וואָס זיי פלעגן קריגן פאַר דער וואָך אַרבעט, און איז אַוועק איבערן הויף, ניט אומ־קוקנדיק זיך, און אַנשטאָט אים איז אין דער ריי געשטאַנען זיין פאָטער.

און ס׳איז געווען מאָדנע: אָט איז געשטאַנען עפּעס אַ פרעמדער, טעמפּער מענטש, מיט שוואַרצע אויגן און אַ פלאַטשיקער באָז און האָט צוגענומען אַ צווייטנס שווער־פאַרהאָרעוועטע פּראַצע. אַ דערוואַקסענער מענטש האָט אַ גאַנצע וואָך געאַרבעט, כדי אַ צווייטער זאָל קומען און צונעמען דעם זין און דאָס ביסל פרייד פון דער אַרבעט. ס׳איז געווען פּיינלעך. ס׳איז געווען אַזוי, ווי מ׳וואָלט פאַר די אויגן פון אַן עדה מענטשן פאַרן אָפענעם פּנים פון דער וועלט, אכזריותדיק־אומפאַרשעמט געפּייניקט און באַרויבט אַ נאָענטן, אַ ברודער.

עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע, פאַר וועמען דער ענין איז נאָך געווען בלויז טשיקאַווע. זיי האָבן זיך אַפילו געוויצלט:

— ניט קיין יאָלד אַ טאַטע. וועט אָפּנעמען צוויי „פיידעס״ אויף אַ מאָל...

— ס׳איז ווי אָנגעמאָסטן: — איינער זייט און דער אַנדערער שניידט...

אָבער די מערהייט האָט דעם ענין באַנומען טיפער. ס׳איז געווען אָפענע רויב. און באַרויבט געוואָרן איז אַ באַרויבטער. אַן אומגליקלעכער. אין די אויגן פון די אַרבעטער האָט זיך געצונדן שנאה. מ׳האָט צוגענומען די קאָנ־ווערטלעך און אַן איבעריקן מאָל אַ קער געטאָן זיך צום גראָבלעכן מענטשן, וואָס איז געשטאַנען מיט אַ קאַלטער מינע אין דער ריי.

און איניקע האָבן זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט אין דרויסן, כדי צו מאַכן אַ באַמערקונג און צו זאָגן עפּעס:

— אַזאַ בעסטיע! ... אָט וועט ער צונעמען דאָס „קאָנווערטל״...

— פריער מזיקט ער אים און נאָכדעם באַרויבט ער אים...

— און דאָס רופט זיך נאָך אַן — טאַטע... אַזאַ פאַסקודנער שפּיאָן!

און שוין פון יענעם פּרייטיק אָן האָבן זיך די אַרבעטער אַוועקגעשטעלט אויף דער זייט פונעם שטומען. מיטאָג־צייט פלעגן אַריינקומען אַרבעטער ריידן מיטן שטומען, געבן אים עצות אין זיין קאַמף מיטן טאַטן. דער שטומער האָט אַלץ אויסגעהערט מיט אַ געפּאַלענעם געמיט. זיינע אויגן זיינען אַרומ־געגאַנגען פון איינעם צו דעם אַנדערן און האָבן אויסגעדריקט בלויז האָפענונגס־

לאָזיקייט. און נאָר ביי דער אַרבעט פלעגט ער זיך אַמאָל אָוועקשטעלן און מיט אַ מאָדנעם פייער אין יעדן גליד, „זאָגן":

— ס'וועט ניט העלפן!... די קאָמפּאַניע איז מיטן טאַטן... עפּעס־וואָס — און איך וועל פליען... פון דער היים און פון שאָפּ... ניין, עס וועט ניט העלפן...

און ער פלעגט זיך ווידער נעמען צו דער אַרבעט. ס'איז שווער געווען צו זען ווי דער מענטש האָט געאַרבעט—אומזיסט. ס'איז ניט געווען קיין זין אין אַזאַ אַרבעט. מ'האָט צוגענומען דעם ציל און דעם זין פון דער אַרבעט. מ'האָט צוגענומען די פרייד פון דער אַרבעט.

טעג נאָך טעג האָבן זיך געקייטלט אין אַ רינג — אומזיסט. טעג זיינען געלאָפן אין אַן אומזיניקער אַגאָניע פון אַ מענטשן, וועמען מ'האָט אַריינגע־שליידערט אין אַ וועלט און איבערגעלאָזן איינעם אַליין מיט זיינע שטומעליידן.

אָבער די שנאה צו דעם טאַטן, דעם פאַבריק־שפּיאָן, איז אין פאַבריק ביסלעכווייז געוואַקסן און געוואָרן גרעסער. שוין דעם צווייטן און דעם דריטן פרייטיק האָבן די אַרבעטער מיט מאַטערניש אַריבערגעטראָגן זיין אָנ־וועזנהייט אין דער ריי. ס'איז געווען דאָס געפּיל ווי צו אַ וואָלף, וואָס האָט זיך פאַר אַלעמען אין די אויגן אַריינגעריסן אין אַ סטאַדע און האָט אַן מורא געטאָן זיין פאַרצוקערישע אַרבעט. ס'האָט זיך געוואָלט פאַרטרייבן אים, דורכ־פירן איבער אים אַ מיאוסע גוואַלדטאַט. ס'איז געווען אַזוי ווי די אַרבעטער וואָלטן ענדלעך, צום ערשטן מאָל, דערזען פאַר זיך די אָפענע פאַרקערפּערונג פון ביטערער עקספּלואַטאַציע פון איין מענטשן איבער אַ צווייטן. און דאָ איז נאָך געווען אַ צווייענדיקע עקספּלואַטאַציע. ניין, די אַרבעטער האָבן מיט שווערקייט פאַרטראָגן דעם גראָבלעכן מענטשן אין דער ריי, וואָס איז געווען אַ שפּיאָן און האָט אָפן אַוועקגענומען דעם זונס שווער־פאַרהאָרעוועטע געלטער.

און איין מאָל, אין אַזאַ פרייטיק, איז, ווי פון זיך אַליין צוגעגרייט, געקומען דער ענדגילטיקער צוזאַמענשטויס צווישן פאָטער און זון.

אַרבעטער זיינען געלאָפן איילנדיק צו פאַרנעמען אַן אָרט אין דער ריי לעבן פענצטערל. צווישן זיי האָט זיך אויך געשטויסן דער טאַטע, וואָס האָט געוואָלט זיין צווישן די ערשטע. אַזאַ זאַך פלעגט מען פאַרגעבן איינער דעם אַנדערן. אָבער אים האָט מען ניט געוואָלט נאָכגעבן. מ'האָט אים צוגעוואָרפן בייזע ווערטער. איינער האָט דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזט זיין אָרט, כדי ניט צו שטיין באַלד הינטער אים. אַ צווייטער האָט אים אָפּגעשטויסן מיט אַ וואָרנונג און אַ דריטער האָט הויך געזאָגט:

— העי, דו, וואוהין קריכסטו? איילסט זיך אָוועקנעמען דעם זונס פּראַצע?

יענער האָט זיך אָנטקעגנגעשטעלט גראָב און פאַרעקשנט:

— ניט דיין דאגה. און האַלט ס'מויל. אַז ניט וועל איך דיר פאַרפּאָרן אין פּיסק.

— די הענט זיינען דיר צו קורץ.
— מיר וועלן זען.
— אַזאַ פּיאַווקע!...

דער אַרבעטער האָט מיט פאַראַכטונג אויסגעשפּיגן אין אַ זייט און האָט זיך צוגערוקט נעענטער. אויך יענער האָט זיך צו אים אַ רוק געטאָן.ביידע זיינען געשטאַנען איינער קעגן דעם צווייטן דראָענדיקע, איין רגע פאַר אַ בלוטיקן געשלעג. אָבער אין דער רגע איז פּלוצלונג אויסגעוואַקסן דער שטומער, ער איז געווען בלייך און דערשראָקן. זיינע אויגן האָבן שנעל־שנעל געפינטלט. ער איז צוגעגאַנגען צום פאָטער און האָט זיך געווענדט צו אים מיט אַ גאַנצן האַגל פון באַוועגונגען. זיינע פינגער האָבן, ווי לעבעדיקע ווערעמס, וועגן עפּעס געשריען און איינגעטענהט. און פּלוצלונג, ווי אין אַ לעצטער פאַרצווייפלונג, האָט ער דעם פאָטער אָנגעכאַפּט, אָנמעכטיק און פאַרלוירן, פאַר די אַקסלען און זיי אַ טרייסל געטאָן. ער האָט אפילו נאָך צייט געהאַט עטלעכע מאָל איינצוגראָבן זיך אין יענעמס קליידער, ווי איינער, וואָס ראַטעוועט זיך. דאָס האָט געקאָנט מיינען אַ סך זאַכן אויף אַ מאָל. און דאָס האָט אויך געקאָנט מיינען:

— גיי אַרויס פון דער ריי... דאָס איז מיין ריי... ס'איז מיין פאַרהאָרעוועט געלט... איך האָב געאַרבעט... מיין שווייס און מיין בלוט!...

דאָס האָט געדויערט איין רגע. דער פאָטער האָט אים אַ ברי געטאָן מיט זיין בליק פון אויבן אַראָפּ, אָנגעכאַפּט אים בעריש, ווי מיט שווערע לאַפּעס, און מיט קאַלטער רוגזה, האָט ער די לייכטע, דין־אויסגעצויגענע, כמעט קינדערשע, פיגור פונעם שטומען מיטן גאַנצן כוח אַ שליידער געטאָן צו דער ערד.

דער שטומער איז געפאַלן ווייט אַוועק און האָט זיך מיט איין אַקסל שטאַרק אַ זעץ געטאָן אָן דעם קאָנקריט פון דיל. אָבער אין אַ רגע איז ער שוין ווידער געשטאַנען אויף די פיס, אַ בלייכער און אַ טויטלעך־דערשראָקענער, דורכגעלאָפן די שווייגנדיקע, אויפן מאָמנט צעטומלטע, ריי פון די אַרבעטער, אויסגעפונען מיך אין דער ריי און אימפּעטיק צוגעלאָפן מיט אַן אָפענעם, שוין בלוטנדיקן מויל. זיין פּנים איז געווען מוראדיק אויסגעקרימט און אינעם גאַנצן אין אים האָט געשריען עפּעס אַ לעצטער באַשלוס. אָפּגעשטעלט זיך לעבן מיר, אויסגעצויגן אַ ציטערנדיקן ווייז־פינגער אויפן פאָטער און מיט אַלע זיינע כוחות „געשריען" צו מיר, ווי באַר אין מיר אַליין וואָלט איצט געווען די רעטונג:

— ער איז אַ שפּיאָן... ער האָט אַלעמען פאַרמסרט... ער איז דער שפּיאָן... איצט זאָג איך דיר דעם אמת... ער איז דאָס... ער!...

און נאָך איידער איך האָב צייט געהאַט דאָס אַלץ צו באַנעמען, איז שוין דער פאָטער אויסגעוואַקסן לעבן אונדז, אַ כאַפּ געטאָן דעם זון און נאָכאַמאָל אים מיט דעם גאַנצן כוח אַ שליידער געטאָן צו דער ערד. דאָס מאָל איז שוין

דער שטומער געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך. אין דער זעלבער רגע האָבן זיך עטלעכע פון אונדז אַ וואָרף געטאָן אויפן פּאָטער אין לעבעדיקן געפלעכט פון ווילדער רוגזה, האָבן זיך געקייקלט איבערן קאַנקריט פון דיל און אויפגעגערודערט אַ באַרג פון קערפּערס. און אונטן, גאָר אונטן, אונטערן באַרג, האָט שוין געפרייכט און געקרעכצט אַ פּאַרמלאַז־פּאַרלאָפן, שטאַרק־בלוטנדיקער פּנים פון דעם פּאַרהאַסטן מענטשן, וואָס האָט נאָך מוראדיק געקעמפט, ווי אַ בלינדער, געביסן מיטן צעקרימטן מויל און געשאָלטן מיט אַ האָגל גראָבע רייד. אָבער שוין געווען באַזיגט.

איבער אונדזערע קעפּ האָט שוין געשניטן די לופט אַ דינער, לאַנגער געשריי פון אַן אויפגעשראָקענער וועכטערישער פייפל. הונדערטער הענט האָבן זיך צעפּאָכעט איבער אונדז. אַנגסטיקע פינגער האָבן פּרובירט פּאַנאַנדערררייסן אונדזער לעבעדיקן באַרג, און ניט געקענט. אונדזער שנאה האָט זיך נאָך אַ גאַנצע מינוט געקלאַמערט אָן דעם פּאַרהאַסטן מענטשן. און אַז מיר זיינען שוין געשטאַנען אויף די פיס, האָב איך באַמערקט דעם שטומען. ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט. פון זיין מויל האָט געשטראָמט אַ קליין שטרעמל בלוט און איז אַרונטערגעלאָפן איבער דער מאָרדע צום אָפענעם קאָלנער פון דער העמד.

אַלע אַרבעטער זיינען זאָרגפעלטיק געשטאַנען אַרום אים. אַלע זיינען געווען מיט אים. אימיצער איז געלאָפן נאָך וואַסער. אימיצער האָט אים אונטערגעהאַלטן.

און אויפן דיל איז נאָך געלעגן דער גראָבלעכער גוף פונעם פּאָטער, ווי אַן אויסגעוואָרצלטער פּיען פון עפּעס אַ האַרטן בוים. און איבער אים זיינען געשטאַנען צוויי באַאַמטע פון דער קאָמפּאַניע און אַ וועכטער מיט אַ פייפל אין דער האַנט.

1936

טענעמענט פייער

ס׳איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. אַ רעגן איז געפאַלן אָן אויפהער אויף די צעשפּאָלטענע, אויפגעריסענע טראָטואַרן מיט אַ הילכיקער פּליוס־קעריי, פאַרפּלייצט די רינוועס און געבולקעט זיך אין רוישנדיקע קעסל־גריבלעך אַרום די האַלב־פאַרשטאָפּטע מיט גאַסיקן אָפּפאַל סוער־קאַנאַלן.

די גאַנצע שטאָט איז געווען אין דער ממשלה פון נאַכט און פון רעגן. די נאַכט האָט זיך ניט געוואָלט אויסלאָזן. דער רעגן האָט ניט געוואָלט אויפהערן. זייבען די גאַסן געווען פּוסט און פאַרלאָזן אויף גאָטס באַראָט. אַ טויטקייט האָט זיך געשפּרייט איבער די פינצטערע שאָטנס פון פענצטער און טירן פון די אַלטע טענעמענט הייזער. די קאַרגע גאַסיקע לאָמפּן האָבן געטונקלט אין רעגן, קוים געשפּילט זיך אין דער לופטן מיט די טראָפּן־פעדים אין אַן אומזיניקן שפּיל פון ליכט און שאָטן, וואָס קיינער האָט ניט באַדאַרפט, געמיניעט זיך אין טונקעלן גלאַנץ פון די נאַסע אַספאַלטן אָן אויפהער, אָן אויפהער, ניט אויפגעכאַפּטע פון אַ מענטשנס אויג.

אַזוי פּוסט איז געווען די טענעמענט גאַס, אַז ס׳האָט זיך געדוכט, אַז דאָס האָבן די רעגנדיקע הימלען אַראָפּגעשווענקט פון איר אויבערפלאַך יעדן לעבעדיקן וועזן און פאַרשווענקט מיטן אָפּפאַל אין די אונטערערדישע סוער־קאַנאַלן אויף אייביק און אייביק. און קיין מאָל וועט שוין מער ניט אויפגיין איבער דער שטאָט דאָס לעבן. פון דעם איז געווען שווער און אור־מעטיק און האָפענונגסלאָז.

אָבער די שטאָט איז נאָך ניט געווען טויט. פון צייט צו צייט האָט אויפגעדעקט די דעכער אַ פלוצלעכער געלאַף פון אַ פאַרשפּעטיקטן אויטאָ־מאָביל איבער אַ ווייטער גאַס און אין אַ רגע אַרום פאַרלוירן געגאַנגען אין דער לאַבירינטישער טיפקייט פון סקווערן. פון צייט צו צייט האָבן אויפגעשריען אין דער נאַכט אַריין די סירענעס פון שיפן און שלעפּ־שיפן, וואָס האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט אין נעפּל אין די טייכן און דעלטאַס אַרום די ברעגן פון ים און שטאָט. זייער געשריי איז געווען שרעקעדיק און האָט זיך צעטראָגן איבער דער שטאָט ווי אַ סיגנאַל פון סכנה, פון פּחד.

און דער רעגן איז געפאַלן, געפאַלן, עקשנותדיק און שווער, ווי אַ קללה.

פלוצלונג האָט זיך אַ הויכער פענצטער פון אַ טענעמענט־הויז אַ רוק געטאָן אַרויף מיט אַ טעמפּן קראַך, און גלייך נאָכדעם איז געפאַלן צו דער ערד אַ מוראדיקער געשריי פון אַ פאַרשטיקטן פרויען־האַלדז:

— מיר ברענען!... פייער!... פייער!...

דער געשריי האָט אַ הילך געטאָן איין מאָל און עטלעכע מאָל, און

יעדעס מאָל טעמפּ אַראָפּגעפאַלן אינאיינעם מיטן רעגן צו דער נאַסער גאַס, ניט דערגרייכנדיק אַפילו דעם נאָענטסטן ראַג. און באַלד נאָכדעם, אפשר אַ מינוט נאָכדעם, איז אַן איינזאַמע פיגור אין אַ שלאָפראָק איבער די נאַכט־קליידער און אין שטעק־שיך אויף באָרוועסע פיס, אין גרויס איילעניש אַראָפּ־געפאַלן פונעם „סטופּ" און מיט אַ ווילדן געלאָף געגומען יאָגן צום ראָג. די שטעק־שיך, וואָס זיינען אין איין רגע אָנגעפילט געוואָרן מיט וואַסער, האָבן געפּאַטשט מיט די פּאָדעשוועס איבערן נאַסן אַספאַלט, געפּליוסקעט אין די איבערגעפילטע לוזשעס. און דער וואָס איז אַזוי געלאָפן, האָט עפּעס גאָר ניט געוואוסט וואוהין ער לויפט און נאָך וואָס. אַזוי איבערגעשראָקן איז ער געווען אין אָט דער נאַכט. וויל ער האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט און, ווי ער וואָלט זיך ערשט ווען עפּעס דערמאָנט, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ אַרויף צו די טונקעלע פענצטער איבער זיך און עטלעכע מאָל מיט אַ פאַלשן איבערגעריסענעם קול ווילד אויסגעשריען:

— ראַטעוועט!... מיר ברענען!... פייער!... פייער!...

הינטער אים, הויך איבער אים, אינעם פינצטערן לאָך פונעם אָפענעם פענצטער האָט די פרוי אויפגענומען זיין געשריי און האָט שוין אַן אויפהער געקוויטשעט:

— ראַטעוועט!... מענטשן, ראַטעוועט!... מיר ברענען!...

און ערשט נאָכדעם, אפשר אַ גאַנצע מינוט נאָכדעם, האָבן זיך גענומען עפענען צעוואָרפענע פענצטער, דאָ און דאָרטן. צעשויבערטע קעפּ פון מענטשן אויפגעשראָקענע פון שלאָף, האָבן זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן, ווי אויפגע־וועקטע חיות אַרום פאַרשלאָסענע גראַטעס, און האָבן ניט אויפגעהערט זיך צו פרעגן:

— וואו ברענט?... וואָס ברענט?... אַ פייער? וואו איז אַ פייער?...

און ערשט נאָכדעם האָבן עטלעכע באַזונדערע געשרייען אַ ריס געטאָן זיך דורך אָפענע פענצטער:

— אוי, וויי, מיר ברענען!... ראַטעוועט!...

און די פענצטער זיינען געוואָרן פוסט. איבערן דאַך האָט זיך גענומען שפּרייטן אַ רויך. קעגן דעם נעפּלדיקן הימל האָבן אָנגעהויבן שפּילן פלאַ־מיקע שאָטנס, וואָס זיינען אָט געקומען שטאַרקער און אָט — פאַרשוואונדן, געשטיגן און געפאַלן, ווי אין אַן איילנדיקן שפּיל. פונעם טונקעלן קאָרידאָר איבערן „סטופּ" האָבן גענומען אַרויסשפּאַרן איילנדיקע געשטאַלטן אין נאַכט־קליידער, מיט קינדער איינגעוויקלטע אין שמאַטעס, מיט אַן אומקלאָרן געטומל, מיט אַ געוויין און פלוצלעכע אומפאַרשטענדלעכע אויסגעשרייען. מענטשן האָבן זיך געשטופּט איינער איבערן אַנדערן, געפאַלן און אויפגע־שטאַנען. אימיצער האָט גערופן און אימיצער האָט ביטער געשאָלטן.

אַ מאַן, אַ באָרדער אַפּנים, האָט געטראָגן זיין וואַליזע צוגעדריקט צו דער ברוסט, ווי מ'טראָגט אַ שווערן זאַק, געשטופּט זיך ווילד דורך דער שמאָלער עפענונג פון דער דרויסנדיקער טיר און זיך ניט געקאָנט דורכ־

שטופּן. הינטער אים האָבן זיך געשטופּן אויפגערעגטע אויסגעשרייען און פויסטן האָבן געהאָגלט איבער זיין צעשייבערטן קאָפּ.

די גאַס איז שוין געווען פול מיט אַן אָנגעלאָף פון צעשראָקענע מענטשן. און עס זיינען געקומען נאָך און נאָך. פונעם ברענענדיקן הויז און פון די אַרומיקע הייזער. און נאָר די, וואָס זיינען געווען אין די סאַמע אייבערשטע גאָרנס, זיינען נאָך אַלץ געווען אַרום די פענצטער, ניט אָפּגעטראָטן, ווי זיי וואָלטן אויף עפּעס געוואַרט. אַזעלכע מאָדנע מענטשן, וואָס זיינען געווען אין אַ ברענענדיקן הויז און האָבן זיך גאָר ניט געוואָלט ראַטעווען. איבער זיי האָט זיך געשלענגלט אַ רויך צו דעם בעפלדיקן דרויסן, און זיי זיינען דאָרטן געשטאַנען און נאָר אַראָפּגעשריען אַרונטער אַ געשריי, וועלכן קיינער האָט אינעם טומל ניט געקאָנט דערהערן.

און איינער פון דער גאַס האָט טאַקע צו זיי אַזוי מאָדנע נאַריש אַ געשריי געטאָן:

— העי, איר, דאָרטן! דאָס הויז ברענט... ראַטעוועט זיך!... דאָס הויז ברענט... העי, איר, דאָרטן!...

הויך איבער די קעפּ, אין די טונקעלע פענצטער האָבן די מענטשן — צווייפרויען און איין מאַן — אויסגעזען מאָדנע קליין, ווי מאַריאָנעטן. זיי האָבן עפּעס געשריען און זשעסטיקולירט, און איין פרוי האָט אַפּנים היסטע־ריש געריסן די האָר פון קאָפּ. אָבער קיינער האָט אונטן, צוליב דעם געפּליוך פונעם רעגן און דעם מענטשלעכן געטומל, זייער געשריי ניט געהערט. איינצל־נע מענטשן זיינען נאָך אַראָפּגעקומען פונעם הויז. איינצלנע מענטשן זיינען אַפילו עטלעכע מאָל אַרויפגעלאָפן אינעם הויז און האָבן זיך אומגעקערט מיט סוד און שרעק און פאַרלאָרנקייט אויף זייערע פּנימער. און אויפן „סטופּ" האָבן זיך נאָך מענטשן געשטופּט און געאַמפּערט זיך:

— לאָזט ראַטעווען זיך! וואָס שטייט איר אין וועג... אַ מענטש שטעלט זיך אַוועק אין מיטן דעריבערן... כ׳וועל אייך אַ וואָרף טאָן פון די טרעפּ, אַז... אַ מענטש שטייט, ווי אַ גלאָמפּ... וואוהין שטופּט איר זיך מיטן געפּעק!... לאָזט דורך די קינדער... דעם נפש לאָזט ראַטעווען... דעם נפש!

אַ פרוי האָט געוויינט מיט אַ ביטערן געיאָמער:

— ווײַ איז מיר, וויינד איז מיר... סעם, סעם, אַלץ וועט דאָך אַוועק מיטן רויך... אַלץ וועט דאָך אומקומען, גאַטעניו, האַרציקער, געטרייער!...

און אַ מאַן האָט געענטפערט:

— וואָס וויינסטו, נאַרישע יידענע, וואָס קלאָגסטו? זאָל אַלץ ברענען! זאָל!... האָסט געראַטעוועט דאָס לעבן. וואָס ווילסטו נאָך, נאַרישע יידענע...

אַן עלטערע פרוי פון שכנותדיקן הויז, אַפּנים אַ טויבע, האָט געבראָכן די הענט, און זיך אַלע ווײַלע געווענדט צו אַן אַנדערן:

— יידן, וואָס שטייט איר?... האַ, וואָס זאָגט איר?... זיי האָבן זיך געראַטעוועט? אוי, איך הער דאָך ניט! כ׳בין דאָך טויב, ווי אַ וואַנט... מ׳קאָן דען עפּעס הערן?... אוי, ווײַ, ס׳זאָל נאָר ניט אַרומכאַפּן אונדזער

הויז, האַ? איך הער דאָך ניט... מ׳קאָן דאָ עפּעס הערן?... וואָס זאָגט איר? זאָגט העכער! מלכהן האָט איר געזען? וואו איז מלכה? איך האָב זי ערשט געזען, מלכהן. ווי איז מיר!... און וואו זיינען די קינדער? וואָס זאָגט איר? איך הער ניט, גאַטעניו, איך הער ניט.

מאַמעס האָבן געשלעפּט נאָך זיך די קינדער אין אַ מאָדנעם אָנפאַל פון רציחה, געריסן זיי און געפליקט, געשאָלטן זיי מיט ביטערע קללות, געוואָרפן אויף די צעטומלטע מענער בייזע, אויפגערעגטע רייד. און די מענער זיינען אויך געווען ווי קליינע קינדער, צעשראָקן און פאַרלאָרן, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

אימיצער האָט דערציילט זייער רואיק, ווי ער וואָלט עס געווען דער איינציקער, וואָס האָט באמת עפּעס געוואוסט אין דער גרויסער צעטומלעניש:

— עס האָט זיך אָנגעהויבן אין קעלער... די קערידזשעס האָבן זיך אָנגעצונדן און אַרומגעכאַפּט די טרעפּ.

אָן אַנדערע האָט אים ניט געלאָזט ריידן. אַ וואָרף געטאָן אַ בייזן בליק און געזאָגט:

— מיסטער, איר ווייסט ניט וואָס איר רעדט. דער פייער האָט זיך אָנגעהויבן אויפן פינפטן שטאָק... ביי די גאָלדבערגס... אָט וואו דער פייער האָט אויסגעבראָכן. און איר ווייסט ניט, וואָס איר רעדט. אַ מענטש רעדט!...

— דער פייער האָט זיך אָנגעהויבן אין קעלער, זאָגט מען איך.

—סטייטש, דער פייער איז דאָך פאָרט אויבן, אויפן פינפטן שטאָק.

— איר ווייסט אַ סך.

— אַוודאי ווייס איך. און איר ווייסט ניט, וואָס איר רעדט.

פּלוצלונג איז מיט אַ מאָל שטיל געוואָרן. אויף איין קורצער, זייער קורצער רגע איז שטיל געוואָרן. פאַר די אויגן האָט אַ טונקל געטאָן, ווי אַ ווייטער שאָטן אַ פאָכע געטאָן אין דער נעפּלדיקער האַלב-טונקלקייט איבער די קעפּ. דאָס איז געווען די פּרוי, וואָס האָט אויבן די גאַנצע צייט געריסן זיך די האָר פון קאָפּ און עפּעס געשריען, וואָס קיינער האָט ניט געקאָנט דערהערן. זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם פינפטן שטאָק. איר נאַכט-העמד האָט אַ פלאַטער געטאָן אין דער לופטן אַ קורצע רגע און איר קערפּער האָט אַ טעמפּן זעץ געטאָן אָן דעם נאַסן טראָטואַר, ווי אַ שווערער זאַק, און געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך, ווי אַ צוגעקלעפּטער צו דעם אָרט. אַ קורצער אומקלאָרער געשריי האָט איבערגעריסן די שטילקייט און פאַרשטאָרבן צווישן הימל און ערד. אַ געשריי, וואָס איז געווען שאַרף און טעמפּ אינאיינעם, און האָפענונגסלאָז, ווי אַ לעצטער קרעכץ פון אַ שטאַרבנדיקן. דער קערפּער איז געלעגן צוזאַמענגעדרייט און קליין, ווי אַן אַראָפּגעפאַלענע פאַן אין אַ ריטשקעלע פון בלוט און רעגן.

עס איז געוואָרן אַ ווילדער צוזאַמענגעלויף אַרום דעם קערפּער. אַ בערגל

טונקעלע געשטאַלטן האָט זיך אַרומגעשאַרט אַרום אַ בלוטיקן פלעק אויף דער ערד. אַלע האָבן געוואָלט מיט די אייגענע אויגן, צום ערשטן און צום לעצטן מאָל, שטעלן זיך פּנים אל פּנים מיטן טויט. אַזאַ פאַרלאַנג געווען צו טרעפן זיך מיטן טויט, דערזען אים אין זיין טיפסטער שרעק און טראָגן אים אין דער אייגענער געדעכעניש ווייט אין לעבן אַריין אויף אייביק

אַ פרוי, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין מיטן פונעם געזעמל, האָט אַ שאַרפן קוויטש געטאָן און איז אַנידערגעפאַלן אין חלשות. אימיצער האָט מיט ניט זיין קול הויך איבער אַלעמענס קעפּ אַ זאָג געטאָן:

— מיסעס גרינבערג... דאָס איז דאָך מיסעס גרינבערג!... הערט, הערט: מיסעס גרינבערג...

פרויען האָבן, ווי צוזאַמענגערעדטערהייט, אַלע מיט איין מאָל, אויפגעהויבן אַ געיאָמער. מענטשן זיינען געלאָפן פון איין אָרט צו דעם צווייטן, זיך ווילד געשטופּט צווישן דעם צערודערטן עולם, געוואָלט הערן און דערציילן, אויפנעמען און אָנטפּלעקן נאַכטיקע שרעק און מענטשלעכן אומגליק.

פון אַהינטערן ראָג זיינען אויסגעוואַקסן צוויי פּאָליציי־לייט אין ברייטע, גלאַנציקע רעגן־מאַנטלען, מיט הויכע קאַפּושאַנען איבער די קעפּ און באַלד מיט די נאַכט־שטעקלעך און מיט פּלוצלעכער רוגזה גענומען אַפּשטופּן דעם עולם פון דעם טראָטואַר, וויטער פונעם ברענענדיקן הויז. און נאָר דער טויטער קערפּער פון דער מיסעס גרינבערג איז געבליבן ליגן אַליין אינעם ביסל בלוט מיט רעגן, איינזאַם און פאַרלאָזן.

קיינער האָט ניט באַמערקט ווי די צוויי — אַ מאַן און אַ פרוי — וואָס האָבן פריער גערופן נאָך הילף זיינען פאַרשוואונדן פונעם אויבערשטן פענצטער. פונעם פענצטער האָט איצט געשפּאַרט אַ געדיכטער רויך. און זיי זיינען ניט געווען. און אַ סך אַנדערע האָבן ניט געהאַט קיין צייט אַרויסצוראַטעווען זיך. זיי האָבן זיך געראַנגלט אין שרעק מיט ווייב און קינדער אין זייערע דירות, געפּלאָנטערט זיך צווישן דער אָרעמקייט און ענגקייט, געזוכט איינער דעם אַנדערן, און ניט געקאָנט געפינען.

— מלכה, וואו ביסטו, מלכה?... נעם די קינדער... לאָז ניט אָפּ פון דיינע הענט די קינדער!... ראַטעווע דעם נפש!... לאָז איבער אַלץ, און ראַטעווע דעם נפש...

די קליינע קינדער, אויפגעריסענע פון זייער שלאָף, האָבן זיך ניט געוואָלט אומקערן צו דער וואָר. קינדער האָבן געוויינט. קינדער זיינען געווען פאַרעקשנט און ניט געוואָלט באַנעמען טאַטע־מאַמעס שרעק אין דער נאַכט, האָבן זיך געריסן פון זייערע הענט, געוואָרפן זיך מיט הענט און פיס, ניט געלאָזט זיך אַראָפּטראָגן צו דעם רעגנדיקן דרויסן.

— כ׳וויל ניט!... כ׳וויל אין בעטעלע... אין בעטעלע... אין בעטעלע!...

און די ווילד־געוואָרענע מאַמעס האָבן ביטער געשלאָגן זייער אייגן לייב, געריסן שטיקער פון די קינדער, געוויקלט זיי אין קאָלדרעס, געשטיקט

זיי אין שמאַטעס און געשלעפּט אַרונטער, אַרונטער איבער שטיגן דורך רויך און שרעק.

עטלעכע יונגע לייט זײַנען געשפּרונגען איבער די שטיגן צום העכסטן שטאָק, אויפגעכאַפּט קינדער און עלטערע מענטשן, געטראָגן זיי אויף די הענט, ווי געליימטע. אַראָפּגעטראָגן זיי און זיך צוריק אומגעקערט, ניט געהערט טאַטע־מאַמעס געבעט, וואָס האָט זיי פון עולם נאָכגעשריען:

— גיי ניט, משה!... ווי איז מיר, משהלע, גיי ניט! האָב רחמנות אויף דײַן מאַמען, משהלע, האָב רחמנות!... אוי, ער וועט נאָך מיר אומ־קומען... גאָטעניו, דערבאַרעמדיקער!..

פּלוצלונג זײַנען פון צוויי זײַטן פון דער גאַס אָנגעקומען די פייער־לעשער, געקומען מיט געבראַזג און געפּייף, צעטראָגן איבער דער גאַס דעם מעשענעם קלאַנג פון פּחד. אַ געלאָף און געשפּאַנטער טראָט פון שווייגנ־דיקע גיגאַנטן און ברייטע שטאָלענע קאַסקעס און לאַנגע גלאַנציקע מאַנטלען האָבן אויף אַ מינוט אײַנגעשטילט דעם עולם. איינער האָט באַפּעסטיקט די וואַסער־רערן צו אַ ווײַטן הידראַנט, אַ צווייטער האָט פּאַנאַנדערגעקייקלט די לאַנגע רערן. הויכע לייטערס האָבן זיך אַ ציִ געטאָן צו די פּענצטער אַרויף, אַרויף. אייליקע שטראָמען וואַסער האָבן זודיק אַ שאָס געטאָן דורך אָפענע לעכער פון רויכערנדיקע פּענצטער. אַ צענדליק פייערלעשער זײַנען איינער נאָכן אַנדערן, איינער נאָכן אַנדערן, אַרויפגעלאָפן די טרעפּ און זײַנען פאַר־שוואונדן מיט העק און קרוקן, ווי צום שלאַכט, הינטער דער שמאָלער טיר. אַ פּאָליציימאַן האָט זיך אָוועקגעשטעלט בײַם אַרײַנגאַנג און מער קיינעם ניט צוגעלאָזן. אַנדערע דרײַ פּאָליציי־לייט האָבן מיט רוגזה אָפּגעשטופּט דעם עולם אַלץ ווײַטער און ווײַטער. פון אינעווייניק האָט זיך דערהערט אַ געבראַזג פון צעשמעטערטע טירן. פון אויבן האָט געפּומען פאַלן צו דער ערד אַ האָגל פון צעשמעטערטן גלאָז. און הויך איבערן הויז האָט מיט אַ נײַעם אימפּעט אַ שפּאַר געטאָן אַ געדיכטער רויך, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיטן נעפּל און געשטיקט די העלדזער פון די מענטשן אונטן.

דערווײַל האָבן שכנים אַרײַנגענומען צו זיך אין די הײַזער די קינדער פון נשרפים. אַ קליין מיידעלע האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך דער מאַמען, געפּלאָנ־טערט מיט די פיסלעך אינעם לויפנדיקן גאַסיקן וואַסער און ניט אויפגעהערט צום צענטן מאָל צו פרעגן די זעלביקע פראַגע:

— מאַמע... מאַ, וואו ברענט? מאַמע, זאָג, וואו ברענט?...

די מאַמע האָט איר געענטפערט ניט גערן:

— שאַ, סערעלע... שאַ! זעסט דאָך, עס ברענט... דאָס הויז ברענט... אוי, גאָטעניו, וואָס וועט עס זײַן מיט אונדז?... שאַ, סערעלע, שאַ!...

אַ פרוי איז אויסגעוואַקסן צווישן עולם. זי האָט געבראָכן די הענט און געבעטן זיך. אַ קליין־געוויקסיקע פרוי מיט אַ וויינענדיקן קינד אויף די הענט. זי האָט זיך געשטופּט צווישן אַלעמען און געבעטן זיך:

— ראַטעוועט מײַן קינד, מענטשן!... כ'בין אַ ביטערע אַלמנה... ראַ־

טעוועט!... מיין קינד איז מיר פאַרלוירן געגאַנגען... ער איז מיר געבליבן אויבן... גאָט!... איך זאָג דאָך איך... האָט רחמנות!... גאָט, האָט רחמנות!... ווי איז דער מאַמען. ראַטעוועט!... ראַטעוועט!... גוואַלד, מערדער, גזלנים!... מיין קינד איז מיר ניטאָ!... אוי, איך וועל זיך אָ מעשה אָנטאָן!... גזלנים, מענטשן, ראַטע־ע־וועט!...

זי האָט געשריען מיט באַנומענע קולות און פאַרגאַנגען זיך אין אַ געוויין, געבראָכן זיך די הענט, געריסן די האָר פונעם קאָפּ. אָבער קיינער האָט זיך אויף איר ניט אומגעקוקט. אַלע זיינען געווען פאַר זיך. זיינען געשטאַנען פאַרגליווערטע און פרעמדע, אָן אויסדרוק אין זייערע פרעמדע פנימער, ווי באַכטיקע ווענגס אָן הערצער. קיינער האָט איצט ניט געקאָנט העלפן. דער פייער איז געווען אין די הענט פון די פייערלעשער און דער פּאָליציי. מ'האָט קיין איינציקן טראָט ניט געלאָזט מאַכן צו דער ברענענדיקער געביידע.

די פרוי מיטן קינד אויף איר האַנט איז אָפּגעטראָטן פונעם געזעמל, אַוועקגעשטעלט זיך אין מיטן גאַס און האָט זיך צעיאָמערט הויך אויפן קול. אַזוי צעיאָמערט, ווי אַ מענטש קאָן יאָמערן נאָר איין־איינציקן מאָל אין אַ לעבן, ביי דעם איינציקן און גרעסטן נסיון אין זיין לעבן. אַזוי קאָן יאָמערן נאָר אַ מאַמע, פאַר וועמעס אויגן מ'הרגעט אַוועק איר איינציקן קינד. זי איז אַזוי געשטאַנען אין מיטן דער גאַס איינע אַליין, ווי קיינער וואָלט דאָ גאָר ניט געווען. זי איז געווען אַליין אין מדבר. איר טויטלעכע שרעק איז געקומען פון איר אַליין, עפּעס ווי פון איר איינגעווייד אַרויס. און קיינער איז אַרום ניט געווען אויפצונעמען איר געשריי. זי איז פאַרעקשנט געשטאַנען, ווי אַריינגעוואַקסן אין דער ערד, און געשריען מיט באַנומענע קולות. קיינעם מער ניט געזען. קיין זאַך ניט געהערט. געיאָמערט, געיאָמערט.

און אַרום דעם ברענענדיקן הויז האָבן געאַרבעט געשיקט און שנעל די פייערלעשער. אַראָפּ דעם לייטער האָבן זיי אַרונטערגעטראָגן פונעם פינפטן שטאָק די פאַרחלשטע פרוי און נאָכדעם דעם מאַן. ביידן האָט מען אַוועקגעלייגט אויף אַ סטופּ פון אַ נאָענטסטן הויז. צווי מענטשן אין אוניפאָרמען האָבן געפּאָמפּעט אין זיי לופט, געקנאָטן זיי מיט שווערע הענט, מיט גוואַלד געוואָלט אַרויסציען פון זיי אָטעם און לעבן.

אימיצער פונעם עולם האָט קורץ און רעזיגנירט געזאָגט גלאַט אַזוי זיך:

— אַ פייער־פּאַסטקע.

און גלייך איז דאָס וואָרט אויפגעכאַפּט געוואָרן פון עטלעכע, ווי קיינער וואָלט גאָר פון דעם קיינמאָל פריער ניט געטראַכט. איצט האָבן אַלע מיט אַמאָל פאַרשטאַנען און דערזען פאַר זיך דאָס ברענענדיקע הויז: שמאָלע הילצערנע טרעפּ, אַלטע, אויסגעריבענע שפּליטערדיקע טרעפּ, ענגע פאַרוויכערטע קאָרידאָרן און הילצערנע טירן צו קליינע טענעמענט־דירות מיט אַ סך מענטשן, ווייבער און קינדער און אָרעמקייט איבער אָרעמקייט. אויס־

געשטרעקטע נעגל פון געפּאַר איבער גרויס און קליין, דורך טאָג און נאַכט, פון שטיקענדיקע קוילן־גאַזן און פייערן און אַלערליי קראַנקייטן. איביקער געשטאַנק פון אַלטקייט, פון געפּגרטע מייז, פון אָרעמע געקעכצן, פון לעכער אין דילן, פון שמאַטישן אָפּפאַל. טענעמענט הויז.

— אַ פייער־פּאַסטקע.

אויבן האָט געברענט דאָס איבערגעלאָזטע ביסל אָרעמקייט. יאָרן פון אַרבעט. יאָרן פון ביטערן גערענגל איבער יעדן שטיקל מעבל, איבער יעדן קינדערשן בגד, איבער יעדן נייטיקן חפץ. ביטערער גערענגל און אַחריות. אַלץ איז אָפּגעגאַנגען מיטן רויך אין די נאַכטיקע הימלען אַריין. און איצט ניט געוועזן וואוהין צו גיין. ווייב און קינד האָבן ניט געהאַט קיין היים. בלויז דעם אייגענעם נפש געראַטעוועט פון אַ גרויזאַמען טויט. און געלויבט דער אייבערשטער פאַרן אייגענעם נפש.

אַ פרוי האָט זיך דורכגעשטופּט צווישן עולם, געשלעפּט אין גרויס איילעניש נאָך זיך אַ פינף־יעריק ייִנגעלע, וואָס האָט ביטער געוויינט, און געשריען פון דער וויטן צו דער פרוי אין מיטן גאַס:

— מיסעס מעקלער, מיסעס מעקלער!... אָט איז ער דאָך אייער דזשייקי!... ווי איז מיר, אָט איז ער דאָך!... קום צו דער מאַמען, דו לויפער, קום צו דער מאַמען!...

די פרוי אין מיטן גאַס מיטן קינד אויף דער האַנט האָט קיין זאַך ניט געהערט. זי איז נאָך אַלץ געשטאַנען, ווי אַריינגעוואַקסן אין דער ערד און געצויגן איר מוראדיקן געיאָמער. פּלוצלונג האָט זי דערזען איר ייִנגעלע און אַ פאַל געטאָן, מיטן קינד אויף דער האַנט, צום נאַסן שטיינערנעם ברוק, ווי אַן אונטערגעהאַקטע. עטלעכע מענטשן האָבן זיך אַ ווילע געפּאָרעט איבער איר און איבער אירע קינדער. אָבער די איבעריקע האָבן וועגן איר באַלד פאַרגעסן. דער רעגן האָט אויפגעהערט. אַ נעפּל איז אַראָפּגעפאַלן צו דער ערד.

די דריי אויבערשטע שטאָקן האָבן אָפּגעברענט. דער פייער איז שוין געווען אונטערן קאָנטראָל. דער רויך האָט זיך נאָך געשלענגלט דורך די אָפענע מיילער פון פענצטער און געמישט זיך מיטן נעפּל, אָנגעפילט די לופט מיטן טערפּקן ריח פון געברענטן. עטלעכע פייער־וועגענער זיינען מיט געבראַזג און געטומל אָפּגעפאָרן. אויף דער גאַס איז געבליבן איין וואָגן, וואָס האָט זיך געמיטלעך געריכערט און פאַרשפּרייט לעשנדיקע פונקען. דער עולם איז געוואָרן קלענער און קלענער. אין די אָרומיקע הייזער האָט געברענט ליכט. שכנים האָבן אַריינגענומען די נשרפים אין זייערע דירות.

די איבערגעבליבענע פייער־לעשער האָבן דורך די פענצטער אַרויסגע־וואָרפן צו דער גאַס אויסגעלאָשענע שטיקער פון האַלב־אויסגעלאָשענעם, נאָך רויכערנדיקן מעבל, האַלב־צעברענטע, אויפגעריסענע און דורכגענעצטע מאַטראַצן און קישנס. מענטשלעכע אָרעמקייט איז געפלויגן איבאַייבעם

מיטן רויך צו דער גאַס, פֿאַרמירט זיך אין טונקעלן בערגל, איבער וועלכן אַ פּייערלעשער האָט פלייסיק געלאָזן יעדע רגע דורך אַ רער נייע שטראָמען וואַסער, פֿאַרשפּרייטנדיק מער און מער דעם געררוך פון געברענטן.

דער רעגן האָט אָפּגעוואַרט אַ ווײַלע און האָט מיט נײַעם אימפּעט אָנגעהויבן צו גיסן. די נאַכט האָט זיך ניט געוואָלט ענדיקן.

פון דער ווייטן, אַריבער דעכער און געביידעס האָבן ווייטע סירענעס נאָך אַלץ צעשריען שרעק און געפֿאַר און אומגליק.

.1941

אין פאַרק

ס׳איז געווען אַ נאַכט נאָך אַ הייסן טאָג. בייטאָג האָט די זון צוגערוקט איר ברענענדיקן פנים צום שטאָל און שטיין פון דער גרויסער שטאָט, אָנגעגליט די דעכער און די טראָטואַרן און געלאָזן זי, אַ פאַרחלשטע, אַנטקעגן די שאָטנס פון דער אָנקומענדיקער נאַכט. אָבער די נאַכטיקע שאָטנס האָבן ניט געהאַט קיין שליטה איבער דער היץ. שטיינערנע ווענט האָבן איינגעהאַלטן וואַרעמקייט. אַספאַלט פון גאַסן האָט איינגעהאַלטן וואַרעמקייט. דעכער האָבן ניט געוואָלט אָפּגעבן דער זון איר וואַרעמקייט.

איבער דער שטאָט זייַנען געהאַנגען רויכיק־דעמפיקע וואָלקנס פון קלעפּיקער לופט. פון דעם איז געווען שווער און שטיקנדיק. אַזוי ווי מ׳וואָלט ביסלעכווייז אויסגעפּאָמפּעט פון דער לופט דאָס לעצטע ביסל זויער־שטאָף און געלאָזן די שטאָט מיט אירע מיליאָנען לעבעדיקע באַשעפעניש אויסגיין אַנטקעגן דעם גרויזאַמען פנים פון דער אָנקומענדיקער נאַכט. ס׳האָט זיך געדוכט, נאָך אַ שעה און נאָך אַ שעה, און מענטשן וועלן ביסלעכווייז אָנהויבן צו שטאַרבן. מיט אָפענע מיילער, מיט אויסגעשטעקטע צינגער און אויסגעצויגענע, צוקנדיקע העלדזער, וועלן זיי אָנהויבן אַוועקגעבן דער פאַרגאַנגענער זון איר ביסל וואַרעמקייט און שטאַרבן פאַרן פינצטערן פנים פון דער נאַכט.

אין די אָרעמע קוואַרטאַלן איז די שטיקעניש געווען נאָך שווערער. איבער די שמאָלע גאַסן זייַנען מענטשן אַרומגעגאַנגען, ווי שאָטנס. די אָרעמשאַפט האָט אין מאַטערניש געטראָגן אירע ליידן. פרויען און קינדער און אַלטע לייט האָבן זיך געראַנגלט אין אַנגסטן. און נאָר די שטאַרקערע האָבן געזוכט דערלייכטערונג: ווער ס׳איז געקראָכן אַרויף צו די דעכער און ווער ס׳האָט זיך, צעכראַשטשעט, געוואַלגערט מיט ווייב און קינדער אויף די וואַרעמע, נאָך ניט אָפּגעקילטע טראָטואַרן. און נאָר די איינזאַמע און היימלאָזע האָבן געטראָגן זייערע מידע טריט צו די שטאָטישע פאַרקן, וואָס האָבן געוואָלט אויסבייטן זייער האַרטן געלעגער אין אַ שטאָטישן פלאַפ־הויז אויף דער ווייכער ערד פון פאַרק.

שוין אין די פריע שעה׳ן פון דער נאַכט, נאָענט ביים אַרייַנגאַנג פון פאַרק, אויפן געשאָרענעם גראָזענעם טעפּיך האָבן זיך געוואַלגערט מענטשן, צעכראַשטשעטע, מיט פאַנאַנדערגעוואָרפענע גלידער, מיט פאַררײסענע קעפּ צו דעם ליכט־באַפלעקטן שטאָטישן הימל, ווי געפאַלענע קערפּערס פון קריגער אויף אַ פאַרלאָזטן שלאַכטפעלד. זיי זייַנען געלעגן אין מאָדנער פאַרגעסונג און געצויגן אין זייערע לונגען די שיטערע לופט איינאיינעם מיטן

פּייכטן ריח פון דער ערד. מאַמע־ערד האָט געגעבן דערלייכטערונג. הייסע ליפּן האָבן געוואָלט צופאַלן צו איר קילקייט און קושן זי פאַר איר גנע־דיקייט, פאַר דער רו, וואָס זי האָט געגעבן די מידע, פאַרוואָרלאָזטע גלידער.

אונטער אַן אַלטן בוים, אַנגעשפאַרט מיטן רוקן צו דער האַרטער קאָרע פונעם שטאַם, איז געזעסן אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן. זיין רעקל און די אויסגעטראָגענע שיך זיינען געלעגן לעבן אים. ער איז געזעסן און געקוקט אַריבער די צעוואָרפענע שלאָפנדיקע מענטשן, איינגעהערט זיך אינעם שטאָ־טישן גערודער הינטער אים און געטראַכט זיינע שווערע געדאַנקען. זיין לעבן איז געווען הינטער אים, געווען און פאַרגאַנגען, ווי אַ חלום. און נאָר ער איז געבליבן מיט זיך אַליין, מיט זיין עלנט. און ער איז דאָ געזעסן נאָך אַ טאָג וואַנדער איבער שטיינערנע, גליענדיקע טראָטואַרן.

איבער די אַלייען האָבן שפּאַצירט אין אַלע ריכטונגען פריילעכע פּאָרלעך. ס׳האָט זיך דערטראָגן אַ הילכיקער געלעכטער. דורך די צווייגן האָבן דורכ־געשיינט די פייערדיקע שילדן פון די הויכע שטאָט־טורעמס. ס׳איז נאָך געווען לעבן און באַוועגונג אין דער שטאָט. אין היץ און אין קעלט האָבן מענטשן געקאָנט לעבן. די נאַכט וועט אַריבער, און ס׳וועט אָנקומען אַ נייער טאָג. און ס׳וועט זיין דאָס זעלביקע. דער מענטש האָט געטראַכט זיינע טרויעריקע געדאַנקען, אַרויסגענומען פונעם רעקל־קעשענע אַ קליין פלע־שעלע מיט משקה, אַ שלונג געטאָן, באַהאַלטן צוריק דאָס פלעשל און ווייַ־טער אַזוי געזעסן אין דער נאַכט אַריין.

ניט געזען, ווי לעבן אים האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ פרוי. אַוועקגעזעצט זיך אַ פּאָר טריט פון אים און פלוצלונג געזאָגט, ווי ניט צו אים, ווי עפּעס גלאַט אַזוי, אין דער וועלט אַריין:

— ס׳איז איין מאָל אַ שטעטעלע, ניו־יאָרק... עך, אַ שטעטעלע!...

ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן און קיין זאַך ניט געזאָגט. אַ שווייגער געווען. ניט ליב געהאַט קיין פרעמדע מענטשן אַרום זיך. געוואָלט זיין אַליין. און דאָ איז זי געווען. ווער ווייס, ווער זי איז געווען? אַ פרוי אין פּאַרק. איינע אַליין... ניין. ער האָט זיך ניט געוואָלט אָפּרופן אויף איר באַמערקונג.

אָבער ער האָט געזען, אַז זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ראָזעווען קלייד. די האָר זיינען איר געווען געשאָרן און געקרייזלט אין אומצאָליקע לאָקאָנעס. און זי איז ניט געווען קיין צו אַלטע. אַ פרוי פון אַ יאָר פערציק. הייַנטיקע פרויען — ווער האָט דען געקאָנט וויסן, ווי אַלט זיי זיינען?... ניין. ער וועט זיצן און וועט ניט ענטפערן.

— איך בין דאָ ניט ווייט אַרומגעגאַנגען... אַרום דעם „עסעקס הויז”... ס׳איז אַ הייזעלע פאַר מיליאָנערן. מאַשינען מאַכן קאַלטע לופט... אפשר פערציק שטאָק אָנגעפּאַקט מיט מיליאָנערן... אונטן — אַ רעסטאָראַן מיט מוזיק... אויבן — דאַך־גערטנער... גראַמע טאַנץ־זאַלן... געלעכטער... געזאַנג... מענטשן לעבן דאָס אַ לעבן! אַ גן־עדן אויף דער ערד... דאָרטן ווייטער איז דער האָטעל „סענט מאָריץ” — אַ האָטעלעכל! לאָקייען אין

ליוורעיעס... מענטשן גייען אַרויף און אַראָפּ... וואָס זאָג איך גייען!... פליען אַרויף און אַראָפּ מיט די ליפּטן... איך ווייס גאָר ניט, ווי זיי מאַכן דאָס, אין מיטן דער ברענעניש איז ביי זיי קאַלט, ווי אין מיטן ווינטער. איך בין אַרומגעגאַנגען ביז די פיס האָבן מיר גענומען ברעכן... דאָ, אין פּאַרק איז פּאָרט אַ ביסל קילער.

די פרוי האָט גערעדט אָפּגעריסענע פראַזן, אַזוי ווי מענטשן ריידן צו זיך אַליין. אָבער די רייד זיינען געווען געווענדט צו דעם מענטשן ביים בוים. אָבער ער האָט ווידער ניט געענטפערט. אָנשטאָט דעם האָט ער אַרויסגענומען פון דער רעקל־קעשענע ס׳פלעשל, צוגעלייגט צו די ליפן, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אַהינטער און האָט עטלעכע שלונג געטאָן מיט אַ שלוכץ. אָפּגעקערט אַן אַ זייט דעם פּנים און זיך אין דער פינצטער אַ ביסעלע פאַרקרימט פון דער ביטערניש. נאָכדעם האָט ער מיט אַ זשעסט פאַרשטאָפּט דאָס פלעשל און עס צוריק אַריינגעשטופּט אין דער קעשענע.

זי האָט נאָכגעפאָלגט זיינע באַוועגונגען. געזאָגט:

— גאָט אַלמעכטיקער! אין אַזאַ הייסער נאַכט ברענסטו נאָך דיינע געדערים... פטרסט אַוועק דיינע כוחות, מאַן. זשאַלעוועסט ניט ס׳געזונט.

אין די רייד אירע איז געווען פאַרוואורף, אָבער איינעם קול איז געווען וואַרעמקייט. און די רייד און די וואַרעמקייט אין איר קול איז געווען ווי פון אַ נאָענטן מענטשן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר און קאַלטלעך געזאָגט:

— איך וועל זיך ניט האַלטן מיטן ביסל משקה ביז אין ווינטער אַריין... כע!...

זי האָט זיך ווי דערפרייט מיט זיינע פּאָר ווערטער:

— איך וואָלט געוואָרט אויף אַ קילערן וועטער מיט אַזאַ געטראַנק. יאָ. איך וואָלט שוין געוואָרט... אָבער אין אַזאַ וועטער?.. דו ווייסט דען, וואָס עס טוט זיך אין שטאָט? אַ גאַנצן טאָג זיינען אַמבולאַנסן אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן. אַזאַ היץ איז דיר ניט קיין קלייניקייט.

ער האָט אויף איר ניט געקוקט. געזאָגט אַ ביסל אַן אַ זייט:

— איך וועט זיך, וואָלסט זיך אַליין ניט אָפּגעזאָגט פון אַ טרונק.

זי האָט זיך ווי דערפרייט מיט זיין באַמערקונג. אַ לאַך געטאָן און געזאָגט:

— האָסט דען פאַרגעלייגט? אַ דייניקער טרינקט אַליין און יענעם גיט ער אַ פייג...

ער האָט שווייגנדיק אַרויסגענומען דאָס פלעשל, אָפּגעדרייט דעם קאָרק און איר דערלאַנגט. זי האָט אַ שאַר געטאָן מיט דער אָפענער האַנט איבערן העלדזל און אַ שלונג געטאָן. די שטאַרקייט פונעם ספּירט האָט אַ ברי געטאָן דעם האַלדז און פאַרוואָרגן. זי האָט זיך שטאַרק פאַרהוסט. געהוסט און געהוסט און קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. ער האָט צוגענומען ביי איר דאָס פלעשל און פאָטערלעך געזאָגט:

— אַט זעסטו, קאָנסט ניט טרינקען, און טרינקסט. אַ פרוי — אומ־שטיינס געזאָגט — אַ טרינקערקע... און פאַרבייסן איז אויך ניטאָ מיט וואָס.

זי איז געקומען צו זיך:

— וואו האָסטו אויסגעקראַצט אַזאַ פאַרדאַמטן „בוז״? איר, מענער, וועט אַלץ אויסזשליאָקען, אַבי אַ ברען צו טאָן די געדערים... אַזאַ פאָלק זייט איר, מענער...

זי האָט זיך אַ רוק געטאָן אַ ביסל נעענטער:

— און אַ בערדל האָסטו זיך פאַרלאָזט!... קלויבסט זיך צו ווערן אַ יידישער רב, צי וואָס?... איך וועט זיך, אַז דו ביסט נאָך גאָר אַ יונגער מענטש. ווי אַלט?

— צו וואָס דאַרפסטו דאָס וויסן? קלויבסט זיך ניט מיט מיר חתונה צו האָבן...

— אַ מענטש דאַרף אַכטונג געבן אויף רייניקייט. אָט טו אַ קוק אויף זיך: האָסט זיך אפשר אַ גאַנצע וואָך ניט ראַזירט. איר, מענער, ווי נאָר איר בלייבט אָן דער אויפזיכט פון אַ פרוי, זייט איר פאַרפאַלענע מענטשן. אַזוי ווי קליינע קינדער אָן אַ מאַמען... ביסט אַ שיכור. אָבער דו קוקסט אויס צו זיין אַ נישקשהדיקער מענטש. אָ, איך פאַרשטיי זיך אויף מענטשן! איך האָב אויף מיין וועלטל אָנגעטראָפן גענוג פון אייער מין... ביסט בלייך. האָסט מסתמא קיין גוטן ביסן אין טעג ניט פאַרזוכט. דער מאָגן איז דיר לידיק, און דו גיסט אַהין משקה...

איצט האָט זיך אים געוואָלט עפּעס זאָגן:

— אַז סע ברענט, באַדאַרף מען לעשן... כע!

— ביסט אַ גאַנצער חכם! מיט פייער וויל ער לעשן פייער... ניין, דו זאָג בעסער, ווי לאַנג דו האָסט ניט געגעסן.

— אַלץ ווילסטו וויסן.

— וועסט מיך ניט אָפּנאַרן. אַזעלכע, ווי דו, וועלן בעסער אויסגיין פון הונגער, אָבער אָן דעם ביסל „בוז״ וועלן זיי ניט אויסקומען. עד, וועסט שטאַרבן אונטער אַ פּלויט.

זי האָט זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג, פאַרלייגט די הענט אונ־טערן קאָפּ און איז אַזוי געבליבן ליגן מיטן פּנים אַרויף, מיט די אויסגע־פורעמטע גלידער אונטערן דינעם קלייד. דאָס ווייטע ליכט פון אַ פאָנאַר און פון די הויכע שטאָטישע טורעם־שילדן איז געפאַלן אויף איר מיט ווייכער שאָטנדיקייט. אינעם מאָנס הארצן האָט אַ ציטער געטאָן וואַרעמקייט. אָן אומרואיקייט האָט אַרומגענומען אַלע זיינע גלידער. ער האָט געטראַכט:

אַ פרוי. אַ פרעמדע פרוי... און ניט קיין מיאוסע. געקומען און האָט זיך דאָ לעבן אים אָוועקגעלייגט. און וואָס זאָל ער דאָ טאָן מיט איר? זי רעדט און זי רעדט, ווי עפּעס אַ ווייב אַ וועלכע עס איז... כע! רעדט אירע ווייבערשע נאַרישע רייד. און איצט האָט זי זיך דאָ אויסגעצויגן לעבן אים, און טו איר עפּעס!... און צו וואָס האָט אים איצט געטויגט אַ פרוי? נאָר

אַן איבעריקע לאַסט... זיי, אַז זיי טשעפּען זיך איין מאָל אָן, איז אַ צרה...

ער האָט געזען: זי האָט צוגעמאַכט די אויגן. אַזוי ווי זי וואָלט געדרעמלט. איר ברוסט האָט זיך געהייבן און אַרונטערגעלאָזן פֿון רויִקן אָטעמען. אַ מינוט און צוויי. ער האָט פֿון דער זייט געוואָרפֿן אויף איר זשעדנע בליקן. זי איז שוין געווען אַ פֿרוי אין די מיטעלע יאָרן. אָבער איז ניט געווען קיין מיאוסע. מ'קאָן זאָגן אַפילו — אַ שיינע... אַ פֿרוי מיט אַ קערפּער... די אומרואיקייט איז אין אים געוואַקסן. ער האָט עטלעכע מאָל אַפילו אַ טראַכט געטאָן, אַז ס'וואָלט געווען גוט, ווען ער הייבט זיך איצט אויף און גנבעט זיך פֿון איר אַוועק. דער פּאַרק איז גרויס. צו וואָס טויג אים אַ פֿרוי? אַ פֿרוי אין זיין לאַגע איז אַן איבעריקע לאַסט... אָ, ער קען זיי, די באַכט־פֿייגעלעך!... אָבער אין די אויפגערודערטע גלידער זיינע איז שוין געווען אַזאַ פֿייַן, וואָס האָט ניט געלאָזט אים אַ ריר צו טאָן זיך. אַרויסגענומען דאָס פלעשל און גענומען עטלעכע שלונג.

זי האָט שטיל, ניט עפענענדיק די אויגן, געזאָגט:

— אָט טרינקסטו שוין ווידער, דו, זויפער.

— אַז איך טרינק, וואָס אַרט עס דיך? ניט דיין משקה.

— וויפל האָסטו נאָך דאָרטן?

— נאָך אויף איין מאָל אַ שלונג צו טאָן.

— גיב. איך וועל אויסטרינקען.

געגעבן איר ס'פלעשל, אומווילּיק:

— קענסט דאָך ניט טרינקען.

אָבער זי האָט זיך שוין אויפגעזעצט און האָט באַלד אויסגעטרונקען ביזן דנאָ, אָפּגעשליידערט די פלאַש און געבליבן אַ ווילע זיצן מיט אַ פאַרקרימטן פּנים:

— נו, אָט בין איך שוין אויך שיכור, ווי אַ „באָם". דו אַ „באָם", איך אַ „באָם"... וואָס זאָגסטו, האַ? און וויפל מיינסטו איז איצט דער זייגער?

ס'איז שוין געווען שפּעט. פאַרלעך האָבן פאַרלאָזט דעם פּאַרק. איבער אַלע אַלייען האָבן זיי זיך געצויגן אין אַלע ריכטונגען, מידע, אויסגעשעפּטע, אָן דעם פריערדיקן געלעכטער, געגאַנגען צוריק אין דעם הייס־אָטעמדיקן מויל פֿון דער שטאָט. און נאָר די איינזאַמע פּאַרק־שלאָפערס זיינען געבליבן צעוואָרפענע אויפן פעלד, ווי טויטע קערפּערס נאָך אַ שלאַכט. ער האָט זיך אויפגעהויבן, אויפגעזוכט מיט די אויגן אַן עפענונג צווישן די צווייגן פֿון די ביימער און אַ קוק געטאָן אויפן גרויסן זייגער פֿון דער שעווראָלעי פירמע. צוריק אַוועקגעזעצט זיך אויף זיין אָרט און צוגעוואָרפן איר:

— שוין צוויי אַזייגער, מיידעלע.

זי האָט ברייט אַ גענעץ געטאָן:

— שוין צוויי?! אַ־כאַ־כאַ! שוין צייט צו שלאָפן... ווי רופט מען דיך, דאָרטן?...

— האַרווי. האַרווי, רופט מען מיך.

— און מיך — מערי... אַלע, וואָס ליגן דאָ האָבן זיך שוין אויסגעשלאָפן און מיר ריידן און ריידן. וואָס זאָגסטו, דאַרטן, האַרווי?

— דו רעדסט די גאַנצע צייט. איך שווייג.

—נישקשה. דו שווייגסט און זעסט זייער גוט, וואָס אַרום דיר טוט זיך. מיינסט, איך האָב ניט געזען? האָסט מיך די גאַנצע צייט געפּרעסן מיט די אויגן... עך, האַרווי, איך קען שוין דיך, ברודערל, האָסט די אויגן ניט אַראָפּ־גענומען, כי־כי־כי!...

— וואָסי, מ׳טאָר אויף דיר ניט קוקן?

— פאַרוואָס ניט? מ׳קען אויף מיר קוקן. איך בין ניט אַזאַ מיאוסקייט. מיידלווייז האָב איך ביי די שענסטע מענער אויסגענומען. קוק, און האָב הנאה — מיך אַרט ניט... אָבער מאַך זיך ניט פאַר קיין היליקן, אַט וואָס איך זאָג דיר, האַרווי.

ער האָט אַ טראַכט געטאָן:

— אַט זייַנען זיי דיר, די ווייבערשע שטיק... ניין, ער האָט זיך באַדאַרפט אויפהייבן און אַוועקגיין. אַוועקגיין פון אַ צרה. אָבער ער האָט שוין גע־פילט, אַז זיין עקשנות גיט אין אים נאָך. אַ שוואַכקייט נעמט אַרום אַלע גלידער. אַ שווערקייט האָט געהאַלטן דעם גאַנצן קערפּער.

זי האָט זיך פלוצלונג צוגערוקט האַרט צו אים. פון איר קערפּער האָט אַ צי געטאָן אויף אים מיט ווייבלעכער וואַרעמקייט, וואָס האָט זיך צע־גאָסן אין פאַררעטערישע שטראָמלעך איבער אַלע אברים און געבליבן שטעקן אינעם האַרצן, ווי אַ הייסער מעסער. זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים, נאָכ־גיביק און צאַרט, ווי אַן איינגעדרעמלטע קאַץ.

ער האָט פאַרזיכטיק אַ שאַר געטאָן מיט דער האַנט איבער אירע האָר, און זי האָט זיך געלאָזט גלעטן. אירע האָר זייַנען געווען ווייכע און האָבן צעטראָגן אַ זיסן אַראָמאַט. נאָכדעם האָט ער אויף איר אַרויפגעלייגט אַ האַנט. און זי האָט זיך געלאָזט.

די נאַכט האָט זיך פאַרטאַיעט איבערן פּאַרק.

1938

די אַלטיטשקע

אין דרויסן איז געשטאַנען אַ שווערער האַרבסטיקער פרימאָרגן. צווישן הימל און ערד איז געהאַנגען אַ גרויע פאַרגליווערטע טונקלקייט און ניט געוואָלט אָפּטרעטן. דער טאָג איז געקומען אין פּיין און ניט געקאָנט געבוירן ווערן, ניט געקענט אָפּרייסן זיך מיט זיין נאָפּל פון דער נאַכט. מויערן האָבן ניט געוואָלט אַריינלאָזן קיין ליכט אויף די גאַסן און אין מענטשלעכע וואוינונגען. איז דער טאָג געשטאַנען הינטער שטיינערנע שוועלן פון דער שטאָט און מיט פּיינלעכן געדולד געוואַרט ביז עס וועלן זיך אָפּשליסן די טונקעלע טויערן און אַריינלאָזן. אָבער די טויערן האָבן זיך ניט געוואָלט עפענען.

ס'איז שוין געווען אַכט אַזייגער אינדערפרי. פון וויט אַריבער די דעכער האָבן זיך דערטראָגן פאַרטעמפּטע אויסגעצויגענע טרויעריקע סירענע־געשרייען פון געעפנטע פאַבריקן און בלאָנדזשענדיקע פּעריס, וואָס האָבן געשניטן אַ וועג איבערן האַדסאָן און איבערן איסט־ריווער דורך נעפּל און גליווער. דער געשריי זייערער האָט זיך געראַנגלט, געראַנגלט מיט דער דריקנדיקער אומבאַוועגלעכקייט פון די שווערע הימלען, געוואָלט אויפרייסן און אויפטרייסלען די לופט מיט לעבעדיקע וויבראַציעס, און איז דערשטיקט געוואָרן, ווי אַ ניי־געבוירן וועזן, וואָס האָט באַדאַרפט אָנזאָגן דער וועלט, אַז אַ נייער טאָג ווערט געבוירן אין וויטיקן פאַר פּראַצע און פאַר קאַמף.

אינעם פיר־שטאָקיקן טענעמענט־הויז ביים איסט־ריווער האָט זיך שוין גערודערט. אין די קליינע טונקעלע צימערלעך האָט זיך געלאָזט הערן די געוויינלעכע פרימאָרגנדיקע טומלעניש. קינדער זיינען מיט איילנדיקע טריט אַראָפּגעלאָפן די הילצערנע טרעפּ מיט ביכלעך אונטער די אָרעמס. קלענערע קינדער האָבן צעטראָגן איבער די פינצטערע קאָרידאָרן אַ באָגנדיקן, קרענקלעכן געוויין. אימיצער האָט אימיצן גערופן. אימיצער האָט אויף אימיצן געשריען און געשאָלטן. ס'איז געווען לעבן און באַוועגונג, ווי אין עפּעס פאַרבאָרגענע, אונטערערדישע קעמערלעך, אָן ליכט און אָן רחבות. און נאָר די אַלטיטשקע אויפן פערטן שטאָק האָט זיך אין אָט דעם פרימאָרגן ניט געקענט אָפּרייסן פון איר געלעגער. געלעגן אין אַ גאַנצן באַרג שמאַטעס, אַליין אַזאַ אַלטע און צעקנייטשטע, ווי די אַלטע, אָפּגעטראָגענע בגדים, האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט די געל־געוואָרענע, פאַרקאָלטנטע שטיקלעך וואַטע, וואָס זיינען געקראָכן און געברעקלט זיך פון אַלע ריסן און ריסעלעך, שוין ווער ווייס וויפל יאָרן, און נאָך אַלץ איינגאַנצן ניט אַרויסגעקראָכן און ניט אויסגעברעקלט זיך.

די אַלטיטשקע איז געלעגן און ניט געפילט אירע אייגענע אברים. אַזוי ווי זיי וואָלטן איר פּלוצלונג פאַרלוירן געגאַנגען אין דעם טונקעלן באַרג איבער איר. אַ פוס איז ניט געווען איר פוס. אַ האַנט איז ניט געווען איר האַנט. און אינגאַנצן איז זי געווען ווי אַ קליין פאַרלאָשן פייערל אין אַ מוראַדיקער פינצ־טערניש, וואָס האָט אויפגעצאַנקט און זיך געלאָשן, ווי חלום וואָלט זיך אין איר געביטן מיט וואָר. און ס'איז איר גוט געווען אַזוי צו שוועבן צווישן חלום און וואָר, אַן דער שווערקייט פון די קראַנקע אברים, ווי צווישן לעבן און טויט. איז זי אַזוי געלעגן שוין וועך וויס וויפל שעה — אפשר די גאַנצע נאַכט — געלעגן און ניט געוואוסט, צי ס'איז געווען נאַכט, אָדער שוין ווייט אין טאָג אַריין. ס'איז געווען אַלצאיינס.

אָבער אין דער טיר האָט מען שטאַרק געקלאַפּט. געקלאַפּט און געקלאַפּט. אַ פרעמדע האַנט האָט פאַרעקשנט געפּויקט — איין מאָל און צוויי מאָל און אַ סך מאָל. שטאַרקער און שטאַרקער. און אימיצער האָט שוין הינטער דער טיר אַ ביסל בייזלעך־אומגעדולדיק געשריען:

— העי, עפן די טיר!... עפן די טיר!...

די אַלטיטשקע האָט דערהערט. אָבער עס זיינען סיי־ווי פאַרגאַנגען אַ סך רגעס ביז זי איז געקומען צו זיך און עפּעס פאַרשטאַנען. אין איילעניש פּרובירט צונויפקלייבן די ברעקלעך פונעם איינגעשלאָפענעם זכרון — און ניט געקאָנט. געוואָלט אויפזוכן און צוזאַמענקלייבן די אברים — דאָ אַ האַנט און דאָ אַ פוס, ווי אַן איבערגעשראָקענע הון זוכט אירע הינדעלעך, ווען די סאָווע לויערט איבערן קאָפּ. געוואָלט אויפהויבן זיך פונעם בעט, און ניט געקאָנט. האָט זי נאָר געזאָגט אין קראַנקער אומבאַהאָלפנקייט צו זיך אַליין און צו דער פינצטער־ניש אַרום איר:

— אוי, ווי איז מיר... אימיצער קלאַפּט דאָך... אימיצער קלאַפּט דאָך אין דער טיר... ווי...

און זי האָט זיך ווידער געוואָלט פאַרגעסן. אָבער דער, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר, האָט שוין מער ניט געוואָלט וואַרטן. אַן אומגעדולדיקער מענטש געווען. האָט זיך צוליב עפּעס זייער געאיילט. האָט ער מיטאַמאָל געעפנט די טיר, מיט אַ טומל און אַ גערודער, און איז אַריינגעפאַלן אין שטוב. און נאָך אים, ווי שאָטנס נאָך אַ שאָטן, זיינען אַריין דריי גרויסע געזונטע מענער, אַריינגעגאַנגען איינער נאָכן אַנדערן און אויסגעוואַקסן, ווי ריזן, איבער איר בעט.

דער ערשטער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, אויפגעזוכט אַן אַלט אויסגעלאָשן פנים צווישן די שמאַטעס און זיך איבערגעבויגן איבער אים אין אַ קורצער פאַרוואונדערונג. און נאָכדעם שוין מיט אַ גראָבן קול און מיט אַ פולן מויל אומפאַרשטענדלעכע ווערטער אָנגעהויבן צו ריידן. גערעדט און געשטופּט איר אין פנים אַריין עפּעס אַ קוויטל, אַ וויס שטיקל פּאַפּיר מיט פרעמדע אותיות.

האָט שוין די אַלטיטשקע, אַן איבערגעשראָקענע אויף טויט, אַרויסגע־מורמלט, ווי עפּעס אַ נאָענטע תפילה:

— אוי, ווי איז מיר... וואָס איז? ... גאָט דערבאַרעמדיקער... וואָס האָט געטראָפן? ...

און נאָך אַלץ ניט געוואוסט, צי דאָס איז געווען אין חלום, צי אויף דער וואָר. אָבער דער פרעמדער האָט ניט געהאַט קיין צופיל געדולד און איינ־זעעניש. ער איז געווען אַ מאַרשאַל פון דעם געריכט און אַ מאַן פון פליכט, וואָס איז געקומען דורכפירן אַ געריכטלעכע פאַראָרדענונג. מיט אים איז געווען דאָס געזעץ און הינטער אים — דריי מענער, וואָס האָבן באַדאַרפט דורכפירן דאָס וואָרט פון געזעץ אַן איבעריקן צייט־פאַרלוסט. האָט ער שטרענג געזאָגט:

— וואָס איז דאָ לאַנג צו ריידן? אָט איז דער אָרדער פאַר אַ דיספּאָזעס. און מיר באַדאַרפן אַלץ אַרויסטראָגן פון דאַנען.

און שוין צוליב עפּעס אַ מענטשלעכער סטרונע, וואָס האָט אַ ציטער געטאָן אין זיין האַרצן, האָט ער אַ ביסל מילדער צוגעגעבן:

— מיר קאָנען זיך ניט העלפן, באָבעשי. ס'איז אַ געזעץ אַזאַ.

און גלייך נאָכדעם איז ער שוין ווידער געוואָרן אַן אַנדערער. האָסטיק אַ קער געטאָן זיך צו די דריי מענער, — צוויי ווייסע און איין נעגער, — וואָס זיינען געשטאַנען אַנגעכמורעטע און האָבן, אין אַ מאָדנער שטומער געפאַלנקייט, געקוקט אויפן ביסל אָרעמקייט און אויסגעמיטן צו קוקן איינער אויפן אַנדערן, מורא האָבנדיק זיך צו באַגעגענען מיט די בליקן, ווי שולדיקע אין אַ מיאוסן פאַרברעכן. אַ קער געטאָן זיך און העכער, ווי ס'איז געווען נויטיק, באַפעלן:

— נו, טראָגט אַרויס. די צייט שטייט ניט. נעמט און טראָגט אַרויס, זאָגט מען אייך! ... און לעבעדיקער!

אָבער די מענטשן זיינען ניט געווען צו אויפגעלייגט אין דער שעה. די מענטשן האָבן ניט געקאָנט אַרויסווייזן קיין אימפּעטיקייט אינעם אָנזיכט פון אַזאַ שרייענדיקן עלנט אין אָט דעם האַרבסטיקן פרימאָרגן. ס'איז געווען אַ שווערע אומוויליקייט אין די גלידער און אין האַרצן — אַ ביטערער אומעט. זיי האָבן זיך קוים אַ ריר געטאָן אויף דעם מאַרשאַלס באַפעל. איז דער מאַרשאַל גלייך אַן אַנגעצונדענער געוואָרן:

— וואָס שטייט איר, ווי ליימענע!... מ'זאָגט אייך: נעמט און טראָגט אַרויס! צי איר ווייסט ניט נאָך וואָס איר זייט אַהער געקומען? ... וואָס איז דאָ צו מאַרודיען? גיט זיך אַ ריר, פאַרשלאָפענע!

די מענטשן האָבן זיך אַ ריר געטאָן. און ווערטער גענומען זיך פאַר דער אַרבעט. איינער האָט אַ נעם געטאָן דאָס טישל. דער צווייטער — דעם אַלטן אויסגעטראָגענעם פאָטעל, און דער דריטער — די צוויי שטולן און נאָך עפּעס

אַ לייכט שטיקל מעבל. מיט געניטע באַוועגונגען און אַן איבעריקן געדודער האָבן זיי גענומען אַרונטערטראָגן דורך דער אָפענער טיר די פּאָר שטיקלעך מעבל.

ערשט איצט האָט די אַלטיטשקע אַלץ אָנגעהייבן באַנעמען. מיט איין מאָל האָט זיך צוריקגעקערט דער זכרון און עס האָבן זיך אויפגעזוכט די פּאַרלאָרענע גלידער. די גאַנצע ווירקלעכקייט האָט זיך מיטאַמאָל אַנטפּלעקט, טיף און אָפּגרונטיק, ווי די סאַמע לעצטע רגע פאַרן טויט. זי האָט זיך אַ שאַר געטאָן איבעם באַרג שמאַטעס און מיט געוואַלדיקער אָנשטרענגונג אַוועקגעזעצט זיך אויפן ברעג בעט, אַזוי ווי זי האָט זיך מיט אַ נאַכט פריער געלייגט שלאָפן, אַן אָנגעטאָנענע אין די עטלעכע קליידלעך, איינע איבער דער אַנדערער צוליב וואַרעמקייט, און אין אַזעלכע מאָדנע שיכלעך, ווייכע, אָן אָפּצאַסן, און אפילו אין אַ וואַרעמער וואַטאַווען קאַפּטן, וואָס זי האָט פון זיך ניט אויסגעטאָן שוין אַ סך וואָכן, צוליב דער ביטערער קעלט אין דער דירה.

אַזוי געזעסן אַ ווײַלע, און נאָכדעם פאַרבראָכן די דינע פינגער פון אירע דאַרע אויסגעקנייטשטע הענטלעך, און גענומען זיך וויגן פון זייט־צו־זייט, ווי פון אַן אומדערטרעגלעך־נאָגנדיקן צאָן־ווייטיק. איר קליינטשיק, זייער אויס־געקנייטשט און אויסגעדאַרט פּנימל האָט זיך אויסגעקרימט אין אַ וויינענדיקער, רחמנותדיקער גרימאַסע, ווי ביי אַ ניי־געבוירן קינד, וואָס האָט צום ערשטן מאָל דערזען די ליכטיקע וועלט און זיך איבערגעשראָקן אויף טויט. און זיך פּלוצלונג פאַרגאַנגען אין אַ מאָדנעם עלטערלעך־קינדישן געוויין, באַגלייט מיט דעם ניגון פון תחינות:

— ווי איז מיר, ווי איז מיר און ווינד... וואָס וועט איצט זיין מיט מיר, מיט דער וויסטער אלמנה... גאָט דערבאַרעמדיקער, האַרציקער, געטרייער, האָב רחמנות אויף מיר, דער אומגליקלעכער... ווי איז צו מיר און צו מיינע יאָרן...

אַזוי אַ מינוט און צוויי. דער מאַרשאַל איז אָפּגעטראָטן צום פענצטער, אַוועקגעשטעלט זיך מיטן רוקן צו דער אַלטער. געשטאַנען מיט זיינע ברייטע פּלייצעס, ווי אַ גרויסער, שוואַרצער אומבאַוועגלעכער שאָטן, וואָס האָט זיך אויסגעלייגט איבערן פענצטער. פאַרשטעלט מיט זיך דאָס קאַרגע ביסל גרויע ליכט, וואָס האָט זיך קוים־קוים געקלעפּט צו די פאַרשטויבטע שויבן. געשטאַנען און ניט גערירט זיך, אַזאַ גרויסער, מיטן קוויטל אין דער האַנט.

די אַלטיטשקע האָט זיך אויפגעהויבן. אַ וויג געטאָן זיך אַ רגע אויף די אָפּגעשוואַכטע פיס, ווי אויף אומצופאַלן, קוים צוגעוואַקלט צום מאַרשאַל און גענומען בעטן זיך ביי אים. אַזוי האָט זיך געקאָנט נאָר בעטן אַ קרבן ביי זיין גזלן:

— מיסטער פּריצל, האָב רחמנות... איך בין אַ ביטערע אלמנה... ניט קיין קינד און ניט קיין רינד... איינע אַליין אויף גאָטס וועלט... וויפל

איז שוין מיר, אומשטיינס געזאָגט, געבליבן צו לעבן אויף דער וועלט... קוים וואָס איך האַלט זיך אויף די פיס... האָב רחמנות... האָב רחמנות...

איר ציינלאָזער מויל האָט זיך שרעקלעך אויסגעקרימט, דעם האַלדז האָבן צונויפגעוואָרגן ביטערע ספּאַזמען. זי האָט זיך אַרונטערגעלאָזן אויף די קני לעבן די ריזיקע פיס פונעם מאַרשאַל און איז, אַזאַ קליינינקע און שוואַכינקע, ווי אַן אָרעם שוואַך באַשעפעניש פאַר דעם אָפענעם מויל פון אַ פאַרצוקנדיקער חיה, געלעגן צונויפגעדרייט, ווי אַ קנוילכל, און געבעטן זיך:

— האָב רחמנות... האָב רחמנות...

און דאָ האָבן זיך שוין צוריקגעקערט די טרעגער. זיי זיינען נאָך געווען שווער־געמיטלעך און פאַראומערט, מיט אומוויליקייט אין די באַוועגונגען. שווייגנדיקע גענומען פאַנאַנדערנעמען דאָס בעטל, פאַנאַנדערנעמען טייל נאָך טייל, און צוזאַמענגעוואָרפן די שמאַטעס אין אַן אויסגעשפּרייטן ליילעך, אין אַ קאָלדרע, צוזאַמענגעבונדן קנופּן. איינער האָט זיך געפאַרעט אין דער קיך, צוזאַמענגענומען די טעלער און טעפּלעך אין אַ הילצערנעם קעסל, אין אַן אַלט קערבל.

דער מאַרשאַל האָט זיך אָפּגערוקט פון דער קניענדיקער אַלטיטשקער, אָפּגעטראָטן צוויי טריט, און געזאָגט מיט איינגעהאַלטענער אומגעדולד:

— נו, נו, באַבעשי... דאָס איז גאָר איבעריק... מיר קאָנען זיך ניט העלפן. אַ געזעץ אַזאַ... מיר טוען אונדזער פליכט. דאָס אַלץ...

און צו די טרעגער האָט ער צוגעוואָרפן מיט בייזקייט אין קול:

— איילט זיך אונטער, באַיעס!... מיר האָבן נאָך דעם גאַנצן טאָג פאַר דער אַרבעט... גיט זיך אַ ריר.

יענע האָבן ניט געענטפערט. געטאָן די אַרבעט שווייגנדיק. ניט אָפּגערופן זיך אויף די רייד מיט קיין איבעריקער אימפּעטדיקער באַוועגונג נאָר די אַלטיטשקע האָט זיך אָפּגערופן אויף זיין באַפעל. זי האָט צונויפגענומען דאָס לעצט ביסל כוח, אויפגעהויבן זיך פון דער אָפענער טיר, וואָס האָט געפירט צום קאָרידאָר און דיל און מיט שנעלע דריבנע טריט אַוועקגעוואַקלט צו די טרעפּ, אַוועקגעשטעלט זיך מיט אויסגעשפּרייטע פיס און הענט אין דער עפענונג, פאַרשטעלנדיק דעם וועג די טרעגער מיט זייער געפּעק, און געשריען מיט אַ מוראדיקן קינדיש־עלטערלעכן געשריי:

— איך וועל ניט לאָזן!... איך וועל ניט לאָזן!... גזלנים!... מערדער!... מענטשן, ראַטעוועט!.. ראַטעוועט!...

און אַזוי איז זי געשטאַנען איינע אַליין, אַזאַ קליינטשינקע אַלטע, קעגן די פיר מענער, וואָס האָבן זיך פאַרהאַלטן אויף אַ גאַנצער מינוט פאַר איר געשריי אין אַ שווערער פאַרלעגנהייט. דעם מאַרשאַלס פּנים האָט זיך אויסגעקרימט מיט צאָרן און אומבאַהאָלפנקייט. אָבער בלויז אויף איין רגע. ער איז צוגעטראָטן צו איר, אַרויפגעלייגט אויף אירע פּלייצעס זיינע שווערע הענט און בייז געזאָגט:

— הער, דו אַלטע, טרעט אָפּ... און ניטאָ וואָס צו שרייען... מיר טוען אַ געזעצלעכע אַרבעט... טרעט אָפּ.

געזאָגט, און זי געוואָלט מיט געוואַלד אָפּשטופּן פון דער טיר. אָבער דעם האַלדז פון דער אַלטיטשקער האָבן שוין פאַרוואָרגן ביטערע ספּאַזמען. זי האָט מיט אירע קליינטשינקע פויסטלעך, ווי מיט טרוקענע ביינדלעך, אָנגעהויבן מיטאַמאָל צו שלאָגן אין דער ברייטער ברוסט פונעם מאַרשאַל, געקלאַפּט, געקלאַפּט, ווי איינער וואָס ראַטעוועט זיך פון אַן אַנלויפנדיקער געפאַר, קלאַפּט אין אַ פאַרשלאָסענעם טויער. געפילט אין זיך די שרעק און די שטאַרבנדיקע האָפענונג אין די אָפּגעשוואַכטע גלידער, אָבער נאָך אַלץ מיט די לעצטע כוחות ניט אויפגעהערט צו שרייען:

— מענטשן, ראַטעוועט!... ראַטעוועט!...

אינעם פינצטערן קאָרידאָר האָבן זיך אַרויסגעשטעקט עטלעכע פּנימער, בלייכע און דערשראָקענע. עטלעכע שכנות מיט זייער קליינוואַרג זייגען גע־שטאַנען שטומע אין זייערע געעפנטע טירן און האָבן שווייגנדיקע געקוקט און ניט גערירט זיך פון זייערע ערטער. דער מאַרשאַל האָט מיט פאַרדראָס און ביטערער שנאה געזאָגט:

— ע, וואָס איז דאָ מיט איר צו ריידן!...

אַ כאַפּ געטאָן די אַלטע און אָפּגעשליידערט זי אָן אַ זייט, ווי עפּעס אַ קליין פאַרעקשנט מיידעלע. די אַלטיטשקע האָט זיך אַ וואַקל געטאָן צו דער וואַנט און, אַן אויסגעשעפּטע, מיט אונטערגעהאַקטע פיס, אַרונטערגעלאָזן זיך אויפן דיל, ביי דער וואַנט, און געבליבן ליגן, אַ העשנדיקע און אַ וויינענ־דיקע. די טרעגער זיינען פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי איר מיט די זאַכן, אַליין דערשלאָגענע און בלייכע, מיט אָפּגעשוואַכטע גלידער. זייערע טריט אַראָפּ די הילצערנע טרעפּ האָבן שווער און טעמפּ אָפּגעהילכט איבערן גאַנצן טענע־מענט. אין אַלע טירן זיינען שוין געשטאַנען בלייכע פּנימער. אויף אַלע ליפּן איז שוין געהאַנגען אַ קללה. נאָך זיי איז נאָכגעגאַנגען דער מאַרשאַל, אַן אויפ־געריצטער, ווי אַ חיה, און גייענדיק, אָפּגעשטויסן אָן אַ זייט די שכנים, וואָס האָבן זיך גענומען צוזאַמענלויפן צו דער אַלטער, ניט ווי סנדיק וואָס צו טאָן אין פאַרלעגנהייט.

אָבער די שטוב איז שוין געווען ליידיק. אויפן דיל האָט זיך געוואַלגערט די אַלטיטשקע און געהעשעט, ווי אַ פאַרגעסן אומנויטיק חפץ. אויפן פענצטער־שוועל האָט זיך געוויסט אין דער טונקלקייט דאָס קליינע קוויטל פונעם איבער־געלאָזטן דיספּאָזעס.

די שכנים זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן מיט אַ יאָמער און געטומל. איניקע האָבן זיך אַרונטערגעלאָזן איבער דער אַלטער מיט פראָסטע רייד. געזוכט צו דערלייכטערן איז צער מיט אַ וואָרט פון טרייסט. איניקע האָבן געשריען און געוואָרפן בייזע רייד און ביטערע קללות אויפן לענדלאָרד, געדראָט מיט דאַרע פויסטן די ווענט און די סטעליע, פּונקט ווי אין זיי וואָלט געווען פאַרקערפּערט

דאָס העסלעכע געשטאַלט פונעם לענדלאָרד. קולות האָבן זיך געריסן אין דער לופטן. קינדער האָבן געוויינט, מענטשן זיינען צוגעקומען און אָפּגעקומען. אָבער ס'איז שוין געווען אַלץ פאַרפאַלן.

און אַז די מענטשן זיינען זיך צעגאַנגען, און עס זיינען פאַרבליבן בלויז אַ פּאָר געציילטע שכנות, האָט זיך די אַלטיטשקע ווי עפּעס באַרואיקט. זי האָט ניט געוויינט. זי איז נאָר געווען בלייך, בלייכער ווי אַלע מאָל. און רואיקער. האָבן זי די פרויען פאַרזיכטיק, אונטער די הענט, ווי אַ קראַנקע, אַרונטערגע־פירט אַראָפּ די טרעפּ צו דער גאַס, וואו עס האָבן אויף איר געוואַרט אירע זאַכן. זי איז געגאַנגען שוויגנדיק, ווי אַ קליין פאַרבלאָנדזשעט מיידעלע, וואָס פרעמדע גוטע מענטשן האָבן זי געפונען, אַ פאַרלוירענע און דערשראָקענע, און האָבן זי געפירט ערגעץ, און זי האָט ניט געוואוסט וואוהין. ערשט ווען זי האָט אויפן טראָטואַר דערזען איר ביסל אָרעמקייט, צונויפגעלייגט אין איין קופּע, צוגעטוליעטע איינע צו די אַנדערע, האָט זי זיך שוין אינגאַנצן באַרו־איקט. די זאַכן זיינען געווען גאַנץ. האָט זי זיך זייער דערפרייט, וואָס זי האָט זיי צוריקגעפונען און האָט ווי צו זיך אַליין געזאָגט:

— אוי, ווי, מ'זאָל, חלילה, ניט צעשלעפּן... ס'איז דאָך אַ גאַס. מאַלע ווער עס גייט דאָ דורך... אַ סך פרעמדע מענטשן...

די באַגלייטערינס האָבן אַ ביסל אַרויסגערוקט דעם ווייכן פאָטעל און האָבן אין אים אַריינגעזעצט זייער פאַרזיכטיק די אַלטע, געשטאַנען אַרום איר און ניט געוואוסט וואָס ווייטער צו טאָן. אָבער זיי האָבן געוואָלט נאָך אַ ווײַלע פאַרבלייבן מיט דער אומגליקלעכער. ריידן צו איר באַרואיקנדיקע רייד. טרייסטן מיט מענטשלעכע ווערטער. אָבער יענע איז שוין געווען מיד. זייער מיד. און אַרום איר זיינען געווען אירע זאַכן. אַלע זאַכן זיינען דאָ געווען. ניט צערויבטע. האָט זי זיך אינגאַנצן באַרואיקט. און די מידע גלידער האָבן נאָך מער און מער געוואָלט רו און פאַרגעסונג. ס'האָט זי מוראדיק געצויגן צום שלאָף. מענטשן האָבן נאָך צו איר גערעדט, און זי האָט שוין געדרעמלט. אַזוי עלטערלעך געדרעמלט, ווי אַ קינד אין די וואַרעמע אָרעמס פון אַ מאַמען.

עטלעכע מאָל זיינען מיט טומל און גערודער פאַרבייגעלאָפן שווערע לאַסט־אויטאָמאָבילן, האָט זיך די אַלטיטשקע אויפגעכאַפּט און אויסגעמורמלט פאַר זיך, אויס געוואוינהייט, ווי אַ תפילה:

— ווי איז מיר, גאָט דערבאַרעמדיקער... ווי איז מיר...

און ווידער איינגעדרעמלט, ניט זעענדיק מיט אירע שטאַרע אויגן, ניט די פּאָר מענטשן אַרום איר און ניט דעם גרויען פרימאָרגן, וואָס איז געשטאַנען איבער איר מיט אַ קאַלטער רוגזה, און נאָר געפילט מיט הנאה די מידקייט, וואָס האָט אַרומגענומען הענט און פיס און ווי דאָס האַרץ זינקט טיפער און טיפער אין אַ וואַרעמען אָפּגרונט אַריין, ווי עס וואָלט אין ערגעץ געפאַלן און געפאַלן, און צום פאַלן וואָלט ניט געווען קיין סוף. פון דעם איז איר קאָפּ אַראָפּגעזונקען צו דער ברוסט, ווי ביי אַן אַלטער קראַנקער שלאָפנדיקער הון.

די פּאָר פרויען האָבן געזען, אַז זי איז איינגעשלאָפן, זיינען זיי אַוועק צוריק אין זייערע הייזער, צו זייער פרימאָרגנדיקער אַרבעט. פרעמדע מענטשן פון דער גאַס זיינען פאַרבייגעגאַנגען, אָפּגעשטעלט זיך און געקוקט אַ ווײַלע אויף דער שלאָפנדיקער אַלטיטשקער, אויף די זאַכן אויפן טראָטואַר, וואָס זיינען געווען אַלט, אַזוי ווי די אַרויסגעשטעלטע אַלטיטשקע: אַ טישל, צוויי שטולן, אַ קעסטל און אַ קערבל מיט טעלער און טעפּלעך פון גאַלוואַניזירטן בלעך, צוויי פּעקלעך פאַרבונדן אין אַ ליילעך און אין אַן אַלטער קאָלדרע — אַלטוואַרג אויף אַלטוואַרג. אַלץ האָט דערציילט אַ מעשה: דאָס ביסל מעבל מיט דער אָפּגעריבענער פאַרב, מיט דער ברעקלענדיקער עמאַל, וואָס מ׳האָט שוין ווער ווייס וויפל מאָל אין אַ גאַנצן לעבן אַרויפגעלייגט, שיכט נאָך שיכט אין ווייסן און אין בלויען און אין גרינעם קאָליר. דאָס מעבל האָט זיך געברעקלט און געשיילט. די טעפּלעך האָבן זיך געברעקלט, געשיילט און געזשאַווערט אין די שפּאַלטן. און פון די שמאַטעס האָט געטראָגן אַ טוכלעקייט פון טויט. ס׳איז געווען אַ קורצע מעשה וועגן אַ לאַנגן, זייער לאַנגען לעבן, וואָס האָט איצט געצאַנקט און זיך געלאָשן אין דער קראַנקהייט פונעם קאַלטן האַרבסטיקן טאָג.

מענטשן האָבן אויסגעהערט די מעשה און האָבן אַוועקגעטראָגן מיט זיך אין זייערע הערצער אַ ביטערניש און אויף די ליפּן אַ קללה צו דעם לענד־לאָרד:

— אַז וואַרפן זאָלן אים קדחת, ווי ער וואַרפט זיך עס מיט די אָרימע שכנים זיינע, דער גראָבער פּעמפּיק... ניין, מ׳טאָר עס ניט פאַרשווייגן!...

און האָבן נאָך געהאַט צו דערציילן אין זייערע היימען וועגן דער גרויסער נבלה: מ׳האָט גענומען אַן אַלטע פרוי און מ׳האָט זי אַרויסגעוואָרפן מיט אירע בעבעכעס אויף דער קאַלטער גאַס, אויפן הוילן טראָטואַר, פאַרן פּנים פונעם הימל... אַרויסגעוואָרפן אַ מענטשן, ווי עפּעס אַ הינטל... ניין, אפילו אַ הינטל וואַרפט מען ניט אַזוי אַרויס אויף דער גאַס...

מענטשן זיינען צוגעקומען און אַוועקגעגאַנגען. אָבער קינדער, קליינע קינדער, זיינען ניט אָפּגעטראָטן. פריער געקוקט מיט גרויסער קינדערשער פאַרוואונדערונג און געפרייט זיך מיטן מאָדנעם בילד: אַן אַלטיטשקע איז געזעסן אויף דער גאַס צווישן אירע זאַכן. זי איז געווען אַלט און די זאַכן זיינען געווען אַלט. און זי איז גאָר געשלאָפן אויף דער גאַס, אַזוי זיצנדיק. ס׳איז געווען זייער טשיקאַווע. און ווי אַז מ׳זאָל זי אַ טשעפּע טאָן? און ווי אַז מ׳זאָל אויף איר עפּעס אַ וואָרף טאָן און איבערשרעקן? וועט זי זיך אַ ריר טאָן? וועט זי זיך איבערשרעקן?

קינדער זיינען צו איר צוגעקומען גאָר נאָענט, מיט מורא און מיט נייַ־געריקייט. מיט שיינענדיקע פריידיקע אייגעלעך געקוקט אויף דער מאָדנער אַלטיטשקער, געשריען און געליאַרעמט:

— העי, העי!... הו־הו!... כי־כי־כי!... אַזאַ אַלטיטשקע! שלאָפט גאָר אויף דער גאַס, מיט די זאַכן אויפן טראָטואַר. כי־כי!...

קינדער האָבן אויפגעהויבן שטיקלעך פּאַפּיר און שפּענדלעך און געוואָרפן אויף איר. און די דרייסטערע האָבן זי אפילו געפּראַוועט אַ שלעפּ טאָן פאַר אַ פּאָלע, איין מאָל און אַ צווייט מאָל. פריילעך געלאַכט פון דער דרייסטקייט און פון דער שפּיל. האָבן די קינדער געלאַכט און געטומלט און אַרומגעלאָפן איבער דער גאַס זוכן שטיקלעך פּאַפּיר און שפּענדלעך, ווייל ס'איז געווען אַזוי פריילעך און טשיקאַווע.

און די אַלטיטשקע איז נאָך אַלץ געשלאָפן און געשלאָפן. און עלטערע האָבן ניט געקאָנט פאַרטראָגן די חוצפּהדיקייט פונעם קליינוואַרג און האָבן ניט געלאָזט חוזק מאַכן פון דער אַלטער. האָבן אויף זיי אָנגעשריען:

— אַוועק, איר שטיפּערס... אַוועק! אָט וועל איך אייך געבן!... אַזעלכע קינדער. האָבן גאָר קיין דרך ארץ ניט פאַר אַן עלטערן מענטשן... אַמעריקאַנער קינדער, אומשטיינס געזאָגט...

ניין, די עלטערע האָבן ניט געלאָזט שטערן דער אַלטיטשקערס שלאָף. זי איז דאָך געווען אַזוי אויסגעמאַטערט. און וויפל קאָן עס פאַרטראָגן אַן עלטערער מענטש? און די קינדער זיינען ביסלעכוויז אָפּגעטראָטן. פאַרלאָרן דעם אינטערעס צו דער אַלטער. זיי האָבן געפונען אַנדערע שפּילן. און נאָר עטלעכע איינגעגעסענע קינדער האָבן נאָך פּרובירט אַן איבעריקן מאָל אַ קלע־טער טאָן אויף די פּעקלעך, אַ זעץ טאָן איבער די טעפּלעך מיט אַ שטעקן, אי־בערקערן אַ שטול און „פאָרן" אויף אים רייטנדיק. אָבער צום סוף זיינען זיי אויך אָפּגעטראָטן. געבליבן זיינען נאָר די גאַסיקע קלאַגמוטערס, די עטלעכע גוט־האַרציקע פרויען, וואָס האָבן מיט האַרצרייסנדיקע איינצלהייטן און מיט אַ טרער אויף די אויגן, צום טויזנטן מאָל, דערציילט און איבערדערציילט די ביטערע מעשה פון אַ לעבן פון אַן אַלטער פרוי אין אַ פינצטערן טענעמענט.

ערשט מיטאָג־צייט זיינען אויך די פרויען אַוועק אַהיים געבן די קינדער עסן, צוגרייטן די וועטשערעס פאַר די מענער, איבערלאָזנדיק די אַלטע אַליין אויפן טראָטואַר. און אַלץ האָט זיך שוין געגומען צוגעוואוינען צום געשעענעם: אַלץ האָט זיך מייאש געווען און שלום געמאַכט, — די גאַס און די פאַרבייגייער, און גליווערנדיק קאַלט איז געהאַנגען איבער דער אַלטער דער גרויער טאָג, געהאַנגען צווישן הימל און ערד, געלייגט זיך שווער אויף מענטשלעכע הערצער, געלייגט זיך מיט אַ טויטן גלייכגילט אויפן מענטשלעכן גורל אויפן טראָטואַר.

און ערשט שפּעט נאָכמיטאָג, ווען די יוגנט האָט זיך מיט אַ טומל אומ־געקערט פון די שולן, האָט זיך ווידער געגומען קאָכן אַרום דער אַלטיטשקער. די יוגנט האָט ניט געוואָלט פאַרטראָגן דעם גלייכגילט צו אַ מענטשלעכן לעבן. ניט געוואָלט פאַרטראָגן קיין אומגערעכטיקייט. די יוגנט האָט זיך איילנדיק פאַרזאַמלט און באַשלאָסן:

— אַריינשטעלן די זאַכן צוריק אין דער דירה!

— מאַכן אַ זאַמלונג פאַר דער אַלטער צווישן שכנים און פאָדערן „רעליף".

— אַוועקשטעלן שטרענגע פּאָדערונגען און אויסדריקן אַ פּראָטעסט צום לענדלאָרד אינעם נאָמען פון דער גאַנצער שכנהשאַפט.

די יוגנט האָט געהאַנדלט שנעל. אָבער ס'איז שוין סיי־ווי געווען צו שפּעט: די אַלטיטשקע אויפן טראָטואַר איז שוין לאַנג געווען טויט.

און אויך דער טאָג האָט שוין געגוסט. ער האָט קוים געצאַנקט ווי אַ ווייט, אומזעבאַר ליכט ביי די ברעגן פון דער שטאָט און געוואָלט, וואָס שנעלער, אויסגיין.

1937

דאָס איבעריקע קינד

אין הויז איז געווען שטיקנדיק־הייס און ענג.

מיסעס גרינבערג איז געלעגן אין בעט מיט אַן אויפגעשוואָלענעם פּנים און געקאָרטשעט זיך פון אָפּטע און שטאַרקע ווייטיקן. דאָס פינפטע קינד, וואָס האָט זיך פון אונטער איר האַרצן געריסן, איז געגאַנגען צו דער וועלט דורך שווערע ליידן און פּיין.

די קינדער האָבן געטומלט שפּילנדיק זיך אויפן דיל מיט אַלטע, ערגעץ אויפגעקליבענע האַלב־צעבראָכענע שפּילצייג. די שטולן זיינען געלעגן איבערגעקערטע מיט די פיסלעך אַרויף און די קינדער זיינען אויף זיי גע־פאָרן, ווי אויף פערד און אויטאָמאָבילן. די געשרייען פון די קינדער זיינען געוואָרן אַלע מאָל שטאַרקער, ניט געקוקט דערויף, וואָס די מאַמע האָט זיך געדרייט אין דרייען. זיי האָבן עס עפּעס גאָר ניט באַמערקט. האָבן ניט אויפגעהערט צו טומלען און ליאַרעמען. פונעם טומל איז אין צימער געווען ענג.

מיסטער גרינבערג, אַ שווערער אַרבעטער איז נאָך פון דער אַרבעט ניט געהאַט געקומען. און די געווינערין איז געווען זייער אומרואיק. אומ־רואיק פאַר זיך און פאַרן מאַן, וואָס האָט שוין לאַנג געדאַרפט זיין אינ־דערהיים. דאָס עלטערע מיידעלע, סערקעלע, איז געשטאַנען לעבן בעט און האָט די גאַנצע צייט טרויעריק און דערשראָקן געקוקט אויף דער מאַמען. זי האָט געוואוסט, אַז די מאַמע גייט צו קינד, און געוואוסט, אַז יעדעס מאָל ווען די מאַמע גייט צו קינד, שרייט זי, און אין שטוב איז דאַן אַן איבערקע־רעניש און אַ מורא.

סערקעלע איז נאָך ניט אַלט געווען קיין צען יאָר, אָבער זי האָט שוין געוואוסט און פאַרשטאַנען אַ סך. זי האָט שוין אין הויז געזען אַלערליי צרות: געבורטן און שטענדיקע קראַנקהייטן פון די קינדער, אירע ברי־דערלעך און שוועסטערלעך. אָבער דער מאַמעס געשריי איז פאַר איר געווען שווערער פון אַלע. איר האָט זיך געוואָלט וויינען.

דערצו איז נאָך איצט די מאַמע געווען אַזאַ מאָדנע. האָט ניט גערעדט, געשוויגן און געקרעכצט. זי איז טאַקע געווען איר מאַמע און דאָך, עפּעס ווי אַ פרעמדע, ניט אומגעקוקט זיך אויף איר, סערקעס, שרעק און אויף איר מורא. און דערפאַר האָט סערקעלע אַליין אויך מורא געהאַט צו פרעגן דער מאַמען, ריידן צו איר. זי האָט אפילו מורא געהאַט צו וויינען.

און אַז די קינדער האָבן צו־שטאַרק געטומלט, איז סערקעלע צוגעלאָפן צו זיי און מיט אַ פאַרקלעמט הערצל געוויזן מיט אַ פינגער אויף דער מאַמען, און אירע אויגן האָבן דאַן געברענט מיט געהיימניש און שרעק. ענדלעך האָט די מאַמע אַ זאָג געטאָן:

— סערקעלע, טאָכטערל, לויף אַריבער נאָך דער „נעקסטדאָריקער", זאָל זי קומען... אוי, גאָטעניו!

סערקעלע, אַ דערפרייטע מיט דער מאַמעס עטלעכע ווערטער, האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. אין עטלעכע מינוטן אַרום איז זי שוין געווען צוריק אין שטוב. נאָך איר איז אַריין אַ פרוי פון עטלעכע און פערציק יאָר, אַ יידענע מיט ברייטע פּלייצעס און מיט אַ מאַנסבילשער שטים. זי האָט זיך איבערגעבויגן איבער דער מיסעס גרינבערג און גלייך אָנגעהויבן דונערן:

— נו, האָסטו זיך שוין פאַרקליבן אין בעט אַריין? דער בויך טוט דיר ווי? אך, דו ביטערע נשמהלע! האָסט עס טאָקע זייער נויטיק געדאַרפט האָבן, פיר קינדער איז פאַר דיר ווייניק? האָ!

און אַז יענע האָט ניט געענטפערט, האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— ווי אָפט „נעמט" עס דיך?

— אוי, זעלדעניו, זייער אָפט. אַלע רגע גיט עס מיך אַזוי אַ כאַפּ־אונטער, אַז איך קען זיך קיין אָרט ניט געפינען. אוי, ווי איז מיר!

— און וואו איז ערגעץ דיין מאַן? אַ קרענק זיי אין די ביינער!... נאָך אַלץ ניטאָ פון דער אַרבעט? וואָדען? ער וועט זיין? זיין עסק?

— נאָך ניטאָ. ווער ווייסט, וואָס מיט אים איז דאָרטן... אוי, גאָטעניו, גאָטעניו!

די „נעקסטדאָריקע" האָט זיך גלייך גענומען פאַרען אַרום בעט און אין שטוב. האָט אויפגעקליבן עטלעכע אַלטע שמאַטעס, וואָס האָבן זיך גע־וואַלגערט אויפן דיל, צעשטעלט די שטולן און ניט אויפגעהערט שרייען אויף די קינדער. און נאָך אַמאָל ניט פאַרגעסן צו דערמאָנען דער געווינערין:

— אַן אָרעמאַן וויל נאָר האָבן אַ סך קינדער! ס'איז אים שטענדיק ווייניק... האָסט געזען אַביסל? אין הויז איז ניטאָ וואו אַ קער צו טאָן זיך, און זי — נאַ דיר נאָך אַ גאַסט!

מיסעס גרינבערג האָט ניט געענטפערט, געשוויגן ווי אַ שולדיקע. די „נעקסטדאָריקע" האָט זיך פלינק געקערט פון איין ווינקל צום צווייטן, געווען אַ בריה אַ יידענע. די אַרבעט האָט געברענט אונטער אירע הענט. איר גראָבע שטים האָט זיך געקייקלט איבערן שטוב, פול געמאַכט יעדן ווינקל מיט איר אָנוועזנהייט אין הויז:

— האָסט ווינדעלעך פאַר דער „בייבי"? און אַ שיסל האָסטו? איכל מאַכן וואַרעם וואַסער, און איר, קינדער, דרייט זיך ניט אַרום אונטער די פיס. היינט זיינט איר קליינע יחסנים. פאַראַן בילכערע פון אייך.

פלוצלונג אַ קער געטאָן זיך צו דער פרוי אין בעט:

— און דו? — וואָס ליגסטו, ווי אַ פּרינצעסין? טו זיך אויס, שעם זיך ניט, וועסט שוין היינט אין ערגעץ ניט גיין.

סערקעלע איז געשטאַנען און געקוקט אויף דער פרוי, וואָס איז אַזוי לייכט און שנעל געוואָרן די באַלעבאָסטע אין הויז און געפילט, ווי די מורא און די שרעק פאַר דער מאַמען פאַרשווינדט פון איר האַרצן. איצט האָט נאָך דער טאַטע געדאַרפט קומען, און אַלץ וואָלט שוין געווען גוט.

מיסעס גרינבערג האָט זיך גענומען אויסטאָן. די „נעקסטדאָריקע" האָט אויף איר אַ קוק געטאָן מיט אַן אָפענעם קוק און געזאָגט:

— זאָלסט כאָטש ניט האָבן קיין צווילינג, האָסט מיר עפּעס אַ צו־גרויסן בויך. דאָס פעלט דיר נאָך צום רומל!...

יענע האָט זיך אין שטומע אַנגסטן אויסגעטאָן און עפּעס ווי ניט גע־הערט דער שכנהס רייד. אַלץ אַרום איז געווען אַ שווערער קאָשמאַר, איר איז געווען אַזוי שווער, אַז דאָס וואָס איז געווען איז געווען ווי עפּעס אַ ביטערער חלום, ס'האָט ניט געקענט זיין קיין ווירקלעכקייט.

די קלענערע קינדער, וואָס האָבן זיך פריער געשפּילט אַזוי זאָרגלאָז, האָבן איצט אויך דערפילט, אַז עפּעס ערנסטעס קומט פאָר מיט דער מאַמען. האָבן זיי געקוקט מיט דערשראָקענע אויגעלעך און האָבן שווער פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. די שכנה האָט אויף זיי יעדע רגע אָנגעשריען פאַרוואָס זיי פּלאָנטערן זיך אונטער די פיס. דאָס קלענסטע קינד, אַ יינגעלע פון אַ יאָר אָנדערהאַלבן, האָט זי אַריינגעלייגט אין וויגעלע, אין אַ ווינקל פון הויז, אַריינגעשטופּט אים אין מויל אַ פלעשל מילך מיט אַ שוואַרצן דורכגע־זויגטן ניפּל, און מיט סערקעלען האָט זי זיך געשאַפט ווי מיט אַ גרויסער:

— בישקשה, מעגסט שוין עפּעס טאָן אין הויז. ביסט ניט קיין „בייבעלע". קיין עין־הרע — אַ מוידל, גיי, שטעל אַוועק דעם טשייניק מיט וואַסער אויפן איוון... צעשטעל די שטולן אַרום טיש — וועלן מיר האָבן וואו דורכצוגיין. אַזאַ ענגשאַפט, אַזאַ ענגשאַפט! ניט אויסצודרייען זיך.

מיסעס גרינבערג איז געלעגן מיטן פּנים אַרויף און מיט ביידע אויגן זיך צוגעקוקט צו דעם, וואָס עס איז פאַרגעקומען אין הויז. איר האָט איצט קיין זאַך ניט געאַרט. עס האָט זיך נאָר געוואָלט וואָס שנעלער איבערקומען. די ווייטיקן האָבן זיך געשטאַרקט און זיינען געוואָרן אָפטער און אָפטער. איר האָט זיך געדוכט, אַז אָט, אָט און זי וועט געבאָרן דאָס קינד. דערמאָנט זיך פון מאַן און געזאָגט:

— ווער ווייסט, וואָס מיט אים טוט זיך דאָרטן... עפּעס קומט ער ניט פון דער אַרבעט.

— גאַנץ וועט ער זיין, דיין מאַן. צום האָבן און צום טראָגן זיינען זיי ניטאָ, צום אַלעם פאַרטיקן קומען זיי, די מענער.

מיסעס גרינבערג האָט שוין איצט מיט צונויפגעדריקטע ציינער גע־

שריען. געטענהט עפּעס צו גאָט, גערופן די מאַמען, וועלכע איז שוין לאַנג געווען טויט. דאָס קינד האָט ניט געוואָלט געבאָרן ווערן.

די שכנה האָט זיך גלייכגילטיק צוגעהערט צו די געשרייען, געטאָן די אַרבעט און געוואוסט, אַז נאָך אין עטלעכע מינוט אַרום וועט דאָס קינד גע־באָרן ווערן. זי האָט געוואוסט נאָך דעם כאַראַקטער פון די געשרייען, נאָך דעם אויסזען פון דער געווינערין. זי האָט געהאַט אירע סימנים און פאַר־אויסזאָגונגען. האָט זי געזאָגט:

— נו, נו, איצט איז שוין באַלד, וועסט זיך לאַנג ניט מוטשען.

דערזען, אַז סערקעלע האָט זיך פאַרשלאָגן אין אַ ווינקל און וויינט, האָט זי אויף איר אָנגעשריען:

— וואָס האָסטו זיך צערעוועט, גרויסע מויד? וועסט שוין האָבן באַלד וועמען צו ניאַנטשען. וועסט שוין האָבן, נישקשה.

און ווי פאַר זיך צוגעגעבן:

אַן אָרעמאַן גלוסט זיך קינדער. מען קען די היינטיקע צייטן מאַכן אַ לעבן? אַ גרויסע פאַמיליע איז אַ פאַהיבעל. מ׳אַרבעט אָפּ דאָס ביסל יאָרן פאַר די טרפהנע פּיסקאַטשעס, טפו! גאָט זאָל ניט שטראָפן פאַר די רייד.

מיסעס גרינבערג האָט כמעט ניט געהערט וואָס די שכנה האָט גערעדט. עס האָט זיך געוואָלט, אַז דער מאַן זאָל וואָס שנעלער קומען. עס האָט זיך געדוכט, אַז עס וועלן לייכטער ווערן די ווייטיקן. עס וועט שנעלער געבאָרן ווערן דאָס קינד. ערגעץ אין זיך געוואוסט, אַז דאָס קינד איז געגאַנגען, ווי אַן אומגליק אויף איר קאָפּ. צו אַלע צרות — אַ נייע צרה. אָבער ניט געוואָלט טראַכטן פון דעם, געוואָלט פאַרגעסן.

פּלוצלונג האָבן זיך די שמערצן פאַרשטאַרקט. האָבן צוזאַמענגעדריקט דעם גאָרגל מיט אַ משונהדיקן געשריי און האָבן זי אַריינגעשליידערט אין אַ הייך. אַלץ האָט זיך גענומען דרייען אין אַ ראָד פאַר די אויפגעפלאַמטע אויגן. זי האָט קיין זאַך ניט געזען און ניט פאַרשטאַנען. אומקלאָר גע־הערט דעם אייגענעם, וואַנזיניקן געשריי און מער קיין זאַך ניט.

דאָס קינד איז געבאָרן געוואָרן. אַ קליין, דאַר, רויט נפשל, מיט צוגע־שוואָלענע אויגן און מיט אַ פלאַטשיק נעזל. די שכנה האָט עס געשווינד באַ־האַלטן אין אַ פאַלד פון אַ קישן און זיך גענומען פאַרען אַרום דער געווי־נערין. ערשט ווען אַלץ איז פאַרטיק געוואָרן האָט מען זיך דערמאָנט אָן קינד. די מוטער האָט אַ שולדיקע אַ פרעגט געטאָן:

— וואָס? אַ יינגל?...

— אַ יינגל, אַ יינגל! האָסט עס נויטיק געדאַרפט. זייער נויטיק גע־דאַרפט, די טייערע צאַצע.

און צום קינד האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— און דו רייס זיך ניט אויף די צייַן. אָט באַלד וועלן מיר דיר געבן

אַ שטיקל צוקער. זויג און שווייג, האָסט געזען, אַ שרייער? אַ טייערע מציאה. ער שרייט נאָך.

באַלד איז אויך געקומען דער מאַן, גלייך פאַרשטאַנען וואָס דאָ האָט פּאַסירט. צוגעגאַנגען צום ווייב:

— ווי פילסטו?

מיסעס גרינבערג האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ, האָט ניט געקענט אַרויסריידן קיין איינציק וואָרט און נאָר געקוקט אויפן מאַן מיט אויגן פאַר לאָפענע מיט טרערן.

ער האָט איר בליק ניט געקענט פאַרטראָגן. האָט זיך אָפּגעקערט, דערזען דאָס קינד, שוין געוויקלט אין ווינדעלעך, אין דער שכנהס הענט, און אַ וואָרף געטאָן אויף דעם אַ קאַלטן, גלייכגילטיקן בליק מיט אַ געפיל ווי צו אַ גאַסט, וואָס איז געקומען ניט געבעטן און ניט געוואונטשן אין הויז אַריין. אַ פרעג געטאָן:

— אַ יינגל?

די שכנה האָט אונטערגעכאַפּט:

—אַ יינגל. אַ יינגל. אַ טייערע מציאה! ער פעלט דיר זייער שטאַרק אויס אוודאי? פיר קינדער איז איך ווייניק געווען. נאָ דיר נאָך איינעם.

דאָס ניי־געבאָרן קינד האָט פלוצלונג אָנגעהויבן צו שרייען און פאַר־גיין זיך.

די שכנה האָט אויף אים אָנגעשריען:

— שווייג, ממזר, מאַך צו דיין מיאַליציע. עס וועט שוין דיר גאָרניט שאַטן, נישקשה. ווי עס האָט זיך דאָס פאַנאַנדערגעשריען, האָ?

און אַריינגעשפּאַרט אים אין מיילכל אַ סאָסקע, געמאַכט פון אַ קליין, ווייס שמאַטקעלע, איינגעטונקט אין זיסן.

טאַטע־מאַמע האָבן געשוויגן.

אין שטוב איז געווען הייס, טרויעריק און ענג.

1928

דאָס לעבן גייט ווייטער

א.

שעכטער האָט געאַרבעט אין אַ פאַרוואָרפענער געגנט פון שטאָט. יעדן פרימאָרגן האָט ער באַדאַרפט אויפשטיין מיט אַ גאַנצער שעה פריער, כדי צו קומען אין צייט צו דער אַרבעט. אין דער באַשטימטער רגע, יעדן אַרבעטטאָג אין וואָך, פלעגט זיך שעכטער אויפהויבן, נעמען מיט זיך דעם מיטאָג, וואָס די פרוי זיינע האָט אים, נאָך פון אָוונט, אָנגעגרייט אין אַ פאַפּירענעם זעקל, און אַוועקלאָזן זיך צו דער באַן. און קיינמאָל האָט ניט פּאַסירט, ער זאָל זיך פאַרשלאָפן און פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט. ס׳איז אים אַליין אָפטמאָל געווען מאָדנע, וואָס ס׳האָט נאָך קיינמאָל מיט אים ניט געטראָפן, ווי מיט אַנדערע, ער זאָל פאַרשלאָפן. אין דער באַשטימטער רגע פלעגט אים עפּעס אויפוועקן. אַזוי ווי אַ געהיימע, זאָרגפולע האַנט וואָלט אים אַלע מאָל אויפגעוועקט.

אָבער יענעם אומגליקלעכן אינדערפרי האָט די געהיימע האַנט אים פאַרפעלט אויפצואוועקן. ער האָט זיך היפּשלעך פאַרשלאָפן. און ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַ קוק געטאָן אויפן זייגער, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן אויפן טיש, האָט ער דערזען, אַז ס׳איז שוין שפּעט. זייער שפּעט.

דאָס פאַרשפּעטיקן אַן איינציקן מאָל, וואָס איז אין זיך אַליין ניט געווען קיין גרויסער אומגליק, האָט אים אָבער דאָס מאָל אַ ביסל פאַרוואונדערט און אפילו — דערשראָקן. אין דעם איז געווען עפּעס אומגעוויינלעכס. האָט ער זיך, אין גרויס אייליעניש, און אַ ביסל אַן אויפגערעגטער, גענומען אָנטאָן.

אין צימער איז שוין געווען היפּשלעך ליכטיק. זוניקע פלעקן האָבן זיך שוין אויסגעלייגט אויפן דיל און אויף די ווענט. און דאָס, וואָס די זון איז שוין געווען אויפן הימל און ער איז נאָך געווען אינדערהיים, האָט אים פאַרדראָסן. אַלע מאָל האָט ער פאַרלאָזט דאָס הויז, ווען ס׳האָט ערשט גענומען גרויען אויף טאָג, און דאָ איז ער נאָך געווען אינדערהיים אין סאַמע גרויסן טאָג. ניין, ס׳איז געווען אומגעוויינלעך.

אין בעט איז האַלב אין שלאָף און האַלב וואַכעדיק געלעגן זיין ווייב. איר קאָפּ איז געווען אַ ביסל אויסגעדרייט אָן אַ זייט. איין אַקסל אירער איז געווען אָפּגעדעקט און האָט זיך אָנגענעם געוויסט מיט אַ ווייכער פרימאָרגנדיקער ליכטיקייט. זי האָט לייכט און רואיק געאָטעמט, כמעט אַ וואַכע, און ס׳האָט זיך געדוכט, אַז אָט וועט זי אַ קער טאָן צו אים איר קאָפּ, אויפהויבן זיך אויף

די איילנבויגנס און וועט זאָגן עפּעס וועגן דער שפּעטקייט, וועגן דעם אָנגעגרייטן מיטאָג.

אין אַ קליינעם בעטל, נאָענט צום פענצטער, איז געלעגן, מיטן אָפענעם פּנים אַרויף, מיט פאַנאַנדערגעוואָרפענע הענט און פיס איבער דער קאָלדרע, זיין איינציק קינד, אַ יינגל פון זעקס יאָר. דער יינגל איז שטאַרק געשלאָפן. אַ פאַס זון איז געלעגן איבער זיינע היפשלעך אָפּגעברענטע פיסלעך און איבער דער אַראָפּהענגענדיקער קאָלדרע, וואָס האָט זיך מיט איין ברעג געוואַלגערט אויפן דיל, לעבן בעטל.

אַ ליבשאַפט, געמישט מיט שטילער פרייד, האָט אַ ריר געטאָן דעם טאַטנס האַרץ. אָט דאָ איז געווען זיין געליבטע פרוי און דאָ — זייער איינציק יינגעלע. און אין דרויסן איז געווען אַ שיינער, זוניקער טאָג. האָט ער נאָך אַ מאָל אַ קוק געטאָן אויף זיינע ליבע און טייערע, און זיך שטיל, אויף די שפּיצן פינגער, אַרויסגעגנבעט פון שלאָפצימער. אין קיך האָט ער, שטייענדיק און אין גרויס איילעניש, איבערגעכאַפּט זיין אָנבייסן, און מיט שנעלע טריט אַוועקגעשפּאַנט צום באַן.

די באַן איז געווען ניט זיין באַן. די מענטשן זיינען אויך געווען אַנדערע, ניט די, מיט וועמען ער איז יעדן טאָג געוואוינט געווען צו פאָרן צו דער אַרבעט. און אין שאַפּ איז ער אָנגעקומען, ווען די אַרבעט איז שוין געגאַנגען אין פולן גאַנג. און נאָר ווען שעכטער האָט זיך אַוועקגעזעצט צו דער אַרבעט, האָט זיך אַלץ צוריקגעקערט און אַריין אין דער געוויינלעכער קאַליע. דער טאָג האָט זיך ווידעראַמאָל, ווי אין אַלע טעג פון זיין לעבן, אָנגעהויבן מיט אַרבעט. די אַרבעט איז געווען די זעלביקע און אין שאַפּ איז געווען ווי שטענדיק. און אַזוי איז דער ערשטער האַלבער טאָג אַריבער.

דער נאָכמיטאָג איז געווען אַ הייסער און אַ שטיקנדיקער. די אַרבעט איז געפאַלן שווערער. מענטשן האָבן ווייניק גערעדט. יעדער האָט געלויערט איבער זיין מאַשין, איבער זיין אַרבעט, ווי אין אַ פאַרגעסונג. די מידע נערוון האָבן מיט שווערקייט פאַרטראָגן דעם שטענדיקן גערודער פון די מאַשינען, וואָס האָט זיך איינגעבויערט אינעם מענטשנס לייב און לעבן, ווי מיט דינע, פיינלעכע בויער־אייזנס. די שעה׳ן זיינען איצט געווען לאַנגע, אויסמאַטערנדיקע.

אָט אין אַזאַ שעה האָט אַ פּלוצלעכע האַנט אָנגערירט שעכטערןביים אַקסל. די האַנט איז געווען אַן אומגעדולדיקע. האָט אַ ריר געטאָן דעם אַקסל איין מאָל און צוויי מאָל. און שעכטער האָט זיך איבער אָט דער באַרירונג דערשראָקן, ווי אין דעם אַנריר פון דער האַנט וואָלט שוין געווען שרעק. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי פון עפּעס אַ וואַכזאַמער פאַרגעסונג, אין וועלכער עס קאָן נאָר אַ שווערער אַרבעטער אַריינפאַלן, אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צו דעם וואָס האָט אים אַזוי עקשנותדיק געמינטערט און האָט, נאָך ניט זעענדיק גוט דעם מענטשן, אַ דערשראָקענער, געזאָגט:

— וואָס איז ?

איבער אים איז געשטאַנען דער פּאַרמאַן און האָט מיט מאָדנע אויגן געקוקט אויף אים. אַזאַ בליק איז דאָס געווען, וואָס האָט זיך בשום אופן ניט געקאָנט באַגעגענען מיט שעכטערס אויגן און האָט געקוקט עפּעס גאָר פאַרביי, איבער זיין קאָפּ, געוואַנדערט, אין איילעניש, איבער אים, אָבער די אויגן שעכטערס טאַקע ניט אָנגעטראָפן. האָט שוין שעכטער נאָכאַמאָל געזאָגט :

— וואָס איז ? וואָס ? . . .

— גאָרניט . . . גיי. טו זיך אָן. גיי אַהיים. מ׳דאַרף דיך אינדערהיים.

— ווער דאַרף ? וואָס האָט געטראָפן ?

איז שוין דער מענטש איבער אים געוואָרן אומגעדולדיק. געזאָגט בייזלעך:

— אַזאַ מאָדנער מענטש. מ׳זאָגט דאָך דיר : גיי אַהיים ! מ׳רופט דיך . . . באַלד ! . . .

און די אויגן פונעם מענטשן זיינען נאָך אַלץ געווען אָפּגעווענדט. שעכטער האָט זיי געזוכט. געוואָלט אין זיי אַריינקוקן, און אין איין רגע אַלץ פאַרשטיין. און ס׳האָט פאַרדראָסן וואָס יענער האָט זיך ניט געלאָזט. אָבער די שרעק איז שוין סיי־ווי געווען אין שעכטערס האַרצן. די פיס זיינען אים מיטאַמאָל שוואַך געוואָרן. אין די אויגן האָט געטונקלט און ער האָט שוין געפילט, ווי אַ בלאַס־קייט צעלייגט זיך איבערן אייגענעם פּנים. ער איז געווען דערשראָקן. געוואָלט אָנכאַפּן דעם פּאַרמאַן פאַרן אַרבל און מיט גוואַלד אַרויסרייסן פון אים די מוראדיקע בשורה. איז ער אויפגעשטאַנען, אַ מאַך געטאָן מיט די הענט אין דער לופטן, ווי אַן אויפגעשראָקענער פייגל, און געבליבן שטיין אין מאָדנער פאַרלאָרנקייט, ווי פאַר אַ פלוצלעכער געפאַר, מיט אַן איבערגעהאַקטער באַ־וועגונג פונעם גאַנצן קערפּער.

דער פּאַרמאַן האָט זיך אָפּגעקערט און נאָך אַ מאָל געזאָגט :

— נו, וואָס שטייסטו ווי אַ ליימענער גולם ? לויף אַהיים, זאָגט מען דיר ! צי דו הערסט ניט, וואָס מ׳זאָגט דיר ?

ערשט דעמאָלט איז שעכטערן קלאָר געוואָרן, אַז אינדערהיים האָט פּאַסירט אַ גרויסער אומגליק. און אַז מ׳האָט באַדאַרפט אַוועקוואַרפן אַלץ מיט אַן אַנדער און מיט דער מורא אין האַרצן, לויפן אַהיים. ווייל אַט האָט ערשט דאָרטן פּאַסירט עפּעס אַן אומגליק. האָט ער אויף שנעל אַראָפּגעכאַפּט פון דער וואַנט זיין רעקל און גענומען אים אָנטאָן אויף זיך מיט אומגעשיקטע באַוועגונגען, מיט ציטערנ־דיקע הענט. געגאַנגען איבערן שאָפּ פאַר די אַרבעטער און געפילט, ווי עס בויגט זיך זיין רוקן אין אַ מאָדנער הכנעה און ווי עס לעשט זיך דער בליק פון זיינע אויגן אין אַ פלוצלעכער שולדיקייט. אַזוי ווי ער וואָלט אַט ערשט פאַר אַלעמען אין די אויגן עפּעס אָפּגעטאָן, וואָס איז געווען מוראדיק און ניט שיין. און האָט גאָר ניט קיין נאָמען. און אויך אין די אויגן פון די אַרבעטער איז געווען אַ פרעמדקייט. ער איז געגאַנגען פאַרביי זיי, און זיי האָבן אים באַגלייט מיט דער בלייכקייט פון זייערע געזיכטער ביז צו דער טיר, שווייגנדיקע און

סודותדיקע. און ערשט ווען ער איז שוין געווען הינטער דער טיר, זיינען זיי אַלע אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער און אַרומגערינגלט דעם פּאַרמאַן מיט זייערע צעשראָקענע פראַגעס.

ב.

אויף דער גאַס און אויף דער באַן זיינען געווען אַ סך מענטשן. טויזנטער מענטשן. און ער איז געווען אַליין. איינער אַליין מיט זיין סוד און מיט זיין שרעק. ס'איז געווען אַ מורא צו קומען אַהיים, אָבער ער איז פאַרעקשנט גע־גאַנגען אַהיים. ער האָט געמוזט וואָס שנעלער קומען אַהיים, צו זיין ווייב און קינד. און, שוין לויפנדיק אַרויף די טרעפּ צו זיין דירה, האָט ער דער־הערט דעם אומגעוויינלעכן טומל פון מענטשלעכע רייד אַרום זיין וואוינונג. אַרום זיין טיר זיינען געשטאַנען אַ סך מענטשן. ווייבער האָבן גערעדט הויך אויפן קול, געבראָכן די הענט. און ער האָט באַמערקט, אַז אייניקע האָבן גע־וויינט אויף זיין אומגליק.

איצט האָט מיט אַ מאָל אַ ברען געטאָן אין אים אַ שנאה. אויף אַ רגע האָט ער אין זיך דערפילט אַ בייזקייט און אַ פאַרדראָס אויף אָט די מענטשן. ס'האָט זיך געוואָלט עפּעס טאָן, שרייען, ברעכן, רייסן. ס'האָט דאַך אַ מענטש באַ־דאַרפט געפינען אַן אויסדרוק פאַר זיין פאַרלאָרנקייט און שרעק. אָבער איצט האָט מען שוין אים דערזען. אויפגעהערט צו ריידן. מענטשן זיינען אָפּגע־טראָטן פון דער טיר, כדי צו מאַכן אַן אָרט פאַר אים און דורכצולאָזן אים. און ס'איז געווען אַזוי, ווי מ'וואָלט פאַר אים געמאַכט אַ שטומע „וואַרע" — צוליב אים און צוליב דעם גרויסן אומגליק אין זיין הויז.

איז ער, ניט אומקוקנדיק זיך אויף קיינעם, ווי אַ פאַראורטיילטער, פאַר־בייגעלאָפן פאַרביי די בלייכע, אויפגעשראָקענע פּנימער און אַריין אין ערשטן צימער. דאָ זיינען אויך געווען מענטשן. און אויך זיי האָבן אים באַגעגנט מיט מאָדנער שטומעניש, מיט פרעמדקייט. און אויך דאָ איז דער סוד געווען סוד, ווי אין די רייד פונעם פאַרמאַן אין שאַפּ און אין די בליקן פון די מענטשן אויף די טרעפּ. און די פרוי זיינע איז דאָ ניט געווען. און דאָס קינד זיינס איז דאָ ניט געווען.

האָט ער זיך אַ ריס געטאָן צום שלאָפצימער. ערשט דאָ האָט ער דערזען זיין ווייב. זי איז געשטאַנען אויף די קני, אַ צונויפגעדרייטע, לעבן בעטל פונעם קינד, געוואָרפן זיך מיטן גאַנצן קערפּער, געשריען און געיאָמערט מיט עפּעס אַ מאָדנעם, אויסגעשעפּטן געיאָמער. און שעכטער האָט נאָך ניט פאַר־שטאַנען איר געשריי. נאָר געזען, אַז דאָס בעטל איז געווען ליידיק. דאָס קינד איז ניט געווען. אַ, דער אומגליק האָט געטראָפן מיטן קינד! און ער האָט טאַקע אַ פאַל געטאָן צו דער פרוי, אַ פאַרוואָרגענער:

— מלכה, וואו איז דאָס קינד? זאָג: וואו איז דאָס קינד?!...

מלכה האָט ניט געענטפערט. נאָך שטאַרקער געגומען יאָמערן. געלאָזן אים אַליין מיט זיין פראַגע. און ער האָט דווקא געוואָלט אַן ענטפער. האָט נאָך אַ מאָל געזאָגט:

— איך פרעג דאָך: וואו איז דאָס קינד?!...

ער האָט שוין מער ניט געקאָנט טראַכטן. ער האָט איצט נאָר געקאָנט זען אויפבליצן פון בילדער. נאָך ניט געוואוסט דעם אמת, און שוין געזען פאַר די אויפגעפלאַמטע אויגן די בילדער פונעם אומגליק. פון שרעק האָט זיך אים געוואָלט שרייען. ס'איז געוועזן אַ ווילדער, חיהשער פאַרלאַנג צו שרייען און יאָמערן און טאָן עפּעס שרעקלעכס, וואָס האָט נאָך ניט געהאַט קיין נאָמען. האָט ער אָנגעכאַפּט די פרוי פאַר די פּלייצעס און אין ווילדער פאַרלאָרנקייט, גענומען טרייסלען זי, רייסן זי פונעם בעטל:

— זאָג, זאָג!

ניין. זי האָט ניט געענטפערט. אנשטאָט דעם איז זי צוגעפאַלן צום מאַן, אַרומגעכאַפּט אים מיט די הענט, געגראַבלט אים מיט די פינגער, ווי זי וואָלט אין אים געזוכט פאַר זיך אַ רעטונג אין עפּעס אַ לעצטער מענטשלעכער פאַר־צווייפלונג, ניט איבערגערייסנדיק איר יאָמערן. צווישן מאַן און ווייב איז אויף אַ ווילע אַנטשטאַנען עפּעס אַ מאָדנער געראַנגל. עפּעס ווי זיי וואָלטן ביידע מיט איין מאָל משוגע געוואָרן און וואָלטן איצט אין שיגעון געטאָן עפּעס שרעקלעכס.

מענטשן זיינען צוגעלאָפן צו זיי. פאַנאַנדערגעריסן זייער משונהדיקע אומאַרמונג און האָבן אויף די הענט אָפּגעטראָגן די פרוי, אַ פאַרחלשטע, אינעם צווייטן צימער, אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפע. עטלעכע פרויען האָבן זיך אַרום איר געפּאָרעט מיט וואַסער און מיט נאַסע האַנטיכער. מענטשן זיינען געווען בלייך און דערשראָקן, און שעכטער האָט געזען זייער בלייכקייט און זייערע דערשראָקנקייט. און פון דעם האָט זיך ווידער געוואָלט שרייען, כאַפּן אין האַנט אַ שווערע זאַך און ברעכן מיט דעם דאָס מעבל, די ווענט, אַרויסלויפן אויף דער גאַס מיט יללות. אָבער דאָס האָט ניט געדויערט לאַנג. שכנים האָבן אים אַרומגערינגלט מיט רייד און מיט טרייסט־ווערטער. אין די טרייסט־ווערטער איז געווען ליגן. אָבער איין אמת האָט שעכטער דאָך אַרויסגעשיילט פון די אַלע רייד: זיין איינציק קינד איז צעטרעמפּלט געוואָרן אונטער די רעדער פון אַ לאַסט־אויטאָמאָביל און איז איצט געלעגן טויט אין מאָרג פון שטאָטישן שפּיטאָל.

און אויך דאָס איז נאָך ניט געווען אינגאַנצן קלאָר. ווייל אָט ערשט נעכטן איז דאָס קינד אַרומגעלאָפן איבער די צימערן אַ לעבעדיקער און זיין היל־כיקער געלעכטער האָט זיך געקייקלט און אָפּגעקלונגען מיט לעבעדיקער פרייד אין שעכטערס האַרצן. זיינע קינדערשע רייד און זיין געלעכטער האָט נאָך געלעבט אין זיין האַרצן. און דער אָנבליק פונעם שלאָפנדיקן קינד, מיט די צעוואָרפענע גלידער האָט נאָך אויך געלעבט אינאיינעם מיט דער פאָטער־

לעכער פריידיקייט, מיט וועלכער ער האָט ערשט מיט שעה׳ן צוריק פאַרלאָזן זיין היים. אַלץ האָט נאָך געלעבט, און דאָ האָבן גאָר מענטשן דערציילט, אַז אַלץ איז אויף אַלעמאָל, אויף אייביק — ניטאָ. ווי האָט עס געקאָנט זיין?

ערשט שפּעטער, ווען אַלע מענטשן האָבן פאַרלאָזן דאָס פּאַרל אַליין, איז אַלץ געוואָרן קלאָר און ממשותדיק. מאַן און ווייב זיינען געווען דאָ מיט זייער אומגליק, און דאָס קינד איז ניט געווען. דאָס קינד איז געווען טויט. און אַלץ, וואָס מענטשן האָבן דאָ פריער דערציילט, איז געווען אמת. האָט זיך שעכטער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול, איינגעבויגן דעם קאָפּ צום אייגענעם שויס, און מלכה האָט צום ערשטן מאָל דערזען, ווי זיינע פּלייצעס האָבן זיך געטרייסלט און געוואָרפן פון אַ שווערן מענערשן געוויין. און מלכה האָט אים געלאָזט וויינען. אַליין אַן אויסגעשעפּטע פון יעדן טראָפּן טרייסט, האָט זי אים ניט געטרייסט. געזעסן אין איר ווינקל און שטיל, מיט די לעצטע טרערן אויסגעווייינט איר אומגליק.

און דאָ איז שוין אָנגעקומען דער אָוונט. אין צימער איז געוואָרן טונקל. אָבער קיין ליכט האָט מען ניט אָנגעצונדן. ס׳איז געווען אַ מורא פאַר ליכט און אַ דערווידערונג. און ס׳איז גוט געווען ניט צו זען איינע די אַנדערע. שעכטער איז געזעסן אַ שווייגנדיקער אין איין ווינקל און דאָס ווייב — אין אַ צווייטן. ס׳איז געווען אַ מורא צו דערהערן אַ קלאַנג, אָדער אַ וואָרט. ס׳איז געווען אַ מורא, אַז עמיצער פון זיי זאָל זיך פּלוצלונג ניט פאַנאַנדערקלאָגן און אומקערן צוריק די שרעק פון די פאַרגאַנגענע שעה׳ן. אַ מענטש האָט איצט געקאָנט מיט אַ מאָל אויפהויבן אַ געוויין, אָדער איינגראָבן דעם קאָפּ אין די הענט און זיך פאַנאַנדעריאָמערן, אָדער רייסן זיך די האָר פון קאָפּ און צאַפּלען זיך, ווי אַ פאַרוואָרגענער פויגל, אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט.

אַזוי איז פאַריבער אַ שעה און צוויי. שעכטער האָט זיך פּרובירט אויפהויבן און דורכשפּאַנען פאַרזיכטיק דעם צימער צום פענצטער. זיינע טריט האָבן זיך ווייטאָגדיק אָפּגערופן אין ביידנס הערצער. יעדער טראָט האָט געשלאָגן גלייך אין האַרצן אַריין ווי מיט האַמערס. אָבער איין מאָל, אויפגעהויבן זיך, האָט זיך שעכטערן געוואָלט אַרומגיין איבערן צימער. שפּאַנען אַזוי, הין און צוריק און דווקא הערן די אייגענע טריט און דעם ווייטיק פונעם פאַרוואונדעטן האַרצן. געשפּאַנט, געשפּאַנט.

אָבער די פרוי האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן די מאָנאָטאָנקייט פון די טריט. מיט געבעט אין קול געזאָגט:

— הער אויף, איך בעט דיך: הער אויף...

שעכטער האָט זיך דערשראָקן און זיך אָוועקגעזעצט. און ווידער זיינען זיי אַזוי געזעסן אינעם פינצטערן צימער, מאַן און ווייב באַזונדער, און ערשט שפּעט, זייער שפּעט אין דער נאַכט, האָט עמיצער געוואַגט אויפשטיין און זאָגן מיט אַ קראַנקן קול:

— נו, וואָס וועלן מיר אַזוי זיצן?... ווי לאַנג וועלן מיר זיצן?

און אין דעם איז אויך געווען פאַרלאָרנקייט און שולדיקייט, ווי מ׳וואָלט מיט אַט די מענטשלעכע רייד פאַרשוועכט עפּעס אַ הייליקייט.

אָבער ביידע זיינען דאָך אויפגעשטאַנען און אַוועק אין שלאָפצימער. דאָ איז אַלץ געווען צעוואָרפן און געוואַלגערט זיך אין אומאָרדענונג. אין ווינקל איז געשטאַנען דעם קינדס בעטעלע, פאַרשעמט און טרויעריק, און ס׳האָט זיך געדוכט, אַז עמיצער שטייט איבערן בעטל, אַ ניט־געזעענער, און פאַרגייט זיך אין אַן אומהערבאַרן געוויין, אין שטילן צער, פאַרוואָס מ׳האָט אַזוי גרויזאַם אומגעבראַכט אַזאַ אומשולדיק לעבן אין מיטן פון גאָטס וועלט, פאַרן קלאָרן פּנים פון די הימלען, פאַרוואָס מ׳האָט איבערגעלאָזט אַ קליין יינגעלע אויפן ברוק פון גאַס, אַ טויטן און אַ באַליידיקטן.

דאָס ווייב איז גלייך אַנידערגעפאַלן אויפן בעטל, און אירע דינע, פּלוצלונג דאַר געוואָרענע פּלייצעס, האָבן זיך גענומען וואַרפן אין געוויין, פּונקט ווי פריער, ווען שעכטער האָט זי געפונען קומענדיק אַהיים. און אַלץ האָט זיך מיט אַ מאָל צוריקגעקערט. אומגליק איז נאָך געווען אומגליק. און קיין טרייסט איז ניט געווען און האָט ניט געקאָנט זיין. איז שעכטער געשטאַנען איבערן ווייב און געוואַרט ביז זי וועט זיך באַרואיקן. און אַז יענע האָט ניט אויפגעהערט צו וויינען, האָט ער צאַרט געזאָגט:

— נו, וויין ניט, מלכּה. זאָל זיין גענוג. ס׳איז פאַרפאַלן...

זי האָט ניט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. און ווידער האָט ער פון איר געהערט די זעלביקע ווערטער, וואָס מיט שעה׳ן פריער:

— אוי, ווי וועל איך איצט לעבן? אַז מיין אויג אין קאָפּ איז ניטאָ... ווי וועל איך לעבן אָנעם קינד? ווי וועל איך איבערלעבן אַזאַ בראָך?... וויי איז מיר, וויי איז מיר!...

אין אירע ווערטער איז געווען אַ באַקאַנטער נוסח, אַזוי ווי זי וואָלט די ווערטער אַרויסגענומען פון זיין אייגענעם האַרצן. מיט אַט די ווערטער איז ער געבוירן געוואָרן. אין זיי איז געווען דער געשריי, וואָס ער האָט געירשנט פון זיינע עלטערן, פון זיין מאַמען און פון זיין באָבען. און איצט האָט ער זיי געהערט פון זיין פרוי. ס׳איז געווען דער צער און דער ווייטיק פון דורות מאַמעס, וואָס האָבן געוויינט אויף דער אויסגעלאָשענער פרייד פון זייער לעבן.

ווי האָט ער זי געקאָנט טרייסטן? האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויפן ברעג פון בעט, איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין זיינע האָרעפּאַשנע הענט און געזעסן. די וועלט אַרום איז איצט געווען פינצטער און האָפענונגסלאָז. דער מאָרגן איז געווען האָפענונגסלאָז און פינצטער. עס האָט זיך ניט געוואָלט לעבן. עס האָט זיך געוואָלט אין דעם זעלביקן טאָג מיטן קינד שטאַרבן. אָבער נאָכדעם האָט ער געזען, ווי די פרוי האָט זיך אויפגעהויבן פונעם דיל. האָט ער געזאָגט אַזוי צאַרט, ווי ער האָט געקאָנט:

— נו, גיי לייג זיך צו. ביסט אויסגעמאַטערט. דאַרפסט זיך שטאַרקן. וואָס קאָן מען טאָן ?

זי האָט געפאָלגט. אַריינגעלייגט זיך אין בעט, אַזוי ווי זי איז געווען, אין די קליידער, ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אויסגעלאָשן דאָס ליכט און שטילערהייט זיך צוגעלייגט אויפן ברעג פון בעט, איינגעטוליעט זיך אין זיך אַליין און מורא געהאַט אַ ריר צו טאָן מיט אַן אבר.

ג.

דער נייער טאָג האָט אויפגעוועקט מאַן און ווייב צו געוויין, צו טרויער. די זון האָט אַוועקגעלייגט אירע פלעקן אויף אַלץ אַרום און באַלעבט מיט פרייד דעם גאַנצן צימער. אירע שטראַלן האָבן זיך געשפּילט מיט די קאָלירטע זאַכן אינעם צימער, מיט יעדן פּרימאַרגנדיקן שטויבעלע, וואָס איז אַרומגעפלויגן אין דער לופטן. און פון דעם איז געווען נאָך שווערער. אין דרויסן איז געווען גרויסער פרימאָרגן. ס'האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען פון מענטשלעכע שטימען און אַ גערודער פון לויפנדיקע אויטאָמאָבילן. די וועלט איז געווען די זעלביקע. דער נייער טאָג האָט אַרויסגעשטופּט פון צימער די נאַכטיקע שרעק.

דאָס בעטל איז געשטאַנען אינעם צימער און האָט מוראדיק דערמאָנט, אַז דאָס קינד איז ניטאָ. דאָס קינד ליגט אויף אייביק אַ פאַרפרעמדטער אין אַ הויז פון טויט. און פון דעם איז שווער געווען די אייגענע וואַכזאַמקייט. און עס איז שווער געווען, דעם ערשטן, צו זאָגן אַ וואָרט און צו דערהערן דעם אייגענעם קול, וואָס וואָלט באַצייכנט לעבן, ווען דאָס קינד איז געווען טויט.

און אויפשטיין האָט מען געמוזט. דער טאָג איז פול געווען מיט זאָרג. איז שעכטער, דער ערשטער, אויפגעשטאַנען און, ניט קוקנדיק אויף דער ווייב, אַרויסגעגאַנגען פון צימער. אַרויסגעגאַנגען אַזוי, ווי ער וואָלט זיך, אַ שולדיקער, אַוועקגעגנבעט פון איר בליק. און ווי ער האָט נאָך זיך פאַרמאַכט די טיר, האָט ער שוין געהערט, ווי זי איז אויך אויפגעשטאַנען. ער האָט געהערט אירע טריט. און ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם בליק פון אירע אויגן.

ער איז צוגעגאַנגען אויף אַ רגע צום פענצטער. די גאַס איז געווען די זעלביקע. קינדער האָבן זיך שוין געשפּילט אינדרויסן. באַקאַנטע מענטשן זיינען געגאַנגען איבער דער גאַס. אויטאָמאָבילן זיינען פאַרבייגעלאָפן. און ער אַליין איז נאָר דאָ געשטאַנען און ניט געוואוסט ווי צו מאַכן דעם ערשטן טראָט אינעם נייעם טאָג אַריין. געשטאַנען און ניט געוואָלט רירן זיך פון אָרט. אָבער ער האָט שוין געהערט, ווי הינטער אים האָט זיך די פרוי געפּאָרעט אין קיך. געגרייט צום טיש. געקלאַפּט מיט טעלער און לעפל. געפילט דעם פרישן גערוך פון קאַווע.

הינטער אים איז געשטאַנען מלכה. זי איז פול געווען מיט גוטסקייט און מיט צער. און זי האָט צו אים שטיל געזאָגט :

— גיי. עס עפּעס. טרינק עפּעס. האָסט דאָך אַ גאַנצן מעת־לעת אין מויל ניט געהאַט... וועסט אַנידערפאַלן. אוי, גאָטעניו... גאָטעניו!...

מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און אַזוי פיל הכנעה האָט זי די ווערטער געזאָגט. און ער האָט געפאָלגט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש. געווען ווי אַ פרעמדער שעמעוודיקער מענטש ביים אייגענעם טיש. און זי איז אויך געזעסן אַנטקעגן אים. און אַזאַ מאָדנער עסן איז דאָס געווען. אַזוי ווי מ׳וואָלט זיך געוואָרגן מיט יעדן ביסן. ניט געקאָנט אַרונטערשלינגען. מ׳האָט געגעסן מיט טרערן. און אַזוי האָט מען, ווי עס איז אָפּגעגעסן.

און דאָ האָט מען זיך שוין באַדאַרפט איילן. מ׳האָט באַדאַרפט דורכפירן דעם קינדס לוויה.

ס׳איז געווען אַ טאָג פון ביטערע אַרומלויפעניש, דערנידעריקונגען און טרערן. מ׳האָט באַדאַרפט צאָלן שכר פאַר געפאַלנקייט און אומגליק. מ׳האָט זיך באַדאַרפט אונטערגעבן אַן איינגעשטעלטער אָרדענונג. אַרום איז געווען אַ גאַנצע וועלט, און אין אומגליק האָט מען באַדאַרפט זיין אַליין, אַן איבער־געלאָזטער צום אייגענעם גורל, ווי אין אַ מדבר. מענטשן האָבן געוואָלט אַרויס־ווייזן באַטייליקונג, און זיינען סיי־ווי־סיי געבליבן פרעמד. מענטשן האָבן גע־וואָלט געבן טרייסט־ווערטער, און די ווערטער זיינען געפאַלן טויטע, ניט דער־גרייכנדיק דאָס האַרץ. אַלץ איז געווען פרעמד און ווייט. און נאָענט איז געווען נאָר דער אייגענער אומגליק.

און אַז מ׳איז, שפּעט נאָך מיטאָג, געקומען אַהיים, איז דאָס לעבן געווען פּוסט. ווער האָט באַדאַרפט אַזאַ לעבן? אַזאַ לעבן האָט ניט געהאַט קיין זין. ס׳איז ניט געווען צוליב וואָס צו אַרבעטן און צו האָפן. און ס׳איז שוין געווען אַלצאיינס, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. אַלצאיינס.

אַזוי איז פאַריבער דער אָוונט און די נאַכט. און ווידער האָט די פרוי עטלעכע מאָל געוויינט. שעכטער האָט אפילו אין שלאָף געהערט איר געוויין. אַלץ האָט אין איר געוויינט. יעדער גליד האָט אין איר ניט אויפגעהערט צו וויינען. ער האָט ניט געקאָנט זען איר צער.

אָבער אינדערפרי האָט זי צוגעגרייט דעם אָנבייסן, און זיי האָבן ביידע געגעסן. און נאָכדעם האָט ער געזען, ווי די פרוי האָט אָפּגעראַמט פון טיש און ביסלעכוויז גענומען אויפראַמען דאָס שטאַרק אָפּגעלאָזטע הויז. אַוועקגע־שטעלט די שטולן, וואו זיי האָבן באַדאַרפט שטיין. אויפגעהאַנגען די צוואָר־פענע קליידער און צעשטעלט די זאַכן אין אָרדענונג. אַ ביסל שפּעטער איז זי מיט אַ שמאַטע אַרומגעגאַנגען איבער די צימערן און אָפּגעווישט דעם שטויב, אויסגעקערט די דילן. און שעכטער האָט פון דעם געהאַט אַ מאָדנעם געפיל, ס׳איז געווען אַזוי, ווי זי וואָלט מיט אירע אייגענע הענט אַראָפּגעווישט די לעצטע שפּורן פון שרעק און טרויער, וואָס האָט דאָ געלעבט אין משך פון צוויי מעת־לעת. אים האָט אַ שווינדל געטאָן אַ ביטערער געדאַנק. ער האָט געוואָלט זאָגן:

— מלכה, ראַם ניט אויף דאָס הויז. קער ניט די דילן. זאָל זיין אָנגעוואָרפן און שמוציק. לאָז איבער דעם טרויער און דעם אומגליק אין הויז. האָסט פאַרגעסן — דאָס קינד האָט מען דאָך אונדז אַוועקגעהרגעט! דאָס קינד איז דאָך מיט אונדז ניטאָ! האָסט שוין פאַרגעסן?...

אַזוי האָט ער געוואָלט זאָגן. אָבער ער האָט ניט געזאָגט. געבליבן שטום און דערשלאָגן. און נאָר מורא געהאַט, אַז די פרוי זאָל זיך ניט פאַנאַנדערקלאָגן אין מיטן דער אַרבעט. געווען אָנגעשטרענגט און וואַך, ווי פאַר אַ געפאַר.

אינדרויסן איז ווידער געשטאַנען אַ זוניקער טאָג. די זון איז שוין געווען הויך אין הימל. די וועלט איז געווען אַ וועלט. דורכן פענצטער אין הויף האָט ער געזען ווי פרויען, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל פון זייערע בלוזקעס, אין נאַסע פאַרטוכער, האָבן זיך האַלב אַרויסגערוקט דורך די אָפענע פענצטער און האָבן אויסגעהאַנגען אויף די אָנגעצויגנע שטריק די וועש. ס׳האָט זיך דערטראָגן אַ געוויין פון קינדער. מאַמעס האָבן זיי איינגעשטילט מיט גוטן און מיט בייזן. פרויען־שטימען האָבן זיך איבערגעשריען פון איין גאָרן צום צווייטן. יעדער אָפענער פענצטער האָט דערציילט זיין מעשה. יעדע דירה האָט דערציילט פונעם לעבן פון אַן אַרבעטער משפּחה. אין דער מעשה זיינען געווען ליידן און פריידן. אָבער מענטשן האָבן געוואָלט לעבן. מענטשן זיינען געווען פאַרעקשנט און גלויביק. האָבן ניט געוואָלט פאַלן אונטער זייער שווערקייט. געווען פאַרנומען מיטן לעבן. האָבן געהאַט וואָס צו טאָן. די פרויען זיינען געווען אינדערהיים מיט זייער אַרבעט און די מענער אין די שעפער — מיט זייערער.

און ער איז געווען אינדערהיים. אַלץ האָט זיך אין זיין לעבן איבערגעריסן און געבליבן שטיין. שוין דעם דריטן פרימאָרגן האָט ער זיך ניט אויפגעכאַפּט אין צייט. און די געהיימע האַנט, וואָס האָט אים אַלע מאָל אויפגעוועקט אין דער באַשטימטער רגע, האָט זיך אויך פון אים אָפּגעטאָן. און ער איז דאָך געווען אַ נויטיקע האַנט אין שאַפּ. מען האָט אים אפשר דאָרטן באַדאַרפט האָבן. אַלע מאָל האָט די אַרבעט איבערגעפילט זיין לעבן, און איצט האָט זיך אַלץ אָפּגעטאָן. פּונקט, ווי ער וואָלט גאָר קיין אַרבעטער ניט געווען.

און ווי נאָר ער האָט פון דעם אַ טראַכט געטאָן, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ וויטיק:

— אַרבעטן? צוליב וואָס האָט ער איצט באַדאַרפט אַרבעטן? ווי האָט ער איצט געקאָנט טראַכטן וועגן אַרבעט, אַז דאָס קינד איז ניט געווען? צוליב וואָס — אַרבעטן?

ער איז זיך עטלעכע מאָל אין אויפרעגונג, דורכגעגאַנגען איבערן צימער. געהאַט אַ פאַרלאַנג עפּעס ריידן צום ווייב. זאָגן עפּעס. אָבער ס׳איז געווען אַ מורא, אַז דאָס ווייב וועט זיך פאַנאַנדערוויינען. איז ער געזעסן שווייגנדיק. די צייט האָט זיך געצויגן לאַנגזאַם. דער טאָג האָט זיך ניט געוואָלט ענדיקן.

נאָכדעם איז געקומען די שעה פון מיטאָג. מלכה האָט צוגעגרייט מיטאָג. מאַן און ווייב האָבן זיך ווידער געזעצט צום טיש אָפּריכטן זייער טרויעריקן

מאַלצייט. און ווידער אויסגעמיטן צו ריידן, צו טיילן זיך מיט געפילן און מיט ווערטער. מורא געהאַט איינער פאַרן אַנדערן.

באַכמיטאָג איז שעכטער געשטאַנען לעבן פענצטער. אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס. אומעטום איז געווען לעבן. מענטשן זיינען פאַרבייגעגאַנגען. געשמייעט. האָבן גערעדט. דער מילכמאַן האָט פאַנאַנדערגעטראָגן זיין מילך. אַרום דער שפייז קראָם זיינען געשטאַנען פרויען מיט פעקלעך שפייז. קינדער האָבן זיך געשפילט אויפן טראָטואַר, אַרומגעלאָפן, געלאַכט און געשריען. קינדער פון אַרבעטער האָבן ניט געהאַט קיין שפיל־פּלעצער. געוואַלגערט זיך אויף דער גאַס. געווען אונטערגעוואָרפן געפאַרן. טויט האָט געלויערט איבערן אַרבעטערס קינד, און קיינער האָט זיך ניט געזאָרגט. אָט איז דאָך זיין אייגן קינד געווען טויט...

און שעכטער האָט געוואָלט זאָגן צו אימיצן, אין ווענמעס הענט ס'איז געווען דער גורל פונעם אַרבעטערס לעבן:

— מערדער!... וואָס אַרט זיי פאַר אונדז און פאַר אונדזערע קינדער? האָבן אומגעבראַכט מיין קינד. מערדער... וואָס אַרט זיי?...

אימיצער איז דאָך שולדיק געווען אינעם טויט פון זיין קינד. און ער האָט אויף אַ רגע דערזען דאָס בילד פונעם קליינעם קבֿרל, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט צווישן די טויזנטער קבֿרים אויף דעם פרעמדן פעלד. און ער האָט זיך צעיאָמערט הויך, אויפן קול, ווי דעם ערשטן טאָג. און ס'האָט זיך ניט געוואָלט לעבן. ווייל אָט איז טאַקע זיין קינד געווען טויט, און דאָס לעבן — ליידיק.

אָבער אין דרויסן האָט די זון געשיינט ווי אַלע מאָל. די באַוועגונג אויף דער גאַס האָט זיך ניט איינגעשטעלט. דאָס לעבן איז געגאַנגען זיין וועג. און ערגעצוואו, ווייט הינטערן שטאָט, איז געווען זיין שאָפּ, זיין מאַשין, זיין פאַרמאַן און זיין באָס. און ער איז גאָר דאָ געשטאַנען לעבן פענצטער און אַרויסגעקוקט. און צוליב וואָס איז ער דאָ אַזוי געשטאַנען? וואָס וועט אַרויסקומען פון אַזאַ שטיין?

ער האָט געהערט ווי הינטער אים האָט זיך שטיל פאַרמאַכט די דרויסנדיקע טיר. די פרוי איז אַרויסגעגאַנגען. און אין אַ מינוט אַרום האָט ער זי דערזען אַריבערגייענדיק די גאַס צום שפייז־קראָם. מלכה איז געגאַנגען איינקויפן. אַ מענטש האָט באַדאַרפט עסן און לעבן. אַ מענטש האָט זיך ניט געקאָנט אַוועקלייגן און שטאַרבן. און זיין פרוי איז געגאַנגען אַזאַ הכנעהדיקע, אַ ביסל אַן איינגעבויגענע, מיט אָרימע טריט, איינצוקויפן שפייז, פאַר אים און פאַר זיך. ווייל דאָס לעבן האָט באַדאַרפט גיין ווייטער. די ווייב האָט געהאַט אַ הויז צו פאַרזאָרגן. צימערן זיינען געווען ווי לעבעדיקע באַשעפענישן, מ'האָט זיי באַדאַרפט פאַרזאָרגן מיט אָרדענונג, מיט ריינקייט. אין קיך זיינען געווען טעפּלעך, וואָס האָבן זיך באַדאַרפט קאָכן. ס'איז שטענדיק געווען וואָס צו וואַשן און ראַמען. און וואָס וועט ער דאָ טאָן? אַ מענטש קאָן דאָך ניט שטיין אַ גאַנצן טאָג לעבן פענצטער און אַרויסקוקן אינדרויסן!

ער האָט געזען ווי די ווייב האָט זיך אומגעקערט מיט די פּעקלעך פון קראָם. זי האָט אַריבערגעשפּאַנט די גאַס מיט לאַנגזאַמע טריט, און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איר פּנים איז רואיק, ווי ביי אַ מענטשן, וואָס איז פאַר־נומען מיט זאָרג וועגן אַרבעט. אין עטלעכע מינוטן אַרום האָט ער געהערט איר פאַרען זיך אין קיך. זי האָט צוגעשטעלט די וועטשערע. פאַר זיך און פאַר אים. איצט זיינען אויף דער וועלט געווען נאָר ער און זי.

ער איז אַריין אין שלאָפצימער. דאָרט איז שוין דעם דריטן טאָג געשטאַנען דאָס ליידיקע בעטל פונעם קינד. געשטאַנען אָפן. ברוטאַל דערמאָנט אינעם קינד, אָן זיין מוראדיק־אומגערעכטן טויט. און ווי לאַנג האָט נאָך באַדאַרפט שטיין דאָס בעטל און דערמאָנען?

ער איז אַריין אין קיך. אויפגעזוכט אין אַ קעסטל עטלעכע שטיקלעך געצייג, אַ האַמער, אַ שרויפנציער, אַ צווייגל, און, אויסמיידנדיק די אויגן פונעם ווייב, אַריינגעגאַנגען אין שלאָפצימער, פאַנאַנדערגעשרויפט דאָס בעטל, צענומען אויף באַזונדערע טיילן. ס׳איז געווען אַ ביטער שטיקל אַרבעט. די הענט האָבן געציטערט. די אייבערשטע ליפּ האָט געצוקט. ס׳איז געווען שווער איינצוהאַלטן דאָס געשריי, וואָס האָט זיך געריסן פונעם אַנגעווייטיקטן האַרצן. אָבער שעכטער האָט אויסגעהאַלטן. געטאָן די אַרבעט פאַרעקשנט, ווי איינער וואָס ראַנגלט זיך אויף לעבן און טויט. ער האָט אויסגעהאַלטן. אָבער די פרוי האָט ניט אויסגעהאַלטן. זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ מוראדיקן געיאָמער. און ווען דער מאַן האָט אַ כאַפּ־געטאָן די טיילן פונעם בעטל אַראָפּצוטראָגן אין קעלער, האָט זי זיך איינגעקלאַמערט אין אים און ער האָט זיך באַדאַרפט פון איר אָפּרייסן.

ווען שעכטער האָט זיך צוריקגעקערט אין קיך מיט די שטיקלעך געצייג, האָט ער זי געפונען אויפן דיל, אַ געחלשטע. שפּעטער איז ער אַריינגעגאַנגען אין צווייטן צימער און אַליין זיך גוט אויסגעוויינט. געוויינט. ווייל אָט האָט ער אַליין, מיט זיינע אייגענע הענט, אַרויסגעטראָגן דעם לעצטן אָנדענק פון זיין קינד. און ס׳איז געווען, ווי ניט דאָס בעטל, נאָר אויך דאָס קינד וואָלט ער איצט אויף אייביק אַרויסגעטראָגן פון זיין הויז, כדי צו דער־ווייטערן זיך און פאַרגעסן. געוויינט, און געוואוסט, אַז דאָס איז אפשר זיין לעצט געוויין. ווייל אָט איז שוין דער דריטער טאָג זינט דאָס קינד איז טויט. און אַלץ איז שוין געווען פאַרפאַלן אויף אייביק.

איז שעכטער אַריינגעגאַנגען צו דער פרוי און האָט האַרטלעך געזאָגט:

— גענוג צו וויינען.. זעסט דאָך: — ס׳איז פאַרפאַלן.

די פרוי האָט ניט געענטפערט. ניט אויפגעהויבן אירע אויגן צום מאַן. געלעגן מיטן קאָפּ אויפן טיש אין אַ מאָדנער פאַרגעסונג. און נאָר די דאַר־געוואָרענע פּלייצעס האָבן ניט אויפגעהערט צו וואַרפן זיך און צוקן.

האָט שעכטער נאָך אַ מאָל געזאָגט:

— דער לעבעדיקער דאַרף לעבן. וואָס קאָן מען טאָן ? זעסט דאָך : — ס׳איז פאַרפאַלן.

און ס׳איז געווען אַזוי, ווי ניט זיינע רייד האָט ער גערעדט, נאָר די רייד פון דורות פאַר אים, וואָס האָבן געזוכט אַ טרייסטונג איבערן טויט פון אַ נאָענטן.

און ווידער האָט די פרוי ניט געענטפערט.

אויף מאָרגן איז שוין שעכטער אויפגעשטאַנען אין צייט. ס׳איז געווען פונקט יענע רגע, ווען ער פלעגט זיך אין משך פון יאָרן אויפכאַפּן צו דער אַרבעט. די געהיימע האַנט האָט זיך פון אים ניט אָפּגעטאָן. שטיל אַרויסגעגנבעט זיך פונעם שלאָפצימער. און די פרוי האָט זיך ניט אויפגעכאַפּט.

ער האָט זיך אַ ווײַלע געפּאָרעט אין קיך אַרום זיין מיטאָג און איז אַרויס פון הויז. שעכטער איז געגאַנגען צו דער אַרבעט. און די באַן, וואָס האָט אים געפירט, איז געווען זיין שטענדיקע באַן. און די מענטשן אַרום אים זיינען געווען די זעלביקע. און אויך דער שאַפּ איז געווען דער זעלביקער. קיין זאַך האָט זיך ניט געביטן. אַזוי ווי קיין זאַך וואָלט גאָר ניט געטראָפן אין די פאַרגאַנגענע דריי טעג. ניט פאַר דער וועלט און ניט פאַר אים אַליין. און דאָס איז געווען מאָדנע.

דאָס לעבן איז געגאַנגען ווי אַלע מאָל, ווי שטענדיק.
דאָס לעבן איז געגאַנגען ווייטער.

1929

די ביכער פון ל. כאַנוקאָוו

• • •

שווערע הימלען, נאָוועלן — — — — — — — 1923
אין פרומע שעה'ן, דערציילונגען — — — — — 1925
דער מענטש, דערציילונגען — — — — 1929
סובמאַרין Z — — — — — — — — — — — 1932